STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08235

LEYVIK HODES

Leivick Hodes

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייוויק האָדעס

ביאָגראַפיע און שריפטן

שער-בלאַט געצייכנט פון י. שלאָס

לייוויק האָדעס   ניו־יאָרק 1945.

לייוויק האַלפּערן

LEIVICK HODES

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.

Printed in U.S.A.

GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
166

אינהאַלט

אַריינפיר־וואָרט — — — — — — — — — — — — — — 7

ביאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — — — — 9

פון דער פעדער פון לייוויק האָדעס — — — — — — — — 39

סקיף — — — — — — — — — — — — — — — — — — 342

אָפּרופן נאָכן טויט — — — — — — — — — — — — — — 365

רשימה פון די אַרטיקלען — — — — — — — — — — — 395

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן אַדאַנק די באַמיאונגען פון
דער משפחה פון לייוויק האַלפּערן און זי טראָגט די אחריות
פאַרן אינהאַלט.

פאַרלאַג אונזער צייט

אַרײנפיר־וואָרט

דאָס בוך, וואָס איז געווידמעט דעם אָנדענק פון לייוויק האָדעס, דערשיינט אַ דאַנק דער איניציאַטיוו און די באַמיאונגען פון לייוויקס נאָענטסטע — זיין פרוי ראָזע און זיינע קינדער — יוכבד סוועדאַש און זשעניע פּליגעל. עס באַשטייט פון פיר טיילן: 1) ביאָגראַפיע, 2) אויסגעקליבענע אַרטיקלען, 3) „סקיף", 4) אָפּרופן נאָכן טויט פון לייוויק האָדעס.

עס האָט זיך לײדער אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך צו געבן דעם לייענער אַן אויספירלעכע ביאָגראַפיע פון אַ טוער, וואָס האָט אַקטיוו מיטגעלעבט מיט זיין עפּאָכע אַלע יאָרן פון זיין באַוואוסטזיניק לעבן: עס זיינען נאָך לייוויקס טויט נישט געבליבן קיין טאָגביכער און קיין פערזענלעכע קאָרעספּאָנדענץ. אינפאָרמאַציע וועגן זיינע יוגנט־יאָרן גיבן נאָר די פראַגמענטאַרישע נאָטיצן, וועלכע ער האָט באַוויזן צו דיקטירן זיין פרוי בשעת זיין שווערער קראַנקייט.

אַ באַזונדער אָרט אין לייוויקס טעטיקייט פאַרנעמט זיין אַרבעט אין דעם קינדער־פאַרבאַנד „סקיף"; אין דעם דריטן טייל פונם בוך דרוקן מיר זיין בראָשור וועגן „סקיף" און אַן אַרטיקל פון זיין תלמיד און מיטאַרבעטער דר. ע. פּאַט.

לייוויקס ליטעראַרישע אַרבעט איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע: ער האָט געשריבן וועגן פּאָליטיק, ליטעראַטור און דערציאונג, אָבער די מערהייט פון זיינע אַרטיקלען האָט געטראָגן אַ פּובליציסטישן כאַראַק־טער. ער פלעגט סיסטעמאַטיש זיך אָפּרופן אויף געשעענישן פון טאָג. אַזעלכע אוממיטלבאַרע זשורנאַליסטישע אָפּרופן פאַרלירן די אַקטועלקייט נאָך אַ געוויסער צייט, באַזונדערס אין די תקופות מיט אַ פאַרגיכערטן, שטורמישן טעמפּאָ פון געשעענישן. ביים אויסקלייבן מאַטעריאַל פון לייוויקס ליטעראַרישער ירושה פאַר דעם היינטצייטיקן לייענער איז מען דעריבער געווען געצוואונגען עלימינירן אַ סך אַר־טיקלען, אָנגעשריבן מיט דער האַנט פון אַ געניטן זשורנאַליסט. עס איז פאַרשטענדלעך, אַז מער אַקטועל האָבן זיך אַרויסגעוויזן לייוויקס

שפּעטערע אַרטיקלען, וועלכע האָבן באַהאַנדלט אַזעלכע טעמעס ווי היטלעריזם, דאָס לעבן אין די געטאָס, פּראָבלעמען פון ציוניזם.

ל. האָדעס האָט געאַרבעט אין פּוילן אין אַלע בונדישע אויסגאַבעס. אין אַמעריקע האָט ער געשריבן פאַר „אונזער צייט", „גערעכטיקייט", „קולטור און דערציאונג". איינע פון זיינע בעסטע אַרבעטן איז געווען אַ בראָשור „צי איז נויטיק אַ יידישע אַרמיי"; צוליב מאַנגל פון אָרט גיבן מיר דאָ בלויז פראַגמענטן פון דער דאָזיקער בראָשור.

אין דעם לעצטן טייל פונעם בוך וועט דער לייענער געפינען עטלעכע דערינערונגען, אָנגעשריבן דורך לייוויקס נאָענטע חברים און מיטאַרבעטער.

די אַרטיקלען, וואָס זיינען אָפּגעדרוקט אין דעם דאָזיקן בוך זיינען אַ טייל פון לייוויקס ליטעראַרישער ירושה, וואָס געפינט זיך אין בונדישן אַרכיוו א. נ. פון פראַנץ קורסקי. די מיטאַרבעטער פונם אַרכיוו הילל קעמפּינסקי און לאה שאַפּראַן האָבן מיט זייער כסדרדיקער הילף מעגלעך געמאַכט, אַז די מיטגלידער פון לייוויקס משפחה זאָלן קענען האָבן אַ צוטריט צו די אַרכיוו־מאַטעריאַלן און אויסקלייבן די אַרטיקלען פאַרן בוך.

ס. ד. ע.

ס. דובנאָוו-ערליך

דאָס לעבן פון לייוויק האַלפּערן

1. די קינדער־יאָרן

דעם 20טן נאָוועמבער 1892 איז אין דעם ווייס־רוסישן שטעטל לעפּלע, וויטעבסקער גובערניע, אין דער משפּחה פון דעם שול־לערער זלמן האַלפּערן געבוירן געוואָרן אַ זון לייוויק. זלמן האַלפּערן האָט געאַר־בעט ווי אַ לערער אין אַ רעפאָרמירטן חדר און ווי אַ פאַרוואַלטער פון דער ביבליאָטעק פון דער חברה מפיצי־השכלה. ער האָט געשטאַמט פון אַ חסידישער משפּחה, אָבער אַליין איז ער געווען אַ משכיל, אַ וועלט־לעכער מענטש, האָט געהאַט אַ גרויסן אינטערעס צו ליטעראַטור, און איז געווען ציוניסטיש געשטימט. פון זיין חסידישער אָפּשטאַמונג האָט ער געירשנט ליבע צו געזאַנג, צו פאַרברענגען צווישן מענטשן, און אויף לעפּלער שמחות פלעגט ער אָנפירן מיט געזאַנג און טענץ. די משפּחה איז געווען אַ גרויסע, און די זאָרג וועגן זיבן קינדער — חיים, שרה, בלומע, לייוויק, רחל, אסתר און מנשה — איז פאַר די עלטערן ניט גרינג געווען. טראָץ טאָג־טעגלעכע זאָרגן און מאַטעריעלע שווע־ריקייטן איז דאָך די אַטמאָספער אין שטוב געווען אַ הייטערע. די עלטערע קינדער אין דער האַלפּערן משפּחה האָבן געהאַט פאַרשידנאַר־טיקע פאַראינטערעסירונגען און די שטוב איז געווען אַ צענטער פאַר זייערע יוגנטלעכע פריינט.

לעפּלע איז געלעגן ביים ברעג פון אַ גרויסער אָזיערע, וואָס פלעגט טראָגן אויף איר אויבערפלאַך טראַנספּאָרטן פון געהילץ אין ווייטע רוסישע און דייטשע שטעט, מיט וועלכע זי איז געווען פאַרבונדן דורך קאַנאַלן און טייכן. אַמאָל אַ טונקל־בלויע, אַמאָל אַן אָנגעכמורעטע, אַרומגענומען אין אַ ראַם פון געדיכטע וועלדער, איז די לעפּלער אָזיערע אויף שטענדיק איינגעקריצט געוואָרן אין לייוויקס זכרון: ליבע צו נאַטור, וואָס איז דערוועקט געוואָרן ביי אַ קינד אויף די שטי־לע גרינע ברעגעס, איז געבליבן לעבן אין דער נשמה פון דעם דער־וואַקסענעם מענטש. אויף די דאָזיקע ברעגעס, פאַרוואַקסן מיט אַ ווילדן, דופטיקן, פּייכטן גראָז, האָט לייוויק פאַרבראַכט די גליקלעכסטע שעהען פון זיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן. דאָ פלעגן אין זומער

חדר־יינגלעך און תלמידים פון דער שטאָטישער שול פאַרברענגען גאַנצע טעג: מען האָט זיך געבאָדן, געשוואומען, געפאָרן אויף שיפֿלעך ביז שפּעט ביינאַכט. זייער באַליבט זיינען אויך געווען די אויספלוגן צו דעם גרינעם אינזל: איין מאָל בשעת אַזאַ אויספלוג, האָט אַ שטאַרקער שטורעם פאַרהאַלטן די יונגע חברה אויפן אינזל אַ גאַנצע נאַכט. אויך אין ווינטער פלעגן יינגלעך הנאה האָבן פון דער אַזיערע: אין די קלאָרע פראַסטיקע טעג איז זי געלעגן אַ ווייסע און אַ פאַרגליווערטע און די יונגע חברה פלעגט זיך מיט פריילעכע געשרייען אַוועקלאָזן שליטלען אָדער גליטשן אויף דעם שימערירנדיקן אייז.

אין ווינטער האָט אָבער לייוויק נישט געהאַט קיין סך פרייע צייט: ער האָט געדאַרפט זיך לערנען. גמרא האָט ער געלערנט ביי אַ גרויסן למדן ר׳ פּייוול, וואָס האָט געהאַט אַ שם ווי אַ ספּעציעלער לערער פון פעאיקע קינדער. דער רבי האָט געלייגט אויף לייוויקן גרויסע האָפענונגען צוליב זיין גוטן זכרון, און אין שטעטל פלעגט מען רעדן, אַז אין דער האָדעס משפּחה וואַקסט אַן עילוי. פּלוצלונג האָט אָבער דער בחור, צו ר׳ פּייוולס שטאַרקן פאַרדרוס, איבערגעריסן דאָס גמראַלערנען און איז אַריין אין דער רוסישער שטאָטישער שול. צו יענער צייט האָט שוין לייוויקס עלטערער ברודער חיים געענדיקט די שטאָטישע שול און איז אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע כדי אַריינצוטרעטן אין דעם יידישן לערער־אינסטיטוט.

לייוויקס לעבן אין דער שטאָטישער שול איז די ערשטע צייט נישט געווען קיין לייכטס: די געזונטע און שטאַרקע קריסטלעכע בחורים פלעגן חוזק מאַכן פון יידישע יינגלעך און זיי אָפט גוט אָנשלאָגן. לייוויק איז נישט געווען קיין גיבור, אָבער דאָס שווימען, גליטשן זיך און רודערן האָט אַנטוויקלט זיין מוסקולאַטור און געמאַכט אים פלינק. זיינע שול־קאָלעגן האָבן זיך אין גיכן איבערצייגט, אַז ער רעאַגירט גאָר שאַרף אויף זייער חוזק מאַכן און ענטפערט מיט אַ קלאַפּ אויף אַ קלאַפּ. זיי האָבן באַשלאָסן אַרויסצורופן לייוויקן אויף אַן עפנטלעכן פאַרמעסט: אויף אַ פלאַץ, וואו עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט די שולקינדער אַלס צושויער, זיינען געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם צווייטן אַ יידישער בחורל און אַ היוכער געזונטער שגץ. מיט דעם דאָזיקן פאַרמעסט האָט זיך געענדיקט דאָס חוזק מאַכן, און דאָס איז געווען לייוויקס לעצטער געשלעג אין דער שול. מיט אַ סך פון די קריסטלעכע שול־קאָלעגן איז ער שפּעטער באַפריינדעט געוואָרן און האָט נישט איינעם פון זיי אַרויסגעהאָלפן אין אַריטמעטיק און רוסישע שול־אַרבעטן. די שול־תורה פלעגט לייוויקן אָנקומען גאַנץ גרינג, דערפאַר איז ער נישט געווען אַזוי אַרבעטזאַם ווי זיינע שוועסטער און ברידער. ער דערציילט: בעת אַנדערע קינדער האָבן פיל געאַרבעט

און זיך אויסגעצייכנט מיט די בעסטע „אַטמעטקעס״. לויף איך כסדר אַרום און פֿאַרברענג גאָר אויפֿן גליטש, אויף שפּאַצירן איבער פעלדער און וועלדער. איך שלאָג זיך מיט די שטאַרקסטע „שקצים״, די געשלעגן ענדיקן זיך מיט נאָענטער פריינטשאַפט. די גרעסטע „שקאָצישע״ שלעגער ציען מיך אַריין אין זייערע שטיפערייען. אין שטוב זעט מען מיך קיינמאָל נישט צוגרייטן קיין לעקציעס. מען דערמאָנט מיר כסדר, אַז מיין עלטערער ברודער חיים, וועלכער איז זייער אַרבעטסזאַם, האָט פאַרענדיקט די רוסישע פֿאָלקס־שול מיט לויב־אַטעסטאַטן. מיין מאַמע ווערט איבעררעשט, ווען נאָכן ערשטן שול־יאָר ברענג איך אַ „פּאַכוואַלני ליסט״. די מאַמע שטעלט אָפּ אירע טענות. מיין טאַטע נעמט דאָס אויף ווי אַ „נאַטירלעכע זאַך״.

דער פּעאיקער בחור האָט אָן קיין שום מי זיך אָן עצה געגעבן מיט די לימודים, און עס איז אים געבליבן אַ סך צייט פאַרן לייענען. ער פלעגט ממש שלינגען איינס נאָכן צווייטן ביכער פון מפיצי־השכלה ביבליאָטעק — ווערק פון יידישע, רוסישע און אייראָפּעאישע קלאַסיקער. אַם ליבסטן זיינען אים געווען לידער, און ער האָט געקענט זיי ציטירן אויף אויסווייניק אָן אַ סוף. אין די דאָזיקע יאָרן הויבט ער זיך אָן אינטערעסירן אויך מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. לייוויקס עלטערע ברידער און שוועסטער האָבן געהערט צו פאַרשידענע סאָציאַליסטישע פאַרטייען: די שטוב איז געווען פול מיט יוגנטלעכע און מען פלעגט פירןליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס. אין לייוויקס זכרון איז פאַרבליבן אַ מאָמענט, ווען זיין שוועסטער שרה האָט בשעת אַ היציקער דעבאַטע געפּאַטשט אירן אָן אָפּאָנענט, אַ באַליבטן קוזין.

ווען לייוויק איז געווען אין דעם פאַרלעצטן קלאַס פון דער שטאָטישער שול, איז זיין פאָטער, צו וועלכן ער איז געווען שטאַרק צוגעבונדן, אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג. דאָרט האָט ער אָנגענומען אַ שטעלע אין אַ רייך הויז ווי אַ פּריוואַטער לערער צו צוויי יינגלעך. נאָר אויף יום־טובים פלעגט ער קומען אַהיים. דעם פאָטערס אַוועקפאָרן האָט געוואָרפן אַ גרויסן שאָטן אויף לייוויקס זאָרגלאָזע יוגנט־יאָרן. אין אַ נייער לעבנס־תקופה איז ער אַריין מיט אַ לאַסט פון צעשיידונג און בענקשאַפט.

2. אויפֿן שוועל

במשך פון דעם לעצטן שול־יאָר האָט לייוויק אָפּט זיך געשטעלט אַ פראַגע: וואָס ווייטער? אויף דעם ערשטן פּלאַן זיינען פאַר אים געשטאַנען צוויי זאַכן: שטודירן און ווערן אומאָפּהענגיק. זיין

פאָטער, וואָס האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף אים, האָט גע־טראַכט ווי אַזוי אים צו העלפן קריגן העכערע בילדונג. ווען זלמן האָדעס איז דעם לעצטן מאָל פאַר זיין פריצייטיקן טויט געקומען אַהיים אויף פסח, האָט ער באַשלאָסן זיך דורכצורעדן מיט זיין זון וועגן פלע־נער פאַר דער צוקונפט. ביים ערשטן סדר האָט לייוויק נאָכן „אַרויס־גנבענען" דעם אַפיקומן געוואָרט אויף אַ טראַדיציאָנעלער באַלוינונג. די באַלוינונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אומדערוואַרטעטע: דער טאַטע האָט דערקלערט, אַז ער האָט בדעה אין אַ יאָר אַרום, ווען לייוויק וועט ענדיקן די שול, אים נעמען צו זיך אין דער הויפּט־שטאָט, וואו ער זאָל קענען ווייטער שטודירן. ס׳איז אָבער דעם בחור נישט באַשערט גע־ווען צו זען דעם דאָזיקן פּלאַן פאַרווירקלעכט: מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער איז זיין פאָטער געשטאָרבן.

דאָס איז געווען אין האַרבסט. במשך פון אַ ריי וואָכן האָט די משפּחה נישט געהאַט קיין שום ידיעות פון דעם פאָטער. אין איין נאַכט האָט לייוויק געהאַט אַ מאָדנעם חלום: ס׳האָט זיך אים געחלומט, אַז ער שפּילט מיט עמעצן שאַך, די לאַגע אויף דער שאַך־ברעט איז זייער אַ קאָמפּליצירטע, און ער ווייסט, אַז אויב ער וועט פאַרשפּילן, וועט זיין פאָטער שטאַרבן. ער האָט זיך אויפגעוועקט אין מיטן דער נאַכט באַדעקט מיט אַ קאַלטן שוויס, און ווען ער האָט ווידער איינגע־דרימלט, האָט זיך איבערגעחזרט דער זעלביקער קאָשמאַר. אין דער פרי איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַפישע ידיעה, אַז זלמן האָדעס איז גע־פערלעך קראַנק, און אין עטלעכע שעה שפּעטער — אַ טעלעגראַם וועגן זיין טויט.

דעם טאַטנס טויט איז געווען דער ערשטער שווערער פאַרלוסט אין לייוויקס לעבן, און מיט דעם זיינען צעשטערט געוואָרן זיינע פּלע־נער אויף קריגן העכערע בילדונג אין פּעטערבורג.

לייוויק האָט געענדיקט די שול אין 1907. זיין ברודער חיים האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן ביים ענדיקן דעם לערער־אינסטיטוט. די על־טערע שוועסטער שרה האָט אויסגעהאַלטן עקזאַמענס ווי אַן עקסטערן און האָט געקראָגן אַ פּאָסטן פון אַ שול־לערערין אין אַ שטעטל לעבן לעפּלע. זי האָט פאַרבעטן צו זיך דעם ברודער, און לייוויק האָט ביי זיין שוועסטער פאַרבראַכט אַ יאָר צייט אין לייענען ביכער, אין וואַנדערן איבער פעלדער און וועלדער, אין איינזאַמע טראַכטענישן וועגן זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג.

לייוויקס פאַראינטערעסירונגען זיינען געווען פאַרשידנאַרטיקע: מען האָט געקענט געפינען אויף זיין טיש די ווערק פון טאָלסטאָי און גאָרקי, אַש און פּרץ, מאַרקסיסטישע בראָשורן און אַרטיקלען פון

רוסישע ראַדיקאַלע קריטיקער. בשעת דער תקופה פון פּאָליטישן באַרג־אַראָפּ, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם רעוואָלוציאָנערן יאָר 1905, איז דאָס לעבן אין קליינע שטעטלעך געווען גרוי און מאָנאָטאָן, אָבער די בעסטע צווישן די יונגע פאָלקס־אינטעליגענטן האָבן אַ סך געלייענט און שטודירט. ווען דער אַרום איז רואיק, פּילט מען אַמאָל נאָך שטאַרקער אָן אינעווייניקסטן אומרו: און לייוויקן האָבן געמאַטערט אַלגעמיינע און פּערזענלעכע פּראָבלעמען צוגלייך. ער איז געווען אָרעם, איז געווען אַ יתום: דאָס לעבן האָט פון אים געפאָדערט וואָס גיכער זיך צו שטעלן אויף אייגענע פיס. אַ טראַדיציאָנעלער באַרוף אין זיין משפּחה איז געווען לערעריי; לייוויק האָט באַטראַכט די דאָזיקע פּראָפעסיע נישט בלויז ווי אַ פּרנסה, נאָר ווי אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, ווי אַ מיסיע. אונטער דער השפּעה פון ביכער און פון פּאָליטישע דיסקוסיעס האָט זיך זיין וועלט־באַנעם אויסקריסטאַליזירט: ער האָט זיך געהאַלטן אויף צוויי זיילן — מאַרקסיזם און יידישיזם. קלאָר איז פאַר אים געוואָרן אויך זיין לעבנס־וועג — ער האָט באַשלאָסן זיך צו גרייטן צו ווערן אַ לערער און געטרוימט וועגן יידישוועלטלעכער פאָלקס־שול פאַר יידישע קינדער.

אין 1908 פאָרט דער לעפּלער בחור קיין ווילנע. ער פאַרדינט מיט פּריוואַטע לעקציעס און ווערט אַ תלמיד אין דעם לערער־אינסטיטוט. קיין ירושלים ד׳ליטע האָט ער געבראַכט אַ קליין פּעקל זאַכן און אַ גרויסן באַגאַזש פון יוגנטלעכע פּלענער און טרוימען. ער האָט געהאָפט צו געפינען אין דעם אינסטיטוט אַ רייכע אידעאישע אַטמאָספער, אָבער איז באַלד אַנטוישט געוואָרן. אין די פּראַגמענטאַרישע זכרונות, וועלכע ער פאַרנאָטירט אין דעם לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן, דערציילט ער וועגן זיינע דעמאָלטיקע איבערלעבונגען אין די פאָלגנדיקע שורות: „אַריינקומענדיק אין 1910 אין ווילנער לערער־אינסטיטוט, האָב איך געטראָפן אַ פּוסטקייט און אַ גייסטיקן מדבר. איך האָב מיט ברען זיך גענומען אָרגאַניזירן די בעסטע חברה, וואָס איז מיר געווען צום האַרצן, אַרום דעם געדאַנק פון אַ יידיש־וועלטלעכער שול, ווי אַ צענטראַלע אידייע, אַרום וועלכער כ׳האָב געגלויבט, אַז ס׳לוינט זיך צו זאַמלען אַלע ראַדיקאַלע פאָלקסטימלעכע עלעמענטן״.

„די קרייזן, וועלכע איך האָב אָרגאַניזירט און אָנגעפירט לכתחילה אַלס מאַרקסיסטיש־יידישיסטישע, שפּעטער אַלס בונדיסטישע, האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. אין 1912 אין דעם טאָג פון מיין 20טן געבורטסטאָג האָבן די מיטגלידער פון מיין קרייז געמאַכט אַ רוסישע ליאַמע און אין מיטן דערינען האָט שאול ידידאָוויטש — אויף אַ שטייגער וואָס איז ביז דעמאָלט גאָרנישט געווען אָנגענומען ביי אונז

אויפֿן קרייז, מיט אַ וואַרעמער שעמעוודיקייט מיר אונטערגעטראָגן אין נאָמען פֿון אַלע אָנוועזנדיקע אַלע ווערק פֿון שלום אַש, און מרדכי יאָפֿע האָט מיר אין אַ בגילופֿנדיקער רעדע געוואונטשן, אַז איך זאָל זיין דער דירעקטאָר פֿון דער ערשטער יידיש־וועלטלעכער פֿאָלקס־שול".

„אַלע מיטגלידער פֿון אָט דעם קרייז זיינען שפּעטער געוואָרן אַק־טיווע און איבערגעבענע בונדיסטן".

אין ווילנע האָט לייוויק געוואוינט ביי זיין שוועסטער בלומע, אַ וועש־נייטאָרין. אָפֿט פֿלעגט ער באַזוכן אויך זיין שוועסטער שרה, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ שול־לערערין נישט ווייט פֿון ווילנע.ביידע שוועסטער זיינען געווען שטאַרק צוגעבונדן צו לייוויקן און האָבן וועגן אים מוטערלעך געזאָרגט. בלומע האָט געוואוינט אין דער פֿאָרשטאָט זוויערינייעץביים ברעג פֿון דער ווילִיע און זומערצייט פֿלעגט לייוויק פֿאַרברענגען גאַנצע שעהען אויפֿן טייך אין אַ קליין שיפֿעלע. די וועלדער אין דער געגנט האָבן זיך געצויגן מיילנווייז: לייוויק און זיינע חברים פֿלעגן אָרגאַניזירן לאַנגע שפּאַצירן און אויספֿלוגן. לייוויק האָט ליב געהאַט פֿירן גרופּן יונגע וואַנדערער איבער אומבאַקאַנטע וועגן אין דער ווילדערניש, ער האָט קיין מאָל נישט געבלאָנדזשעט אַ דאַנק אַ מערקווירדיקער אָריענטאַציע פֿאַר ריכטונג. די דאָזיקע טע־טיקייט האָט אים אָפֿט געהאָלפֿן אין די שפּעטערע יאָרן אין פּוילן, ווען ער איז געוואָרן אַן אומדערמידלעכער באַרג־קלעטערער.

איינער פֿון די ווילנער אויספֿלוגן פֿאַרנעמט אַ ספּעציעלן אָרט אין לייוויקס לעבנס־געשיכטע: דעמאָלט האָט ער באַגעגנט זיין צוקונפֿ־טיקע פֿרוי ראָזע. דאָס איז געווען זומער 1913. אַ גרופּע אינסטיטוט־תּלמידים און יונגע מיידלעך האָבן באַשלאָסן צו גיין צו פֿוס צו דער טראָקער אָזיערע און באַזוכן די אינזלען, וואו עס זיינען געשטאַנען די רואינען פֿון אַלטע שלעסער. דער וועג פֿון ווילנע קיין טראָק פֿירט דורך דעם שטעטל לאַנדוואַראָווע: און דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין דער גאַסטפֿריינדלעכער שטוב פֿון יעקב גילעראָוויטש און האָבן מיטגענומען מיט זיך זיין יונגע טאָכטער ראָזע.

ראָזע גילעראָוויטש האָט געשטאַמט פֿון אַ פֿאַרמעגלעכער משפּחה. זי איז געבוירן געוואָרן אין 1897 אין אַ גוט פֿון איר זיידן לעבן סלאָנים. איר פֿאָטער איז געווען אַ סוחר. ער האָט ניט באַקומען קיין בילדונג אויסער חדר, אָבער ער האָט זיך אַליין געלערנט, אַ סך געליינט, האָט זיך אינטערעסירט מיט פּאָליטיק און סימפּאַטיזירט מיט דער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג: אין 1905 איז אין גילעראָוויטשעס שטוב אויס־באַהאַלטן געווען דאָס געווער פֿאַר דער בונדישער זעלבסטשוץ. זיי־נע קינדער האָט י. גילעראָוויטש געשיקט אין די מיטלשולן אין ווילנע

און שפּעטער האָט ער זיי געהאָלפן צו קריגן פּראָפעסיאָנעלע ביל־דונג.

לייוויק און ראָזע זיינען געווען יונג, זיי האָבןביידע ליב געהאַט נאַטור. אַ שטורעם מיט דונערן און בליצן, וואָס האָט די וואַנדערער געטראָפן אויפן אינזל אין מיטן אָזיערע, האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַן אויפברויז פון באַגייסטערונג, און ביי דעם אַקאָמפּאַנימענט פון אַ שלאַקס־רעגן האָט לייוויק דעקלאַמירט זיין באַליבטע לערמאָנטאָווס פּאָעמע „מצירי״, אין וועלכער דער העלד זאָגט אַז ער וויל ווערן אַ ברודער פון שטורעם.

ווינטער־חדשים זיינען געווידמעט געווען שטודירן און לייענען. אין דעם אינסטיטוט האָט לייוויק באַלד צוגעצויגן צו זיך די אויפמערק־זאַמקייט פון זיינע קאָלעגן און לערער. באַזונדערס האָט ער זיך אויס־געצייכנט אין די שול־אַרבעטן אויף ליטעראַרישע טעמעס: ער האָט פון זכרון געקאָנט ציטירן אַ סך אויסצוגן פון די ווערק פון רוסישע קלאַסיקער. ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן אינטערעס צו געשיכטע און געלייענט מער אויף דעם געביט, ווי די שול־פּראָגראַם האָט גע־פאָדערט.

אין 1912 איז לייוויק אַריין אין דער ווילנער בונדישער אָרגאַ־ניזאַציע און האָט אָנגעהויבן צו פירן פּראָפּאַגאַנדע־קרייזן צווישן דער יוגנט. אין גיכן ווערט ער אַקטיוו ביים אָרגאַניזירן אין דעם אינסטי־טוט אַ פּראָטעסט־שטרייק בעתן ביילים־פּראָצעס. די פאַרוואַלטונג האָט זיך באַמיט די אַקציע צו צעברעכן און האָט געוואָרנט, אַז דער אינסטיטוט קען פאַר דעם טייער באַצאָלן. מען האָט געדראָט לייוויקן אַז ער וועט אויסגעשלאָסן ווערן. די פּראָטעסט־אַקציע איז פונדעסט־וועגן דורכגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג.

אין 1914 האָט לייוויק געענדיקט דעם אינסטיטוט. מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג.

3. די שטורמישע תקופה

עס האָט זיך געעפנט אַ נייער קאַפּיטל אין לייוויקס לעבן. באַלד אין אָנהויב פון דער מאָביליזאַציע האָט מען אים גערופן אין מי־ליטער און אַוועקגעשיקט אין דער סיבירער שטאָט קאַנסק, וואו ער האָט געדאַרפט קריגן מיליטערישע אויסבילדונג. אַ דאַנק דעם, וואָס אין אַ קורצער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט גוט שיסן, ווי אויך די טויטיקע מיליטערישע כללים, האָט מען אים באַשטימט פאַר אַן אינ־סטרוקטאָר פאַר ניי־געקומענע רעקרוטן. מיט עטלעכע מאָנאַטן שפּע־

טער האָט די מיליטערישע מאַכט גענומען אויסקלייבן זעלנער, וואָס זיינען געווען מער געבילדעט און האָבן זיך אָריענטירט איז מעכאַניק; אַלס איינער פון זיי איז לייוויק געפאָרן קיין מאָסקווע, וואו מען האָט אים אין אָנהויב אַריינגענומען אין אַ מאָטאָציקלישער בריגאַדע, און שפּעטער איבערגעשיקט אין אַן אויטאָמאָביל־וואַרשטאַט. מיט דעם וואַרשטאַט איז לייוויק שפּעטער טראַנספּערירט געוואָרן קיין ווילנע. דאָרט האָט ער געקראָגן אַרבעט אין אַ קאַנצעלאַריע; ווען ס׳איז גע־קומען אַ באַפעל צו באַזייטיקן יידן פון קאַנצעלאַריעס, האָט זיין קאַ־פּיטאַן אים געהייסן זיך מעלדן קראַנק בעת אינספּעקציע, כדי ער זאָל קענען פאַרבלייבן ביי דער אַרבעט. לייוויק האָט געאַרבעט אין קאַנ־צעלאַריע פון דער אויטאָמאָביל־אָפּטיילונג ביזן סוף פון זיין מיליטער־דינסט.

אין 1915 איז די אָפּטיילונג, אין וועלכער לייוויק האָט געדינט, עוואַקויִרט געוואָרן קיין סמאָלענסק. דאָ האָט ער זיך דערנענטערט צו עטלעכע רעוואָלוציאָנער געשטימטע אָפּיצירן, און זיי האָבן צוזאַ־מען געשאַפן אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען פאַר לייוויקן גאָר אַ נייער מין טעטיקייט. ביז איצט האָט ער געפירט קרייזן פון יידישער אַרבעטער־יוגנט און האָט אויפגעקלערט פּרינציפּן פון מאַרק־סיזם, אָדער אַנאַליזירט די ווערק פון מאָדערנע יידישע שרייבער. איצט האָט ער אָנגעהויבן צו פירן דירעקטע רעוואָלוציאָנערע און אַנטי־מי־ליטאַריסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן זעלנער. לייוויקס אַקטיוויסטע מיט־אַרבעטער אין דער צווישנפּאַרטייאישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען צוויי אָפּיצירן — פּאַוולאָוו און ניקאָלאַיעוו (דער לעצטער איז געווען אַ ס.ר.). מיט זיי האָט לייוויק דורכגעמאַכט די שטורעמ־דיקסטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע.

די קאָלאָסאַלע לעבנס־פאַרניכטונג, די אומזיניקע מאַטערנישן פון מיליאָנען פאָלקס־מענטשן, וועלכע די מלחמה האָט מיט זיך געבראַכט, האָט אַרויסגערופן אין לייוויקן אַ געפיל פון פּראָטעסט. ווען פון ווייטן שווייץ זיינען געקומען ידיעות וועגן די סאָציאַליסטישע אַנטי־מלחמה קאָנפערענצן אין צימערוואַלד און קינטאַל, האָט ער געפונען אין זייערע באַשלוסן אַ פאָרמולירונג פון זיינע אייגענע געדאַנקען. די באַציאונג צו מלחמה האָט צעטיילט די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע באַ־וועגונג: איר לינקער פליגל האָט פאַרנומען אַן אויסגעשפּראָכענע אַנטי־מלחמה שטעלונג. דאָס האָט אין אַ גרויסער מאָס באַאיינפלוסט לייוויקס אידעאישע פּאָזיציע פון נאָענטקייט צו די לינקע עלעמענטן אין דער אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

סוף פעברואַר 1917 האָט די אָרגאַניזאַציע געקראָגן די ערשטע

לייוויק מיט פרוי ראָזע
און טאָכטער יוכבד, ווילנע 1922.

וואַרשע 1937.

מיט טאָכטער זשעניע, ניו־יאָרק 1944.

לייוויק און ראָזע האָדעס, ניו־יאָרק 1955.

ידיעות וועגן אומרועז אין פעטראָגראַד און מאָסקווע. לייוויק דער־ציילט וועגן די געשעענישן פון די דאָזיקע שטורמישע טעג: „ס׳קומען אָן אַלאַרמירנדיקע ידיעות, אַז דער הויפּט־שטאַב פון מערב־פראָנט האָט פאַרבאָטן דורכצולאָזן אַלע דעפּעשן וועגן דעם קאָמיטעט פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע. אונזער אָרגאַניזירטער קרייז אונטער דער אָנפירונג פון אונז ביידע (ניקאָלאַיעוו און מיר) פאַרכאַפּט דעם אויטאָמאָביל־אָפּטייל. מיטן געווער פון אונזער קאַראַאול־קאָמאַנדע פאַרכאַפּן מיר די קאַזאַרמעס פון אַן אַנדערער מיליטערישער קאַראַאול־קאָמאַנדע און מאַרשירן מיט אונזערע אויטאָמאָביליסטן צו די קאַזאַרמעס פון אַ גרויסער סאַפּיאָרן־אָפּטיילונג מיט אַ סך געווער און מיליטער. אין שטאָט צווישן די הויכע מיליטער־לייט פאַרשפּרייט זיך אַ קלאַנג, אַז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ בונט פון סאַפּיאָרן. עס קומען צו פאָרן אין זייער אויטאָ די העכסטע מיליטער־לייט און מיר אַרעסטירן די גע־נעראַלן פּיכאַטשעוו און מילער. ניקאָלאַיעוו, מיט וועמען איך האָב זיך פאַנאַנדערגעטיילט מיט פונקציעס, אַרעסטירט אין צווייטן טייל פון שטאָט גענעראַל דונטען. אַנדערע מענטשן פאַרנעמען די באַן־סטאַנ־ציעס און שטעלן אָפּ די קאָזאַקישע עשאַלאָנען וואָס גייען אויף פּעטערבורג. אַן אַנדער גרופּע פון אונזערע מענטשן באַפרייט די מילי־טערישע אַרעסטאַנטן, מיר מאַרשירן אין די טויזנטער צום שטאָט־ראָט, וואו מיר פירן אַדורך אַ רעזאָלוציע וואָס באַגריסט די קאָנסטיטוציאָ־נעלע מאָנאַרכיע. אַ פיל הונדערט־קעפּיקע מאַסע, גוט באַוואָפנט מיט טאַנקען און בראָניעוויקעס, נעמט איבער די שטאָט. די אַרעסטירטע גענעראַלן פאַרבלייבן אין אַרעסט אונטער דער אויפזיכט פון אונזערע מענטשן...

מיר שיקן באַלד אַרויס בראָניעוויקעס צו היטן אַז אין שטאָט זאָל זיין רואיק. קאָזאַקישע פירערס מעלדן זיך מיט אַ שבועה צו זיין טריי דעם פאָלק. ...אויף מאָרגן קומט אָן אַן אָפיציעלע ידיעה, אַז ניקאָלאַי דער צווייטער האָט אַבדיקירט. עס ווערט צוזאַמענגעשטעלט אַ „צייטווייליקע רעגירונג" אין סמאָלענסק, און מיר דערוויסן זיך אַז עס ווערן געוויילט פאַרטרעטער אין די סאָוויעטן פון אַרבעטער און סאָלדאַטן. אַ פאַרשיכורטער אויפברויז פון שפּאַנונג, ברען און פלאַם דויערט וואָכן און וואָכן און חדשים!..." מען פילט אין די דאָזיקע שורות דעם הייסן אָטעם פון די ערשטע פאַנטאַסטישע טעג פון דער רעוואָלוציע.

שפּעטער, ווען די רעוואָלוציאָנערע אָרדענונג הויבט זיך אָן צו סטאַביליזירן, ווערט לייוויק אַריינגעצויגן אין דער פּראַקטישער פאַר־טייאישער אַרבעט: ער ווערט אַ מיטגליד פון דעם ראַיאָן קאָמיטעט

פון „בונד" און אַ דעלעגאַט צום שטאָט־ראַט און צו דער ייִדישער קהילה. ער ווערט אויך טעטיק ווי אַ זשורנאַליסט: זיינע ערשטע אַרטיקלען זיינען געווען געדרוקט אין דעם „וועקער" — דעם מינסקער אָרגאַן פון „בונד".

אין אַפּריל 1917 ווערט צוזאַמענגערופן אין פּעטערבורג אַ קאָנ־פערענץ פון „בונד" — די ערשטע אין באַפרייטן רוסלאַנד. די ערש־טע זיצונג איז געווען אַ פייערלעכע. עס האָבן באַגריסט די קאָנפע־רענץ צווישן אַנדערע שאַטען און פּראַסאַר פון פראַנקרייך, און קרולי־קאָווסקי אין נאָמען פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. (די דאָזיקע רעדעס האָט איבערגעזעצט הענריק ערליך). אין די זעל־בע פראַגמענטאַרישע פאַרצייכענונגען, וואָס לייוויק האָט דיקטירט בשעת זיין לעצטער קראַנקייט, דערמאָנט ער עטלעכע מאָמענטן פון דער קאָנפערענץ: די אַרויסטרעטונג פון ראַפעסן, וועלכער איז דעמאָלט געווען אַן עקסטרעמער „אָבאָראָניעץ" (אַנטי־צימערוואַלדיסט) און די אָפּטימיסטישע אָפּשאַצונג פון דער פּאָליטישער לאַגע אין דער רעדע פון ירחמיאל ווייַנשטיין. ער דערציילט וועגן דער הייסער דיסקוסיע וואָס האָט אויפגעפלאַקערט אַרום דעם אופן פון רעאַליזירן די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע.

אַ טיפן איינדרוק האָט געמאַכט אויף לייוויקן ליבערס שלום־רעדע, וואָס האָט אַריינגעטראָגן אַ פּעסימיסטישע נאָטע אין דער אַטמאָספער פון דער קאָנפערענץ. די שלום־זיצונג האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט. אין פריען פאַרטאָג, ווען דורך די שטאָרן איז אַריינגעדרונגען ליכט פון דער באַגינענדיקער זון, האָט ליבער אָנגעהויבן זיין שלום־רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט לויט לייוויקס זכרונות אומגעפער אַזוי: „די זון פון באַגינען רייסט זיך דורך די פענצטער, און אַלע נעמען עס אויף ווי אַן אָנהויב פון אַ נייעם זון־אויפגאַנג. עס וואָלט אָבער געווען שעדלעך און פאַרפירעריש אָנצונעמען, אַז די פינצטערניש איז שוין טאַקע אַוועק. אונזער קאַמף מוז נאָך זיין אַ האַרטער און אַ שווערער. איך זע נאָך פאַר זיך טרויעריקע שאָטנס פון נייע פינצטערע נעכט, פון אַרעסטן און תפיסות, פון נייע פאַרפאָלגונגען און רדיפות".

ווען לייוויק איז צוריקגעקומען קיין סמאָלענסק, האָט ער מיט אומרו פעסטגעשטעלט אַז דאָרטן, אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט, ווערט דער קאַמף צווישן די פאַרשידענע ריכטונגען פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פאַרביסן. ער שרייבט אין זיינע נאָטיצן: „אויפן סמאָלענסקער באָדן צעפלאַקערט זיך אַ קריג צווישן רעכטע און לינקע מיליטערישע טיילן. אומגעפער צוויי וואָכן פאַרן אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג וואו עס איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּוו

אָפּצושטעלן דעם בלוטיקן קאַמף צווישן די צוויי פליגלען. די שטי־מונג איז אָבער געווען אַזאַ אויפגעברויזטע, אַז מען האָט קיינעם נישט געלאָזט קומען צום וואָרט אויסער מיר. אָבער מען נעמט אויף זייער קאַלט מיין אַפּעל, אַז מען זאָל וואַרטן ביז אַן אַלגעמיינער דעציזיע וועגן דער מאַכט־פראַגע. דעם 26־27 אָקטאָבער קומט פאָר דער קאָנגרעס פון די סאָוויעטן, וועלכער דאַרף באַשטימען וועגן דער מאַכט. איך בין אויסגעוויילט אַלס איינער פון די דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. צוליב דער אויפגעברויזטער שטימונג אין סמאָלענסק לייגט דער אָרטיקער קאָמיטעט פון „בונד" פאָר, אַז איך זאָל בלייבן אין שטאָט און נישט אָפּפאָרן אין אַזאַ צייט".

דעם 24טן אָקטאָבער איז צו דער שטאָט־דומע דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז דער סאָוויעט איז באַוואָפנט. די סמאָלענסקער דומע, וואו די מער־הייט איז געווען אַ מענשעוויסטישע, האָט אַרעסטירט אייניקע פירער פון סאָוויעט. דער „בונד" האָט געמאַכט באַמיאונגען, עס זאָל קומען צו אַ פאַרשטענדיקונג, אָבער אָן דערפאָלג. ווען די אונטערהאַנדלונגען זיינען אָפּגעבראָכן געוואָרן, האָט דער אַרבעטער־ראַט אָנגעהויבן באַ־שיסן די דומע. אונטערן קנאַל פון האַרמאַטן און קוילנוואַרפערס זיי־נען ביידע זייטן ענדלעך געקומען צו אַן אָפּמאַך. עס איז באַשלאָסן גע־וואָרן: ביז אין פּעטראָגראַד וועט דעצידירט ווערן די פראַגע וועגן דער מאַכט, זאָל אין סמאָלענסק און אומגעגנט די גאַנצע מאַכט האַלטן דער „אָרטיקער קאָמיטעט צו ראַטעווען די רעוואָלוציע". אין זיין באַ־שטאַנד זיינען אַריין פאַרשטייער פון 5 סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; דעם „בונד" האָט רעפּרעזענטירט לייוויק האַדעס.

ווען אין יאַנואַר 1918 איז קיין סמאָלענסק געקומען אַ ידיעה אַז די באָלשעוויקעס האָבן פאַנאַנדערגעטריבן די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג, איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ פּראָטעסט־מיטינג. לייוויק איז געווען אַ מיטגליד פון פּרעזידיום. אַ זעלנערישע מאַסע האָט אָנגעפילט דעם זאַל; די אַטמאָספער איז געווען אַזאַ צעגליטע, אַז ס'איז שיעור נישט געקומען צום לינטשן די מיטגלידער פון דעם פּרעזידיום.

פון אָנהויב 1918 איז לייוויק מער נישט געווען אַליין: קיין סמאָלענסק איז געקומען זיין פריינדין ראָזע גילעראָוויטש. ווען דאָס יונגע מיידל, וואָס האָט לאַנג גאָרנישט געהערט פון אים, האָט ענדלעך געקריגן אַן אָפּיציעלע מעלדונג, אַז ער איז אַ מיטגליד פון סמאָלענס־קער אַרבעטער־ראַט, האָט זי זיך געלאָזן אין וועג אַריין און האָט נאָך שווערע און לאַנגע וואַנדערונגען — אַמאָל צו פוס און אַמאָל אין אַ פורל — דערגרייכט סמאָלענסק. דאָרטן האָבן זיך לייוויק און ראָזע פאַררעגיסטרירט אין „זאַגס" ווי מאַן און ווייב. די באַדינגונגען אין די

ערשטע חדשים פון זייער צוזאַמענלעבן זיינען ווייט נישט געווען קיין אידילישע: די וואַקסנדיקע אומצופרידנקייט אין דער זעלנער־מאַסע, די כסדרדיקע אויפברויזן פון סטיכישן טעראָר האָבן געוועקט שטאַרקן אומרו. לייוויק באַשרייבט זיינע געפילן פון דעם פעריאָד: „איך בין מיד פון די בילדער פון צעיושעטע, צעברויזטע מאַסן, פון דעם טעראָר, פון אַ נייער כלומרשט רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט, פון פאַרבי־ליקטן מענטשלעכן לעבן, און מיך ציט צו אַרבעט אין שול, צו דער וואַרעמקייט פון קינדערישן גלויבן, צו טוקן זיך אין דער ליכטיקייט פון קינדערישע האָפענונגען...״

לייוויק בענקט נאָך דעם יידישן ישוב אין ווילנע און באַשליסט אַהין זיך צוריקצוקערן. עס איז נישט לייכט געווען דעם פּלאַן פון צו־ריקקער קיין ווילנע דורכצופירן אין דער צייט פון קריג. צום סוף אָבער זיינען לייוויק און ראָזע נאָך אַ לאַנגער רייזע אין אַ סאַניטאַר־וואַגאָן געקומען קיין ווילנע.

לייוויק האָט זיך געפילט פיזיש און פסיכיש מיד נאָכן פיבערדיקן לעבן פון די לעצטע יאָרן. ער שרייבט אין זיינע נאָטיצן: „ווען אין יאָר 1918 קומען מיר — איך מיט ראָזען — צוריק קיין ווילנע, ווילט זיך מיר ווידמען אַ געוויסע צייט דער עיקר קולטור און שול־אַרבעט... ראָזע און איך גרייטן זיך צו נעמען אַ נייע ראָל פון טאַטע־מאַמע, וואָס וועט אַריינברענגען שוין אַ רואיקע וואַרעמקייט אין לעבן״.

דאָס איז אָבער געווען אַ פאַרבייגייענדיקע שטימונג. עס איז פאַר לייוויקן געווען אוממעגלעך זיך אָפּצושליסן פון געשעענישן אין אַזאַ שטורמישער צייט. דאָס לעבן אין ווילנע איז אַנדערש געווען, ווי אין סמאָלענסק, אָבער ניט וויניקער אומרואיק. לייוויק הויבט אָן צו ווידמען זיין גאַנצע צייט, אַחוץ עטלעכע שעה לערנען אין אַ פּריוואַטער מיטלשול און אין אַן אַרבעטער פאָלקס־שול, — דער פּאַרטיי־אַרבעט. באַלד נאָכן קומען ווערט ער אַ מיטאַרבעטער פון דער בונדי־שער צייטונג „אונזער שטימע״, וועלכע עס האָט רעדאַגירט מאַקס ווייַנרייך. ווען אין ווילנע האָט זיך פאַרמירט אַן אַרבעטער־ראַט, איז לייוויק געוואָרן אַ מיטגליד אַלס פאַרשטייער פון עטלעכע פאָלקס־שולן און אַנדערע דערציאונג־אינסטיטוציעס. דער ראַט האָט עקזיסטירט אַ קורצע צייט, אָבער די מיטגלידס־קאַרטע פון דאָזיקן אַרבעטער־ראַט איז לייוויקן שטאַרק צו נוץ געקומען שפּעטער, בעת זיינע אומלעגאַלע ריי־זעס איבער דער רוסישער גרענעץ.

אפילו אַ קורצער אָפּרו איז לייוויקן אין ווילנע ניט באַשערט געווען. די שטאָט פלעגט במשך פון אַ ריי חדשים כסדר איבערגיין פון האַנט צו האַנט: דייטשישע זעלנער, אָפּטיילונגען פון דער רויטער אַרמיי,

ליטווינער און פוילישע לעגיאָנערן האָבן זיך געטוישט אויפן ווילנער באָדן, און ביי די דאָזיקע ענדערונגען האָבן די ווילנער יידן זיך גע־פילט מער באַדראָט ווי אַלע אַנדערע.

באַזונדער שווער האָט די יידישע באַפעלקערונג געליטן, ווען ס׳האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט די פּוילישע לעגיאָנערן (דאָס איז געשען צוויי מאָל — אין 1918 און 1919). אין 1918 האָט די ווילנער בונדישע אָר־גאַניזאַציע געשאַפן אַן אייגענע זעלבסט־שוץ, און לייוויקן איז צונויף געקומען זיין מיליטערישע אויסשולונג, ווען ער איז געוואָרן איינער פון די דריי אָנפירער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. (יואל נאָוויקאָוו, ליפשיץ און לייוויק האָדעס).

די יאָרן 1918 און 1919 — די תקופה פון גרויזאַמען בירגער־קריג און פון בלוטיקע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד — זיינען געוואָרן אַ פעריאָד פון אינעווייניקסטע אויפטרייסלונגען אין די יידישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען — אין דעם „בונד" און ביי די „פּאַראייניקטע". אין ביידע פּאַרטייען האָבן אויפגעפלאַקערט ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס אַרום דער אָפּשאַצונג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די אינערלעכע חלוקי־דעות האָבן צום סוף דערפירט צו פאַרמעלע שפּאַלטונגען.

לייוויק האָט איבערגעלעבט צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון זיינע פּאַרטיי־חברים אַ בהדרגהדיקע עוואָלוציע אויף לינקס; די דאָזיקע עוואָלוציע, וואָס איז געווען טיפּיש פאַר אַ סך סאָציאַליסטן, איז ביי יעדן פון זיי געווען פּערזענלעך באַפאַרבט. איינער פון אירע עיקרים ביי לייוויקן איז געווען זיין אויסגעהאַלטענע אַנטי־מלחמה־שטעלונג, וואָס האָט אים נאָך אין די פריערדיקע יאָרן דערנעענטערט צו די ראַ־דיקאַלסטע עלעמענטן אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אַ צווייטער שטאַרקער אימפּולס צו עוואָלוציע אויף לינקס איז געווען אַ האָפענונג, אַז די סאָוויעטישע מאַכט וועט דורכפירן איר צוזאָג צו אַנטוויקלען אין אַ ברייטסטן פאַרנעם אַלע צווייגן פון יידי־שער קולטור. „די נייע מאַכט" — שרייבט לייוויק — „האָט געמאָלדן אַז זי נעמט איבער דעם גאַנצן יידישן שול־וועזן... עס האָט זיך גע־וואָלט גלויבן אַז פאַר דער יידישער קולטור־שעפערישער טעטיקייט הויבט זיך אָן אַ צייט פון אַ נייעם אויפבלי... איין זאַך איז פאַר מיר קלאָר — מיר איז הייליק און טייער דער אידעאַל פון אַ נייער יידישער שול אין אַ באַנייטער און זיך אויפבויענדיקער וועלט".

ניט אָן וואַקלענישן האָט לייוויק באַשלאָסן אָנטייל צו נעמען אין דער אַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אונטער דער אָנפירונג פון קאָמיסאַריאַט פאַר יידישע ענינים. „איך האָב פון אָנהויב אָן" — באַמערקט ער — „ווייניק געגלויבט אין אַן אויפבלי מיט קאָמיסאַרישע

הענט". ער איז אָבער נישט אימשטאַנד געווען צו בלייבן אַן אַ זייט, ווען כמעט אַלע זיינע לאַנג־יאָריקע פריינט, מיטגלידער פון זיין ערשטן קרייז, האָבן פעסט געגלייבט, אַז ס'איז געקומען די צייט צו פאַרווירקלעכן זייערע יוגנט־חלומות וועגן בויען די יידישע וועלטלעכע קולטור.

נישט איין מאָל האָט לייוויק אויך דעמאָלט געהאַט שטימונגען פון מידקייט; ער האָט זיך געפילט אין אַזעלכע מאָמענטן מיד פון „שווי־מען אין די ברייטע ימען פון פּאָליטיק, פון פּרעזידענטעווען און אַגי־טירן" (זיינע ווערטער אין די נאָטיצן). פונדעסטוועגן אַוועקגיין פון פּאָליטישן לעבן האָט ער קיין מאָל נישט געפּרואווט.

אין 1919 ווערט לייוויק אַ מיטגליד פון צ.ק. פון „בונד" אין רוסלאַנד. אין דער צייט פון גרויזאַמען בירגער־קריג און פון די בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן, אָרגאַניזירטע דורך די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוחות, האָט דער צ.ק. גערופן די בונדיסטן זיך אַנצושליסן אין דער רויטער אַרמיי; לייוויק איז געווען מאָביליזירט און האָט געקריגן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציע, ווי אַ פאָרשטייער פון „בונד". שפּע־טער, אין 1920, פאָרט ער אין שליחות פון צ.ק. קיין כאַרקאָוו, ווערט סעקרעטאַר פון הויפּט־קאָמיטעט פון „בונד" אין אוקראַינע און צייט־ווייליקער רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט „שטימע פון בונד" (שפּעטער „נייע צייט"). דאָס איז געווען די צייט, ווען די „פאַראייניקטע" מיט זייערע אָנפירנדע טוער בראש זיינען אַריין אין „בונד".

די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט האָט געפאָדערט פון לייוויקן דאָס שטענדיקע וואַנדערן פון איין שטאָט אין אַן אַנדערער. אָפט פלעגט ער באַזוכן מינסק און מאָסקווע. אין לאַנד האָבן געבושעוועט געפערלעכע עפּידעמיעס; די ערגסטע פון זיי איז געווען די עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס. בעת איינער פון זיינע רייזעס איז לייוויק קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און ער איז געלעגן עטלעכע וואָכן אין אַ מאָסקווער שפּיטאָל צווישן לעבן און טויט. אַ חבר פון ווילנע, וואָס האָט אים באַזוכט אין שפּיטאָל, האָט אים געבראַכט אַ ידיעה, אַז ער איז געוואָרן אַ טאַטע. לייוויק האָט פעסט באַשלאָסן: אויב ס'וועט אים זיין באַשערט גע־זונט צו ווערן, וועט ער באַלד נאָכן שטעלן זיך אויף די פיס אַוועקפאָרן אַהיים.

אין ווילנע האָט אויף אים געוואַרט זיין משפחה, פּאַרטיי־טעטיקייט און שול־אַרבעט. די אַרבעט פון „בונד" איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, און לייוויק האָט געפונען אַ ברייטן פעלד פאַר זיין ענערגיע. במשך פון אַ קורצער צייט האָט ער אויך געאַרבעט אין ליטווישן „בונד" אין קאָוונע; זיין פריינט י. נאָוויקאָוו שרייבט אין זיינע קורצע דערינע־

רונגען, אַז „מיטן אַריינטרעטן פון לייוויקן אין דער אַקטיווער אַרבעט איז די טעטיקייט אויסגעברייטערט געוואָרן. מיר האָבן געשאַפן דעם אַרבעטער־הילף־קאָמיטעט, וועלכער האָט אָרגאַניזירט הילף פאַר די פּליטים, געשאַפן קיכן אין קאָוונע, שאַוול, ווילקאָמיר, פּאָניעוועזש און אַנדערע שטעט. לייוויק איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל. ער איז געווען פאַרטראָטן אין אַלע צווייגן פון דער בונדישער אַרבעט און האָט מיט איר אָנגעפירט".

לייוויק איז געוואָרן אין ווילנע אַ לערער פון יידיש און געשיכטע אין דער רעאַל־גימנאַזיע און מיט אַ יאָר שפּעטער אַ פאַרוואַלטער פון אַ פאָלקס־שול. עס איז נישט לייכט געווען צו פאַראייניקן די ביידע מינים פּעדאַגאָגישע און פאַרטייאישע אַרבעט. אָבער צו דעם איז לייוויק געווען געוואוינט במשך פון אַ סך יאָרן. זיין פריינט י. גראָסמאַן דער־ציילט וועגן דער דאָזיקער תקופה: „לייוויק האָט ניט גערוט, געווען פאַרנומען טאָג און נאַכט. אויסער זיין אַרבעט אַלס לערער און פאַר־וואַלטער, האָט ער געווידמעט אַ סך צייט דער אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע און דער אַרבעט אין די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען".

ווילנע האָט דעמאָלט שוין געהערט צו פּוילן; לייוויק האָט אָבער ניט איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיטן רוסישן „בונד". ירחמיאל וויינשטיין האָט אים כסדר אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע אין „בונד" און ספּעציעל וועגן די אונטערהאַנדלונגען צווישן צ.ק. פון „בונד" און דעם צ.ק. פון דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פאַרטיי. דער „בונד" אין רוסלאַנד האָט דערקלערט זיין גרייטקייט אַריינצוטרעטן אין וו.ק.פּ. מיטן באַדינג פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אויטאָנאָמיע. די אונטערהאַנדלונ־גען האָבן געדויערט אַ יאָר צייט. עטלעכע פירנדע באָלשעוויקעס זיינען גרייט געווען צו שטיצן די ווענדונג פון „בונד", לענין אָבער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג, וואָס איז געשטאַנען אין סתירה צו זיינע צענטראַליסטישע פּרינציפּן.

לייוויק האָט נאָכגעפאָלגט די אונטערהאַנדלונגען מיט אומרו. פאַר אים, אַזוי ווי פאַר יוסף לעשטשינסקין, וואָס איז אין עטלעכע יאָר אַרום געוואָרן זיין נאָענטער מיטקעמפער, איז די זעלבסטשטענדיקייט פון „בונד" געווען אַ גרונט־פּרינציפּ פון אידעאָלאָגיע. ס'איז אים שווער געווען שלום צו מאַכן מיטן פאַקט, אַז זיינע חברים אין רוסלאַנד האָבן באַשלאָסן צו קאַפּיטולירן. זיין אַלגעמיינע אָפּשאַצונג פון דער פּאָ־ליטישער לאַגע האָט זיך פונדעסטוועגן ניט געביטן. אין ווילנע האָבן דעמאָלט עקזיסטירט פּאַראַלעל צוויי בונדישע אָרגאַניזאַציעס — די רעכטע און די לינקע. די שפּאַלטונג איז פאָרגעקומען נאָך דעם, ווי ס'האָט זיך אויף דעם מינסקער צוזאַמענפאָר געשפּאָלטן דער רוסי־

שער „בונד״. בראש פון דער ווילנער לינקער אָרגאַניזאַציע זיינען געשטאַנען לייוויק האַלפּערן דעס אַדעס אין זיין פריינט מרדכי יאָפּע, בראש פון ס.ד. „בונד״ — א. ליטוואַק, פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל.ביידע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט, האָבן נישט געוואָלט אויפגעבן זייער „רוסישע אָריענטאַציע״ און זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטן אין פּוילישן „בונד״.

אין 1922, באַלד נאָך דעם דאַנציגער צוזאַמענפאָר, איז קיין ווילנע געקומען דער פאָרשטייער פון „בונד״ אין פוילן עמנואל נאָוואָגרודסקי מיטן ציל צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די ווילנער בונדיסטן. דער נייער צ.ק. אין פוילן וועלכער האָט געהאַט אַ לינקע מערהייט, איז באַזונדערס געווען פאַראינטערעסירט אַנצושליסן אין פּוילישן „בונד״ די אַקטיווע און רעוואָלוציאָנער געשטימטע ווילנער לינקע חברים.

פאַרנדיק קיין ווילנע האָט שוין דער שליח פון פוילן געוואוסט וועגן האַלפּערן־לייוויקס פּאָזיציע אין די וויכטיקסטע שטרייט־פראַגן. ער האָט געוואוסט, אַז ווען לייוויקס פריינט יואל נאָוויקאָוו האָט געדאַרפט פאָרן ווי אַ דעלעגאַט פון ליטע צו דעם מינסקער צוזאַמענפאָר פון „בונד״, האָט אים לייוויק געוואָרנט, אַז די ליקווידאַציע פון אָרגאַניזאַציאָנעלער זעלבסטשטענדיקייט פון „בונד״ וועט זיין אַ פאַטאַלער טעות און אַ קלאַפּ פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. און ווען נאָך דעם צוזאַמענפאָר איז געקומען קיין ווילנע דער רוסישער בונדיסט יאַנקל לעווין מיטן ציל צו ווערבירן אָנהענגער פאַר זייער שטעלונג, האָט זיין אַגיטאַציע צווישן די ווילנער לינקע בונדיסטן קיין דערפאָלג נישט געהאַט.

אין זיינע דערינערונגען וועגן ל. האַלפּערן שרייבט ע. נאָוואָגרודסקי, אַז ער האָט זיך פאָרגעשטעלט לייוויקן ווי אַ האַרטן און פאַנאַטישן דאָקטרינער, און איז געווען איבערראַשט, ווען ער האָט פאַר זיך דערזען אַ טיפּיש רוסיש־יידישן אינטעליגענט מיט פאַרטראַכטע אויגן און מילדע מאַניערן.

די משפחה האַלפּערן האָט דעמאָלט געוואוינט אין אַ באַשיידענער דירה אין דעם שול־בנין, וואָס האָט געהערט צו דער יידישער קהילה. אין 1921־1923 איז לייוויק געווען פאָרזיצער פון ווילנער יידישן לערער־פאַראיין און פון דעם „יידישן קולטור־אַמט״ פון די ווילנער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די דאָזיקע אַרבעט איז אים געווען צום האַרצן, אָבער פּאָליטישע טעטיקייט אין די שמאָלע ראַמען פון אַ פּראַקטיק אין דער לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע האָט אים נישט אין גאַנצן באַפרידיקט. פון פוילן פלעגן קומען ידיעות וועגן אַ ברויזנדיקן לעבן אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, און ס׳האָט לייוויקן שטאַרק געצויגן אַנטייל צו נעמען אין דער דאָזיקער אַרבעט. ס׳איז אים דעמאָלט

שוין קלאָר געווען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין ממשותדיקע אידעאישע חלוקי־דעות צווישן די ווילנער לינקע בונדיסטן און דער מערהייט פון פוילישן „בונד״. בשעת ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, האָט אַ צופאַל אים געגעבן אַ שטויס צו בייטן זיין וואוינאָרט. ווען אין 1923 האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטרייק פון די אייזנבאַן־אַרבעטער, האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ווילנע דעלעגירט לייוויקן אינם שטרייק־קאָמיטעט. נאָך דער ליקווידאַציע פון דעם שטרייק האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן אַ סעריע אַרעסטן. לייוויק האָט אויסגעמיטן אַרעסטירט צו ווערן בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיינע פריינט יאַנקל און מאַניע גראָסמאַן. די פּאָליציי האָט דורכגעפירט אין זיין שטוב אַ רעוויזיע און אויסגעפרעגט וועגן זיינע רייזעס קיין רוסלאַנד. לאַנג זיך באַהאַלטן אין ווילנע איז געווען אוממעגלעך, און לייוויק האָט באַשלאָסן אַריבערפאָרן מיט זיין משפחה קיין וואַרשע.

4. וואַרשע

אין לייוויקס לעבן איז די וואַרשעווער תקופה געווען די פּרוכטבאַרסטע און די רייכסטע אין אינהאַלט. ער איז דעמאָלט ניט געווען אַזוי פיבערדיק אַקטיוו ווי אַמאָל אונטערן דרוק פון היסטאָרישע שטורעמס, אָבער זיין אַרבעט אויפן באָדן פון אַ ברייטער מאַסן־באַוועגונג איז געווען אַ מער סיסטעמאַטישע און קאָנצענטרירטע ווי ווען נישט איז.

במשך פון אַ ריי יאָרן איז לייוויק געווען טעטיק גלייכצייטיק אויף צוויי געביטן — ווי אַ פּעדאַגאָג און ווי אַ פּאַרטייאישער זשורנאַליסט און אָרגאַניזאַטאָר. אין די ערשטע יאָרן אין וואַרשע האָט ער נאָך ווייטער געאַרבעט ווי אַ פּעדאַגאָג — אַ פאַרוואַלטער פון דער צישאָשול אויף נאָוואָליפּקי 68. ער איז דעמאָלט אויך געווען אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון דער צישאָ, פאָרזיצער פון לערער־פאַראיין און פון דער לאַנד־פאַרוואַלטונג פון יידישע לערער.

ווען מען האָט, אין 1926, אָנגעהויבן אין וואַרשע צו בויען דעם סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד „סקיף״, האָט ער זיין לאַנג־יאָריקע דערפאַרונג פון אַ דערציער געשטעלט צום דינסט פון „בונד״. האָדעס איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער סקיף־צענטראַלע (פאָרזיצער איז געווען יעקב פּאַט). ער איז געווען דער מחבר פון די וויכטיקסטע אַרטיקלען, וואָס האָבן פאָרמולירט די אויפגאַבעס פון אַ פּאַרטייאישער סאָציאַליסטישער יידישער קינדער־אָרגאַניזאַציע. ער האָט, אפשר מער ווי אַנדערע, געהאָלפן אויסאַרבעטן די פּעדאַגאָגישע

מעטאָדיק פון דער אַרבעט אויף דעם נייעם געביט, דער עיקר — דורך פאַרבינדן סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע מיט דער פּראַקטיק פון סקויטינג. ער האָט איבערגעזעצט פאַרן „סקיף" אַ ריי וויכטיקע מאַטע־ריאַלן פון דער מערב־אייראָפּעאישער סאָציאַליסטישער קינדער־באַ־וועגונג. צווישן אַנדערע האָט ער אויף אַ פּרעכטיקן, פּאָעטישן אופן פאַרייִדישט אַ ליד פון די „רויטע פאַלקן" פון ווין — „מיר זיינען יונג, די וועלט איז אָפן...", וואָס איז געוואָרן דער הימן פון סקיף, און איז געזונגען געוואָרן דורך די ייִדישע אַרבעטער־קינדער אין הונדערטער שטעט און שטעטלעך — ביז היטלער האָט פאַרשטומט די שטימען פון די ייִדישע קינדער פון פּוילן.

אָט ווי אַזוי לייוויק האָדעס פאָרמולירט די צילן פון דער סאָציאַליס־טישער דערציאונג: „צו פלאַנצן אין די יונגע נשמות דעם גייסט פון פּראָטעסט קעגן אומיושר פון איצטיקן וועלט־סדר, צו קולטיווירן די געפילן פון קאָלעקטיוויזם און סאָלידאַריטעט, פלאַנצן ליבע און פּיעטעט צו די העלדן און פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און שטרעבן אויסצושמידן ביי די קינדער אַלס זייער לעבנס־אידעאַל די אידעאַלן פון דער סאָציאַליסטישער צוקונפט". ער האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט שרייבן טעאָרעטישע אַרטיקלען. ער האָט אָנגעפירט מיט קרייזן און מיט קורסן, ער איז מיטגעגאַנגען מיט די קינדער אויף אויספלוגן און איז געווען מיט זיי אויף זייערע לאַגערן. זייער פיל פון די שפּעטער־דיקע יונגע העלדן פון וואַרשעווער געטאָ זיינען געווען יוגנטלעכע, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין „סקיף" — תלמידים פון לייוויק האָדעס. כאָטש אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג האָט דער דרוק פון זיינע אַנדערע פאַרשידנאַרטיקע טעטיקייטן שטאַרק באַגרענעצט זיין אָנטייל אין דער טאָג־טעגלעכער סקיף־אַרבעט, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרלאָרן זיין אינטערעס און ענטוזיאַזם פאַרן „סקיף".

אַ נייעם כאַראַקטער קריגט אין וואַרשע נישט בלויז די דערציערי־שע, נאָר אויך די פּאָליטישע טעטיקייט פון לייוויק האָדעס. די לעצטע יאָרן אין ווילנע איז ער אַקטיוו געווען אין אַ קליינער גרופּע פון לינק־געשטימטע בונדיסטן; אין וואַרשע ווערט ער אַן אָנטיילנעמער אין אַ ברייטער באַוועגונג און איינער פון די אָנפירער און וואָרט־זאָגער פון די אַזוי גערופענע „צווייער"־פראַקציע, וואָס האָט אַרומגענומען אום־געפער 40 פּראָצ. פון פּוילישן „בונד". אין 1925 טרעט לייוויק אַריין אַלס אַ פאָרשטייער פון דער דאָזיקער ריכטונג אין צ.ק. פון „בונד" אין פּוילן.

די גרונט־פּרינציפּן פון דער „צווייער"־אידעאָלאָגיע — רעוואָ־לוציאָנערער סאָציאַליזם און נעגאַציע סיי פון רעפאָרמיסטישע, סיי פון

דיקטאַטאָריש־טעראָריסטישע מעטאָדן אין סאָציאַליסטישן אויפבוי, — זיינען פון לאַנג געווען די באַזע פון לייוויקס פּאָליטישן וועלט־באַנעם. אין זיין נייער סביבה האָט ער געפונען אַ גאַנצע מאַסע אַקטיווע מיט־קעמפער און אַ קרייז פון אינטימע פריינט.

באַלד נאָכן קומען קיין וואַרשע איז לייוויק געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם טעגלעכן בונדישן אָרגאַן „פאָלקסצייטונג". זיינע טעמעס זיינען געווען פאַרשידנאַרטיקע: ער פלעגט אַרומרעדן סיי ספּעציפיש יידישע און קודם כל קולטור־דערציערישע פּראָבלעמען, סיי שטרייט־פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, און אויך פּאָליטישע געשעענישן אין פוילן. אין 1927 ווערט ער מיטרעדאַקטאָר פון דעם בונדישן טעאָרעטישן זשורנאַל „אונזער צייט", און אין 1928 נעמט ער איבער די רעדאַקציע פון דער „קליינער פאָלקסצייטונג", וועלכע ער האָט שפּעטער איבערגעגעבן דעם חבר קאַזדאָן.

אין 1927 האָט לייוויק פאַרלאָזט זיין פּאָסטן פון אַ לערער און האָט זיך געווידמעט אויסשליסלעך דער ליטעראַריש־פּובליציסטישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ער איז ווייטער אַקטיוו געווען אין צישאָ און האָט מיטגעאַרבעט אין די פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן „שול און לעבן" און „נייע שול". אַ סך צייט האָט ער אויך געווידמעט איבער־זעצונגען פון דייטש, רוסיש און פּויליש; די וויכטיקסטע פון זיי זיי־נען צוויי בענד ש. דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק", „באַמבי" פון פ. סאַלטען, „22טער אויגוסט" פון נאַטאַן אַש, קינדער־דערציילונגען פון דאָסטאָיעווסקי און קאָראָלענקאָ, געדרוקט אין יוגנט־זשורנאַל „חבר" (פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך"), און טואַווימס קינ־דער־געדיכטן פאַר דער „קליינער פאָלקסצייטונג". לייוויקס שפּראַך איז געווען קלאָר און זאַפטיק, באַרייכערט דורך זיין גוטער קענטעניש פון מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. זיינע אַרטיקלען פלעגט ער גאַנץ אָפט אונטערשרייבן מיט פאַרשידענע פּסעוודאָנימען — ה. לעזגין, ל. מירטין, לאַמעד, און אַנדערע.

לייוויק איז געווען געצוואונגען, אַזוי ווי די מערסטע יידישע גע־זעלשאַפטלעכע טוער צו פירן אַ שווערן געראַנגל פאַרן קיום. ביז זיין פרוי האָט געקראָגן אַ שטענדיקע אַרבעט אין דעם יידישן קינדער־שפּיטאָל, איז דער בודזשעט פון אַ משפּחה פון פיר (די האָדעסעס האָבן געהאַט צוויי טעכטער — יוכבד און זשעניע) געווען מער ווי אַ באַשיי־דענער. די מאַטעריעלע לאַגע איז באַזונדערס געווען קאָמפּליצירט צוליב לייוויקס שוואַכן געזונט. גראָד אין וואַרשע, וואו זיין לעבן איז געוואָרן מער סטאַביל, האָט ער דערפילט, אַז די פריערדיקע יאָרן פון וואַגלעניש האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין זיין אָרגאַניזם:

ס׳פלעגט אים אַפּט באַפאַלן אַ שטאַרקע מידקייט, ער פלעגט אָנ־הויבן צו הוסטן און קריגן טעמפּעראַטור. אין פרילינג 1927 האָבן דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, אַז זיינע לונגען זיינען אָנגעגריפן.

דעם דאָזיקן פרילינג האָט לייוויק לויט דער אָנווייזונג פון זיין דאָקטער אויפגעגעבן לערעריי און אַוועקגעפאָרן אין אַ סאַנאַטאָריום פאַר לונגען־קראַנקע אין די פּיענינען. ס׳האָט זיך גרינגער געאָטעמט אין דער שאַרפער, קרישטאָל־ריינער לופט; דאָס קינד פון ברייטע, פלאַכע ווייס־רוסישע פעלדער איז באַצויבערט געווען מיט דער מאַ־יעסטעטישער שיינקייט פון די בערג. ביי לייוויקן האָט זיך דעמאָלט אַנטוויקלט אַן אייגנאַרטיקע ליבע צו די בערג, און נאָך דעם ווי זיין געזונט האָט זיך פאַרבעסערט פלעגט ער זיך צו זיי אומקערן ווי אָפט ער פלעגט נאָר קענען. אין 1929 האָט ער פאַרבראַכט אַ גאַנצן זומער אין די טאַטרען־בערג און געמאַכט אַ ריי אויספלוגן. וועגן איינעם פון זיי דערציילט זיין פרוי: „סוף זומער זיינען מיר באַנאַנד געווען אויף אַ 10־טאָגיקן אויספלוג. די גאַנצע צען טעג זיינען מיר געגאַנגען איבער וואונדערשיינע וועגן און שטעגן, גענעכטיקט אין פּאַסטוכישע שאַלאַשן, זיך דערנערט מיט ברויט און מילך, וואָס מיר פלעגן קריגן ביי די פּאַסטוכער אין די בערג, און מיט יאַגדעס, וועלכע מיר האָבן אַליין געקליבן. מערקווירדיק, ווי אויף לייוויקן האָט געווירקט די אומ־געבונג. ער איז געווען זאָרגלאָז, פריידיק און מונטער״.

לייוויק האָט אָנגעהויבן צו פירן אין די בערג גרופּן יוגנטלעכע, און לאַנג נאָך דעם פלעגן די אָנטיילנעמער פון די אויספלוגן דערמאָנען, ווי מונטער און דערפינדעריש ער איז געווען בשעת די דאָזיקע וואַנ־דערונגען אין דער ווילדערניש. דאָס זיינען פאַר לייוויקן געווען קורצע פּעריאָדן פון אָפּרו; נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע פלעגט ער ווידער זיך אַריינוואַרפן אין אַרבעט, וואָס האָט געפאָדערט אַ גרויסע אָנשטרענגונג פון כוחות. באַזונדערס פיבערדיק פלעגט ווערן די אַרבעט ערב פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, ווען די פאָרשטייער פון ביידע ריכ־טונגען אין „בונד״ פלעגן נעמען אָנטייל אין דיסקוסיעס וועגן די גרונט־פראַגן פון פּאַרטיי־סטראַטעגיע. נאָך יעדער אַזאַ דיסקוסיע פלעגט לייוויק קומען אַהיים אַ טויט־מידער. אויך די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן פלעגן ברענגען מיט זיך אַ געוואַלטיקע נערוון־אָנשטרענגונג. באַזונ־דערס דראַמאַטיש איז געווען דער צוזאַמענפאָר אין לאָדזש אין יוני 1930, וואו ס׳איז אויפן סדר־היום געשטאַנען די פראַגע וועגן אָנשלוס פון „בונד״ אין דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. די לינקע פראַקציע האָט במשך פון אַ ריי יאָרן באַקעמפט די רעפאָרמיס־טישע פּאָליטיק פון די איינפלוסרייכע פּאַרטייען אין דעם סאָצ. אינ־

טערנאַציאָנאַל און האָט דעם אָנשלוס פון „בונד" צו אים באַטראַכט פאַר אַ אידעאישער קאַפּיטולאַציע. די חלוקי־דעות אויפן צוזאַמענפאָר האָבן שיער נישט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג, און לייוויק איז צוריק געקומען אין אַ צושטאַנד פון דעפּרעסיע. די „צווייער" האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן בדעה ווייטער צו פירן אַ קאַמף פאַר זייערע פּרינציפּן אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי — „אין וואָרט און שריפט". דער ערשטער טריט אין דער דאָזיקער ריכטונג איז געווען דאָס שאַפן פון אַן אייגענעם אָרגאַן.

דער זשורנאַל איז דערשינען אין אויגוסט 1930 אונטער דעם נאָמען „קעגן שטראָם". לייוויק איז אַריין אין דער רעדאַקציע און איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם דאָזיקן אָרגאַן. אין זיינע אַרטיקלען פלעגט ער לאָגיש און קאָנסעקווענט באַגרינדן די אידייען פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און שאַרף קריטיקירן דעם אָפּאָרטוניזם פון די פירנדע פּאַרטייען אין דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און דעם פאַנאַטישן דאָגמאַטיזם פון קאָמוניסטן. דעם זשורנאַל איז נישט באַשערט געווען קיין לאַנגע עקזיסטענץ: כסדרדיקע פאַרפאָלגונגען מצד דער צענזור און מאַטעריעלע שוועריקייטן האָבן געצוואונגען זיינע איניציאַטאָרן אים אָפּצושטעלן.

אין 1935, נאָך כמורנערס טויט, טרעט לייוויק אַריין אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקסצייטונג", אַלס אַ פאַרטרעטער פון זיין ריכטונג. די מערהייטס־פראַקציע — אַ. ג. „איינסער" — האָט געהאַט אין דער רעדאַקציע צוויי פאָרשטייער — ה. ערליך און ב. שעפנער. יעדן טאָג פלעגן זיך די דריי רעדאַקציע־מיטגלידער זאַמלען אַרום דעם גרויסן טיש אין דעם שמאָלן, האַלב־טונקעלן רעדאַקציע־צימער אויף נאָוואָליפּיע 7 און פלעגן אַרומרעדן דעם אינהאַלט פון דעם מאָרגנדיקן נומער פון דער צייטונג. גאַנץ אָפט פלעגן בשעתן באַטראַכטן די טעמעס אויפפלאַקערן דיסקוסיעס. ב. שעפנער, דער איינציקער לעבנגעבליבענער מיטגליד פון דער רעדאַקציע, באַשרייבט זיין מיטאַרבעט מיט לייוויקן אויף אַזאַ אופן: „האָדעס האָט מיט אַנטשלאָסנקייט פאַרטיידיקט אין דער רעדאַקציע דעם שטאַנדפּונקט פון דער לינקער מינדערהייט... אָבער ווי שאַרף עס זאָל ניט אַמאָל האָבן געווען דער טאָן פון לייוויק האָדעס בעת די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין דער רעדאַקציע, האָט זיך שטענדיק אין אים געפילט אַ טיפע נאָטע פון אַן אידעאישן און פערזענלעכן חבר, וועלכער פאַרגעסט נישט אויף קיין איין מאָמענט, ווי גרויס עס איז דאָס געמיינזאַמע, וואָס פאַראייניקט אים מיט זיינע דיסקוטאַנטן, אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס טיילט אים אָפּ פון זיי. אויך אין דעם פאַל האָט האָדעסן דעם פּאָליטישן פּי־

רער אַרויסגעהאָלפן האָדעס דער לערער". („פאָרווערטס", אַפּריל 16, 1957).

נישט געקוקט אויף זיין אינטענסיווער פּאָליטיש־זשורנאַליסטישער טעטיקייט, האָט לייוויק אָנגעהאַלטן זיין אינטערעס אויפן ליטעראַרישן און קולטורעלן געביט. אין די יאָרן 1938־1939 האָט ער אָנטייל גענומען אין דעם ליטעראַרישן זשורנאַל „פּאַרויס", אין וועלכן עס האָבן צווישן אַנדערע געאַרבעט ש. מענדעלסאָן, א. מאַנגער, ח. קאַזדאַן.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה איז די לופט אין פּוילן פאַרסמט געווען מיט שנאה און ברוטאַלקייט. בייזע ווינטן האָבן געבלאָזן פון שכנותדיקן דייטשלאַנד, וואו ס'פלעגט פון טאָג צו טאָג גרויזאַמער ווערן דער אָנגריף פון די דעסטרוקטיווע כוחות פון נאַציזם. אין די בונדישע קרייזן האָט מען זיך פיבערדיק געגרייט צו קומענדיקע שלאַכטן. קיינער האָט זיך אָבער נישט פאָרגעשטעלט דעם אַפּאָקאַליפּטישן באַנעם פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געדראָט דער גאַנצער וועלט.

5. אויף דער נייער ערד

ווען מען האָט דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 דערזען הויך אין דעם בלויען וואָלקנלאָזן הימל איבער וואַרשע די ערשטע שטאָלענע פייגל מיט סוואַסטיקעס, האָט מען נאָך נישט דערהערט אין דעם זשומען פון די פּראָפּעלערס דעם אָנזאָג פון וועלט־קאַטאַקליזם. אָבער מען האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה פון גאָר אַ נייעם מין. די מיליטער־מאַכט, וואָס האָט פאַרויסגעזען די קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע, האָט דערקלערט, אַז אַלע מענער דאַרפן פאַרלאָזן די שטאָט. און ס'איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז די גרעסטע סכנה דראָט איצט יידישע סאָציאַליסטן, ווייל זיי וועלן זיין די ערשטע קרבנות פון דער געסטאַפּאָ.

דער מאַסן־עקזאָדוס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 6טן סעפּטעמבער. לייוויק איז אַרויסגעפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל צוזאַמען מיט עטלעכע מיטגלידער פון צ.ק. פון „בונד". זייער מאַרשרוט איז געווען אומבאַשטימט: מען איז געפאָרן אויף מיזרח, נאָכפאָלגנדיק דער אָפּטרעטנדיקער פּוילישע אַרמיי; געפאָרן דורך באָמבאַרדירטע וועגן און בריקן, דורך דערשראָקענע קליינע שטעטלעך, דורך שרפות און רואינען, דורך פאַרניכטונג און טויט. ווען די וואַנדערער האָבן צום סוף דערגרייכט פּינסק, איז די שטאָט געווען אָקופּירט דורך דער רויטער אַרמיי. באַלד נאָך דעם ווי די באַנען האָבן אָנגעהויבן קורסירן, איז אַ גרופּע פּוילישע בונדיסטן אַרויסגעפאָרן קיין ווילנע; צווישן זיי איז געווען לייוויק.

די אַלטע ווילנע, מיט אירע קרומע געסלעך, וועלכע זיינען לייוויקן גוט באַקאַנט געווען, האָט זיך פאַרענדערט אין דעםווירבל פון געשעע־נישן. אָבער דאָס יידישע קולטור־לעבן איז נאָך אַלץ געווען לעבעדיק און דינאַמיש, און אין זיינע ראַמען האָט זיך געפונען גענוג אָרט פאַר די פּליטים. די נײַ־געקומענע האָבן זיך נישט געפילט פרעמד אין ווילנע, אָבער זייערע געדאַנקען און געפילן זיינען צוגעשמידט געווען צו זייערע היימען, אַריינגעפאַלענע אין שונאס הענט. אויך לייוויק האָט איבערגעלאָזן אין וואַרשע זיין גאַנצע משפחה. גרויס איז געווען זיין פרייד, ווען זיין יינגערע טאָכטער זשעניע האָט באַוויזן אומלעגאַל זיך דורכצוגנבענען דורך דער גרענעץ און קומען קיין ווילנע; אָבער אין וואַרשע איז נאָך געבליבן זיין פרוי און עלטערע טאָכטער יוכבד. זיי האָבן ביידע געאַרבעט אין דעם יידישן קינדער־שפּיטאָל הינטער די געטאָ־מויערן, און די ידיעות וועגן דעם לעבן אין געטאָ פלעגן ווערן גרויזאַמער פון טאָג צו טאָג.

לייוויק האָט געפונען אַ וואַרעמע שטוב אין קאָוונע, וואו ס׳האָט געוואוינט זיין פרויס שוועסטער מאַשע קאַץ מיט איר משפחה. זיי האָבן אים האַרציק אויפגענומען. אָבער אפילו אַ קורצער אָפּרו איז אים נישט באַשערט געווען. די קליינע ליטע האָט איבערגעלעבט אין קריזיס נאָך דעם צווייטן, און אין זומער 1940 איז זי געוואָרן אַ סאָוויעטישע רעפּובליק. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן צווישן די טוער פון פאַרשידענע פּאָליטישע פּאַרטייען. עס זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן טעלעכע בונדיסטן — אָרטיקע און געקומענע. לייוויק איז געווען באַקאַנט ווי איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „פּאָלקסצייטונג“, און ס׳האָט אים געדראָט אַרעסטירט צו ווערן. ער האָט באַשלאָסן צו ווערן האַלב־לעגאַל און האָט זיך באַזעצט אין אַ שטילן ווינקל, אין אַ קליינער הייזקע אין וואַלד הינטער קאָוונע. אין דער דאָזיקער באַהעלטעניש האָט ער פאַרבראַכט צוזאַמען מיט זיין רעדאַקציע־קאָלעגע ב. שעפנער און מיט אַ ווילנער חבר יאַשקע אַפּמאַן טעלעכע מאָנאַטן. דאָס לעבן איז געווען אַסקעטיש ביז גאָר: דאָס וואַסער אין אַ טעפּל פלעגט במשך פון אַ נאַכט זיך פאַרוואַנדלען אין אייז. לייוויק אָבער האָט זיך געהאַלטן מוטיק און איז געווען אָפּטימיסטיש געשטימט. פון זיין באַהעלטעניש האָט ער ווי אַנדערע בונדיסטן געמאַכט באַמיאונגען זיך אַרויסצוקריגן קיין אַמעריקע. אין אָנהויב 1941 איז אים געלונגען צו פאַרלאָזן ליטע צוזאַמען מיט אַ גרופּע בונדיסטן, און הונדערטער אַנדערע פּליטים.

דער וועג פון קאָוונע האָט געפירט דורך מאָסקווע, סיביר און יאַפּאַן. די רייזע־בילדער האָבן זיך געביטן ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ: אומענדלעכע סיבירער פלאַכן, באַדעקטע מיט שניי; בונטע יאַפּאַן אין

פאַנטאַסטישע פלעקן פון קאָלירן, ווי אַן אימפּרעסיאָניסטישע קאָמ־פּאָזיציע; גרינגע כוואַליעס פון פּאַציפיק; און צום סוף — ניו־יאָרק מיט זיינע ריזיקע געביידעס און פיל־שפּראַכיקן עולם — אַ גיגאַנטישע דינאַמאָ.

אַ גרויסע קאָלאָניע פון פּוילישע בונדיסטן — און לייוויק מיט זיין טאָכטער צווישן זיי — האָבן זיך באַזעצט אין בראָנקס. כמעט אַ גאַנצן טאָג פלעגט לייוויק פאַרברענגען ווייט פון זיין שטוב — אין דער „פאָרווערטס"־געביידע, אין דעם בונדישן אָפיס, וואו ס'האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון בונדישן מאָנאַטשריפט „אונזער צייט", אַרויסגעגעבן דורך דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון פּוילישן „בונד". לייוויק איז באַלד נאָך זיין קומען קיין ניו־יאָרק געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע און אַקטיווער מיטאַרבעטער פון דעם נייעם פּאַרטיי־אָרגאַן.

אין די ערשטע יאָרן פון לייוויקס פּובליציסטישער טעטיקייט אין אַמעריקע איז זיין הויפּט־טעמע געווען — יידן אין פּוילן. ער האָט זיך באַמיט דורכצוברעכן די גלייכגילטיקייט און אומגלויבן פון דעם רואיקן און זאַטן אַמעריקאַנער עולם און זיי געבן צו פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך הינטער די געטאָ־מויערן. די ידיעות, וואָס פלעגן קומען כסדר צו דער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" דורך די קאַנאַלן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, פלעגן פאַלן אויף די קעפּ ווי האַמער־קלעפּ, אָבער בלויז געציילטע מענטשן מחוץ דער פּליטים־סביבה האָבן זיי אויפגענומען אין זייער גאַנצן באַנעם.

אין שכנות מיט לייוויקן האָט אין דעם בונדישן לאָקאַל געאַרבעט אַ צווייטער פּליט — דער פון פראַנקרייך אָנגעקומענער פראַנץ קורסקי. זייער צוזאַמענאַרבעט איז געווען האַרמאָניש און איז געוואָרן אַ באַזע פון אינטימער פריינטשאַפט.

לייוויק האָט געהאַט אַ סך אַרבעט אויך אויסער „אונזער צייט"; ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון „גערעכטיקייט", דעם אָרגאַן פון „אינטערנעשאָנאַל" (דאַמען שניידער־פאַראיין); צוזאַמען מיט פראַנץ קורסקי האָט ער רעדאַגירט דאָס „מעדעם־בוך" און דזשאַן מיללס „פּיאָנערן און בויער"; ער האָט מיטרעדאַגירט „געטאָ אין פלאַמען" און אַנדערע אויסגאַבן פון דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" און פון פאַרלאַג „אונזער צייט". פון 1942 איז ער געווען אויך אַ מיט־רעדאַקטאָר פון „פאַקטן און מיינונגען" — אַן אויסגאַבע פון דעם יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט.

די פּליטים האָבן איבערגעלעבט פון דער ווייטנס אַלע סטאַדיעס פון פאַרניכטונג, דעם געטאָ־אויפשטאַנד, דעם סוף פון דעם קריג. ליי־



מיט טאָכטער יוכבד און איידעם לודוויק סוועדאש,
שוועדן 1947.

מיט פרוי, טעכטער און אייניקל, ניו־יאָרק 1950.



מיט פרוי ראָזע און אייניקל עלע, פאַר ראַקאָווי 1954.

פון רעכטס: פרץ גוטערמאַן, שרה שוועבער, לייוויק האָדעס, סאָפיע דובנאָוו־ערליך, לעאָן אָלער, ניו־יאָרק 1955.



פאַר ראַקאָווי 1955.

וויקס נאָענטע משפּחה האָט זיך געראַטעוועט, אָבער זיין וואַרשע איז געלעגן אין רואינען, און די אַטמאָספער אַרום אים איז געווען אָנגע־זאַפּט מיט טרויער. ער האָט ווייטער געאַרבעט, געשריבן וועגן דעם חורבן, וועגן יידישער קולטור, וועגן ציוניזם און וועגן די פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די דאָזיקע פּראָבלעמען פלעגן אַמאָל אַרויסרופן ליידנשאַפטלעכע וויכוחים אין דער פּאַרטיי; די חלוקי־דעות זיינען איצט געווען ווייניקער שאַרף, פונ־דעסטוועגן איז לייוויק געבליבן טריי די גרונט־קאָנצעפּציעס פון אַמאָ־ליקער „צווייער־ריכטונג". אין זיין לאַנגן אַרטיקל „סאָציאַליזם אויפן שיידוועג" („אונזער צייט", 1948, 8־7 *), אונטערגעשריבן מיטן אַלטן פּסעוודאָנים ה. לעזגין, געפינט דער לייענער אַן אַנאַליז פון אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס שיידן זיך אונטער אין אַ סך פּרטים פון די אידע־אישע פּאָזיציעס פון דער מערהייט פון „בונד". די רעדאַקציע האָט באַטראַכט לייוויקס עסיי ווי אַ דיסקוסיע־אַרטיקל און האָט אָפּגעדרוקט אַן ענטפער אין דעם זעלביקן נומער פון דעם זשורנאַל.

מיטן לויף פון צייט האָט דער אומדערמידלעכער פּובליציסט אָנ־געהויבן צו פילן, אַז ס'פאַרלאָזן אים די כוחות, און אַז זיין האַרץ ווערט אַלץ מער אָפּגעשוואַכט. ער האָט זיך עקשנותדיק באַמיט צו באַקעמפן די שוואַכקייט און ווייטער צו טאָן די טאָג־טעגלעכע אַרבעט; און אין זומער אין די גרינע קעטסקיל־בערג פלעגט ער לויט דעם אַלטן נוסח וואַנדערן איבער די פאַרוואַקסענע סטעזשקעס, אָבער מיט יעדן יאָר פלעגט דאָס ווערן אַלץ שווערער. ווען אין 1946 איז געקומען פון שוועדן זיין פרוי, האָט ער שוין געהאַט אָפּטע אָנפאַלן פון שוואַכקייט. פונ־דעסטוועגן מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער באַשלאָסן צו פאָרן קיין בריסל כדי אָנטייל צו נעמען אין דער ערשטער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד". אויף דער קאָנפערענץ איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין דער נייער פירנדער פּאַרטייאישער אינסטיטוציע — דעם וועלט קאָאָרדינירן־קאָמי־טעט פון „בונד"; אָבער זיך באַטייליקן אין דעם צוזאַמענקום איז ער נישט אימשטאַנד געווען צוליב אַ שווערער גריפּע, וועלכע האָט נאָך מער אָפּגעשוואַכט זיין אָרגאַניזם.

אין האַרבסט 1948 איז לייוויק שווער קראַנק געוואָרן און פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די ביטערסטע תקופה אין זיין לעבן. דאָס ערגסטע איז געווען די קללה פון אומטעטיקייט, אַ באַוואוסטזיין פון וואַקסנדיקער אוממאַכט. לייוויק האָט נאָך געהאַט אַ גאַנצע רייע פּלענער, ער האָט געשלונגען ידיעות פון דער ברייטער וועלט און האָט

---

*) דער אַרטיקל איז געדרוקט אין דעם דאָזיקן בוך.

געפילט אַ באַדערפעניש אויף זיי צו רעאַגירן, זיין מוח האָט גע־אַרבעט, ס׳האָט זיך אים געוואָלט שרייבן זכרונות, דערציילן וועגן גע־שעענישן און וועגן מענטשן. עטלעכע פראַגמענטאַרישע נאָטיצן האָט ער באַוויזן צו דיקטירן זיין פרוי, וועלכע האָט אומדערמידלעך און מיט אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט וועגן אים געזאָרגט; אָבער אויך דאָס דיקטירן האָט אים שטאַרק געמאַטערט. דאָס לייענען האָט געפאָדערט אַ גרויסע אָנשטרענגונג פון כוחות און אין די לעצטע יאָרן איז ראַדיאָ געוואָרן פאַר אים דער וויכטיקסטער מקור פון אינפאָר־מאַציעס.

איינזאַם איז לייוויק בעת זיין דויערנדיקער קראַנקייט נישט גע־ווען. די משפחה האָט אים אַרומגערינגלט מיט זאָרג, זיין פרוי האָט איבער אים געוואַכט טאָג און נאַכט, פריינט און חברים פלעגן אים אָפט באַזוכן; מען האָט געשמועסט וועגן פּאָליטישע און ליטעראַרישע נייעס אָדער געשפּילט שאַך. דער קראַנקער פראַנץ קורסקי פלעגט אָפט אַרויפקלעטערן די דריי שטאָק שטיגן און אָפּזיצן ביי די האָדעסעס גאַנצע אָוונטן. אַ גרויסע הנאה האָט לייוויק געהאַט פון שמועסן מיט זיין אייניקל עלינקע און פון דערציילן אים פאַרשידענע מעשיות און לעגענדעס. פונדעסטוועגן פלעגן די דאָזיקע גוטע מאָמענטן ווערן מיטן לויף פון דער צייט אַלץ זעלטענער; האַרץ־אָנפאַלן פלעגן נישט איין מאָל צווינגען לייוויקן בלייבן אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל.

אין די פענצטער פון האָדעסעס לעצטער דירה האָט אַריינגעקוקט אַ ברייטער שטיק הימל איבער די וואַסער־רעזערוואָאַרן, און ביי־נאַכט — אַ לאַנגע קייט שימערירנדיקע ווייטע פייערלעך. אין די לעצ־טע חדשים פון זיין לעבן פלעגט לייוויק קוקן אויף זיי שווייגנדיק שעהען־לאַנג — אפשר האָט ער געזוכט אין קאָנטעמפּלאַציע דאָס וואָס גלויביקע מענטשן געפינען אין אַ תפילה. במשך פון זיין שטורמישן לעבן האָט ער נישט איין מאָל געבענקט נאָך רו, נאָך קאָנטעמפּלאַציע, נאָך שטילקייט, און דער גורל האָט אים באַשאָנקען מיט די דאָזיקע מתנות גראָד דעמאָלט, ווען זיין לעבן האָט זיך געהאַלטן אויף אַ דינעם פאָדעם...

ער איז געשטאָרבן דעם 16טן מערץ 1957. מיט האַרציקע ווער־טער האָבן אים געזעגנט אויף דער לוויה חברים און פריינט — ל. אַלער, ב. שעפנער, ב. טאַבאַטשינסקי און פאַרן אָפּענעם קבר אויפן בית־עולם פון אַרבעטער־רינג דינה בלאָנד. דער וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט האָט צו וויסן געגעבן אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס וועגן דעם פאַרלוסט, און פון פאַרשיידענע שטעט און לענדער זיינען אָנגעקומען טרויער־אויסדרוקן און קאָנדאָלענץ־בריוו.

דער טויט וועקט ביי פריינט און חברים פון אַ פאַרשטאָרבענעם אַ באַדערפעניש פון אַן אָפּשאַצונג, פון אַ סך־הכל. די דאָזיקע באַדער־פעניש האָט געפונען אַן אויסדרוק אין די רעדעס אויף די טרויער־אַקאַדעמיעס, אין די אַרטיקלען, וואָס זיינען דערשינען אין דער גאַנצער בונדישער פּרעסע, און אויך אין די פּריוואַטע בריוו, וואָס זיינען אָנ־געקומען צו די מיטגלידער פון דער פאַריתומטער משפּחה. עס האָבן זיך אָפּגערופן אויף לייוויקס טויט זיינע אַלטע חברים פון דעם לערער־אינסטיטוט, זיינע קאָלעגן פון די רעדאַקציעס פון בונדישע אָרגאַנען, זיינע פּאַרטיי־חברים, צעזייטע איבער דער וועלט, און תלמידים — געוועזענע סקיפּיסטן.

אין דעם אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין „אונזער צייט" באַלד נאָך לייוויקס טויט, קאָנסטאַטירט ב. שעפנער, אַז דער פאַרשטאָרבע־נער איז געווען קודם כל אַ לערער און אַן אויפקלערער. „אויך אין די שטרייטן אין רעדאַקציע — שרייבט ער — איז האָדעס געבליבן מער לערער, ווי פּאָלעמיקער". דעם זעלביקן שטריך אין לייוויקס פּער־זענלעכקייט האָט אונטערגעשטראָכן זיין צווייטער קאָלעגע פּ. שוואַרץ אין זיין רעדע אויפן שלושים־צוזאַמענקום. „שטיל זיינען געווען — האָט ער געזאָגט — לייוויקס שריט אין לעבן, אָבער זייער אָפּקלאַנג איז געווען אַ שטאַרקער... זיין וואָרט — באַזונדער זיין געשריבן וואָרט — האָט געהאַט קלאָריט, ריח, וואָגיקייט, באַהאַרצטקייט. אַזוי איז ער געווען ווי אַ לערער און שול־טוער. אַזוי איז ער געווען ווי אַן אָנפירער פון קינדער־אָרגאַניזאַציעס, אַזוי איז ער געווען ווי אַ מיט־גליד פון אונזערע צענטראַל־קאָמיטעטן, און דאָס האָט אים אויך אויס־געצייכנט אַלס שרייבער".

דערמאָנענדיק לייוויקן צו זיין ערשטן יאָרצייט, שטעלט פעסט ל. אָלער, זיין לאַנג־יאָריקער אידעאישער מיטקעמפער, אַז „ער איז גע־ווען פון דעם דור יידישע סאָציאַליסטן און בונדישע פירער, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור... זיין סאָ־ציאַליסטישער באַנעם איז ביי אים געבליבן אַ מאַרקסיסטישער — ...ער איז אָבער קיינמאָל נישט געוואָרן קיין דאָגמאַטיקער... זיין אַנאַליז איז שטענדיק געווען און געבליבן אַ שאַרפער און אַ קלאָרער און ער האָט קלאָר געזען דעם קאָמפּליצירטן כוחות־שפּיל אויף דער פּאָליטישער אַרענע פון דער היינטיקער שטורמישער צייט".

אַ גאַנצע ריי לייוויקס חברים, וואָס האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט אים, דערמאָנען די גוטע אַטמאָספער, וואָס האָט זיך געשאַפן ביי דער אַרבעט. כאַראַקטעריסטיש אין דעם פּרט איז אַ בריוו פון לוציאַן בליט צו ראָזע האָדעס. „אין פאַרלויף פון פיל יאָרן — שרייבט ל.

בליט — האָב איך מיט אים געאַרבעט אין איינעם און דעם זעלביקן צימער אויף נאָוואָליפּיע 7. איך האָב אין מיין לעבן געטראָפן ווייניק מענטשן, וואָס זיינען געווען אַזוי איידל און פּיינפּיליק, ווי לייוויק — ער האָט אין זיך געהאַט די רואיקייט פון אַ חכם״.

זייער האַרציק קלינגען די אָפּרופן אויף לייוויקס טויט מצד די יינגערע חברים זיינע — געוועזענע סקיפּיסטן און צוקונפטיסטן. וולאַדקע שרייבט צו איר פריינדין בעווקע, לייוויקס טאָכטער: „...ער האָט אויפגעהאַלטן די יוגנטלעכקייט ביז גאָר דער לעצטער צייט. די סקיף־ראַטן אָדער קינדער־פאַרזאַמלונגען, וואו דיין טאַטע פלעגט אַרויסטרעטן מיט אַזאַ יוגנטלעכן ברען, וועלן זיך ווייט נישט פאַרגעסן... פאַר מיר, ווי זיינער אַ סקיף־תלמידה, איז ער פאַרבליבן אַלס דער באַגייסטערטער גלויביקער סאָציאַליסטישער לערער, און נאָך מער — אַלס דער איידעלער, סובטעלער מענטש און ייד״. און דער צווייטער לייוויקס תלמיד — יאָסל מלאָטעק, רעדנדיק אויף לייוויקס יאָרצייט אין מערץ 1958 וועגן לייוויקס „בענקשאַפט נאָך שיינקייט און דערהויבנקייט״, גיט צו: „אפשר דערפאַר טאַקע איז חבר האַדעס געוואָרן דער באַגרינדער... פון סאָציאַליסטישן סקויטיזם, פון דערנענטערונג און באַהעפטונג מיט דער נאַטור, פון וואַנדערונגען און לעבן אויף פרייען פעלד אָדער אין טיפן וואַלד״.

נאָך די אַלע קורצע ציטאַטן פון רעדעס, אַרטיקלען און בריוו, וואָס זאָגן עדות וועגן געדאַנקען און געפילן פון מענטשן אַרום לייוויקן, איז כדאַי צו ציטירן לייוויקן אַליין. אין זיין אַרטיקל צום 50־יאָריקן יובל פון „בונד״ געפינען מיר אַ לאַקאָנישע פאָרמולירונג: „די אידייע פון „בונד״ איז טיפער גלויבן אין מענטשן״. לייוויק האָט געקאָנט באַטראַכטן די דאָזיקע ווערטער פאַר זיין גייסטיקער צוואה.

פון דער פעדער

פ ו ן

לייוויק האָדעס

א. וואַרשע

אַזוי ווי כמורנער

עס איז שוין אַ וואָך, ווי אונזערע פּענער האָבן זיך איינגעהילט אין טרויער. אויף אַלע סקיף־קרייזן און צוזאַמענקונפטן רעדט מען איצט וועגן דעם גרויסן פאַרשטאַרבענעם. אָבער ס'איז נאָך אַזוי שווער היינט צו דערציילן אייך יוספס לעבנסוועג: די וואונד איז נאָך אַזוי ווייטיקדיק, די פּיין אַזוי שמערצלעך. יעדער בונדיסט פילט, אַז די באַוועגונג האָט געליטן אַ שרעקלעכן פאַרלוסט. זי האָט פאַרלוירן אַ גלענצנדיקן פירער, אַ מוטיקן קעמפער, אַ קלוגן און גייסטרייכן לערער.

יעדער איינער, וואָס האָט געקאָנט דעם ח' כמורנער, פילט, אַז דער גרויזאַמער טויט האָט אַרויסגעפליקט איינע פון די שענסטע בלומען אין דעם לעבנסגאָרטן און דאָס לעבן איז געוואָרן אָרימער. און עס ווילט זיך נישט גלויבן, אַז די אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט אַזוי פיל האַרציקייט און חכמה, זיינען אויסגעלאָשן אויף אייביק, דאָס האַרץ, וואָס האָט געברויזט מיט אַזוי פיל ליידנשאַפטלעכן האַס צו די אומרעכטן פון דער היינטיקער וועלט און מיט אַזוי פיל חברישער גוטסקייט צו אַלע אַרומיקע, קלאַפּט שוין נישט.

נישט איין מאָל וועלן מיר נאָך רעדן און שרייבן וועגן חבר יוסף. אָבער לאָמיר דאָס שוין היינט זאָגן. צווישן די גרויסע און פּרעכטיקע געשטאַלטן, וואָס לויכטן פאַר אונז פון דער ווייטער אָדער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און העלפן אונז אויסשמידן אונזערע אידעאַלן פון מענטש און קעמפער, וועט חבר יוסף לעשטשינסקי שטענדיק פאַרנעמען איינעם פון די ערשטע ערטער. אונזער סאָציאַליסטישע קינדער־באַוועגונג האָט אירע דערציאונגס־אידעאַלן אויסגעדריקט אין געוויסע געבאָטן. די דאָזיקע אַלע געבאָטן קאָן מען דערפירן צו איין קורצן געבאָט:

זיין אַזוי ווי וולאַדימיר מעדעם, ביינוש מיכאַלעוויטש אָדער כמורנער.

דער סקיף לערנט זיינע מיטגלידער שטענדיק צו געדענקען, אַז זיי געהערן צו דער אַרבעטער־משפחה. „אַ סקיפיסט איז אַ גליד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג" — לויטעט אונזער ערשטער געבאָט. און עס איז גענוג פאַר יעדן גוטן סקיפיסט אַראָפּצונעמען זיך אַ ביישפּיל

פון ח׳ י. כמורנער, פון דעם ווי ער האָט געוויטיקט און געפרייט זיך מיט אַלעליידן און פריידן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; מיט וואָס פאַר אַ יום־טובדיקער פרייד דער חבר כמורנער פלעגט אויפנעמען און דערציילן פאַקטן וואָס פלעגן באַווייזן, אַז עס זיגט דער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער געדאַנק אָדער, אַז די אַרבעטער אין דער וועלט זיינען מוטיק און קאַמפּסלוסטיק! מיט וויפל וויטיק און צער חבר כמורנער פלעגט באַצייכענען אַלע פאַרקערטע פאַקטן!

דער יום־טוב פון חבר כמורנער איז געווען דער יום־טוב פון דער באַוועגונג. יסורים און פּיין פון חבר כמורנער זיינען געווען יסורים און פּיין צוליב די מפּלות פון אַרבעטער־קלאַס. זאָל נאָר אויסוואַקסן אַ דור, וואָס זאָל אין דער מינדסטער מאָס, ווי כמורנער אַזוי טיף פערזענלעך איבערלעבן יעדע געשעעניש אין לעבן פון אַרבעטער־קלאַס — און דער זיג פון קלאַסן־באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריאַט איז געזיכערט.

אַ צווייטער דערציאונגס־אידעאַל איז, אַז פון די סקיפּיסטן זאָלן אויסוואַקסן מוטיקע דרייסטע און קאַמפּסלוסטיקע מענטשן. און יעדער סקיפּיסט דאַרף זיך ווינטשן צו זיין ענלעך אין מוט און קאַמפּסלוסט צום חבר י. כמורנער. זיין ליידנשאַפטלעכע נשמה האָט געברענט מיט פלאַם פון האַס צו דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט און מיטן דראַנג צו קעמפן פאַר איבעראַנדערשן זי. מיט וויפל באַגייסטערונג ח׳ כמורנער פלעגט רעדן און שרייבן וועגן דעם פּרעכטיקן זיג פון רוסישן אַרבעטער־קלאַס אָדער וועגן די העלדישע קאַמפן אין עסטרייך און שפּאַניע, מיט וואָס פאַר אַ וויטיק וועגן יענע טיילן פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס מיידן אויס דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף און שטרעבן צו שליסן שלום מיט זייער קלאַסן־שונא!

מיר ווילן, אַז דער יונגער דור זאָל זיין פעאיק צו אָפּפערן זיך פאַר זיינע אידעאַלן און דאָס לעבן פון ח׳ כמורנער איז דאָך איין קייט פון אָפּפערוויליקייט און מסירת־נפש. ח׳ כמורנער איז אין די יינגסטע יאָרן געוואָרן אַ סאָציאַליסט. און שוין דאָס אַליין האָט פאַר אים באַדייט, אַז אַלע זיינע כוחות און פעאיקייטן, זיין גלענצנדיקן שרייבער־טאַלאַנט, זיין האַרץ און מוח, זיין אויסערגעוויינלעך קלאָרן און שאַרפזיניקן שכל, זיין בייסיקע צונג און איבערצייגנדיקע רעדנער־קראַפט — אַלץ גיט ער אָפּ דעם אַרבעטער־קלאַס.

דעם גוף פון חבר יוסף האָט יאָרנאַלנג געפרעסן זיין שווערע קראַנקייט. אַלע האָבן געוואוסט, און דער ח׳ יוסף מער פון אַלעמען, אַז די דושנע לופט פון די מיטינגס־זאַלן און אַרבעטער־לאָקאַלן, וואו חבר כמורנער פרעדיקט פאַר ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן די אמתן פון „בונד" און סאָציאַליזם, אָדער לערנט ברייטע אַרבעטער־אוידיטאָריעס

די וועגן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אָדער פירט אַ ווערטער־געפּעכט אויף צו פאַרטיידיקן יענע אמתן, וועלכע ער האַלט פאַר ריכטיק און וויכטיק פאַר דער באַוועגונג — אַז אַט די לופט איז די גרעסטנסטע שוואַרץ־ערד פאַרן וואוקס פון זיין קראַנקייט און סם־המוות פאַרן אָנגע־גריפענעם קערפּער. אָבער ח׳ כמורנער איז יעדע מינוט געווען גרייט מקריב צו זיין זיך פאַר דער באַוועגונג און אָפּגעבן פאַר זיינע אידעאַלן נישט נאָר זיינע אויסערגעוויינלעכע טאַלאַנטן, איידל האַרץ און נשמה, נאָר אויך דאָס וויכטיקסטע, וואָס ער פאַרמאָגט, זיין באַדראָט לעבן. עטלעכע טעג תפיסה פאַראיאָרן סוף זומער האָבן פאַרשנעלערט דעם טעמפּאָ פון דער קראַנקייט, און אָט — דער חבר יוסף איז טויט. איצטער קענען מיר נאָר דערמאָנען די אָפּפערוויליקייט און מסירת־נפש־גרייטקייט פון חבר כמורנער און זאָרגן, אַז די יינגסטע זאָלן זיין אַזוי ווי כמורנער.

נאָך אַ געבאָט האָבן מיר אין סקיף: „שאַנעווע אַ צוויטנס איבער־צייגונגען, אויב אָפילו דו באַקעמפסט זיי״. די פאַרווירקלעכונג פון אָט דעם אידעאַל טרעפט מען היינט אין לעבן נישט צו אָפט. סיידן אין דער צוקונפטיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וועלן אַלע מענטשן ווערן אַזוי קולטורעל, אַז זיי וועלן קאָנען אַ שטרייט פון מיינונגען ניט אַריבערטראָגן אויף פּערזענלעכע באַציאונגען און וועלן מיט אַכטונג באַציען זיך צו יעדער אָרנטלעכער און אויפריכטיקער מיינונג, אויב אָפילו מען איז מיט איר ניט מסכים. אָט די זעלטענע פעאיקייט צו שאַ־נעווען יענעמס איבערצייגונג האָט אין אַן אויסערגעוויינלעכער מאָס פאַרמאָגט חבר כמורנער. שטענדיק איז אַן אַרויסטרעטונג פון חבר כמורנער געווען אויף דעם העכסטן קולטורעלן ניוואָ. זיין ריין און לויטער האַרץ האָט געוויטיקט, ווען ער פלעגט מערקן, אַז ערגעץ וואו ווערן אָנגעווענדט אומרייניע מעטאָדן פון קאַמף, ווען אַן אידעאישן שטרייט דערנידעריקט מען צו פּערזענלעכע אָנפאַלן. חבר כמורנער האָט אויסגעשטראַלט אַרום זיך אַ ספּעציעלע ריינקייט און לויטער־קייט. און מיט אָט די אייגנשאַפטן זיינע האָט ער פיל מיטגעהאָלפן, אַז די פאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס — דער „בונד״ זאָל איינהאַלטן זיינע געוואוינהייטן און טראַדיציעס פון קולטורעלן אידעאישן שטרייט און זאָל זיך ניט לאָזן פאַראוואַצירן פון די קעגנער, וואָס האָבן דעמאָ־ראַליזירט און פאַרפּעסטעט די אַרבעטער־גאַס, דורך אומריינע קאַמפּס־מעטאָדן. כמורנערן האָבן ליב געהאַט אַנהענגער און קעגנער. די קרישטאָלענע גייסטיקע ריינקייט פון פאַרשטאָרבענעם וועלן מיר זיך באַמיען צו פלאַנצן אין די הערצער פון די יינגסטע.

סקיפיסטן ווילן אַרבעטן פאַר דער וועלטלעכער יידישער שול און פאַר דער נייער יידישער קולטור און אויך אויף דעם וועג וועלן זיי

געפינען אין לעבן און טעטיקייט פון פאַרשטאַרבענעם פאַרזיצער פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע גלענצנדיקע ביישפּילן.

סקיפּיסטן שטרעבן צו זיין חבריש, אונז בינדט די הייליקע „חבר־שאַפט” און לאָמיר זיך ווינטשן, אַז מיר זאָלן אויך אין אונזער חבר־שאַפט־טרוים זיך דערנענטערן צו יענער האַרציקער חברשאַפט און ליבע, וועלכע חבר כמורנער פלעגט אַרויסווייזן צו נענטערע און וויטערע חברים, מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַרירונג. וויפל זאָרג חבר כמורנער האָט געקאָנט אַרויסווייזן פאַר יעדן איינציקן חבר באַזונדער! דער קראַנקער לערער און פירער, וואָס האָט אַ מאַסע צייט אָפּגעגעבן אויף שרייבן, אַרויסטרעטונגען, לייענען, פאָרשן, שטודירן, פלעגט שטענדיק געפינען שעהען פון אַזאַ נוצלעך פאַרנומענעם לעבן אויף זאָרג וועגן די אַרומיקע, אויף חברישער הילף, חברישע עצות, חברישע אָנווייזונגען, באַמיאונגען פאַר יעדן איינציקן, וואָס האָט זיך אין דעם אַלעמען גענויטיקט. דער רוף — „חברשאַפט”, וואָס לויכט אַראָפּ פון אונזערע פענדלעך, האָט אויך געפונען זיין פאַרקערפּערונג אין לעבן און אין דער פערזאָן פון חבר כמורנער.

מען וועט נאָך פיל רעדן און שרייבן וועגן חבר כמורנער. אויף היינט איז גענוג. היינט איז דער וויטיק נאָך צו גרויס, די עבידה צו שווער. אָבער אויך היינט איז שוין פאַר אונז קלאָר: כמורנערס גע־שטאַלט בלייבט הייליק ניט נאָר אין די רייען פון די דערוואַקסענע אַר־בעטער. כמורנער וועט לעבן אין די שטרעבונגען, טרוימען און אי־דעאַלן פון די יינגסטע. פאַר אונז איז כמורנער ניט געשטאָרבן, פּונקט ווי עס זיינען ניט געשטאָרבן מעדעם אָדער מיכאַלעוויטש.

זיין אַזוי ווי כמורנער — וועט ווערן איינער פון די רייצנדיקסטע חלומות פון אונזער יינגסטער גוואַרדיע.

(„קליינע פאָלקסצייטונג”, נאָוועמבער 22, 1935)

פשיטיק, אָפּאָטשנע און קזשעפּיץ...

פשיטיק, אָפּאָטשנע און קזשעפּיץ — דאָס זיינען נעמען פון שטעטלעך, וואָס זיינען ביז נישט לאַנג געווען ווייניק באַקאַנט. היינט זיינען דאָס נעמען, וואָס זיינען דערהויבן געוואָרן צו סימבאָלן. פון דאָרטן זיינען געקומען פאַרצווייפלטע הילפס־רופן. דאָס זיינען היינט שטעטלעך מיט לעבעדיקע מתים.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז געקומען אַ יאָמער־רוף פון פשיטיק. דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג דראָט הונגער־טויט. יידישע הענדלער ווערן באָיקאָטירט. יידישע קרעמער, יידישע אַרבעט־מענטשן האָבן ניט פון וואָס אַ טאָג דורכצולעבן. די ענדעקעס פאַרווירקלעכן זייער פּראָגראַם פון ווירטשאַפטלעכן באָיקאָט, טעראָריזירן די דאָרפישע באַפעלקערונג און צווינגען זי ניט צו קויפן ביי יידן. מען באָיקאָטירט יידישע קליינהענדלער און בעל־מלאָכות, און 600 יידישע פאַמיליעס האָבן פאַרלוירן אַלע קוואַלן פון עקזיסטענץ.

היינטיקע וואָך האָבן מיר געדרוקט אַ בריוו פון אָפּאָטשנע. אונזער קאָרעספּאָנדענט פאַרענדיקט זיין שוידערלעכע באַשרייבונג אַזוי: „די לאַגע ווערט פון טאָג צו טאָג געפערלעכער, די יידן לעבן אין שרעקלע־כער נויט און געפאַר. הונדערטער פאַמיליעס דראָט צו שטאַרבן פון הונגער".

און אייערנעכטן האָט ייטאַ פאַרעפנטלעכט אַ הילפס־רוף פון קזשע־פּיץ. יידישע דאָרף־גייער קאָנען ניט אַרויסגיין פון שטעטל, זיי ווערן באַפאַלן און צעשלאָגן, יידישע הענדלער ווערן אַרויסגעשטויסן, יידישע סטראַגאַנעס ווערן באָיקאָטירט. לעבן די יידישע געשעפטן שטייען ענ־דעקישע פּיקעטן. מען פאַרניכטעט די סחורות פון די סטראַגאַנעס. די יידישע באַפעלקערונג גייט אויס פון הונגער, און עס קומט אַ רוף: העלפט, ראַטעוועט!

דאָס, וואָס עס האָט היינט געטראָפן פשיטיק, אָפּאָטשנע און קזשעפּיץ, קאָן מאָרגן טרעפן הונדערטער אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין פוילן. די גיפטיקע ענדעקישע באָיקאָט־ און פּאָגראָם־העצע וואַקסט און צע־שפּרייט זיך, און זי שלאָגט קודם־כל דעם שוואַכסטן — דעם אָרימען קליינהענדלער און דאָרף־גייער, וואָס פאַרבלייבט אָן מיטלען צום לעבן.

יידישע הורטאָווניקעס, גרויסע סוחרים, אינדוסטריעלער ליידן

צום ווייניקסטן פון אַט דעם ווירטשאַפטלעכן באָיקאָט. אַט שרייבט אונז אונזער אָפּאָטשנער קאָרעספּאָנדענט, אַז די ענדעקישע קאָנקורענץ־סטראַ־גאַנעס, וואָס האָבן אַרויסגעריסן דעם ביסן פון מויל ביי צענטליקער אָרימע יידישע פאַמיליעס, ווערן קרעדיטירט דורך באַקאַנטע יידישע הורטאָווניקעס. און דאָס איז פאַר אונז ניט געווען קיין איבערראַשונג: די יידישע קאַפּיטאַליסטן, וואָס האַנדלען מיט היטלער־דייטשלאַנד, וועלן מאַכן געשעפטן מיט די ענדעקעס, מיטן טייוול און פאַרקויפן טאַטע־מאַמע פאַר אַ פאַרדינסטל. יידישע קאַפּיטאַליסטן זיינען פאַרטראָטן אין די אַקציעס־געזעלשאַפטן, אין די קאַרטעלן, אין די בענק, און זיי קומען דאָרט גאַנץ פריינטלעך דורך מיט זייערע אַנטיסעמיטישע קאָלעגן. אמת, די ענדעקעס שטורמעווען עפנטלעך קעגן יידישן קאַפּיטאַל, וואָס „רעגירט איבער פוילן”. אָבער דאָס איז נאָר פאַרן עפנטלעכן געברויך. דער גרויס־קאַפּיטאַל איז אינטערנאַציאָנאַל, און אין די סאָלידע דירעקטאָרן־קאַבינעטן טיילן זיך די ראַסן־שונאים סוחריש און פריינטלעך מיט די פּראָפיטן.

אָבער אין דער ברייטער עפנטלעכקייט בינדן די ענדעקעס פאַ־נאַנדער די ווילדסטע העצע. מיר האָבן שוין ניט איינמאָל אויפגעדעקט דעם פּאָליטישן אונטערשלאַק פון אָט דער העצע. די נ.ד. שטורעמען קעגן יידישן קאַפּיטאַל און דערמיט ווילן זיי אונטערטראָגן די פּאַראַרימטע פּוילישע מאַסן אַ כּפּרה־הינדל, צו וועלכן עס זאָל אויסגעלאָזט ווערן דער צאָרן. אָבער דער יידישער קאַפּיטאַליסט איז דורך די קאָנצערנען און קאַרטעלן זייער אָפט אַ שותּף צו אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון דער פּוילישער גרויס־בורזשואַזיע. פאַר די אונטערגעהעצטע און פינצ־טערע מאַסן פון דאָרף און שטאָט טרעט אַרויס דער יידישער קאַפּיטאַ־ליסט — דער קוואַל פון אַלע זיינע אומגליקן — אין דער געשטאַלט פון קליינהענדלער, פון אָרעמען קרעמער, פון דאָרפסגייער, קליינעם סוחר, וואָס מוז אויסגעראָטן און באַזייטיקט ווערן. און מען ראָט אויס און מען באַזייטיקט, און דער רעזולטאַט איז: גאַנצע שטעטלעך מיט לע־בעדיקע מתים, טויזנטער פאַמיליעס, וואָס גייען אויס פון הונגער.

פון קזשעפּיץ איז אייערנעכטן געקומען אַן ס.אָ.ס.־רוף: „ראַטעוועט נפשות, שיקט מאַטעריעלע הילף!” אויב דער אַפּיל וועט העלפן, וועט דער געשפּענסט פון הונגער־טויט פאַר עטלעכע צענטליק משפּחות פאַרטריבן ווערן אויף אַ קורצער צייט. אָבער אַזעלכע קזשעפּיצס זיי־נען אין פוילן פאַראַן הונדערטער. עס זיינען נישטאָ קיין געצוייע ציפערן, וויפל יידישע פאַמיליעס אין פוילן עס לעבן פון קליינהאַנדל. אָבער אויב מען זאָל זיך שטיצן אויף אַמאָליקע מאַטעריאַלן, ציט חיונה פון האַנדל העכער 40 פּראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין

פוילן, דאָס הייסט, נאָענט צו 1,500,000 נפשות (די יידישע באַפעלקערונג צילט אין פוילן אומגעפער דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן). און די גרויסע מערהייט פון די יידישע הענדלער זיינען קבצנים אין 7 פאַלעס, וואָס האָבן ניט פון וואָס אַ טאָג דורכצולעבן, מייסטנס זיינען דאָס האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך גענומען צום האַנדל, ווייל... מען דאַרף דאָך עפּעס טאָן. אין די באַדינגונגען פון ווירטשאַפטלעכן באָי־קאָט, ווען מען לאָזט ניט צו קיין יידישע אַרבעט אין די מלוכהשע און קאָמונאַלע אונטערנעמונגען, ווען די יידישע מאַסן זיינען צונויפגעפּרעסט אין אַ ווירטשאַפטלעכן געטאָ, איז קליינהאַנדל געוואָרן פאַר באַדייטנדיקע מאַסן דאָס לעצטע שטרויעלע, וואָס דערהאַלט זייביים לעבן. איצטער ווערן זיי באַרויבט פון זייער לעצטן שטרויעלע, און הונדערטער טויזנ־טער נפשות דראָט הונגער־טויט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

די יידישע אַרבעטערשאַפט קאָן ניט פאַרבלייבן גלייכגילטיק צו דער שוידערלעכער לאַגע פון די גרויסע מאַסן יידישע אָרעמקייט. עס מוז אָרגאַניזירט ווערן אַ שנעלע און ענערגישע שוץ פאַר זייער באַדראָט לעבן און עקזיסטענץ.

וואָס קאָן געטאָן ווערן?

קודם כל מוז מען זאָרגן, עס זאָל פאַרשטאַרקט ווערן די סאָציאַ־ליסטישע אויפקלערונגס־אַרבעט אין דאָרף, און דאָס איז אין דער ערשטער ריי די פליכט פון אונזערע פוילישע חברים. אין דאָרף איז פאַראַן נאָענט צו פופצן מיליאָן „איבעריקע" פויערים, וואָס האָבן ניט פון וואַנען צו לעבן. מען דאַרף זען, עס זאָל פאַר אָט די מאַסן ווערן קלאָר, אַז דער יידישער קבצן איז ניט שולדיק אין זייער נויט, אַז דרעשנדיק די פלייצעס פון יידן וועלן זיי ניט אויסדרעשן פאַר זיך קיין ברויט, און אַז זייער ברויט צייטיקט זיך גאָר אויף אַנדערע פעלדער...

די אַרבעטערשאַפט מוז אָבער אויסער דעם, אָנהויבן אַ ברייטע געזעלשאַפטלעכע אַקציע צום שוץ פון די באַדראָטע טויזנטער פאַמיליעס. ווייל ראַטעווען זיי קאָן מען ניט מיט שתדלנות און פילאַנטראָפּיע, אויף וועלכער עס איז גרייט אונזער ליבהאַרציקע בורזשואַזיע, נאָר מיט אַ ברייט־פאַרמאָסטענער פּאָליטישער אַקציע. וואָרעם די מאַכט וואָלט דאָך געקאָנט שיצן פון אונטערגאַנג די הונדערטער פשיטיקס־קזשעפּיצעס. זי דאַרף דאָס נאָר וועלן.

אַזאַ אַקציע וואָלט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט בלייבן אָפּגעריסן פון אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט און עקזיס־טענץ; זי מוז באַגלייט ווערן מיט אַ ברייטער אַקציע פאַר אָפּשאַפן דאָס ווירטשאַפטלעכע געטאָ, מיטן קאַמף פאַר עפענען פאַר די יידישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ אַ צוטריט צו אַרבעט.

און אַזאַ אַקציע איז, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרבונדן מיט אונזער אַלגע־מיינעם קאַמף פֿאַר אַרבעטער־מאַכט, פֿאַר סאָציאַליזם, ווייל נאָר אַ סאָ־ציאַליסטישע רעגירונג איז פֿעאיק באמת צו שאַפֿן באַדינגונגען פֿון פֿולער נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, און צו פֿאַרזיכערן ברויט און אַרבעט פֿאַר אַלע בירגער פֿון דער מלוכה, אָן אונטערשייד פֿון נאַציאָ־נאַלער אָנגעהעריקייט.

פשיטיק, אָפּאָטשנע און קזשעפּיץ — דאָס זיינען עטלעכע נעמען פֿון פֿיל הונדערטער, אָבער די דאָזיקע נעמען מוזן ווערן אַ סימבאָל, דאָס זיינען נעמען, וואָס מאָנען, פֿאָדערן און פֿאַרפֿליכטן צו מעשים.

(„נייע פֿאָלקסצייטונג", יאַנואַר 1936)

ווי מיט פופצן הונדערט יאָר צוריק

דאָס פאַשיסטישע רוים טריאומפירט, דער איטאַליענישער קעניג איז געוואָרן קייסער פון אַביסיניע. רוים איז ווידער געוואָרן אַ גרויסע אימפעריע. „נאָך 15 יאָרהונדערטער איז די אימפעריע אויפגעשטאַנען תחית־המתים" — דערקלערט מוסאָליני מיט פאַטאָס, און דער פאַשיס־טישער המון אַפּלאָדירט דעם גרויסן בעל־מופת, וואָס האָט באַוויזן דאָס דאָזיקע שוואַרצע וואונדער.

און ווידער שטייט די וועלט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. היינט דאַרף זיך צונויפקומען אין גענף אַ פאַרזאַמלונג פון דער פעלקער־ליגע, — פון לעבעדיקן בר־מינן, נאָך ווען עס האָבן שוין אפילו געזאָגט קדיש די מיושבדיקע קאָנסערוואַטיסטן פון ענגלישן פאַרלאַמענט. דעריבער האָט מוסאָליני זיך צוגעאײַלט. זאָל דער גורל פון אַביסיניע שוין זײַן צוגעחתמעט. עס האָט שוין אַ קייסער, און זאָל קיינער ניט רוקן די נאָז אין אַביסיניע, ווייל דאָס וואָלט באַדייט אַרײַנמישן זיך אין די אינערלעכע ענינים פון איטאַליע. און מיט אַ ציניזם, אויף וועלכן עס קאָן זיך דערלויבן נאָר אַ פאַשיסטישע צייטונג, שרייבט די איטאַ־ליענישע „פּאָפּאָלאָ די ראָמאַ", אַז איצטער איז „איטאַליע גרייט צו וואַרפן אויף דער וואָגשאָל איר גאַנצע קראַפט אויף צו פאַרזיכערן דעם שלום און אויף אָפּהיטן די גאַנצקייט פון פעלקער־בונד, אויב ער וועט נאָר שטיין אויף דער הויך פון די אויפגאַבן, וואָס זיינען פאַר אים אָנגעצייכנט". אַלזאָ, דער וואָלף איז זאַט, און ער באַט אָן זײַן הילף אויף צו היטן די טשערעדע. און עס האַלט גאַנץ שמאָל מיטן וועלט־שלום, אויב אָט דעם ציניש אַבבאָט איטאַליענישן אַבבאָט צו העלפן אָפּהיטן דעם שלום נעמט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט אָן פאַר אַ גאַנץ נאַ־טירלעכער זאַך. מען וועט איטאַליע אַרײַננעמען, ווי פריער, אין קאָן, מען וועט פון איר, פאַרשטייט זיך, נאָר פאָדערן צו פאַרזיכערן די אינ־טערעסן פון די גרויסמאַכטן... און אַז זויגנדיק פון אַזעלכע מאַמקעס וועט דער שלום נישט וואַקסן, — דאָס איז דאָך איבעריק צוצוגעבן.

מען מוז אָנערקענען, אַז די געשיכטע מיט אַביסיניע האָט אַי־בערגעלאָזט אין איראָפּע טיפע שפּורן. עס איז צעשמעטערט נישט נאָר אַביסיניע, נאָר אויך די פעלקער־ליגע. וועגן דעם שרייבן שוין

אָפּן בורזשואַזע פּאָליטיקער, עס זיינען דאָס מודה קאַפּיטאַליסטישע דיפּלאָמאַטן. אמת, אַרום דעם גענפער נפטר פּאָרען זיך נאָך פאַרשיידענע בורזשואַזע זנאַכערס, אָפּשפּרעכערס, שוואַרצמאהדיקע און פּאָליטישע שאַרלאַטאַנעס. זיי זאָגן צו אויפצולעבן דעם מת; אָבער זיי אַלע רעדן שוין אָפּן וועגן אַ נייעם גילגול פון דער פעלקער־ליגע, וועגן אַ רעפאָרמירטן פעלקער־בונד. דער היינטיקער פעלקער־בונד האָט פאַרלוירן זיין לעצט ביסל אויטאָריטעט און אָנזען.

גלייכצייטיק פאַרשטאַרקט זיך אין אייראָפּע דער געפיל פון אומרו און אומזיכערקייט. איבערהויפּט פילט זיך דאָס זייער שטאַרק אין די קליינע מלוכות. יעדע פון זיי קאָן מאָרגן ווערן אַ צווייטע אַביסיניע. וואָס קאָנען זיי טאָן? באַוואָפענען זיך? זיי טוען דאָס טאַקע. און מען לייגט אַריין די מי פון פאַרגאַנגענע און צוקונפטיקע דורות אין באַוואָפענונג. אָבער וואָס מער די קליינע מלוכות רואינירן זיך צוליב באַוואָפענונג, אַלץ קלאָרער ווערט, אַז דאָס איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. קיין וועט־געיעג מיט אַ היטלערן קאָנען זיי ניט אויסהאַלטן, פּונקט, ווי מען קען ניט אָניאָגן אין אַן אַלטמאָדישער מאַזעפּעווקער בויד אַ היינטיקן עראָפּלאַן.

שאַפן זיך היינט אין אייראָפּע אַלץ נייע בונדן און אָפּמאַכן, און אייראָפּע ווערט איינגעטיילט אין ווירקונגס־ספערן, פּונקט ווי אין די „גוטע” יאָרן פאַר 1914. אין דער לעצטער וואָך זיינען פאָרגעקומען צוויי וויכטיקע פּאָליטישע געשעענישן פון דעם מין. אין בעלגראַד איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די באַלקאַנישע מלוכות, וואָס זוכן מיטלען, ווי אַזוי ניט צעריבן צו ווערן צווישן די מילשטיינער פון צוויי פאַשיזמען — דעם דייטשן און איטאַליענישן. עס איז אויך געשלאָסן געוואָרן אַן ענגער בונד צווישן די באַלטישע מלוכות — עסטלאַנד, לעטלאַנד און ליטע — און זיי אַלע צוזאַמען זוכן אַן אָנשפּאַר אין ראַטן־פאַרבאַנד. די פירער פון די גענעראַל־שטאַבן פון די דאָזיקע מלוכות האָבן זיך באַטייליקט אין די ערשטע־מאַי־פייערונגען אין מאָסקווע און איצטער פאַרנעמען זיך מאָסקווער עקספּערטן מיט פאָרשן די שוץ־פעאיקייט פון די באַלטישע מלוכות, און ליטע האָט אפילו איינגעלאַדן ראַטן־פאַרבאַנדישע אָפיצירן צו אָרגאַניזירן איר אַרמיי. דאָס באַדייט, אַז אַלע קאַנדידאַטן אויף אַן אייראָפּעאישער אַביסיניע האָבן דערפילט, וואָס פאַר אַ געפאַר פאַר זייער עקזיסטענץ איז דאָס דריטע רייך, און ניט נאָר, וואָס זיי ווילן ניט „באָרגן היטלערן קיין גרענעץ” פאַר אַן איבערפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, נאָר זיי זעען אין דעם ראַטן־פאַרבאַנד די קראַפט, אויף וועלכער זיי קאָנען זיך שטיצן אין קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט. דער קריג אין אַביסיניע האָט אַנטבלויזט

קאָוונער און ווילנער בונדישע מוער אין 1920. האָדעס זיצט
דער ערשטער רעכטס.

אויף אַן 1־טע מאַי־דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע.

פרעזידיום פון לאַנד־צוזאַמענפאָר פון סקיף, וואַרשע 1937.

רעדאַקציע פון נייע פאָלקס־צייטונג, וואַרשע.

די נעסטן פון מלחמה־געפֿאַר און האָט געוואָרפֿן אַ העלן שיין אויף די סכנות, וואָס באַדראָען דעם וועלט־שלום.

מוסאָליני באַרימט זיך, אַז ער האָט צוריקגעקערט רוים דעם גלאַנץ פון אָנדערטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק. פֿאַר דעם דאָזיקן „כבוד" וועט דאָס איטאַליענישע פֿאָלק אַמאָל אָפּדאַנקען מוסאָלינין אַזוי, ווי ער האָט פֿאַרדינט. ער האָט אָבער גאַנץ אייראָפּע צוריקגעקערט צו די צייטן, ווען קיינער האָט זיך ניט געפּרואווט מאַסקירן, מיט וועלכע ניט איז נאָרמען פון רעכט און יושר. ער, צוזאַמען מיט היטלערן, האָבן אַראָפּגעריסן דאָס פֿייגן־בלעטל פון די בורזשואַזע צווישנפֿעלקער־לעכע רעכט־נאָרמעס. און אַלע וויסן היינט, אַז אין דער איצטיקער אָרדענונג דעצידירט נאָר די ברוטאַלע געוואַלט—די קראַפֿט פון שווערד. און דער ערשטער רעזולטאַט איז אַזאַ, אַז אייראָפּע איז געוואָרן אײן גרויסער מיליטערישער לאַגער. אָבער מוסאָליניס טריאומף מוז האָבן נאָך אַ רעזולטאַט: די ברייטסטע פֿעלקער־מאַסן דריַנגען זיך אַלץ מער דורך מיט האַס צו אַן אָרדענונג, אין וועלכער — היינט ווי מיט 1500 יאָר צוריק — אַנטשיידט נאָר די ברוטאַלע געוואַלט, און זיי ווענדן אַלץ מער זייערע בליקן צום איינציקן אויסוועג, וואָס קאָן פֿאַר־זיכערן פרידן צווישן פֿעלקער. און ניט צופֿעליק איז עס, וואָס גראָד די צייט, ווען מוסאָליני פֿייערט זיין טריאומף, איז אויך אַ צייט פון מונטערן סאָציאַליסטישן באַרג־אַרויף.

(„נייע פֿאָלקסצייטונג", מאַי 1936)

צווישן האַמער און קאָוואַדלע

דער ברענענדיקער מזרח און זיין פּאַלעסטינער אָפּשניט

די יידישע מינדערהייט אין פּאַלעסטינע, וואָס איז אַריינגעפאַלן צווישן האַמער און קאָוואַדלע פון ענגלישן אימפּעריאַליזם און אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, קריגט אַלץ פילבאַרערע קלעפּ. פּאַלעסטינע שטייט אין פלאַמען, און דער טעראָר קעגן די יידישע איינוואוינער פון לאַנד הערט ניט אויף. מען מאָרדעט יידן אויף די וועגן און אין די ישובים, מען ברענט תבואה אויף יידישע פעלדער, מען צינדט אונטער יידישע הייזער, מען שטעלט אָפּ דאָס וואַסער, מיט איין וואָרט — אַן אָרגאַניזירטער פּאָגראָם; אָבער ער אונטערשיידט זיך פון די פּאָגראָמען אין די „גלות"-לענדער דורך דעם, וואָס גראָד אין פּאַלעסטינע איז די יידישע מינדערהייט פולשטענדיק שוצלאָז, און עס איז נישטאָ קיין איין שיכט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד אויף וועלכן זי זאָל זיך אין די היינטיקע באַדינגונגען קאָנען שטיצן.

פּאַלעסטינע איז איין קליינער אָפּשניט פון ברענענדיקן מזרח. שוין אַ פּאָר צענטליק יאָר, ווי דער מזרח שטייט אין פלאַמען. די אויפטרייסלונגען פון דער וועלט-מלחמה און די גרויסע האָפענונגען צו באַפרייען אַלע אונטערדריקטע פעלקער — דאָס פאַרפירערישע פייערל, מיט וועלכן די וועלט אימפּעריאַליסטן האָבן געכשרט זייער שחיטה — דאָס אַלץ האָט געפונען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין די לענדער פון אונטערדריקטן מזרח, און גרויסע פעלקער-מאַסן האָבן דאָרטן דערוואַכט פון זייער אוראַלטן דרימל און גענומען אויסגלייכן די פּלייצעס. און זייט דער וועלט-מלחמה איז דער מזרח קיינמאָל ניט געווען אינגאַנצן רואיק. די שרפה-פלאַמען וואַרפן זיך איבער פון לאַנד צו לאַנד — פון מיטעלענדישן ים ביזן שטילן אָקעאַן — און אפילו יעדער פעריאָד פון שטילשטאַנד באַדייט נאָר אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם. עגיפּטן, סיריע, פּאַלעסטינע, אַפגאַניסטאַן, אינדיע, כינע — דאָס זיינען אָדער פולשטענדיק אונטעריאָכטע לענדער, אָדער „אומאָפהענגיקע" מלוכות, וואו די וועלט-אימפּעריאַליסטן באַלעבאַטעווען פריי און אומגעשטערט. אָבער זיי אַלע צוזאַמען ציילן נאָענט צו אַ

העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון ערד־קוגל. דער דאָזיקער צושטאַנד איז אַן ערנסטע וואָרענונג קעגן דעם הײנטיקן געזעלשאַפטלעכן סדר. אַ העלפט מענטשן פון דער ערד בילדן אונטערדריקטע פעלקער, װעלכע האָבן שױן נאַציאָנאַל דערוואַכט און װײסן, װאָס זײ װילן...

דער װעלט־אימפּעריאַליזם שפּילט נאָך דערוױיל אױס די אינערלעכע קעגנזאַצן, ראַסן־שנאה און רעליגיעזע קאַמפן צװישן די אונטערדריקטע, און בלאָזט קינסטלעך פאַנאַנדער די דאָזיקע פײַערן דאָרטן, וואו זײ האַלטן אין אױסגעלאָשן װערן. אָבער דאָס איז שױן דער לעצטער אָנשפּאַר פון די ענגלישע, פראַנצױזישע, האָלענדישע, יאַפּאַנישע און אַנדערע אונטערדריקער און אַפּיטראָפּסים פון נאָענטן און װײטן מזרח — אַן דעם װאָלטן זײ אױף דעם אונטערמינירטן באָדן זיך שוין לאַנג ניט געקאָנט האַלטן.

דער קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער בילדעט אַ געפערלעכן אױפרײס־שטאָף פאַר דער הײנטיקער קאַפּיטאַליסטישער װעלט. און עס איז געװען אַ צײַט, װען דער קאָמינטערן האָט אין די פּרײַהײט־קאַמפן פון די אונטערדריקטע פעלקער אײַנגעזען שיער ניט דעם װיכטיקסטן פאַקטאָר פון דער װעלט־רעװאָלוציע. און לױטן קאָמינטערנישן שטײגער פלעגן אַלע זײַנע סעקציעס אײַנצײַטיק, לױטן צײַכן פון דיריגענט, שעלטן אָדער בענטשן, אַ טשאַן־קאַי־טשעקן אָדער אַן אַנדערן נאַציאָנאַליסטישן פירער פון עפּעס אַ פאָלק. אין דעם איז געװען פיל שעדלעכע קאָמינטערנישע סכעמאַטישקײט. אָבער אין דער אמתן קאָנען טאַקע די אַנטי־אימפּעריאַליסטישע און נאַציאָנאַלע קאַמפן שפּילן אַ װיכטיקע רעװאָלוציאָנערע ראָל, כאָטש מען קען זײ אַלע ניט אַרונטערנעמען אונטער אײן טלית פון װעלט־רעװאָלוציע. די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון יעדן קאַמף לײגן אַן אײגנאַרטיקן שטעמפּל אױף דעם אינהאַלט פון קאַמף.

אַלס כלל גענומען, האָט יעדער נאַציאָנאַלער קאַמף אַ רעװאָלוציאָניזירנדיקע באַדײַטונג. אָבער ס'זײַנען דאָ סיטואַציעס, װען די קרעפטן פון דער רעאַקציע עקספּלואַטירן די נאַציאָנאַלע קאַמפּס־שטימונגען פון די מאַסן דווקא פאַר צילן פון דער קאָנטער־רעװאָלוציע. און גראָד אַזעלכע סיטואַציעס װערן אין די לעצטע יאָרן אין דער װעלט אַלץ מער. אָט זײַנען פאַװעליטשעס טעראָר־באַנדעס, װאָס קעמפן פאַר אָפּרײַסן קראָאַציע פון יוגאָסלאַװיע, געװאָרן דער אַװאַנגאַרד פון קראָאַטישן פאַשיזם; די פאַשיסטישע אוקראַאינישע או.אָ.נ. האָבן געקראָגן אַ השפּעה אױף טײלן פון דער אוקראַאינישער יוגנט; די עגיפּטישע נאַציאָנאַליסטן, די װאַפדיסטן, דרינגען זיך אַלץ מער אָדורך מיט פאַשיסטישע טענדענצן; עס איז היטלעריזירט געװאָרן אַ גרױסער טײל פון דער באַפעלקערונג צװישן די סודעטן־דײַטשן (טשעכאָסלאָװאַ־

קיע) ; צווישן די איינוואוינער פון די מאַלאַאישע אינזלען וואַקסן די שטימונגען קעגן האָלאַנד, און מען האָפט, אַז די אויסלייזערין און באַפרייערין וועט זיין... יאַפּאַן. דער פאַשיזם האָט זיך אַרויסגע־וויזן פאַר זייער רירעוודיק. ער האָט נישט נאָר אָנגעזאַמלט די סאָציאַלע ענערגיע פון די מאַסן פאַר זיינע מאַכט־שטרעבונגען. ער זאַמלט אויך אָן די נאַציאָנאַלע ענערגיע פון די אומצופרידענע פעלקער אויף אויסצובייטערן די הערשאַפט פון פאַשיזם.

און געוויס זיינען פאַראַן קערנער פון אמת אין די פאַרשיידענע ידיעות וועגן דייטשע אָדער איטאַליענישע אַגענטן, וואָס העלפן אָנ־צינדן דעם קנויט דאָרטן וואו עס איז פאַראַן אָן אַ שיעור אויפרייס־שטאָף. אָבער מען מוז אָנערקענען, אַז דער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם דעראָבערט פאַר זיך שוין צו לייכט די קעמפערישע מאַסן פון די אונטערדריקטע פעלקער אין די מאַנדאַט־לענדער און קאָלאָניעס. און דאָס איז פשוט דערפאַר, ווייל ער איז כמעט ווי אַליין אויפן פּלאַץ. מיט רעכט האָט אַ גרופּע אינדישע סאָציאַליסטן נאָר וואָס פּראָקלאַמירט אַז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבן איז — צו געווינען פאַרן רע־וואָלוציאָנערן סאָציאַליזם די מאַסן, וואָס קעמפן פאַר אומאָפּהענגיקייט. דער רעפאָרמיסטישער סאָציאַליזם האָט לויט זיין עצם תוך ניט געקאָנט נעמען אויף זיך די אויפגאַבע פון אָרגאַניזירן דעם אַנטי־אימפּעריאַ־ליסטישן קאַמף פון די אונטערדריקטע פעלקער. און אַזוי שאַפט זיך דער טראַגישער געשיכטלעכער פּאַראַדאָקס, אַז אָביעקטיוו רעוואָלו־ציאָנערע קאַמפן ווערן אָפט אָנגעפירט דורך קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע קרעפטן.

דער דאָזיקער טראַגישער ווידערשפרוך לייגט אויך זיין שטעמפּל אויף די קאַמפן אין פּאַלעסטינע. די אַראַבישע קאַמפן קעגן ענגלישן אימפּעריאַליזם וואָלטן געקאָנט דערוועקן נאָר דעם וואַרעמסטן מיט־געפיל אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט. אָבער אין דעם פאַל איז דאָס נישט אַזוי. דער ענגלישער אימפּעריאַליזם פילט זיך דווקא גאַנץ גוט אונטער דער שוץ פון יידישן בליץ־אָפּלייטער. ניט ער קריגט די קלעפּ. פונקט ווי אין די לענדער פון איבעריקן „גלות", לאָדן דאָ אויס די פינצטערע מאַסן זייער צאָרן אויף דער ליניע פון שוואַכסטן ווידערשטאַנד און ס׳געפינען זיך שוין קרעפטן, וואָס וואַ־רעמען אונטער די ראַסן־שנאה און גיסן צו בוימאייל צום פייער. און די ענגלישע אימפּעריאַליסטן קאָנען זיך רייבן די הענט פון שמחה: אָנשטאָט צו זיין אָפּנעמער פון קלעפּ, קאָנען זיי פאַרבלייבן דער דריטער צד, וואָס פסקנט, משפט און גלייכט אויס.

(„נייע פאָלקסצייטונג", מאַי 1936)

אַקטיווע הילף פאַר שפּאַניע!

אַ חודש צייט דויערט דער בלוטיקער געראַנגל אין שפּאַניע. פון איין זייט — די געזעצלעכע שפּאַנישע רעגירונג. זי האָט די איבערוועגנדיקע מערהייט אין פּאַרלאַמענט, וועלכן עס האָט פריי געוויילט דאָס גאַנצע שפּאַנישע פאָלק; זי איז ארויפגעטראָגן געוואָרן צו דער מאַכט דורך אַ מעכטיקער כוואַליע פון באַגייסטערונג, צוטרוי און ענטוזיאַזם. פון דער צווייטער זייט — אַ גרופּע גענעראַלן און פּריצים, וואָס האָבן מיאוס פאַרשפּילט בעת די וואַלן און ווילן זיך אָפּנעמען מיט כוח דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אין אַ פרייער פאָלקס־אָפּשטימונג.

פון איין זייט — דאָס שפּאַנישע פאָלק, וואָס האָט דערוואַכט און וויל בויען אַ נייע פרייע שפּאַניע. פון דער צווייטער זייט — אַ הייפל אונטערדריקער — פאַרשטייער פון צעפוילטן פעאָדאַליזם און אומבאַשרענקטער ספּעקולאַציע, וואָס האָבן ביז ניט לאַנג אומבאַגרענעצט פּאַראַזיטעוועט אויפן לייב פון די שפּאַנישע מאַסן. זייער העלד און פאָנען־טרעגער איז כואַן מאַרטש, אַ מענטש מיט אַ טונקעלער פאַרגאַנגענהייט, וואָס האָט געמאַכט ריזיקע פאַרמעגנס פון קאָנטראַבאַנדע, לאַפּואוקעס און אַנדערע קרימינעלע פאַרברעכנס. אַזאַ כואַן מאַרטש און זיינס גלייכן האָבן נאָר אַ ספּעציעלן אינטערעס אין זיג פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. זיי איז ליבער צו זיין די באַלעבאַטים איבער די שפּאַנישע בענק, איידער צו גיין אין תּפיסה פאַר מיאוסע קרימינעלע פאַרברעכנס, אין וועלכע זיי באָדן זיך איבערן האַלדז.

עס קעמפט דאָס שפּאַנישע פאָלק פאַר זיין פרייהייט און רעכט. קעגן די שפּאַנישע אַרבעטער און פּויערים פירן די פאַשיסטישע גענעראַלן און אָפיצירן אַרויס די טיילן פון דער אַרמיי, וועלכע זיי איז געלונגען איינצוהאַלטן אין דער האַנט. און דער עיקר די „פרעמדלעגיאָנען”, דאָס הייסט, — די באַנדעס גוט אויסגעמושטירטע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברעכער און אויסוואורפן, וואָס זיינען אויסגעשפּיגן געוואָרן פון פאַרשיידענע לענדער און זיינען גרייט פאַר געלט צו טאָן יעדע מאָרד־אַרבעט.

און מען דאַרף געדענקען: די אָפיציעלע שפּאַנישע רעגירונג שטייט אין נאָרמאַלע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט אַלע מלוכות פון דער וועלט. דער בונט פון די שפּאַנישע גענעראַלן איז שטראָפבאַר לויט די קאָדעקסן פון אַלע ציוויליזירטע מלוכות. און דאָך... דאָך

איז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט פול מיט וואַרימסטער סימפּאַטיע צו די פאַרברעכער. און מיר רעדן ניט וועגן פאַשיסטישן דייטשלאַנד און איטאַליע. זייער ראָל אין די שפּאַנישע געשעענישן איז גוט באַקאַנט און ווען עס וועט קומען די שעה פון אָפּרעכענונג פאַר דעם בלוט, וואָס פאַלט אויף די קעפּ פון די פאַשיסטישע גדולים, וועט אין חשבון געוויס ניט פעלן אויך דאָס בלוט פון די שפּאַנישע אַרבעטער־ און פּויע־רים־זין. אָבער ניט נאָר די פּרעסע אין דייטשלאַנד און איטאַליע איז פול מיט סימפּאַטיע פאַר די שפּאַנישע פאַרברעכער. די גרעסטע פּרעסע־אַגענטורן פון דער וועלט, און אונזער היימישע „פאָט" אינ־מיטן, הערן ניט אויף צו מאַכן רעקלאַמע די בונטאָווטשיקעס. די גרעסטע פּרעסע־אָרגאַנען ביי אונז אין לאַנד — וועגן דער ענדעקישער פּרעסע איז דאָך אָפּגערעדט — סאָלידאַריזירן זיך אָפן מיטן אויפ־שטאַנד קעגן דער געזעצלעכער שפּאַנישער רעגירונג. דער פּריציש־סאַנאַטאָרישער „טשאַס" האָט דעם לעצטן פרייטאָג אָפּגעדרוקט אַ גרויסן אַרטיקל, אין וועלכן ער קומט צום אויספיר: „די שפּאַנישע געשעענישן באַווייזן, אַז די גענעראַלע פאַרמעסטונג צווישן רעכטס־אָרדענונג, גע־זעלשאַפטלעכן יושר און קריסטלעכער ליבע צום נאָענטן פון איין זייט — און קאָמוניסטישער אַנאַרכיע און באָלשעוויסטישער באַרבאַריי — פון דער צווייטער זייט — איז פיל נעענטער, ווי מען האָט געמיינט". און צי דאַרף מען צוגעבן, אַז פאַרן „טשאַס" זיינען כּואַן מאַרטש און די אַנדערע אויסוואורפן די פאַרשטייער פון רעכטס־אָרדענונג, געזעלשאַפט־לעכן יושר און קריסטלעכער ליבע, און די אָפיציעלע רעגירונגס־פאַרשטייער די באָלשעוויסטישע באַרבאַרן? און דער „טשאַס" איז, לײדער, נישט פאַראיינזאַמט. אפילו דער ערנסטער ענגלישער „טיימס" שעמט זיך ניט איבערצוחזרן די דייטשע און איטאַליענישע שקרים וועגן דער „האַנט פון מאָסקווע" און צו פאַרדרייען דעם אמת וועגן העל־דישן קאַמף פון די שפּאַנישע מאַסן אין שוץ פון זייער פרייהייט.

אָבער עס שאַדט ניט. די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיטאַליסטישע רעאַק־ציע גיט די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער וועלט אַן אַנשוילעכע לעקציע: זי באַווייזט אויף אַ לעבעדיקן ביישפּיל די גאַנצע צביעות פון אירע פראַזן וועגן רעכטס־אָרדענונג, געזעלשאַפטלעכן יושר און קריסטלע־כער ליבע צום נאָענטן.

***

די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע סאָלידאַריזירט זיך מיטן אויפשטאַנד קעגן דער געזעצלעכער שפּאַנישער רעגירונג. דייטשלאַנד און איטאַליע הערן ניט אויף צו שיקן הילף. די דאָזיקע הילף קאָנען שוין ניט פאַרשווייגן אפילו די בורזשואַזע קאָרעספּאָנדענטן פון פאַר־

שיידענע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען. היינטיקע וואָך איז אין דער פּוילישער פּרעסע געווען פאַרעפנטלעכט אַ באַריכט פון באַקאַנטן אַמעריקאַנער זשורנאַליסט ניקערבאָקער, וואָס באַשטעטיקט, אַז די אויפשטענדער קריגן כסדר עראָפּלאַנען פון דייטשלאַנד און איטאַליע. דער קאָרעספּאָנדענט פון אַמעריקאַנער „טיימס" האָט אין די לעצטע טעג טעלעגראַפירט פון שפּאַניע צו זיין צייטונג, אַז די אויפשטענדער האָבן ווידער אַמאָל באַקומען עטלעכע צענדליק עראָפּלאַנען פון דייטשלאַנד, באַגלייט דורך אינסטרוקטאָרן, וואָס דאַרפן אויסשולן די שפּאַנישע פאַשיסטישע פליער. אין דער זעלבער צייט פּילן די פאָלקס-אַרמייען, — ווי דאָס ווייסן אונזערע לייענער אַגב אויך פון די באַריכטן פון אונזער ספּעציעלן שליח — אַ געוואַלטיקן מאַנגל אין אַמוניציע. און דאָ קומען מיר צו זייער אַ פיינלעכן ענין: עס באַשטעטיקט זיך, ליידער, אונזער פּעסימיסטישע פּאָרויסזאָגונג, אַז דער נייטראַליטעט-פּאָרשלאָג פון פראַנקרייך קאָן פּאַקטיש ברענגען נוצן נאָר דעם פאַשיזם. און דער פאַשיזם גייט טאַקע מיט זיין אויסגעטראָטענעם וועג: ער פאַרציט און פאַרשלעפּט די אונטערהאַנדלונגען און באַגלייט זיין אונטערצינדערישע אַרבעט מיט זיסע רייד וועגן שלום און נייטראַליטעט. אין אַזעלכע באַדינגונגען ווערט די נייטראַליטעט-איניציאַטיוו פון פראַנקרייך אַ פּשוטע זעלבסטמאָרד-טאַקטיק פון די אַנטי-פאַשיסטישע קרעפטן.

און מיר קאָנען דאָ ניט אַריינגיין אין אַן אָפּשאַצונג פון די אומשטענדן, וואָס האָבן דיקטירט אָט די זעלבסטמאָרד-טאַקטיק. אפשר האָבן די קליינבירגערלעכע שותפים פון פאָלקס-פראָנט געהאַפּט אַזוי-אַרום צו געווינען פאַרן נייטראַליטעט-פאָרשלאָג די פּראַקטישע ענגלישע סוחרים, אפשר האָבן זיי זיך דערשראָקן פאַר דער גוואַלטיקער אַגיטאַציע, וואָס די פראַנצויזישע רעאַקציע האָט אָנגעהויבן קעגן העלפן שפּאַניע. אָבער דער אַרבעטער-קלאַס אין אַלע לענדער — און די פראַנצויזישע אַרבעטער ניט אויסגעשלאָסן — נעמט-אויף די דאָזיקע טאַקטיק מיט דער גרעסטער אומרו און זאָרג. דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם האַלט זיין חלק אויף דעם האַלדז פון דער שפּאַנישער רעפּובליק. די שוואַרצע קראָען פון דער גאַנצער וועלט קראַקען פון שמחה. דאָס שפּאַנישע אַרבעטנדיקע פאָלק שפּאָרט ניט קיין בלוט, און עס האָט רעכט צו פאַרלאַנגען און דערוואַרטן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער וועלט און פון די מלוכות, וואו די אַרבעטנדיקע באַאיינפלוסן דאָס פּאָליטישע לעבן פון לאַנד, אין דער ערשטער ריי, די אַקטיווסטע הילף און אונטערשטיצונג. און די דאָזיקע הילף מוז אומגעזוימט קומען!

(„נייע פאָלקסצייטונג", אויגוסט 1936)

דער גרויסער זיג

דער 6טער סעפטעמבער, דער טאָג פון די קהילה־וואַלן אין וואַרשע ווי אין אַ רייע גרעסערע שטעט פון פוילן, איז געווען אַ טאָג פון פרעכטיקן טריאומף פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און פון זיין פּאַרטיי, דעם „בונד”, — אַ טאָג פון אַ צעשמעטערנדיקער מפּלה פאַר דער גאַנצער יידישער רעאַקציע.

דער גלענצנדיקער וואַל־רעזולטאַט וועט נאָך גענוי אַנאַליזירט ווערן אויף די שפּאַלטן פון אונזער צייטונג. אָבער דער הערלעכער זיג אין וואַרשע דערלויבט שוין אויף דער הייסער מינוט צו מאַכן אַ פּאָר אויספירן, וואָס שניידן ממש די אויגן.

דער ערשטער: עס ווערט ענדגילטיק באַשטעטיקט דער פאַקט וואָס איז קלאָר געוואָרן אין היסטאָרישן 17טן מערץ: די ברייטע יידישע האַרעפּאַשנע מאַסע האָט זיך אָפּגעקערט פון די באַנקראָטירטע אגודה־ציוניסטישע קלעריקאַלע און נאַציאָנאַלע קליקעס און דערקלערט מיט דער גאַנצער קלאָרקייט, אַז איר דער וועג איז דער וועג פון „בונד”, דער וועג פון קאַמף פאַר באַפרייאונג און אויסלייזונג אונטער די רויטע פּענער פון סאָציאַליזם.

גלייכצייטיק האָט דאָס יידישע אַרבעטנדיקע פּאָלק קלאָר און אומצווייטייטיק געמשפּט די גאַנצע יידישע רעאַקציע, און דער פּסק־דין קלינגט שאַרף און הילכיק: שולדיק.

דער צווייטער אויספיר: ביידע גרויסע בורזשואַזע יידישע פּאַרטייען — די אגודה און ציוניסטן האָבן קיין שום רעכט ניט צו רעדן אין נאָמען פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע. די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס פּרעטענדירט אַלעמאָל צו פאַרטרעטן ניט ווייניקער ווי דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און טרייבט אין אַלע עקן פון דער וועלט הויך־פּאָליטיק אין נאָמען פון „גאַנצן יידנטום”, האָט געליטן אַ צעשמעטערנדיקע מפּלה. דער גאַנצער פאַראייניקטער נאַציאָנאַלער בלאָק מיט זיינע פראַקציעס און פראַקציעלעך, די ציוניסטן, די סוחרים — אַלע צוזאַמען האָבן געקראָגן מיט אומגעפער 4 טויזנט שטימען ווייניקער פון „בונד”. אויך זייערע פועלים, וואָס איז די הערשנדיקע פראַקציע אין ציוניזם און פאַרוואַלטעט מיט אַלע קרנס און אַמטן האָבן נאָך אַמאָל באַוויזן, אַז זיי זיינען אַ פּאָליטישע נישטיקייט. דאָס גלייכן דער צעקריגטער ציוניסטישער ברודער — די פאַשיסטישע רעוויזיאָ־

ניסטן, וואָס גייען אין די אויסגעטראָטענע ציוניסטישע דרכים און באַרימען זיך, אַז זיי רעדן אין נאָמען פון מיליאָנען. דער ציוניזם אַלס באַוועגונג האָט געקראָגן אַ מיאוסן אָפּשניט.

נאָך גרעסער איז די מפּלה פון דער אגודה. עס האָבן ניט געהאָלפן די קול־קוראָס, גזירות און חרמות פון די רביים און רבנים. עס האָבן ניט געהאָלפן די קונצן, שווינדלערייען, אָדער ריכטיקער: זיי האָבן אפשר געהאָלפן אַז די באַנקראָטירטע אָרטאָדאָקסיע זאָל פולשטענדיק שוין ניט אַראָפּגעשווענקט ווערן פון אויבערפלאַך. די אגודה גייט אַרויס פון די וואַלן צעמזיקט. פון זייער פריערדיקער מערהייט איז פאַרבליבן אַ פאַרשווינדנדיקע מינדערהייט.

אין ווארשע און אין אַ רייע גרעסערע און קלענערע שטעט פון דער פּראָווינץ האָט דער „בונד" געקראָגן די גרעסטע צאָל שטימען, און די ברייטסטע מאַסן האָבן אין דעם דאָזיקן טאָג דעמאָנסטרירט זייער צונויפגעבונדנקייט מיטן קאַמף פון די יידישע אַרבעטער, מיט וועלכן עס פירט אָן דער „בונד".

און די אומגעהויערע באַדייטונג פון בונדישן וואַל־זיג ווערט נאָך גרעסער, ווען מען נעמט אין אַכט די ספּעציעלע באַדינגונגען פון וואַל־קאַמף. מיר האָבן זיך פאַר די וואַלן אָפּגעגעבן אַ רעכענונג אַז די וואַל־שלאַכט אַרום דער גמינע איז ניט דער גינסטיקער באָדן פאַר אַ פּאָליטישער פאַרמעסטונג מיט דער יידישער בורזשואַזיע. עס עקזיס־טירט געוויס אַ ברייטער שיכט פון אָרעמע יידישע ווײלער, וועמען עס לאָקן די סאָציאַלע אידעאַלן פון יידישן אַרבעטער קלאַס, אָבער זייערע רעליגיעזע שטימונגען אָדער נאַציאָנאַליסטישע איינשטעלונג מאַכן זיי פאַר געפאַנגענע פון יידישן קלעריקאַליזם און נאַציאָנאַליזם.

מיר האָבן אויך געוואוסט, אַז די אגודיסטיש־ציוניסטישע מער־הייטן האָבן אַזוי פאַרמיאוסט די קהילות אין די אויגן פון די ברייטע מאַסן, אַז ניט איין ווײלער וועט מוזן גובר זיין אין זיך דעם טיפסטן ווידערווילן אויף אָנטייל צו נעמען אין די וואַלן.

און ניט געקוקט אויף די אומגינסטיקע באַדינגונגען האָבן מיר אויפגענומען דעם קאַמף. אַ דאַנק אונזער אָנטייל האָט די וואַל־קאַמ־פּאַניע אַרום די קהילות געקראָגן דעם כאַראַקטער פון אַ ברייטער פּאָליטישער קאַמפּאַניע. גזשיבאָווסקע 26 איז געוואָרן אַן אָפּשניט פון אַ גרויסן קאַמפּס־פראָנט, וואָס זיינע שוץ־גראָבנס ציען זיך איבער דער לענג און ברייט פון גאַנצן ערד־קויל.

דעם 6טן סעפּטעמבער האָט דאָס יידישע אַרבעטנדיקע פאָלק פון ווארשע אויסגעהאַלטן זיין רייפקייט־עקזאַמען. עס האָט דעמאָנסטרירט זיין גרייטקייט צו קעמפן אונטער די רויטע פענער פון „בונד" און סאָציאַליזם.

דער 6טער סעפּטעמבער 1936 איז געוואָרן אַ ווירדיקער המשך פון סעפּטעמבער 1935, ווען אויפן רוף פון יידישן אַרבעטער־קלאַס האָבן קרוב 80 פּראָצענט פון די יידישע ווילער געזאָגט די גאָטליבס און אַלע אַנדערע שליחי־ציבור פון דער „אגודה", סוחרים און ציוניסטן, וואָס זיי טראַכטן וועגן זייער קריכן אין סיים מיטן חסד פון קנעפּל; דער לעצטער וואַל־טאָג איז געוואָרן אַ ווירדיקער המשך פון פּרעכטיקן 17טן מערץ, ווען די ברייטע מאַסן האָבן ווידער אַמאָל באַוויזן, אַז זיי זיינען פעסט אַרויף אויף די וועגן, אויף וועלכע עס רופט זיי דער „בונד". דער טאָג פון 6טן סעפּטעמבער איז געוואָרן אַ נייער טאָג פון טריאומף פון דער רויטער פאָן.

און מען קאָן ניט רעדן וועגן דעם לעצטן טריאומף־טאָג און ניט דערמאָנען די אַרבעט פון דער פּרעכטיקער בונדישער מחנה אין דעם דאָזיקן טאָג. עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז אין דער פּאַרטיי איז געווען אַ גרויסע צאָל קעגנער פון אָנטיילנעמען אין די קהילה־וואַלן. אָבער אין הסכם מיט די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון „בונד", האָט מען די פראַגע פריי דיסקוטירט, ביז עס איז געפאַלן דער באַשלוס. און איז דער באַשלוס געפאַלן, איז אונזער גאַנצע מחנה געוואָרן אַ פּרעכטיקע שלאַגפערטיקע קאַמפּס־אַרמיי, וועלכע האָט מיט זעלטענער טריישאַפט און איבערגעגעבנקייט געטאָן דאָס, וואָס די מערהייט האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק, און אין טאָג פון די וואַלן האָבן פריינט און פיינט געמוזט אָנערקענען, אַז דער „בונד" מעג שטאָלצירן מיט זיין אַרמיי. עס האָבן אַרויסגעוויזן זייער טריישאַפט אָן גרענעצן הונדערטער עלטערע אַרבעטער און אַרבעטערינס, עס האָט זיך, ווי שטענדיק, געפונען אין די ערשטע רייען אונזער פּרעכטיקע, באַגייסטערטע, פלאַקערנדיקע און שטאָלצע יוגנט, און פון צווישן זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט די יינגסטע — די הערלעכע מחנה פון אונזערע ליבהאַרציקע סקיפּיסטן און סקיפּיסטקעס. און ווער פון אונז עס האָט דעם 6טן סעפּטעמבער געזען די גלענצנדיקע בונדישע מחנה פון קליין און גרויס ביי דער אַרבעט, האָט מיט אַ געפיל פון דערהויבנקייט און שטאָלץ געטראַכט: מיט אַזאַ מחנה קאָן מען ניט פאַרשפּילן!

דער 6טער סעפּטעמבער האָט אונז געבראַכט אַ נייעם גרויסן נצחון. דער דאָזיקער נצחון איז אַ העלער אויפבליץ אין דער היינטיקער פינצטערער צייט, און ער פּילט אָן די הערצער מיט גלויבן און זי־כערקייט, אַז אַזעלכע אויפבליצן וועלן קומען אַלץ אָפטער, און זייערע לויכטנדיקע פלאַמען וועלן ענדגילטיק פאַריאָגן די שאָטנס פון דער נאַכט.

(„נייע פאָלקסצייטונג", סעפּטעמבער 1936)

אַ נייער דור — אַ נייער מענטש

דאָס וויכטיקסטע, וואָס יעדער פאָטער און מוטער מוזן געדענקען איז — דער מאַטעמאַטישער כּלל, אַז צוועלף מיט זעקס איז אַכצן. אַזוי האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט איינער פון די פּיאָנערן פון סאָציאַליסטישער דערציאונג אין עסטרייך ה׳ מאַקס ווינטער. ער איז דערוויַיל אויסן געווען צו דערמאָנען די סאָציאַליסטישע עלטערן, אַז זיי טאָרן ניט באַטראַכטן זייערע 10־ אָדער צוועלפיאָריקע וועוריקעס אַלס ניט אויפנאַמספּעאיק פאַר יענע סאָציאַלע אידעאַלן, וואָס באַגייסטערן זיי אַליין, וויַיל עס וועלן שנעל פאַרלויפן וואָסערע זעקס יאָר, און די היינטיקע קליינע חברה־לייט וועלן שוין אַוודאי שטיין אין די ערשטע רייען פון קאַמף. אָבער צי וועלן זיי זיין ווי געהעריק צוגעגרייט צו זייער ראָל אַלס אַוואַנגאַרד? צי וועלן זיי אין דער צווישנצייט ניט פאַרכאַפּט ווערן דורך אַ פרעמדער און אַמאָל פיינטלעכער פּאָליטישער אידעאָלאָגיע, צי וועלן זיי זיך אַמאָל ניט געפינען אויף אַ צווייטער זייט באַריקאַדע?

מאַקס ווינטערס וואָרענונג האָט זיך טראַגיש באַשטעטיקט אויפן ביישפּיל פון דייטשלאַנד. דאָרט איז געוואָרן שיער ניט אַ מאַסן־דערשיינונג, אַז קינדער פון סאָציאַליסטן האָבן שפּעטער אויסגעפילט די רייען פון דער היטלערישער יוגנט. און מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן די פאַרצווייפלונג פון אַזעלכע סאָציאַליסטישע עלטערן, ווען זיי האָבן פּלוצלונג דערזען דעם תּהום צווישן זיך און זייערע קינדער און דערוואוסט זיך, אַז יענע זיינען געוואָרן פיינט און געפינען זיך אין די רייען פון די ברוינע אָדער שוואַרצע באַנדעס.

די טראַגעדיע פון דייטשן סאָציאַליזם האָט נאָך דייטלעכער אונטערגעשטראָכן דעם טיפן געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט פון עטלעכע איינפאַכע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס: „צען מיט זעקס איז זעכצן״, אָדער „צוועלף מיט זעקס איז אַכצן״. די פּראָבלעמען פון דער סאָציאַליסטישער דערציאונג שטעלן זיך אַלץ דייטלעכער אַוועק אין מיטלפּונקט פון די פּראָבלעמען פון היינטיקן דור. דער סאָציאַליסטישער דערציאונגס־אינטערנאַציאָנאַל באַצייכנט אין די לעצטע יאָרן גאַנץ באַדייטנדיקע דערפאָלגן. אָבער מען מוז אָנערקענען, אַז זיין ראָל אין

דער באַוועגונג אַנטשפּרעכט נאָך אַלץ ניט דער גרויסער און אַקטועל־סטער אויפגאַבע פון אונזער צייט. און די דאָזיקע אויפגאַבע איז: געווינען דעם גאַנצן יונגן דור פאַרן סאָציאַליזם.

דאָס דאָזיקע פּראָבלעם שטייט אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב, עס שטייט ביי אונז אין לאַנד בכלל, און מוז שטיין אויך ביי אונז אויף דער יידישער גאַס. אמת, מיר דאַרפן ניט זיין צו באַשיידן. מיר ווייסן: די סאָציאַליסטישע דערציאונגס־אַרבעט ביי אונז וועט אויסהאַלטן יעדן פאַרגלייך מיט דער דאָזיקער אַרבעט אין די לענדער, וואָס פאַרנעמען אין דעם פּרט די ערשטע פּלעצער. אונזער סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד, דער „סקיף״, קומט מאָרגן צו זיין ערשטן לאַנד־צוזאַמענ־פאָר אַלס גרויסע און אייניציקע מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבע־טער־קינד מיט פיל דערפאַרונג און דערגרייכונגען. אונזער באַוועגונג שעפּט מיט רעכט נחת פון איר יינגסטן צווייג און דאָס פּאָליטיש־גע־זעלשאַפטלעכע פּראָבלעם פון דער מאַטעמאַטישער פאָרמול 12 מיט 6 איז 18 איז פאַר אונזערע עלטערן כמעט ווי געלייזט.

אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג מוז האָבן פיל גרעסערע אַמביציעס ווי איינהאַלטן די אייגענע קינדער. מיר גלויבן, אַז דאָס גאַנצע היינטיקע קינדער־פאָלק וועט, אויסוואַקסנדיק, לעבן אין אַ נייער וועלט, אין געענדערטע סאָציאַלע באַדינגונגען. אָבער ניט איין מאָל איז אויסגעקומען אין די לעצטע יאָרן פעסטצושטעלן: די מענטשהייט איז אָביעקטיוו רייף פאַרן סאָציאַליזם. די פּראָדוציר־מעגלעכקייטן האָבן זיך אומגעהייער צעוואַקסן, און די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוציר־פאַר־העלטענישן זעען אויס אַנטקעגן די קאָלאָסאַלע היינטצייטיקע פּראָ־דוציר־מעגלעכקייטן ווי קינדער־מלבושימלעך, וואָס זיינען לאַנג אַראָפּ פון מאָס, און מוזן פּלאַצן אויף אַלע נעט. אָבער אויב די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער היינטיקער געזעלשאַפט זיינען רייף פאַרן סאָ־ציאַליזם, איז גראָד דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק, וואָס איז באַרופן צו צע־שמעטערן די קאַפּיטאַליסטישע מאַכט אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, גייסטיק ווייט נאָך ניט רייף, און לאָזט זיך אָפט האַלטן אין פּענטע פון פרעמדע אידעאָלאָגיעס. די אָפיציעלע שול, דאָס קינאָ, דער טעאַ־טער, דאָס לערנבוך, די ליטעראַטור פאַר קליין און גרויס, די בורזשואַ־זע פּרעסע מיט דער קינדער־צייטונג איינשליסלעך — אַלץ איז אין היינטיקער געזעלשאַפט אויסגערעכנט אויף דורכזאַפּן יעדן קעמערל פון קינדערשן מאַרך, יעדן צאַפּל פון זיין גייסט, מיט פּאַטריאָטיזם, שאָוויניזם און ראַסן־האַס, מיט אַכטונג צום וויכטיקסטן יסוד פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט — צו פּריוואַט־אייגנטום, אַלץ צילט צו דערציען אין גייסט פון פאָלגעוודיקייט, פון גלויבן אין אָפיציעל אָנער־קענטע אויטאָריטעטן, פון פוסטן קאַריעריזם און קאָנסערוואַטיזם.

דער קאַמף פון סאָציאַליזם מוז זיך דעריבער אָפּשפּילן ניט נאָר אויפן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן, נאָר אויך אויפן קולטורעלן פראָנט. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט האָט גייסטיק אָקופּירט דאָס קינדער־פאָלק. באַפרייען עס פון דער דאָזיקער אָקופּאַציע איז איינע פון די דרינגענדיקסטע אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער דערציאונג. אין דעם פּרט איז קיין שום דערגרייכונג ניט גענוג, אַז מען זאָל זיך מיט איר קאָנען באַפרידיקן. די גאַנצע אַרבעטנדיקע מענטשהייט מוז אַרויס פון גלות פון די קאַפּיטאַליסטישע אידעאָלאָגיעס. דער קאַמף פאַרן קינד מוז ווערן איינער פון די וויכטיקסטע אָפּשניטן פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

אין אונזערע באַדינגונגען באַדייט דאָס פּראַקטיש: מער אויפ־מערקזאַמקייט, מער הילף, מער זאָרג פאַר אונזער סאָציאַליסטישן קינ־דער־פאַרבאַנד, וואָס גייט אין אַלגעמיין אויף אַ ריכטיקן וועג אין זיין שטרעבונג אַרומצונעמען די ברייטסטע מאַסן קינדער פון יידישן אַר־בעטס־פאָלק.

מיר גלויבן, אַז אונזערע יינגסטע וועלן לעבן אין אַ נייער פרייער וועלט. אָבער צי וועלן זיי טאַקע זייןווירקלעך פריי? מיר גלויבן, אַז זיי וועלן לעבן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אָבער צי וועלן פיל פון זיי שוין פאַרשטעלן מיט זיך דעם העכערן טיפּ מענטש, וואָס אַנטשפּרעכט אונזער סאָציאַליסטישן אידעאַל, צי וועלן פיל פון זיי זיין ווירקלעך סאָציאַליסטן?

מיר וויסן, אַז ניט אין מאָל דריקן די טויטע אויף די לעבעדיקע. און אפילו אויך דאָרטן, וואו עס בויט זיך דער סאָציאַליזם, האַלט נאָך אָפּט די געשטאָרבענע פאַרגאַנגענהייט מאָראַליש, פּסיכאָלאָגיש און אידעאָלאָגיש ביים גאָרגל די לעבעדיקע ווירקלעכקייט. אַ נייע מאָראַל, אַ נייע קולטור, אַ נייער סאָציאַליסטישער שטייגער ווערט אויסגע־שטודירט נאָכן זיג פון פּראָלעטאַריאַט ניט אין איין יאָר, און, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אויך ניט אין איין פּאָר צענטליק יאָר. דאָס מוז קו־מען אין רעזולטאַט פון לאַנגע יאָרן סאָציאַליסטישער ווירקלעכקייט. אָבער וואָס טיפער עס וועלן זיך שוין היינט איינוואָרצלען צווישן אונ־זערע יינגסטע די אידעאַלן פון פרייהייט, סאָציאַליסטישן יושר און חברישקייט, די אידעאַלן פון קאָלעקטיוויזם און אַקטיווער שעפערישקייט, אַלץ קירצער וועט זיין דער וועג צו דער גייסטיקער אויסלייזונג פון דער מענטשהייט, אַלץ רייפער וועט זיין דער באָדן פאַר דעם, אַז אין דער באַפרייטער געזעלשאַפט זאָל זיך צעוואַקסן און זאָל בליען אַן אמתע פרייע מענטשהייט, זאָל זיך אַנטוויקלען אַ סאָציאַליס־טישע מאָראַל, אַ סאָציאַליסטישער שטייגער, מיט איין וואָרט, עס

זאָל קומען דער נייער מענטש. וועגן אַזעלכע קאַדרען זאָרגט שוין היינט אונזער וועלטלעך ברייט־פאַרצווייגטע סאָציאַליסטישע קינדער־באַוועגונג. די יינגע צווייגן קאָנען זיך ניט באַקלאָגן, אַז אין דער סביבה פון אונזער אַרבעטער־באַוועגונג זאָל מען וועגן זיי ניט געדענקען. אָבער עס איז נישטאָ די מאָס אויפמערקזאַמקייט און זאָרג, וואָס וואָלט — אין פאַרגלייך מיט די גרויסע און שווערע אויפגאַבן פון דער סאָציאַליסטישער דערציאונגס־אַרבעט, — געוועזן פאַר זיי צופיל. אונזער גאַנצע באַוועגונג וועט דעריבער געוויס מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכפאָלגן די אַרבעט פון ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון „סקיף", וואו עס וועלן ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט ווערן אַלע אויבנדערמאָנטע פּראָבלעמען.

די לאָזונגען: „דער יונגער דור מוז זיין סאָציאַליסטיש!" און „אַ נייער דור — נייע מענטשן" — דאָס זיינען לאָזונגען ניט נאָר פון „סקיף" — דאָס זיינען לאָזונגען פון די אַקטועלסטע און ברענענדיקסטע פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם.

(„נייע פאָלקסצייטונג", סעפּטעמבער 1936)

לערעס פון פיר יאָר היטלער־רעזשים

דער היטלער־רעזשים אין דייטשלאַנד האָט היינטיקע וואָך אָנ־געהויבן דאָס פינפטע יאָר פון זיין עקזיסטענץ. פאַר די פיר יאָר האָט דער היטלעריזם פאַרוואַנדלט איינעם פון די קולטורעלסטע לענדער פון דער וועלט אין אַ מיטלאַלטערלעכער תפיסה. דייטשלאַנד איז היינט אַ בית־עולם פון געדאַנק און קולטור און די בית־הקברות־שטילקייט ווערט דאָרטן געשטערט נאָר דורך אַ בייזן קלימפּער פון געווער. פאַר די פיר יאָר האָט דער פאַשיזם פון דייטשלאַנד געוואָרפן זיין אימה־דיקן שאָטן אויף אַ רייע שכנותדיקע מלוכות און לענדער און האָט אין אַלע עקן פון דער וועלט געפונען פריינט און פאַרבינדעטע, וואָס פאַר־שפּרייטן די היטלער־תורות.

דאָס דייטשע פאָלק שמאַכט שווער אונטערן יאָך פון פאַשיזם. אָבער די תפיסה, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דאָס היינטיקע דייטש־לאַנד, ווערט געהיט דורך גוט באַוואָפנטע וועכטער. די באַריכטן, וואָס קומען אָן פון אומלעגאַלן דייטשלאַנד, דערציילן וועגן העלדישן קאַמף פון יחידים. זייער בלוט וועט געוויס באַפרוכפּערן דאָס דייטש־לאַנד פון מאָרגן. אָבער די דאָזיקע באַריכטן (בלעטערט, למשל, די סיסטעמאַטישע און גרינטלעכע באַריכטן פון „סאָפּאַדע") באַווייזן, אַז די דייטשע מאַסן האָבן נאָך ניט צוריקגעפונען דעם גלויבן אין זיך, און קיין אָרגאַניזירטע מאַסן־באַוועגונג קעגן רעזשים איז ניט בנמצא אין היינטיקן דייטשלאַנד. דאָס שווערע און ביטערע לעבן, די נויט און פאַרשקלאַפונג האָבן אין דייטשלאַנד צווישן די דורכשניטלעכע מאַסן־מענטשן געשאַפן שטימונגען פון יאוש און רעזיגנירטקייט. מען זעט, אַז היטלער פירט אויס אין דער וועלט אַלץ, וואָס ער וויל, און מען גלויבט אין זיין מזלדיקן שטערן. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז די פעסטקייט פון היטלער־רעזשים אין דער גרעסטער מאָס אָפּהענגיק פון היטלערס אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע.

דער היטלעריזם איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעם. און היט־לער טוט אַלץ, וואָס ער קאָן אויף קלאָר צו מאַכן דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון זיין רעזשים. דער היטלעריזם איז אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט געוואָרן דער בייזער גייסט פון דער וועלט. ער האָט זיך

פאַרבונדן אויף לעבן און טויט מיט פראַנקאָן. ער אָרגאַניזירט פאַר־שווערונגען אין פוילן (ווי דאָס האָט באַוויזן דער קאַטאָוויצער פראָ־צעס) און אין פינלאַנד, אין איראַק און מאַראָקאָ, אין לעטלאַנד און טשעכאָסלאָוואַקיע, אין בעלגיע, צפון־אַמעריקע, דרום־אַמעריקע און אַפריקע. פאַרשיידענע דעגרעלס און העגלייגס — קליינע היטלערלעך — אַרבעטן אין אַלע עקן פון דער וועלט פאַרן געלט און לויט די אָנווייזונגען פון היטלער־דייטשלאַנד. דער פּאַשיזם מינירט אונטער די פאַרשיידנסטע לענדער און קאָנטינענטן און איז געוואָרן די גרעסטע דראָאונג פאַרן וועלט־שלום.

אויבנאויף קאָן זיך דוכטן, אַז דער גאַנצער אויסערגעוויינלעכער אויפשוואונג פון פאַשיזם איז אַ מאָדנע רעטעניש. די עקאָנאָמיש־רואי־נירטע דייטשלאַנד האָט אין משך פון קורצע פיר יאָר באַוויזן צו ווערן אַ דראָאונג פאַר דער גאַנצער וועלט און אונטערגראָבן זיך, ווי אַ מוילוואָרף, אונטער מעכטיקע לענדער און מלוכות. און מען מוז מודה זיין, אַז די „גלאַנץ־עפּאָכע” פון פאַשיזם הייבט זיך טאַקע אָן מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט. און הגם דער פאַשיזם איז עלטער פון היטלערן, האָט גראָד היטלערס זיג אָנגעהויבן אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פון פאַשיזם און געהאָלפן אויך מוסאָליניען דעראָבערן פרישע לאַרבער־קרענץ. דאָס וואונדער צו ווערן דער בייזער גייסט פון דער וועלט האָט באַוויזן דווקא דער היטלערישער מין פון פאַשיזם. ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען?

אין דער אמתן איז דאָ ניט געשען קיין שום וואונדער. פאָרשט מען נאָך די געשיכטע פון היטלערס אויפשוואונג, איז ניט שווער אויס־צוגעפינען, אַז דער היטלעריזם איז ניט קיין בייזער גייסט און ניט קיין ממזר פון דער היינטיקער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, נאָר אירס אַ כשר קינד. היטלערס וועג צו דער מאַכט איז געווען אויסגעשפרייט ניט בלויז מיט קרופּס מאַרקן, נאָר אויך מיט דאָלאַרן און פונטן פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער געלט־בערזע. אַמעריקאַנער באַנקירן, אַריער פונקט אַזוי ווי סעמיטן, און ענגלישע נאַפט־מאַגנאַטן האָבן מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט דעם פיל צוזאָגנדיקן שטוב־מאַלער, וואָס האָט זיך פאַר־פליכטעט איבערצומאָלן דייטשלאַנד אויף שוואַרץ.

שוין ביי זיינע ערשטע שריט, וואָס היטלער האָט געמאַכט, אַלס הערשער פון דריטן רייך, איז ער דורך דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט אויפגענומען געוואָרן אַלס צעלאָזן מוזיניקל, פון וועמען מען דערוואַרט זייער פיל און דעריבער איז מען אים פיל מוחל. די זעלבע, וואָס האָבן פון דעמאָקראַטישן דייטשלאַנד געשונדן זיבן פעלן אויפן חשבון פון אָנטשעדיקונג און רעפּאַראַציע, זיינען מוחל היטלערן זיינע חובות.



ערשטע וועלט־קאָנפערענץ פון בונד (בריסל 1947), צווייטער פון לינקס ל. האָדעס.

פרעזידיום פון ערשטער װעלט-קאָנפערענץ פון בונד (בריסל 1947)

די זעלבע, וואָס האָבן שטרענג אָפּגעהיט, אַז דאָס דעמאָקראַטישע דייטשלאַנד זאָל ליגן ביי די פיס — צעטראָטן, דערנידעריקט און אַנטוואָפנט, האָבן מיט זאָרג און ליבע געגומען העלפן היטלערן דורכ־צופירן זיין באַוואָפענונגס־פּראָגראַם. ווען היטלער האָט געקינדיקט די באַשטימונגען פון ווערסאַל בנוגע אַנטוואָפענונג, איז ער געגאַנגען, ווי אויף אַן אייזערנער בריק. נאָך פריער האָט אים שוין די ענגלישע פירמע וויקערס פאַרקויפט אויף קרעדיט אומגעהויערע סכומים וואָפן און געהאָלפן אויפשטעלן אַן עראָפּלאַן־אינדוסטריע.

די קאַפּיטאַליסטישע דיפּלאָמאַטן האָבן ווי עס פּאַסט פאַר די־פּלאָמאַטן, געמאַכט גרויסע אויגן, ווען היטלער האָט געמאָלדן, אַז ער וויל זיך באַוואָפענען, אָבער די ענגלישע אַדמיראַלן האָבן באַלד מיט זעלנערישער פּשטות אָנערקענט פאַר היטלערן דאָס רעכט אויסצובויען אַ קריגס־פלאָט, וואָס זאָל אויסמאַכן 85 פּראָצענט פון מעכטיקן ענג־לישן פלאָט. דערמיט האָט ענגלאַנד היטלערן דייטלעך געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז מיט ווערסאַל מעג ער זיך ניט צערעמאָניען. די דייטשע פעלדפעבעלס אין דער ראָל פון דיפּלאָמאַטן האָבן דעם ענגלישן וואונק דורכגעפירט אַ ביסל צו גראָדליניק. היטלערס קאַפּיטאַליסטישע אַפּיטרופּסים אין אויסלאַנד האָבן זיך געקרימט. אָבער מען האָט היטלערן מוחל געווען, ווי עלטערן זיינען מוחל אייגענע קינדער, אייגן פלייש און בלוט, אויב זיי באַנאַרישן זיך אפילו. היטלער האָט איינגעפירט 2־יאָריקן מיליטער־דינסט, געבראָכן לאָקאַרנאָ און מיט תקיפות גע־פירט אַ פּאָליטיק פון שטעלן די וועלט פאַר געשעענע פאַקטן. גלייכ־צייטיק האָט ער פאַנאַנדערגעבויט אַ מעכטיקע קריגס־אינדוסטריע.

צי האָט מען אים דערין געקאָנט שטערן? צי האָבן די דעמאָ־קראַטישע מלוכות נאָר צוליב זייער ליבע צו שלום פאַרמאַכט די אויגן אויף אַלע פּראָוואָקאַציעס פון היטלער־דייטשלאַנד? — ווייזט זיך אַרויס, אַז אַן קיין איינציקן שאָס האָט מען היטלערן געקאָנט שטערן פאַנאַנדערבויען זיין קריגס־אינדוסטריע. עס זיינען לעצטנס פאַרעפנט־לעכט געוואָרן מאַטעריאַלן, וואָס באַווייזן, אַז די דייטשע קריגס־אינ־דוסטריע איז פאַנאַנדערגעבויט געוואָרן מיט דער אַקטיווסטער הילף פון פראַנצויזישע און שוועדישע קאַפּיטאַליסטן. און די דאָזיקע הילף ווערט אויך איצטער אויף קיין איין טאָג ניט אָפּגעשטעלט. אין די ערשטע צען מאָנאַטן פון 1936 האָט דייטשלאַנד אַריינגעפירט פאַר־שיידענע אַרצן פאַר איר קריגס־אינדוסטריע אויפן אַלגעמיינעם סכום פון קנאַפּע 16 מיליאָן טאָן (אין 1934 — 8 מיליאָן טאָן, אין 1935 — 14 מיליאָן טאָן). פון דעם האָט שוועדן צוגעשטעלט 7 מיליאָן טאָן און פראַנקרייך מיט אַלזשיר — 4־5 מיליאָן טאָן. די קאַפּיטאַליסטן פון

פראַנקרייך, קעגן וועלכער דייטשלאַנד האַלט אין איין באַוואָפענען זיך, לעקן גאַנץ היפּש אָפּ אַ ביינדל פון די דאָזיקע באַוואָפענונגען.

אָבער ניט דאָס איז דער איינציקער נחת, וואָס די וועלט־קאַפּיטאַליסטן האָבן פון היטלערן. אַ דאַנק היטלערן שטאַרקט זיך די רעאַקציע אין דער גאַנצער וועלט. אומעטום קריגן די אַדמיראַלן און גענעראַלן אַלץ מער דעה. פראַנקרייך און דער עיקר ענגלאַנד האָבן פריער געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט אויף צו באַוואָפענען דייטשלאַנד. און איצטער זײַנען שוין אומעטום די פאָדערונגען פון נייע קרעדיטן אויף באַוואָפענונג — אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל: דייטשלאַנד באַדראָט דאָך דעם וועלט־שלום. ענגלאַנד גייט דעריבער איינפירן אָבליגאַטאָרישן מיליטער־דינסט און פאָדערט פון פּאַרלאַמענט אומגעהויערע אוצרות אויף נייע באַוואָפענונגען, און אויך די קאַפּיטאַליסטישע קאַרטעלן און קאָנצערנען מעגן זיין צופרידן פון דער שטיצע, וואָס זיי האָבן געגעבן היטלערן. דער באַוואָפענונג־געיעג האָט געשאַפן אַ צייטווייליקע הויך־קאָניוקטור. אין דער וועלט פעלט שוין באַלד אויס שטאָל. און עס אַרבעט ניט בלויז די קריגס־אינדוסטריע. די פאַבריקן אין די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות שאַפן זיך איין נייע מאָדערנע מאַשינען, — זיי מאָביליזירן זיך פאַרן קריג און פּאַסן זיך צו, בכדי אין יעדן מאָמענט פעאיק צו זיין איבערצוגיין אויף קריג־אינדוסטריע. די אַקציאָנערע געזעלשאַפטן, וואָס אַרבעטן פאַר קריג און נאָענטע אינדוסטריעס, גיבן אומגעהויערע פראָפיטן. דער ווילדער באַוואָפענונגס־געיעג האָט אַרומגעכאַפּט אַלע וועלט־טיילן. און דאָס איז כלומרשט אַלץ דערפאַר, וואָס די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות קאָנען דאָך ניט בלייבן הינטערשטעליק פון די פאַשיסטישע, — דאָס הייסט, פון יענע, וועמען זיי האָבן אַליין באַוואָפנט און העלפן ביזן היינטיקן טאָג צו באַוואָפענען זיך. עס איז פשוט צו שטוינען, וויפל אומפאַרשעמטקייט און צביעות עס שטעקט אין דעם דאָזיקן באַוואָפענונגס־געיעג, און וויפל נאַאיווקייט עס ווייזן אַרויס די אַלע, וועלכע גלויבן, אַז דער קאַפּיטאַליזם באַוואָפנט זיך אויסשליסלעך צום קאַמף קעגן פאַשיזם.

נאָך היינט זײַנען ענגלאַנד און פראַנקרייך באַדייטנדיק שטאַרקער פון פאַשיסטישן בלאָק. נאָך היינט וואָלט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט דורך אַן איינפאַכן עקאָנאָמישן באָיקאָט, געקאָנט פּאַראַליזירן אַלע ווייטערדיקע דייטשע באַוואָפענונגען, און עס וואָלטן גערינגגן ניט געהאָלפן אַלע פוסטע רייד וועגן אויטאַרקיע. דערווייל מוז מען נאָך אויף פּראָדוצירן האַרמאַטן האָבן אייזן און שטאָל, און נאָר אין משוגעים־הויז קאָן מען מאַכן האַרמאַטן פון פוטער. אָבער דער דייטשער פאַשיזם ווערט געפלעגט און געהאָדעוועט דורכן אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל.

און דער לעצטער קוויקט זיך היינט מיט זיין ווערק. ער פֿאַרשטייט אויסגעצייכנט: העלפֿן פֿאַרניכטן דעם פֿאַשיזם באַדייט ניט בלויז אָפּזאָגן זיך פֿון די וואָפֿן־פּראָפֿיטן, נאָר שטעלן שאַרף פֿאַר די מאַסן די פּראָבלעם פֿון אַן אַנדער אויסוועג פֿון קריזיס.

פֿון דייטשן פֿאַשיזם געניסן אַזוי אַרום די ענגלישע און פֿראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטן צוגלייך מיט די דייטשע. דאָס וואָלטן געמעגט געדענקען סיי די אַלע רעפֿאָרמיסטן, סיי די שפּאָגל־נייע רעפֿאָרמיסטן פֿון קאָמוניסטישן חדר, וואָס העלפֿן זייערע אייגענע אַדמיראַלן און גענעראַלן צו קריגן מער מאַכט צוליב דער „דייטשער געפֿאַר״.

פֿיר יאָר הערשט אין דייטשלאַנד דער פֿאַשיזם. פֿאַר די פֿיר יאָר האָט היטלער פֿאַרקלענערט אין דייטשלאַנד די אַרבעטלאָזיקייט. ער האָט געגעבן די אַרבעטלאָזע באַשעפֿטיקונג ביי דער קריג־אינדוסטריע, ביי בויען סטראַטעגישע שאָסעען און פֿעסטונגען. אָבער ער האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿאַרוואַנדלט אין שקלאַפֿן, וואָס ווערן אויפֿן שרעקלעכסטן אופֿן אויסגענוצט דורך די געלט־מאַגנאַטן. היטלער האָט מיט דער הילף פֿון זיינע אויסלענדישע פֿריינט צעריסן ווערסאַל און האָט כלומרשט צוריקגעשטעלט דעם דייטשן כבוד, דערפֿאַר האָט ער געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט דעם דייטשן נאָמען אין גאָר דער וועלט. היטלער האָט אַריינגעשליידערט פֿאַר די פֿיר יאָר די דייטשע מאַסן אין שרעקלעכסטן תהום פֿון נויט און פּיין.

היטלער האָט צעטראָטן מיט די פֿיס די דייטשע קולטור, און אַרויסגעלאָזט פֿריי די בעסטיע פֿון קריג.

היטלער האַלט זיך מיטן גענאָד פֿון זיינע אויסלענדישע פֿריינט, אָבער דער באַוואָפֿענונג־געיעג האָט זיך זיין לאָגיק. די וועלט איז געוואָרן איין גרויסער פּולווער־סקלאַד און אין אַזאַ לאַגע איז אַן אויפֿרייס אומפֿאַרמיידלעך. די פֿיר יאָר היטלער־הערשאַפֿט אין דייטשלאַנד האָבן אויפֿגעעפֿנט די אויגן פֿון די פֿאַרפֿירטע דייטשע מאַסן, זיי זיינען אָבער געבונדן און געפֿענטעט און האָבן ניט קיין קראַפֿט אַרויסצוטרעטן קעגן זייערע פֿאַרשקלאַפֿער.

אָבער ווי געזאָגט, האָבן די פֿיר יאָר היטלער־רעזשים אויפֿגעדעקט מיט דער גאַנצער נאַקעטקייט דעם היינט שוין אויגנריייסנדיקן פֿאַקט: דער פֿאַשיזם איז ניט קיין פּראָבלעם פֿון איין לאַנד און פֿון איין פֿאָלק, דער פֿאַשיזם איז היינט די ברענענדיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעם. די ערשטע מפּלה היטלערס אויפֿן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאָרום מוז מאַכן גליענדיק דעם באָדן אונטער זיינע פֿיס אין דייטשלאַנד גופֿא. היטלערס איינציקע קראַפֿט באַשטייט נאָך היינט אין דעם, וואָס ער קאָן זיך באַרימען מיט נצחונות אין דער וועלט־פּאָליטיק.

און אין יעדן לאַנד קאָן דעריבער געפירט ווערן אַ קאַמף פאַר אָפּשלאָגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם מיטן היטלער־רעזשים אין דער שפּיץ. און דאָס וואָלט געקאָנט דערגרייכט ווערן דווקא ניט דורך שטיצן באַוואָפענונגען, וואָס ווערן כלומרשט געמאַכט קעגן היטלערן, נאָר גראָד פאַרקערט — דורך אַקטיווער אַנטוואָפענונגס־פּאָליטיק וואָס קאָן דורך עקאָנאָמישע מאָסמיטלען אויפגעצוואונגען ווערן אויף היטלער־דייטשלאַנד; דורך קאַמף קעגן קריגס־געפאַר, קעגן די כסדרדיקע קאַפּיטולאַציעס פאַר היטלערן, קעגן צאַצקען זיך מיטן היטלעריזם און קעכלען אים, קעגן פאַרבינדונגען מיט היטלער־דייטשלאַנד, — דורך קאַמף קעגן דער אייגענער רעאַקציע און די קאַפּיטאַליסטישע קליקעס, וואָס שטעלן זייער קאָרט אויף היטלערן. אַזאַ אויסגעהאַלטענער קאַמף אין אַלע לענדער וואָלט געווען די בעסטע הילף, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט קאָן געבן זיינע דייטשע חברים.

(„נייע פאָלקסצייטונג", פעברואַר 1937)

די לאָגיק פון קריג

קריג איז אין פיל פּרטים ענלעך צו אַן אומגעצוימטער סטיכיע. די מלחמה טרעפט שולדיקע און אומשולדיקע, זייעט בלינד טויט און פאַרניכטונג, האָט זיך איר אייגענע אינערלעכע לאָגיק פון אַנטוויקלונג און לאָזט זיך ניט אַריינפּאַסן אין ראַמען פון אָרדענונג און געזעץ. אַלע פּרואוון צו פאַרוואַנדלען זי אין רעגלאַמענטירטן מאַסן־מאָרד האָבן שוין באַנקראָטירט בעת דער וועלט־מלחמה. אין פייער פון וועלט־קריג זיינען אַוועק מיטן רויך פיל פון ביז דעמאָלט פעסטע רעכטלעכע באַגריפן וועגן דעם, ווי אַזוי מען מעג און ווי אַזוי מען טאָר ניט פאַרטיליקן מענטשן, און ס'האָט זיך בולט אַנטפּלעקט די גליענדיקע זינלאָזיקייט פון דער שטרעבונג צוצוגעבן אַ געזעצלעכן כאַראַקטער צו גרוילטאָטן פון מאַסן־מאָרד, וואָס דער עצם פאַקט פון זייער פאַרלויפן זיך איז איין גרויסע קייט פון פאַרברעכנס קעגן אַלע געזעצן פון דער העכערער מענטשלעכער נאַטור, וואָס פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין אַ פּשוטער חיה.

דער סטיכישער כאַראַקטער פון קריג, וואָס האָט זיין אייגענע דינאַמיק און וויל נישט פּליסן דווקא אין טייך־געלעגער, וואָס איז פאַר אים אָנגעמערקט, האָט זיך שוין אַנטפּלעקט אויך אין די „אומלעגאַלע" מלחמות, וואָס פירן זיך היינט אין דער וועלט: אין איטאַליעניש־דייטשן מאָרד־צוג קעגן שפּאַנישן פאָלק און אין יאַפּאַנישן רויבאָנפאַל אויף כינע. ביידע מלחמות צעוויגן אַרום זיך אַלץ ברייטערע כוואַליעס פון אומרו און פּילן אָן די גאַנצע וועלט מיטן ריח פון פּולווער.

יאַפּאַן, למשל, וואָלט אַמליבסטן געוואָלט פאַרבלייבן אויג אויף אויג מיט כינע. אָבער דער קליינער „שטראָף־שפּאַציר" ווערט אַלץ דייטלעכער פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער מלחמה. און אויב אַ גרויסע מלחמה — מוז יאַפּאַן שוין אָנקומען צו אַ בלאָקאַדע פון כינעזישע ברעגעס. און אויך די בלאָקאַדע האָט זיך איר לאָגיק. יאַפּאַן זאָגט אָן, אַז זי וועט ניט דורכלאָזן קיין כינעזישע שיפן. נו, און אויב די כינעזער וועלן פירן סחורות און אַמוניציע אין ענגלישע, אַמעריקאַנישע אָדער אַנדערע שיפן? עס איז דעריבער קלאָר, אַז דער אָנהויב פון דער בלאָקאַדע, וועגן וועלכער עס איז אין די לעצטע טעג געמאָלדן געוואָרן, עפנט אַ קאַפּיטל פון אינצידענטן, צוזאַמענשטויסן און פּראָוואָקאַציעס צווישן יאַפּאַן און אַנדערע גרויסע מלוכות.

ניט בעסער ווי אין שטילן אָקעאַן איז די לאַגע אויפן מיטללענדישן ים. די נעכטיקע דעפּעשן פאַרצייכענען שוין דעם 15טן פאַל, ווען פראַנקאָס עראָפּלאַנען באָמבאַרדירן אַן ענגלישע האַנדלס־שיף. די ענגלישע קאָנסערוואַטיווע רעגירונג איז, ווי באַקאַנט, גאַנץ גוט גע־שטימט צו פראַנקאָן, און דאָס אָפיציעלע ענגלאַנד קוקט דעריבער דורך די פינגער אויף די „שטיפערייען" פון פראַנקאָס פליער. אָבער נאָכן 15טן פאַל האָט ענגלאַנד געזען זיך פאַרט געצוואונגען בייצולייגן אַ פּראָטעסט ביי פראַנקאָן קעגן דעם מנהג, וואָס ער האָט זיך געמאַכט פון איבערפאַלן פרידלעכע האַנדלס־שיפן.

גלייכצייטיק איז דאָס פאַרן אויפן גאַנצן מיטללענדישן ים — פון מאַרסעל ביז די דאַרדאַנעלן — געוואָרן געפערלעך פּונקט ווי אין די לאַנג פאַרגאַנגענע צייטן, ווען אויף שיפן האָבן אומעטום געלויערט ים־רויבער. בלויז אין משך פון די לעצטע צוויי וואָכן האָבן „אומ־באַקאַנטע" אונטערוואַסער־שיפן דערטרונקען פיר שפּאַנישע שיפן, און איינע פון זיי — אין די טערקישע וואַסערן. איין אונטערוואַסער־שיף פון „אומבאַקאַנטן אָפּשטאַם" באַדראָט די גאַנצע שיף־באַוועגונג אין מאַר־מאַר־ים. און טערקיי איז שוין נעכטן אַרויסגעטראָטן מיט אַ וואָרענונג, אַז זי וועט קעגן די ים־רויבער אָנווענדן באַוואָפנטע קראַפט. און די דעפּעשן דערציילן וועגן אומרו אין רומעניע און אַנדערע מלוכות ביים מיטללענדישן ים. און באַזונדערס גרויס איז די נערוועזיטעט אין ענגלאַנד. אַ קלייניקייט — די „הערשערין איבער ימים" קאָן ניט פאַרזיכערן אַ פרייע שיף־באַוועגונג אין מיטללענדישן ים, וואָס איז די וויכטיקסטע האַנדלס־אַרטעריע פון דער וועלט!

אָבער דאָס, וואָס געשעט היינט אין מיטללענדישן ים, גיט בלויז אַ שוואַכן מיניאַטורמעסיקן פאַרבילד פון דעם, וואָס מאָרגן וועט זיך טאָן אין שטילן אָקעאַן, וואו די בלאָקאַדע וועט פירן ניט פראַנקאָ מיט דער הילף פון אַ פּאָר איטאַליענישע אונטערוואַסער־שיפן, נאָר יאַפּאַן מיט איר מעכטיקן קריגס־פלאָט. אין שטילן אָקעאַן, וואו עס טרעפן זיך צונויף די קעגנזעצלעכע אינטערעסן פון כמעט אַלע גרוי־סע מלוכות, ווערט היינט פאַרקניפּט אַ געפערלעכער קנויל, צוליב וועלכן אַ ריי פעלקער און לענדער קאָנען אַ ליאַדע טאָג זיך אַריינדרייען אין בלוטיקן געווירבל.

און מעג די אָדער יענע מלוכה מער אָדער ווייניקער אויפריכטיק פראָקלאַמירן „נייטראַלקייט" און „נישט־אינטערווענץ" — די אונטערצינ־דערישע אַרבעט פון די מלחמה־העצער גייט שוין פרוכטן, און דער קריג — קוים האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן — פאַרמאָגט ער שוין זיין אינערלעכע לאָגיק, זיין אייגענע גרויסע אויפרייס־קראַפט.

(„נייע פאָלקסצייטונג", אויגוסט 1937)

די טראַגישע שטילקייט

אויפֿן וויטן מזרח אַנטוויקלען זיך די געשעענישן מיט אַ בליץ־שנעלן טעמפּאָ. עס דונערן האַרמאַטן, און עס גיסט זיך מענטשלעך בלוט. עס זיינען פֿון ביידע זייטן געבראַכט געוואָרן אין באַוועגונג גראַנדיעזע אַרמייען. מלחמה איז אָפֿיציעל ניט דערקלערט. אין דער זעלבער צייט, ווען אויף אַ באַדייטנדיקן טייל פֿון דער כינעזישער טעריטאָריע רעדן שוין די האַרמאַטן, פֿירן נאָך אַלץ געשפּרעכן צווישן זיך די דיפּלאָמאַטן אין נאַנקין און אין טאָקיאָ. אָבער די מעכטיקע דונערן פֿון די האַרמאַטן פֿאַרהילכן שוין היינט די צביעותדיקע בוימל־רייד פֿון די דיפּלאָמאַטן. עס בושעוועט דער פֿייער פֿון קריג, און קיין שום אָפֿיציעלער קריג־דערקלערונג.

אַזאַ צושטאַנד איז יאַפּאַן פֿולשטענדיק צום האַרצן. די יאַפּאַנישע גענעראַלן און דיפּלאָמאַטן פֿאַרזיכערן נאָך איצטער, אַז יאַפּאַן טראַכט גאָר ניט וועגן מלחמה, זי שיקט בלויז קיין האָפּעי און טשאַהאַר אַ מין שטראָף־עקספּעדיציע. מער ניט וואָס — דער יאַפּאַנישער שטראָף־קאָרפּוס באַגעגנט אויפֿן וועג כינעזישע רעגולערע טיילן, און אַזוי ווי יענע שטערן אים צו פֿאַרווירקלעכן זיינע שטראָף־אויפֿגאַבעס — פֿאַרניכטעט מען זיי מיט די מאָדערנסטע מאָרד־מכשירים.

אָבער קיינער אין דער וועלט נאַרט זיך ניט וועגן אמתן זין פֿון די געשעענישן אויפֿן וויטן מזרח. גראָד די איצטיקע צייט, ווען ענגלאַנד איז שטאַרק פֿאַרנומען אין אייראָפּע, און ווען דער ראַטן־פֿאַרבאַנד ווערט צעטרייסלט דורך דעם זעלבסטמערדערישן יאָגד אויף „פֿאָלקס־שונאים", האַלטן די יאַפּאַנישע גענעראַלן פֿאַר פּאַסיק אויף צו פֿאַרכאַפּן נייע טיילן פֿון כינע.

די יאַפּאַנישע גענעראַלן־רעגירונג וואָלט, פֿאַרשטייט זיך, ליבער געוואָלט אָפּהאַלטן אַ „גרויסן זיג" ניט פֿירנדיק קיין מלחמה. און יאַפּאַן האָט זיך טאַקע געלאָזט אויפֿן אויסגעפּרוּווטן וועג פֿון דורכקומען מיט אָרטיקע פֿאַרקויפֿטע כינעזישע גענעראַלן; אין רעזולטאַט וואָלט יאַפּאַן געוואָלט שאַפֿן, לויטן ביישפּיל פֿון מאַנדזשוקאָ, אַ לאָקאַלע רעגירונג אין צפֿון־כינע, וואָס זאָל טאַנצן אַזוי ווי אין יאַפּאַן וועט מען שפּילן. און יאַפּאַן האָט איצטער אויסגעשטרעקט איר האַנט צו יענע טיילן

פון כינע, אויף וועלכע זי שאַרפט לאַנג די ציין, אָבער וועלכע זי האָט ביז איצטער ניט געוואַגט אָנצורירן. די אָנגעמערקטע רויב — די פּראָווינצן פון צפון־כינע — האָבן פאַר יאַפּאַן אַ ווירטשאַפטלעכע אי אַ סטראַטעגישע באַדייטונג. האָפּעי איז רייך מיט אייזן־ערץ און באַוול. שאַנסי האָט אומגעהויערע אוצרות מיט שטיין־קוילן. נאָך גרעסער איז די סטראַטעגישע באַדייטונג פון צפון־כינע פאַר יאַפּאַן, אויב די יאַפּאַנער זאָלן הערשן אין צפון־כינע, וועט דאָס רעשט כינע בלייבן פולשטענדיק אָפּגעשניטן פון מאָנגאָליע און רוסישן סיביר. יאַפּאַן האָט דעריבער אין די לעצטע יאָרן ניט איין מאָל אינטריגירט אין צפון־כינע און געשטרעבט צו שאַפן דאָרטן „אויטאָנאָמע" רעגירונגען, וואָס זאָלן זיין געהאַרכזאַם די אָנווייזונגען פון יאַפּאַנישן טייטל.

אָבער ביז איצטער האָט יאַפּאַן ניט געוואַגט פּראָוואָצירן אַן אָפּענעם קריג. זי האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר ראַטן־פאַרבאַנד, ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן. איצטער גלויבט מען אין יאַפּאַן, אַז אונטער די קלאַנגען פון דער פינצטערער זאַווערוכע, וואָס בושעוועט אין דער וועלט, קאָן מען אומגעשטערט פאַרווירקלעכן דעם אָנגעמערקטן רויב־פּראָגראַם.

די יאַפּאַנער גענעראַלן זאָגן צו זייערע מאַסן אַ „זיג אָן אַ קריג", זיי ווייסן אָבער אַליין אויך גאַנץ גוט, אַז די שאַנסן פון אַ „זיג אָן אַ קריג" זיינען היינט גאַנץ קליינע. אין כינע איז אין די לעצטע יאָרן שטאַרק אויסגעוואַקסן דער דראַנג צו ווידערשטאַנד קעגן די סיסטעמאַטישע יאַפּאַנישע רויב־אַקטן. דער לאָזונג פון גאַנץ כינע איז היינט: „ניט לאָזן זיך מער רויבן פון יאַפּאַן!", און די רעגירונג פון טשאַן־קאַי־טשעקן, וואָס איז ניט גרייט צום קריג און וואָלט אפשר געוואָלט דורכקומען מיט יאַפּאַן, מוז זיך רעכענען מיט די דאָזיקע שטימונגען, פאַר יאַפּאַן איז דעריבער מסתמא גאָר ניט קיין איבעראַשונג דער פאַקט, וואָס נאַנקין האָט אַרויסגעשיקט אירע דיוויזיעס קיין צפון־כינע. און הגם די יאַפּאַנישע דיפּלאָמאַטן מאַכן זיך תמעוואַטע און רעדן נאָך וועגן אַ „לאָקאַלן קאָנפליקט" מיט דער 29טער דיוויזיע פון צפון־כינע, האָבן זיי געוויס גענומען אין קויף, אַז דער „לאָקאַלער" קאָנפליקט שמעקט מיט אַריינוואַרפן גאַנץ אַזיע אין די פייער־קנוילן פון קריג, — און די יאַפּאַנישע גענעראַלן האָבן דעם דאָזיקן קריג ניט בלויז פּראָוואָצירט, נאָר זיי האָבן געוויס אויך ווי געהעריק זיך צו אים צוגעגרייט.

די מלחמה פירט זיך שוין פאַקטיש. און די וועלט? און די פעלקער־ליגע, וועמענס מיטגליד עס איז די באַפאַלענע כינע? די גרויסע מלוכות, וואָס שטייען כלומרשט אויף דער וואַך פון פרידן? — ווי

קיינמאָל גאָר ניט. אַ טראַגישע שטילקייט הערשט אַרום דער שרפה אין ווייטן מזרח. מען מאַכט אפילו מער ניט קיין אָנשטעל, אַז מען איז גרייט צו העלפן און מען וויל העלפן דעם באַפאַלענעם. ווען יאַפּאַן האָט אין 1931 אָנגעהויבן איר רויב־אַרבעט אין כינע, האָט נאָך די פעלקער־ליגע געשיקט קאָמיסיעס און געזעצט סנהדרינס. אַזוי איז אויך געווען בעת מוסאָליניס איבערפאַל אויף אַביסיניע. אמת, מוסאָליניס מיט כיראָטאָן איז פון די דאָזיקע קאָמיסיעס ניט געוואָרן קעלטער און די כינעזער און אַביסיניער איז פון זיי ניט געוואָרן וואַרעמער. אָבער דעמאָלט האָט די פעלקער־ליגע נאָך געהאַט אַ געוויסן פּרעסטיזש, וועלכן מען האָט געפּרואווט ראַטעווען, עס איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע מיינונג, וועמען מען האָט געמוזט צאָלן שטייער. היינט האָט דער פאַשיזם לעגאַליזירט די מאַכט פון פויסט, און די וועלט קוקט זיך צו כמעט ווי גלייכגילטיק ווי די געפּאַנצערטע יאַפּאַנישע פויסט לאָזט זיך אַראָפּ אויפן צעוויטיקטן און צעפּייניקטן קערפּער פון אומגליקלעכן כינע.

די דאָזיקע טראַגישע שטילקייט, וואָס הערשט אַרום דעם נייעם יאַפּאַנישן רויב־צוג אין כינע קאָן בלויז דערמונטערן די פאַשיסטישע און אינטערנאַציאָנאַליסטישע רויבער צו נייע גוואַלט־אַקטן. דאָס איז אַ שטילקייט, וואָס פון איר ווערט געבוירן דער פאַרוויסטנדיקער שטורעם.

(„נייע פאָלקסצייטונג", אויגוסט 1937)

דאָס אייז האָט געריירט

די לעצטע ידיעות פון געטאָ־פראָנט זאָגן אָן גאַנץ אומצווײדײטיק: דאָס אייז האָט זיך געריירט. עס מערן זיך מיט יעדן טאָג די אַרויס־טרעטונגען פון פּאַרשטייער פון דער פּוילישער קולטור־וועלט קעגן געטאָ, עס וואַקסט דער ווידערשטאַנד קעגן אָננעמען דעם חרפּה־קראַנץ, וואָס די פּאַראָרדענונג פון די רעקטאָרן לייגט אַרויף אויף דעם פּוילישן הויך־שול־וועזן.

אין די לעצטע פּאָר וואָכן האָט מען געקאָנט פאַרצייכענען אַ רייע מוטיקע אַרויסטרעטונגען פון פּראָפעסאָרן אין וואַרשע: עס געפינען זיך צווישן די דאָזיקע פּראָפעסאָרן מענטשן מיט כאַראַקטער, וועלכע וואַרפן קאַטעגאָריש אָפּ די בזיונותדיקע פּאַראָרדענונג. עס געפינען זיך צווישן זיי די נאָבעלע מענטשן, פון הויכן מאָראַלישן ווערט, וואָס געפינען ניט פּאַר מעגלעך אַליין זיך צו זעצן בעת די לעקציעס, ווען יידישע סטודענטן דריקן־אויס זייער פּראָטעסט קעגן דער שאַנד־פּאַראָרדענונג דורך שטיין. אַן ענלעכע לאַגע איז אין לעמבערג, וואו דער רעקטאָר שטעלט זיך שאַרף אַנטקעגן די געטאָ־פּאַראָרדענונגען פון די ענדעקעס, און וואו מיטן רעקטאָר האָט זיך סאָלידאַריזירט דער גאַנצער אוניווערזיטעט־ראַט.

דאָס וויכטיקסטע איז אָבער, דער כאַראַקטער פון די פּראָטעסטן. נאָבעלע שטימען פון יחידים אין דער פּוילישער קולטור־וועלט קעגן די מעשים־תעתועים פון די אַנטיסעמיטישע קאָליגאַנעס האָבן זיך געלאָזט הערן אויך פריער אין פּאַר צוויי יאָרן. היינט אָבער באַטייליקן זיך שוין אין דער דאָזיקער אַקציע ווייט ניט קיין יחידים. אין דער פאַרזאַמלונג פון די פּראָפעסאָרן און דאָצענטן פון די וואַרשעווער הויך־שולן, וואָס איז פאַראַכטאָגן פרייטאָג אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין „אַטענעאום״ ווענגן די יידישע בענק, האָבן זיך באַטייליקט העכער 50 פּראָפעסאָרן און דאָצענטן. עס זיינען נאָך דערצו אַריינגעפלאָסן אַ רייע בריוו פון באַקאַנטע פאַרדינסטפולע פּראָפעסאָרן, מיט סאָלידאַריטעט־אויסדרוקן צו די צילן פון דער פאַרזאַמלונג. פּראָפ. שימאַנאָווסקי, איינער פון די פּאַרקעמפער קעגן דער שאַנד פון געטאָ, דערציילט אין נעכטיקן „דזש. פּאַראַנני״, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געוועזן

סיי עלטערע פּראָפעסאָרן, סיי „יונגע מענטשן, וועלכע שטעלן זייערע ערשטע שריט אויפן אַקאַדעמישן געביט".

פּראָפעסאָר שימאַנאָווסקי דערציילט ווייטער, אַז די פאַרזאַמלונג האָט זיך אויסגעצייכנט מיט פולשטענדיקער איינשטימיקייט פון די בליקן, און ער שאַצט אָפּ די רעזולטאַטן פון דער פאַרזאַמלונג אין פאָלגנדיקע ווערטער:

„ווייזט זיך אַרויס, אַז מיר זיינען גאָרנישט אַזוי ווייניק, אַז די מחנות וואָס זיינען גרייט צו שטעלן זיך אויף דער וואַך פון אַ הויכן ניוואָ פון אַקאַדעמישן לעבן, — זיי וואַקסן און, וואָס איז צום וויכטיקסטן, זיי ווערן מוטיקער. די אָנגעהויבענע אַקציע וועט ניט אָפּגעשטעלט ווערן".

אַז אַזוי איז דאָס טאַקע, — אַז „די מחנות וואַקסן" — דאָס פילט זיך בחוש אויף יעדן שריט. אין די ציינן, ווען דער קאָסטעט און די זשילעטקע האָבן אָנגעהויבן אין די הויך־שולן זייערע ערשטע גאַ־סטראָלן, ווי אויך אין די צייטן פון פּשיטיק, האָט מען געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, אַז אין פּוילן איז פאַראַן בלויז איין פּראָגרעסיווער כוח, וואָס איז גרייט צו ווערן זיך קעגן פּאָגראָמען און געטאָ, — דער אָרגאַ־ניזירטער און באַוואוסטזיניקער אַרבעטער־קלאַס. ווייטער קומען אין באַטראַכט אַ פּאָר נאָבעלע יחידים און ווייטער איז שוין איין גרויסער גייסטיקער מדבר. ניט אומזיסט איז דעמאָלט געקומען די גרויסע מאַנונג פון אָפּאַטאָשו צו די פּוילישע אינטעלעקטואַליסטן און שריפט־שטעלער, הלמאי שווייגן זיי. און די דאָזיקע מאַנונג איז אין יענע צייטן אויך כמעט ווי פאַרבליבן אַ שטים אין דער וויסטעניש.

די פּוילישע אינטעלעקטועלע וועלט נעמט זיך איצטער פאַנאַנ־דערוויגן. צוזאַמען מיט דער אַקציע פון די פּראָפעסאָרן לאָזן לעצטנס אַלץ אָפטער הערן זייער פּראָטעסט־שטים די פאָרשטייער פון דער פּוילישער ליטעראַרישער עליטע. אָט איז די סאַמע לעצטע טעג אַרויסגעטראָטן מיט ווערטער פון צער און צאָרן די שריפטשטעלערין האַלינאַ גורסקאַ אין איר בריוו צו דער פרוי פון לעמבערגער רעק־טאָר. און ווידער אַמאָל איז שוין די אַרויסטרעטונג פון אָט דער טאַ־לאַנטפולער שריפטשטעלערין ווייט ניט קיין פאַראיינצלטע. מיר האָבן אין לעצטן פעריאָד שוין ניט איינמאָל פאַרצייכנט אויף די שפּאַלטן פון אונזער ציישונג מוטיקע אַרויסטרעטונגען קעגן דער אַנטיסעמיטישער העצע פון אָנגעזעענע פאָרשטייער פון דער פּוילישער ליטעראַטור.

מיט איין וואָרט, דאָס אייז האָט זיך גערירט.

וואָס איז אַזוינס געשען, וואָס דער געדיכטער גייסטיקער מדבר האָט גענומען ריזלען מיט אַזוי פיל לעבעדיקע און פרישע קוואַלן?

די באַרבאַריי און אויסגעלאַסנקייט פּאַרסמט שוין היינט אַזוי שטאַרק די לופט, אַז יעדער אַנשטענדיקער מענטש מוז דערפילן, אַז אים פאַרפעלט אָטעם. געגוג אַלס איינעם פון די פיל ביישפּילן צו דער־מאָנען די אַוואַנטורע אין אַן אָפּעראַציע־זאַל אין איינעם פון די וואַר־שעווער שפּיטאָלן.

פיל פון די יעניקע, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער זייט פון פּאָליטישן לעבן, באַמערקן היינט מיט שרעק, אַז די צונעמענדיקע כוואַליע פאַשיזם דראָט אָראָפּצושווענקען אַלע קולטורעלע און עטי־שע ווערטן.

און דער דאָזיקער מאָמענט שפּילט געוויס אַ באַדייטנדיקע ראָל. אָבער מען מוז געדענקען, אַז ער איז פאַרט בלויז אַ פּרט. באַרבאַריי האָט דאָך אויך פריער ניט געפעלט. דאָס וויכטיקסטע איז, וואָס אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד זיינען אין די לעצטע פּאַר יאָר רייף געוואָרן געוויסע פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין די טיפענישן פון לעבן און וואָס האָבן זיך ניט אָנגעזען אויפן אויבערפלאַך. דער שווער־פּונקט פון די מאַסן־שטימונגען רוקט זיך אויסדריקלעך איבער אויף לינקס. די ברייטע מאַסן ווילן ניט זיין קיין סוביעקט פון פּאָליטיק, קיין פּרואוו־קראָליקלעך, איבער וועלכע פאַרשיידענע פּאָליטישע דאָקטוי־רים זאָלן דורכפירן זייערע עקספּערימענטן, — זיי ווילן ווערן די באַ־שטימער פון זייער גורל, די טרעגער פון אַ נייער אָרדענונג. דער וועלט פאַשיזם אַנטפּלעקט זיך אַלץ מער און מער אַלס סיסטעם פון שקלאַפעריי, אַלס בראַנד־נעסט פון מלחמות, און ער פאַרלירט זיין אָנ־גריף־קראַפט אויך ביי אונז אין לאַנד. און די באַפרייאונגס־לאָזונגען פון פּראָלעטאַריאַט דעראָבערן ביי אַזעלכע אומשטענדן אַלץ ברייטערע שיכטן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. צוזאַמען מיט דעם וואַקסט צווישן אַלץ ברייטערע קרייזן דער דראַנג צו אַ נייער אָרדענונג, צו הומאַניזם און פרידלעכן צוזאַמענלעבן, און אויך די פאַרשטייער פון דער אינ־טעלעקטועלער וועלט — די גייסטיקע עליטע אין לאַנד דערפילט אין אַזעלכע באַדינגונגען אַ פעסטערן באָדן אונטער די פיס.

די אַרויסטרעטונגען פון די פוילישע אינטעלעקטואַליסטן האָבן דעריבער אַ טאָפּלטע באַדייטונג. זיי זיינען פאַר זיך אַליין דערפרייענ־דיק אַלס אויסדרוק פון קאַמף פאַר הומאַניזם, — זיי סיגנאַליזירן אָבער אויך אַ פולשטענדיק נייע כוחות־פאַרהעלטעניש אין פוילישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און רעדט מען שוין וועגן די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לאַנד פאַר די לעצטע פּאַר יאָר, קאָן מען ניט פאַרשוויגן דעם מוטיקן קאַמף פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אונטער דער אָנפי־

רונג פון אָרגאַניזירטן יידישן אַרבעטער־קלאַס, דעם קאַמף, וואָס האָט אין זיין געשיכטע אַזעלכע רומפולע בלעטלעך, ווי 17טער מערץ 1936 און 19טער אָקטאָבער 1937. דער קאַמף פון די יידישע מאַסן, ווי אויך די האַלטונג פון די יידישע אַקאַדעמיקער האָבן געוויס געהאָלפן צוצו־שמידן די אויפמערקזאַמקייט פון די בעסטע טיילן פון דער פוילישער געזעלשאַפט צו דער שאַנד פון די געטאָ־פאַראָרדענונגען.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון: דער קאַמף קעגן געטאָ איז נאָך אַ לאַנגער און אַ שווערער. דער זיג אויף דעם דאָזיקן אָפּשניט איז פאַר־בונדן מיט דעם אַלגעמיינעם זיג איבערן פאַשיזם. אָבער אין דעם דאָזיקן קאַמף קריגן מיר צו אַלץ נייע און נייע פאַרבינדעטע. מיט אונז איז דער אָרגאַניזירטער פוילישער אַרבעטער־קלאַס, מיט אונז זיי־נען די בעסטע פאָרשטייער פון דער פוילישער קולטור־וועלט.

(„נייע פאָלקסצייטונג", נאָוועמבער 1937)

דער פּראָלעטאַרישער קולטור־קאַמף

מיר האָבן שוין פריער פעסטגעשטעלט: אויפן אָפּשניט פון וועלט־לעכער שול־טעטיקייט זאַמלט די יישאָ אַרום זיך אַלע שעפערישע קרעפטן פון יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק.

אָבער שול־טעטיקייט איז דאָך פאָרט נאָר איין צווייג פון דער אַל־געמיינער קולטור־שאַפונג. די שולן נייטיקן זיך אין דער וואַרעמער אַטמאָספער פון אַ בליענדיקער ליטעראַטור, גוטן טעאַטער, רייכער ביבליאָטעק, מיט איין וואָרט, — אין דער אַנטוויקלונג און אין דעם אויפבלי פון אַלע שעפערישע כוחות פון די מאַסן.

וואָס־זשע ווערט ביי אונז סיסטעמאַטיש געטאָן אויף די אַלע דערמאָנטע געביטן? און מען מוז זאָגן גלייך: — כמעט ווי גאָרנישט, אַלנפאַלס, זייער ווייניק.

דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט באַלד נאָכדעם, ווי ער האָט דערוואַכט צום לעבן און קאַמף, פאָרמולירט זיינע קולטור־אידעאַלן. דער עצם פּראָצעס פון דערוואַכונג איז געווען אַ פּראָצעס פון קולטור־רעוואָלוציע, און אין קאַמף פאַר דער נייער וועלט האָט דער יידי־שער אַרבעטער־קלאַס געשמידט נייע פּרעכטיקע קולטור־ווערטן. די ערשטע פּראָקלאַמאַציע פון „בונד" וועט מסתמא אין דער צוקונפט אָפּ־געשאַצט ווערן, אַלס די וויכטיקסטע ליטעראַטור־געשעעניש ביי יידן אויף אַ רייע פון דורות. ווערטער, וועלכע האָבן געאָטעמט מיט הייי־ליקן צאָרן, האָבן באַפליגלט און באַגייסטערט גרויסע מאַסן, און געשאַפן נייע קאַדרען לייענער, און די דערוואַכטע מאַסן האָבן דאָרשטיק גע־טרונקען די נייע ווערטער, אָנגעזאַפּטע מיט בלוט און פּראָטעסט. צוזאַמען מיטן ליכט פון אויפקלערונג, זיינען אין די קעלערס און בוידעם־שטיבלעך אַריינגעדרונגען אויך נייע קולטור־באַדערפענישן און שטרעבונגען. דער „בונד" האָט אויפגעוועקט די אָפּגעשטאָנענע מאַסן צום קאַמף, און ביי זיי האָט זיך גלייכצייטיק דערוועקט אַ סטיכישער דראַנג צו קולטורעלער באַנייאונג.

די יידישע אַרבעטער־מאַסן זיינען ביז היינט פאַרבליבן די וויכ־טיקסטע און אָפט די איינציקע קאָנסומענטן פון נייעם יידישן בוך, פון גוטן יידישן טעאַטער, די טרעגער און פאַרקעמפער פון דער נייער

יידישער קולטור. אָבער נאָר אויפן שול־געביט פירט זיך ביי אונז אַן עקשנותדיקע און סיסטעמאַטישע אויפבוי־אַרבעט. אמת, דאָ און דאָרט גיבן זיך חברים אָפּ מיט לייב און נפש אויף פּאַנאַנדערצובויען אַ ביבליאָטעק, אויף אויסהאַלטן אַ כאָר, אויף שאַפן אַ גוטן דראַמאַ־טישן קרייז. איבערהויפּט צייכנט זיך אויס אין דעם פּרט אונזער יוגנט־ און קינדער־באַוועגונג. אָבער מ׳מוז מודה זיין, אַז אין די דאָ־זיקע אַלע אַרבעטן קומט מער צום אויסדרוק סטיכישער דראַנג צו נייער קולטור, ווי סיסטעמאַטישע און באַוואוסטזיניקע אָנפירונג. און די דערגרייכונגען בלייבן ניט סומירט, די דערפאַרונג ניט פאַראַלגע־מיינערט. די פּרעכטיקע דערפאַרונג פון אַ וואַרשעווער גראָסער־ביב־ליאָטעק, די פיינע אויפטועון פון לאָקאַלע יוגנט־כאָרן, די שאַפונג פון באַזונדערע דראַמאַטישע קרייזן, דער נייער קולטור־שטייגער, וואָס ווערט געשמידט אויף די יוגנט־ און קינדער־לאַגערן, — דאָס זיינען אַלץ זייער וויכטיקע אָרנאַמענטן פון אונזער נייעם קולטור־בנין, אָבער אָט די אַלע אַרבעטן פירן זיך אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע, און אויף זיי רוט ניט די ברכה פון קאָלעקטיווער צוזאַמענאַרבעט.

און דערפון מוז געמאַכט ווערן דער אויספיר: פונקט ווי אויפן שול־געביט, מוז אויך עקזיסטירן אַ צענטראַלע אָנפירונג פון דער אַל־געמיינער טעטיקייט אויפן פעלד פון דער נייער וועלטלעכער קולטור. אַזאַ אָנפירונג וואָלט געקאָנט מונטערן און וועקן, געבן אָנווייזונגען און אונטערציען סך־הכלען, זאָרגן, אַז לאָקאַלע דערפאַרונג זאָל ווערן דער קנין פון גאַנצן כלל און העלפן ראַטעווען דאָרטן, וואו עס באַ־דראָט אונטערגאַנג. אין די באַדינגונגען פון היינטיקער רעאַקציע, ווען דאָס לעבן אין פיל שטעט און שטעטלעך גייט אונטערן צייכן פון קולטור־ווירוואַר און טריאומפירנדיקער קולטורלאָזיקייט, וואָלט אַזאַ אָנפירנדיקער צענטער געקאָנט אַריינברענגען פיל מונטערקייט און פרישקייט.

מיר שאַפן זיך ניט קיין אילוזיעס. אַ צענטראַליזירטע קולטור־אָנפירונג וואָלט ניט געלייזט די טראַגישע פּראָבלעמען פון יידישן בוך, טעאַטער, אָוונט־שול, פאָלקס־אוניווערזיטעט א. אַנד., פונקט אַזוי ווי די עקזיסטענץ פון „אונזער שול" און יישא לייזט ניט די דערציאונג־פּראָבלעם. די לייזונג פון די אַלע פּראָבלעמען ליגט אויפן פלאַך פון פּאָליטישן קאַמף. עפנטלעכע רעכט פון דער יידישער שפראַך, יידישן מלוכה־טעאַטער, מלוכהשע און שטאָטישע יידישע ביבליאָטעקן, פונקט אַזוי, ווי מלוכה־שולן אין דער יידישער אונטעררירכט־שפראַך, קאָנען אַליין נאָר לייזן די פּראָבלעמען פון דער יידישער קולטור און שול. און דער קאַמף פאַר די קולטורעלע רעכט פון די יידישע מאַסן איז

נאָר אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם פּאָליטישן קאַמף. די עקזיסטענץ פון „אונזער שול" און „יישאָ" לייזט ניט די פּראָבלעמען פון דער יידישער שול, אָבער זי שטעלט זיי אַוועק מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. אָבער ווער שטעלט ביי אונז אַוועק מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פּראַגן פון נייעם יידישן בוך, פון דער יידישער ביבליאָטעק, פון ליקווידירן דעם אַנאַלפאַבעטיזם צווישן די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, פון מאָ־דערנעם קינסטלערישן טעאַטער? דאָס זיינען אַלץ קעגנשטאַנדן פון אונזער טאָג־טעגלעכן קאַמף, אָבער דער דאָזיקער קאַמף איז פּאָרט ניט אויסגעפּילט מיט לעבעדיקן ברויזנדיקן אינהאַלט, אַזוי ווי, צום ביישפּיל, דער שול־קאַמף. אַ צענטראַליזירטע נעץ ביבליאָטעקן, כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן, פאָלקס־אוניווערזיטעטן, אָוונט־קורסן, דערגאַנצונג־שולן פאַר קינדער, וועלכע לערנען זיך אין דער פרעמדער שול, אַ פאַראייניקונג פון די לייענער און די ביבליאָטעקן, פון צוהערער פון קורסן, פון זינגער און סטודיאַנטן, — דאָס אַלץ צוזאַמען וואָלט אָנגע־פילט אונזערע אַלגעמיינע קולטור־לאָזונגען מיט לעבעדיקן, צאַפּלדיקן אינהאַלט, און וואָלט געקאָנט גאָר שטאַרק אַקטואַליזירן דעם אַלגע־מיינעם פּאָליטישן קאַמף פאַר די קולטור־רעכט פון די יידישע מאַסן. די פּראָבלעם פון אַ צענטראַליזירטער קולטור־אָנפירונג איז ערנסט און דרינגענדיק.

אָבער נאַטירלעך וואָלט זיך געקאָנט האַנדלען ניט וועגן סתם צענטראַליזירונג, נאָר וועגן קאָאָרדינירן די אַרבעט, וועלכע איז באַ־פליגלט דורך איינע און די זעלבע אידעאַלן. קודם כל וואָלט, אַלס ערשטער עטאַפּ, געמוזט צענטראַליזירט ווערן די גאַנצע קולטור־אַר־בעט, וועלכע עס פירן אויס פאַרשיידענע טיילן פון אונזער באַוועגונג: „קולטור־ליגע"־אָפּטיילונגען, קולטור־סעקציעס און קולטור־אַמטן פון די פאַראיינען, ביבליאָטעקן, סטודיעס, כאָרן, קרייזן א.ד.גל. פאַר אַזאַ צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציע וואָלטן זיך געעפנט נייע ברייטע פּער־ספּעקטיוון; און זי וואָלט געוויס מאָביליזירט אַרום זיך די ברייטסטע קרייזן, וועלכע זיינען גרייט צו קעמפן פאַר דער נייער וועלטלעכער מאַסן־קולטור. אַזאַ מאָביליזאַציע איז דרינגענדיק, און עס ווילט זיך גלויבן, אַז די באַרירטע פּראַגע וועט ניט פאַרבלייבן אָן אַן אָפּקלאַנג.

(„נייע פאָלקסצייטונג", יאַנואַר 1938)

טערועל מאָנט

שפּאַניע פאַרנעמט ווידער אַ חשובן פּלאַץ אויף די שפּאַלטן פון דער גאַנצער נאַציאָנאַליסטישער פּרעסע. דער פּאַטריאָטישער גענעראַל פראַנקאָ, וואָס פּאַרקויפט־אויס זיין פּאַטערלאַנד איינציקווייז און אין הורט, האָט אין די לעצטע טעג פאַרשאַפט די שוואַרצמאַהעניקעס פון אַלע לענדער אַ שפּאַר ביסל פרייד. נאָך אַן אויסערגעוויינלעך בלוטיקער, לאַנגדויערנדיקער און פאַרביסענער שלאַכט האָט ער צוריק אָפּגענומען טערועל, און די זיילן רויך, וואָס קנוילן זיך איבער דער כמעט פולשטענדיק צעשטערטער שטאָט, קיצלען זיס די נאָזלעכער פון אַלע דינער פון פאַשיסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

וואָס באַדייטן אין דער אמתן די געשעענישן ביי טערועל? — זיי באַשטעטיקן נאָכאַמאָל דאָס, וואָס עס האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק דערקלערט פאַר פאַרשטייער פון דער פּרעסע דער שפּאַנישער פּרעמיער נעגרין, ער האָט געזאָגט וועךטלעך פאָלגנדיקס:

„וואָס איז שייך מענטשן־מאַטעריאַל, קאָנען מיר אויסהאַלטן אפילו פינף אָפענסיוועס, און פראַנקאָ קאָן זיך אונזער אַרמיי ניט אַנטקעגנשטעלן. אָבער עס פעלט אונז מאַטעריאַל. מיר פאַרמאָגן ניט גענוג שווערע אַרטילעריע, אויף צו פאַרניכטן די פּאָזיציעס פון שונא און גענוג עראָפּלאַנען, בכדי אומעטום צו באַקעמפן דעם שונאס לופט־פלאָט. מיר פּראָדוצירן כסדר מער און כסדר בעסער, אָבער פאָרט ניט גענוג, בכדי אויסצוגלייכן דעם גאַנצן ריזיקן מאַטעריאַל, וואָס פראַנקאָ האָט געקראָגן און קריגט ווייטער און וואָס דעקט אים דעם מאַנגל אין מענטשן. מיר האָבן אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער געקויפט קריגס־מאַטעריאַלן און געצאָלט פאַר דעם מיט גאָלד. און ווען מען זאָל דאָס געקויפטע מאַטעריאַל ניט שטערן אונז אַריינפירן אין לאַנד, דאַן וועלן מיר שוין אין נאָענטסטן זומער קאָנען פייערן אונזער זיג".

די דאָזיקע דערקלערונג פון נעגרין איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 10טן פעברואַר, אַלזאָ, — העכער אַ וואָך פאַרן פאַלן פון טערועל. און דער אויסגאַנג פון דער שלאַכט ביי טערועל האָט פאַר די פריינט פון שפּאַניע ניט געדאַרפט זיין קיין איבעראַשונג. עס איז גיכער נויטיק צו באַוואונדערן דעם העראָאיזם און מסירת־נפש, מיט וועלכן די שפּאַ־

נישע פֿאָלקס־אַרמיי האָט, ביי אַזאַ מאַנגל אין קריגס־מאַטעריאַל, אין פֿאַרלויף פֿון פֿולע צוויי חדשים פֿאַרביסן פֿאַרטיידיקט די דעראָבערטע שטאָט און האָט ביי טערועל געבונדן אַלע כוחות פֿון גענעראַל פֿראַנקאָ.

די צוויי־חדשימדיקע שלאַכט פֿאַר טערועל וועט געוויס געהערן צו די העראָאישסטע עפּיזאָדן פֿון קאַמף פֿון די שפּאַנישע מאַסן פֿאַר זייער פֿרייהייט. ווער געדענקט דאָס ניט דאָס פֿאַרגעניגנדיקע קראַקען פֿון אַלע פֿאַשיסטישע ראָבן אין האַרבסט 1937 ? פֿראַנקאָ האָט דעמאָלט דעראָבערט דאָס באַסקן־לאַנד און אַסטוריע, און האָט באַפֿרייט אַ גרויסע 50־טויזנט־קעפּיקע אַרמיי, וועלכע ער האָט געזאָלט וואַרפֿן אויף מאַדריד. דער שטערן פֿונם הענקער פֿון די שפּאַנישע מאַסן האָט גענומען העל לייכטן. אין דער גאַנצער וועלט האָט מען געשריבן און גערעדט מיט זיכערקייט, אַז אין דעצעמבער וועט אין שפּאַניע שוין אַלץ זיין פֿאַרענדיקט. איין מלוכה נאָך דער צווייטער האָט, מיט דער לייכטער האַנט פֿון ענגלאַנד, גענומען אָפֿיציעל אָדער ניט־אָפֿיציעל איינשטעלן באַציאונגען מיטן צעבונטעוועטן גענעראַל. פֿון פֿאַרשיידענע זייטן האָט מען גענומען שאַרפֿן די ציין אויף דער שפּאַנישער ירושה. „פֿראַנקאָ איז געשעפֿט”! — איז געוואָרפֿן געוואָרן דער לאָזונג אויף דער ענגלישער בערזע. און די ענגלישע סוחרים האָבן דאָס אין יענע צייטן גענומען גרייטן די פֿרידלעכע פֿאַרמעסטונג צווישן גאָלד און אייזן, וואָס איז אויך היינט די וויכטיקסטע ריכט־ליניע פֿון דער ענגלישער פּאָליטיק. אויף דער לאָנדאָנער סיטי האָט מען מיט גבירישער זיכערקייט און תקיפֿות באַשלאָסן צו דערלויבן מוסאָליניַן צו צעשטערן שפּאַניע, זייענדיק איבערצייגט, אַז אייזן אויף צעשטערן פֿאַרמאָגן היטלער און מוסאָליני, אָבער נאָכן גאָלד, וואָס וועט נויטיק זיין אויף אויפֿצובויען די חורבות, וועט פֿראַנקאָ מוזן אָנ־קומען צו ענגלאַנד.

אָבער עס איז געקומען דער אָנגעזאָגטער דעצעמבער, און צו דער שרעק פֿון אַלע, וואָס האָבן געשטעלט זייער קאָרט אויף פֿראַנקאָן, איז גאָר די שפּאַנישע פֿאָלקס־אַרמיי אַריבער אין אָנגריף. און גאַנצע צוויי חדשים — דער גאַנצער ווינטער־סעזאָן פֿון די קריגס־אָפּעראַציעס — איז פֿראַנקאָן געווען נויטיק אויף צו ליקווידירן די רעזולטאַטן פֿון דעם דאָזיקן אָנגריף. דער בילאַנס פֿון דער ווינטער־קאַמפּאַניע איז אַלזאָ וויַיט ניט קיין טרויעריקער. און די שפּאַנישע מאַסן און זייערע מיליאָניקע פֿריינט אין אויסלאַנד קאָנען מיט זיכערקייט קוקן אין דער צוקונפֿט אַריין. מאַדריד קאָן און מוז ווערן דער קבר פֿון פֿאַשיזם!

*
**

אין דער זעלבער צייט קאָן מען מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז די פּאָליטישע באַדינגונגען פונם קאַמף פון די שפּאַנישע מאַסן, ווערן גינסטיקער. מיט אומרו האָבן די אַרבעטער־מאַסן פון גאָר דער וועלט נאָכגעפאָלגט די ברודער־קאַמפן אין די רייען פון שפּאַנישן אַרבעטער־קלאַס, און מיט ביטערקייט האָבן זיי צוגעקוקט זיך צו די עקספּאָרטירטע קאַמפּס־מעטאָדן, וואָס זייער טרויעריקסטער אויסדרוק זיינען געווען די דערמאָרדונג פון בין, דאָס פאַרשלעפּן פון מאַרק ריין א.א. מען האָט מיט זאָרג געטראַכט וועגן דעם, אַז אינערלעך פּאָליטיש איז די שפּאַנישע רעגירונג אָפּגעשוואַכט דורכן באַזייטיקן קאַבאַלעראָן און די סינדיקאַליסטישע פאַראייניגן פון דער דירעקטער מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מאַכט. אָבער דווקא אין דעם פּרט מערקט זיך לעצטנס אַ שטאַרקע בעסערונג. עס איז געקומען צו דער ווייטגייענדיקסטער דערנענטערונג צווישן ביידע צענטראַלעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן, — דער מאַרקסיסטישער או. כע. טע. און אַנאַרכיסטישער ס.נ.ט., און די פּראָפעסיאָנעלע אייניקייט פון שפּאַנישן אַרבעטער־קלאַס מאַכט ריזיקע שריט פאָרויס. אַלס יסוד פון דערנענטערונג ווערט געלייגט דער געמיינזאַמער קאַמף קעגן פאַשיזם. און די אַטמאָספער פון פאַרברידערונג פון גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, אַלס גאַראַנטיע פון זיג, מוז האָבן איר פּעולה. זי מוז מיטהעלפן, אַז עס זאָלן אויסגעוואָרצלט ווערן פון שפּאַנישן באָדן די טרויעריק־באַקאַנטע מעטאָדן פון ברודער־קריג.

די שפּאַנישע מאַסן ווייזן אַרויס אַן אומבאַשרייבלעכע העלדישקייט און דאָס בלוט, וואָס פאַרפלייצט שפּאַניע מאָנט און רופט. נעגרינס טרוקענע און זאַכלעכע דערקלערונג — דאָס איז אַ ברענענדיקער באַשולדיקונגס־אַקט. וויפל די אַרבעטנדיקע מאַסן האָבן ניט געטאָן פאַר שפּאַניע — איז דאָס אַלץ ווייניק. די קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע פון אייראָפּע, מיט ענגלאַנד בראש, העלפט צו די פאַשיסטן צו דערשטיקן שפּאַניע. און דאָס געשעט אויף די אויגן פון די מיליאָנען פריינט פון רעפּובליקאַנישן שפּאַניע.

און דווקא די געשעענישן ביי טערועל מוזן ווערן אַן אויסגאַנגספּונקט פון אַ פרישער פאַרפינפאַכטער, פאַרצענפאַכטער אַקציע לטובת די שפּאַנישע מאַסן, אַן אַקציע פאַר העלפן שפּאַניע, אַן אַקציע פאַר פאַרענדיקן מיטן חוזק פון ניט־אינטערווענץ.

און יעדער הילף איז וויכטיק. ביי אונז אין לאַנד פירט זיך אַן אַקציע פאַר די הונגעריקע שפּאַנישע קינדער, ווי ווייניק דאָס איז אין

פאַרגלייך מיט די טייכן בלוט, וועלכע עס גיבן אָפּ די שפּאַנישע אַר־בעטער און פּויערים אין קאַמף פאַר זייער פרייהייט און דער פריי־הייט פון דער גאַנצער מענטשהייט! דאָס פאַלן פון טערועל מוז אויך ביי אונז ווערן אַן אָנזאָג און דערמאָנונג.

די אַקציע, וואָס פירט זיך מוז אַריינציען די ברייטסטע מאַסן! זי מוז פילפאַך פאַרשטאַרקט ווערן, זי דאַרף דעמאָנסטרירן ניט בלויז סימפּאַטיעס פון די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן פאַרן רעפּובליקאַנישן שפּאַניע, זי דאַרף אויך אַרויסווייזן זייער וויטגייענדיקע קרבנות־גרייט־קייט אין קאַמף קעגן פאַשיזם!

(„נייע פאָלקסצייטונג", פעברואַר 1938)

היטלערס דריי־איינהייט

„איין דייטש פאָלק, איין מלוכה, איין פירער!" — דאָס איז דער לאָזונג אונטער וועלכן היטלער האָט איצטער אָנגעהויבן די אַרבעט פון ענדערן די מאַפּע פון דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע. מיט איין שטריך האָט ער אַראָפּגעמעקט פון דער מאַפּע עסטרייך אַלס זעלבשטענדיקע מלוכה.

דעם פּשט פון דעם דאָזיקן לאָזונג ווייסן אַלע. אין דער ביבל פון די נאַציס, אין היטלערס „מיין קאַמף", און אין די ווערק פון אַנדערע נביאים פון דריטן רייך, ווערט דער דאָזיקער לאָזונג פאָרמולירט אָן קיין שום דיפּלאָמאַטישע פּליטערלעך: עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, דייטשע שווייץ, עלזאַס־לאָטערינגען, דייטשע פּראָווינצן פון דענעמאַרק, דאַנציג, באַלטישע מלוכות, פּאָמערן, אויבערשלעזיע און אפילו אוקראַינע — דאָס זיינען אַלץ לענדער און געגנטן, וועלכע דער דייטשער פאַשיזם אין זיין גרויסקייט־שגעון זעט אין חלום און אויפן וואָר, אַלס טיילן פון דריטן רייך: „איין דייטש פאָלק, איין מלוכה!".

אין אייראָפּע האָט מען זיך לכתחילה באַצויגן צו היטלערס פאַנטאַסטישע פּלענער, אַזוי ווי מען באַציט זיך צו די רייד פון אַ היציקראַנקן. מען איז לאַנג געווען איבערצייגט, אַז יעדער פּרואוו צו פאַרווירקלעכן כאָטש אַ טייל פון די דאָזיקע משוגענע פּלענער וועט זיך פאַרענדיקן מיט אַרויפוואַרפן אַ משוגעים־העמד אויף דעם, וואָס וועט עס וואַגן. און מיט געמיינזאַמע כוחות וואָלטן אַלע לענדער, וואָס רינגלען אַרום דאָס דריטע רייך, און פון וועלכע היטלער האָט אין זיין „קאַמף" צוגעזאָגט צו רייסן שטיקער — בשותפות מיט די לענדער, וואָס האָבן גאַראַנטירט די סטאַבילקייט פון דער היינטיקער מאַפּע פון דער וועלט — אַזוי לייכט דאָך געקאָנט אין באַליביקן מאָמענט אַרויפוואַרפן אַ שטאָלענעם משוגעים־קאַפּטאַן אויף יעדן רו־שטערער!

דער פאַשיזם איז אָבער דאָס צעפּיעשטשעטע מוזיניקל פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע, און מען האָט אים ניט געשטערט אין זיינע באַרימערייען. אויב דער טשאַד און רויך פון באַרימערייען — האָט מען שוין געזאָגט מיט גרינגשעצונג — איז היטלערן נויטיק בכדי צו באַרוישן זיין פאָלק, טאָ זאָל אים דאָס זיין צו געזונט.

היטלער האָט אָבער געמוזט אָנהויבן צאָלן די וועקסלען, וועלכע ער האָט אונטערגעשריבן. אין אויגוסט 1934 האָבן די נאַציס דערמאָרדעט דאָלפוסן. דער דאָזיקער מאָרד איז געווען זייער ערשטער אויסשפּירונגס־פּרואוו. די אויסשפּירונג האָט באַוויזן, אַז אייראָפּע איז נאָך ניט רייף צו פאַרדייען היטלערס אַגרעסיע, און היטלער האָט זיך דעמאָלט אויף אַ געוויסער צייט צוריקגעצויגן פון זיינע אָפענע אַנעקסיע־פּלענער.

היטלער האָט גענומען פירן אַן אַנדער פּאָליטיק. ער האָט גענומען זוכן אָפענע און שטילע שותּפים. מיט איטאַליע, וואָס האָט אין פול־מאַכט פון גאַנץ אייראָפּע געזאָלט זיין דער שומר פון דוניי־בעקן, איז היטלער דורכגעקומען. מען האָט זיך איינגעטיילט די וועלט. די איטאַ־ליענישע „אימפּעריע” קריגט אַביסיניע, וויכטיקע פּאָזיציעס אין שפּאַניע און ביים סועץ, די העגעמאָניע אין מיטללענדישן ים, נייע ווירקונגס־ספערן אין גאַנצן נאָענטן מזרח. היטלער ווערט דער באַלעבאָס אין אייראָפּע. ביידע פאַשיסטישע דיקטאַטאָרן האָבן גענומען אַרויסווייזן זייער „גרויסקייט”. עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָליטיק פון „גע־שעענע פאַקטן”.

ביי יעדן פאַל פון די געשעענע פאַקטן האָבן סיי מוסאָליני, סיי היטלער זייער פיל געשטעלט אין קאָן. אין יעדן פאַל האָבן זיי לייכט געקאָנט ברעכן האַלדז־און־נאַקן. מוסאָלינין האָט מען געקאָנט שטערן שיקן קריגס־מאַטעריאַל קיין אַביסיניע, און עס האָט געהערשט אַן איינהייטלעכע מיינונג פון פאַכמענער, אַז אפילו נאַפט־סאַנקציעס אַליין וואָלטן מוסאָלינין דערשלאָגן. מען האָט דאָס ניט געטאָן. עס איז געקומען היטלערס „געשעענער פאַקט” פון זיבעטן מערץ מיט צוויי יאָר צוריק. די דייטשן האָבן פאַרנומען דעם ריין־געביט. איצטער איז באַוואוסט, אַז די דייטשע אָפיצירן האָבן געהאַט אַ באַפעל צוריקצו־ציען זיך ביים מינדסטן פראַנצויזישן ווידערשטאַנד. אַזאַ ווידערשטאַנד איז ניט געקומען, אויך אַט דער געשעענער פאַקט איז אַדורך גלאַט. עס איז געקומען דער געשעענער פאַקט אין שפּאַניע. אויך דאָ האָבן היטלער און מוסאָליני געקראָגן פולשטענדיק פרייע הענט צו דער־שטיקן די רעפּובליקאַנישע שפּאַניע און אויך דאָ האָט מען זיי לייכט געקענט געבן איבער די הענט.

די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיעס האָבן אין יעדן פאַל באַזונדער געזען פאַר זיך דעם אויסוואַל: חרפּה און מפּלה פון פאַשיזם, וואָס איז זיי סאָציאַל נאָענט, אָדער וואוקס פון דייטשן און איטאַליענישן אימפּעריאַליזם; זיי האָבן געדאַרפט אויסוויילן: זיג פון דער רוי־טער פאָן פון דייטשלאַנד, איטאַליע, שפּאַניע און עסטרייך, — אָדער אייגענער ריקצוג. און יעדעס מאָל האָבן זיי אויסגעוויילט דאָס צווייטע.

היטלער טריאומפירט היינט זיין זיג אַלס גרויסער פירער. ער נעמט צאָלן זיינע וועקסלען. אָבער ער איז גרויס ניט מיט זיין אייגענער גרויסקייט. ער איז גרויס צוליב דער נידערטרעכטיקייט, פאַלשקייט, פחדנות און צביעות פון די, וואָס האָבן אים לייכט געקאָנט נידערשמעטערן אין שטויב. ער איז גרויס צוליב דעם וואָס פאַרן פיעדעסטאַל, אויף וועלכן ער האָט זיך אַליין אַוועקגעשטעלט, גייען די פאַרשטייער פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע אויף די שפּיץ־פינגער, כדי חלילה ניט אומוואַרפן אים; נאָך מער, זיי קריכן פאַר דעם דאָזיקן פיעדעסטאַל אויפן בויך, און יעדער קופּערנער שטערן קאָן דאָך זיין מיט פיל קעפּ העכער פאַר די, וואָס ליגן פרייוויליק אויפן בויך!

היינט האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פרישער קאַפּיטולאַציע. טשעמבערלען האָט דאָך ניט לאַנג עפנטלעך אויסגעחוזקט דעם געדאַנק פון קאָלעקטיווער זיכערקייט און אָנגעזאָגט, אַז ענגלאַנד קאָן קיינעם ניט שיצן. צי קלינגט דען אַזאַ דערקלערונג ניט פּונקט ווי אַן איינלאַדונג צו היטלערן, ער זאָל נעמען, וואָס אים געפעלט.

און די אַנעקסיע פון עסטרייך פּרוּווט מען שוין היינט אין פאַרשיידענע לענדער צביעותדיק פאַרענטפערן. מען פאַררופט זיך אויף דעם, וואָס פאָרמעל איז אַלץ געווען אין אָרדענונג. דער קאַנצלער זייס־אינקוואַרט האָט דאָך אַליין איינגעלאַדן היטלערן. דאָס האָט דעם זעלבן פּנים, ווי בשעת מען וואָלט אומגעפּער אַזוי פאַרענטפערט אַ רויבער: נאָכדעם ווי דער רויבער האָט צוגעשטעלט זיין רעוואָלווער צום שלייף פון קרבן, האָט דאָך דער קרבן „פרייוויליק" איבערגעגעבן זיין פאַרמעגן דעם רויבערס שותף, און יענער האָט דאָס „געזעצלעך" אַוועקגעשענקט דעם רויבער. און ערנסטע נאַציאָנאַלע און פּאַטריאָטישע צייטונגען אין אַלע לענדער שעמען זיך ניט אונטערצושטרייכן די „לעגאַלקייט" פון אָט דעם רויב!...

עסטרייך „יובלט". וועגן דעם זאָרגן שוין היינט די געניטע געשטאַפּאָ־מייסטערס, וואָס האַלטן כסדר אין איין פּראָדוצירן יובל און ענטוזיאַזם. די ערשטע שוואַלב פון דריטן רייך אין ווין איז טאַקע געווען דער שעף פון געשטאַפּאָ.

און דער יובל גייט אונטערן לאָזונג:

„איין דייטש פאָלק, איין מלוכה, איין פירער!" דאָס איז געוואָרן היינט דער דריי־אייניקייט־סימבאָל פונם נאַציסטישן גלויבן.

אָבער צו דעם „אייניקן" דייטשן פאָלק געהערן שוין היינט אויך די עסטרייכישע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, וואָס פירן נאָך זיך די מאַסן אין עסטרייך. דאָס וועט נאָך פאַרשאַפן היטלערן ניט איין

דאגה. און אויך דער גאַנצער „דריי־אייניקייט״־לאָזונג מוז ניט אין איינעם פון די לענדער, וואָס גרענעצן זיך מיט דייטשלאַנד, דערוועקן אומרו און זאָרג.

צי וועט אויפן באָדן פון דעם דאָזיקן באַגרינדעטן אומרו וואַקסן דער ווידערשטאַנד קעגן פאַשיזם? — ער וועט וואַקסן, אויב די מאַסן וועלן אומעטום זיין אַקטיוו. און גראָד דער לאָזונג, אונטער וועלכן היטלער האָט פאַרכאַפּט עסטרייך, דערמאָנט אַלעמען, אַז פאַשיזם באַדייט פאַר די ברייטע מאַסן ניט בלויז נויט און אומגליק, נאָר אויך די שטענדיקע מלחמה־געפאַר.

(„נייע פאָלקסצייטונג״, 14טן מערץ 1938)

העראָיזם אין אונזער צייט

פון דער לייכטער האַנט פונם פראַנצויזישן שריפטשטעלער מאַלראָ האָט אונזער טראַגישע צייט געקראָגן די טרעפלעכע באַצייכענונג: „צייטן פון פאַראַכטונג". און די פילם־טאַשמע פון היינט־צייטיקן לעבן ברענגט אַזוי פיל שרייענדיקע בילדער פון רשעות און געמיינ־קייט, אַז עס דוכט זיך אָפטמאָל, אַז מאַלראָס באַצייכענונג איז בלויז אַ שוואַכער און הילפלאָזער וואָרט־ראַם, וואָס שפּיגלט לחלוטין ניט אָפּ דעם טראַגישן אינהאַלט פון אונזער עפּאָכע. ווייל די מענטשלעכע שפּראַך איז דאָך צו אָרעם אויף איבערצוגעבן דעם גאַנצן גרויל פון די פאַשיסטישע פּיין־קעלערן, דעם גאַנצן בזיון און די שמאַך פון אידיע־קעווען זיך פון מענטש איבער מענטש, דעם גאַנצן גיהנום פון די, וואָס וואָגלען איבער ימים און לענדער, דיליידן פון די, וואָס וואַלגערן זיך אין „קיינעמס לאַנד", די דערנידעריקונג פון די „איבעריקע" און די ברוטאַלע אוממענטשלעכקייט פון די, וואָס שטאָלצירן מיט זייער ראַסע. עס איז שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער די פאַרביטערונג פון די פאַרשקלאַפטע, און די טעמפּקייט פון די פאַרשקלאַפער. עס איז שווער צו שילדערן די מאָראַלישע פאַרוויסטונג, וועלכע עס איז געמאַכט גע־וואָרן אין די מוחות און הערצער פון אַ גאַנצן דור דורך דעם טריאומף פון פויסט, דורך ציניזשן חוזק פון אָפּמאַכן און פאַרפליכטונגען, דורך אַפּאָטעאָז פון געוואַלט. און עס דוכט זיך אָפטמאָל, אַז מיר לעבן אין צייטן, וואָס זיינען פיל טראַגישער ווי „צייטן פון פאַראַכטונג", אַז עס קומען אָן צייטן פון גייסטיקער אויסגעטריקנטקייט, פון מאָראַלישן חורבן, פון אַ פאַרפלייצונג, וואָס ווישט אָפּ אַלע עטישע און גייסטיקע ווערטן פון יאָרטויזנטער.

דער פאַרויסמאַרש פון פאַשיזם איז ווירקלעך פאַרבונדן מיט ערנ־סטע סכנות פאַר דער מענטשלעכער קולטור. אָבער מענטשלעכקייט קאָן פאַרט ניט פאַרשווינדן לויט אַ באַפעל פון דיקטאַטאָר: דער דיק־טאַטאָר איז אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע, און די פאַרפולקאָמונג פון מענטשן איז אַן אומאויפהערלעכער פּראָצעס, וואָס קאָן פאַרהאַרטע־וועט ווערן, אָבער ער קאָן ניט אָפּגעשטעלט ווערן.

די עפּיזאָדן, וואָס דערמאָנען וועגן אייביקער מענטשלעכקייט, פינק־לען יעדן טאָג מיט צענטליקער פונקען צווישן דער לאַווע פון נידער־

טרעכטיקייט, וואָס טראָגט זיך אימפּעטיק מיט די ידיעות פון די צייטונגס־שפּאַלטן. זיי פינקלען שטיל און באַשיידן, און פאַרבלייבן אָפּט ניט באַמערקט. און אַ שאָד. די טליענדיקע פונקען זיינען דאָך די פייערן פון מאָרגן, און מען דאַרף אויף זיי לייגן מער אַכט.

אָט האָט מען אין די לעצטע טעג אין דאַנציג פאַרשפּרייט צענט־ליקער טויזנטער בלעטלעך קעגן היטלערן. אין דאַנציג הערשט די געשטאַפּאָ. פאַרשפּרייטן בלעטלעך קעגן היטלערן הייסט אויסשטעלן זיך אויפן גורל פון די פאַרפייניקטע און „פאַרשוואונדענע אָן שפּור". וויפל זשע העראָאיזם און מסירת־נפש פון הונדערטער נאָמענלאָזע העלדן איז נויטיק געווען, אַז מיר זאָלן לייענען די קורצע ידיעות פון עטלעכע שורות וועגן „צענטליקער טויזנטער בלעטלעך קעגן היטלערן".

אין ווין האָבן פירער פון ליי"ס אַרבעטס־פראָנט געמוזט מיט חרפה אַנטלויפן פון אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען.

זבאָנשינער „איינוואוינער" באַקומען דורך אומוועגן ידיעות פול מיט טרייסט און האָפענונג פון דייטשע פריינט.

צענטליקער טויזנטער איטאַליענער אין אויסלאַנד מעלדן פריי־וויליק זייער גרייטקייט צו קעמפן קעגן פאַשיזם אין די רייען פון דער פראַנצויזישער אַרמיי, און זיי פאַרזיכערן מיט רעכט, אַז די זעלבע גרייטקייט צו קעמפן קעגן פאַשיזם איז פאַראַן אויך ביי איטאַליענער אויפן אַפּיניניש האַלב־אינזל...

טשעכן אין פּראָג פירן אַ פאַרביסענעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן די אָקופּאַנטן.

קורצע צייטונג־ידיעות — אָבער זיי דערציילן וועגן שטאָלענער פעסטקייט פון די ווינער אַרבעטער, וועלכע זיינען טריי די טראַדיציעס פון וואַליש און מוניכרייטער, וועגן גייסט פון אמתן אינטערנאַציאָנאַ־ליזם און מסירת־נפש, וואָס לעבט צווישן די איטאַליענישע מאַסן, ידיעות וועגן העראָאיזם, גרייטקייט צו ליידן און שטאַרבן פאַרן מאָרגן פון דער מענטשהייט ביי דייטשן, טשעכן און אַלע אַנדערע, וואָס שמאַכטן אונטערן פּאַשיזם. דאָס זיינען דערוויל קוים־באַמערקבאַרע פונקען, אָבער די נאַכט איז שוין ניט אַזוי שוואַרץ.

און רעדן מיר וועגן נאָמענלאָזן הערואיזם, מוזן מיר אים ניט זוכן אויסשליסלעך ביי די מאַסן, וואָס שמאַכטן אונטערן ברוטאַלן שטיוול פון נאַציזם. מיר דאַרפן אים אויך ניט זוכן דווקא ביי די וואָס באַזיגן אָקעאַנען, שלאָגן פלי־רעקאָרדן און איבעראַשן די וועלט מיט זייערע אויפטוען. הערואיזם איז אַ פּיל מער וואָכעדיקע דער־שיינונג, ווי דאָס דוכט זיך אויבן אויף. און גראָד די וואָכעדיקייט פון מענטשלעכן הערואיזם איז אַ קוואַל, וואָס שפּייזט דעם גלויבן אין דער מענטשהייט און איר צוקונפט.

אַט איז אונז געגעבן געוואָרן אין די סאַמע לעצטע טעג צו שפּירן אַ פּאָר שריט פון אונז אַ פליגל־פּאַך פון טויט, אין וועלכן עס לעבט דער וואונדערלעכער פּאַטאָס פון נאָבעלסטן מסירת־נפש. מיר מיינען די פיר אַרבעטער־קרבנות אויף ראָג גענשע און אָקאָפּאָווע. אין געפּרעסטע שורות האָט די ציטונגס־כראָניק געבראַכט די שטאַרק־סטע פּאָעמע פון טויט און הערואיזם.

ניט פון וואוילטאָג און ניט אין געיעג נאָך רעקאָרדן האָבן פיר אַרבעטער — צוויי פּאָלאַקן און צוויי יידן — גענומען אויף זיך די אַרבעט פון אויסרייניקן קאַנאַלן מיט אָפּפאַל. ראָמאַן זאַרעמבבסקי איז אַריין דער ערשטער. ווען ער האָט געחלשט, האָט זיין זון סטאַניסלאַוו זאַרעמבבסקי אַראָפּגעלאָזט זיך אים ראַטעווען. ווען ביידע האָבן פאַר־לוירן דעם באַוואוסטזיין האָט דער יידישער אַרבעטער מענדל ראָזענ־בלום געאיילט מיט הילף צו די צוויי חברים פון אַרבעט און נויט. אויך ער האָט פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין, און צו די דריי חברים פון אומגליק האָט געאיילט צו הילף חיים מאיר ראָזענבערג. דער קאַנאַל מיט אָפּפאַל איז געוואָרן דער ברודער־קבר פון די פיר אַרבעטער. אָבער דאָס איז נאָך ניט דער סוף. עס געפינען זיך צווישן דעם צוזאַמענגעֹ־לאָפענעם עולם חברים־אַרבעטער, וואָס טרעטן ניט אָפּ. צי קאָן מען טראַכטן וועגן אייגענער זיכערקייט, ווען אַן אומגליק האָט געטראָפן מיט ברידער פון אַרבעט און פּיין? עס געפינען זיך ווייטערדיקע בעלנים אַראָפּצולאָזן זיך אין די אָרעמס פון געפערלעכן טויט. דער פאַרזאַמלטער עולם האַלט זיי אָפּ מיט געוואַלט. די ציטונגס־כראָניק פאַרשוויגט די נעמען פון די ווייטערדיקע קאַנדידאַטן אויף טויט. און ריכטיק, דאָ האַנדלט זיך ניט וועגן איינצלנע העלדן, דאָ האַנדלט זיך וועגן אומ־באַקאַנטע זעלנער פון דער אַרבעטס־אַרמיי, וואָס גיט פון זיך אַרויס אומצאָליקע רייען קדושים.

וואָס פאַר אַ טראַגישער און גלייכצייטיק דערהויבענער סימבאָל איז אויפן פּאָן פון דער הייטנצייטיקער ווירקלעכקייט דער ברידער־קבר אויף ראָג לעשנע און אָקאָפּאָווע! ווי לעכערלעך און געמיין עס זעט אויס די גאַנצע ראַסן־העצע פּנים אל פּנים מיטן מאַיעסטעט פון טויט, וואָס נעמט אַריין אין זיינע ביינערדיקע אָרעמס פיר אַרבעטער איינעם נאָכן אַנדערן — פּאָלאַקן און יידן, — וואָס איילן איינער דעם אַנדערן צו הילף! ווי סימבאָליש עס איז פאַר דער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט דער טויט פון די צוויי פּאָלאַקן און צוויי יידן, וועלכע זיינען פאַרברידערט דורך אַרבעט, דורך אויסנוצונג, דורך געמיינזאַמע געפאַרן, און... דורכן טויט. און ווי בכדי צוצוגעבן אַ באַזונדערער וואָג דעם דאָזיקן סימ־באָלישן טויט איז דער אומגליק געשען אַ פּאָר טעג פאַרן ערשטן מאַי,

וואָס דעמאָנסטרירט די סאָלידאַריטעט פון אַלע אַרבעטנדיקע קעגן די געפאַרן פון פאַשיזם, וואָס לויערן היי־יאָר מיט אַ באַזונדער קראַפט.

מיר בויגן די קעפ פאַר די פיר אַרבעטער־קרבנות. דער ברידער־קבר אויף געגנשע שטעלט שאַרף די פראַגע וועגן אַרבעטער־שוץ, וועגן זיכערן דאָס לעבן פון די אַרבעטער. אָבער די פיר מתים זיינען פאַר אונז פיל מער ווי פיר קרבנות פון פראַצע.

זיי דערמאָנען וועגן נאָמענלאָזן העראָאיזם, וועלכער לעבט אין אַרבעטס־פאָלק, זיי דערמאָנען וועגן אייביקער מענטשלעכקייט, וועלכע קאָן אַמאָל פאַרשווינדן פון אויבערפלאַך פון לעבן, אָבער וואָס בלייבט עקזיסטירן אין די טיפענישן פון מענטשלעכן וועזן; זי לעבט צווישן די מאַסן, וואָס זיינען פאַרברידערט דורך אַרבעט, נויט און אומגליק, און זי איז גרייט יעדעס מאָל אויפפינקלען מיט אַ נייעם גלאַנץ און קראַפט.

אַרום און אַרום אונז אויף שריט און טריט, נאָנט און ווייט, פינקלען פונקען פון העראָאיזם, מענטשלעכקייט, פונקען, וואָס גיבן צו מוט און אויסדויער. און מען דאַרף זיי קאָנען זען.

(„נייע פאָלקסצייטונג", אַפּריל 1939)

די האַריזאָנטן

„קיין שום מניעות וועלן ניט צעשטערן די ברידערלעכע אייניקייט צווישן די יידישע און פוילישע אַרבעטער". אַזאַ פייערלעכע דערקלע־רונג האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָפּגעגעבן די גאַנצע וואַרשעווער אַרבעטערשאַפט אויף אַ קאָנפערענץ פון דער ראַדע, וואָס נעמט אַרום אַלע וואַרשעווער קלאַסן־פאַראיינען.

דאָס איז אַ דערקלערונג, וואָס קלינגט פאַר קיין שום באַוואוסט־זיניקן אַרבעטער ניט ניי. מיט דער אידייע פון פּראָלעטאַרישער אחדות זיינען פאַרבונדן די העראָאישסטע אַרבעטער־קאַמפן. די אידייע פון אַרבעטער־אייניקייט איז די וויכטיקסטע טרייב־קראַפט פונם קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַליזם.

אָבער אַזאַ פייערלעכע דערקלערונג קריגט אין דער היינטיקער ביטערער צייט אַ באַזונדער זין, און זי דאַרף געפינען דעם ברייטסטן אָפּקלאַנג אויך אויסער די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־רייען.

מיר לעבן אין אַ צייט, ווען ניט איינעם מאַטערן פאַרשיידענע וויטיקדיקע פראַגן.

— וואָס וועט זיין מיט יידן? — פרעגט זיך ניט איין מאָל דער יידישער מאַסן־מענטש. די יידישע מאַסן ווערן דערנידעריקט און גע־טראָטן אין היטלער־דייטשלאַנד. עס ווערן איינגעפירט נירענבערגער געזעצן אין געוועזענעם עסטרייך, און אין די טעג, ווען היטלערס טאַנקען האָבן צום ערשטן מאָל פאַראַדירט איבער די ווינער גאַסן, האָבן שוואַר־צע עגלות אָפּגעפירט די קערפּערס פון יידישע זעלבסטמערדער צו זייער אייביקן רו. אין רומעניע פאַרענדיקט די קעניגלעכע דיקטאַ־טור די אַרבעט פון גאָגאַן. אין אונגאַרן מיינט דער הערשנדיקער רע־זשים, אַז אים וועט געלינגען צוצונעמען ביי די אייגענע היטלעריסטן זייער שטויס־קראַפט, אויב ער אַליין וועט איינפירן אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן. און די פּיין פון די יידישע מאַסן אין גאַנץ מיטל־אייראָפּע ווירקט ווי אַ באַרוישנדיקער געטראַנק אויף אונזערע היימישע יידן־פרעסער. זיי הויבן הויך דעם גיפטיקן בעכער, קלאַפּן זיך „לחיים"! מיט די שטרייכערס, קוזאַס און פליישהויערס, און שפּיגלען זיך מיט ליבע און תענוג אין די שטראָמען מענטשן־האַס, וואָס פאַרפּלייצן אַ ריי לענדער.

און דער יידישער מאַסן־מענטש איז אומעטום אַנטוישט אין די ענטפערס, וואָס עס האָבן אים געגעבן די יידישע בירגערלעכע פירער. אַנטוישט ניט בלויז דורך דער דערפאַרונג אין פוילן. ווי לאַנג איז דאָס, אַז די יידישע גבירים אין ווין האָבן זיך פאַרשטעלט הינטער דער סוטאַנע פון קאַרדינאַל איניצער און האָבן געמיינט, אַז זי וועט זיי באַשיצן פון נירענבערג. מיט זייער געלט האָבן זיי געהאָלפן פעסטיקן דעם עסטרייכישן פאַשיזם, און איניצער האָט דערפאַר געצאָלט מיט ליבע־דערקלערונגען אויפן אַדרעס פונם יידישן פאָלק.

ווי לאַנג איז דאָס, אַז די קהלשע רעדלפירער אין רומעניע האָבן דורך כלערליי הינטערטירן געזוכט אַ וועג צו די שררות, און די פּאָליטיקער האָבן געדופן אָפּגעבן די שטימען פאַר אין אַנטיסעמיטישן בלאָק, בכדי צו צעקלאַפּן אַ צוויטן? דאָס אַלץ האָט געהאַט אַן אָרט נאָך שפּעטער פון די רבנישע קול־קוראס אין פוילן, וועלכע האָבן גערופן צו שטימען פאַר בודזינסקין און האָבען.

היינט איז קאַרדינאַל איניצער אין עסטרייך אַ זייל פון היטלעריזם, די רומענישע „יידן־פריינט" פאַרווירקלעכן היינט גאָגאָס פּאָליטיק, און ביי אונז אין פוילן איז דער „יידישער" דעפּוטאַט בודזינסקי צו רעכט אפילו פאַרן היינטיקן „אָזאָן". די פּאָליטיק פון דער אגודה און ציוניסטן, — פון גאַנצן יידישן בירגערטום — האָט אַזוי אַרום געבראַכט צו אומגליקן און חרפות ניט בלויז ביי אונז אין לאַנד, — זי רופן צו שטימען פאַר בודזינסקין און האָפען.

און דער יידישער מאַסן־מענטש מוז אַלץ מער צונויגן זיין אויער צו די צורופן, וואָס קומען פון אַרבעטער־סעקטאָר. דאָ ווייטאָגט מען אפשר ניט ווייניקער איבער דער ביטערער לאַגע פון די יידישע מאַסן. אָבער דאָ ענטפערט מען ניט מיט אַ הילפלאָזן קרעכץ, דאָ איז פאַראַן האָפענונג און פּערספּעקטיוו. דאָ איז די פראַגע „וואָס וועט זיין מיט די יידן?" אַ פראַגמענט — אמת אַ גאַנץ וויכטיקער פראַגמענט — פון איין גרויסער פראַגע: „וואָס וועט זיין מיטן מענטש?" עס לעבן אין פיין די ברייטע פאָלקס־מאַסן אין דייטשלאַנד, זיי לעבן אין פיין אין עסטרייך, זיי ליידן נויט און פיין אין רומעניע. די יידישע גבירים, וואָס האָבן געשטיצט אין עסטרייך דאָלפוסן, שושניגן און איניצערן, וואָס האָבן געהאָלפן צוגרייטן די היינטיקע לאַגע פון די עסטרייכישע מאַסן, האָבן גלייכצייטיק במילא געהאָלפן פלעכטן אַ שטריק אויפן יידישן קיבוץ אין עסטרייך. און אַזוי איז געשען ניט אין איין לאַנד. און בלויז אין לענדער, וואו דער מענטש איז מער אָדער ווייניקער פריי, וואו דער אַרבעטער איז ניט קיין קאַטאָרזשנער קנעכט, דאָרטן שטייט ניט און קאָן ניט שטיין די פראַגע: וואָס וועט זיין מיט די יידן?

דער פּאַשיזם פירט דורך זיין אַרבעט אין איטערנאַציאָנאַלן מאָס־שטאַב. אָן עפּיזאָד, וואָס דעקט אויף, ווי ענג ס׳זיינען פאַרבונדן די שוואַרץ־מאַהניקעס פון אַלע לענדער, האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק אָפּגעשפּילט אין דער שווייץ. דאָרטן האָט מען געמשפּט אַ געוויסן באָריס טעדלי פאַר שפּיאָנאַזש לטובת די נאַציס. טעדלי איז אָבער אַליין אַ רוסישער ווייסגוואַרדייער. ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט שווייצער, דייטשן; זיין העכסטע מאַכט איז געווען פליישהויער, — דער „וויסנשאַפטלעכער״ עקספּערט מצד די נאַציס וועגן די געפעלשטע פּראָטאָקאָלן פון זקני־ציון; פון די ברונעמס פונם זעלבן פליישהויער טרינקט דער גוט־באַקאַנטער גלח טשעטשאַק, און ער איז דער הויפּט־קאָמיסיאָנער פון דעם דאָזיקן געטראַנק פאַר פּוילן. טעדליס פּראָצעס האָט באַוויזן, אַז די גאַנצע נעטע חברה איז געווען פאַרבונדן אויך מיט פראַנקאָס אַגענטן. צי דאַרף מען אַ דייטלעכערן באַוויז, ווי אינ־טערנאַציאָנאַל עס איז דער פאַשיזם און ווי ענג די לאַגע, וועלכע ער שאַפט פאַר די יידן, איז פאַרבונדן מיט דעם גורל, וועלכן ער גרייט צו פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

און יעדער יידישער מאַסן־מענטש פילט טאַקע היינט, אַז זיין גורל איז פאַרבונדן מיטן גורל פון קאַמף קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם. דאָס פּראָבלעם פון דער צייט איז ראַטעווען דעם מענטש, — די גאַנצע מענטשהייט; דער מעכטיקסטער כוח, וואָס שטעלט זיך היינט אין שיץ פון מענטשן — דאָס איז דער אַרבעטער־קלאַס. דער קאַמף מיט געמיינזאַמע כוחות פון אַלע אַרבעטער פאַר באַפרייאונג און סאָציאַליזם, — דאָס איז די גרויסע האָפענונג, וואָס לייכט היינט אַריין אין חושך פון לעבן. מעגן העכער הויבן די בעכער מיט גיפט און גאַל די פאַרשיכורטע כוהנים פון מענטשן־האַס — „קיין שום מניעות וועלן ניט צעשטערן די איינ״קייט צווישן די אַרבעטער״! זי איז די שוץ־דאַמבע פון דער מענטשהייט, און זי עפנט האָריזאָנטן פול מיט גלויבן און האָפענונג פאַר די אונטערדריקטע פון אַלע פעלקער.

(„נייע פאָלקסצייטונג״, אַפּריל 1938)

טריאומף פון דער פויסט

עס האָט ניט געהאָלפן די גלענצנדיקע קאַמפּס־שטימונג פון די טשעכאָסלאָוואַקישע מאַסן; עס האָט ניט געהאָלפן די וואונדערבאַרע האַלטונג פון די דייטשע סאָציאַליסטן אין טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע זיינען גרייט געווען אויף אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן נאַציזם; עס האָט ניט געווירקט דער דורכגעפאַלענער שטרייק אין סודעטן־געביט, וואָס האָט באַוויזן, אַז די נאַצישע איינפלוסן אין סודעטן־געביט זיינען אַ פּרוכט פון טעראָר און שאַנטאַזש, און אַז זיי ווערן צערונען ווי רויך ביים ערשטן שטאַרקערן ווינט; עס האָט ניט געהאַט קיין באַדייטונג, וואָס דער „סטיכישער" אויפשטאַנד האָט באַלד אין די ערשטע שעהען אויסגעהויכט זיין נשמה, באַלד נאָכדעם ווי די „אויפשטענדיקע" האָבן דערזען, אַז עס האַנדלט זיך ניט וועגן אַן איבערחזרונג פון דעם „שפּאַציר אויף ווין", נאָר וועגן קאַמפן, וואָס פאָדערן בלוט און קרבנות.

און פּראַג איז געבליבן שטיין פאַרצווייפלט און אַנטמוטיקט, ניט צוליב די דראָאונגען פון די בלוטיקע פיינט, נאָר דווקא צוליב די גוטע עצות פון די „האַרציקע פריינט". דאָס האָבן זיי, ענגלאַנד און פראַנקרייך, אויסגעליפערט טשעכאָסלאָוואַקיע אויפן חסד פון היטלערן, דאָס זיינען זיי צוגעשטאַנען מיט אַ חלף צום האַלז פון דער רעפּובליק, וועמענס גאַנצקייט זיי האָבן גאַראַנטירט, דאָס האָבן זיי געפאָדערט, אַז זי זאָל זיך לאָזן אויסשניידן אַ שטיק לעבעדיק לייב; דאָס האָבן זיי, די אַפּיטרופּסים און באַשיצער פון די היינטיקע גרענעצן אין אייראָפּע, פלוצלונג אויפגעטויכט אין לאַגער פון די „רעוויזיאָניסטן" און אויפן ברוטאַלסטן אופן אויפגעצוואונגען טשעכאָסלאָוואַקיע צו שטעלן זיך אויף די קני פאַר היטלערן. קיין שום געשפּרעכן, קיין שום אונ־טערהאַנדלונגען! — אַזוי האָבן דיקטירט די מעכטיקע פון דער וועלט, און פּראַג, אַן אַפּגענאַרטע, פאַרלוירענע און פאַרקויפטע, איז געבליבן פאַרצווייפלט און אַפּהענטיק.

היינט פאָרט טשעמבערלען צו היטלערן מיט אַ מתנה. דער בריטישער לייב לייגט זיך אונטערטעניק אין שאָטן פון האַקנקרייץ מיטן געשאַנק

אין זיין פיסק און דריט חניפהדיק מיטן ווידל: צי איז שוין זיין מאַיעסטעט דער דיקטאַטאָר צופרידן? דער דיקטאַטאָר וועט מסתמא היינט פאַרבלייבן צופרידן. אויף וואָכן אָדער חדשים, — אַלנפאַלס אויף אַ געוויסער גאַנץ קורצער צייט — איז זיין אַפּעטיט געזעטיקט. ער האָט ווידער אַ גיפטיקן באַרוישונג־געטראַנק פאַר די מאַסן. ווען דער בייער טשאַד וועט זיך אויסוועפּן, וועט היטלער פאָדערן פרישע קרבנות. די קאַנדידאַטן אויף קרבנות זיינען דאָ.

מען הערט צומאָל די מיינונג: טשעמבערלען האָט מיט זיין „דרייסטער" פּאָליטיק געראַטעוועט דעם וועלט־שלום. — דאָס איז אַ ליגן, וועלכן עס פאַרשפּרייט בכיוון די קאַפּיטאַליסטישע רעאַקציע אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך. פאַרקערט, וואָס שטאַרקער היטלער ווערט, אַלץ גרעסער ווערט די אמתע געפאַר פון אַ בלוטיקן וועלט־קריג.

מען זאָגט: די מאַסן אין דער וועלט ווילן שלום, און טשעמבער־לען און דאַלאַדיע האָבן זיך מיט דעם גערעכנט. אָבער די דער־פאַרונג לערנט: די פאַרשידענע טשעמבערלענס זיינען גאָר גרויסע בריהס אויף צו שאַפן קריגס־שטימונג, ווען זיי אַליין האַלטן אַ קריג פאַר נויטיק צוליב די אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן פון לאַנד, דע־מאָלט קאָנען זיי שאַפן דעם איינדרוק, אַז די מאַסן ווילן דאָס זעלבע, וואָס זיי. דער ווילן פון די פאָלקס־מאַסן צו פרידן איז היינט אין די הענט פון די טשעמבערלענס און דאַלאַדיעס בלויז אַ פאַראַוואַן אויף צו פאַרדעקן זייער נידערטרעכטיקן פאַרראַט.

און צי האָט טאַקע היינט געדראָט אַ וועלט־קריג? דערווייל האָט דאָס דריטע רייך באַוויזן בלויז גבורות קעגן שוצלאָזע פרויען און קינדער אין שפּאַניע, און „העלדישקייטן" אין ריין־געביט און עסט־רייך, וואו עס האָט ניט געדראָט קיין שום ווידערשטאַנד. אָבער צי קאָן דאָס דריטע רייך אויפנעמען אַ קאַמף קעגן גאָר דער וועלט? — זיכער נישט. דאָס האָט באַוויזן דער 21סטער מאַי. און דער לעצטער שאַנטאַזש פון די נאַציס וואָלט אומפאַרמיידלעך געפירט צו היטלערס מפּלה, צו זיין אונטערגאַנג אין פאַל פון אַ קריג, און צו אַ ביטערן מאָראַלישן דורכפאַל אין פאַל פון ריקצוג.

טשעמבערלען און נאָך אים דאַלאַדיע האָבן געראַטעוועט דעם פאַשיזם פון אונטערגאַנג אָדער דורכפאַל. די קאַפּיטאַליסטישע רעאַק־ציע וויל ניט קיין מפּלה פון פאַשיזם. דאָס איז דער פּאָליטישער זין פון די לעצטע געשעענישן. אירע וואָרט־זאָגער פילן זיך דעריבער געצוואונגען נאָכצוקומען אַלע שאַנטאַזשן פון די פאַשיסטישע „העלדן" און נאָכגעבן אַלע זייערע פאָדערונגען.

און דער פאַל טשעכאָסלאָוואַקיע שטרייכט אונטער מיט דער גאַנצער קלאָרקייט נאָך אַן אמת: אַלע טראַקטאַטן, אָפּמאַכן, פּונקטן און גאַראַנטיעס, אויף וואָס עס האַלט זיך די היינטיקע אָרדענונג אין אייראָפּע, זיינען ניט ווערט דאָס פּאַפּיר, אויף וועלכן זיי זיינען געשריבן. עס טריאומפירט די פויסט, און אויפן טריאומף פון דער פאַשיסטישער פויסט האָבן היינט געגעבן זייער ברכה די שיפס־קאַפּיטאַנען פון די גרעסטע אייראָפּעישע דעמאָקראַטיעס.

(„נייע פאָלקסצייטונג“, סעפּטעמבער 1938)

אַ ריכטיקער וועג

אין דער דינסטאָגדיקער יידישער פּרעסע איז געווען געדרוקט אַ ייטאַ־דעפּעש וועגן פּלענער פון אַ גרויסער יידישער קולטור־קאָנפע־רענץ אין אַמעריקע.

די דאָזיקע פּלענער זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ, גערופן דורך אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט „ציקאָ". דער דאָזיקער נאָמען שטעלט מיט זיך פאָר אַ ראשי־תיבות פון די ווער־טער „צענטראַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציע", — און באַצייכנט אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געגרינדעט דורך דער געמיינזאַמער אי־ניציאַטיוו פון „אַרבעטער־רינג", „יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַר־באַנד" און „י. ל. פּרץ־שרייבער פאַראיין".

פון דער זעלבער דעפּעש דערוויסן מיר זיך וועגן פּלענער פון „ציקאָ" צו גרינדן אַ גרויסן יידישן פאַרלאַג, העלפן דעם יידישן טעאַ־טער, שאַפן הויכשולן און קורסן פאַר דערוואַקסענע א.א..

די אַלע פּלענער וועלן באַטראַכט ווערן אויף אַ גרויסער קולטור־קאָנפערענץ, וואָס וועט פאַרקומען אין אַ דריי וואָכן אַרום.

עס איז נאָך היינט פריצייטיק צו רעדן וועגן דער עצם קאָנפערענץ. מיר האָבן נישט פאַר זיך נישט דעם קאָנקרעט־אָנגעמערקטן פּראָגראַם פון אירע אַרבעטן, נישט די פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער זי ווערט גערופן. אָבער דער רוקנביין פון „ציקאָ" איז דער „אַרבעטער־רינג" מיט זיין ברייטער און פאַרצווייגטער קולטור־טעטיקייט; די איניציאַטאָרן פון „ציקאָ" האָבן לאַנגיאָריקע טראַדיציעס פון וועלטלעכער און מאָדער־נער קולטור־טעטיקייט און אויך אַן אויסגעשפּראָכענע קולטור־פּי־זיאָנאָמיע. מען קאָן דעריבער דערוואַרטן, אַז די פּלאַנירטע קולטור־קאָנפערענץ וועט צונויפברענגען די וויכטיקסטע כוחות, וואָס זיינען טעטיק אויפן געביט פון קולטור־אַרבעט צווישן די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער, און ווערן דער זאַמלפּונקט פון אַלץ, וואָס איז אין אַמעריקע לעבעדיק און שעפעריש אויפן געביט פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור. אַזאַ קאָנפערענץ קאָן בלי־ספק האָבן זייער אַ גרויסע באַדייטונג אַלס אַ וויכטיקער עטאַפּ אויפן וועג צו רעאַליזירן די קולטור־שטרעבונגען פון די אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער.

אָבער — אין וואָס פאַר אַ מאָס די אַמעריקאַנער קאָנפערענץ

ווערט באַרעכטיקן די אַלע האָפענונגען און דערוואַרטונגען — דאָס איז אַ שפּעטערדיקע זאַך. וויכטיק איז דער וועג, דער מעטאָד פון צו־נויפזאַמלען די כוחות, און ער איז בלי ספק אַ ריכטיקער.

דער וועג פון „ציקאָ" איז פונקט דער היפוך פון „איקוף", — דער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד אויפן „אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס", און וואָס איז שוין אַ יוצא־נשמתה.

ווייל — וויל מען בלויז איבערזעצן אויף יידיש די לאָזונגען וועגן פאָלקס־איינהייט און קולטור־איינהייט, וויל מען מאַכן „אחדות"־דעמאָנסטראַציעס אין הסכם מיטן נייעסטן שולחן־ערוך, — דאַן פירט דער וועג צו „איקוף", צו פּאַריז, צו אויסערלעכע קולטור־פּאַראַדן, צו זיין שטענדיק אין דער ראָל פון אַ קוואָקע, וואָס איז „אויף מאָרגן מיט אַן איי", צו גאַגאַקען און האַלדערן; און קוקט מען אויף קול־טור־אַרבעט ווי אויף אַ באַדן פאַר אַ פּאַראַד, דאַן מוזן קומען באַמיאונגען זיך צו שטעלן אין אָפּגלאַנץ פון פרעמדער קולטור־אַרבעט, צו פיל־דערן הויך און העכער און צו האַלטן אין איין פאַררופן זיך אויף אַ ווייטן זכות־אָבות. דאָס איז דער וועג פון אַלוועלטלעכע קאָנגרעסן אויפן באָדן פון אַ צעשוואומענער פּלאַטפאָרם, פון שאַפן אויפגעבלאָזענע רעפּרעזענטאַנצן, וואָס נעמען אַרום גרופּעס און יחידים, וועלכע זיינען אָפּגעריסן פון דער לעבעדיקער אַרבעט; דאָס איז אַ וועג דורך וועלכן עס ווערן געשאַפן פון אויבן „רעפּרעזענטאַנצן", וואָס פאַרוועלקן איידער זיי בליען נאָך אויף.

און עס איז פאַראַן אַ צווייטער וועג: דער וועג פון פאַראייניקן די פּאַקטישע לעבעדיקע אָנשטרענגונגען. דאָס איז געווען דער וועג פון ייש"אַ אין פּוילן. שוין באַלד צוויי צענטליק יאָר ווי די ייש"אַ ציט אַריין אין איר לעבעדיקן שטראָם אַלע קרעפטן, וואָס קאָנען זיין שע־פעריש אין פּראָצעס פון בויען די וועלטלעכע יידישע שול אין דער מוטער־שפּראַך. און דאָס איז דער ריכטיקער וועג: רעפּרעזענטאַנצן קאָנען נישט געגעבן ווערן פון אויבן ווי אַ מין נייע לוחות פון הייליקן באַרג. זיי דאַרפן אויסוואַקסן פון דער אָרגאַנישער אַרבעט און אָפּ־שפּיגלען די לעבעדיקע טעטיקייט.

און אין יעדן לאַנד פירט זיך די קולטור־אַרבעט אין די ספּעצ־ציפישע פּאָליטישע, סאָציאַלע און קולטורעלע באַדינגונגען פון דעם דאָזיקן לאַנד. און דעריבער שטעלט זיך אין דער ערשטער רייע אומע־טום דאָס פּראָבלעם פון לאַנד־צענטראַלע, וואָס זאָל, אַזוי ווי די ייש"אַ ביי אונז אין פּוילן, ווערן דער זאַמל־פּונקט פון אַלע שעפערישע קול־טור־שטרעבונגען פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין געגעבענעם

לאַנד. און אויב עס זאָלן אין אַ רייע לענדער מיט יידישן ישוב עק־זיסטירן געזונטע פון לעבן אויסגעוואַקסענע און מיטן לעבן פאַרבונדענע אָרגאַנען, וועלכע פירן אָן מיטן קולטור־קאַמף פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און וועלכע רעאַליזירן זייערע אידעאַלן און שטרעבונגען, — דאַן וועט במילא רייף ווערן דער באַדן פאַר אַן ענגערן קאָנטאַקט צווישן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס. און דאַן וואָלט אַ קאָנגרעס אָדער אַן אַנדער פאָרם פון קאָנטאַקט געקומען, אַלס אַ צייטיק געוויקס, וואָס שפּראָצט אַרויס פון באַפרוכפּערטן און גוט־צעאַקערטן באָדן.

די דערמאָנטע אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די איניציאַטיוו פון „ציקאָ" — זייען אַרויף אויף דעם צווייטן וועג. ביי זיי איז די קולטור־אַרבעט ניט קיין פּאַראַד, נאָר פּונקט ווי אונזער קולטור־באַוועגונג אין פּוילן טאָג־טעגלעך שוואַרץ־ברויט. זיי הויבן ניט אָן, מיטן ביישפּיל פון די קולטור־פּראָנטיסטן, גלייך פון אויבערשטן שטאָק, נאָר זיי לייגן מיזאַם אַ שטאָק נאָך אַ שטאָק אין בנין פון דער מאָדערנער יידישער קולטור־שאַפונג. דאָס איז דער וועג פון אַקערן און זייען אין שוויס, וואָס מאַכט איינציק און אַליין מעגלעך צו וואַרטן אויף פּרוכטן.

דער „ציקאָ" געפינט זיך אויף אַ ריכטיקן וועג, און זיין דערפאָלג וועט זיין דער דערפאָלג פון אַלע, ווען עס איז טייער די נייע יידישע קולטור.

(„נייע פאָלקסצייטונג", מאַי 1938.

דער געדונגענער גענעראַל

„אַ טראָפּן נאַפּט איז ווערט אַ טראָפּן בלוט" — האָט אַמאָל געזאָגט קלעמאַנסאָ. און אַז קלעמאַנסאָ האָט מיט זיין ווערטל אויסגעדריקט די מיינונג פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט — דאָס זעט מען איצטער אַן איבעריקן מאָל אויפן ביישפּיל פון מעקסיקע.

דאָס פרעמדע און וויטע מעקסיקע איז דורך די לעצטע פּאָר יאָר געוואָרן פאַר דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון אייראָפּע היימיש און נאָענט. געהערט דאָך מעקסיקע צו די געציילטע לענדער, וואו מען האָט מיט אומצאָליקע מעשים אַרויסגעוויזן סימפּאַטיעס צום העראָאישן פרייהייטס־קאַמף פון שפּאַנישן פאָלק. צוזאַמען מיט די אַלץ פרישערע ידיעות וועגן מעקסיקעס הילף פאַר שפּאַניע, איז געוואַקסן אין דער ברייטער וועלט דער אינטערעס צו אָט דעם קליינעם מלוכהלע (אגב, דאָס „קליינע מלוכהלע" פאַרנעמט אַ שטח מער ווי פינף פוילנס, הגם זיין באַפעלקערונג איז אַ העלפט פון פוילנס באַפעלקערונג) — צום לאַנד, וואָס פירט מוטיק און דרייסט זיין אייגענע פּאָליטיק. און פיל, וואָס האָבן פריער געהאַט אַ שוואַכן אינטערעס צום וויטן מעקסיקע, האָבן זיך דערוואוסט, אַז מעקסיקע איז אַ לאַנד, וואו עס הערשט אַן אמתע פאָלקס־רעפּובליק, אַז די דאָזיקע רעפּובליק האָט אויסגעבויט אַזאַ פעסטע אָרדענונג, וועלכע עס מעגן זיך ווינטשן פיל לענדער, וואו מען רעדט מיט שפּאָט וועגן „מעקסיקאַנער מנהגים", און אַז די אינערלעכע פּאָליטיק פון מעקסיקע איז באַזעלט מיטן דראַנג צו הויבן דעם וואוילשטאַנד פון אַלע שיכטן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג.

צוליב די אַלע טעמים האָבן די מאַסן אין אייראָפּע לעצטנס מיט אַ באַזונדערן אינטערעס און אומרו נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פונם פאַשיסטישן אויפשטאַנד אין מעקסיקע.

דער אויפשטאַנד איז היינט, ווי עס שיינט, שוין ענדגילטיק דערדריקט. און עס זיינען פאַראַן זיכערע באַווייזן, אַז דער אויפשטאַנד איז דערוואָרעמט געוואָרן מיטן מעקסיקאַנער נאַפּט. די קאַפּיטאַליסטישע מאַגנאַטן פון דער וועלט האַלטן שטאַרק פון דעם דערמאָנטן כלל, אַז נאַפּט איז ווערט בלוט, אָבער זיי פאַרגעסן ניט צוצוגעבן...

פרעמד בלוט. פאַר זייער גאָלד קאָנען זיי שטענדיק דינגען פאַרשידענע סעדיליאָס, וואָס מאַכן שוין דעם בלוטיקן חשבון מיט די מאַסן, וואָס וואַגן זיך אַנטקעגנצושטעלן די נאַפט־מאַגנאַטן.

מעקסיקע האָט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק נאַציאָנאַליזירט די נאַפט־גרובן און זי איז דערמיט אַרויף אויפן וועג פון באַפרייען זיך פון עקאָנאָמישער פאַרשקלאַפונג ביים וועלט־אימפּעריאַליזם. דער דאָזיקער שריט פון מעקסיקע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. דאָס איז געווען אַ קלאַפּ נישט בלויז אין די געהייליקטע אין דער היינטיקער וועלט אייגנטום־פאַרהעלטענישן, נאָר אויך אין מאַכט־פאַרהעלטענישן. עס הערשט היינט די אַלגעמיינע איבערצייגונג, אַז די צוקונפטיקע מלחמה וועט געווינען יענער צד, ווער ס'וועט האָבן גענוג נאַפט. פון נאַפט מאַכט מען בענזין, אָן וועלכן ס'וואָלטן זיך אָפּגעשטעלט אַלע מאָטאָרן. ניט אומזיסט האָט מען אין אַביסינישן קריג כסדר געשראָקן איטאַליע מיט נאַפט־סאַנקציעס. דער מעקסיקאַנער נאַפט פאַרנעמט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין די וועלט־חשבונות פון דעם דאָזיקן פּראָדוקט, געווען אַ צייט, ווען מעקסיקע האָט אין דער נאַפט־פּראָדוקציע פאַרנומען דאָס צווייטע אָרט אין דער וועלט. און הגם אין די לעצטע יאָרן האָבן אַנדערע לענדער וויט איבערגעיאָגט מעקסיקע, הערן ניט אויף די גרויסע נאַפט־מאַגנאַטן זיך שטאַרק צו אינטערעסירן מיטן מעקסיקאַנער נאַפט. זיי ווייסן גוט, אַז מעקסיקאַנער גרובנס זיינען נאָך גענוג רייך, און אַז מען קאָן די מעקסיקאַנער פּראָדוקציע שטאַרק הויבן. אין מעקסיקע האָבן ביז היינט קאָנקורירט צווישן זיך די צוויי גרויסע נאַפט־מלכים פון דער וועלט — ראָקפעלער און דעטערדינג, און פאַר ביידע איז דער מעקסיקאַנער נאַפט אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון זייער וועלט־הערשאַפט.

עס איז גוט באַקאַנט, אַז גלייך, ווי מעקסיקע האָט פאַרעפנטלעכט איר נאַציאָנאַליזירונג־דעקרעט, האָבן זיך אָנגעהויבן אָפיציעלע קאָנפערענצן צווישן דעם ענגלישן דיפּלאָמאַטישן פאַרשטייער אין וואַשינגטאָן לינדסיי און דעם אַמעריקאַנישן אונטערשטאַט־סעקרעטאַר וועלעס וועגן אַ בשותפותדיקער אַקציע לטובת די בריטישע און אַמעריקאַנישע אייגנטימער פון די נאַפט־פעלדער אין מעקסיקע. אָפיציעל האָט מען זיך וועגן אַן אַקציע ניט צונויפגערעדט. די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן ניט געוואָלט זיך בינדן מיט ענגלאַנד. וואַשינגטאָן — האָט מען געטענהט — האָט אייגענע דרוק־מיטלען אויף מעקסיקע. די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען דער הויפּט־אָפּנעמער פון דעם מעקסיקאַנער זילבער, און מעקסיקע איז בכלל ווירטשאַפטלעך שטאַרק אָפּהענגיק פון איר מעכטיקן צפונדיקן שכן. ענגלאַנד האָט אָנגעהויבן אַן

אַקציע אויף אייגענער האַנט. מיט צוויי וואָכן צוריק האָט געפּלאַצט, ווי אַ באָמבע די ידיעה וועגן איבערגעריסענע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן ענגלאַנד און מעקסיקע. דער תירוץ איז געווען אַ נישטיקער: אַ קאָנפליקט צוליב אַלטע פּראָצענטער פון אַ חוב. אָבער אַלע האָבן געוואוסט, אַז הינטערן סיכסוך שטייט דער מעכטיקער דעטערדינג, וואָס שטויסט ענגלאַנד אָפּצורעכענען זיך מיט די חוצפּהניקעס פון קליינעם מעקסיקע. און באַלד נאָך דער דאָזיקער באָמבע איז געקומען אַ צווייטע: אַ פאַשיסטישער אויפשטאַנד. פון די קרייזן פון דער מעקסיקאַנער רעגירונג דערקלערט מען אָפיציעל, אַז די רעגירונג באַזיצט דאָקומענטן, וואָס באַווייזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז סעדיליאָ האָט געקראָגן הילף פון די אויסלענדישע נאַפט־קאָנצערנען. אַלס שכר האָט סעדיליאָ צוגעזאָגט זיי אָפּצוגעבן צוריק די קאָנפיסקירטע אויל־פעלדער.

עס איז אָבער פאַראַן אַ חשד, אַז ניט בלויז דעטערדינג פּרואווט שטעקן זיינע פינגער אין סעדיליאָס אַוואַנטורע. אָפיציעל זיינען ענגלאַנד און די צפון־אַמעריקאַנישע שטאַטן ניט געקומען צו קיין הסכם וועגן אַ געמיינזאַמער אַקציע. אָבער עס איז שטאַרק פאַרדעכטיק דער פאַקט, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן געהאַלטן פאַר מעגלעך צו פאַרקויפן סעדיליאָן געווער. אַי, וואָס דאָס געזעץ פאַרבאָט צו פאַרקויפן געווער אַ צד אין בירגער־קריג — האָט מען געפונען אַ פּשטל, אַז אָפיציעל ווייס מען ניט פון קיין אויפשטאַנד און במילא — פון קיין בירגער־קריג. ווי עס שיינט, האָבן די פאַרביסענע קאָנקורענטן ראָקפעלער און דעטערדינג, וואָס לעבן צווישן זיך ווי אַ קאַץ מיט אַ הונט, פאָרט געפונען אַ געמיינזאַמען לשון דאָרטן, וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דערשטיקן אַ פאָלק, וואָס וויל זיין עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק.

סעדיליאָס אויפשטאַנד איז דערדריקט. דער געדונגענער גענעראַל איז אַרעסטירט אָדער אַנטלאָפן אָבער דער דורכגעפאַלענער אויפשטאַנד באַווייזט, אַז מעכטיקע קרעפטן לויערן היינט אויף דער פרייהייט פון מעקסיקע. ער באַווייזט אויך, מיט וואָס פאַר אַ לייכט האַרץ די געלט־מאַגנאַטן אין די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיעס זיינען גרייט אָנצודינגען פאַשיסטישע תלינים אויף צו דערשטיקן די מאַסן, אומעטום וואו מען גיט זיך אַ ריר קעגן דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל. ער באַווייזט נאָכאַמאָל די לייבלעכע קרובהשאַפט צווישן קאַפּיטאַליזם און פאַשיזם.

(„נייע פאָלקסצייטונג", מאַי 1938)

די יאַגד אויף „פאָלקס־שונאים"

עס גייט ניט אַריבער קיין טאָג, אַז דער טעלעגראַף זאָל ניט ברענגען קיין נייע פיינלעכע ידיעות פון ראַטן־פאַרבאַנד. אין אונ־זער נעכטיקער צייטונג האָבן די לייענער געפונען אַ חשבון פון 1300 „פאָלקס־שונאים", וואָס מען האָט לעצטנס „אַנטדעקט" בלויז אין די שפּיצן פון סאָוויעטישן ווייסרוסלאַנד. אַן ענלעכע לאַגע איז אין גרויס־רוסלאַנד, אוקראַינע, קאַווקאַז, ווייטן סיביר, בירא־בידזשאַן, אין אַלע אינדוסטריעלע צענטרען, אין אַלע אַמטן און אַפּאַראַטן פון דער ראַטן־מלוכה און פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

און עס באַקומט זיך אַזאַ בילד: די פירער פון קאָמינטערן (זי־נאָוויעוו און זיינע חברים) זיינען געווען „פאַררעטער און אַגענטן פון פרעמדע מלוכות"; די הויפּט־באַגרינדער פון קאָמוניזם (צווישן זיי — בוכאַרין, דער פאַרפאַסער פון קאָמוניסטישן פּראָגראַם) האָבן נישט קיין אַנדערע זאָרג, ווי — „צוריק־ אויפשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד"; די הויפּט־בויער פון דער סאָוויעטישער אינדוסטריע זיינען געווען — „געשטאַפּאָ־אַגענטן, שעדיקער און דיווערסאַנטן" און האָבן בלויז געטרוימט וועגן צעטיילן דעם ראַטן־פאַרבאַנד צווישן דייטשלאַנד און יאַפּאַן; די וויכטיקסטע רעדאַקטאָרן און פּובליציסטן, וואָס זיינען דורך די לעצטע צוואַנציק יאָר געווען טעטיק אין ראַטן־פאַרבאַנד, זיינען — „אויסוואורפן, הינט און גיפטיקע שלאַנגען"; די וויכטיקסטע בויער פון דער רויטער אַרמיי זיינען געווען — „בידער־טרעכטיקע באַנדיטן און שפּיאָנען פון פרעמדע מלוכות". אין דער שפּיץ פון ג.פּ.או. איז געשטאַנען אַ „שונא פון פאָלק" און מיט דער גאַנצער פּאָליטישער אויפקלערונגס־אַרבעט אין דער רויטער אַרמיי האָט אָנגעפירט אַ „פרעמדער אַגענט".

עס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן מענטשן, וואָס גלויבן אין די אַלע מאָנסטעריעזע באַשולדיקונגען. צו אַזעלכע מענטשן קען מען האָבן בלויז אַ געפיל פון רחמנות אָדער פאַראַכטונג. ווייל אויף פאָרצושטעלן זיך, אַז אַלע וויכטיקסטע טעאָרעטיקער פון אַ באַפרייאונג־אידייע, אַלע באַ־רימטסטע העלדן פון בירגער־קריג און פון דער גראַנדיעזער אויפבוי־אַרבעט אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינען געווען שפּיאָנען און דיווער־סאַנטן, — אויף דעם דאַרף מען זיין אָדער אַ הונדערט־פּראָצענ־טיקער קרעטין אָדער אַ גרענעצלאָזער ציניקער.

פאַראַן אָבער געוויס אויך אַזעלכע אין דער קאָמוניסטישער באַ־וועגונג, ביי וועמען די מאָסקווער שאָסן האָבן דורכגעהאַקט דעם פאַנ־

צער פון בלינדן גלויבן. זיי מוז די צאָל 1300 געבן אַ שטויס צום ווייטערדיקן פאַרטראַכטן זיך. די צאָל 1300 איז דאָך אַגב בלויז אַ קלײנער ברוכטייל פון אַלע אַנטדעקטע „פאָלקס־שונאים". גראָד איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער באַריכט פון דער ווייסרוסלענדישער קאָמוניסטישער פאַרטיי, און מיר האָבן געהאַט פאַר זיך אַ סך־הכל, אָבער די דעפעשן, וואָס קומען אָן פון אַלע עקן רוסלאַנד, באַווייזן, אַז ווייסרוסלאַנד איז נישט קיין אויסנאַם.

און יעדער קאָמוניסט, ביי וועמען עס איז נאָך פאַרבליבן אַ שפּור פון דער מענטשלעכער אייגנשאַפט צו קאָנען רירן מיטן מוח, מוז זיך שטעלן די קשיה: דער פאָרזיצער פון קאָמיסאַרן־ראַט אין ראַטן־ווייסרוסלאַנד איז געווען אַ „שונא פון פאָלק"; דער פאָרזיצער פון ווייסרוסישן „ציק" (טשערוויאַקאָוו) — דאָס זעלבע. אין די פאַר־העלטניסמעסיק ניט צאָלרייכע שפּיצן פון ווייסרוסלאַנד האָבן זיך גע־פונען גאַנצע 1300 „שונאים פון פאָלק" — רויטע דירעקטאָרן, קאָ־מוניסטישע סעקרעטאַרן, רעדאַקטאָרן פון קאָמוניסטישע צייטונגען, פי־רער פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, שריפטשטעלער, פירער פון דער רויטער אַרמיי, פירער פון קאָלכאָזן און סאָוויעטישעווירטשאַפטן! און אַזוי ווי אַן ענלעכע לאַגע איז אין אַלע ראַטן־רעפּובליקן, באַדייט דאָך דאָס, אַז די גרעסטע מערהייט פון די אַרבעטער און פּויערים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין בירגער־קריג, אין דער אויפבוי־אַרבעט, די פעד־איקסטע און בעסטע, וועמען דאָס פאָלק האָט אַרויסגעגעבן, די העל־דישסטע, איבערגעגעבנסטע און טעטיקסטע, וועמען די ראַטן־מאַכט האָט אַרויסגערוקט אויף אַלע קאָמאַנדיר־פּאָזיציעס, — זיי זיינען אין דער גרויסער מערהייט געוואָרן „שונאים פון פאָלק". אויב דאָס זאָל זיין ריכטיק, וואָלט דאָס באַדייט, אַז שפּיאָנאַזש און דיווערסיע איז אין ראַטן־פאַרבאַנד געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומ־געכאַפּט קודם־כל אַלע העלדישסטע, פּעאיקסטע און בעסטע, און וואָלט דאָס טאַקע געווען ריכטיק, דאַן וואָלט אַ שיין פּנים געהאַט די ראַטן־מלוכה און די גאַנצע בויאונגס־אַרבעט; וואָלט דאָס געווען ריכ־טיק, דאַן וואָלט מסתמא דער ראַטן־פאַרבאַנד שוין לאַנג ניט עקזיס־טירט.

די לעצטע רעפּרעסיעס אין ראַטן־פאַרבאַנד באַווייזן, אַז דער סטאַלינישער אַפּאַראַט פאַרלירט שוין ממש דעם קאָפּ. די צאָל 1300, וואָס זיינען אַנטדעקט געוואָרן אין איין סאָוויעטישן ווייסרוסלאַנד אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט, באַווייזט, אַז סטאַלין פילט, אַז אין די אַפּאַראַטן פון דער מלוכה און פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָט ער אַלץ אַ קלענערן אָנלען. אַזוי ווי ער שטייט ניט — ווי דאָס איז געווען מיט לענינען — מיט אַ קאָפּ העכער פון זיין סביבה, שרעקט

ער זיך פּאַר מעגלעכע קאָנקורענטן אויף אָנפירן מיט דער ראַטן־מלוכה, און ער דערהויבט זיך אַליין דורך דעם, וואָס ער מאַכט זיינע קאָנקו־רענטן מיט אַ קאָפּ נידעריקער. אָבער דער טעראָר מאַכט די לאַגע פון יעדן איינציקן פּאַרדינסטפולן מענטשן אין ראַטן־פּאַרבאַנד ניט זיכער, און דער טעראָר געבוירט אָפּאָזיציע. און די אָפּאָזיציע ווערט אויסגע־ראָטן מיט וויטערדיקן טעראָר.

סטאַלין קעמפט פאַר איינהאַלטן די מאַכט ביי זיך אין די הענט, און ער קעמפט מיט ריין־„קאָמוניסטישע״ מעטאָדן. ווער עס געדענקט, ווי לייכט די קאָמוניסטן האָבן יעדן קעגנער פון פּראָלעטאַרישן לאַגער געמאַכט פאַר אַ „סאָציאַל־פאַשיסט״ און „דעפענסיווע־אַגענט״, דער קאָן זיך ניט חידושן, וואָס טויזנטער קאָמוניסטן ווערן היינט אין ראַטן־פּאַרבאַנד געשטעמפּלט, אַלס „שפּיאָנען״, „געשטאַפּאָ־אַגענטן״ און „שונא־ים פון פּאָלק״. דער ביוראָקראַטישער בוי פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און די מעטאָדן פון אויסגעלאַסענער העצע, וואָס דער קאָמו־ניזם האָט שטענדיק אָנגעווענדט, דאָס איז דער באָדן, וואָס האָט אָרגאַניזאַציאָנעל און פּסיכאָלאָגיש מעגלעך געמאַכט די ווילדע העצע, וואָס ווערט איצטער געפירט אין ראַטן־פּאַרבאַנד קעגן טויזנטער בויער פון דער ראַטן־מלוכה. די דאָזיקע העצע, — די יאָגד נאָך „פּאָלקס־שונאים״ —ווערט היינט די שוידערלעכע טראַגעדיע פון ראַטן־פּאַרבאַנד. און ניט בלויז פון ראַטן־פּאַרבאַנד: דער וועלט־פּראָלעטאַריאַט האָט זיך שטענדיק געפילט געקניפּט און געבונדן מיטן זיגערישן רוסלענ־דישן פּראָלעטאַריאַט, מיט זיינע האָפענונגען און דערגרייכונגען, און ער איז אויך אַ שותּף צו זיין טראַגעדיע און פּיין.

צווישן די בלבולים, וואָס סטאַלין מאַכט אויף זיינע קעגנער, פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט דער בלבול, אַז זיי האָבן געוואָלט צוריק אויפשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם אין ראַטן־פּאַרבאַנד. אויב סטאַלין מוז אָנקומען צו אַזאַ פאַרוואורף, באַווייזט דאָס אַז די אידייע פון סאָציאַליזם איז אין ראַטן־פּאַרבאַנד טיף איינגעבאַקן אין די הערצער פון די מאַסן, און אַז זיי זיינען גרייט צו באַשיצן דעם סאָציאַליזם, פּונקט ווי זיי זיי־נען גרייט צו קעמפן קעגן שעדיקער און שפּיאָנען. היינט ספּעקולירט סטאַלין אויף אָט די איינגעפלאַנצטע געפילן פון ליבע צום סאָציאַליזם און האָס צום קאַפּיטאַליזם. אָבער די אַרבעטנדיקע מאַסן פון ראַטן־פּאַרבאַנד וועלן מסתמא אינגיכן איינזען, אַז דאָס דול־הויז, אין וועלכן די ראַטן־מלוכה ווערט פאַרוואַנדלט צוליב סטאַלינס מאַכט־חשבונות, רייסט אַרונטער סיי די גאַנצע גראַנדיעזע סאָציאַליסטישע אויפבוי־אַרבעט, סיי דעם פּאָליטישן אָנזען פון ראַטן־פּאַרבאַנד אין גאָר דער וועלט.

(„נייע פּאָלקסצייטונג״, יוני 1938)

דער גייסט פון ווין

היינטיקע דאָטע איז אַ היסטאָרישע. אין טאָג פון 12טן פעברואַר האָט זיך פונקט מיט פינף יאָר צוריק צעפּלאָקערט דער הערצאישער קאַמף פון די עסטרייכישע אַרבעטער.

דער אויפשטאַנד איז דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. דער ראַ־כיטישער עסטרייכישער פאַשיזם האָט געהאַט גענוג טאַנקען און האַר־מאַטן פאַר די קעמפער, גענוג תליות, תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר די באַזיגטע. ער האָט געהאַט גענוג באָמבעס און קוילן אויף צו צעשטערן אַרבעטער־הייזער, פאַרניכטן און חרוב מאַכן די וואונדערלעכע שאַפונגען פון יאָרן, גענוג טעכנישע מאָרד־מיטלען אויף צו פאַרשקלאַפן די גרעסטע מערהייט פון עסטרייכישן פאָלק. ער האָט אָבער ניט געהאַט גענוג כוח אויף צום לעבן.

דער הויפּט־תליון אַליין פון די עסטרייכישע אַרבעטער, דאָלפוס, לעבט שוין ניט מער. און אויב מען דערמאָנט אים נאָך אין היינטיקן עסטרייך, איז דאָס בלויז אויף פייערונגען לכבוד זיין נאַצישן מערדער פלאַנעטאַ, וואָס האָט אים געטויט אויף עמעצנס אַ באַפעל צום רום פון „פולבלוטיקן" פאַשיזם. דאָלפוסעס הויפּט־שותּף אין דער נאָבעלער אַרבעט פון צעשיסן ווינער פרויען און קינדער פון האַרמאַטן, איז — בעת היטלערס אַריינמאַרש קיין עסטרייך — ביי געהיימניספולע אומ־שטענדן „באַגאַנגען זעלבסטמאָרד". דאָלפוסעס און פייס אַמאָליקער רבי, מוסאָליני, וואָס האָט מיט פינף יאָר צוריק מיט דער הילף פון זייערע האַרמאַטן דעראָבערט פאַר דער איטאַליענישער אימפּעריע די ערשטע וואַסאַלע פּראָווינץ אויף צפון פון ברענער — ער האָט היינט אין דער דאָזיקער פּראָווינץ ניט די מינדסטע דעה. עסטרייך אַליין עקזיסטירט שוין ניט אַלס מלוכה און זי איז אָפּגעווישט פון דער מאַפּע. אָבער דער אָנדענק פון די פעברואַר־קעמפער לעבט אין די הערצער פון מיליאָנען, און זייערע מעשים זיינען פאַרבליבן אַן אייביק שפרודל־דיקער קוואַל פון באַגייסטערונג. דער גייסט פון ווין האָט געלעבט דורך די פינף יאָר: ער האָט פולסירט מיט לעבעדיקן אָטעם אין אָק־

טאָבער־אויפשטאַנד אין אַסטוריע, ער האָט געקראָגן אומגעהויערן שוואונג אין הערָאאישן גוראַנגאַל פון די שפּאַנישע מאַסן, ער האָט זיך געשפּירט אין דער ווידערשטאַנד־גרייטקייט קעגן היטלעריזם, וואָס האָט געלעבט אין די הערצער פון די טשעכישע און דייטשע אַרבעטנדיקע מאַסן אויפן שטח פון אַמאָליקן טשעכאָסלאָוואַקיע, אַ ווידערשטאַנד־גרייטקייט, וואָס איז ניט געקומען צום אויסדרוק אויסשליסלעך צוליבן מינכענער פאַרראַט. די פעברואַר־טעג אין עסטרייך פאַרבלייבן אין דער געשיכטע ווי אַ סימבאָל פון העראָאיזם, פון קאַמף און ווידערשטאַנד.

די פעברואַר־קעמפער אין עסטרייך האָבן גאַראַנטעוועט דעם כבוד פון קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס. די נעבעכדיקע קאַפּיטולאַציע פאַר היטלערן פון אַלע פליגלען פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געדריקט אויפן געמיט פון די אַרבעטער־מאַסן פון דער וועלט, ווי שווער בליי. זי האָט געוועקט געפילן פון בושה, זי האָט געבוירן אומ־גלויבן אין דער קאַמפּספּעאיקייט פון פּראָלעטאַרישן אַוואַנגאַרד, זי האָט געשפּרייט אַנמעכטיקייט און פאַרצווייפלונג. די דאָזיקע קאַפּיטו־לאַציע האָט פול געמאַכט מיט פרייד דאָס האַרץ פון די שונאים: דער מאַרקסיזם איז אַנמעכטיק — האָבן זיי מיט הנאה געשטשירעט זייערע ציין. די עסטרייכישע סאָציאַליסטן האָבן אויפגענומען דעם אומגלייכן קאַמף. דער אָרעאָל פון זייער העלדישקייט האָט צוריקגעגעבן דעם סאָציאַליזם זיין אמתן גלאַנץ, דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט האָט ווידעראַמאָל איבערראַשט די וועלט מיט זיין אייביקער יונגקייט, שטאָלענעם מוט און וואונדערבאַרער אָפּפערוויליקייט. די פרייהייט־אידייע, וואָס צוליב איר — האָט זיך אַרויסגעוויזן — קאָנען מענטשן קוקן אַזוי שטאָלץ און מוטיק דעם טויט אין פּנים אַריין, — זי האָט נאָך די פעברואַר־קאַמפן געקראָגן אַ נייעם זין און פרישן ווערט. דער פּע־ברואַר־שטורעם האָט אָפּגערייניקט די פאַרפּעסטעטע מאָראַלישע אַט־מאָספער אין אייראָפּע, ער האָט אָנגעפילט מיליאָנען הערצער מיט גלויבן, מוט און שטאָלץ.

דער קאַמף פון די עסטרייכישע אַרבעטער איז באַלד פון אָנהויב געווען אַ פאַרשפּילטער. דאָס האָבן געשפּירט אַלע, און דעם סאָציאַ־ליסטישן אַוואַנגאַרד איז ניט געלונגען מיטצורייסן די ברייטסטע מאַסן. דער אַרויסטריט פון די עסטרייכישע אַרבעטער איז געקומען צו שפּעט. די קאַמפן האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט נאָך אַ ריי חדשים פון דאָלפוסעס פאַקטישער דיקטאַטור. מיט 11 חדשים פריער האָט שוין דאָלפוס אָפּגעשטעלט די טעטיקייט פון פּאַרלאַמענט, באַזעצט מיט אייגענע מענטשן אַלע מאַכט־פּאָזיציעס, צוגענומען די וויכטיקסטע איינקונפט־קוואַלן ביים רויטן ווינער שטאָט־ראַט און אָנגעהויבן אַ פּאָליטיק פון טעראָריזירן די אַרבעטער. אַזוי, למשל, האָט די מורא פאַר אַרבעטסלאָזי־

קייט און טעראָר אָפּגעהאַלטן די באַן־אַרבעטער פון אונטערשטיצן דעם אַלגעמיינעם שטרייק, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין די קאַמף־טעג פון פעברואַר. אין זיין באַרימטער בראַשור, וואָס אָטאָ באַוער האָט אָנגעשריבן באַלד נאָכן פאַרשפּילטן אויפשטאַנד און וואָס פיבערט נאָך מיט קראַפט פון באַריקאַדן־קאַמף, דערקלערט דער פאַרשטאָרבענער פירער פון עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט, אַז דער „אומגליקלעכסטער פון אַלע פעלערן", וואָס די עסטרייכישע סאָציאַליסטן זיינען באַגאַנגען, איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן ניט אויפגענומען דעם קאַמף מיט עלף חדשים פריער, ווען די אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך ניט געווען טעראָריזירט. די עסטרייכישע אַרבעטער — דערקלערט ער — האָבן געוואָלט אויסמיידן אַ בירגער־קריג, און זיי איז שפּעטער אָנגעוואָרפן געוואָרן אָט דער קריג אין די אומגינסטיקסטע באַדינגונגען פאַר זיי.

די דאָזיקע פעסטשטעלונג קריגט אַ באַזונדערע קראַפט נאָך דער דערפאַרונג פון די פינף יאָר. ניט אויף איין פּשרה זיינען די עסט־רייכישע אַרבעטער איינגעגאַנגען מיט דער האָפענונג, אַז די עסטריי־כישע קלעריקאַלן וועלן העלפן פאַרהאַלטן דעם פאַרויסמאַרש פון היט־לעריזם. היינט ווייסן אַלע: דאָלפוס, שושניג און איניצער האָבן בלויז אויסגעטראָטן דעם וועג פאַרן היטלעריזם. ניט איין דעצידירנדיקע סאָ־ציאַלע שלאַכט איז אין עסטרייך אָפּגערוקט געוואָרן, כדי ניט צו שטעלן אין געפאַר די אומאָפּהענגיקייט פון עסטרייך, וועלכע היטלער האָט באַ־דראָט. היינט איז קיין ספק ניט: דאָלפוסעס האַרמאַטן האָבן, צעשיסנדיק די ווינער אַרבעטער־הייזער, גלייכצייטיק צעשאָסן די אומאָפּהענגיקייט פון עסטרייך. די דאָזיקע דערפאַרונג קאָן פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער וועלט ניט גיין לאיבוד.

פינף בלוטיקע יאָר זיינען אַריבער, יאָרן אָנגעלאָדענע מיט סאָ־ציאַלער דינאַמיק, מיט העראָאישע ראַנגלענישן. דעם צוועלפטן פע־ברואַר — מיט פינף יאָר צוריק — האָט זיך אָנגעהויבן איין סאָציאַלע שלאַכט, און זי איז פאַרשפּילט געוואָרן. אָבער דאָס איז איין שלאַכט פון אַ גרויסער מלחמה פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט, אַ מלחמה, וואו דער ענדגילטיקער זיג געהערט די כוחות פון מאָרגן. און דער גייסט פון ווין לעבט אין אַלע גרויסע געשיכטלעכע געראַנגלען פון דער היינטיקער צייט, ער דערמוטיקט צום קאַמף און גיט גלויבן אין זיג.

(„נייע פאָלקסצייטונג", פעברואַר 1939)

שיפֿן וואָס האָבן ניט קיין האַפֿן

דורכן מיטללענדישן ים, דורכן אַטלאַנטישן אָקעאַן, איבער אומ־ענדלעכע וואַסער־וויסטעניישן פֿון דער וועלט טראָגן זיך, ווי בייזע נאַכט־געשפּענסטער, שיפֿן פֿאַר וועלכע עס איז נישטאָ קיין האַפֿן. דאָס איז ניט קיין שווערער חלום פֿון אַ קראַנקער פֿאַנטאַזיע; דאָס איז דיווירקלעכע ווירקלעכקייט פֿון אונזער קראַנקער וועלט.

עס שווימען שיפֿן מיט לעבעדיקע מענטשן, מענטשן אַרויסגעריסענע פֿון זייער היים און אויסגעשפּיגן פֿון זייער געבורטסלאַנד. ביים ריין, ביי דער שפּרע, ביים אָדער און ביי דער עלבע האָבן זיי איבערגעלאָזן קברים פֿון זייערע נאָענטסטע. די ביינער פֿון זייערע זיידעס און אור־זיידעס האָבן זיך אויסגעמישט מיטן אַש פֿונם לאַנד, פֿון וואַנען זיי פֿאָרן. זיי אַליין האָבן די מי פֿון זייערע הענט און זייער גאַנצע גייס־טיקע קראַפֿט אָפּגעגעבן פֿאַרן גלאַנץ פֿון זייער לאַנד. זייער שווייס איז איינגעזאַפּט אינעם ציגל פֿון פּאַלאַצן, זיי זיינען געווען אַ טייל פֿון יענער ריזיקער נאַמענלאָזער אַרבעטס־אַרמיי, וואָס האָט אויפֿגע־שטעלט די ריזיקע פֿאַבריק־בנינים, וועמענס הויכע קוימענס בליקן שטאָלץ אין די הימלען אַריין און צעטראָגן דורך קנוילן רויך בשורות אין די רוימען וועגן דער דערהויבנקייט פֿון מענטשלעכער פּראַצע און מענטשלעכער דערפֿינדערישקייט. די פּאַרטריבענע האָבן געהאַט זייער חלק אין דער חכמה פֿון די געלערנטע פֿון זייער לאַנד, זיי האָבן איינגעוועבט פּעדים פֿון זייער האַרץ און נשמה אין די מעלאָדיעס פֿון זיינע מוזיקער, אינעם ריטם פֿון די פּאָעטן. זיי האָבן ליב געהאַט די שיינקייט פֿון זייער לאַנד, דעם חן פֿון זיינע לאַנדשאַפֿטן, זיינען שטאָלץ געווען מיט זיינע דערגרייכונגען און האָבן טיף געוויינט איבער זיינע מפּלות. און אָט, ווען די פֿאַשיסטישע בעסטיעס האָבן גענומען באַ־לעבאַטעווען אין זייער לאַנד און היים, זיינען זיי אַרויסגעשליידערט געוואָרן איבער דער גרענעץ אַזוי ווי מען וואַרפֿט אַרויס איבערן פּאַרקאַן אומנוציקע שערבלעך.

דאָס איז געמיין און נידערטרעכטיק, ווי געמיין און נידערטרעכטיק עס איז דער פֿאַשיזם בכלל. און דער פֿאַשיזם איז גרויזאַם און בעסטיאַ־ליש ניט בלויז צו די „ראַסן־פֿרעמדע”. צענטליקער טויזנטער ריין־בלוטיקע דייטשן און איטאַליענער האָבן נאָך דעם זיג פֿון פֿאַשיזם

ביי זיי אין לאַנד געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט. און דאָס איז געווים אַ טרייסט פאַר די געפּלאָגטע, געפּייניקטע און פאַרטריבענע „פרעמדע": זיי געפינען זיך אין דער נאָבעלער געזעלשאַפט פון די איידלסטע זין פון זייער לאַנד, — צווישן די „כשרסטע אַריער", וואָס טראָגן ווייט פון זייער לאַנד הויך און שטאָלץ די פאָן פון אמתן דייטשלאַנד אָדער אמתן איטאַליע. און אין די ערשטע יאָרן פון די נאַצי־באַרבאַרייען האָבן די פּליטים געהאַט נאָך אַ שטיקל טרייסט: דאָס איז די וואַרעמע באַציאונג, וועלכע די וועלט האָט אַרויסגעוויזן צו זייער גורל. דאָס האָט געראַטעוועט פון פאַרצווייפלונג.

הייַנט איז אָט די לעצטע טרייסט נישטאָ. דער סימבאָל פון דער פּליטים־לאַגע זייַנען די שיפן, וואָס שווימען איבער די ימען, און וואָס געפינען ניט קיין האַפן. טויזנטער מענטשן ווערן באַהאַנדלט ווי קרעציקע. ווי גרויס און ברייט די ערד־קויל איז, געפינט זיך ניט קיין ווינקעלע אויף דער ערד, וואָס זאָל די פאַרוואָגלטע געבן אַ מקום־מנוחה. קיין שום דאַנטישער גיהנום, קיין שום מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָנען ניט אויסמאָלן די ליידן פון די מענטשן, וואָס זייַנען אַזוי־מעטום איבעריק, ווען מען פירט הין און צוריק, ווי טריפהנע סחורה, וועמענס היים ס'איז די שיף אויף צעבושעוועטע כוואַליעס, און וועמענס טרוים — אַ שטיק באָדן אונטער די פיס, זאָל זיין — אפילו אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אָפּגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט פון מענטשלעכן מין...

אַ יאָר צייט איז שוין אַוועק זייט עוויאַן. אין עוויאַן האָט מען ניט געזשאַלעוועט קיין רחמנות־רייד. די גרויסע גבירים פון דער וועלט — די פאָרשטייער פון די גרויסע מלוכות — האָבן באַרואיקט זייער געוויסן און די אייגענע געזעלשאַפטלעכע מיינונג מיט אַ קרעכץ לטובת די אומגליקלעכע. מען האָט אָבער קיין וואָרט ניט פאַרלוירן קעגן די באַרבאַרן, וואָס פּראָדוצירן דעם אומגליק. קיינעם איז דאָרט אפילו ניט איינגעפאַלן צו קומען מיט אַ פאָרשלאַג צו שטעלן מחוץ למחנה, צו איזאָלירן ווירטשאַפטלעך און פינאַנציעל די מלוכה, וועלכע באַרויבט אַ טייל פון אירע בירגער און וואַרפט זיי אונטער ווי ממזרים דער וועלט — הוילע נאַקעטע און אָפּגעריסענע. אַ האַלב יאָר נאָך עוויאַן איז געקומען דער נאָוועמבער־פּאָגראָם פון 1938, ווען מען האָט גערויבט און געברענט אויף אַן אָפיציעלער פאַראָרדענונג — ווי דאָס איז איצטער דערוויזן געוואָרן, און עס זייַנען צוגעקומען נייע צענטליקער טויזנטער פּליטים. די עפנטלעכע מיינונג אין דער וועלט איז געווען דערשיטערט. אָבער דאָס האָט ניט געשטערט די בעלי־רחמנות צו דינגען זיך מיט די רויבער וועגן דעם, וואָס פאַר אַ טייל פון פאַרמעגן זיי מעגן רויבן. און די דערשיטערונג האָט ניט דערוועקט דעם עלעמענטאַרן פּליכט־

באוואוסטזיין, וועלכן עס פילט יעדער פשוטער מענטש פון פאָלק, ווען רויבער צינדן אונטער דאָס הויז פון זיין שכן: מען גיט דעם געלי־טענעם אַ צייטווייליקן דאַך איבערן קאָפּ.

מען האָט זייט דעם נאָוועמבער־פּאָגראָם אין דייטשלאַנד געלופּטערט אָן אַ שיעור קאָלאָניזאַציע־פּראָיעקטן פאַר די אומגליקלעכע פּליטים. נישטאָ באַלד קיין אײן וויסטעניש אויף דער ערד, קיין איין טראָפּיקאַ־לישער זומפּ, קיין איין נעסט פון מגפות און עפּידעמיעס, וואָס מען זאָל דורך דער צייט נישט האָבן ברייטהאַרציק אַוועקגעשענקט די פאַר־טריבענע. מען דעמאָנסטרירט די זאָרג פאַר די פּליטים דורך דעם, וואָס מען שיקט נייע קאָמיסיעס אין לענדער, וועלכע זיינען שוין צענט־ליקער מאָל געפאָרשט געוואָרן און וואָס מען האָט אין זייער אומטויג־באַרקייט פאַר מאַסן־קאָלאָניזאַציע שוין לאַנג זיך איבערצייגט, — און מען... פאָרשט זיי איצטער פונדאָסניי. מיט איין וואָרט, זאָל מען נישט זאָגן, אַז מען טראַכט נישט וועגן די אומגליקלעכע: מען רודערט, מען טומלט, מען פאָרשט, מען גרייט מאַטעריאַלן און...

...די דעפּעשן דערציילן: די פּליטים פון דער שיף סט. לואיס, ביי וועמען קובאַ האָט אין לעצטן מאָמענט צוריקגעצויגן די דערלוי־בעניש צו לאַנדן אויף אַן אינזל, וואו זיי וואָלטן „באַגליקט געוואָרן" מיט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָבן געשלאָסן אַ זעלבסטמאָרד־פּאַקט. אויב זיי וועלן צוריקגעשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד, וועלן זיי קאָלעקטיוו באַגיין זעלבסטמאָרד. אפילו אין אונזערע היינטיקע צייטן פון שווידער און גרויל איז שווער צו טרעפן אַ מער אויפטרייסלענדיקע ידיעה.

צי וועט די דאָזיקע ידיעה ענדלעך אויפטרייסלען דאָס געוויסן פון די היינטיקע הערשער אין דער וועלט? צי וועלן זיי דערפילן לגבי די אומגליקלעכע פאַרטריבענע אַ פליכט, וועלכע ווערט אויסגעפירט לגבי יעדן געטראָפענעם פון אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע? און דאָ איז דאָך די פליכט נאָך גרעסער ווי אין באַצוג צו מענטשן, וואָס זיינען געבליבן אָן אַ היים צוליב אַ נאַטור־קאַטאַסטראָפע. וואולקאַנען, פייער־אויסברוכן אָדער פאַרפלייצונגען קאָן מען נישט צוימען, אָבער די פאַשיסטישע באַרבאַרן האָט מען לאַנג שוין געקאָנט צוימען. די, וואָס שווימען אין שיפן, וואָס האָבן נישט קיין האַפן, זיינען קרבנות נישט בלויז פון די נאַצי־באַרבאַרייען, נאָר אויך פון דער מינכעניאַדע. און די אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער וועלט מוזן פאָדערן, אַז די סיגנאַלן ס.אָ.ס., וואָס טראָגן זיך פון די דאָזיקע שיפן, זאָלן געפינען דעם ברייטסטן אָפּקלאַנג.

(„נייע פאָלקסצייטונג", מאַי 1939)

הונדערט מיט פופציק יאָר

הײַנט פײַערט פראַנקרײַך און מיט איר די גאַנצע פּראָגרעסיווע מענטשהייט דעם 150סטן יאָרטאָג פון איינער פון די וואונדערלעכסטע ווענדפּונקטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע. עס ווערט 150 יאָר זייט דער שטורעם פון באַסטיליע, דער געשעעניש, וואָס האָט אויפגעלויכטן ווי אַ בליץ אויפן שיידוועג פון תקופות, האָט אויסגעלאָדן ענערגיע און ליידנשאַפטן געשטיקט פון דורות און געעפנט אַ תקופה פון די דראַסטישסטע געראַנגלען פון דער מענטשהייט אויף איר וועג צו העכערע פאָרמען פון לעבן.

דער אָנהויב פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דאַטירט זיך 5טער מאַי 1789. עס ליגט אַ טיפער היסטאָרישער זין אין דעם, וואָס געפייערט ווערט דער 14טער יולי. 5טער מאַי איז דער אָנהויב פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, דער 14טער יולי איז דער געבורט־טאָג פון אַ גרויסער פאָלקס־רעוואָלוציע.

דער פּעריאָד פון 5טן מאַי ביזן 14טן יולי 1789 איז אייגנטלעך געווען אַ פּראָלאָג צו דער געוואַלטיקער דראַמע, וואָס הייסט — גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע. אויפן אויבערפלאַך פון געזעלשאַפטלעכן לעבן הויבט זיך אָן אַ טאַנץ פון פאַרבן, אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן, וואָס איז קוים אַ בלאַסער אָפּקלאַנג פון פייער און בראַנד, וואָס פלאַקערט אין די טיפענישן, פאַרבאָרגן פון אונז. דער פּראָלאָג הויבט זיך אָן מיט אַ קאַמף צוליב שטייערן. אָבער די אידייע פון פאָלקס־הערשאַפט, וועלכע איז אויסגעוואָרעמט געוואָרן אינם שויס פון מיטלשטאַנד, דעם שיכט, וועלכער איז אין יענעם פּעריאָד ווירטשאַפטלעך — אַלץ און פּאָליטיש — גאָרנישט, די דאָזיקע אידייע צעזעצט די שאָלן פון אַ וועלכן נישט איז קאָנקרעטן און אוטיליטאַריסטישן אָביעקט פון קאַמף. עס דערשיינט אויף דער אַרענע אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרלאַמענט, פול מיט יונגן ענטוזיאַסטישן גלויבן אין דער גלייכהייט־אידייע. עס באַווייזן זיך טרוימער־פאַנאַטיקער, וועלכע מיינען, אַז זייער פלאַמיק וואָרט און דער נאָבעלער געדאַנק וועגן פאָלקס־הערשאַפט און פרייהייט, דאָס איז די איינציקע שעפערישע קראַפט, וואָס וועט אָפּרוימען די וועלט פון קנעכטשאַפט, וואָס האָט זיך פאַרפעסטיקט דורך הונ־

דערטער יאָרן, און וועט ווערן דער קוואַל פון אַ נייעם געזעלשאַפט־סיסטעם.

די רעדנער און פּאָליטיקער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג וואַרפן טאַקע ווערטער־שפּיזן, ווערטער־פלאַמען אין דער אַלטער אָר־דענונג פון רעכטלאָזיקייט און אַבסאָלוטיזם. די אַלטע אָרדענונג ליגט שווער פאַרוואונדעט. אָבער באַלד נעמט זי זאַמלען די כוחות. אויף ווערטער־שפּיזן וויל זי ענטפערן מיט פּשוטע שפּיזן. געפערלעכע אידייען קלייבט זי זיך צו צוימען דורך קייטן און פעסטונג־מויערן. די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג קווענקלט זיך שוין, איז צעמישט. איצטער דערשיינען אויף דער סצענע די מאַסן. עס נעמט אַ וואָרט די גאַס. מעכטיקער אויפברויז פון ליידנשאַפטן קעגן גדעונגענער קראַפט. טויזנ־טער ווילנס שאַפן פאָלקס־ווילן, פונקט ווי מיליאָנען טראָפּנדלעך — דעם מעכטיקן שטראָם, וואָס שווענקט אַראָפּ אַלע שטערונגען. עס הויבט זיך אָן די אייגנטלעכע רעוואָלוציע — דאָס פאָלק שטורעמט די באַסטיליע, דאָס פאָלק קעמפט און זיגט. קרעפטן, וואָס האָבן גע־ברויזט אין דער טיפעניש, רייסן אַדורך אַלע פאַרצוימונגען, צעגיסן זיך, ווי אַ שטורמישער ים. דער ים קאָכט און זידט. ווי שפּענדלעך אין אַ ווירבל־שטראָם — אַזוי דרייען זיך אַריין אין דער רעוואָלוציע מענטשן, גרופּן, קרייזן, פעלקער, אַ שטורעם טראָגט זיך איבער דער וועלט. ביי קראַכן פון דונערן, ביים פלאַם פון בליצן, ביי אַ בלוטיקן שלאַקס־רעגן ווערט געבוירן אַ נייע אָרדענונג און דער פאַקטישער געבוירן־טאָג פון דער נייער אָרדענונג איז דער 14טער יולי, דער טאָג ווען פּאַריז האָט זיך צעוויגט, צערוישט, צעברומט און צעברויזט, און — איז אַרויס אין קאַמף.

דאָס אָפיציעלע פראַנקרייך פייערט היינט זיין רעוואָלוציאָנערן יחוס. און די היינטיקע בורזשואַזיע האָט אַ גרונט צו פרייען זיך מיט די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע. די דערוואַכנדיקע בורזשואַזיע איז אַרויס אויף דער סצענע מיט פרישע קרעפטן, און זי איז געוואָרן די פירערין פון דער נאַציע. זי האָט דערביי אַרויסגעוויזן אָן אַ שיעור לעבנס־ענערגיע און שעפערישקייט. גאַנץ אייראָפּע האָט געשיקט אַר־מייען אויף צו דערטרינקען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אין בלוט. אויף אַ באַדייטנדיקן טייל פון לאַנד גופא האָט געבושעוועט די קאָנטער־רעוואָלוציע. און אין קאַמף קעגן אויסערלעכן און אינערלעכן שונא, געבויגן אונטער דער לאַסט פון דער שווערער ירושה פון פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם, געפייניקט פון הונגער, געפּלאָגט דורך נויט, געשמיסן דורך בייטשן פון פאַרראַט, האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק געשעפּט אין די אידייען פון דער רעוואָלוציע די נויטיקע קרעפטן אויף בייצו־קומען אַלע שוועריקייטן.

עס זיינען געקומען טערמידאָר, רעאַקציע, באָנאַפּאַרטיזם, רע־סטאַווראַציע, אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען עפּיזאָדן, — די בורזשואַזיע האָט איינגעשטעלט איר הערשאַפט. די צילן פון דער בורזשואַזער רע־וואָלוציע זיינען דערגרייכט געוואָרן. דער פעאָדאַליזם און אַבסאָלוטיזם זיינען אויסגעוואָרצלט געוואָרן, די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע איז גע־וואָרן אַ גרונט־עלעמענט פון דער הייַנטיקער וועלט, ביז... דער פאַ־שיזם האָט זי אָראָפּגעפירט פון די רעלסן.

אָבער נאָך אין אַ גרעסערער מאָס — ווי אַן אָפיציעלער יום־טוב פון דער בורזשואַזיע, — איז דער יאָרטאָג פון דער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע דער יום־טוב פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן אין גאָר דער וועלט.

דער יום־טוב דערמאָנט: געעגנדערטע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן קריגן פריער אָדער שפּעטער אויף אַזאַ אָדער אַנדערן וועג זייער פּאָליטישן אויסדרוק; און אַן אָפּגעלעבטער סדר קאָן זיך נישט האַלטן מיט דער קראַפט פון געוואַלט.

ער דערמאָנט: טיף אין לעבן קומען פאָר פּראָצעסן, וואָס מען זעט נישט מיטן אויג, אָבער עס איז פּונקט אַזוי זיכער, אַז די שפּרודל־דיקע אין די טיפענישן ענערגיע פון די מאַסן מוז זיך אַדורכרייסן, פּונקט ווי עס איז זיכער דער נאַטור־געזעץ, אַז די שלומערנדיקע לעבנס־קראַפט אין קנאָספּ מוז אַרויספּראַלן אויף דרויסן און צעעפענען דעם קנאָספּ און צעשעמערירן זיך מיט קאָלירן און לעבן.

נאָך דער וועלט־מלחמה איז די וועלט אַריינגעטראָטן אין אַ פּאַזע פון סאָציאַלע אויפטרייסלונגען. דורך צוואַנציק יאָר האָט די מענטש־הייט דורכגעמאַכט רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס; די אַר־בעטערשאַפט האָט אָפּגעהאַלטן נצחונות און געליטן מפּלות. און אין שעהען פון שווערע נסיונות דאַרף די אַרבעטערשאַפט ווענדן אירע בליקן צו דער געוואַלטיקער דראַמע, וואָס איר אָנהויב ווערט היינט געפייערט.

אַן אַנאַליז פון דער דאָזיקער וועלט־דראַמע באַווייזט קלאָר, אַז קיין שום שטערונגען קאָנען נישט פאַרהאַלטן די מענטשהייט אויפן וועג פון שטייגן צו אַ העכערער געזעלשאַפט־אָרדענונג. ניט קלעפּ פון דרויסן, ניט פאַרבלענדעניש אין די אייגענע רייען, ניט דיקטאַטור און ניט פינצטערע רעאַקציע האָבן ניט אָפּגעשטעלט דעם טריאומף־מאַרש פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע. די אידייען פון דער גרויסער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג דורך בלוט און קרבנות, דורך פּיין און מאַרטירערטום.

היינט האָט די בורזשואַזיע אין אַ רייע לענדער פאַרראַטן די פענער,

וועלכע זי אַליין האָט פאַנאַנדערגעוויקלט מיט 150 יאָר צוריק, און זי איז אַוועק אין געפאַנגענשאַפט צום פאַשיזם. אין אַנדערע לענדער קלאַ־מערט זי זיך מיט ציין און נעגל אין איר פּירוש פון גלייכהייט און פרייהייט: פאָרמעלע גלייכהייט ביים גענִיסן פון פּאָליטישע רעכט — יאָ, — אָבער ניט סאָציאַלע גלייכהייט ביים גענִיסן פון די פּרוכטן פון מענטשלעכן שאַפן; פרייהייט באַדייט, לויט דעם דאָזיקן פּירוש, פריי־הייט אויסצונוצן דעם צווייטנס אַרבעט. דעם קאַמף פאַר אמתער גלייכ־הייט און פרייהייט פירט דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געוואָרן דער פאַקטישער טרעגער פון די אידעאַלן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די רעאַקציע האָט היינט אָנגענומען נייע פאָרמען. די רעאַקציאָנערע בורזשואַזיע פאַרבינדט זיך — וואו נאָר זי קאָן און זי דאַרף דאָס — מיט די לעצטע מאָהיקאַנער פון פעאָדאַליזם און מאָנאַרכיזם, זי שאַפט נייע פאָרמען פון דיקטאַטור קעגן די מאַסן, וואָס באַגערן פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. די רעאַקציע טריאומפירט אין דייטש־לאַנד, איטאַליע און שפּאַניע, און זי פייערט איר נצחון אויף קאַטאַקאָמבן אומגעבראַכטע פרייהייטס־קעמפער. אָבער איר קאַמף איז פאָרט אַ פאַר־שפּילטער, פונקט ווי עס איז געווען מיט 150 יאָר צוריק פון אָנהויב אָן פאַרשפּילט דער קאַמף פון די בורבאָנען און זייערע אונטערהעלפער, ווי עס איז געווען פאַרשפּילט דער גאַנצער אָפּוועך־קאַמף פון דער פעאָ־דאַלער וועלט.

אידייען, וואָס פלאַטערן מיט בשורות פון רייף־געוואָרענעם מאָרגן, זיינען שטאַרקער פון שטאַרקסטן געווער פון היינט. דאָס איז די דערמוטיקונג, וועלכע ס׳הערט זיך אין גערויש פון די שטורעמס פון מיט 150 יאָר צוריק.

(„נייע פאָלקסצייטונג“, יולי 1939)

די שול פון פאַרברעכער

דער פאַל צערכאַ איז אַ געשעעניש, וואָס וואָלט געדאַרפט באַוועגן געוויסע קרייזן אין לאַנד צו אַ גרינטלעכן חשבון הנפש.

אָנהויבן הויבט זיך אָן די געשיכטע ווי אין אַ דאָסטאָיעווסקי־ראָמאַן: אַ יונגער סטודענט פירט אויס אַ מאָרד־אָנפאַל מיט רויב־צוועקן איבער אַן איינזאַמער אַלטיטשקער. דער סיפּור־המעשה אַנטוויקלט זיך אַ ביסל אַנדערש ווי ביי דאָסטאָיעווסקין. דער אייגנטלעכער מערדער פאַלט אַדורך, און ער שיסט זיך אַריין אַ קויל אין קאָפּ. אָבער פּרואווט איר נאָך וויטער ציען דעם פאַרגלייך מיט דאָסטאָיעווסקיס מערדער־סטודענט, זעט איר באַלד, אַז די ענלעכקייט איז בלויז אַ ריין אויסערלעכע. צערכאַ געהערט ניט צום מין דאָסטאָיעווסקיס צעבראָכענע אינטעליגענטן, מיט אַן אייביקער צעצוויטקייט אין דער נשמה; ער געהערט ניט צו די העלדן פון דאָסטאָיעווסקיס שניט, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אויפן גיהנום פון ספקות און מאָראַלישן פּיין, און זיינען באַשאָנקען מיט אַ סובטעלן גייסט, וואָס בלאָנדזשעט פאַרצווייפלט אין די פינצטערע געדיכטענישן פון דער ווירקלעכקייט. לויט דעם, ווי די צייטונגען ברענגען צערכאַס ביאָגראַפיע, איז ער אַ מענטש פון טאַט, אַ פאַרשטייער פון יענער דינאַמישער יוגנט, וואָס שטאַלצירט מיט איר פעאיקייט צו מעשים; אַ היינטצייטיקער „העלד", וואָס מאַכט ניט קיין וועזן פון לא תרצח, — מיט איין וואָרט, אַ נאַטור, וואָס געפינט זיך אין פולן הסכם מיט די אידעאַלן פון „פאַלאַנגאַ", אָדער . . . „מאַ־מענט". און דער פאַל צערכאַ דאַרף דעריבער פאַראינטערעסירן ניט בלויז פסיכאָלאָגן, נאָר אויך — און אין דער ערשטער ריי — געזעלשאַפטלעכע טוער און פּאָליטיקער, וועלכע וואָלטן געקאָנט געפינען אין אים באַלערנדיקע מאָמענטן.

ווער איז דער צערכאַ? לאָמיר איבערדערציילן נאָך אַמאָל די ידיעות פון דער צייטונגס־כראָניק. צערכאַ איז געווען אַן ענדעק, איז שפּעטער אַוועק צו דער „נאַראַ" און האָט דאָרטן געהערט צו דער אַקטיווער טעראָריסטן־גרופּע, וואָס האָט אויסגעפירט אָנפאַלן אויף יידן. אין אוניווערזיטעט איז ער געווען אַן אַקטיווער שלאָגער און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַוואַנטורעס בעת דער בלאָקאַדע פון אוניווערזיטעט

אין יאָר 1938. צערכאַ געהערט שפּעטער צו דער אומלעגאַלער „פּאַ־לאַנגאַ״, פירט אָן מיט דער געהיימער דרוקעריי פון „פּאַלאַנגאַ״. צערכאַ פירט ווייטער אָן מיט דער פּיקעטן־אַקציע קעגן יידן; צערכאַ ווערט אַרעסטירט און זיצט אָפּ צוויי וואָכן אַלס באַשולדיקטער אין וואַרפן אַ פּעטאַרדע אויף דער יידישער באַנק ביי עק טוואַרדע און מאַריאַנסקע. פאַר אומלעגאַלער טעטיקייט אַרום דער „שטאַפעטאַ״, האָט צערכאַ געהאַט אַן אורטייל פון צען חדשים תפיסה.

דאָס איז צערכאַס יחוס. מיר לעבן אָבער אין אַ פּיינלעכער צייט, ווען אַזאַ יחוס שליסט פאַר קיין מענטשן ניט די טירן פון אַן אַזוי גערופענער אָנשטענדיקער געזעלשאַפט. צערכאַ, וואָס האָט געהאַט אַ תפיסה־אורטייל פאַר דער אומלעגאַלער „שטאַפעטאַ״ — דער מענטש איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער פונם בלעטל, וואָס האָט זיך אָפן באַרימט מיט מערדערייען און געהעצט צו מאָרדן, — ער איז אין געוויסע קרייזן פון דער געזעלשאַפט געווען וואוילגעזען. אפילו דעם לעצטן זונטאָג ברענגט דער „גאָניעץ״ די ידיעה וועגן מאָרד־אָנפאַל אויף גזשיבאָווסקע אונטער אַ גרויסן קאָפּ: „אַ מערדער, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען״. און דאָ קומען מיר צו דער אייטערדיק־סטער וואונד פון אונזער צייט: מען קאָן זיין אַ צערכאַ, און מען קאָן... האָבן אַ גוטן נאָמען.

מיר לעבן אין צייטן פון פאַרווילדונג. מיט אַ קורצער צייט צוריק איז דאָס בילדונגס־מיניסטעריום געווען געצוואונגען פאַנאַנדער־צולאָזן אין לעמבערג אַזש 18 אַקאַדעמיקער־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פאַראורטיילן די בעסטיאַלישע מאָרדן איבער די יידישע סטודענטן אין לעמבערג. די פירער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס באַטראַכטן, ווי באַקאַנט, די מאָרדן אַלס רומפולע „נאַציאָנאַלע טאָט״, און די מערדער אַלס „נאַציאָנאַלע העלדן״. און געוויס געפינען זיך דאָרט צווישן די מיטגלידער פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס בחורים, וואָס האָבן צוליב זייערע מאָראַלישע אייגנשאַפטן אַ „גוטן נאָמען״! אָבער עס קומען צו זיי די אומלעגאַלע מאָרד־פאַרבאַנדן אין נאָמען פון אַן „אידייע״. די „אידייע״ פאָדערט צו זיין דינאַמיש און טאַט־פעאיק. די „אידייע״ דערלויבט צו באַפאַלן אַ בונדישע מאַי־דעמאָנסטראַציע און דערשיסן אַ קינד אויף די הענט פון דער מוטער; אין נאָמען פון דער „אידייע״ וואַרפט מען פּעטאַרדעס; די „אידייע״ הייסט שאַרפן דעם מעסער, וואָס ווערט אַריינגעשטאָכן אין לייב פון יידישע קאָלעגעס אין אוניווערזיטעט. און אַן „אידייע״ וואָס כשרט מאָרד, מוז דערציען פאַרברעכער.

די אַנטיסעמיטישע באָיואווקעס האָבן, לויט זייער עצם כאַראַק־טער, געמוזט ווערן אַ זאַמל־פונקט פאַר מענטשן מיט פאַרברעכערישע

איִנסטינקטן. אָבער די דאָזיקע „באַיואוקעס״ מוזן אומפאַרמיידלעך פאַרוואַנדלען אין פאַרברעכער אויך מענטשן, וועלכע האָבן זייער גאַנץ לעבן געקאָנט אָפּלעבן מיט אַ „גוטן נאָמען״. קוים האָט עמיצער זיך גענומען אַ היתר אויף איבערפאַלן, שלאָגן און פאַרגיסן בלוט, — איז ער אַרויף אויף אַ גליטשיקן וועג, וואָס פירט גיך באַרג־אַראָפּ.

דער וועג פון מיטאַרויסגעבער פון דער „שטאָפּעטאַ״ ביז גזשי־באָווסקע 40 — דאָס איז אַ וועג אַ סימבאָלישער. פון באַנדיטיזם צוליב „אידייע״ פירט אַ גראָדער וועג צו איינפאַכן באַנדיטיזם. לאָמיר גלויבן דעם „גאָניעץ״, אַז דער מערדער פון דער אַלטיטשקער אויף גזשי־באָווסקע האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען, און לאָמיר אָננעמען, אַז ער האָט פאַרדיִנט זיין גוטן נאָמען. דעמאָלט ווערט נאָך דייטלעכער די ראָל פון דער אַנטיסעמיטישער באַיואוקע אַלס „שול פון פאַרברעכנס״.

און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט טאָר די טאָפּלטע טראַגעדיע פון מאָרד און זעלבסטמאָרד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף גזשיבאָווסקע 40 ניט אַדורכגיין אָן אַן אָפּקלאַנג. צערכאָ אַליין איז אַמוואַרשיינלעכסטן אויך אַ קרבן, — אַ קרבן פון יענע קרייזן, וואָס האָבן געכשרט בלוט־פאַרגיסונג אין נאָמען פון זייער מענטשנפרעסערישער אידייע.

צי איז צערכאָ שוין דער לעצטער קרבן? ווי געזאָגט, האָבן אין לעמבערג אַ ריי אָרגאַניזאַציעס אָפּגעזאָגט זיך צו פאַראורטיילן די מאָרדן איבער יידן. דער ענדעקישער הויפּט־ראַט האָט אין די לעצטע טעג פּראָקלאַמירט אַ באַשלוס אַדורכצוזעצן די אַנטי־יידישע אַקציע אין די אוניווערזיטעטן. די שול, אין וועלכער עס ווערן דערצויגן צערכאָס, באַנייט, הייסט דאָס, איר טעטיקייט.

צי וועט אָבער די גאַנצע געזעלשאַפטלעכקייט אין לאַנד ניט אויס־געפינען, אַז אויך זי האָט עפּעס צו לערנען פון פאַל צערכאָ?

(„נייע פאָלקסצייטונג״, יולי 1939)

קאַרל מאַרקס און די פּאַריזער קאָמונע

מאַרקס׳ באַציאונג צו דער פּאַריזער קאָמונע איז אויסערגעוויינלעך באַלערנדיק. די קאָמונע איז די גרעסטע וועלט־געשעעניש, וואָס איז אויסגעפאַלן אין פּעריאָד פון מאַרקס׳ רייפער טעטיקייט, און זי איז געווען דער פייערדיקער שלייף־שטיין, אויף וועלכן מאַרקס האָט אויסגעשאַרפט זיינע בליקן אויף די ברענענדיקסטע פּראָבלעמען פון רעוואָלוציע.

ערב דער קאָמונע האָט מאַרקס נישט געקאָנט צווייפלען, אַז דער וועג פון קאָמונע, אין אַ צייט ווען דער שונא קלאַפּט אין די טויערן פון פּאַריז, איז אַ וועג, וואָס פירט צו אַ מפּלה און אַ בלוט־באָד. ער האָט דעריבער ענערגיש געוואָרנט די פּאַריזער אַרבעטער קעגן אָט דעם שריט. דעם פערטן סעפּטעמבער 1870 איז אין פראַנקרייך געפאַלן די מאָנאַרכיע, און דעם זעקסטן סעפּטעמבער האָט מאַרקס שוין מיטגעטיילט ענגעלסן אין אַ בריוו, אַז „די פראַנצויזישע סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל איז אָפּגעפאָרן קיין פּאַריז, בכדי אָפּצוטאָן דאָרטן נאַרישקייטן אין נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַל. זיי ווילן די פּראָוויזאָרישע רעגירונג אַראָפּוואַרפן און אויפשטעלן ׳אַ פּאַריזער קאָמונע׳.״ אין אַ פּאָר טעג אַרום, דעם נײַנטן סעפּטעמבער, דערשיינט דער צווייטער אַדרעס פון גענעראַל־ראַט פונם אינטערנאַציאָנאַל וועגן דייטש־פראַנצויזישן קריג. מחבר פונם אַדרעס איז קאַרל מאַרקס, און אויך דאָ שרייבט ער:

„דער פראַנצויזישער אַרבעטער־קלאַס געפינט זיך אין דער שווערסטער קלעם. יעדער פּרואוו אומצוּוואַרפן די נייע רעגירונג, בעת דער פיינט קלאַפּט אין די טויערן פון פּאַריז, וואָלט געווען אַ פאַרצווייפלטע נאַרישקייט״. און דער אַדרעס עצהט די פראַנצויזישע אַרבעטער ווייטער „צו אַרבעטן אַנטשלאָסן און רואיק — מיט מיטלען, וועלכע עס באַוואָרנט זיי די רעפּובליקאַנישע פרייהייט — אויף צו אָרגאַניזירן דעם אייגענעם קלאַס״.

די פּאַריזער אַרבעטער האָבן אָבער נישט געקאָנט רואיק און אונטערן שוץ פון די רעפּובליקאַנישע פרייהייטן טאָן די אַרבעט פון אָרגאַניזירן דעם אייגענעם קלאַס. ווייל — דער פרייער און באַוואָפנ־

טער פּאַריזער אַרבעטער איז געווען פאַר דער בורזשואַזער רעגירונגס־כנופיא פון ווערסאַל אַ גרעסערע שרעק־געפאַר, ווי אַלע ביסמאַרקס אַרמייען. אויפן פּרואוו צו אַנטוואָפענען פּאַריז ענטפערן די אַרבעטער מיט אַן אויפשטאַנד, און דעם 18טן מערץ אַנטשטייט די פּאַריזער קאָמונע. און ווי נאָר דאָס געשעט, שטעלט זיך מאַרקס מיט לייב און זעל אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערן. די גאַנצע צייט, וואָס אין פּאַריז דויערט דער טראַגישער און העלדישער געראַנגל, פירט מאַרקס אַ פיבערהאַפטע טעטיקייט לטובת די קאָמונאַרן. פראַנץ מערינג ציטירט מאַרקס׳ אַ בריוו פון 13טן מאַי 1871 צו די קאָמונאַרן פראַנקעל און וואַרלען. אין בריוו טיילט זיי מאַרקס מיט, אַז די פּראָווינציעלע פראַנצויזישע פּראָווינץ נעמט זיך ביסלעכווייז וועקן, עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַקציע אין באָרדאָ. „לײַדער, איז די אַקציע לאָקאַל באַגרענעצט און פרידלעך... לטובת אייער זאַך שרייב איך הונדערטער בריוו אין אַלע עקן און ענדן פון דער וועלט, וואו נאָר מיר האָבן באַציאונגען...״ מאַרקס שרייבט בריוו אין אַלע עקן וועלט און שיצט מיט ליידנשאַפטלעכן ברען די קאָמונאַרן. ער טוט דאָס נישט נאָר אויס געפילן פון רעוואָלוציאָנערער לאָיאַלקייט. מאַרקס איז ווייט נישט געווען זיכער אינם זיג פון דער קאָמונע, נאָר ער האָט זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז ס׳זיינען דאָ מאָמענטן אין דער געשיכטע, ווען העלדיש פאַר־שפּילן ווערט דער ערן־חוב פון פּראָלעטאַריאַט — אַזעלכע מפּלות גרייטן צו די פּאָזיציעס פאַר די ווייטערדיקע זיגן. אַזאַ מאָמענט איז, לויט מאַרקס׳ אָפּשאַצונג, געווען דער אויפשטאַנד פון 18טן מערץ.

דעם 17טן אַפּריל שרייבט מאַרקס צו זיין פריינט קוגעלמאַן:

„...עס וואָלט געווען צו באַקוועם צו פורעמען די געשיכטע פון דער וועלט, אויב מען וואָלט אַ קאַמף אָנגעהויבן אויסשליסלעך אין באַדינגונגען פון זיכערע אויסזיכטן אויף דערפאָלג. פון דער צווייטער זייט, וואָלט די געשיכטע געווען שוין צופיל מיסטיש, אויב „צופע־ליקייטן״ וואָלטן אין איר נישט געשפּילט קיין שום ראָל... אַן אומ־גינסטיקע „צופעליקייט״ פון דעצידירנדיקער באַדייטונג זיינען אין דעם פאַל געווען נישט די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען אין פראַנקרייך, נאָר די אָנוועזנהייט פון די פּרייסן און דער פאַקט, אַז זיי זיינען געשטאַנען האַרט ביי פּאַריז. געוואוסט האָבן דאָס אָבער אויך די בורזשואַזע אויסוואורפן פון ווערסאַל. און טאַקע דעריבער האָבן זיי געלאָזן פאַר פּאַריז די אַלטערנאַטיוו, אויפצונעמען אַ קאַמף אָדער אונטערגעבן זיך אָן אַ קאַמף. אין לעצטן פאַל (אויב מען וואָלט זיך אונטערגעגעבן אָן אַ קאַמף — ל. ה.), וואָלט די דעמאָראַליזאַציע פון אַרבעטער־קלאַס געווען אַ פיל גרעסערע אומגליק, ווי דער פאַרלוסט

פון אַ געוויסער צאָל „אָנפירער". דער קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס מיט די קאַפּיטאַליסטן און זייער מלוכה איז אַ דאַנק די פּאַריזער קאַמפן אַריינגעטראָטן אין אַ נייער פאַזע. ווי עס זאָל נישט זיין דער אומ־מיטלבאַרער רעזולטאַט דערפון, איז דערגרייכט געוואָרן אַ נייער אויס־גאַנגס־פּונקט פון גרעסטער היסטאָרישער וויכטיקייט".

דער דאָזיקער בריוו וואַרפט אַ העלע שיין אויף די כלומרשטע סתירות אין מאַרקס' באַציאונג צו דער קאָמונע. דער פּיינט אונטער די טויערן פון פּאַריז — דאָס שאַפט אומגינסטיקע באַדינגונגען פאַר אָנהויבן אַ קאַמף, און דעריבער האָט מאַרקס געוואָרנט קעגן נעמען די איניציאַטיוו פון קאַמף. אָבער ווי גרויס עס איז נישט דער אומגליק פון פאַרשפּילן דעם קאַמף — נאָך אַ גרעסערער אומגליק איז די מעג־לעכע דעמאָראַליזאַציע פון אויסמיידן דעם אָנגעוואָרפענעם קאַמף. און מיט דער גאַנצער ליידנשאַפט פון גליענדיקן טעמפּעראַמענט און שאַרפקייט פון געניאַלן שכל שטיצט מאַרקס דעם קאַמף פון די קאָ־מונאַרן.

נישט מיט אַלע האַנדלונגען פון דער פּאַריזער קאָמונע איז מאַרקס געווען איינשטימיק. די בלאַנקיסטן און פּרודאָניסטן זיינען אין דער אָנפירונג פון דער פּאַריזער קאָמונע געווען אַ מערהייט. מאַרקס האָט זיך באַמיט צו באַאיינפלוסן די טעטיקייט פון דער קאָמונע, קאָרעס־פּאָנדירנדיק מיט איינצלנע קאָמונע־מיטגלידער. עס איז פאַרבליבן אַ בריוו פונם קאָמונע־מיטגליד לעאָ פראַנקעל צו מאַרקסן. פראַנקעל איז זיך אין דעם בריוו מישב מיט מאַרקסן וועגן די רעפאָרמען פון דער קאָמונע אויפן געביט פון אַרבעטער־געזעצגעבונג. פונם בריוו איז צו זען, אַז ער איז געשריבן, אַלס ענטפער אויף מאַרקס' אַ פריערדיקן בריוו. ליידער, זיינען נישט פאַרבליבן נישט מאַרקס' פריערדיקער בריוו, נישט מאַרקס' וויטערדיקער ענטפער. אַ בריוו צו קוגעלמאַנען פון 12טן אַפּריל באַווייזט, אַז מאַרקס האָט געוואָלט זען פון רעוואָלוציאָ־נערן פּאַריז מער דעצידירטע, מער וואַגנדיקע האַנדלונגען. ער שרייבט:

„...די געשיכטע וויס נישט פון קיין ענלעכן לויט דער מעכ־טיקייט ביישפּיל. אויב זיי ווען אומקומען, וועט דאָס זיין נאָר צוליב זייער „גוטמוטיקייט". מען האָט געדאַרפט גלייך גיין אויף ווערסאַל, ווי נאָר אַ פריער ווינוא און דערנאָך דער רעאַקציאָנערער טייל פון פּאַ־ריזער פאָלקס־גוואַרדיע האָבן אַליין אָפּגערייניקט דעם קאַמף־פּלאַץ. נאָר צוליב געוויסנס־גריבלענישן האָט מען דורכגעלאָזן דעם פּאַסיקן מאָמענט. מען האָט נישט געוואָלט אָנהויבן קיין בירגער־קריג, פּונקט ווי דער נידערטרעכטיקער נפש טיער האָט מיטן פּרוּאוו צו אַנטוואָ־פענען דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט שוין פריער נישט אָנגעהויבן דעם

בירגער־קריג! אַ צווייטער פעלער: דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט צו פרי אָפּגעזאָגט זיך פון דער מאַכט און זי איבערגעגעבן דער קאָ־מונע. ווידעראַמאָל צוליב צו „סובטעלער״ אָפּגעהיטנקייט! וואָס עס זאָל אָבער נישט זיין, איז דער איצטיקער אויפרייס אין פּאַריז — אַפילו ער זאָל דערנאָך באַהערשט ווערן דורך די וועלף, ווילדע חזירים און מיאוסע הינט פון דער אַלטער אָרדענונג — די דערהויבנסטע טאָט פון אונזער פּאַרטיי זייט דעם יוני־אויפשטאַנד...״

אויך אין באַרימטן „בירגער־קריג אין פראַנקרייך״ לאָזט מאַרקס פאַלן אַ פּאַרזיכטיקע באַמערקונג, וואָס באַווייזט, אַז ער האָט געוואָלט זען פון דער קאָמונע מער אַנטשלאָסענע האַנדלונגען: „...די שרעק (פון די רעאַקציאָנערן) איז געווען זייער אײנציקע שטראָף. אַפילו די פּאָליציאַנטן האָט מען נישט אַנטוואָפנט און איינגעזעצט, ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין, נאָר מען האָט פאַר זיי ברייט געעפנט די טויערן פון פּאַריז, כדי זיי זאָלן קאָנען אַנטלויפן קיין ווערסאַל. ווייניק וואָס מען האָט די אָרדענונג־לייט קיין בייז נישט געטאָן, מען האָט זיי אַפילו דערלויבט זיך ווידער צו פאַרזאַמלען און צו באַזעצן נישט איין שטאַרקן פּאָסטן אין מיטן דער שטאָט...״

וואַרשיינלעך האָט מאַרקס געהאַט צו דערווידערן נאָך קעגן אַנ־דערע פאַרשידענע איינצלטאַטן פון דער קאָמונע. די אַנהענגער פון אינטערנאַציאָנאַל זיינען אין דער קאָמונע געווען אַ מינדערהייט, און די טעטיקייט פון די וואַקלדיקע קליינבירגערלעכע סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן האָט מאַרקסן נישט געקאָנט באַפרידיקן. אָבער די אָנט־ציקונג פאַר די „הימל־שטורמענדיקע״ קאָמונאַרן איז ביי מאַרקסן גע־ווען די גרונט־איבערלעבונג, און זי האָט פאַררוקט אין שאָטן אַלע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. מאַרקס געדענקט, אַז „דער אמתער סוד פון דער קאָמונע״ איז דאָס, „וואָס זי איז לויט איר וועזן אַ רעגירונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אַ רעזולטאַט פון קאַמף צווישן דעם עקס־פּלואַטירנדיקן און שאַפנדיקן קלאַס. אַ נייע פּאָליטישע פאָרם, וואָס האָט געקאָנט פאַרווירקלעכן די עקאָנאָמישע אויסלייזונג פון אַרבעט״ („בירגער־קריג״). און מאַרקס פילט, אַז דער חוב פון יעדן סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער איז מיט אַלע כוחות צו פאַרטיידיקן אַן אַרבעטער־רעגירונג, וואָס טרעט אַרויס קעגן דער אַלטער אָרדענונג, מעג אָט די רעגירונג אין געוויסע פּרטים פון איר טעטיקייט מאַכן ווי שווערע פעלערן.

דעם 28טן מאַי האָבן ביי דער וואַנט פון די קאָמונאַרן אויסגעהויכט זייער אָטעם די לעצטע העלדישע מאַרטירער פון דער קאָמונע. די וואַנט איז פאַרבליבן אַן אייביקער דענקמאָל פון העראָאישן קאַמף

און רומפולן טויט. אין צווי טעג אַרום האָט די אַרבעטער־באַוועגונג, אַדאַנק דער גלענצנדיקער פעדער פון קאַרל מאַרקס, געהאַט פאַרטיק אַ צווייטן אומשטערבלעכן דענקמאָל פאַר דער קאָמונע. דאָס איז מאַרקס' ווערק „דער בירגער־קריג אין פראַנקרייך", וואָס געהער צו די רייפסטע און שטאַרקסטע שאַפונגען מאַרקס'. גלענצנדיקער אַנאַ־ליז, טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקעס, בייסיקער סאַרקאַזם און גליענ־דיקע שנאה צו די בורזשואַזע מערדער זיינען דאָ איבערגעפלאָכטן מיט קאָנקרעטע אָנווייזונגען פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף. וועלכע זשע קאָנקרעטע אָנווייזונגען שעפּט מאַרקס פון דער דערפאַרונג פון דער קאָמונע ?

מאַרקס ציטירט דעם מאַניפעסט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמונע פון 18טן מערץ. „... זיי האָבן פאַרשטאַנען (די פּראָלע־טאַריער פון פּאַריז), אַז זייער גרעסטער חוב און פולשטענדיק רעכט איז צו ווערן האַרן פון זייער אייגענעם גורל און צו באַהערשן די רע־גירונגס־מאַכט". דאָ גיט מאַרקס צו: „דער אַרבעטער־קלאַס קאָן אָבער נישט איינפאַך נעמען אין באַזיץ די פאַרטיקע מלוכה־מאַשינעריע און לאָזן זי אין באַוועגונג פאַר זיינע אייגענע צוועקן". אויף אַ רייע מאָסמיטלען פון דער קאָמונע באַווייזט מאַרקס, אַז פאַר דער רעוואָלוציע איז עס אַ לעבנסנויטווענדיקייט צו צעברעכן די אַלטע רעגירונגס־מאַ־שין און אויפשטעלן אויף איר אָרט אַ נייעם אַפּאַראַט פון פּראָלעטאַרי־שער מאַכט. אין אַ הקדמה צום „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגעשריבן באַלד נאָך דער פּאַריזער קאָמונע (יוני 1872) שרייבן זיי, אַז די פּראָגראַם פון קאָמוניסטישן מאַניפעסט איז „אַ ביסל פאַרעלטערט"; באַזונדערס, חזרן זיי דאָ איבער, האָט די קאָ־מונע באַוויזן, „אַז דער אַרבעטער קאָן נישט פשוט פאַרכאַפּן די פאַר־טיקע מלוכה־מאַשין און לאָזן זי אין גאַנג צוליב זיינע אייגענע צוועקן". מיט רעכט באַמערקט לענין אין זיין טעאָרעטישן ווערק „מלוכה און רעוואָלוציע", אַז דעם דאָזיקן געדאַנק האָבן מאַרקס און ענגעלס געהאַלטן פאַר אַזאַ ריזיק־וויכטיקע לערע פון דער פּאַריזער קאָמונע, אַז זיי האָבן דאָס אַריינגעפירט אַלס אויסבעסערונג צו דער פּראָגראַם פונם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט".

***

די באַציאונג פון מאַרקסן צו דער קאָמונע, זיין באַגייסטערונג פאַר די העלדישע קאַמפן, זיין בליק אויף דער נויטיקייט אין געוויסע באַדינגונגען אויפצונעמען דעם געוואַגטסטן קאַמף און אומקומען

מיט כבוד, זיין בליק אויף מלוכה און רעוואָלוציע — דאָס אַלץ געהערט היינט צום אייזערנעם פּאָנד פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם.

אין שיין פון מאַרקס׳ באַציאונג צו דער קאָמונע טרעט נאָך בולטער אַרויס דער אַנטי־מאַרקסיסטישער כּאַראַקטער פון די מענשעוויסטישע דאָקטרינערישע חקירות, ווי אויך פון די אַלע אַרגומענטאַציעס, מיט וועלכע די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן זיך באַמיט צו פאַרענטפערן און באַרעכטיקן זייער האַלטונג אין די נאָכמלחמהדיקע רעוואָלוציעס, ווען זיי האָבן פאַרגעסן מאַרקס׳ געבאָטן און האָבן נאָך זייער זיג איבערגע־לאָזן אומעטום די נישט־גערירטע מלוכה־מאַשין אין די הענט פון דער בורזשואַזיע.

די געדאַנקען, וועלכע מאַרקס האָט אַרויסגעזאָגט וועגן דער פּאַריזער קאָמונע, זיינען די שאַרפסטע פאַראורטיילונג פאַר די רעפאָר־מיסטן פון אַלע לענדער, וועלכע מיידן אויס אַן אָפענעם צוזאַמענשטויס, און לייגן אַלע האָפענונגען אויף דעם שטים־צעטל, אָדער זיי וואַרטן סתם אויף אַ „גינסטיקער סיטואַציע״...

(„קעגן שטראָם״, מערץ־אַפּריל, 1933)

כמורנער — דער באַגרינדער פון בונדיזם

חבר כמורנער איז געקומען צו אונז אין אַ צייט, ווען די פּאַרטיי האָט זיך געפונען אויפן שייד־וועג. עס איז געווען דער יאָר 1920. אַן אָפּפרישנדיקער געוויטער האָט זיך געטראָגן איבער דער וועלט און געשמעטערט אירע פּוילע פונדאַמענטן. אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט איז געגאַנגען אַן איבערשאַצונג פון ווערטן. עס איז נישט געווען קיין צייט אויף קאַבינעט־פאַרשונגען. די קעמפּנדיקע מחנות פון פּראָלעטאַריאַט האָבן אונטערן געקנאַל פון דונערן געמוזט פאַרנעמען נייע פּאָזיציעס. אין אַזאַ צייט איז די אויפגאַבע פון פּאַרטיי־פירער געוואָרן באַזונדערס פאַראַנטוואָרטלעך. דער פּאַרטיי־פירער איז געווען אין דער ראָל פון שיפס־קאַפּיטאַן, וואָס דאַרף זיין שיף דורכפירן צווישן צעברויזטע סטיכיעס, דורך שטורעם און געוויטער, צו נייע און אומבאַקאַנטע ברעגן. און מיט שטאָלץ קאָנען מיר פעסטשטעלן, אַז אין יענער גרויסער צייט האָט זיך די פירערשאַפט פון „בונד” אין פּוילן געפונען אויף דער נויטיקער הויך.

די יידישע אַרבעטער האָבן זייער גאַנצע אָרגאַניזירטע קראַפט געוואָרפן אין שטורעם פון דער אַלטער וועלט אין קאַמף פאַר אַרבעטער־מאַכט. אָבער אָט די אַנטשיידונג איז אָנגעקומען נישט לייכט. פיל סכנות האָבן אין יענער צייט געלויערט אויף דער פּאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. ווי אַ שווער געוויכט האָט געלאַסטעט אויף דער פּאַרטיי די אָרגאַניזאַציאָנעלע טראַדיציע. אין דער שפּיץ פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע זיינען געשטאַנען די באָלשעוויקעס, וועמען עס האָט אָפּגעטיילט פון „בונד” אַ טיפער אָרגאַניזאַציאָנעלער תהום. דער „בונד” איז, פאַרקערט, אין די לעצטע יאָרן געווען אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט די מענשעוויקעס, וועלכע האָבן איצטער עקשנותדיק באַקעמפט די אָקטאָבער־איבערקערעניש. און ווי שוואַך עס זיינען פאַקטיש נישט געווען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פעדים, וואָס האָבן דעם „בונד” פאַרבונדן מיט די מענשעוויקעס, האָבן זיי דאָך געהאַט אַ באַדייטונג. האָבן דאָך די מענשעוויקעס אין די לעצטע יאָרן פאַרט אָנערקענט דעם בונדישן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ און אפילו זיין נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, אין דער צייט ווען די באָלשעוויקעס האָבן געלעבט מיט דער

אינערציע פון נעגאַציע צום „בונד" און בונדיזם. די פאַרהעלטענישן און באַציאונגען אין רוסלאַנד האָבן נישט געקאָנט פאַרבלייבן אָן ווירקונג אין פוילן. עס זיינען דאָך נאָך אַזוי פריש געווען די שניטן, וואָס האָבן צעטיילט דעם קערפּער פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאַנד...

און די יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־מאַסן אין פוילן האָבן געמוזט גובר זיין פיל קאָנסערוואַטיזם, אינערציע און קראַפט פון געוואוינהייט אויף אַנטשיידן צו צערייסן די לעצטע גייסטיקע פעדים, וואָס האָבן פאַרבונדן דעם „בונד" מיט יענעם פליגל, וואָס האָט דע־מאָלט באַקעמפט דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל און זיינע רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען. די רומפולע קאַמפס־טראַדיציעס פון „בונד", דער רע־וואָלוציאָנערער חוש פון די יידישע מאַסן האָבן איבערגעוואויגן די וואָגשאָל, — דער „בונד" האָט אין קראָקע און דאַנציג אָנגעצייכנט זיין ווייטערדיקן רעוואָלוציאָנערן וועג.

אָבער גלייכצייטיק האָט זיך פאַר דער פּאַרטיי געשטעלט אַ צווייטע געפאַר, וואָס האָט געקאָנט ברענגען פאַלשע פאָלגן פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער דראַנג פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן צו רעוואָלוציאָנערער טאַט האָט זיי געשטויסן צו פאַרבינדן זיך מיטן רע־וואָלוציאָנער־קעמפנדיקן לאַגער. די וואָרט־פירער אין דעם דאָזיקן לאַגער זיינען געווען די רוסישע באָלשעוויקעס. אָבער די באָלשעוויס־טישע פּאַרטייען האָבן געהאַט זייערע אָרגאַניזאַציאָנעלע טראַדיציעס, און זיי האָבן געזוכט פאַר זיך נאָר איין וועג פון באַהעפטן זיך מיטן יידישן אַרבעטער־קלאַס, דורך פאַרניכטן זיינע אָרגאַניזאַציעס.

און מען מוז זאָגן, אַז די געפאַר איז געווען אַן ערנסטע. עס האָבן זיך געפונען רעוואָלוציאָנער געשטימטע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געטענהט, אַז עס איז נישטאָ קיין קרבן, וואָס עס זאָל נישט כדאַי זיין צו ברענגען אויפן הייליקן מזבח פון רעוואָלוציע, און אויב די רעוואָ־לוציע פאָדערט, עס זאָל פאַרניכטעט ווערן איינע פון אירע געשלאָסענע און דיסציפּלינירטסטע מחנות, דאַרף מען אויף דעם גיין. אָבער צי וואָלט טאַקע אָט די פאַרניכטונג געווען אין די אינטערעסן פון דער רעוואָ־לוציע? איצטער קאָן מען שוין אין דעם נישט צווייפלען: די באָל־שעוויסטישע פּאַרטיי, וואָס האָט פאַרניכטעט די זעלבסטעטיקייט און זעלבסטשטענדיקייט פון די מאַסן, וואָס האָבן זיך אָן איר אָנגעשלאָסן, איז באַגאַנגען דערמיט אַזעלכע טויט־זינד אַנטקעגן דער רעוואָלוציע, פאַר וועלכע די אַרבעטער־באַוועגונג צאָלט ביז היינט אַ צו טייערן פּרייז. דער שטרייט, צי האָט דער „בונד" זיך געדאַרפט אינגאַנצן אַריינגיסן אין ברייטן רעוואָלוציאָנערן ים, און פאַרניכטן די רעוואָלו־

ציאָנערע שטויס־קראַפט פון באַוואוסטזיניקן יידישן אַרבעטער־קלאַס, אָדער בלייבן וויטער עקזיסטירן נישט ווי אַ באַזונדערע פּאַרטיי, נאָר אַלס אויטאָנאָמער באַשטאַנדטייל פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג און אויף דעם וועג באַהעפטן דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס אַלס גאַנצן צום קאַמף פאַר סאָציאַליזם און רעוואָלוציע — אַט דער שטרייט איז שוין פאַרענטפערט דורך דער געשיכטע. דער באָלשעוויזם וואָס האָט געפאָדערט קרבנות אויפן מזבח פון זיין איבערגעטריבענעם צענטראַליזם האָט נישט אויסגעבערייטערט די באַזע פון דער רעוואָלוציע, נאָר זי אומגעהויער פאַרשמעלערט. אָביעקטיוו האָבן אַזעלכע קרבנות גע־האַט אַן אַנטי־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. מיט פופצן יאָר צוריק איז נאָך געווען ווייניק געשיכטלעכע דערפאַרונג, די מאַסן זיינען געפירט געוואָרן דורך רעוואָלוציאָנערע אימפולסן. און זייער פיל האָבן גע־טראַכט: שוין זשע איז כדאַי צו קלאַמערן זיך אָן דער דינינקער מחיצה, וואָס טיילט אָפּ דעם „בונד" פון דער אַלגעמיינער באַוועגונג — אָן דעם בונדישן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ? ביים רודער האָט זיך דעמאָלט געשטעלט דער יינגסטער לויטן בונדישן פּאַרטיי־סטאַזש פון אונזערע שיפּס־קאַפּיטאַנען, דער נאָר וואָס געקומענער צום „בונד" י. כמורנער. מיט אַ פעסטער און זיכערער האַנט האָט ער גענומען אָנמערקן די וויטערדיקע וועגן פון דער פּאַרטיי, און גלייך האָט ער דערוואָרבן אין דער פּאַרטיי די געהעריקע אַכטונג און אויטאָריטעט, וואָס עס איז אים געקומען. דער חבר כמורנער איז מיט זיינע ערשטע טריט אין דער פּאַרטיי געוואָרן אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט דער ווידער־באַגרינדער פון בונדיזם. דער אַמאָליקער שטרייט אַרום אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ פון „בונד" איז לאַנג געווען פאַרגעסן. בונדיזם, וואָס איז אַנטשטאַנען אַלס סטיכישער דראַנג פון יידישן אַרבעטער־קלאַס צו אויפלעבונג, האָט ערשט נאָך יאָרן עקזיסטענץ געפונען זיין טעאָרעטישע באַגרינדונג. אָבער די אַמאָליקע באַגרינדונגען זיינען שוין געווען אַלט און נישט אַקטועל. די אַמאָליקע אָרגאַניזאַציע־פאָרמול פון „בונד": „דער ‚בונד' איז דער איינציקער פאָרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז נישט באַגרענעצט אין זיין טעטיקייט מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען" — האָט שוין נישט אַנטשפּראָכן די נייע פאָרמען פון דער באַוועגונג. די נייע צייט האָט אַרויסגערוקט נייע פּראָבלעמען און נייע שטרייטיקייטן. דער בונדיזם האָט געדאַרפט פונ־דאַסניי באַגרינדעט ווערן. און אין דער אַלזייטיקער און פילפאַרביקער טעטיקייט פון אונזער טייערן חבר יוסף געהערט געוויס צו זיינע וויכטיקסטע פאַרדינסטן דאָס, וואָס אין די ערשטע חדשים פון זיין בונ־דישער טעטיקייט איז ער שוין געוואָרן דער פּאַקטישער ווידער־באַגרינדער פון בונדיזם.

אין אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען און אַרויסטרעטונגען האָט כמורנער באַגרינדעט דעם בונדישן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ. דער יידישער אַר־בעטער־קלאַס איז אַ רעזערוואואַר פון רייכער רעוואָלוציאָנערער ענער־גיע. די דאָזיקע ענערגיע קאָן צעשטויבט און צעבערעקלט ווערן און די יידישע אַרבעטער קאָנען ווי נישטיקע זעמדעלעך צעשוואומען ווערן אין אַ ים פון דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע טעאָרעטישע הנחה האָט כמורנער רייך אילוסטרירט מיט דער דערפאַרונג פון די יעווסעקציעס. צי איז דאָס אין די אינטערעסן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, אַז עס זאָל צעשטויבט ווערן די רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון די איינצלנע קאַמפּס־באַטאַליאָנען? — האָט זיך געפרעגט חבר כמור־נער. און דער ענטפער איז געווען קלאָר, די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, אַלס אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון דער אַלגעמיינער, איז נישט נאָר געוואונטשן, — זי איז די געשיכטלעכע נויטווענדיקע פאָרם אויף צוצוקומען צו די ברייטסטע אַרבעטער־שיכטן פון דער געגעבענער נאַציע. פונקט ווי די גאַנצע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג, דאַרף אַזוי די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע זיך שטיצן אויף דער ברייטסטער זעלבסטעטיקייט און אַקטיווקייט פון די מיטגלידער. די אייגנאַרטן פון דער נאַציאָנאַלער סביבה רופן אַרויס אָן אַ שיעור פּראָבלעמען, וואָס זייער לייזונג טאָר נישט אָנגעוואָרפן ווערן פון אויבן, נאָר זיי מוזן אַנטשידן ווערן דורך די מאַסן, וואָס קאָנען די פּראָבלעמען און לעבן מיט זיי. דער קאַמף פאַרן בונדישן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ איז פאַר כמורנערן געווען נישט נאָר אַ קאַמף פאַר אַ בעסערער נאַציאָ־נאַלער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז געווען אַ קאַמף פאַר ווענדן די רעוואָלו־ציאָנערע פּראָלעטאַרישע באַוועגונג אויף ריכטיקע וועגן. דער איבערגע־טריבענער קאָמוניסטישער צענטראַליזם און סעקטאַנטישקייט האָבן ניט געקאָנט דערלאָזן די עקזיסטענץ פון נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמע אָרגאַני־זאַציעס. איז מען אָבער אַן אָנהענגער פון פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע, מוז מען זאָרגן וועגן דער זעלבשטענדיקייט און אַקטיווקייט פון די מאַסן, און דעמאָלט מוז דער איינהייטלעכער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַרטיי־בנין שטיצן זיך אויף אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס.

אַ רייע טאַלאַנטפולע אַרויסטרעטונגען פון חבר כמורנער איז גע־ווען געווען געענוג אויף אָנצופילן דעם שטרייט אַרום אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ מיט זיין ריכטיקן אינהאַלט. חבר כמורנער האָט באַוויזן, אַז דער שטרייט וועגן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ איז נישט קיין שטרייט וועגן דעם, צי דאַרף מען זיך קלאַמערן אין דער „דינינקער” אָרגאַניזאַציאָנעלער מחיצה, אָדער נישט. דאָס איז אַ שטרייט וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע עיקרים פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג, — עיקרים, וואָס קאָנען

דעצידירן וועגן נצחונות און מפלות. ער האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּן באַוויזן צו פאַרבינדן מיט די אַלגעמיינע פּרינציפּן פון קאָנסעקווענטן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם.

קנאַפּע פופצן יאָר זיינען אַוועק זייט דער שטרייט אַרום בונדישן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ איז ווידער באַנייט געוואָרן. פאַר די פופצן יאָר האָבן אַפילו אויך די קאָמוניסטן עטוואָס געלערנט. און אויב זיי האָבן נישט דורכגעפירט קיין טעאָרעטישע רעוויזיע פון זייער אַלטן שטאַנדפּונקט, האָבן זיי אין זייער פּראַקטיק שוין לאַנג פאַרלאָזט די פּאָזיציעס, וועלכע זיי האָבן רעקאָמענדירט אַלס העכסטן אויסדרוק פון „אינטערנאַציאָנאַליזם". אָט האָבן זיי מיט עטלעכע יאָר צוריק געמוזט פעסטשטעלן אין אַן אָפיציעלער רעזאָלוציע, אַז דאָס איבערגעוויכט פון יידישע אַרבעטער אין אייניקע געמישטע ראַיאָנען אין די קעמערלעך פון זייער פּאַרטיי שטויסט אָפּ די פּוילישע אַרבעטער. געווען אַ צייט, ווען די קאָמוניסטן האָבן באַטראַכט פאַרן העכסטן אידעאַל פון פאַרווירקלעכן די אינטערנאַציאָנאַלע פּראָפעסיאָנעלע אייניקייט — „דאָס רייבן זיך מיט די קאַפּאָטעס". און ווי ווייט האָט אַפילו זייער אייגענע פּראַקטיק געמוזט אַוועק פונם פּרינציפּ — „רייבן זיך מיט די קאַפּאָטעס"! אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע קלאַסןפאַראיינען מיט אַ מערהייט יידישע אַרבעטער מוזן אָפּט קריגן אַ פּוילישע מערהייט אין די אָנפירנדיקע אָרגאַנען, אויב זיי ווילן האָבן אויסזיכטן אויף אַריינציען אין זייערע רייען די פּוילישע אַרבעטערשאַפט. און צום באַדויערן, איז דאָס אויך נישט אַלעמאָל אַ ווירקזאַם מיטל. דאָס זיינען פאַקטן טרויעריקע, וואָס מען טאָר און מען קאָן אויף זיי נישט פאַרמאַכן די אויגן, און די קאָמוניסטן האָבן גענומען שאַפן באַזונדערע פאַראיינען פון יידישע אַרבעטער. משונהדיקע זיגזאַגן אין דער טאַקטיק, אומגעריכטע שפּרונגען פון איין עקסטרעם אין דעם צווייטן זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן קאָמוניזם. נאָר עס איז שווער צו געפינען נאָך אַ צווייטן געביט, וואו זייער זיג־זאַגליניע זאָל זיין אַזוי משונהדיק, ווי אויפן געביט פון דער יידישער אַרבעט. אָט איז „רעכט אויף אַרבעט" — טריפער „נאַציאָנאַליזם" און אָט איז עס אַ כשרער פּראָלעטאַרישער לאָזונג.

דאָס זעלבע איז מיט שולן, קאַמף פאַר יידישע שפּראַך און קולטור, דאָס אָרגאַניזירן יידישע כאַלופּניקעס און פיל אַנדערע. אַמאָל איז דאָס בונדישער „שאָוויניזם", קליינבירגערלעכקייט, סאָציאַל־פאַשיזם, און שפּעטער נעמען די קאָמוניסטן אַליין אויך טאָן די זעלבע אַרבעט.

די אַלגעמיין־געבראַכענע ליניעס פון דער קאָמוניסטישער טאַק־

טיק זיינען אין אַ גרויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון באַשלוסן, וואָס ווערן דעקרעטירט פון אויבן, און וואָס איגנאָרירן פולשטענדיק די ספּעציע־לע פּאַרהעלטענישן אין יעדן לאַנד באַזונדער; — און אויך די ספּע־ציעלע געבראָכענע ליניע פון דער יידישער קאָמוניסטישער אַרבעט איז, אָן צווייפל, אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַ רעזולטאַט פון דער זעלבער דערשיינונג: די אָרגאַניזיר־מעטאָדן פון די קאָמוניסטן דערלאָזן נישט, אַז די יידישע אַרבעטער זאָלן זיך אויסלעבן אין דער פּאַרטיי אַלס אָרגאַניזירטער קאָלעקטיוו, וואָס פּאַרמאָגט אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי און אין הסכם מיט אירע באַשלוסן — זעלבסט־באַשטימונג־רעכט אין פראַגן, מיט וועלכע די מאַסן פון אַט דער נאַציע לעבן און ווייטיקן. און עס שיטן זיך באַשלוסן און דעקרעטן פון אויבן, וואָס זיינען אָפט אין אַ שרייענדיקער סתירה מיט די בלוטיקסטע לעבנס־באַדערפענישן פון די מאַסן. דער רעזולטאַט איז, אַז פריער אָדער שפּעטער מוז דעקרעטירט ווערן אַ נייער באַשלוס, וואָס פאַלט ווי שניי אויף די צעהיצטע קעפּ פון די אייגענע מיטגלידער...

ווער נאָך ווי כמורנער האָט אין די רייען פון „בונד" אַדורכגע־טראַכט ביזן סוף די דאָזיקע אַלע פּראָבלעמען און געזוכט פאַר זיי דעם ריכטיקן רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן ענטפער? און באַזונדער פיינלעך איז פאַר אים געווען, וואָס די פאַלשע קאָמוניסטישע אָרגאַ־ניזיר־מעטאָדן ווערן אָנגעווענדט אין ראַטן־לאַנד און פאַרקלענערן אַפילו דאָרט דעם אומגעהויערן ווערט פון דער ריזיקער נאַציאָנאַלער בויאונגס־אַרבעט, וואָס ווערט דאָרט געפירט. פון איין זייט, יידישע פאָלקס־שולן, מיטל־ און הויך־שולן, סעמינאַרן, טעכניקומס, ביכער, פאָרשונגס־אַר־בעטן, וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס, וואָס פאַרשלינגען געוואַלטיקע כוחות און קאָלאָסאַלע מיטלען; פון דער צווייטער זייט, יידישע צייטונ־גען מיט אַן אומגעהויער קליינעם טיראַזש, און וואו אַזוי אָפט קאָן מען טרעפן בילדלעך פון נשמהלאָזן ביוראָקראַטיזם, וואָס האָט דורכגע־דרונגען פאַרשידענע צווייגן פון דער אויפקלער־אַרבעט אין יידיש. דער „בונד" אין ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך שוין מיט פערצן יאָר צוריק ליקווידירט און האָט זיך פולשטענדיק אויפגעלייזט אין דער קאָמו־ניסטישער פאַרטיי. אָבער נאָך היינט באַשולדיקט מען גאַנץ אָפט יידישע קאָמוניסטן אין „בונדישער אַפּיקורסות". צי איז דאָס גופא נישט קיין באַוויז, אַז די פּראַקטישע טוער פון דער יידישער אַרבעט קאָנען בשום אופן נישט איינליגן אין סדום־בעטל פון די קאָ־מוניסטישע אָרגאַניזיר־מעטאָדן?

אין די ערשטע יאָרן פון זיין בונדישער טעטיקייט האָט כמור־נער אַ באַדייטנדיקן טייל פון זיין פרוכטבאַרער אַרבעט געווידמעט

דער באַגרינדונג פון בונדישן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ. עס זיינען געוועזן יאָרן פון שטורמישן אָנגריף פון פּראָלעטאַריאַט, און כמורנער האָט געוואוסט, אַז דער אופן, ווי אַזוי אַ קאַמפּס־אַרמיי איז אָרגאַניזירט און צעמענטירט קאָן דעציידירן וועגן אויסגאַנג פון שלאַכט. כמורנערס אַרטיקלען האָבן דערצויגן אַ גאַנצן דור בונדיסטן, און זיי האָבן זיכער געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויך אין די קעגנערישע רייען. צום באַדויערן, זיינען די דאָזיקע אַרטיקלען נישט גענוג באַקאַנט דעם יינגסטן דור בונדיסטן און צוקונפטיסטן. און אַ שאָד, זיי זיינען נאָך ביז היינט גענוג אַקטועל און האָבן נישט פאַרלוירן פון זייער פרישקייט. אַ זאַמלונג פון כמורנערס שריפטן, וואָס מוז און וועט דערשיינען, וועט זיכער האָבן אַן אומשאַצבאַרן ווערט פאַר דער באַוועגונג. זי וועט נישט נאָר העלפן אָפּהיטן כמורנעס טייערע ירושה, נאָר וועט אויך פעסטשטעלן מיט זיך אַ האַנטבוך פאַר יעדן בונדיסט, וואָס וויל פאָרשן די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון בונדיזם.

חבר כמורנער איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון „בונד” אין אַ צייט, ווען די קעגנער פון זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע בליקן, געבויגן אונטער דער לאַסט פון שווערע מפּלות, ווייזן אַרויס אַ גרייטקייט צו רעווידירן אייניקע פון זייערע שעדלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע אידייען. דער 7טער קאָנגרעס פון קאָמינטערן האָט פאַראורטיילט דעם איבערגעטריבענעם צענטראַליזם פון די קאָמוניסטישע פאַרטייען. צי זיינען דאָס די ערשטע ערנסטע שריט אויף אַ נייעם וועג פון איבערשאַצן די ווערטן, אָדער בלויז אַ רעזולטאַט פון פאַרלוירנקייט, דאָס מוז זיך אינגיכן אַרויסווייזן. אָבער די רעוואָלוציאָנערע באַנייאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס פאַר איר האָט ביזן לעצטן אָטעם־הויך געקעמפט אונזער טייערער חבר כמורנער, זי מוז קומען און וועט קומען. און דעמאָלט וועלן מיר מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט דערמאָנען אונזער לערער און פריינט, וואָס איז אַוועק, נישט דערוואַרטנדיק זיך אויפן זיג פון זיינע־אונזערע אידייען, פאַר וועלכע ער האָט געלעבט, זיך פאַר זיי מקריב געווען און זיי אָפּגעגעבן אַלע זיינע גלענצנדיקע פעאיקייטן און זיין שיינעם פאָרשנדיקן גייסט.

(„קעגן שטראָם”, סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1935)

דער וועג פאַרויס

אין געווירבל פון דער היינטיקער צייט, — צווישן הייסע פאַרוויסטנדיקע סאַמומען פון פאַשיזם, וואָס שרפהנען אויס אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך די ברכה פון פרוכפּערדיקייט און פאַרניכטן אין וואָרצל יעדן מינדסטן שפּראָצעלע, — צווישן אַפּטויטנדיקן גליווער און געפריר פון צופּאַסלעריי, אַפּהענטיקייט און גלייכגילטיקייט, — צייטיקט זיך אַלץ מער די בענקשאַפט נאָך פריהייט, די שטרעבונג פון מענטש אַלס אַזעלכן צו באַהויפטן זיך אַלס העכער וועזן, דער דורשט צו שעפערישקייט. און וואָס מער אַטאַוויסטישע אינסטינקטן עס וועקט דער ביטערער געראַנגל אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, וואָס מער חיהשקייט דער פאַשיזם רופט אַרויס אין מענטשן, וואָס גרויזאַמער און בלוטדורשטיקער עס זיינען די געשטאַלטן, וועלכע דער נאַציזם אין אַלע זיינע פאַרמען רופט אַרויס פון די תהומען פון וויטן ביאָלאָגישן עבר, פאַרוואַנדלענדיק זיי אין העסלעכן אמת פון היינט, — אַלץ שטאַרקער רייפט זיך דער פּראָטעסט צווישן די, אין וועלכע עס הערט נישט אויף צו טליען דער פונק מענטשלעכקייט, אַלץ מאָנענדיקער ווערט די שטרעבונג צו גיין פאָרויס צו דערהויבונג און פאַרפאָלקאָמונג; און וואָס העכער עס הויבן זיך די צונגען פון די שייטערהויפנס, וועלכע שקלאַפן לייגן פאַנאַנדער לכבוד דעם אַלט־גערמאַנישן קריגס־גאָט וואָטאַן, אַלץ גליענדיקער ווערט אין די הערצער פון מיליאָנען גייסטיקפרייע מענטשן דער זיסער חלום וועגן פרידן.

און מיר אַלע, די מענטשן פון אונזער דור, וואָס שטייען צווישן די זיך קרייצנדיקע שטורעמס פון דער געשיכטע, צווישן ווינט־צוגן און געווירבלען, פילן היינט בחוש, אַז עס דערנענטערן זיך אַנטשיידונגען. עס צייטיקט זיך אפשר די גרעסטע אַנטשיידונג פון דער מענטשלעכער געשיכטע: צוריק אָדער פאָרויס; — פריהייט אָדער שקלאַפעריי, זיג פון קולטור אָדער צוריק צום הייל־מענטש!

און רעדן מיר היינט וועגן די געפאַרן, וועלכע באַדראָען די מענטשלעכע קולטור, מוז מען רעדן פולשטענדיק קלאָרע דיבורים. דאָס וואָרט קולטור געהערט היינט צו די באַגריפן, וועלכע זיינען פאַרליגנערישט געוואָרן אויפן נידערטרעכטיקסטן אופן, מיט וועלכע

מען האָט געמסחרט און ציגיינערט אָן אויפהער, און געוויקלט אין זיי נישט איין מיאוסקייט און טומאה.

אייניקע דערפירן דעם באַגריף קולטור — צו הענטשקעס, צילינ־דער און פראַק. פאַר זיי קאָן נאַטירלעך זיין הויך־קולטורעל סיי דער תליון, וואָס קומט אין הענטשקעס און פראַק צו דערשטיקן פאַר עט־לעכע זילבערשטיק, וואָס ער קריגט, דעם צום טויט פאַרמשפּטן קרבן, סיי דער הענקער, וואָס האָט מיט זיין האַק אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון אַן עדגאַר אַנדרע און אַנדערע קרבנות פונם דייטשן פאַשיזם. אַ פשיטא שוין, אַז לויט די דאָזיקע באַגריפן געפינען זיך אויף די סאַמע הויכן פון קולטור יענע דינער פון דייטשן פאַשיזם, וועלכע האָבן גע־גריבלט זיך אין ביכער, מיט ראַפינירטער דיאַלעקטיק געטייטשט דינים און פאַראַגראַפן, און מיט זייער גרויסער געלערנזאַמקייט דער־וויזן, אַז אַלע דינים און געזעצן הייסן אָפּהאַקן דעם קאָפּ דעם זעלבן אַנדרע. די דאָזיקע מענטשן פאַרמאָגן נישט בלויז צילינדערס און הענטשקעס — זיי פאַרמאָגן בילדונג, וויסן און פעאיקייט צו אַרבעטן מיטן מאַרך. און לויט די דערמאָנטע באַגריפן וועגן קולטור, זיינען אַוודאי און אַוודאי העכסט־קולטורעל די שעפער פון די נייסטע ראַסן־טעאָריעס, די אידעאָלאָגן פון קולטור־פאַרניכטונג.

פאַר אַנדערע ווערט די קולטורעלע הויך געמאָסטן מיט דער פעאיקייט צו שאַפן פרישע גייסטיקע ווערטן. אָבער גלייכצייטיק וועלן זיי פסקענען, אַז מוסאָליניס הויף־פּאָעט מאַרינעטי, וואָס האָט באַזונגען „די פלאַמיקע אַרכידייען פון טויט, וועלכע באַצירן די פעלדער פון קריג", אַז ער שאַפט אויך זייער אינטערעסאַנטע גייסטיקע ווערטן. אויף די קאָנגרעסן פון גייסט, אויף צונויפפאָרן פון די ריטער פון קולטור — איז דאָך אַזאַ מאַרינעטי תמיד דער נאָענטסטער מחותן...

מיר לעבן אין אַ צייט, ווען די אָרעמע „קולטור" ווערט געפליקט און געריסן פון אַלע זייטן. עס ראַטעוועט זי היטלער און מוסאָליני, פראַנקאָ און הירעטאָ, עס זיינען גרויסע בעלנים זי צו „ראַטעווען" דמאָווסקי אָדער שושניג. אין אַזאַ צייט קאָן מען נישט סתם אַזוי אויפ־הויבן די פאָן פון קאַמף פאַר קולטור. עס מוז אין אַזאַ צייט געזאָגט ווערן קלאָר און דייטלעך, וואָס עס ווערט פאַרשטאַנען אונטערן וואָרט קולטור.

און עס איז פאַראַן איין זיכערער קריטעריום אויף דעם: דערשיינונ־גען פון גייסטיקן לעבן פאַרלויפן זיך נישט אין די הימלען. די וועלט פון גייסט איז נישט אַ באַזונדער געביט, וואו מען עסט אַמבראָזי, מען טרינקט נעקטאַר, מען באָדט זיך אין ווייַרויך און מען רוט אויף בלומען־טעפּיכער. דער קאַמף פאַר אַ נייער קולטור איז ענג צונויפ־

געבונדן מיטן קאַמף פאַר טאָג־טעגלעכן ברויט, פאַר מעגלעכקייטן צו עקזיסטירן, דער קאַמף פאַר קולטור איז אַ פראַגמענט פון פּאָליטישן קאַמף, דער קולטורעלער ווידערגעבורט פון די מאַסן איז ענג פאַרבונדן מיט זייער סאָציאַלן זיג.

און דעריבער איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז איינער פון די גרונט־לאָזונגען פון אַרבעטער־קלאַס איז געוואָרן סאָציאַליסטישע קולטור. דער צוגאָב 'סאָציאַליסטישע' איז געוואָרן דער להבדיל, וואָס באַזייטיקט צעשוואומענקייט, וואָס מאַכט מעגלעך אַ קלאָרע שייד־ליניע פון קול־טור צו „קולטור", וואָס מערקט קודם כל אָן די אַלגעמיינע אידעאַלן און צילן, מיט וועלכע עס זיינען אָרגאַניש צונויפגעפלאָכטן די קול־טור־שטרעבונגען פון די אַרבעטער־מאַסן.

אָבער אויך דער לאָזונג סאָציאַליסטישע קולטור האָט שוין דורכ־געמאַכט פאַרשידענע גילגולים.

געווען צייטן, ווען אין געוויסע קרייזן פון אַרבעטער־קלאַס האָט דער דאָזיקער לאָזונג געבוירן די פּרימיטיוויסטישע איינשטעלונג, אַז דער סאָציאַליזם וועט אָנהויבן פון אַלף, אַז די גאַנצע בורזשואַזע קול־טור, אַלע שאַפונגען פון דורות דאַרפן גיין אויף שמעלץ, און זייער פּלאַץ דאַרפן פאַרנעמען נייע שאַפונגען, וואָס ציען זייערע זאַפטן אויס־שליסלעך פונם סאָציאַליסטישן באָדן. די דאָזיקע פּרימיטיווע פאַר־שטעלונג האָט גיך אָפּגעטראָטן איר פּלאַץ דעם בליק, אַז דער פּראָלע־טאַריאַט איז דער געזעצלעכער יורש פון אַלע גייסטיקע ווערטן פון דער אַלטער געזעלשאַפט, און אַז דאָס אייביק־מענטשלעכע, וואָס עס האָט באַוויזן דער וועלט אַ שעקספּיר, די טיפקייט פון אַ געטע אָדער די מיט לעבן צאַפּלענדיקע עפּאָכע־מאַכנדיקע לייוונטן פון אַ טאָלסטאָי, וועלן שטענדיק פאַרבלייבן פונדאַמענטן פון דער ווייטערדיקער קול־טור, פּונקט אַזוי ווי דאָס וועלן פאַרבלייבן העגעל אָדער מאַרקס, ראַ־פאַעל אָדער מאָצאַרט, און צענדליקער אַנדערע פּאָעטן, קינסטלער, דענ־קער, דערפינדער און שריפטשטעלער.

עס האָט זיך גלייכצייטיק אַרויסגערוקט אַ צווייטע פראַגע. עס האָט זיך געשטעלט דאָס פּראָבלעם וועגן אַן אָפּפרישנדיקער טעמאַטיק אין דער ליטעראַטור און קונסט, וועגן אָנלאָדן די קולטור־שאַפונג מיט סאָציאַלן אימפּעט און שטרעבונג.

די אָנהענגער פון דער סאָציאַליסטישער קולטור זיינען געקומען מיט דער פאָדערונג, אַז די שאַפונג זאָל זיין פאַרוואָרצלט אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן, זאָל ווערן דער זאַמל־בעקן פון סאָציאַלן פּאַטאָס, וואָס לעבט אין די מאַסן. „זאָל יעדע פעדער ווערן אַ ביקס" — האָט אין די הייסע יאָרן פון שטורעם אויסגערופן אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער.

און געוויס איז די פראַגע פון דער טעמאַטיק זייער אַ וויכטיקע, אָבער פאָרט אויך נישט דער עיקר. אפילו אויפן פאַרנאַס דאַרף מען היינט סיידן בכיוון פאַרשטאָפּן די אויערן מיט וואַטע בכדי נישט צו דערהערן די קלאַנגען פון דער שטורמישער ווירקלעכקייט. ווער עס רייסט זיך אָפּ פון דער ווירקלעכקייט, האָקט דאָך במילא אונטער די וואָרצלען פון זיין שעפערישקייט!

און עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דאָס פּראָבלעם פון סאָציאַליס־טישער קולטור ווערט קודם־כל אין די היינטיקע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָבלעם פונם סוביעקטיוון טרעגער פון דער נייער קולטור. עס שטעלט זיך די פראַגע פון אויפהויבן די ברייטסטע אַרבעטנדיקע מאַסן אויף די הויכקייטן פון היינטצייטיקן וויסן, פון אַרויסרוקן אויפן אויבנאָן פון קולטור־שעפערישקייט די אונטערדריקטע שיכטן אין דער געזעלשאַפט, וועלכע מען באַטראַכט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג אין בעסטן פאַל אַלס קאָנסומענטן פון ביליקע אויסגאַבן פאַרן פאָלק אָבער נישט אַלס פּראָדוצענטן פון קולטור.

דער קאַמף פאַר קולטור פון די מאַסן איז אַזוי אַרום ענג פאַר־בונדן מיטן סאָציאַליסטישן קאַמף פאַר באַפרייאונג. סאָציאַליסטישע קולטור, דאָס איז שאַפונג פון פולשטענדיק באַפרייטע מאַסן, וועלכע שמידן אין דער נייער אָרדענונג זייער נייע מאָראַל, נייעם שטייגער, נייעם פּאַטאָס פון אַרבעט און דערגרייכונגען, נייע לעבנס־פאָרמען.

אָבער אין דער היינטיקער עפּאָכע קריגט דער פּראָלעטאַרישער קאַמף פאַר קולטור זיין אייגנאַרטיקן געשיכטלעכן אינהאַלט און זין.

אין אַ צייט ווען עס גייט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט וועגן ראַטעווען די מענטשלעכע קולטור, מוז הערשן קלאָרקייט וועגן דעם, וואָס פאַר עלעמענטן פון דער היינטיקער קולטור וועלן בילדן די הויפּט־עלעמענטן פון דער צוקונפטיקער שאַפונג פון דער באַפרייטער מענטשהייט? וועלכע זיינען די אייביקע ווערטן פון דער היינטיקער קולטור, וועלכע די אַרבעטער־מאַסן מוזן באַשיצן מיט ציין און נעגל און מיט וועלכע זיי וועלן מאַרשירן אין דעם קעניגרייך פון צוקונפט.

און דאָס זיינען:

קודם־כל די אידייע פון הומאַניזם. דאָס איז די וויכטיקסטע שייד־ליניע.

די „רעטער פון קולטור", דייטשלאַנד און שפּאַניע, פאַרברענען דעריבער טאַקע די ביכער, וועלכע אַנטהאַלטן די אידייען פון מענטש־לעכקייט און וואָס פּרעדיקן גלויבן אין מענטשן.

צווייטנס, די פרייהייט. אָן פרייהייט איז נישטאָ קיין שאַפונג.

פולשטענדיקע פרייע שאַפונג, דאָס איז סאָציאַליזם. אָבער דער וועג צו סאָציאַליזם פירט דורך ברענענדיקער בענקשאַפט נאָך פרייהייט, וואָס קומט צום אויסדרוק שוין אין דער היינטיקער געזעלשאַפט.

די אידייען פון הומאַניזם און פרייהייט דאָס זיינען די אייביקע ווערטן פון דער מענטשלעכער קולטור. אָבער אַליין פאַר זיך זיינען זיי נישט גענוגנדיק. דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט גיט צו זיי צו דעם פּאַטאָס פון שטרעבן, דעם ווילן צום קאַמף, און אָט דער פּירלינג וואָס באַקומט זיך, בילדעט צוזאַמען דעם פונדאַמענט פון דער צוקונפ־טיקער סאָציאַליסטישער קולטור.

און מען מוז געדענקען: בלויז די לעצטע צוויי עלעמענטן פילן אָן די דערמאָנטע הויפּט־אידייען מיט לעבעדיקן אינהאַלט, מיט גייסט און נשמה, מיט צאַפּלדיקער ווירקלעכקייט.

ווייל דאָרטן, וואו עס פעלט דער פּאַטאָס פון שטרעבונג קאָנען אפילו די גייסטרייכסטע מענטשן פאַרפירט ווערן דורכן פּאַספּאַרישן גלאַנץ פון פוילעניש, וואָס עס טיילט אויס דער פאַשיזם. אַזוי איז געשען מיט האַמסונען. אַזוי האָט זיך דער גייסטרייכער זשאָנגלער מיט געדאַנקען בערנאַרד שאָו דערקייקלט צו טרויעריקע פּאַראַדאָקסן לטובת דעם פאַשיזם, פּאַראַדאָקסן, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פון בי־טערסטן אומגלויבן...

און ווילן צום קאַמף. די היינטיקע עפּאָכע פּאָדערט דעציזיע. אַהין אָדער אַהער. קיין צווישן איז נישטאָ. די, וואָס פּרואוון לאַווירן צווישן פאַשיזם פון איין זייט, און דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, פון דער צווייטער זייט, זיי ווערן צעריבן דורך די מילשטיינער פון דער געשיכטע. אַ זשול ראָמען, וועלכער האָט זיך נישט לאַנג באַשטייערט אויף אַ זאַמל־ליסטע פאַר די דייטשע פּליטים, אָרגאַניזירט דורך טאָמאַס מאַן, און באַלד פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, אַז ער איז דערביי נישט אויסן געווען אָרויסצואווייזן אַ וועלכע נישט איז טענדענץ קעגן דריטן רייך, — אַזאַ ווערט פאַראַכטעט דורךביידע צדדים, און ברענגט בלויז שאָדן. און זשול ראָמען, ווי פיל אַנדערע פון דעם מין, איז דאָך געוויס אַ הומאַניסט און האָט ליב די פרייהייט. אַ לעבעדיקער ביישפּיל, ווי טויט די שענסטע אידייען קענען פאַרבלייבן, אויב זיי זיינען נישט באַזעלט דורך דער פּראָלעטאַרישער שטרעבונג און קאַמפּס־ווילן.

אַלזאָ, די שייד־ליניע איז דייטלעך: פון איין זייט, דער פאַשיזם — די קולטור פון דער האַק, באָמבע, ראַסן־טעאָריע און באַגייסטערונג פאַר די אָרכידייען פון בלוט, — דאָס איז די קראַפט, וואָס פאַרניכטעט דערגרייכונגען פון טויזנטער יאָרן און שלעפּט דעם מענטש צוריק צו דער פּסיכיק פונם ווילדן אורמענטש.

פון דער צוויטער זייט, דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט וואָס וויקלט ברייט פאַנאַנדער די פאָן פון קאַמף פאַר מענטשלעכקייט און פרייהייט, פאַר ליבע און פרידן, — דאָס איז דער כוח וואָס פירט די מענטשהייט פאָרויס אין דער צוקונפט אַריין. קיין צווישן איז נישט פאַרבליבן. און אַלץ, וואָס איז נאָך לעבעדיק אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, זאַמלט זיך אַרום די פענער פונם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט, פאַר ראַטעווען די מענטשלעכע קולטור. די יעניקע, וואָס פּרוּוון בלייבן שטיין אויפן אָרט, ווערן אַראָפּגעווישט דורך שטורעם און געווירבל.

אַלזאָ, דורך ווינטן און שטורעם פאָרויס!

(פאָרויס, נומ. 1, דעצעמבער 1937).

דער אַפּאָלאָגעטיקער פונם נייעם מענטשן

(צו דער הונדערטסטער יאָרצייט פון שאַרל פוריע)

עס איז דאָ נישט לאַנג געוואָרן הונדערט יאָר, זינט עס איז געשטאָרבן איינער פון די טאַלאַנטפולסטע פאָרגייער פונם מאָדערנעם סאָציאַליזם, דער אוטאָפּיסט שאַרל פוריע (געבוירן אַפּריל 1772, געשטאָרבן אָקטאָבער 1837). די דאָזיקע יאָרצייט האָט געפונען אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אַ צו שוואַכן אָפּקלאַנג. און אַ שאָד. אמת, פוריעס אוטאָפּיסטישע טעאָריע געהערט שוין לאַנג צו די אויסגעדינטע זעלנער פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק. אָבער ריכטיק האָט געשריבן מאַרקס:

„די ערשטע סאָציאַליסטן (פוריע, אָוען, סען־סימאָן א. אַנד.) האָבן זיך געמוזט באַגרענעצן מיט טרוימען וועגן אַ מוסטער געזעלשאַפט און זיינען געצוואונגען געווען צו פאַראורטיילן אַלע יענע מיטלען, דורך וועלכע דער אַרבעטער־קלאַס האָט געפּרואווט צו פאַרבעסערן זיין גורל, ווי שטרייקן און פּאָליטישע באַוועגונג. אָבער מיר דאַרפן זיך נישט אָפּטרייסלען פון די דאָזיקע פּאַטריאַרכן פון סאָציאַליזם, פּונקט ווי די היינטיקע כעמיקער קאָנען זיך נישט אָפּטרייסלען פון זייערע אָבות — די אַלכעמיקער; מיר דאַרפן בלויז שטענדיק געדענקען, אַז מיר טאָרן נישט איבערחזרן זייערע פעלערן, ווייל אונז וואָלט מען דאָס שוין נישט געקאָנט מוחל זיין".

און ענגעלס האָט מיט רעכט תמיד אונטערגעשטראָכן, אַז צווישן די אויסגערעכנטע „אַלכעמיקער" פון סאָציאַליזם איז פוריע דער שאַרפזיניקסטער, און זיין טעאָריע איז די איינציקע, וואָס האָט נישט פאַרלוירן פון איר ווערט.

אָבער גראָד היינט, — אין די צייטן פון טראַגישער פאַרווילדונג פון מענטשלעכן מין און פונם פלאַמיקן סאָציאַליסטישן טרוים וועגן נייעם מענטשן, — איז פאַראַן אַ באַזונדער גרונט אָפּצואווישן דעם הונדערט־יעריקן שטויב פון פוריעס גלענצנדיקע ווערק. דאָס זיינען מיר שולדיק נישט בלויז דעם אָנדענק פון פוריע. דאָס זיינען מיר שולדיק אויך זיך אַליין, ווייל פון געשיכטלעכן עבר פינקלט מיט אַ

דערמונטערנדיקן גלאַנץ פוריעס טיפער גלויבן אין מענטשן, אין זיין אַפּאָלאָגעטיק פון דעם צוקונפטיקן נייעם מענטשן.

פוריע האָט געזען די ערשטע שריט פונם טריאומף־צוג פון קאַפּיטאַליזם. און דער גרויסער דענקער, וועלכער האָט ממש פאַרהייליקט די שאַפנדיקע מענטשלעכע פערזענלעכקייט, האָט מיט ביטערניש און אַנגסט פעסטגעשטעלט, אַז די בורזשואַזע אָרדענונג האָט זיך געשטעלט אין אַ שרייענדיקער סתירה מיט די סאַמע צילן פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

אין זיין „טעאָריע פון וועלט־אייניקייט" אַנאַליזירט פוריע די געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. די גאַנצע געזעלשאַפט האָט, לויט פוריע, דורכגעמאַכט פיר שטאַפּלען פון אַנטוויקלונג: אויפן ערשטן שטאַפּל שטייט דער ווילדער מענטש, דעם צווייטן פאַרנעמט דער באַרבאַר, צום דריטן שטאַפּל געהערט דער פאַטריאַרכאַט, און דעם פערטן פאַרנעמט די ציוויליזאַציע. אונטערן וואָרט „ציוויליזאַציע" פאַרשטייט אָבער פוריע די עקזיסטירנדיקע בורזשואַזע אָרדענונג, וועלכע האָט זיך איינגעשטעלט זייט דעם 16טן יאָרהונדערט. אָבער פוריע דערוויזט באַלד, אַז „ציוויליזאַציע" האָט נישט דערפירט צו קיין העכערער פאָרם פון דער מענטשלעכער מאָראַל, פאַרקערט זי האָט גיכער אַרויסגערופן אַ מער ראַפינירטע פאָרם פון מענטשלעכער געפאַלנקייט, „די ציוויליזאַציע מאַכט קאָמפּליצירטער, צווייידייטיקער, צוויי־פּנימדיקער און צביעותדיקער יעדע זינד, וואָס איז אונטער דער באַרבאַריי פאַרבליבן פשוט".

„די ציוויליזאַציע — שרייט אויס פוריע — איז דעסטאָ העסלעכער וואָס נענטער עס איז איר סוף". און שוין אין פוריעס צייטן — האָט לויט דער פאַרזיכערונג פונם גרויסן אוטאָפּיסט — די מענטשהייט אַדורכגעמאַכט דעם הויכפּונקט פון אויפבוי פון דער בורזשואַזער אָרדענונג, אָדער פון דער „ציוויליזאַציע". וואָס ווייטער וועלן אַלץ מער קומען צום אויסדרוק סימנים פון פאַנאַנדערפאַל. מיט אַ ממש געניאַלער ווייט־זיכטיקייט זעט פוריע פאָרויס, אַז עס וועט קומען צום וואָרט דער מאָנאָפּאַליסטישער קאַפּיטאַל, עס וועט זיך איינשטעלן אַ נייער רעזשים פון „אינדוסטריעלער אינקוויזיציע". מיט אַ באַזונדער בייסיקייט רעדט פוריע וועגן סוחרים־קלאַס. דאָס זיינען פּאַראַזיטן, וועלכע פאַראייניקן אין זיך אַלע שטערבלעכע זינד פון דער מענטשהייט. אויב אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט איז, לויט פוריע, בכלל צוויי דריטל פאַראַזיטן, דערגרייכט די דאָזיקע צאָל צווישן סוחרים, הענדלער און זייערע אָנגעשטעלטע ביז ניין צענטל.

„די סוחרים — שרייבט פוריע אין זיין „טעאָריע פון פיר באַדינ־

גונגען״ — שפּילן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט די ראָל פון אַ באַנדע פּיראַטן, אַ טשאַטע רויבער, וואָס פאַרניכטן די לאַנדווירטשאַפט און מאַנופאַקטור און וואָס פאַרקנעכטן אַלזייטיק דעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם״.

אין דער דאָזיקער עובר־בטלדיקער „ציוויליזאַציע״, וואָס האָט שוין איבערגעלעבט איר גלאַנץ־פּעריאָד און דאַרף שטאַרבן, איז אַלץ גאַנגרעניזירט און צעפוילט. די מענטשן געניסן נישט פון רעכט אויף אַרבעט. פּרויען זיינען רעכטלאָז. משפחה, פאַמיליע, דערציאונג זיי־נען אַ לאַנגע קייט פון פאַלשקייט, שווינדל, אָפּנאַרעריי. די בורזשואַזע מאָראַל, וואָס שאַפט געזעצלעכע יסודות פאַר פּראָסטיטוציע, — דאָס איז אַ מאָראַל פון צביעותדיקע און ראַפינירטע באַרבאַרן.

אָבער, ווי געזאָגט, באַטראַכט פוריע די דאָזיקע צעפוילטע מאָראַל אַלס אַ רעזולטאַט פון דער דיאַלעקטישער אַנטוויקלונג אין דער גע־זעלשאַפט. נאָך יעדן אויפשטייג קומט ירידה, וואָס אַנטהאַלט זוימען פון נייעם אויפשטייג.

דער נייער אויפשטייג איז דער סאָציאַליזם, וואָס ברענגט אַרויס דעם נייעם מענטשן.

אין דער „ציוויליזאַציע״ געבוירט לוקסוס אַ שפע פון אָרעמקייט. דאָס אָרט פון דער „ציוויליזאַציע״ וועט אָבער פאַרנעמען אַן אָרדענונג, וואָס וועט ווערן אַ קוואַל פון סאָציאַלער האַרמאָניע און אַלגעמיינעם גליק. אין מיטלפּונקט פון דער דאָזיקער אָרדענונג דאַרף שטיין דער מענטש, דאָס פולווערטיקע גליק פון מענטשן.

פוריע איז קעגן דער אידייע פון אַסקעטישן קאָמוניזם פון זיין צייט, וואָס גלייכט זיך אויף אָרעמקייט. די צילן פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ איז אַלזייטיקע שאַפונג, און פוריעס ווערק „נייע וועלט״ — דאָס איז אַ פּרעכטיקער שיר־השירים פאַר דער מענטשלעכער שאַפונג, דאָס איז איינע פון די שענסטע געזאַנגען אין דער ליטעראַטור פאַרן מענטשן אַלס אַזעלכן, דאָס זיינען לוחות, אויף וועלכע עס איז אויסגע־קריצט גלויבן אין מענטשן.

דער מענטש — האָלט פוריע — איז פון דער נאַטור נישט קיין פוילאַק, ווי דאָס האָבן אויסגעטראַכט די „עקספּלואַטאַטאָרן״, וועלכע עס האָט אַרויסגעגעבן די ציוויליזאַציע. און פוריע שאַפט אַ טעאָ־ריע וועגן „ליידנשאַפטן״ — אַזוי באַצייכנט ער די פּסיכישע באַוועג־קרעפטן פון מענטשלעכן וועזן. די „ליידנשאַפטן״ טרייבן דעם מענטשן צו פּראָדוקטיווער אַרבעט. אַרבעט איז אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש פונם מענטש. אַ מענטש איז, פאַר פוריע, בלויז אַ געזעלשאַפטלעכער אינדיווידואום, און די געזעלשאַפט, וואָס וועט זיך דערהויבן איבער

דער שפּלער „ציוויליזאַציע" — דאָס איז אַ פּראָדוצירנדיקע אַרבעט־געמיינשאַפט, וואו די שעפערישע קראַפט פון מענטשן געפינט דעם פולסטן אויסוועג. פוריע מאָלט זיך נאָך די נייע געזעלשאַפט זייער נעפּלהאַפט: דאָס איז די „צונויפפּאָרונג פון אַרבעט, טאַלאַנט און קאַפּיטאַל", דאָס איז אַ געזעלשאַפט, וואו עס הערשט נישט קיין שום צוואַנג און ווילקיר. אָבער פוריע קוקט ממש מיט אַ פאַרליבטן בליק אויף דעם נייעם מענטש, וואָס וועט לעבן אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט. זיין קדשי־קדשים וועט זיין פּראָדוקטיווע אַרבעט. אַרבעט איז פאַר פוריע דער קוואַל פון אַלע שענסטע איבערלעבונגען און עמאָציעס. נאָר אין באַ־דינגונגען פון אַזאַ אָרדענונג, וואו דער מענטש וועט זיך אויסלעבן אין שאַפן, וועט די מענטשהייט זיין גליקלעך: „דער אָרעמסטער מענטש — שרייבט פוריע — וועט דעמאָלט האָבן פיל מער פרייד, ווי היינט דער מעכטיקסטער מאָנאַרך".

אין די „אַרבעטס־קאַמונעס" אָדער פאַלאַנסטערס, וועלכע פוריע האָט אויסגעפאַנטאַזירט, וועלן מענטשן פול זיין מיט פאַרשטענדעניש איינע פאַר די אַנדערע, די וועלט־באַנעמונג פון אַלע פאַלאַנסטעריסטן וועט זיין אַן אמת פריידיקע און שמחהדיקע.

דער מענטש, פּראָקלאַמירט פוריע, איז גוט. היינט האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט אין די נעצן פון „ציוויליזאַציע", און זי האָט פאַרסמט זיין פרייד, געטויט זיין פריינטשאַפט־געפיל, פאַרניכטעט זיין „ליידנ־שאַפט" צו אַרבעט און פאַרוואַנדלט דאָס לעבן אין אַ גהינום.

זיין סעקסואַליסטישע פילאָזאָפיע וועגן ליידנשאַפטן דערפירט פוריע ביז די עקסטע גרענעצן. די ליידנשאַפטן אָדער געפילן זיינען די הויפּט־מאָטאָרן אין דער וועלט פון מענטש און חיה, און אפילו אין דער נישט־אָרגאַנישער וועלט ווירקט די דאָזיקע „איינהייט פון ליידנ־שאַפטן". ווי מיר זעען אַנטהאַלט פוריעס וועלט־אַנשויאונג אידעאַ־ליסטישע און אפילו געוויסע מיסטישע עלעמענטן. אָבער ווען פוריע פאַרנעמט זיך מיט זיין ליבלינגס־אידעאַל, — דעם נייעם מענטשן ווערט ער שיער נישט מאַטעריאַליסטיש. דער נייער מענטש וועט געשמידט ווערן אין די באַדינגונגען פון דער קאָלעקטיוויסטיש־אָרגאַ־ניזירטער אַרבעט. די קאָלעקטיוויסטישע אַרבעט וועט יעדן יחיד פאַרוואַנדלען אין אַ „גאַנצן מענטשן". דער אַרבעטער וועט אַרבעטן נישט אונטערן בייטש נאָר מתוך חדוה, די פויערים, „די דאָזיקע בהמות פון דער ציוויליזאַציע", וועלן ווערן אַלזייטיק אַנטוויקלטע מענטשן, די פרוי, די „שטוביקע שקלאַפין", וועט דערשפּירן איר גע־זעלשאַפטלעכע גלייכוואַרטיקייט.

און שילדערנדיק דאָס דאָזיקע בילד לאָזט זיך פוריע אַראָפּ פון די

הימלען פון זיין מיסטישער טעאָריע וועגן „איינהייט פון לײדנשאַפטן". ער דערקלערט פּראָסט־פּשוט, אַז דאָס לעבן וועט אין באַדינגונגען פון קאָלעקטיוויזם צווינגען דעם מענטשן צו ווערן אויס עגאָאיסט: „דער מינדסטער פּרוּאוו פון יחיד צו דערשלאָגן זיך צו באַזונדערע באַקוועמ־לעכקייטן פאַר זיך, לרעה פון דער מאַסע, וואָלט אים געבראַכט אין קאָנ־פליקט מיט דער מאַסע, וואָס וועט אים באַדעקן מיט שאַנד". אפילו די מענטשלעכע גיריקייט וועט געבן „אַ שטויס צו אַנטוויקלען די גלאַנ־ציקסטע טוגנט, די קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע גערעכטיקייט".

מיט גרויס פּאַטאָס שילדערט פוריע די צוקונפטיקע „אַטלעטן פון אַרבעט", פאַר וועמען עס וועט נישט עקזיסטירן קיין „אוממעגלעך", עס וועט די מענטשן פאַרכאַפּן אַ שוואונג פון דערגרייכונג, עס וועט זיך אָנהויבן אַן אַמביציעזער געוועט, און דער דראַנג איבערצוּשטייגן אין דער אַרבעטס־פאַרמעסטונג וועט זיין דער העכסטער שטאַפּל פון מענטשן: „אין זייער אַרבעטס־התלהבות — שילדערט פוריע זיינע פאַלאַנסטערס — וועלן זיי אויספירן דאָס וואָס שיינט צו זיין אוממעג־לעך פאַרן מענטשן... יעדע מניעה וועט אַראָפּגעשווענקט ווערן דורך די כוואַליעס פון צעברויזטן שטאַלץ, וואָס וועט זיי באַהערשן; פון אַ וואָרט „אוממעגלעך" וועלן זיי אַריינפאַלן אין ווילדן צאָרן... אַזוי וועלן אויסזען די אַטלעטן (פון אַרבעט) וואָס וועלן קומען צו פאַרבייטן אונזערע שלאַבערדיקע לוין־אַרבעטער און וואָס וועלן קאָנען אויס־האָדעווען נעקטאַר און אַמבראָזי אויפן באָדן, ווי אונטער די הענט פון די שוואַכע מענטשן פון דער הייַנטיקער ציוויליזאַציע וואַקסן בלויז דערנער און ווילדגראָז".

פוריע האָט נישט געוואוסט דעם וועג צום סאָציאַליזם. ער האָט געגלויבט, אַז מיט פרידלעכע מיטלען וועט ער אויסלייזן די מענטש־הייט פון שקלאַפן־אַרבעט, פון געפאַלנקייט, סוחרישע שווינדלערייען און מאָראַלישער ירידה. ער האָט פאַרזיכערט, אַז אויף פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן זיינען נישט נויטיק קיין פאַרשווערונגען, רעוואָלוציעס, קלאַסן־קאַמף און עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן. פוריעס טיפער גלויבן אין דער גוטסקייט פון מענטשן האָט ביי אים געבוירן די איבערצייגונג, אַז דער פאַלאַנסטער עקזיסטירט נישט בלויז דער־פאַר, וואָס די מענטשן שאַצן נאָך נישט אָפּ ווי גוט ער איז. און פוריע איז געווען אַזוי תמימותדיק־נאַאיוו אין זיינע האָפענונגען ווי בייסיק און שאַרפזיניק אין זיין קריטיק. יעדן טאָג צווישן צוועלף און איינס פלעגט ער זיצן אין שטוב און וואַרטן, אפשר וועט אויפן גרונט פון זיין אַנאָנס אין די צייטונגען פאַרט קומען דער קאַפּיטאַליסט און געבן אים די נויטיקע סומע אויף צו שאַפן זיין ערשטן מוסטער־פאַלאַנסטער.

דער קאַפּיטאַליסט איז נישט געקומען. פון פוריעס עקאָנאָמישער טעאָריע איז גאָרנישט פאַרבליבן.

אָבער פוריעס טיפער גלויבן אין מענטשן, פוריעס חלום וועגן נייעם מענטשן וועט נאָך לייכטן פאַר נישט איין דור סאָציאַליסטישע טוער. און די דאָזיקע גרויסע ליכט איז היינט מער ווי ווען נישט איז נויטיק דער מענטשהייט.

(„פּאָרויס", נומ. 1).

דער דיכטער מיט די גענעראַלסקע שליפּעס

נישט אַלעמאָל איז גראַד דער ליטעראַרישער זשעני דער שאַפער פון אַ נייער שול אין דער ליטעראַטור. אָפט פירט אויס די דאַזיקע ראָל דווקא די טאַלענטירטע מיטלמעסיקייט, דער דיכטער, וואָס האָט אפשר נישט קיין עמפּינדלעך אויער פאַר דער מוזיק פון דער ווייטערער צוקונפט, דערפאַר אָבער איז ער פעאיק הויך אויסצוזינגען דאָס אומקלאָרע ליד פון זיין דור, מעג דאָס זיין אַ וויסטער דור המדבר, וועמענס גורל עס איז אַ געחתמעטער.

דער נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענער איטאַליענישער דיכטער גאַבריעלע ד׳אַנונציאָ איז געוואָרן דער פאָרגייער פון אַ גאַנצער ליטעראַרישער שול. אין דער איטאַליענישער פּאָעזיע, דראַמאַטורגיע און בעלעטריסטיק האָט ד׳אַנונציאָ נאָכפאָלגער, און עס איז געווען אַ צייט, ווען אין גאַנץ אייראָפּע האָט מען ד׳אַנונציאָן פיל געלייענט, און מען האָט געקאָנט טרעפן זיין איינפלוס ביי זייער פיל פון יונגע און עלטערע דעקאַדענטן, איבערהויפּט אין פעריאָד פון פאַר דער וועלט־מלחמה, און שפּורן פון זיין אייגנאַרטיקן טאָן האָט מען געקאָנט געפינען ביי פיל אָנגעזעענע דיכטער.

אָבער ד׳אַנונציאָס השפעה איז נישט קיין רעזולטאַט פון זיין גרויסקייט, פונקט ווי זיין רום, פון וועלכן ער האָט גענאָסן, האָט קיין שום שייכות נישט מיט וועלכע עס איז נייע דיכטערישע אַנטפּלעקונגען. ד׳אַנונציאָ איז בלויז איינער פון די טיפּישסטע זין פון זיין צייט, און זיין שאַפונג איז איינע פון די סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע דערשיינונגען פון קולטורעלן בין־השמשות.

אין ד׳אַנונציאָס פּאָטערלאַנד רימט מען היינט ביז אין הימל אַריין דעם דיכטערס גלענצנדיקע אינטואיציע. נאָך סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט ער באַוויזן די איטאַליענער די וויזיע פון אַ ניי קריגעריש איטאַליע, אַ פרישן גלגול פון אַמאָליקן גרויסן רוים. אָבער די וואָלקנס ווירוויך, וועלכע דער פאַשיזם רויכערט היינט אויפן קבר פון דעם דיכטער־פאַשיסט, קאָנען נישט פאַרשטעלן דיווירקלעכקייט. און ד׳אַנונציאָס דיטיראַמבן פאַר אַ ניי קריגעריש איטאַליע האָבן פונקט אַזאַ שייכות מיט אינטואיציע, ווי געוויינלעכע פויקן־ליטעראַטור האָט אַ שייכות צו פּאָעזיע. מען דאַרף געדענקען, אַז ד׳אַנונציאָ איז אַרויסגעטראָטן מיט זיין „דיכטערישער וויזיע” מער־ווייניקער אין יענעם

פעריאָד, ווען איטאַליע האָט געמאַכט איר ערשטן פּרואוו צו פאַרכאַפּן אַביסיניע. ד׳אַנונציאָ האָט דעמאָלט אויסגעפירט די ראָל פון קאָזיאַ־נעם הויף־זינגער פון דער אימפּעריאַליסטישער איטאַליענישער בורזשואַזיע און פון דער דעגענערירטער אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָבן גענומען טרוימען וועגן אַן אימפּעריע. אין שיין פון אָט די פאַקטן דערשיינט דער „וויזיאָנער" אַלס פּשוטער נאָכשלעפּער.

ד׳אַנונציאָ האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט לידער. ער האָט געשריבן בעסערע און ערגערע לירישע לידער, אָבער זיין ערגייץ האָט אים געשטויסן אַוועקצושטעלן זיך נישט אַנדערש ווי אויף אַ פּיעדעסטאַל. זיינע אַמביציעס האָבן אים געטריבן צו זעלבסט־רעקלאַמע, און אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט דאָס אויפּגעבלאָזענע וואָרט ביי אים גענומען אָפּטויטן דאָס געפיל, די פּאָזע און פאַרליבטקייט אין זיך האָבן פאַרשטאָפּט די קוואַלן פון ליריזם. ער גייט איבער צו אַן אייגנאַרטיקן מין דערציילונגען, ראָמאַנען און דראַמעס. זיין לירישע ליד ווערט גענומען אין געפאַנגענשאַפט פון דער רעטאָריק, דער דיכטער נעמט זוכן די לאָרבער־קרענץ פון העלד.

ד׳אַנונציאָס דיכטונג קריגט פאַרב. אָבער דאָס זיינען נישט קיין סובטעלע פּילטאָניקע פאַרבן, וועלכע עס קאָן אַרויסברענגען אַ רייכע נשמה. ד׳אַנונציאָ ציט זיך מיט אַלע זיינע נשמה־פיבערן צו דער זון פון כבוד און רום, און, שפּיגלענדיק זיך אין אירע שטראַלן, פאַרלירט ער דעם וועג צום מענטשן. און וואו עס איז נישטאָ קיין מענטש, איז ממילא נישט בנמצא קיין מענטשהייט. אַנשטאָט דעם דערזעט ד׳אַנונציאָ די נאַציע, זי איז אָבער פאַר אים אויך נישט דער זאַמלפּונקט פון קאָלעקטיווער שאַפונג־ענערגיע פון יחידים, זי איז פאַר אים בלויז אַ שפּרונג־ברעט צום רום, דאָס איז יענער באָדן, וואָס האָט אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט אַרויסגעגעבן העלדן, און די פאַרב פון ד׳אַנונציאָס שאַפונג ווערט די שרייענדיקע פאַרב פון נאַציאָנאַליזם.

אין די 90־ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט שרייבט ד׳אַנונציאָ ים־אָדעס, ער באַזינגט דעם ווידערגעבורט פון דער איטאַליענישער ים־מאַכט, ער פּרעדיקט די נייע איטאַליענישע אימפּעריע, ער זינגט הימנען פאַר איטאַליעס קאָלאָניאַלע מלחמות; און די ערשטע שלימזל־דיקע פּרואוון צו פאַרכאַפּן אַביסיניע, ווי אויך דער דעראָבערונג־צוג אין טריפּאָלי — דאָס זיינען די קוואַלן, פון וועלכע ד׳אַנונציאָ שעפּט זיין דיכטערישע באַגייסטערונג. אין ד׳אַנונציאָס געזאַמלטע ווערק געפינען מיר אויך אַ הימן, וואָס ער האָט אין יענע יאָרן אָנגעשריבן פאַר אַ טאָרפּעדאָ־שיף אין אַדריאַטיק. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט־מלחמה, האָט ד׳אַנונציאָ פאַרפאַסט אַ רייע „הייליקע הימנען

פאַרן גערעכטן קריג״, אין וועלכע ער האָט געפּרעדיקט, אַז איטאַליע זאָל צושטיין צום קריג אויף דער זייט פון דער אַנטאַנטע.

ווי געזאָגט, איז דער הויפּט־קוואַל, פון וועלכן עס פליסט ד׳אַנונ־ציאָס אימפּעריאַליזם און נאַציאָנאַליזם, — זיין אייביקער געיעג נאָך רום און „העלדנטאַטן״. די געשיכטע איז פול מיט ביישפּילן, וועלכע רייצן ד׳אַנונציאָס פאַנטאַזיע. ד׳אַנונציאָ פאַרטיפט זיך אין דער פאַר־גאַנגענהייט; ער שווימט אָבער אויפן אויבערפלאַך. די זוכענישן נאָך פּאָזע, די בענקשאַפט נאָך רעקלאַמע מאַכן ד׳אַנונציאָן אומפעאיק צו פאַרשטיין טיפערע איבערלעבונגען, צו שאַרפערן אַנאַליז, אים פעלט די אמתע אינטואיציע פון קינסטלער.

ד׳אַנונציאָ האָט אָנגעשריבן איבער אַ טוץ ראָמאַנען, — אַלץ אין אַ פּרעטענסיאָנעל אויפגעבלאָזענעם סטיל.

פיל עראָטיק און זייער ווייניק לײדנשאַפט, פיל מליצה און ווייניק נשמה, פיל פייער־ווערק, אָבער עס איז קאַלטער פייער, פיל קאָלירטע באַלאָנען, אָבער זיי פּלאַצן ווי זייפנבלאָזן און, פונקט ווי זיי, לאָזן זיי נישט איבער קיין שפּור אין דער נשמה פונם לייענער.

אין איינער פון ד׳אַנונציאָס באַקאַנטסטע ראָמאַנען „גענוס״ קוויקט זיך דער הויפּט־העלד מיטן ווערטל: „די סטראָפע דאָס איז אַלץ״. אויך ביי ד׳אַנונציאָן איז די געקינסטלטע פראַזע געוואָרן אַלץ. די העלדן רעציטירן פיל געבלימלטע רייד, אָבער דאָס זיינען פוסטע בלו־מען, וואָס זיינען אויסגעהוילט פון יעדן שפּור פון זוימען, באָמבאַסטישע פראַזן, וואָס רייסן־אויף מיט אַ פוסטן קנאַק.

„דער סטיל איז דער מענטש״. און ד׳אַנונציאָ פאַרמאָגט טאַקע אָט די אַלע אייגנשאַפטן פון זיין ליטעראַרישן סטיל.

ד׳אַנונציאָס בעלעטריסטישע שאַפונג איז אויסגעהוילט פון יעדן געזעלשאַפטלעכן זין און ווערט. גענוס, דאָס איז דער אני־מאמין פון כמעט אַלע זיינע העלדן. ניי־היידנטום דאָס איז דער אידעאישער אינהאַלט פון ד׳אַנונציאָניזם אַלס ליטעראַרישע שול. עראָטיזם, דאָס איז ד׳אַנונציאָס ליטעראַרישער קולט. מענטשלעכע חושים און אינ־סטינקטן — דאָס איז פּאַקטיש דער הויפּט־העלד פון ד׳אַנונציאָס שאַפונג. אָבער ביים שילדערן דעם אויסברוך פון אינסטינקטן האָט זיך ד׳אַנונציאָ נישט דערהויבן אפילו ביז צו די קנעכל פון אַ זאָלאַ. ווען ד׳אַנונציאָ וויל זיין נאַטוראַליסטיש, איז ער בלויז אַמאָראַליש, ווען ער וויל זיין געצנדינעריש, אַנטבלויזט ער בלויז די אָפּשטויסנדיקע פוסט־קייט פון דער דעגענערירטער אַריסטאָקראַטיע.

ד׳אַנונציאָ האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פּאָזירן. דערפאַר האָט אים אַזוי אַנטשפּראָכן דער פאַשיזם, וואו די העלדן־פּאָזע געהערט צו די וויכטיקסטע אַקסעסואַרן פון רעזשים.

פאַר אים זיינען אפילו זיינע אויטאָביאָגראַפישע ראָמאַנען („פייער" — וואָס שילדערט דעם פאָעטס פאַרהעלטענישן מיט דער גרויסער עלעאָנאָראַ דוזע א. אַנד.) בלויז אַ נייע געלעגנהייט צו זעלבסטרעקלאַמע, צו באַרימען זיך מיט זיינע דערפאָלגן. גלייכצייטיק זוכט ער אויך אַן אַנדער מין באַרימטקייט. דער דיכטער ווערט אַ קריגער. ער זוכט רום אויף די פעלדער פון דער וועלט־שחיטה. שפּעטער שרייבט ער דאָס ערשטע בלעטל אין שוואַרצן בוך פון „געשעענע פאַקטן". ער פאַרכאַפּט פיומע. דער דיכטער ווערט גענעראַל. אָבער ד'אַנונציאָ איז אפשר דער בעסטער גענעראַל צווישן דיכטער, און דער גרעסטער דיכטער צווישן גענעראַלן...

אָבער אויף ביידע געביטן איז ד'אַנונציאָן נישט געלונגען אָנצוזעטיקן זיין ערגייץ. ד'אַנונציאָ האָט זיך גוט געפּאַסט פאַרן פאַשיזם. ער האָט געהאַט אַן אויפגעריסן מויל, גרויסקייט־שגעון, ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום מאָראַלישע אָפּהאַלט־מאָמענטן, ער האָט באַזונגען די רויע ברוטאַלע קראַפט. אָבער מוסאָליני האָט נישט געוואָלט האָבן קיין שותף צו דער פירער־ראָל, און ער האָט ד'אַנונציאָן ביים לעבן פאַרשטויסן. און ד'אַנונציאָ — דער איינאויגיקער דיכטער מיטן פירשטלעכן טיטול (איין אויג האָט ער פאַרלוירן מיט אַ צען יאָר צוריק בעת אַ פלי־קאַטאַסטראָפע) — האָט אָפּגעלעבט דאָס רעשט ביסל יאָרן איינזאַם אין זיין אָפּגעזונדערטן שלאָס, ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס קניט נישט פאַר זיין „גרויסקייט".

דער טויטער ד'אַנונציאָ איז שוין פאַר מוסאָלינין נישט געפערלעך. מוסאָליני האָט דעם טויטן ד'אַנונציאָ אָפּגעגעבן כבוד, און די צייטונגען דערציילן, אַז ער האָט אפילו געוויינט אויף דער לוויה, ס'אַראַ רירנדיק בילד פאַר אַ פילם־רעפּאָרטאַזש.

איצט ווערט פירשט, גענעראַל און דיכטער ד'אַנונציאָ פאָרגעשטעלט אַלס מוסטער פון אַלע פאַשיסטישע טוגנטן, און אויף זיין פרישן קבר קנוילן זיך גאַנצע וואָלקנס קטורת, פאַר זיין אָנדענק.

דאָס פאַשיסטישע איטאַליע באַגלייט ד'אַנונציאָן אין זיין אייביקער רו אַריין אַלס געניאַלן דיכטער פון גרויסן „רענעסאַנס". אין דער מענטשלעכער קולטור וועט ד'אַנונציאָ בלייבן פאַרשריבן אַלס טאַלאַנטירטע מיטלמעסיקייט, וואָס האָט געוואָלט נישט אַנדערש ווי שפרינגען העכער פון זיין אייגענעם קאָפּ, און וואָס האָט דערצו אויסגעניצט אַלס שפרינג־ברעט די רויע און ברוטאַלע קראַפט ווי אויך די אייגנאַרטיקע מאָראַל פון פאַשיזם און שאָוויניזם.

(„פאָרויס", וואַרשע, מערץ 1938)

אַ היסטאָרישע דאַטע

„פרייהייט איז גאָרנישט ווערט, אויב עס געפינען זיך נישט קיין מענטשן, וועלכע זיינען גרייט צו שטאַרבן פאַר איר״, — דאָס איז געווען דער באַגייסטערנדיקער רוף, וועלכער האָט מיט פינף יאָר צוריק געפירט טויזנטער קעמפער פון ווין, ליִנץ, גראַץ און אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון עסטרייך אויף באַריקאַדן מיט אַלטע ביקסן קעגן דאָלפוסעס טאַנקען און האַרמאַטן.

— איך גלויב נישט אין דער צוועקמעסיקייט פון אַט דעם קאַמף — האָט געזאָגט איינער פון די סאָציאַליסטישע טוער קאָלאָמאַן וואַליש — אָבער איך בין אַ גאַנצן לעבן געווען מיט זיי.

און די געפילן פון פאַרבונדנקייט און טריישאַפט צו די קעמפנדיקע חברים האָבן געפירט וואַלישן דורך טויט צום אייביקן לעבן אין הערצער פון מיליאָנען.

„שטאַרבן פאַר פרייהייט״! — „געבונדן אויף לעבן און טויט״ — אַט די אידייען טראָגן אויף זיך די טויאיקע פרישקייט פון מענטשלעכן אויפבלי, זיי שעמערירן מיט וואונדערלעכע פאַרבן פון הומאַניסטישן פרילינג, זיי שפרודלען מיט דער אייביקער יונגקייט פון קידוש־השם, פון בונט און ווידערשפעניקייט, — דאָס איז די צאַפלדיקע ראָמאַנטיק פון לעבן, וועלכע וויל נישט עקזיסטירן בלויז אין טרוים פון דיכטער, און זי געפינט איר תיקון באַהעפטנדיק זיך מיט איר אור־קוואַל, — מיט דער אייביקער בענקשאַפט צו פרייהייט, וואָס טליִעט אין די הערצער פון די מאַסן, מיט דער אייביקער שטרעבונג פון געפּלאָגטע און געדריקטע צו סאָציאַלער גערעכטיקייט; און זי נידערט פון צייט־צו־צייט אַראָפּ דורך פייער און רויך, פאַרקערפּערט זיך אין בלוט און פלייש און צינדט אָן פונקען אין פאַרלאָשענע אויגן און אַנטפלעקט ביז־איצטער שלומערנדיקע קוואַלן פון העראָאיזם, וועלכע באַפרוכפּערן, ווי אַ געבענטשטער שפריי־רעגן, די שאַפונג פון דורות.

די היסטאָרישע געשעעניש פון אַט דעם מין איז געווען דער פעברואַר־אויפברויז אין ווין. די באַדייטונג פון די עסטרייכישע קאַמפן פון מיט פינף יאָר צוריק, גייט ווייט אַרויס פון די ראַמען פון אַן ערשטקלאַסיק־וויכטיקן פּאָליטישן געשעעניש. דאָס איז נישט בלויז אַן איבערברוך־מאָמענט אין דער היסטאָרישער פאַרמעסטונג צווישן פאַשיזם און סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט. די דאָזיקע קאַמפן האָבן

געשאַפן אויך אַן איבערברוך אין געמיט־צושטאַנד פון די בעסטע טיילן פון דער מענטשהייט.

דער פאַשיזם האָט נאָר־וואָס אָפּגעהאַלטן זיין גרויסן זיג. עס האָט זיך ברייט צעגאָסן די כוואַליע פון חיהשקייט, פּחדנות, נידער־טרעכטיקייט און פּאַרראַט. „ווען איך הער דאָס וואָרט קולטור, צי איך אָפּ דעם פּאַרזיכערער פון מיין רעוואָלווער״, אָט דאָס באַפליגלטע ווערטל איז געוואָרן דער סימבאָל פון דער טריאומפירנדיקער באַר־באַריי. די העכסטע מאָראַלישע ווערטן זיינען צעטרעטן און באַשפּיגן געוואָרן. די מענטשן, וועלכע האָבן פריער זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו שוואַך אָנצוהייבן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן פאַשיס־טישן שונא, — זיי זיינען איצטער געשטאָרבן פאַר דער פרייהייט אין קאָזעמאַטן און קעלערן דערנידעריקטע און פאַרפּייניקטע, אָבער וועגן זייער טויט האָבן מענטשן געלייענט אין גרויזאַמער דערשלאָגנ־קייט פון נישט קאָנען העלפן, מיט קאַלטע אַנגסטן פון שרעקלעכן קאָשמאַר.

און אָט איז געקומען פעברואַר. אַ כוואַליע פון דערהויבונג האָט זיך דורכגעטראָגן איבער דער וועלט. די מענטשהייט קאָן נישט זיין פאַרלוירן, אויב זי גיט אַרויס פון זיך אַזעלכע העלדישע קעמפער. דער אידייאישער און מאָראַלישער פאַרמעגן פון דער מענטשהייט קאָן נישט אונטערגיין, אויב ער פינקלט מיט אַזעלכע פרישע אוצרות. די פרייהייט קאָן נישט זיין פאַרשפּילט, אויב מענטשן זיינען אַזוי גרייט זיך מקריב זיין פאַר איר.

די פינף יאָר זינט די פעברואַר־קאַמפן אין ווין, — דאָס איז אַ וואונדערלעכע עפּאָכע פון מאַסן־העראָאיזם. געגנוג צו דערמאָנען איין וואָרט: שפּאַניע. דער קאַמף פאַר פרייהייט און סאָציאַלן יושר איז נישט פאַרענדיקט. די באַרבאַריי טריאומפירט נאָך היינט.

אָבער די עסטרייכישע קעמפער מוז געהערן די דאַנקבאַרקייט נישט בלויז פון גאַנצן סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט, וועמען זיי האָבן צוריקגעגעבן זיין זעלבסטזיכערקייט און פאַרשאַפט אַזוי פיל רום און כבוד. זיי געהערט דאַנקבאַרקייט פון יעדן אמתן פריינט פון מענטש־לעכער קולטור, פון יעדן איינציקן, וועמען עס איז טייער דער נאָמען מענטש.

די מענטשלעכע קולטור קאָן נישט זיין פאַרלוירן, כל־זמן די מענטשהייט גיט אַרויס אַזעלכע וואונדערפולע מאָראַלישע ווערטן, כל־זמן אין אירע רייען קומען־אויף וואַלישעס, ווייסעלס און מוניכרייטערס, כל־זמן צווישן מיליאָניקע מאַסן לעבט די גליענדיקע בענקשאַפט נאָך פרייהייט און די גרייטקייט צו שטאַרבן פאַר איר.

(„פאָרויס״, פעברואַר, 1939)

דאָס אייביק־מענטשלעכע ביי שלום־עליכמען

מען הערט אָפט, אַז שלום־עליכם איז דער נאַציאָנאַלסטער צווישן אונזערע קלאַסיקער. אויב פרץ האָט אַריינגעפירט די יידישע ליטעראַטור אין אייראָפּע, האָט שלום־עליכם אַריינגעפירט דאָס נאַציאָנאַלע היימישע קאָסרילעווקע אין דער ליטעראַטור. מיר שיינט אָבער, אַז עס איז נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן דער אוניווערסאַליזם פון שלום־עליכמען, דאָס מייסטערהאַפטע אַרויסברענגען דאָס „פּינטעלע מענטש״, נישט אין אַ קלענערער מאָס, ווי דאָס „פּינטעלע ייד״.

דער סאַמע נאַציאָנאַלער דיכטער איז במילא דער סאַמע אוניווערסאַלער דיכטער. דער נאַציאָנאַלער פּסיכישער אייגנאַרט דאָס איז אַ געוויסע אייגנאַרטיקע דאָזירונג פון אַלגעמיינע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, דאָס איז דער אָדער אַנדערער גייסטיקער קנייטש אַלס רעזולטאַט פון געוירשנטקייט און סביבה. שילדערן קינסטלעריש אַ נאַציאָנאַלע סביבה מיט אַלע אירע פּיטשעווקעס, תנועות און העוויות, באַדייט אויפכאַפּן אירע דינסטע פּסיכישע ניואַנסן. און ווען די נאַציאָנאַלע סביבה שילדערט אַזאַ גאוינישער טאַלאַנט ווי שלום־עליכם, וואָס פאָטאָגראַפירט נישט פשוט די דאָזיקע סביבה, נאָר פּאַראייביקט זי אין אומשטערבלעכע טיפּן, קריגן מיר דעמאָלט דאָס אייביק־מענטשלעכע אין זיין בולטסטער פאָרם, אין זיין גאַנצער צאַפּלדיקייט און פול־בלוטיקייט.

געוויס איז די גאַלעריע פון שלום־עליכמס העלדן אַ וואונדערלעכער דענקמאָל פון אַן עפּאָכע. טביהס חנוודיקע סקעפּטישקייט באַהאָפטן מיטן צאַרטסטן אָפּטימיזם, — מיט גלויבן און בטחון, די טיפע איינגעוואָרצלטקייט פון דאָרפס־מענטש, אין וועלכן עס זיינען אָבער פאַרפלאָכטן פּעדים פון אייביקן אומרו, וואָס שטויסן אים, ער זאָל זיך לאָזן מיטרייסן פון מנחם־מענדלס פאַרהאַוועטקייט, — אָדער די טראַגישע סתירה, וואָס עס שאַפט זיך, ווען דער טרוימער־פאַנטאַזיאָר, וועלכער שפּרודלט מיט ענערגיע, פאַרווענדט די דאָזיקע ענערגיע אויף צוניפּפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, אויף „פּאַפּירלעך״ און יכנה״ז, — דאָס איז די וואונדערלעכסטע אָפּשפּיגלונג פון אַ סאָציאַלער תקופה. און שלום־עליכם, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אינטערעס פון אַ „רעוואָ־

לוציאָנערן שרייבער", ליפערט, צוליב זיין טיפן קינסטלערישן אמת, מער ווי אימיצער אַנדערש מאַטעריאַל פאַרן צוקונפטיקן פאָרשער אויף דערלערנען די תקופה, ווען דער מענטש האָט פאַרשווענדט זיינע פראָ־דוקטיווע כוחות אין ניוועץ. מיר זאָגן, דער מענטש, ווייל אפילו מנחם־מענדליזם איז נישט קיין ריין־יידישע דערשיינונג, הגם אין די באַדינ־גונגען פון יידישן לעבן אין דער צאַרישער „טשערטאַ" האָט די דאָ־זיקע דערשיינונג געקראָגן איר העכסטן אויסדרוק. מען קאָן פאַר דעם ברענגען פיל ראיות. לאָמיר זיך היינט באַגנוגענען מיט איין באַווייז: וויפל געלעכטער־וועקנדיקע און טיף־רירנדיקע פערל פון מנחם־מענ־דעליזם האָט אויסגעפירט פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע סביבות דער געניאַלער טשאַפּלין.

שלום־עליכמס טיפן שפיגלען אָפּ אַ סאָציאַלע עפּאָכע. אין דעם פרט פאַראייביקן זיי דער עיקר דאָס לעבן פון געוויסע שיכטן פון דער יידישער סביבה אין אַ געוויסן צייט־אָפּשניט. שלום־עליכמס ווערק וועלן אָבער לעבן לענגער ווי די געדעכעניש וועגן דער סאָציאַלער תקופה, וואָס זיי שפיגלען אָפּ. און דאָס איז צוליב דעם אייביק־מענטש־לעכן, וואָס באַזעלט זיינע הויפּט־העלדן. די וואונדערלעכע האַרמאָניע, וואָס עס גיט די באַהעפטונג פון לירישער בענקשאַפט מיט סקעפּטיש־קייט, דער טראַגישער קאָמיזם צוליב דער סתירה צווישן פאַרמעסטונ־גען און מעגלעכקייטן, די טיף־מענטשלעכע אייגנשאַפט צו דערהויבן זיך איבער די אייגענע יסורים מיט הילף פון געלעכטער, וואָס לייזט אויס און באַפרייט, דאָס שלום־עליכם־קינד, וואָס רירט אַזוי שטאַרק מיט זיין צאַרטן ליריזם און שטעקט אַזוי אָן מיט שפרודלדיקן קינדערשן געלעכטער און לעבנס־לוסט, — דאָס אַלץ איז אייביק, און דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט שלום־עליכמען אין דעם אוניווערסאַלסטן צווישן אונזערע דיכטער.

(„פאָרויס", מערץ 1939)

מענדעלע מוכר ספרים*)

צען יאָר זיינען פאַריבער פון מענדעלעס טויט און אַן ערך זעכ־ציק יאָר פון דער צייט, ווען ער איז אַרויסגעטרעטן מיט זיינע ערשטע ווערק. אַ גאַנצע תקופה טיילט אונז אָפּ פון דער סביבה וואָס איז גע־שילדערט געוואָרן אין זיינע ווערק — אַ תקופה פון סאָציאַלע אי־בערשיכטונגען און איבערקערענישן, פון קאַטאַסטראָפעס און רעוואָ־לוציעס, פון נייע האָריזאָנטן מיט נייע השגות. דער קולטור־היסטאָ־ריקער וועט אין מענדעלעס ווערק קודם־כל געפינען אַ מאָנומענטאַלן דענקמאָל אויף אַ לעבנס־שטייגער, וועלכער איז אַוועק אין דער איי־ביקייט, אַ קינסטלערישן „פה נטמן" אויף תורות, וועלכע זיינען צע־שמעטערט געוואָרן אין שטורעמדיקן לויף פון דער צייט. אָבער מענ־דעלעס ווערק זיינען אויך אין איצטיקן פעריאָד נישט נאָר אַ מאַטע־ריאַל פאַר קולטור־געשיכטלעכע פאָרשונגען. מענדעלען רופט מען „דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור". און זיין באַדייטונג אַלס אמתער קינסטלער און בייסיקער סאַטיריקער, שפּראַך־שלייפער און וואָרט־מייסטער, פיאָנער פון דער פיינער יידישער ליטעראַטור, רעוואָ־לוציאָנער און סאָציאַלער קעמפער, אַלס דערציער פון דורות יידישע שריפטשטעלער, מיט איין וואָרט — זיין עפּאָכן־מאַכנדיקע באַדייטונג איז נישט פאַרווישט און אַראָפּגעשווענקט געוואָרן דורך די בלוטיקע שטורעמס פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט.

אָבער די צאַפּלדיקע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון מענדעלעס צייט זיינען שוין לאַנג געלייזט אָדער פאַרשוואונדן געוואָרן. דער לעבנס־שטייגער איז פאַרענדערט, די אייניקלעך האָבן טריי געהיט דעם זיידנס צוואה און געשליפט די יידישע ליטעראַרישע שפּראַך און „געפילט יעדעס וואָרט", אַזוי אַז זיין קערנדיקע, מיט זאַפטן פון פאָלקסטימלעכקייט אָנגעלאָדענע שפּראַך קומט אונז אויס שטאַרק פאַר־עלטערט. און דער הויפּט־אינטערעס פון דעם איצטיקן לייענער צו

---

*) מענדעלע מוכר־ספרים — שלום יעקב אַבראַמאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין קאַפּוליע, מינסקער גובערניע, דעם 20סטן דעצעמבער 1835, געשטאָרבן אין אָדעס דעם 8טן דעצעמבער 1917.

מענדעלען איז ווי צו אַ טרייען שפּיגל פון אַ תקופה, אין וועלכער עס דרעמלען די פּאַרטאָגן פון אַלע געשעענישן פון לעצטן יאָר־הונדערט.

מענדעלע מיט זיין שאַפונג איז געקומען אין אַ צייט, ווען די השכלה — די שיטה, וואָס האָט אַרויסגערוקט בילדונג פון די מאַסן ווי די איינציקע גאולה, ווי די פאַרענטפערונג פון דער פאַרשאָלטע־נער „יידישער פראַגע", — האָט דערגרייכט איר העכסטע אָנשטרענ־גונג.

די אידייען פון השכלה, די בענקשאַפט נאָך „בילדונג, דער הימלי־שער טאָכטער" האָט דעמאָלט פּאַנאַדערגעטרייסלט אַ היפש ביסל קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע ענערגיע. די דאָזיקע געזעלשאַפט־לעכע באַוועגונג האָט געהאַט גאַנץ טיפע סאָציאַלע וואָרצלען. צוליב אַ ריי היסטאָרישע סיבות איז דער עקאָנאָמישער באַזיס פונם יידישן לעבן במשך פון דורות ביז דעמאָלט געווען שמאָל און איינאַרטיק. וואוכער, שענקעריי, קליינער מסחר, מלאכה נאָר אויף צו באַפרידיקן די וויכטיקסטע באַדערפעענישן פון אייגענעם קהל — דאָס איז געווען דער עקאָנאָמישער יסוד פון קולטורעל־אָפּגעשטאַנענעם לעבן. דער קולטור־רענעסאַנס, וואָס האָט אָפּגעפרישט אייראָפּע צוזאַמען מיטן אויפקום פון דער יונגער אייראָפּעאישער בורזשואַזיע, און וואָס האָט העלדיש געיאָגט די שאָטנס פון יעזואיטיזם און קלער, האָט זיך דער־קייקלט צום יידישן געטאָ מיט אַ קאָלאָסאַלער פאַרשפּעטיקונג. ערשט ווען עס האָט גענומען וואַקסן אַ גרעסערער יידישער מסחר פון איין זייט און נויט און עלנט פון די מאַסן פון דער צווייטער זייט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטערע בילדונג־אַגיטאַציע. די „שפּיצן" פון פאָלק האָבן אינסטינקטיוו דערפילט די באַדערפעניש פון אַ נייער לעבנס־אידעע, וועלכע עס האָט דערנאָך פאַר זיי פאָרמולירט דער רוסיש־יידי־שער אַפּאָסטאָל פון השכלה, יצחק בער לעווינזאָן: „זיי אַ מענטש אין גאַס, אַ ייד אין דער היים". די גאַס, די אויסערלעכע וועלט האָט געפאָדערט צו צעברעכן די כינעזישע וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָס יידישע לעבן פון דער גאַנצער וועלט. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די עמאַנציפּאַציע־באַוועגונג אין מערב־אייראָפּע, האָבן באַפליגלט די יידישע בורזשואַזיע אויך אין רוסלאַנד מיט געוויסע האָפענונגען; פון דער צווייטער זייט ווערט אַלץ אויסזיכטלאָזער די לאַגע פון דער יידישער אָרעמקייט, און די בעסערע פאָלקס־מענטשן זוכן אַן אויס־וועג און אַ רעטונג פאַר דער באַפעלקערונג, וועלכע שטיקט זיך אין געטאָ. מען האָט געמאַכט אַ זייער פשוטן אויספיר: מען האָט אונז פיינט און מען רודפט פאַר אומוויסנקייט און ניט־פּראָדוקטיווקייט,

אַלזאָ, קודם־כל בילדונג. דערנאָך וועט שוין אַלץ רעכט זיין. און די השכלה באַגייסטערט די מוזע פון די פּאָעטן, זאָגט אונטער די שריפט־שטעלער ווערטער פון פלאַם און צאָרן, זאַמלט אונטער אירע פענער די בעסטע פּאָלקס־מענטשן און די אָפּגעזונדערטע געטאָ־ווענט פון יידישן לעבן ווערן כסדר געשטורעמט דורך שאַלן און טראָמפּייטן פון די השכלה־ריטער.

אויך מענדעלע איז געקומען צו דער ליטעראַטור אַלס ריטער פון דער דאָזיקער „הימלישער טאָכטער". דעריבער זיינען מענדע־לעס ווערק אָפט נישט קונסט, נאָר פּובליציסטיק, דרשה און אַגי־טאַציע. ווילן מיר זיך אָבער שאַפן אַ לעבעדיקע פאָרשטעלונג וועגן דער סביבה און לעבנס־שטייגער, וואו די אַלע קאַמפן האָבן זיך אָפּ־געשפּילט, לאָמיר דורכלעזן די בלעטלעך וועלכע זיינען געשריבן מיט גאַל און טעמפּעראַמענט דורך מענדעלע. גראָד דאָרטן וואו מענ־דעלע איז אַמווייניקסטן אויסן געווען צו זיין משכיל, דאָרטן האָט ער אונז איבערגעלאָזט פּרעכטיקע בילדער, וועלכע גיבן אונז אין די הענט דעם שליסל צו דער אַוועקגעגאַנגענער השכלה־תקופה.

די גאַנצע יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט נישט נאָך אַזאַ ווערק ווי „שלמה ר' חיימס", מיט זיינע זאַפטיקע בולטע רעאַלע בילדער פון יידישן שטעטלשן לעבן פון פאַריקן יאָרהונדערט. „שלמה ר' חיימס" איז מענדעלעס קינסטלערישע אויטאָביאָגראַפיע, און אויפן גאַנצן ווערק ליגט אַ שאָטן פון ראָמאַנטישער בענקשאַפט נאָך די זיסע אידילישע קינדער־יאָרן. דורך גאָר אַן אַנדער באַפאַרבט גלאָז קוקט מענדעלע אויפן יידישן לעבן אין זיין פּרעכטיקער סאַטירע: מסעות בנימין השלישי; אָבער דיביידע ווערק צוזאַמען מיט עטלעכע געציילטע קאַ־פּיטלען פון אַנדערע ווערק קענען שוין געבן אַ מאָנומענטאַלע פאַר־אייביקונג פון יענער עפּאָכע.

פון די ביידע ווערק שאַפט זיך אַ לעבעדיקע פאָרשטעלונג וועגן דער פולער איזאָלירטקייט, אָפּגעשלאָסנקייט פון דעם יידישן לעבן און פון דעם גליוועך און שימל פון יאָרטויזנטער, וואָס האָבן אויף אים געלאַסטעט. דאָס קינד אין „שלמה ר' חיימס" קען ניט די אַרומיקע נאַטור, האָט קיין אַנונג ניט וועגן דער שכנותדיקער באַפעלקערונג. קיין ווינטל פון „אייראָפּע" דערגרייכט ניט צום יידישן שטעטל. דאָס יידי־שע קינד לעבט נאָך אין דעם ווייטסטן עבר. ער קען קאָמוניקאַציע־מיטלען — אייזלען, קעמלען און מויל־אייזלען; ער קען אַ פלאַנצונג־וועלט — איילבירטן, פייגן; ער קען אַ חיות־וועלט — לעמפּערטן, פּי־פּערנאָטערס, לינדוועראָמס און וויזל־טירן. מדבריות, וואָסער־קוואַלן מיט לאָגלען צום טרינקען, די מאַכט פון גאָט צבאות מיט זיינע חיילות, כרו־

בים און שרפים — דאָס איז דער שטאָף פאַר אַ רייכער קינדערישער פאַנטאַזיע, וואָס עס באַפליגלט די פּאָעטישע בייגונגען. עס איז אינגאַנצן פאַרווישט די גרענעץ צווישן פאַנטאַזיע און רעאַלער ווירקלעכקייט; אַ גאַנצער קיבוץ שטעקט מיט זיין גאַנצער אינטערעסן־וועלט אין ווייטסטן עבר. אַזוי צייכנט זיך אָן אַ בילד פון אַ פאַרשלאָפן קעניג־רייך, וואָס איז אָפּגעשלאָפן צוויי טויזנט יאָר, ווי אויך די טראַגעדיע פון דערוואַכונג.

אין „שלמה ר׳ חיימס" האָט מען שוין אין שטעטל געהערט פון די „בערלינער" (ריטער פון השכלה, מען האָט זיי אַזוי גערופן צוליב דעם, וואָס די באַוועגונג איז געקומען פון דייטשלאַנד). נאָר זיי זיינען פאַרן שטעטל ימח־שמוניקעס און מען טאָר זייער נאָמען ניט דערמאָנען.

אין אַ געוויסן פעריאָד האָט די רוסישע רעגירונג זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפונקט פון אויפקלערן די יידישע באַפעלקערונג דורך „שקאָלעס". מענדעלע שילדערט אין „שלמה ר׳ חיימס", ווי אַזוי די יידישע באַפעלקערונג האָט דאַן פאַרביסן געקעמפט קעגן דער דאָזיקער „גזירה". דער רוף „שקאָלעס ניע זשעלאַיעם", די פייגטשאַפט צו די רעגירונגס־רעפאָרמען האָט זיך געוויס גענומען פון ווילדן פאַנאַטיזם און קאָנסערוואַטיזם. דאָ איז אָבער אויך געקומען צום אויסדרוק אַ געזונטער נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרהיטונג־אינסטינקט. ביי השכלה־טוער איז בילדונג געווען פאַרבונדן מיט דער נויטווענדיקייט אָנצונעמען וועלכע ניט איז אַנדערע שפּראַך: זאָל דאָס זיין דייטש, פּויליש אָדער רוסיש. דער דאָזיקער קאַמף ווערט אין „שלמה ר׳ חיימס" מייסטערהאַפט געשילדערט.

מענדעלע צאָלט מעשר דער השכלה־באַוועגונג, אָבער שטייט מיט אַ גאַנצן קאָפּ העכער פון זיינע פאָרגענגער. די השכלה־טוער זיינען אין דעם גרעסטן טייל פול מיט סענטימענטאַלן גלויבן אין דער אַלמעכטיקייט פון דער בילדונג, נאַאיוו גלויבן זיי אין די פרומע וואונטשן פון דער רעגירונג און זיי זיינען אָפט גרייט צו פאַרראַטן די אינטערעסן פון די פאָלקס־מאַסן לטובת דער גרופּע געבילדעטע און אויפגעקלערטע. עס זיינען באַקאַנט פאַקטן, ווען די אָדער יענע גרופּע „געבילדעטע" פלעגט זיך ווענדן מיט שתדלנותן וועגן געבן רעכט, כאָטש די „וואָס זיינען עס ווערט". דערצויגן אין גייסט פון מה יפית און הכנעה האָט זעלטן ווער געהאַט דרייסטקייט צו קומען מיט אַ רמז אויף מרידה און קאַמף. כמעט אַלע זיינען מקבל באהבה די גזירה פון רדיפות אויף די אומוויסנדיקע נישט פּראָדוקטיווע מאַסן; אין בעסטן פאַל האָט מען אַ לשון פון תחנונים. נאָר מענדעלע איז דער

ערשטער משכיל, וואָס געפינט ווערטער נישט פון תחנונים, נאָר פון פאָדערונג.

„אַ טאַנץ גייט נישט פאַרן עסן", דערקלערט ער קאַטעגאָריש אין זיין סימבאָליש ווערק די „קליאַטשע". דער קליאַטשע גיט מען פון אַלע זייטן עצות זיך צו לערנען טאַנצן, און דעמאָלט וועט זי זיין אַ חשובע קליאַטשע מיט אַלע פערד צוגלייך. נאָר אַ טאַנץ גייט נישט פאַרן עסן. פריער מענטשלעכע רעכט, דערנאָך ערשט ביל־דונג און פּראָדוקטיווקייט! מענדעלע פאָרמולירט אַ נייעם לאָזונג, קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג אָן קיין שום באַדינגונגען.

נאָר מענדעלע איז רעוואָלוציאָנער נישט נאָר אַלס משכיל. מענ־דעלע געפינט שטענדיק דאָס שטאַרקע וואָרט קעגן אונטערדריקונג און אומרעכט. „דאָס קליין מענטשעלע", „די טאַקסע" זיינען ווערק פון פלאַמיקן פּראָטעסט און מוטיקן קאַמף. די יידישע מאַסע איז פאַר־אָרעמט, דער יידישער קיבוץ איז „אַ געזעמל פון מקבלים, אביונים, קבצנים, דלפנים, טויגעניכטסן, קאַליקעס, מלמדים, פאַרצעניאַריקע, פאַראַיאַריקע און היי־יאָריקע באַלעבאַטים, וואָס עסן קעסט". „די גרויסע יידישע טאָרבע" — דאָס איז דער סימבאָל פון דער קאָלאָסאַלער אָרעמקייט, פון דער שרעקלעכער נויט און דחקות. און אויפן קערפּער פון דעם דאָזיקן קהל זיצן „שמור־ציקע, פּוילע, פּוסטע מענטשעלעך — פּיאַווקעס", „שיינע מענטשעלעך, וואָס האַלטן זיך ווי הינט, ווי וואָראָנעס לעבן טויטע און נבילות, וואָס לעבן פון יענעמס פלייש, פון יענעמס בלוט, מענטשעלעך, וואָס זיינען נישט ווערט קיין דרייער און גילטן פאַרט זייער שטאַרק; מענטשעלעך, וואָס זיינען אין דער געמיינדע אַ מכה, וואָס מאַכן איר קאַליע דאָס בלוט און נאַגן זי אויס... סווישטשער, לײדיקגייער, גאַרנישטן, טויגע־ניכטסן, יענע מיני מענטשעלעך, וואָס דרייען זיך תמיד אַרום קהל, ווילן דער שטאָט רק איינברענגען, רק טאָן טובות, וואָס לייגן זיך אינ־גאַנצן אַוועק פאַר דער שטאָט, לעבן בכבוד, עסן דאָס בעסטע און טריב־קען אַ גוט גלעזל וויין... מענטשעלעך, וואָס נעמען אַראָפּ דאָס היטל פאַר איטלעכן טשינאָווניקל, פאַר איטלעכן פּריצל, וואָס קריכן תמיד זיך פאַרצושטעלן פאַר אַ נייעם גובערנאַטאָר, פאַר אַ נייעם פּאָליצ־מייסטער, ראַפּאָרטעווען תמיד מכוח דער שטאָט, מענטשעלעך, וואָס זיינען אַזוי־ווי שרעקלעכע וועלף צווישן די אָרעמע, בידנע שאָף אויף דעם מאַרק"... (קליאַטשע).

און מענדעלע דערקלערט אַן אומברחמנותדיקן קאַמף די אַלע רעדלפירער און שטאָט־בעלי־טובות. מען רודפט און מען פאַרפאָלגט אים און ער שטעלט דעם קאַמף נישט אָפּ. „דאָס קליינע מענטשעלע",

„די טאַקסע", און טײלװײז „די קליאַטשע" זײנען שנײדנדיקע סאַציאַ־
לע פּאַמפלעטן, װעלכע אָטעמען אין אײניקע קאַפּיטלען אפילו הײנט
מיט דער פרישקײט פון קאַמף. מען לײענט די דאָזיקע קאַפּיטלען,
און עס קאָן זיך אַמאָל אױסדוכטן, אַז עס װערט געשמיסן מיט אײ־
זערנע בײטשן אַ... הײנטיקע יידישע קהלה.

מענדעלעס װערק זײנען רײך און פאַרשײדנאַרטיק און אַנט־
האַלטן אין זיך גאַנצע אוצרות צום פאָרשן, לײענען און שטודירן.
נאָך אײן פאַרדינסט מענדעלעס מוז נאָך באַזונדערס אונטערגעשטראָכן
װערן: דאָס איז מענדעלעס פאַרדינסט פאַר דער יידישער שפּראַך.
מיט חוזק און ביטול האָבן די השכלה־טוער זיך באַצױגן צו יידיש.
אין בעסטן פאַל איז דאָס געװען פאַר זײ אַ װעג צו די אָרעמע ברידער.
אױך מענדעלע איז לכתחילה אַזױ צוגעגאַנגען צו דער יידישער שפּראַך.
ער האָט יידיש באַטראַכט אַלס מיטל, דורך װעלכן ער װעט קאָנען
נוצן דעם פאָלק. נאָר באַרױשט און געפאַנגען דורך די הערלעכע
אוצרות פון דער פאָלקס־שפּראַך, איז דאָס מיטל פאַר אים געװאָרן אַ ציל
פאַר זיך, און ערשטקלאַסיקער פאַקטאָר פון נאַציאָנאַלער װידער־
געבורט. די דינסט איז געװאָרן זײן האַרנטע, װעלכער ער האָט
אָנגעהױבן טרײ צו דינען, אַזױ הױבט ער אָן די רומפולע טראַדיציע
פון פלעגן דאָס יידישע װאָרט, און אין זײנע טריט פאָלגן אים נאָך
אַ גאַנצע משפחה שרײבער און קינסטלער.

דער אָנדענק פון מענדעלען איז באַזונדערס נאָענט און טײער דער
יידישער אַרבעטערשאַפט. זײן נשמה פול מיט פלאַם־פײער, זײן שטענ־
דיקע קאַמף־גרײטקײט, זײן נאָענטקײט צו די פאָלקס־מאַסן, זײן ראָל
אַלס פּיאָנער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, װעלכע איז
געװאָרן די קאַמף־פאָן פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, — דאָס
אַלץ מאַכט אים אומפאַרגעסלעך און טײער פאַר די ברײטסטע קרײזן
פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן.

(„יוגנט־װעקער" נומ 23, 1927).

ב. ניו־יאָרק

די אידייען פון ערשטן מאַי

נאָך אַן ערשטער מאַי איז געקומען אין דעם בלוטיקן געוויטער וואָס בושעוועט איבער דער וועלט. אין ווירבל־שטורעם פון קריג זיינען איינגעפאַלן, ווי קאָרטן־שטיבלעך, איינגעפונדעוועטע מלוכות און מאַכט־סיסטעמען, און דער זעלבער געוויטער האָט אויך געשאַפן אַ צעטומלע־ניש אין מוחות. עס ברעכט זיך און פאַלט אין אַ וועלט. וואָס זשע וועט פאַרבלייבן נאָכן בלוטיקן מבול? וועלכע אמתן, אידייען און פאַרשטעלונגען פון נעכטן וועלן זיך מאַרגן אַרויסווייזן פאַר פאַלש, ווען דער מבול וועט האָבן אָפּגערייניקט די וועלט, און וועלכע וועלן אויסהאַלטן דעם פייער־פּרואוו פון דער געשיכטלעכער שרפה און וועלן פאַרבלייבן לויכטן דער מענטשהייט אויף איר וועג צו אַ בעסערער צוקונפט?

פיל פרעגן זיך היינט: צי געהערט נישט די אידייע פון ערשטן מאַי יום־טוב צו יענעם באַגאַזש פון דער אַלטער וועלט, וועלכן עס לאָזט זיך נישט ראַטעווען פון דער שרפה? און צי פאַרמאָגן נאָך אויך היינט די אידייען פון ערשטן מאַי זייער וואונדערלעכע צויבער־קראַפט פון פריער, אָדער — זיי האָבן, ווי פיל אַנדערע אידייען פון דער פאַר־גאַנגענהייט, פאַרפירט און אָפּגענאַרט?

ערשטער מאַי!

העכער פון אַ האַלבן יאָרהונדערט ווי מיט דעם דאָזיקן טאָג זיינען פאַרבונדן די שיינע חלומות און צעבליטע האָפענונגען פון די אַרבעטער אין גאַר דער וועלט.

געבוירן געוואָרן אין דער הייסער לופט פון די ערשטע געשיכט־לעכע קלאַסן־צוזאַמענשטויסן צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל דאָ אין אַמעריקע, איז דער ערשטער מאַי אַדאָפּטירט געוואָרן דורכן וועלט־פּראָלעטאַריאַט און זיין אָרגאַניזאַציע, דעם אינטערנאַציאָנאַל, ווי דער צייכן פון אייניקייט און ברידערלעכקייט צווישן אַלע אַרבעטער אין גאָר דער וועלט.

דורך יאָרן איז דער פּראָלעטאַרישער יום־טוב ערשטער מאַי, איינגעוואָרצלט געוואָרן אין לעבן, איינגעבאַקן געוואָרן אין מיליאָנען הערצער און געהייליקט געוואָרן דורך בלוט פון צאָלרייכע קרבנות.

זיין באַדייטונג איז געוואַקסן, זיינע צילן און אויפגאַבן האָבן זיך כסדר אויסגעברייטערט. די ערשטע פּאָר צענדליק יאָר פון פייערן אָט דעם יום־טוב — פאַלן אויס אין אַ צייט, ווען דער קאַפּיטאַליזם אין אײי־ראָפּע און אַמעריקע דערגרייכט זיינע שענסטע בלי־טעג און אַנטפּלעקט גלייכצייטיק אַלע זיינע ווידערשפּרוכן, וואָס וועלן אים שפּעטער אויפ־רייסן. דאָס זיינען יאָרן, ווען דעם קאַפּיטאַליזם ווערט שוין שטאַרק ענג אין זיינע הויפּט־מעטראָפּאָליעס, און ער זוכט זיך אויסצושפּרייטן דורך פאַרכאַפּן נייע לענדער און ווירקונגס־ספערן. עס ווערט ענד־גילטיק פאַנאַנדערגעטיילט די וועלט, און דער שאָטן פון הער־שאַפט פונם „ווייסן מענטשן" פאַלט אויף אַלע לענדער און קאָנטינענטן. דאָס אוראַלטע כינע ווערט אַריינגעצויגן אין די ציין־רעדער פון אויס־נוצונג פון וועלט־קאַפּיטאַליזם. דער „שוואַרצער קאָנטינענט", אַפריקע, ווערט פאַנאַנדערגעכאַפּט ביזן לעצטן שטיק ווילדן דזשאָנגל און זאַמד־מדבר. דאָס זעלבע — אַלע אינזלען אויף אַלע זיבן ימען, — צי אונ־טער דער הייסער עקוואַטאָר־זון, צי אין די פּראָסטיקע אייז־מדבריות פון חדשים־לאַנגער נאַכט.

אָט דער דראַנג זיך אויסצושפּרייטן און צו פאַרכאַפּן נייע לענדער, דער אימפּעריאַליזם, ווערט יענע הויפּט טרייב־קראַפט פונם קאַפּיטאַ־ליזם, וועלכע דערהאַלט אים ביי די כוחות. אָבער איינגיכן איז שוין מער גאָרנישט פאַרבליבן צום פאַרכאַפּן און פאַרטיילן, און עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז אין זייער ווייטערדיקן געיעג אויסצושפּרייטן זיך מוזן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות קומען אַלץ מער איינע די אַנדערע אין וועג, און אַז יעדע פון זיי באַזונדער וועט שטרעבן אָפּצורייניקן פאַר זיך דעם וועג מיט כוח. עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דער אימ־פּעריאַליזם קאָן לעבן בלויז אין פינצטערן שאָטן פון מיליטאַריזם, און אַז זיי ביידע צוזאַמען פירן די וועלט צו בלוטיקע צוזאַמענשטויסן, צו אויפרייסן און פעלקער־שחיטות. און דער ערשטער מאַי יום־טוב ווערט זייער גיך פיל מער ווי אַ דעמאָנסטראַציע פון איינִיקייט, פיל מער ווי אַ פּרוּוו צו צונויפצונעמען אַלע כוחות פון די אַרבעטער פאַרן קאַמף קעגן אויסנוצונג און פאַר אַ קירצערן אַרבעטס־טאָג. דער יום־טוב ווערט אָנגעגליט מיט פּראָטעסט פון מיליאָנען אַרבעטער אין גאָר דער וועלט קעגן אימפּעריאַליזם, קעגן מיליטאַריזם, קעגן מלחמות. אינם צעשטורעמטן רויט פון די מאַי־פענער האָט מיט יעדן יאָר אַלץ מער געפלאַטערט די אייביקע בענקשאַפט פון דער מענטשהייט צום פרידן, צו זוניקער פעלקער־פריינטשאַפט.

די יוגנט־יאָרן פונם ערשטן מאַי־יום־טוב זיינען אויך געווען יאָרן, ווען אַזעלכע פאַרבליבענע פעסטונגען פון פעאָדאַליזם, ווי דאָס

דעספאָטישע צאַרישע רוסלאַנד, האָבן אַרויסגעשפּרייזט אויפן וועג פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, און עס איז דאָרטן אויסגעוואַקסן אַ מעכטיקער אַרבעטער־קלאַס מיט אַן אינסטינקטיוון געפיל פון איי־גענער קראַפט און ברויזנדיקן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט. אין באַדינגונגען פון דעספּאָטישער זעלבסטהערשאַפט איז דאָס פייערן דעם ערשטן מאַי געווען פאַרבונדן מיט אַ פלאַמיקן רוף צו פרייהייט און מיט בלוטיקע דעמאָנסטראַציעס. פאַר די דורך דער דעספּאָטיע פאַר־שקלאַפטע מאַסן איז דער יום־טוב ערשטער מאַי דערשיינען ווי אַ בשורה־טרעגער פון פרייהייט און ווי אַ טאָג פון קאַמף פאַר איר. פאַר די יידישע אַרבעטער אין אַמאָליקן ליטע, פוילן און רוסלאַנד זיי־נען די פייערונגען פון ערשטן מאַי געוואָרן הייליקע קאַמפּס־טעג.

פרידן, פרייהייט און ברידערלעכקייט זיינען ביסלעכוויז געוואָרן דער הויפּט־אינהאַלט פון די ערשטע מאַי־פייערונגען, און זיי האָבן פאַרוואַנדלט דעם טאָג פון ערשטן מאַי אין אַ קאַמף פון דערהויבונג און גלויבן.

די אידייע פון ברידערלעכקייט האָט באַגייסטערט מיליאָנען מאַסן אין די יום־טוב־טעג, אָבער זי האָט נישט פאַרהיט די וועלט פון דער ערשטער וועלט־שחיטה. אין 1914 האָבן די אימפּעריאַליסטישע קעגנ־זאַצן, ווי דער סאָציאַליזם האָט דאָס פאַרויסגעזאָגט, טאַקע אויפגע־ריסן די וועלט. אָבער דער קאַפּיטאַליזם, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז בלויז געווען אימשטאַנד צו לאָזן פריי די פאַרניכטנ־דיקע בעסטיע פון קריג, אָבער ער האָט נישט געהאַט גענוג כוח דערנאָך צו פאַרהיילן זיינע אייגענע וואונדן פון קריג. דעספּאָטיעס האָבן גע־קראַכט, קרוינען האָבן זיך געוואַלגערט אין שטויב. איבער דער וועלט האָט זיך אין 1917 גענומען טראָגן אַן אָפּפרישנדיקער שטורעם, און די אידייען פון ערשטן מאַי האָבן געקראָגן נייעם גלאַנץ און אָנגעצונדן נייע האָפענונגען. אין געווירבל פון רעוואָלוציע און קאָנטער־רעוואָלוציע, אין חושך פון קריזיסן און אַרבעטסלאָזיקייט, צווישן די ווילדע אומ־זיניקייטן פון אַ וועלט מיט שפּייכלערס איבערגעפולטע מיט כל־טוב, וועלכע קאָן נישט פאַרזיכערן די מענטשן אַ טרוקענעם שטיקל ברויט און אַ דאַך איבערן קאָפּ, — האָבן די אידייען פונם ערשטן מאַי גע־קראָגן נייעם אימפּעט און קראַפט. דער וויטער סאָציאַליסטישער אי־דעאַל איז געוואָרן מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. קאַמפּס־רופן פאַר אַרבעטער־מאַכט, פאַר סאָציאַליזם האָבן דעם ערשטן מאַי פאַרהילכט די פריליגנדיקע לופט פון אַלע גרעסטע שטעט פון דער וועלט. די אידייען פון ערשטן מאַי זיינען געוואָרן דער גלויבן פון מיליאָנען. אין אַ ריי לענדער איז דער סאָציאַליסטישער ערשטער מאַי געוואָרן

אַן אַנערקענטער מלוכה־יום־טוב. פֿון איין עק װעלט ביזן צווייטן האָבן פֿענער צו פֿענער אין דעם טאָג געגריסט, און פֿענער מיט פֿענער האָבן זיך איבערגערופֿן: די פֿרייד פֿון ברידערשאַפֿט, פֿון גלויבן אין אַ נייער מענטשלעכקייט און אין אייביקן פֿרידן, דער דורשט נאָך פֿרייהייט און סאָציאַליזם האָבן אויפֿגעשטורעמט אין אָט דעם טאָג הערצער פֿון פֿיל צענטליקער מיליאָן.

***

צעטראָטן און באַשפּיגן ליגן היינט די ליכטיקסטע טרוימען פֿון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט, אָפּגעפּליקט די איידלסטע מאַי־בלי־אונגען.

אָנשטאָט פֿרייהייט — פֿאַשיסטישע שקלאַפֿערײַ, אָנשטאָט ברידער־לעכקייט — פֿאַרכליניעט זיך די מענטשהייט אין פֿינצטערן האַס, אָנ־שטאָט מענטשלעכקייט — גרויזאַמקייט, װעלכע די ווילדסטע פֿאַנטאַזיע וואָלט זיך נישט געקאָנט אויסמאָלן, אָנשטאָט אַ סוף פֿון מיליטאַריזם — מוז היינט די מי און פֿראַצע פֿון פֿאַרגאַנגענע דורות און די פֿאַר־שטייענדיקע האַרעוואַניע פֿון די צוקונפֿטיקע דורות פֿאַרווענדט ווערן אויף שאַפֿן וואָס מער טויט־אינסטרומענטן; און לסוף, אָנשטאָט איי־ביקן פֿרידן אָדער „קיינמאָל מער נישט קריג״! — אַ נייע שוידער־לעכע וועלט־שחיטה.

די מלחמה בושעוועט היינט איבער גאָר דער וועלט. אירע פֿלאַמען האָבן פֿאַרכאַפּט אַלע קאָנטינענטן. דער טויט שנײַדט היינט זײַן זאַטן שניט אויף די אומענדלעכע פֿליינען פֿונם ראַטן־פֿאַרבאַנד, אין די טראָ־פּישע דזשונגלען פֿון די פֿיליפּינען און בורמאַ, אין די אַרקטישע שנייען פֿון מורמאַנסק און קאַרעליע און אין די זאַמדיקע וויסטענישן פֿון אַפֿרי־קע, דער קריג רעגנט מיט פֿײַער און חורבן פֿון אַלע הימלען און לויערט מיט פֿאַרניכטונג פֿון די טיפֿענישן פֿון אַלע ימען. נישטאָ פֿון אים קיין אַנטרינונג און באַהעלטעניש. ער גרייכט צו באַשיצטע באַפֿעסטיקונגען אויפֿן פֿראָנט און צו פֿרידלעכע היימען אין הינטער־לאַנד. ער רעגנט מיט טויט אויף אַלע וועגן, וועלכע זײַנען פֿאַרפֿלייצט מיט היימלאָזע. ער טרעפֿט אַלט און יונג, מענער און פֿרויען; ער ווישט אָפּ פֿון דער ערד בליענדיקע ישובים, פֿאַרניכטעט די שענסטע דערגרייכונגען פֿון מענטשלעכן גייסט און ציוויליזאַציע. און אין די פֿוס־טריט פֿון קריג גייען זײַנע טרייע באַגלייטער, הונגער און מגפֿה. אַנטרונענע פֿון פֿײַער ווערן דערשטיקט אין די קנאָכיקע אָרעמס פֿון הונגער אָדער פֿאַרצערט דורך פֿיבער פֿון מגפֿה.

צי קאָן מען ביי אַזאַ בילד פֿון דער וועלט איצטער רעדן וועגן

די אידייען פונם ערשטן מאַי? צי וואַלגערן זיך נישט אָט די אידייען הילפלאָז אויפן באָדן, צעמורשטשעט אונטער די טאַנק־רעדער פון דער שוידערלעכער צייט? אַזוי קאָן נישט איינער היינט פרעגן אין פאַר־לוירנקייט און פאַרצווייפלונג.

און עס מוז היינט זיין פאַר אַלעמען געגוג קלאָר, אַז אַזאַ פאַר־לוירנקייט און פאַרצווייפלונג איז נאָך מער אומגליק פאַר דער אַרבעטנ־דיקער מענטשהייט, ווי אַלע אומגליקן פון דער שוידערלעכער מלחמה. ווייל — אויב עס איז פאַרבליבן אַן אויסוועג און אַ רעטונג פאַר דער מענטשהייט, איז דאָס אויסשליסלעך אין די אידייען פונם ערשטן מאַי, וועלכע פאַרבלייבן היינט ווי געווען דער איינציקער קוואַל פון האָפענונג.

די אידייען פונם ערשטן מאַי זיינען נישט געשטאָרבן. דווקא אין ליכט פון די קריגס־פלאַמען קאָן מען בעסער זען, ווי אומשטערב־לעך זיי זיינען. זיי קאָנען טליען אונטערן אויבערפלאַך פון לעבן, ווי גרינקייט פון פרילינג אונטערן ווינטערדיקן שניי־צודעק; זיי קאָנען ווי פאַרחלשטע אָדלער־עופהלעך קוים באַוועגן מיט די פליגלען, אָבער זיי וועלן וואַקסן, לעבן און שפּראָצן און נאָך פירן די מענטשהייט אין די אָדלער־הויכן.

אינם געשיכטלעכן געראַנגל צווישן שקלאַפעריי און פרייהייט האָט שקלאַפעריי אָפּגעהאַלטן אַ צייטווייליקן נצחון. היטלער האָט פאַר־שקלאַפט דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּע און גרייט זיך צו פאַרשקלאַפן די גאַנצע וועלט. דער פאַשיזם, וואָס איז יאָרנלאַנג געכאַליעט און געהאָדעוועט געוואָרן דורך דער גאַנצער וועלט־רעאַקציע, ווי אַ בייטש אויפן אַרבעטער־קלאַס, האָט זיך דערשלאָגן צו דער מאַכט אין אַ ריי לענדער. דער קאַמף איז אָבער ווייט נישט פאַרשפּילט, דווקא פאַר־קערט: דער רוף צו קעמפן מיטן פאַשיזם האָט אין די לעצטע יאָרן פאַרן קריג אומאויפהערלעך אַראָפּגעלויכטן פון די פראָלעטאַרישע ערשטע מאַי־פענער; און אָט דער רוף איז שוין היינט נישט קיין ענין אויסשליסלעך פון די אַרבעטער. די מענטשהייט האָט דערקענט די ריכ־טיקע געשטאַלט פון פאַשיזם, און זי איז אין איר ריזיקער מערהייט אויפגעשוידערט געוואָרן. אונטער די פענער פון פרייהייט שטייען היינט הונדערטער מיליאָנען. היטלערס הלל־זינגער אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד מוזן זיך פאַרבאַהאַלטן אין די לעכער. דער קאַמף צווישן פרייהייט און פאַשיזם איז אַריינגעטראָטן אין אַזאַ פאַזע, אַז אויף דער זייט פון פרייהייט זיינען היינט אין די מעכטיקסטע לענדער פון דער וועלט די גרויסע פעלקער־מאַסן, און צו זיין דאָרטן קעגן די פריי־הייט־שטרעבונגען באַדייט — שווימען קעגן אַ מעכטיקן שטראָם אָדער

אפילו צו באַגיין אַן אָפענעם פאַרראַט. און אויב האַלבע אָדער גאַנצע פאַשיסטן פוצן זיך אין פעדערן פון פרייהייטס־קעמפער, באַווייזט דאָס אַז דער גלאַנץ פון די פרייהייטס־אידייען האָט זיך נישט בלויז נישט אָפּגעבליאַקעוועט, נאָר אַז די צוציאונגס־קראַפט פון די אידייען ווערט כסדר גרעסער, זייער ווירקונג טיפער.

און פונקט אַזוי פינקלט אין דעם חושך פון היינט מיט ליכט פון אייביקן אמת די אידייע וועגן אינטערנאַציאָנאַלער ברידערשאַפט פון אַלע אַרבעטער, — נישט געקוקט אויף די כוואַליעס פון האַס, וואָס בושעווען היינט אין דער וועלט. וואו געפינען זיך די אַלע, וואָס האָבן אונטערן רויך־שלייער פון פאַלשן פאַטריאָטיזם אין אַלע לענדער געהעצט קעגן די אָנהענגער פון אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל? זיי האָבן אין שפּאַניע פאַרקויפט דאָס לאַנד צו היטלערן און מוסאָליניז. זיי האָבן אין ענגלאַנד געהאָלפן באַוואָפענען היטלערן. זיי געהערן אין אַלע לענ־דער צו די פינפקאָלומניקעס, צו די שלאַנגען־נעסטן, פון וועלכע עס בריען זיך אויס אין מאָמענט פון געפאַר די פאַרשידענע קוויזלינגס. קיינ־מאָל איז נישט געווען אַזוי קלאָר ווי היינט, אַז דער קאַמף קעגן דער פּלאָג פון פאַשיזם מוז זיין אַן אַלמענטשלעכער און אינטערנאַציאָנאַלער, ווייל דער פאַשיזם אַליין איז אויך אַן אינטערנאַציאָנאַלע דערשיינונג. פון מאָמענט אָן, זינט די וועלט־רעאַקציע האָט מיט געמיינזאַמע כוחות דערשטיקט די פרייהייט פון שפּאַנישן פאָלק ביז די לעצטע וואָכן, ווען דער כהן־גדול פון נאַציאָנאַלן פאַרראַט, פּיער לאַוואַל, איז געוואָרן היטלערס פּרעמיער־מיניסטער אין פראַנקרייך, איז די גאַנצע געשיכטע פון די לעצטע יאָרן געווען אַ געשיכטע פון פאַרברידערונג צווישן אַלע קוויזלינגס, קאַגלינס, פראַנקאָס און לאַוואַלס. די דאָזיקע פאַקטן רעדן מיט מער איבערצייגונגס־קראַפט, ווי די קלינגענדיקסטע פראַזן, וועגן דער נויטיקייט פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג צווישן די אַרבעטער, וועלכע קעמפן קעגן דעם שוואַרצן אינטערנאַ־ציאָנאַל.

און אַ גאַנצע רייע חלומות פונם פראָלעטאַרישן ערשטן מאַי ציכענען זיך שוין היינט ווי וואָר פאַר דער מענטשהייט, אין סוף פון איר איצטיקן בלוטיקן וועג. דער קריג איז נישט אָנגעהויבן געוואָרן ווי אַ מלחמה קעגן אימפּעריאַליזם. פאַרקערט, אין טשעמבערלעינס ענגלאַנד, וועלכע האָט לייכט מוחל געווען היטלערן פאַרשידענע בעס־טיאַלישקייטן, האָט ערשט דעמאָלט געפּלאַצט דאָס געדולד, ווען היטלער האָט אָפן באַדראָט ענגלאַנדס אימפּעריאַלע מאַכט־פּאָזיציע. אָבער קריג איז נישט קיין מוזיקאַלישע סימפאָניע, וועלכע ווערט אויסגע־שפּילט לויט נאָטן. היינט מערקט זיך שוין אָן די פּערספּעקטיוו, אַז

פאַרענדיקן דעם קריג וועלן נישט יענע קרעפטן, וועלכע האָבן אים אָנגעהויבן. אין ענגלאַנד טרויען נישט די אַרבעטנדיקע מאַסן די פּאָליטיקער פון מינכענער שניט, און זיי דעראָבערן אַליין אַלץ אַ גרעסערע דעה אין דער מלוכה־פירונג בכלל און קריגס־פירונג בפרט. דער קריג קריגט אַלץ מער דעם כאַראַקטער פון אַ רעוואָלוציאָנערן קריג קעגן פאַשיזם, ער ווערט אַן אמתע פעלקער־מלחמה. אין קריג ווערן אַריינגעצויגן די קנאַפּע ביליאָניקע באַפעלקערונג פון כינע און אינדיע, אַלע קאָלאָניאַלע פעלקער פון נאָענטן און ווייטן מזרח, און עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז דער קריג קאָן נישט פירן צו איבערטיילן די וועלט, ער מוז פירן צו באַפרייען די וועלט. זיגן קאָן מען נאָר מיט דער הילף פון די הונדערטער מיליאָנען — נאָך היינט האַלב רעכטלאָזע פעלקער פון אַזיע און אַפריקע, אויב זיי וועלן זיך באַטייליקן אין קריג אין די רייען פון די פאַראייניקטע נאַציעס, ווי גלייכע צווישן גלייכע און אויב זיי וועלן זיין איבערצייגט, אַז דער קריג איז אויך זייער באַפרייאונגס־קריג. און פון היינטער די בלוטיקע נעפּלען פון קריג מאָלט זיך שוין טאַקע היינט פאַר די פעלקער אַ נייע וועלט — אַ וועלט וואו עס וועלן נישט זיין קיין פעלקער פון ערשטער און צווייטער מדרגה, — אַ וועלט אָן אימפּעריאַליזם און אונטערדריקונג.

און די שטראָמען בלוט, וואָס פליסן היינט אַזוי ברייט אויף דער וועלט, האָבן נישט געקאָנט פאַרלעשן דעם פייער פון בענקשאַפט נאָך אייביקן פרידן, וואָס ברענט אין די הערצער פון מיליאָנען אַרבעטנדיקע. דער פאַשיזם האָט צווישן זיינע אָנהענגער פאַרפלאַנצט אַ קולט פאַר קריג, ער האָט אויסגעהאָדעוועט דורות, וואָס קאָנען פאַרשיכורט ווערן פון צעשטערונגען, באַרוישט ווערן פון דער „פּאָעזיע" פון טויט. דער „פּאָעזיע" פון צעשטערונג מוז אַנטקעגנגעשטעלט ווערן דער ליכטיקער טרוים פון פרידן. אָבער נישט ווי אַ בין־השמשות־טרוים פון שטיל פאַרבענקטע נשמות, וואָס באַצירן זיך די גרויע טונקלקייט מיט כישוף־מעשהלעך וועגן בלויע פאַרטאָגן. דערגרייכן דעם טרוים פון אייביקן פרידן קאָן מען דורך פיבער און פלאַטער, דורך שטייגן און פאַלן, דורך קרבנות און טויט. עס איז ווייניק בענקען נאָכן פרידן, מען דאַרף האַסן דעם קריג, האַסן די פאַרברעכער, וואָס האָבן געבראַכט דער וועלט דעם אומגליק פון קריג; האַסן — און פירן קעגן זיי אַ מלחמה אויף לעבן און טויט, ביז פאַרניכטונג. מלחמה דעם פאַשיזם, דאָס איז דעריבער דער איינציקער וועג צום פרידן. און מלחמה קעגן דעם פאַשיזם געפינט זיך נישט בלויז נישט אין ווידערשפּרוך מיט די פרידלעכע מאַיאַנע פרידנס־חלומות פון די אַרבעטער, נאָר דאָס איז דער איינציקער וועג זיי צו פאַרווירקלעכן.

דער קריג קעגן פאַשיזם איז אַ פעלקער־קריג. אָבער צווישן די ברייטע פעלקער־מאַסן איז אומעטום נישטאָ נאָך אַזאַ שיכט פון פאָלק, וועלכער זאָל אַזוי בלוטיק זיין פאַראינטערעסירט אין דער פאַרניכטונג פון פאַשיזם, ווי די אַרבעטער. נישט די נעכטיקע און מאָרגעדיקע „אַפּיזערס" קאָנען פירן די פעלקער אין קאַמף פאַר פאַרניכטן די שוואַרצע היטלער־מיקאַדאָ־געפאַר, וואָס באַדראָט די וועלט; נישט די טראַסט־מאַגנאַטן, וועמען די דייטשע „פאַרבן־געזעלשאַפט" איז נאָך היינט אַמאָל נענטער ווי די אייגענע נייװוי, — וועלן קענען אָרגאַניזירן דעם זיג; פירן די מלחמה און אָרגאַניזירן דעם זיג איז אומעטום קודם כל די זאַך פון די אַרבעטער־מאַסן.

און די וועלט גייט אויף אָט דעם וועג. אין ענגלאַנד קריגן די סאָציאַליסטישע אַרבעטער אַלץ אַ גרעסערן איינפלוס. אין אַ ריי לענדער פון איראָפּע פירן ברייטע פעלקער־מאַסן אַ העראָאישן קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן, באַזעלט דורך סאָציאַליסטישן גלויבן. דער העראָאישער ביישפּיל פון ראַטן־פאַרבאַנד צינדט אָן פיל טויזנטער הערצער מיט פלאַמען פון בונט און רעוואָלט, דער אָטעם פון סאָציאַליזם, וואָס האָט הייס געמאַכט די לופט אין די שטורמישע יאָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג, גליט איצט ווידער אין הערצער. צווישן די פראַנצייזישע אַרבעטער דערוואַכט אַלץ מער דער אַמאָליקער גייסט פון באַריקאַדן־פאָלק. עס קעמפן העלדיש די סאָציאַליסטישע אַרבעטער אין נאָרוועגיע. אין די געטאָס פון פוילן גליט אַ הייליקער פייער פון סאָציאַליסטישער אמונה און גיט מוט און אויסדויער. אומעטום פלאַקערט דער קאַמף, אָנפילנדיק הערצער מיט הייליקן גלויבן, אַז פון קריג מוז די וועלט אַרויס אַ באַנייטע, אַז פון בלוט און פייער וועט געבוירן ווערן אַ וועלט פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, וואו די אידעאַלן פון פרידן, פרייהייט און ברידערלעכקייט, פון פעלקער־פריינטשאַפט און אַלגעמיינעם גליק וועלן זיין דער יסוד פון לעבן.

און אין דעם איז דער געשיכטלעכער זין פון דעם טראַגישן גע־ראַנגל פון אונזער צייט: היטלער האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרשוועכן און דערטרינקען אין בלוט דעם סאָציאַליסטישן אינהאַלט פון ערשטן מאַי. די אידייען פונם ערשטן מאַי זיינען אָבער פלאַמיקער ווי די פלאַקער־פייערן פון די קריגס־שרפות, באַפליגלטער ווי די שטאָלענע מאָרד־פייגל און שטאַרקער ווי דער טויט. און זיי וועלן זיגן.

(„גערעכטיקייט", מאַי 1942)

ה. וועלס — דער דיכטער, טרוימער און סאָציאַליסטישער פּרעדיקער

דעם 13טן אויגוסט איז אין לאָנדאָן, אין עלטער פון 79 יאָר, געשטאָרבן דער וועלט־באַרימטער ענגלישער שריפטשטעלער הערבערט דזשאָרדזש וועלס. מיט זיין טויט איז אַוועק פון דער וועלט נישט בלויז איינע פון די גייסטרייכסטע פּערזענלעכקייטן פון אונזער דור; עס איז אַוועק אַ מענטש, וואָס האָט אומגעהויערע פאַרדינסטן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון די סאָציאַליסטישע אידייען, און וועמענס שרייבן האָט מיליאָנען לייענער זיינע אָנגערעגט צו פאַרטיפן זיך אין פּראָבלעמען פון גערעכטיקייט אויף דער וועלט און פון באַנייאונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. הערבערט וועלס איז געווען געבענטשט פון דער נאַטור מיט אַ גרויסן שריפטשטעלערישן טאַלאַנט און אַ וואונדערלעכער דיכטערישער פאַנטאַזיע. אָבער זיינע גרויסע באַגאַבונגען האָבן אים קיינמאָל נישט געבראַכט צום נסיון, ווי דאָס איז אָפט דער פאַל מיט קינסטלער, צו פּרוּוון אָפּצוזונדערן זיך פון דער וועלט אין זיין אייגענעם „העלפאַנט־ביין־טורעם", וואוהין עס זאָל נישט דורכגיין דער גערויש פון „וואָכעדיקן" קאַמף פון די אויסגענוצטע פאַר אַ בעסער לעבן.

הערבערט וועלס האָט אויסער טאַלאַנט און פאַנטאַזיע פאַרמאָגט נאָך אַן אומרואיק זוכערישן גייסט, אַ ליידנשאַפטלעכן קאַמפּס־טעמפּעראַמענט און אַ טיפן חוש פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז דער גרויסער דיכטער איז כמעט תמיד אַרויסגעטרעטן אויך אין דער ראָל פון אַ פּרעדיקער. דאָס האָט נישט פאַרמינערט דעם קינסטלערישן ווערט פון זיין שאַפן, נאָר, פאַרקערט, דווקא די הויכע סאָציאַלע טעמפּעראַטור פון וועלסעס שאַפן האָט שטאַרק צוגעהאָלפן, אַז דער שרייבער זאָל איבערלאָזן טיפע שפּורן אין די מוחות און הערצער פון אַ פּאָר דורות.

הערבערט וועלס האָט געשטאַמט פון אַ קליין־בירגערלעכער משפחה פון קענט, ענגלאַנד. זיין פאָטער האָט קוים געמאַכט אַ לעבן פון כל־ערליי באַשעפטיקונגען: גערטנעריי, אַ קליין קרעמל א. אַנד.; זיין מוטער איז געווען אַ טאָכטער פון אַ שענק־אייגנטימער. פון הער־

בערטן גופא האָבן די עלטערן געוואָלט מאַכן אַ געשעפטסמאַן, און גאָר יונג האָט ער שוין געאַרבעט אַלס לערן־ייִנגל אין אַ געשעפט. אָבער דעם קליינעם הערבערטן האָט געצויגן צו שטודירן, און אַ דאַנק זיינע גלענצנדיקע פעאיקייטן האָט ער זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צו אומזיסטער בילדונג. אָבער הערבערט וועלס איז אויף שטענדיק פאַרבליבן דער זון פון פשוטן פאָלק, וואָס האָט אויף די העכסטע שטאַפּלען פון דערפאָלג געווייטיקט מיט די נויטן פון ברייטע מאַסן ליידנדיקע און אויסגענוצטע. גאָר פרי איז הערבערט וועלס געוואָרן אַ סאָציאַליסט. אַלס סאָציאַליסט איז ער יאָרן־לאַנג געווען פאַרבונדן מיט די אַזוי גערופענע „פאַביאַנער", און ער איז געוואָרן איינער פון די קאָליר־פולסטע פאַרשטייער פון דער „פאַביאַנער געזעלשאַפט" און פון „פאַביאַנישן סאָציאַליזם". וועלס׳עס פראָפּאַגאַנדיסטישע טעטיקייט האָט זיך אַזוי צונויפגעפלאָכטן מיט דער טעטיקייט פון די פאַביאַנער, אַז עס איז שווער צו רעדן וועגן וועלסן אַלס פרעדיקער פון סאָציאַליזם און נישט אָפּשטעלן זיך אויף דער טעטיקייט פון אָט דער אינטערעסאַנטער גרופּע אינם ענגלישן סאָציאַליזם.

די פאַביאַנער

די פאַביאַנער זיינען ביז היינט צו טאָג איינער פון די באַשטאַנדטיילן פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי. זיי זיינען אָבער פיל עלטער פון דער לייבאָר־פּאַרטיי גופא. די פאַביאַנער געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין 1883, אַרום אַ צענטליק יאָרן פאַרן אַנטשטיין פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. געשיכטלעך האָבן די פאַביאַנער געהאַט אַ ריזיקן איינפלוס אויף אויסבילדן די אידעאָלאָגיע פון דער לייבאָר־פּאַרטיי און זיי האָבן געהאָלפן געשטאַלטן דעם פּנים פון ענגלישן סאָציאַליזם בכלל.

ענגלאַנד פון העכער 60 יאָר צוריק, — אין דער צייט פון דער אַנטשטייאונג פון דער פאַביאַנער געזעלשאַפט, — האָט מיט זיך געזעלשאַפטלעך פאָרגעשטעלט אַן אייגנאַרטיק בילד. די שרעקלעכע אויסנוצונג פון די ענגלישע אַרבעטער האָט געשטויסן די אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך און צו קעמפן פאַר פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען. אָבער אָט דער קאַמף האָט נישט פאַרמאָגט קיין שום אידייאישן אויסבליק. פּאָליטיש האָבן פאַר דער מאַכט אין ענגלאַנד געקעמפט די צוויי גרויסע פּאַרטייען פון ענגלישן בירגערטום, — די קאָנסערוואַטיסטן און ליבעראַלן. אידייען פון פולער אויסלייזונג דורך סאָציאַליזם האָבן געשוועבט אין דער לופטן, אָבער זיך נאָך נישט פאַרוואָרצלט גראָד אינם קלאַס, וואָס דאַרף דעם סאָציאַליזם פאַר־

ווירקלעכן, — צווישן די אַרבעטער. פאַנטאַזיאָרן צווישן דער אינטע־ליגענץ האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אידייען פון פולער סאָציאַלער גלייכהייט. אָט די חלומות האָבן אין ענגלאַנד אין פאַרשידענע צייטן פריער אָנגענומען די פאַרשידנסטע פאָרמען. עס האָט אַמאָל (מיט קנאַפּע הונדערט יאָר פריער) שוין עקזיסטירט אַ חלום וועגן אַ נייער געזעלשאַפט ערגעץ־וואו אויף אַן אינזל וואָס הייסט „אוטאָפּיע", לויט טאָמאַס מאָר, דערפון נעמט זיך די שפּעטערדיקע באַצייכענונג „אוטאָפּישער סאָציאַליזם". עס איז מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פאַר די פאַביאַנער געווען טעטיק אין ענגלאַנד איינער פון די וויכטיקסטע פאַרשטייער פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם, וואָס האָט געהאַט זיין פּלאַן צו אָרגאַניזירן סאָציאַליסטישע קאָלעקטיוון („פאַלאַנסטערס"). אָט די אַלע פריערדיקע פאַנטאַזיעס און שטרעבונגען האָבן באַווירקט די בעסטע פאַרשטייער פון דער ענגלישער אינטעליגענץ. די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זיינען אין דעם פּרט אין ענגלאַנד געווען אַנט־שיידנדיקע. די נויט פון די מאַסן איז געוואָרן צו טרויעריק אויפן פאָן פון אומגעהויערן וואוקס און באַרייכערונג פון דער ענגלישער אימפּע־ריע און די סאָציאַליסטישע אידייען האָבן געטראָפן אַלץ אַ רייפערן באָדן אין די בעסטע טיילן פון דער ענגלישער אינטעליגענץ. אָבער קיין אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז דעמאָלט אין ענג־לאַנד נישט געווען. אמת, נאָך אין 1881 איז דורך אַ נאָכפאָלגער פון מאַרקסן, הינדמאַן, געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן אַ „סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדעראַציע", אָבער זי האָט נישט געוואונען קיין שום איינפלוס. קאַרל מאַרקס אַליין, וואָס האָט זיינע פּראָדוקטיווע שאַפונגס־יאָרן פאַרבראַכט אין ענגלאַנד, איז ביזן סוף פון זיין לעבן פאַרבליבן דאָרטן אַן „עמיגראַנט", וואָס האָט נישט געהאַט קיין צוטריט צום געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ענגלאַנד גופא.

אין מערץ 1883 איז מאַרקס געשטאָרבן אין לאָנדאָן, באַגלייט צו זיין אייביקער רו דורך אַ קליין הייפל נאָכפאָלגער און פריינט. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז אין לאָנדאָן, דורך מענטשן וועלכע האָבן מאַרקסן נישט געקאָנט און פון זיינע לערעס נישט געהאַלטן, געגרינדעט געוואָרן די פאַביאַנער געזעלשאַפט, וואָס האָט דורך יאָרן דערנאָך געפורעמט דעם אייגנאַרטיקן פּנים פונם ענגלישן סאָציאַליזם.

די פאַביאַנער געזעלשאַפט האָט זיך געגרינדעט נישט ווי אַ פּאַרטיי און זי האָט קיין מאָל נישט געשטרעבט צו ווערן אַ פּאַרטיי. דאָס איז געווען אַ פאַרבינדונג פון אַ גרופּע שרייבער, גייסטיקע אַרבעטער, מיטעלע באַאַמטע א. אַנד. מיטן ציל צו פאַרשפּרייטן זייערע געמיינ־זאַמע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. די גרינדער פון דער געזעלשאַפט

זיינען געווען פּאָדמאָר, פּיז, דאַווידסאָן א. אַנד.. אין 1884 שליסט זיך אָן אין דער געזעלשאַפט בערנאַרד שאָו, וועלכער ווערט גלייך די צענטראַלע פיגור צווישן די פאַביאַנער. שפּעטער קומען צו ה. וועלס, ביטריס און סידני וועב, ראַמזיי מאַקדאָנאַלד, קעי האַרדי, הענדערסאָן, סנאודען און פיל אַנדערע, וועלכע האָבן דערנאָך פאַרנומען פירנדיקע פּאָזיציעס און געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָל אין ענגלישן געזעלשאַפט-לעכן לעבן.

דער וויכטיקסטער אני-מאמין פון די פאַביאַנער איז אויסגעדריקט אין נאָמען גופא. די געזעלשאַפט האָט זיך אַ נאָמען געגעבן לויטן רוימישן געשיכטלעכן העלד פאַביוס קונקטאַטאָר, וואָס האָט 21 יאָר-הונדערטער פאַר דער גרינדונג פון דער געזעלשאַפט געוואונען אַ געפערלעכן קריג פון רוים מיט די קאַרטאַגענער אונטער זייער שטורמישן פירער האַניבאַל, דורך אויסמיידן אַן אַנטשיידנדיקע שלאַכט און אויסמאַטערנדיק דעם קעגנער דורך רייסן פון אים שטיקערווייז. די פאַביאַנער האָבן געהאַלטן, אַז אויך די געזעלשאַפטלעכע שלאַכט פאַר אַ נייער וועלט פאָדערט קודם כל פיל געדולד, אויסדויער און פאַר-זיכטיקייט. די וועלט קאָן מען אויסבעסערן נישט דורך אַ שטורמישן אַנגריף, נישט דורך רעוואָלוציע, נאָר דורך איינציקע רעפאָרמען, וועל-כע דאַרפן שריט נאָך שריט מאַכן דאָס לעבן בעסער. אויף אַזאַ אופן זיינען די פאַביאַנער די ערשטע פאָרגייער פון דער אידייאישער שטרעמונג אין סאָציאַליזם, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען רע-פאָרמיזם.

לכתחילה האָבן די פאַביאַנער אפילו נישט גערעדט דייטלעך וועגן סאָציאַליזם. אין זייער ערשטער פאָרמולירונג פון זייערע צילן רעדן זיי וועגן איבערבויען די געזעלשאַפט אין הסכם מיט די „העכסטע מאָראַלישע מעגלעכקייטן". אָבער אַלע אַרויסטרעטונגען פון די פאַ-ביאַנער זיינען אַדורכגעדרונגען מיט מאָראַל פון סאָציאַליזם. אין 1884 פאַרעפנטלעכן זיי אַ דערקלערונג, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ הימן צו פרייהייט („שטענדיק אין דיין אויג, אָ, פרייהייט, שיינט דאָס הויכע ליכט, צו וועלכן מיר האָבן צוטרוי, — אפילו ווען דער וועג גייט דורך שחיטה-פעלדער"). די דעקלאַראַציע רעדט שאַרף וועגן דער מענטש-לעכער „פליכט צו לעבן פון אַרבעט", און וועגן דעם, אַז מען טאָר נישט געניסן פון „וואוילשטאַנד אין אומכבוד". אין 1887 פאַרעפנטלעכן שוין די פאַביאַנער זייערע אַ דערקלערונג, אין וועלכער עס ווערט אין סאַמע ערשטן פונקט געזאָגט קליפּ-און-קלאָר: „די פאַביאַנער זיי-נען סאָציאַליסטן". די זעלבע דערקלערונג זאָגט זיך אַרויס קעגן פריי-וואַט אייגנטום אויף ערד און פאַר סאָציאַליזירן דערביי אויך דעם

אַנטשפּרעכנדיקן טייל וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער לאַנדווירטשאַפֿט, פֿון אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל „אָן אַנטשעדיקונג לויט דעם ווערט", אָבער „אויסמיידנדיק דערבײַ אַ סאָציאַלע נויטלאַגע פֿאַר די אַנטאַייגנטע". דערבײַ ווערט אין דער דערקלערונג אונטערגעשטראָכן, אַז דער אָנגעמערקטער ציל וועט דערגרייכט ווערן מיט מיטלען פֿון פּראָפּאַגאַנדע, דורך וועלכער מען דאַרף שטויסן די געזעלשאַפֿט צו סאָציאַליסטישע אויספֿירן.

די פֿאַביאַנער האָבן זיך מיט גרויס אייפֿער גענומען צום אָנגעמערקטן ציל — פּראָפּאַגאַנדע. קליין אין צאָל (די מיטגלידערשאַפֿט פֿון דער פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט האָט אין די ערשטע פּאָר צענטליק יאָר קיינמאָל נישט איבערגעשטיגן 1,000), זײַנען זיי געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט פֿון גרויסע גייסטיקע כוחות. די „פֿאַביאַנישע טראַקטאַטן", וועלכע האָבן גענומען סיסטעמאַטיש דערשײַנען, האָבן געצוואונגען די לייענער צו פֿאַרטראַכטן זיך איבער סאָציאַלע פּראָבלעמען, געשפּרייט אומרו און געשטויסן צו זוכן נײַע פֿאָרמען פֿון געזעלשאַפֿטלעכן צוזאַמענלעבן.

איינער פֿון די וויכטיקסטע פּרינציפּן וואָס די פֿאַביאַנער האָבן געפּרעדיקט איז דער אַזוי גערופֿענער מוניציפּאַלער סאָציאַליזם. אין זייער פּראָפּאַגאַנדע רעדן די פֿאַביאַנער זייער פֿיל וועגן דער נויטיקייט צו שאַפֿן סאָציאַליסטישע פֿאַקטן. און זיי האָבן זיך דעריבער באַמיט אַרײַנפֿירן אייגענע מענטשן אין די מוניציפּאַליטעטן. אין 1894 איז דאָס זיי געלונגען. הערבערט וועלס איז דעמאָלט געוואָרן פֿאָרזיצער פֿון דער שול־פֿאַרוואַלטונג בײַ דעם לאָנדאָנער מוניציפּאַליטעט. פֿון זײַן אַרבעט אַלס סאָציאַלער רעפֿאָרמער האָט ער קיין גרויס נחת נישט געהאַט. אין יאָרצענדליק 1894־1904 איז מיטן אַקטיוון אָנטייל פֿון די פֿאַביאַנער אין לאָנדאָן פֿאַרשטאַטלעכט געוואָרן דאָס שעכט־הויז, אַ טייל פֿון שטאָטישן טראַנספּאָרט, מען האָט אײַנגעפֿירט אַ קאָנטראָל איבער מילך. אָבער אַפֿילו די מחברים פֿון די פֿאַביאַנישע טראַקטאַטן גופֿא האָבן נאָך דעם ביסל קליינע רעפֿאָרמען געקאָנט דערפֿילן, אַז זיי זײַנען נאָך כמעט אַלץ אַזוי ווייט פֿון סאָציאַליסטישן אידעאַל ווי ביז די רעפֿאָרמען.

מען דאַרף גלויבן, אַז וועלסעס נישט גליקלעכע מוניציפּאַלע דערפֿאַרונג ליגט אין הינטערגרונט פֿון דעם קאָנפֿליקט, וואָס וועלס האָט אין די יאָרן 1906־1908 געהאַט מיט דער הויפּט־אָנפֿירונג פֿון דער פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט. דער היסטאָריקער פֿון דער פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט, עדוואַרד פּיז, שילדערט אין אַ קאַפּיטל, געווידמעט דעם קאָנפֿליקט, די גאַנצע פּאַסירונג אַלס אַ רייסעניש אַרום קליינִיקייטן. אָבער אַז מען לייענט אויפֿמערקזאַם דאָס וואָס עס שרייבט פּיז גופֿא, וועלכער

האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע קעגן וועלסן, זעט מען, אַז אַלע קלייניקייטן דרייען זיך אַרום איין עיקרדיקן גרונט־פּראָבלעם: עס גייט שוין גאָרנישט וועגן אַ קלייניקייט, נעמלעך — וועגן אַ פּרואוו פון וועלסן צו באַוועגן די פּאַביאַנער דורכצופירן אַ רעוויזיע פון זייערע אַ גרונט־איינשטעלונג: די פּאַביאַנער טענהן, אַז דער הויפּט־ציל איז מאַכן סאָציאַליזם דורך פאַרברענגען סאָציאַליסטישע פּרינציפּן אין מוניציפּאַלער טעטיקייט. וועלס רוקט אַרויס אַ נייע לאָזונג: „מאַכן סאָציאַליסטן”. ער שטרעבט צו פאַרוואַנדלען די פּאַביאַנער געזעלשאַפט אין אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי מיטן פּנים צו די אַרבעטנדיקע מאַסן. וועלס וואָגט דעמאָלט אפילו צו באַשטרייטן איינעם פון די הויפּט־יסודות פון פּאַביאַניזם. אין זיין פּאָלעמישן טראַקטאַט „דהי פאָלט אָוו דהי פּאַביאַנס” דערמאָנט ער, אַז דער רוימער פּאַביוס, נאָך וועלכן די געזעלשאַפט איז אַ נאָמען, האָט בלויז בייגעטראָגן צום זיג איבער די רוימער. עס האָט דערנאָך געמוזט קומען סציפּיאָן און צעשטערן קאַרטאַגאָ, כדי רום זאָל בלייבן די זיגערין. וועלס, וועלכער האָט אין פיל פאַלן אַרויסגעוויזן גרויס ווייטזיכט, האָט קאָנטיק אין יענע יאָרן שוין דערשפּירט, אַז עס קומט די צייט פאַר אַ סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד. די פּאַביאַנער האָבן נישט נאָכגעהאַלטן וועלסעס שפּאַן פאַראויס. די באַוועגונג איז געשאַפן געוואָרן אויף אַן אַנדער וועג...

די אויסגערעכנטע גרונט־איינשטעלונגען זיינען בלויז אַ טייל פונם אידעאישן באַגאַזש פון די פּאַביאַנער. די פּאַביאַנער האָט אָבער אפשר וויכטיקער געבונדן דער געמיינזאַמער צוגאַנג צו סאָציאַלע פּראָבלעמען. די פּאַביאַנער האָבן שטענדיק אונטערגעשטראָכן די נויטיקייט פון „פרייהייט פון געדאַנק”, און במילא זיינען קיין פּראָגראַם־פּרינציפּן נישט געווען קיין מוז־זאַך פאַר יעדן איינציקן פּאַביאַנער. נאָך וויכטיקער ווי פּראָגראַם־פּרינציפּן איז פאַר די פּאַביאַנער שטענדיק געווען די פּראָבלעם פון אַ נייער מאָראַל. די עסייען, טראַקטאַטן און לעקציעס פון די פּאַביאַנער רוקן אַרויס אויף איינעם פון די ערשטע פּלעצער די פּראָבלעמען פון מאָראַל. דער גלויבן אין אַ באַנייטער מאָראַל האָט אפילו געפירט צום אַרויסרוקן אַ געוויסע צייט די פאָרמולע פון „ענדערונג דורך הסכם” („טשעינדזשעס ביי קאָנסענט”), און צו אַ דערקלערונג, אַז „די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם דאַרף באַזייטיקט ווערן נישט דורך אַ רעוואָלוציע אָדער דורך אַ פּאַרלאַמענטאַרישער מערהייט”, נאָר „דורך אַן ענדערונג אין די הערצער”. ווי נאַאיוו עס זאָל נישט קלינגען אָט די פאָרמולע, וועלכע זאָגט זיך אָפּ נישט נאָר פון אַ רעוואָלוציע נאָר אפילו פון קאַמף פאַר אַ פּאַרלאַמענטאַרישער מערהייט, און איז גרייט צו וואַרטן אויף אַן „ענדערונג

אין די הערצער״, וועלכע וועט ווען עס איז קומען, — באַווייזט זי פונדעסטוועגן די טיפקייט פון גלויבן אין מענטשלעכקייט, וועלכער האָט געלעבט צווישן די פּאַביאַנער. וועלסן פאַרבינדט מיט פּאַביאַנער זיין אַכטונג צום פרייען געדאַנק און הייסע שטרעבונג צו מאָראַלישער באַ־נייאונג. אָבער פּונקט ווי ער האָט אַלס איינער פון די ערשטע פּאַביאַנער פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון אַ מאַסן־באַוועגונג, אַזוי איז ער אויך געווען צווישן די ערשטע, וועלכע האָבן פאַרלאָרן דעם נאַאיוון גלויבן אין „אַן ענדערונג אין די הערצער״, וואָס קאָן פאַרקומען איידער עס וועט געענדערט ווערן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג. אַ רייע וועלסעס ראָמאַנען שילדערן אין דעם פּרט זייער פּעסימיסטישע בילדער פון דער מענטשלעכער צוקונפט אויף דער ערד, בילדער, וואָס קאָנען באַטראַכט ווערן ווי אַ וואָרנונג.

אַ סך וואַסערן זיינען פאַרפלאָסן זינט די פּאַביאַנער האָבן געשטעלט זייערע ערשטע שריט. געציילטע צווישן די ערשטע פּאַביאַנער זיינען פאַראַן צווישן לעבעדיקע. אויך אידעאיש האָבן זיי דורך דער צייט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן וועג. זיי האָבן אַנגעהויבן מיטן ציל איבערבויען די געזעלשאַפט לויט די מאָראַלישע מעגלעכקייטן, אָבער שוין נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָבן זיי אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פון אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם. דאָס לעבן האָט זיך אַנטוויקלט אַ ביסל אַנדערש, ווי די ערשטע פּאַביאַנער האָבן זיך דאָס פאַרגעשטעלט. אין זייער טע־טיקייט גופא האָבן זיי זיך אַנגעשטויסן אויף אומלייזבאַרע סתירות. זיי האָבן געפּרעדיקט קלאַסן־פרידן, און זייערע אייגענע דרייסטע ווערק, וועלכע האָבן אָפּטמאָל נישט איבערגעלאָזט אַ שטיין אויף אַ שטיין אין דער מאָראַל פון דער אַלטער געזעלשאַפט, האָבן דערמוטיקט צו גרויסע קלאַסן־שלאַכטן. זיי האָבן באַקעמפט דעם מאַרקסיזם. אָבער אויב וועלס וואָלט זיך געקאָנט דורכריידן מיט מאַרקסן, מיט ענגעלסן אָדער קאַוטסקין אויף יענער וועלט, וואָלטן זיי אים מסתמא געפּרואווט דערוויזן, אַז דער וועג און די ענדערונג, וועלכע די פּאַביאַנער גופא האָבן דורכגעמאַכט פון דעם אידעאַל פון 1883 ביז צום באַטיי־ליקן זיך אין היינטיקן איבערבוי פון ענגלאַנד, וואָס ווערט געטאָן ווייט נישט לויט די טעמפּן פון דעם געערטן אַלטן רוימער פּאַביוס קונקטאַטאָר, — אַז די ענדערונג גופא קאָן אין אַ געוויסער מאָס באַ־טראַכט ווערן ווי אַ באַשטעטיקונג פון אייניקע מאַרקס׳ טעאָריעס. וועלס האָט אין די לעצטע וואָכן געזאָגט צו זיינעם אַ פריינט: „שטער מיר נישט. זעסט דאָך, איך בין פאַרנומען מיט שטאַרבן״. אויב דאָס זיין פאַרנומען מיט שטאַרבן האָט באַדייט אַ חשבון הנפש, האָט וועלס געהאָט אין וואָס צו געפינען אַ טרייסט. די ענגלישע באַוועגונג איז אַוועק מיט יענעם וועג, צוליב וועלכן ער האָט מיט קנאַפּע פערציק יאָר

צוריק איבערגעריסן מיטן אויספיר־קאָמיטעט פון די פּאָביאַנער: מען האָט „געמאַכט סאָציאַליסטן״, וועלכע האָבן איצט אַלץ אין דער האַנט אויף „צו מאַכן סאָציאַליזם״. און זיי מאַכן עס.

וועלס דער סאָציאַלער דיכטער

וועלס האָט פאַרפאַסט צענטליקער ראָמאַנען און צוקונפט־פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן געהאַט אַ ריזיקן אָפּקלאַנג, און אַ גלענצנדיק ווערק פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט; ער האָט אָנגעשריבן אַ מענגע עסייען, פּובליציסטישע אַרטיקלען. אָט די פּילזייטיקע און אויסערגעוויינלעך פּרוכטבאַרע ליטעראַרישע טעטיקייט קאָן זיין אַ געגנשטאַנד פון אַ באַזונדערער אָפּהאַנדלונג. דאָ איז כדאַי אויסטיילן איין געביט, — ווי אַזוי די אידייען, פאַר וועלכע וועלס האָט געקעמפט, האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע ווערק.

וועלסעס איינשטעלונג אַלס קעמפער און פאַרטרעטער פון פּאַביאַנישן סאָציאַליזם איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ גרויסער צאָל ביכער וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט. עס וואָלט געווען פונדעסטוועגן פאַלש, ווען מיר וואָלטן געזאָגט, אַז זיינע ווערק פאַרמאָגן אין צענטראַלע גרונט־אידייע. ריכטיקער איז זיין שאַפן אַ קאַנוואולסיווער זוכן פון אַן אויסוועג. אָבער וואָס איז געמיינזאַם פאַר אַלע זיינע ווערק איז דער הייסער באַגער צו מענטשלעכער פרייהייט און צו געפינען אַ וועג אויף צו באַפעסטיקן זי. דער דיכטער ווערט געפּייניקט דורך דער מורא, אַז די מענטשהייט וועט נישט געפינען אין זיך קרעפטן פאַר מאָראַלישער באַפרייאונג. און אים פּייניקט אַ צווייטע שרעק, וועלכע די פּאַביאַנער האָבן אין פאַרשידענע פאָרמען געבראַכט צום אויסדרוק אין זייערע פּראָפּאַגאַנדיסטישע עסייען און טראַקטאַטן: אַז דער גייסטיקער און מאָראַלישער פאָרשריט פון דער מענטשהייט אונטערן קאַפּיטאַליזם שטייט שטאַרק אָפּ פון מאַטעריעלן פאָרשריט. די וויסנשאַפט און די נייע דערפינדונגען קאָנען אין אַזאַ פאַל בלויז ווערן מיטלען פון פאַרקנעכטונג. אין זיין „מאַשין פון צייט״ (געשריבן אין 1895) פירט אונז טאַקע דער דיכטער אַוועק אויף אַ רייזע אין דער ווייטער צוקונפט. מיר גיבן מיט אים אַ שפּרונג אויף אַ צייט־שטרעקע פון... 800 טויזנט יאָר. מיר טרעפן אַ שרעקלעך בילד פון „מאָרלאָקן״, אַרבעטער, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן אונטער דער ערד און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בייזע באַשעפענישן, און „ליאַלקע־מענטשעלעך״ אויף דער ערד, וועלכע לעבן פון געירשנטע רייכטימער, אָבער וואָס האָבן אָנגעוואוירן די כוחות און דעם שכל און געפינען זיך אין שטענדיקער מורא, אַז די מאָרלאָקן וועלן זיי אויפפרייסן.

נישט אין אַלע זיינע דיכטערישע פאַנטאַזיעס איז וועלס פּעסימיס־טיש. אין אַנדערע, למשל, ווי „שפּייז פון די געטער", פירט ער אַרויס אַ כעמיקער, וואָס דערפינדט אַ שפּייז־שטאָף, אויף וועלכן עס וואַקסן ריזן ווי אויף הייוון. די ריזן פירן מלחמה מיט די „קליינע מענטשע־לעך", וועלכע ווילן אָפּשטעלן זייער וואוקס. עס זיגן די ריזן, וועלכע שיסן מיט באָמבעס פון שפּייז פון די געטער, און עס קומען צו נאָך פרישע און פרישע ריזן, וואָס וועלן שאַפן אַ שענערע און מער יושר־דיקע וועלט. אין וועלס' פאַנטאַסטישע ראָמאַנען לעבן מיר איבער אַ „מלחמה צווישן וועלטן", ווען מאַרסיאַנער באַפאַלן די ערד, באַזיגן זי און קומען אַליין אום צוליב מיקראָבן, וועלכע זיי קאָנען זיך ניט אַנטקעגנשטעלן. וועלס האָט פיבערהאַפט געפּרואווט אַריינבליקן אין די ענדערונגען, וועלכע עס וועט ברענגען די וויסנשאַפט. ער האָט פאַרויסגעזאָגט דעם טאַנק, מלחמות אין דער לופטן, דאָס שפּאַלטן דעם אַטאָם, ער האָט מיט אומרו אַריינגעבליקט אין דער צוקונפט, און אַליין זיך געשראָקן און געשראָקן זיינע לייענער מיט דער פּערספּעקטיוו, אַז די גרויסע מעגלעכקייטן פון דער וויסנשאַפט וועלן אַריינפאַלן אין די הענט פון מאַראַליש צו זיי נישט־דערוואַקסענע. די עצות וואָס ער האָט אויסגעפונען זיינען געווען פאַרשידענע. איין מאָל האָט ער פאַרגעלייגט, אַז די וועלט זאָל רעגירט ווערן דורך אַ פאַרוואַלטונג פון וויסנשאַפטלער. אַן אַנדערש מאָל קערט ער זיך אום צו די לערעס פון די פאַביאַנער און אין „ווי אַזוי מר. קליסאָלד זעט דאָס" שילדערט ער אַ ראָמאַן פון אַן ענגלישן כעמיקער מיט אַ פראַנצויזישער מיידל. אויפן פאָן פון די אַנטוויקלונגען פון ראָמאַן ברענגט דער שרייבער אַרויס די האָפענונג, אַז די מער הומאַנישע צווישן די קאַפּי־טאַליסטן וועלן קומען צום שכל און אויספלאַנירן אַ בעסערע וועלט. וועלס' פאַנטאַזיע האָט אָנגעמערקט אַן אַ שיעור קעגנזעצלעכע אויס־וועגן. אָבער אין איין פּרט איז וועלס תמיד זיך געבליבן טריי: אין זיין גליענדיקן באַגער צו דער פרייהייט פון יחיד און כלל און אין אומ־אויפהערלעכע זוכענישן צו געפינען דעם אויסוועג, וואָס זאָל די מענטש־הייט פאַרהיטן פון קנעכטשאַפט צו דער מאַשין אָדער צו דער וויסנ־שאַפטלעכער דערפינדונג.

מיט וועלסן צוזאַמען האָבן מיליאָנען לייענער געשוועבט צווישן שטערן, אַריינגעבליקט אין דער צוקונפט, געזען טריייסטנדיקע און מרה־שחורהדיקע פאַנטאַזיעס, אַריינגעקוקט אין מענטשלעכע הערצער, דורכ־געלעבט רירנדיקע און אויפטרייסלענדיקע איבערלעבונגען, אַראָפּגע־נידערט אין תהומען פון אונטערגאַנג און דערהויבן זיך צו הויכן פון שטילער פרייד. פיל פון די ראָמאַנען וועלן אפשר אין גיכן פאַרגעסן

ווערן. אָבער עס וועט בלייבן די געשטאַלט פון גרויסן דיכטער, טרוי־מער און קעמפער, וועמענס לעבן עס האָט זיך אויסגעלאָשן אויפֿן שוועל פון צוגעזאָגטן לאַנד, ווען דעם דיכטערס פריינט און קאַמפּס־חברים באַמיען זיך צו שאַפן אַ וועלט, וואו דער מענטש זאָל נישט זיין קיין שקלאַף פון די וויסנשאַפטלעכע דערפינדונגען, נאָר זייער באַ־לעבאָס, און וואו דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשריט זאָל גיין פוס אין פוס מיט גייסטיקער און מאָראַלישער באַנייאונג.

(„גערעכטיקייט”, סעפטעמבער 1946)

וואָס מען מוז שטענדיק געדענקען

דער פאַרביסענער קאַמף, וואָס פלאַקערט הייַנט אין קנוילן פלאַמען און רויך איבער גאָר דער וועלט איז אויך אַ קאַמף אויף צו ראַטעווען און באַשיצן די ווערטפולסטע אידייע פון הומאַניזם.

דער נאַצי־אידעאָלאָג, אַלפרעד ראָזענבערג, האָט אין זיין „מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט" געשריבן: „ליבע און הומאַניזם האָבן געבילדעט אַ לערע, וואָס גראָבט אונטער אַלע יסודות פון פאָלק און מלוכה".

אַלפרעד ראָזענבערג איז הייַנט הערשער פון אַ גרויסן טייל פון אָקופּירטן רוסלאַנד. ער האָט אָוועקגעלייגט די פען און גענומען אין דער האַנט רעוואָלווער און בייַטש אויף צו באַווייזן, אַז האָס און אומ־מענטשלעכקייט קאָנען טאַקע זיין דער מקור פון מאַכט. דער קריג פלאַקערט. לויט זיין אידייאישן אינהאַלט איז דאָס, ווי געזאָגט, אויך אַ קריג פאַר סיסטעמען פון דערציאונג. אָבער אויב מיט העכער 70 יאָר צוריק האָט מען געהאָט אַ גרונד פעסטצושטעלן, אַז דאָס האָט דער דייטשישער פאָלקס־לערער באַזיגט דעם פראַנצויזישן, קומט הייַנט לחלוטין נישט פאַר קיין קאַמף צווישן דייטשישן פאָלקס־לערער פון איין זייט, און אַמעריקאַנער, סאָוועטישן, אָדער ענגלישן, פון דער צווייטער זייט. פון אַלע שילדערונגען פון דייטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן זעט מען, אַז דייטשישע פאָלקס־ און מיטלשול־לערער פאַר־נעמען דאָרטן נומעריש אַן אָנגעזען אָרט. ראָזענבערג האָט מיט זיין אידייאישן קרייץ־צוג קעגן הומאַניזם געוואָרפן אַן אַרויספאָדערונג אויפן געביט פון דערציאונג סיי פּיראָגאָוון און פעסטאַלאָצין, סיי מאָנ־טעסאָרין און קערשענשטיינערן, פונקט ווי דער פאַשיזם בכלל איז אַן אַרויספאָדערונג לגבי אידייען, וואָס לויכטן דער גאַנצער מענטשהייט, זייט דעם באַגינען פון דער באַוואוסטזיניקער מענטשלעכער געשיכטע.

מען קען נישט צווייפלען אין אויסגאַנג פונם פאַרמעסט. נאָר מטורפים קענען זיך פאַרמעסטן מיט אַ קברנים־לאָפּעטע אַנטקעגן דער זון. מעג די שוואַרצע היטלער־ראָזענבערג־כנופיה שעפּן איר אידייאי־שע יניקה פון אַזעלכע טיפּע ברונעמער, ווי ניטשע אָדער שפּענגלער, מעגן די בלוטיקע צורופן פון אַ שטרייכער קלינגען, ווי באַצויבערנ־

דיקער סירענע־געזאַנג פאַר די אויערן פון אַ האַמסון אָדער אַן אַנדער מבולבל־געוואָרענעם שײַנגײַסט, — דער גורל פון אָט דעם פּאַרמעסט איז — פון שטאַנדפּונקט פון אַ ברייטער געשיכטלעכער פּערספּעקטיוו — אַ פולשטענדיק געחתמעטער.

צי מעג אָבער דער הײַנטיקער דערציִער אָדער קולטור־טוער זיך באַגנוגענען מיט אַזאַ מין פעסטשטעלונג? אונזער טעטיקייט פאַרלויפט נישט אין אייביקייט אַריין, נאָר אויפן באַגרענעצטן שטח פון אַ פּאָר דורות. און מען מוז זיך אָפּגעבן אַ חשבון, אַז אויף די דורות לויערן גראָד היינט זייער ערנסטע געפאַרן אין שייכות מיטן קרייצצוג קעגן הומאַניזם. און די פליכט פונם מאָדערנעם פּראָגרעסיוון דערציִער איז — זיך אָפּצוגעבן וועגן דעם אַ קלאָרן דין־וחשבון.

די געפאַר איז אַ פילפאַכיקע. די ערשטע געפאַר איז דער נסיון צו וועלן באַקעמפן דעם קעגנער מיט זיינע אייגענע מיטלען. לאָמיר די זאַך אַרויסברענגען ווי ווייט מעגלעך קלאָר. אָט האָט דער נאַציזם איינגעטיילט די וועלט אויף ווערטפולע און מינדערווערטיקע פעלקער. די מינדערווערטיקע איז אַ מצווה אויסצושלאַכטן. דעם דערמאָנטן ראַ־זענבערגס „מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט" איז געווען פאַר די נאַציס די אידייאישע צוגרייטונג צום טאָטאַלן קריג. די פראַנצויזן זיינען, לויטן „מיטאָס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט", „אַ פאַרנעגערטע ראַסע, וואָס האָט קיין רעכט נישט צו הערשן". וועגן די רוסן איז דאָך אָפּגערעדט: „עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין רוס, וואָס זאָל נישט זיין קיין ליגנער"; „אין רוסישן בלוט איז דאָ עטוואָס אומגע־זונטס, קראַנקהאַפטס, חניפהדיקס"... „די רוסן זיינען אומערלעך, נידערטרעכטיק, נישט קאָנסעקווענט, נישט פילבאַר, נישט זעלבשטענ־דיק"; „טאָלסטאָי איז אַ גייסטיקער ממזר". — דאָס זיינען אַ טייל פון די פּערל וואָס זיינען צעשפּרייט איבער דעם דערמאָנטן בוך. און צי דאַרפן מיר דערמאָנען די שמוץ און נבול־פּה, וואָס היטלערס פעדער־העלדן האָבן אויסגעגאָסן אויפן קאָפּ פון די יידן?

צוויי וועגן קענען זיין פון קעגנווירקן אָט דער כוואַליע פון מענטשנ־פעריסערישן גיפט. איין וועג פון „צוריק שגץ": די איטאַליענער זיי־נען נעגראָידן, די יאַפּאַנעזער — ווילדע באַרבאַרן, מאַלפּעס, וועלכע האָבן זיך אויסגעלערנט טעכנישע געוואוינהייטן פון ציוויליזאַציע, די דייטשן זיינען, לויט זייער בלוט, טרעגער פון אידייען פון קריג און טויט, יורשים פונם גייסט פון די אַלטע גערמאַנער, וואָס פלעגן כאַפּן דעם שונא, אַרויסרייסן זיין האַרץ און עס אויפפרעסן רויערהייט. וואוהין קאָן פירן אָט דער וועג? און עס איז אַ באַזונדערע טעמע וועגן דעם, ווי גרויס איז און קען זיין דער פּאָליטישער שאָדן פון

אַזאַ אַגיטאַציע: וואָס פאַר אַ קלאַפּ דאָס איז פאַרן אונטערערדישן קאַמף פון די דייטשישע אַנטי־נאַציס, וואָס פאַר אַ פאַרשוועכונג דאָס איז פון די הייליקע קרבנות פון יענע דייטשן, וואָס שמאַכטן אין קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן! אויף די שפּאַלטן פון „קולטור און דערציאונג" איז כדאַי קודם־כל אַרויסצוברענגען דעם דערציערישן אַספּעקט פון אָט דער פראַגע. מאָצאַרט און בעטהאָווען, קאַנט, געטע, שילער און טאָמאַס מאַן זיינען דער פאַרמעגן פון דער גאַנצער מענטשהייט. און פאַרן דערציער גיט עס דאָך אַזאַ גלענצנדיקן שטאָף אויף איינצוהאַלטן אפילו היינט, אין די צייטן פון קריג, דעם גלויבן אין מענטשן און מענטשהייט.

און אַ צווייטע געפאַר לויערט אויפן דערציער: דאָס איז גע־שטרויכלט צו ווערן דורך געענדערטע שטימונגען צום עצם ענין קריג, און אין אַזאַ גייסט צו באַאיינפלוסן דאָס יונגוואַרג. דער פאַשיזם האָט זיך באַמיט צו אַנטוויקלען אַ קולט פון קריג. באַמבע־פייערן זיינען ביי מוסאָליניס הויף־זינגער, דעם באַקאַנטן פוטוריסט מאַרינעטי, געוואָרן „פּרעכטיקע רויטע רויזן אויף די פעלדער פון קאַמף". אַ נאַצישער שרייבער, אָטאָ שפּאַן, האָט אין אוניסאָן מיט מאַרינעטין געזונגען: „בלוט איז דער היינטיקער פייערדיקער צומיש צו די זאַפטן, וואָס יורין אין אָרגאַניזם פון דער מלוכה". מיט איין וואָרט, בלוט און חורבן — דאָס איז די פּאָעזיע פון נאַציזם; פאַשיזם דאָס איז פאַרשיכורטקייט מיט מענטשלעכן טויט, דאָס איז דער העכסטער נחת־רוח צוליב צע־שטערונג. און האָס צום פאַשיזם האָט זיך אַלע מאָל געקניפּט מיט ליבע צו פרידן. אָבער די נייע אומשטענדן צווינגען היינט נישט איין דערציער, וואָס האָט געפּרעדיקט האָס צו קריג, צו רעווידירן זיין צוגאַנג. און דאָס איז לגמרי איבעריק. מען קען האַסן קריג מיט אַלע פיבערן פון דער נשמה און טאַקע מחמת דעם רופן די פרידנס־ליבנדיקע מענטשהייט צו אַ הייליקער מלחמה פאַר פאַרניכטן דעם פאַשיזם אַלס אבי־אבות־הטומאה, ווי אויך צו באַזייטיקן אַלע סיבות, אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, וואָס קענען פירן צום קריג. די אידייע וועגן לעצטן קריג מוז פאַרבלייבן אין מיטלפּונקט פון דער הומאַניס־טישער דערציאונג.

און מען מוז דאָס זאָגן קלאָר: רעדן מיר וועגן דער אידייע פון הומאַניזם אין דער דערציאונג, באַנעמען מיר נישט די דאָזיקע אידייע ווי אַן אַבסטראַקט הימליש וועזן. צווישן די געפאַרן, וואָס לויערן אויפן הומאַניזם, פאַרנעמט אַ בכבודיקן אָרט די סכנה פון פאַרוואַנדלען אים אין אַ פּוסטער פראַזע: די הומאַניסטישע אידייען האָבן דורכגעמאַכט פאַרשידענע גילגולים. דער הומאַניזם איז געוואָרן אַ גרונט־עלעמענט

פון אַלע מענטשלעכע רעליגיעס, ער איז אויפגעהיט געוואָרן אין פאַרמעט פון פאַרשידענע אַלטע ספרים און אומצאָליקע מאָל געשענדט געוואָרן דורך פאַנאַטיקער, וואָס האָבן אָוועקגעשטעלט שייטערהויפנס אין נאָמען פון מענטשן־ליבע. די אידייען פון הומאַניזם זיינען געוואָרן אַ טרייב־קראַפט פון גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, און זיי זייַנען גלייכצייטיק הונדערטער מאָל פאַרשוועכט און פאַרמיאוסט געוואָרן דורך צבועקעס און פאַלשע נביאים פון מענטשן־ליבע. זיי זיינען נישט איין מאָל אַראָפּגעשטויסן געוואָרן אין די טיפסטע טיפענישן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, כדי שפּעטער אַרויסצוטויכן אויפן אויבערפלאַך מיט נייעם גלאַנץ און נייע אָנצינד־מעגלעכקייטן. אין אונזער עפּאָכע האָבן די אידייען פון הומאַניזם געשיינט צו באַקומען זייער לעצטן תיקון: געפּאָרט מיט אידעאַלן פון סאָציאַלער באַפרייאונג, האָבן מיר אַנטפּלעקט פאַר דער מענטשהייט נייע האָריזאָנטן. מיטן בליק געווענדט צו אָט די האָריזאָנטן האָט דער סאָציאַל־פּראָגרעסיווער דערציער, דווקא היינט אין די אחריותפולע טעג פון קריג — צו דערפילן איינע פון זיינע שווערסטע אויפגאַבן.

קריג פּענטעט פאַנאַנדער אַטאַוויסטישע נייגונגען פון מענטשלעכן וועזן, בינדט פאַנאַנדער די ווילדסטע אינסטינקטן. אין רעזולטאַט פון ערשטן וועלט־קריג, איז אייראָפּע אין גייסטיקן זין געוואָרן אַ פּוסטע קרעטשמע, וואו עס האָבן שפּעטער געקענט האַלטן נאַכט פאַרשידענע פינצטערע מכשפים און גייסטיקע קריפּלס. די דאָזיקע נאַכט דאַרף זיך איצטער ענדיקן מיט פאַריאָגן די בייזע גייסטער פון פאַשיזם. און דאָס וועט געלינגען נאָר אין איין פאַל: אויב עס וועט פּאָליטיש אוןווירטשאַפטלעך אויפשטיין אַ נייע וועלט און אין איר וועלן זיין טיף פאַראַנקערט די אידייען פון הומאַניזם. און אין לעצטן פּרט האָבן די קולטור־טוערס און דערציערס שוין היינט די אַחריותדיקסטע געביטן פון טעטיקייט.

(„קולטור און דערציאונג", פעברואַר 1942)

צי איז נויטיק אַ יידישע אַרמיי?

דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַמעריקע זעט אויס לעצטנס צו זיין אויפגערודערט און צעשטורעמט. די אַמעריקאַנער יידן זאָלן זיין שטאַרק געטראָפן פון דעם, וואָס ענגלאַנד האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שאַפן אַ יידישע אַרמיי. לייענט מען די גרויסע צאָל רעזאָלוציעס פון מיטינגען און פאַרזאַמלונגען, די ריזיקע מודעות פון די קאָמיטעטן פאַר אַ יידישער אַרמיי, קוקט מען זיך צו צום בהלהדיקן געיעג נאָך אונטערשריפטן און הסכמות, קען מען מיינען אַז זייער פיל אַמעריקאַנער יידן האָבן היינט בלויז איין שווערע זאָרג אויפן קאָפּ: וואָס גיכער צו האָבן אַ יידישע אַרמיי.

אַ יידישע אַרמיי איז כלומרשט נויטיק צוליב כבוד, צוליב רעכט און צוליב ווערן אַ פאָלק מיט לייטן צוגלייך; זי איז נויטיק צוליב געווינען די מלחמה און צוליב געווינען דעם שלום, זי איז נויטיק פאַר די אידעאַלן פון יידנטום און פאַר די אידעאַלן פון קריסטנטום (יאָ, אויך פאַר די אידעאַלן פון קריסטנטום! — אַזוי שטייט בפירוש געשריבן אין אַן ענגלישן אויפרוף, וואָס איז צווישן אַנדערע גע־חתמעט דורך אַזאַ באַקאַנטן פאַרקעמפער פון קריסטנטום ווי . . . חיים ליבערמאַן); זי איז נויטיק וואו מען קערט זיך און וואו מען ווענדט זיך.

מוז מען זיך פאַרטראַכטן:

צי איז דער טומל אַ נאַטירלעכער און אַ באַרעכטיקטער?

לאָמיר זיך דערמאָנען, ווי ס'זעט היינט אויס דאָס יידישע לעבן.

הינטער די געטאָ־מויערן

יידישע מענער, פרויען און קינדער ווערן געפייניקט און פאַר־הונגערט אויף טויט אין די געטאָס פון וואַרשע און לאָדזש, זיי ווערן געטראָטן מיט די פיס און געשאָכטן ווי פֿי אין קיעוו און אין באַריסאָוו, אין ווילנע, קאָוונע, מינסק און אומעטום, וואו עס גרייכט די מערדערישע האַנט פון היטלערס באַנדעס. דאָס יידישע פאָלק לעבט איבער דעם שרעקלעכסטן אומגליק אין זיין געשיכטע.

אין די פאַרריגלטע און פאַרשלאָסענע אויף זיבן שלעסער גע־

טאָס בושעוועט הונגער און טויט. אַ קויל אין קאָפּ אָדער אַ שטריק אויפן האַלז קריגט מען פאַר פאַרלאָזן דעם געטאָ. און אינעווייניק אין געטאָ איז יעדער איינציקער אויסגעשטעלט אָדער אויף לאַנגזאַמער גסיסה צוליבן פעלן פון שפּייז אָדער אויף אַש פאַרברענט צו ווערן אין היץ־פיבער פון מגפה.

און צוזאַמען מיט אַט דעם רייסן זיך אַדורך נאָך אַנדערע גרוסן פון דער גרויסער תפיסה, אין וועלכער דער גרעסטער טייל פון יידישן פאָלק איז היינט פאַרמויערט, — גרוסן, וואָס ברענגען אַ טרייסט און פּילן אָן הערצער מיט שטאָלץ. היטלערן געלינגט צו פאַרמוטשען אויף טויט טויזנטער און טויזנטער יידישע לעבנס, אָבער איין זאַך געלינגט אים נישט: צו טויטן די האָפענונג, וואָס לעבט צווישן די יידישע מאַסן. אין די געטאָס לעבט דער גלויבן, אַז נאָך היטלערס מפלה וועט קומען אַ נייע וועלט, ווען אויף דער זעלבער ערד, וואָס זאַפּט איין היינט אין זיך אַזוי פיל טרערן יידישע און ניט־יידישע און אַזוי פיל בלוט, וועלן די יידישע מאַסן אין ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע פעלקער, וואָס שמאַכטן היינט אונטער היטלערן, אויפשטעלן אַ לעבן פול פרידן און פרייד.

אַט די האָפענונג דערמוטיקט די יידישע מאַסן צום העראָאישן אונטערערדישן קאַמף מיט די אָקופּאַנטן. זי רעדט אַרויס פון יעדער שורה פון די טויזנטער אומלעגאַלע בלעטלעך און צייטונגען, דורך וועלכע געפלאָגטע יידן און נישט־יידן שטרעקן זיך קעגנזייטיק אויס די הענט איבער געטאָ־מויערן. די האָפענונג פלאַטערט צופוסנס פון הייליקע תליות, און זי ווערט געלייטערט דורך אוממענטשלעכסטן וויי. די האָפענונג באַגייסטערט די יידישע מאַסן אין די געטאָס צו דער ברייטסטער זעלבסט־הילף־טעטיקייט. עס קומען אָן גרוסן פון די געטאָס וועגן פאַרצווייגטער ברידערלעכער און חברישער הילפס־אַרבעט: מען טיילט זיך מיטן לעצטן ביסן, מיטן לעצטן פאַרבליבענעם הייל־מיטל. „אויסהאַלטן און העלפן אויסהאַלטן!״ — דאָס איז דער רוף, וואָס טראָגט זיך איבער די געטאָס. אויסהאַלטן פיזיש, אויסהאַלטן מאָראַליש און אויסהאַלטן גייסטיק. און עס קומען אָן ידיעות פון די געטאָס, אַז אונזערע פאַרהונגערטע און פאַרפּייניקטע ברידער און שוועסטער דאָרטן האָבן אפילו באַוויזן דאָס וואונדער צו אויפהאַלטן ביי זיך אַ פאַרשידנאַרטיק און פילפאַרביק קולטור־לעבן.

דאָס זיינען אַלץ גרוסן וואָס ברענגען אַ טרייסט, וואָס רירן טיף.

...אין די געטאָס ווערט נישט צוגעלאָזט קיין שפּייז פאַר די הונגעריקע, קיין רפואות פאַר די קראַנקע. ווייסן זייער פיל מענטשן אין דער וועלט וועגן דעם? פאַרנעמען זיך אַ סך מיט זוכן עצות, ווי אַזוי אַדורכצורייסן זיך מיט הילף דורך די פאַרצוימונגען?...

און מען קאָן וועגן דעם ניט האָבן קיין טענה סתם צו דער וועלט. די וועלט שטייט היינט אין פלאַקער פון קריג. און קיין זאָרגן פעלט קיינעם נישט. די ערשטע צו שרייען, צו פאָדערן, צו וועקן און מאָנען האָבן געמוזט זיין די זעקס מיליאָן יידן פון אויסער אייראָפּע. און גראַד דאָ טרעפט מען ביי אַ היפּשן טייל יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פאַרברעכערישן גלייכגילט, פאַרטעמפּטע הערצער, פאַרפאַנצערטע געוויסנס.

פאַרוואָס, צום ביישפּיל, שווייגן וועגן דער לאַגע פון די יידן אין אייראָפּע די אַלע, וואָס האָבן אין דער גרויסער אַמעריקע גע־נומען זיך דעם מאָנאָפּאָל צו רעדן אין נאָמען פון פאָלק ישראל? וואו זיינען זיי, די אַלע יידן פון וועלט־קאָנגרעס אָדער פון אַמערי־קאַנער יידישן קאָנגרעס, די אַלע פּראָפעסיאָנעלע דעלעגאַטן פון פאָלק ישראל? — זיי זיינען דאָ, אָבער זיי האָבן זיך געשטעלט נישט צום קאַמף פאַר ראַטעווען דאָס יידישע לעבן, נאָר זיי זיינען געקומען צו דער לוויה פון יידישן פאָלק. ...מען קומט מיט טויט־דיאַגנאָזן, אָנ־שטאָט מיט הילף־אַקציעס. מיט בוכהאַלטאַרישער גלייכגילטיקייט און מיט אויפטרייסלענדיקער קאַלטקייט פאַרעפנטלעכט מען „גענויע" חשבונות וועגן מיליאָנען יידישע מתים, וועלכע מען דאַרף נאָך דער־וואַרטן אין אייראָפּע. אין ציימונגס־אַרטיקלען, פון די טריבונעס פון יידישע קאָנגרעסן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, מעקסיקע, אַרגענטינע און קאַנאַדע, — אומעטום איילט מען זיך צו פאַרעפנטלעכן דעם זעלבן פּראָפעסאָרישן דיאַגנאָז: טויט אָדער כמעט טויט איז שוין היינט דאָס גאַנצע יידנטום פון אייראָפּע. צוויי לעבעדיקע אברים זיינען היינט נאָך פאַרבליבן פון יידישן פאָלק: דאָס זיינען די יידן אין אַמעריקע און די יידן אין... פּאַלעסטינע. דאָס זאָלן זיין די אַלע ביים לעבן פאַרבליבענע יורשים פונם גאַנצן פאָלק ישראל.

פרעגט זיך: וואָס באַצוועקט דער דאָזיקער חשבון? און פאַר וועמען איז ער נוצלעך?

דער קרומער שפּיגל

אין אַזאַ צייט איז דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַמעריקע צעשטורעמט און צעכוואַליעט נישט צוליב דער ברענענדיקער פראַגע, ווי אַזוי צו דערהאַלטן דאָס נאַקעטע לעבן פון גרעסטן טייל פונם יידישן פאָלק, נאָר דורך דעם קאַמף פאַר אַ... יידישער אַרמיי.

...דער ענין מיט דער יידישער אַרמיי איז קינסטלעך אויפגעבלאָזן, און אויפגעבלאָזן איז ער פון די זעלבע קרייזן, וואָס האַלטן אין איין זאָגן קדיש נאָך די יידן אין אייראָפּע, — פון די ציוניסטן...

מען מוז זאָגן גלייך: שוין אין דעם אופן ווי אַזוי די ציוניסטן באַגרינדן זייער רעכט צו שאַפן אַ יידישע אַרמיי פון בירגער אין פאַרשידענע לענדער, — שוין אין דעם שטעקט אַ גרויסע געפאַר פאַר די יידישע מאַסן. די בירגערלעכע רעכט פון די אַמעריקאַנער יידן זיינען היינט ניט באַדראָט. אָבער מיר זיינען איבערצייגט, אַז אפילו די אַמעריקאַנער יידן וואָלטן נישט געוואָלט, אַז מען זאָל זיי באַטראַכטן פאַר אַן אויסנאַם פון אַלע אַנדערע בירגער אין לאַנד, — פאַר בירגער פון אַמעריקע און איינצייטיק פאַר „איינוואוינער פון פאַלעסטינע". טאָפּלטע בירגערשאַפט איז נישט קיין פריווילעגיע, נאָר גיכער אַ שטראָף...

די יידישע מאַסן ווילן אין ערגעץ נישט קיין טאָפּלטע בירגערשאַפט. און אויב שוין דער עצם־געדאַנק וועגן דער יידישער אַרמיי אַנטהאַלט קערנער פון אַזאַ טאָפּלטער בירגערשאַפט, איז דאָס אַליין גענוג, אַז די יידן אין גאַר דער וועלט זאָלן אים אָפּוואַרפן ווי אַן אַבסאָלוט שעדלעכן פאַר זיי.

אָבער איידער מיר וואַרפן אָפּ ענדגילטיק דעם געדאַנק וועגן אַ יידישער אַרמיי, מוז מען אויסהערן אויך דעם ציוניסטישן צד. לאָמיר הערן, וואָס די ציוניסטן אַליין זאָגן וועגן דעם ענין.

לייענען מיר אויפרוף נאָך אויפרוף: יעדער אויפרוף איז געווינטלעך אַ פייערווערק פון פאַטעטישע פראַזן, וואָס דאַרפן אַנוואַרעמען די געפילן און וואָס... זאָגן גאָר נישט.

יעדער אויפרוף הייבט זיך אָן מיט פראַזן וועגן יידישן כבוד און שטאָלץ. „אַ יידישע אַרמיי וועט ראַטעווען דעם כבוד פון יידישן פאָלק", — דאָס איז דער אַריינפיר צו כמעט יעדן אויפרוף. „מיר קעמפן פאַר דאָס רעכט פון קעמפן", — דאָס איז זייער הויפּט־מאָטאָ. אויף אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין קאַרנעגי־האָל דעם 4טן פעברואַר ה. י. איז דער הויפּט־לאָזונג פון דער פאַרזאַמלונג געוואָרן אַ ווערטל פון איינעם פון די רעדנער: „היטלער האָט אונז אָפּגעזאָגט די רעכט צו לעבן אַנשטענדיק, ענגלאַנד זאָגט אונז אָפּ די רעכט צו שטאַרבן אַנשטענדיק!" דאָס זיינען אַלץ פראַזן וואָס קלינגען שיין. און וואָלטן אַרמייען זיך געקאָנט שטיצן בלויז אויף שיין קלינגענדיקע פראַזן, וואָלט די ציוניסטישע אַרמיי געוועזן אַוודאי די שטאַרקסטע אין דער וועלט.

אָבער ווען עס רעדט זיך וועגן אַזעלכע טויט־ערנסטע פראַגן, ווי רעכט צו קעמפן און רעכט צו שטאַרבן, וועט קיינער זיך געוויס נישט לאָזן באַרוישן מיט פוסטער פראַזעאָלאָגיע.

„אַ יידישע אַרמיי וועט ראַטעווען דעם כבוד פון יידישן פאָלק!"

דאָס זיינען ווערטער וואָס זיינען שוואַרץ אויף ווייס געדרוקט אין מיליאָנען אויפּרופן. מוזן אויב אַזוי די ציוניסטן מוחל זיין און דערקלערן קליפּ און קלאָר: ווי אַזוי איז, לויט זיי, ביז היינט פאַר־שוועכט געוואָרן דער כבוד פון יידישן פאָלק? און וואו האָבן די יידישע מאַסן פאַרלוירן זייער ערע, אַז עס איז נויטיק אַזש אַ גאַנצע אַרמיי אויף צו ראַטעווען זי? „מיר קעמפן פאַר אונזער רעכט צו קעמפן״? ווער־זשע האָט אונז ביז היינט באַרויבט פון די דאָזיקע רעכט?

ווער זשע ווער פון די ציוניסטן וואָגן צו באַהויפּטן, אַז אַלע צענטליקער טויזנטער קרבנות, וואָס די יידישע מאַסן האָבן אין משך פון די לעצטע פּאָר דורות געבראַכט אויף פאַרשידענע שלאַכט־פעלדער אין קאַמף פאַר פרייהייט, צי געטריבן דורך געפיל פון ערע און פליכט, — אַז זיי אַלע זיינען געשטאָרבן „נישט אָנשטענדיק״ און אַז בלויז די עטלעכע געפאַלענע יידן פון 38, 39 און 40 ענגלישע קאָלאָניאַלע שיסער־באַטאַליאָנען (דאָס זיינען די נומערן פון די יידי־שע לעגיאָנען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה) אונטער דער קאָ־מאַנדע פון איירישן קאָלאָנעל פּאַטערסאָן, — אַז בלויז זיי זיינען געשטאָרבן „אָנשטענדיק״?

לויט די מאַטעריאַלן פון דער „יונייטעד סטעיטס באָארד אָוו דזשואיש וואָר רעקאָרדס״ האָבן די יידן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געגעבן די פּאַראייניקטע שטאַטן פון 30 ביז 40 טויזנט פריי־וויליקע און האָבן אין אַלגעמיין אין דער אַרמיי אויסגעמאַכט 4.5 פּראָצענט אָנשטאָט 3 פּראָצענט, וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט געבן לויט זייער צאָל־פאַרהעלטעניש אין לאַנד. צי וואָלט דאָס נאָך דער ער־שטער וועלט־מלחמה געווען געגוג, אַז אַמעריקאַנער יידן זאָלן זיך פילן שטאָלץ דורכן באַוואוסטזיין פון דערפילטער פליכט, אָדער אפשר איז שוין אויך דעמאָלט דער כבוד פון די אַמעריקאַנער יידן גע־האָנגען אויף אַ האָר, און עס איז נויטיק געווען נישט אַנדערש, אַז אַ ביסל אַמעריקאַנעד יידישע יונגעלייט זאָלן דינען אונטער קאָלאָנעל פּאַטערסאָן אין סיריע און קליינאַזיע, אַז דער דאָזיקער כבוד זאָל „געראַטעוועט ווערן״?

קאָן מען זאָגן: דאָס זיינען ביישפּילן פון אַמאָל, אָבער די היינטיקע מלחמה ווערט געפירט דורך היטלערן אונטערן לאָזונג צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק, מוז קומען דער יידישער ענטפער היטלערן. און די ציוניסטן טענהן טאַקע, אַז די יידישע אַרמיי מוז קומען ווי אַ יידישער ענטפער היטלערן. מאַכט זשע אַן איבערבליק פון אַלע שלאַכט־פעלדער אין דער וועלט און זאָגט, צי האָבן מיר

זיך צו שעמען מיטן ענטפער, וואָס די יידישע מאַסן האָבן ביז היינט געגעבן היטלערן? אין ערשטן טאָג פון וועלט־קריג, ווען היטלערס מאָרד־עראָפּלאַנען האָבן זיך באַוויזן אויף די הימלען פון פוילן, האָט דער פוילישער „בונד״ פאַרעפנטלעכט אַ רוף צו די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פוילן צו וואַרפן זיך מיט לייב און לעבן אין קאַמף קעגן שונא. דער פוילישער ראַדיאָ פאַר וועמען אַ רוף פון אַ יידישער פאַרטיי איז ביז דעמאָלט געווען טריף, האָט געבראַכן אַלע זיינע רע־אַקציאָנערע טראַדיציעס, און במשך פון טאָג עטלעכע מאָל איבער־געחזרט דעם רוף. מען האָט געוואוסט, דאָס איז דער רוף פון אַ פאַרטיי, וואָס געניסט דעם צוטרוי פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן אין פוילן. דאָס איז דער ענטפער היטלערן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן. און יידן האָבן זיך געשלאָגן מיט כבוד אויף די בלוטיקע שלאַכט־פעלדער. און ווען וואַרשע איז אַרומגערינגלט גע־וואָרן און איר גורל איז געווען געחתמעט, זיינען פוילישע און יידישע סאָציאַליסטן, פּ.פּ.ס. און „בונד״ געווען די ערשטע צו רופן צום ווייַ־טערדיקן ווידערשטאַנד. עס איז געקומען איינער פון די הערצאָישסטע קאַפּיטלען פון היינטיקן קריג, — די העלדישע פאַרטיידיקונג פון וואַר־שע מיטן אַנטייל פון יידן, און צווישן אַנדערע — אויך לויטן רוף פון אַן אָרגאַניזירטער יידישער מאַסן־באַוועגונג. דאָס איז געווען אַ יידי־שער ענטפער היטלערן.

זינט דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 קעמפן די יידן העלדיש אויף אַלע שלאַכט־פעלדער פון דער וועלט. זיי האָבן געקעמפט ביז צום לעצטן אין פראַנקרייך, זיי קעמפן אין ענגלאַנד און אין פּאַציפיק, זיי צייכענען זיך אויס אין ליפערן מוסטערן פון העראָאיזם אפילו אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואו אויסצייכענען זיך איז גאַנץ שווער, ווייל גרויסע מיליאָניקע מאַסן פירן דאָרטן צווישן זיך אַ געוועט אין פאַר־אַכטונג צום טויט און אין געבן מוסטערן פון ביישפּיללאָזן העראָאיזם. סאָוויעטישע צייטונגען און ראַדיאָ דערציילן וועגן רומרייכע בלעטער, וואָס יידישע יונגעלייט שרייבן אַריין אין היסטאָרישן קאַמף פאַר פרייהייט. אפילו אין די זעלבע אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען, וואָס דרוקן אַרטיקלען און אויפרופן וועגן דעם, אַז נאָר אַ יידישע אַרמיי קען ראַטעווען דעם יידישן כבוד, געפינען מיר אַן אַ שיעור באַשרייבונגען וועגן כבוד און רום וואָס עס ברענגען דעם יידישן פאָלק העלדישע יונגעלייט אויף היטלערס מזרח־פראָנט (צום ביישפּיל, באַשרייבונגען פון תל־אביבער קאָרעספּאָנדענט פון „מאָרגן זשורנאַל״ ס. איזאַקס וועגן העלדישע אויפטועו פון יידן אין דער סאָוויעטישער אַרמיי). אויך געבעלסעס אַגיטאַטאָרן רעדן וועגן דער באַזונדערער

פאַרביסנקייט פון די יידישע קעמפער, און דאָס מאָל, גלויבן מיר, זאָגן זיי דעם אמת.

און די אונטערערדישע יידישע מאַסן־באַוועגונג אין אָקופּירטן פּוילן? זייערע אונטערערדישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס וועקן קאַמפּס־לוסט, מוט און האָפענונג צווישן די פאַרפּייניקטע יידישע מאַסן אין די געטאָס און באַוואונדערונג אין גאַר דער וועלט? דאַרפן די דאָזיקע מאַסן ערשט אויסקעמפן פאַר זיך זייער רעכט צו קעמפן? ניין. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קאָן ביי זיי צורויבן אַלע רעכט — דאָס רעכט צו אַרבעטן, און דאָס רעכט צו עסן, דאָס רעכט צו באַוועגן זיך, און דאָס רעכט צו לעבן, אָבער נישט דאָס רעכט צו קעמפן. דאָס דאָזיקע רעכט פאַרלירן זיי ערשט צוזאַמען מיטן לעבן. אַזוי געשעט מיט הונדערטער אונזערע קדושים אין היט־לערס פּיין־קאַמערן. אַזוי איז געשען מיטן יונגן בונדיסט אין לובלין, וועגן וועמען די פּוילישע גלות־רעגירונג האָט געמאָלדן אין די לעצטע וואָכן אין אַ באַזונדערן קאָמוניקאַט, אַז די נאַציס האָבן אים אויפגעהאָנגען נאָך דעם, ווי ער האָט זיך אויסגעצייכנט אינם אונ־טערערדישן קאַמף קעגן נאַציזם. וואָס פאַר אַ ווערט האָט אין דעם שיין פון דעם אַלעמען די גאַנצע שיינע מליצה, אַז די יידישע אַר־מיי דאַרף „ראַטעווען דעם כבוד פון יידישן פאָלק”, אַז „מיר מוזן זיך אויסקעמפן דאָס רעכט צו קעמפן”. אָדער, אַז „מען זאָגט אונז אָפּ די רעכט צו שטאַרבן אָנשטענדיק”. דאָס איז ערגער ווי פּוסטע און פאַרפירערישע פראַזעאָלאָגיע. דאָס איז גרינגשעצונג און פאַראַכטונג פאַרן רעאַלן יידישן פאָלקס־לעבן, פאַראַכטונג פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן, פאַראַכטונג צו זייער בלוטיקן קאַמף. דאָס איז פאַרשוועכונג פון שענסטן און דערהויבנסטן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַרויס־געגעבן במשך פון זיין פיל־הונדערט־יאָריקער פּיין־געשיכטע...

אין צאַרישן רוסלאַנד און אין פּוילן האָבן די פאַרביסנסטע רעאַקציאָ־נערן געפאָדערט באַזייטיקן די יידן פון דער אַרמיי, און מען האָט מיט זיי געקאָנט דורכקומען, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן כאָטש באַזונדערע יידישע באַטאַליאָנען. דער פּוילישער גענעראַל זשעליגאָווסקי, איינער פון די רעאַקציאָנערסטע פּוילישע פּאָליטיקער, האָט נישט לאַנג אין לאָנדאָן געפּרואווט „טעאָרעטיש” באַגרינדן, פאַרוואָס די פּוילישע יידן דאַרפן אויסגעטיילט ווערן אין אַ באַזונדערע אַרמיי. צי קאָן דען ביי די אַלע באַדינגונגען ביי אימיצן בלייבן אַ ספק, אַז יעדע פאָדערונג אויסטיילן די יידן פון די אַלגעמיינע קאַמפּס־אָפּטיילונגען איז וואַסער אויף דער מיל פון דער אידייע פון אומגלייכהייט, אַז אין דער פּראַק־טישער פּאָליטיק קאָן דאָס נישט ברענגען קיין שום נוצן אָבער זיכערן שאָדן?

...אין משך פון יאָרן צוזאַמענלעבן איז צווישן די יידן און די אַראַבער אין פּאַלעסטינע אויסגעוואַקסן אַ וואַנט. די אומרוען האָבן אַרומגענומען אַלע שיכטן פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג. די ענגלענדער האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר הילפלאָז צו באַהערשן די לאַגע. דער ענגלישער כוח האָט נישט געווירקט. די ענגלישע פאַר־שונגס־קאָמיסיעס זיינען געצוואונגען געווען צו דערקלערן, אַז אין די היינטיקע באַדינגונגען פון מאַנדאַט זיינען נישטאָ קיין שום אויס־זיכטן איינצופירן רו און אָרדענונג אין פּאַלעסטינע.

די פּאָגראָמען קעגן יידן אין פּאַלעסטינע האָבן נאַטירלעך און מיט רעכט, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע פּאָגראָמען אומעטום, געוועקט צאָרן און געפילן פון עמפּערונג קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס און וואַ־רעמען געפיל צו די קרבנות פון די פּאָגראָמען. אָבער די לאַגע פון די יידן אין פּאַלעסטינע איז צום באַדויערן בעת די פּאָגראָמען געווען שווערער ווי אַנדערשוואו אין ענלעכער לאַגע. דאָ, — ווי אומעטום בשעת פּאָגראָמען, — האָבן די יידן געשאַפן אַ זעלבסטשוץ קעגן די גרויזאַמע איבערפאַלן. אָבער אין זעלבסטשוץ קעגן די פּאָ־גראָמען זיינען סיי אין אַמאָליקן רוסלאַנד, סיי אין פּוילן געווען טע־טיק אויך רוסישע און פּוילישע אַרבעטער און אינטעליגענטן. דאָס איז געווען מעגלעך, ווייל אין דער זעלבער צייט ווען די זעלבסטשוץ־גרופּן האָבן געקעמפט קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן אָבער גלייכ־צייטיק ברייטע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט זיך מיטבאַ־טייליקט אין קאַמף פאַר אַלעמענס פרייהייט אין לאַנד, און פאַר אַן אָרדענונג, וואו פינצטערע חיהשע עלעמענטן זאָלן מער נישט קאָנען אויסגענוצט ווערן פאַר בלוטיקע מעשים, וואָס זיינען נויטיק בלויז דעם אונטערדריקונגס־רעזשים. אויך אין צאַרישן רוסלאַנד פלעגן אָפט פינצטערע, אויפגעהעצטע פּויערים, אויסלאָדן זייערע חיהשע איינ־סטינקטן קעגן יידן. אָבער זייער אומצופרידנהייט פלעגט געלינגען ביי אַנדערע אומשטענדן צו פאַרווענדן פאַר רעוואָלוציאָנערע צילן. און דאַן פלעגן זיי קוקן אויף די יידישע מאַסן ווי אויף זייערע פאַרבינ־דעטע. די יידן אין פּאַלעסטינע זיינען געבליבן איינע אַליין, ווייל דער ציוניזם האָט זיך לכתחילה געשטעלט אין אַ פּאָזיציע נישט פון אַ פאַרבינדעטן פון די אַראַבישע מאַסן, וואָס קעמפן פאַר זייער אומאָפּ־הענגיקייט, נאָר פון זייערן אַ קעגנער. אָט די לאַגע מוז געענדערט ווערן, און וועט דאָס געשען וועט די ברייטע אַראַבישע מאַסע לייכט קאָנען באַגרייפן, אַז די העצע צו בלוטיקע מעשים קעגן אַ צווייטן טייל פון דער באַפעלקערונג איז אַן אומגליק אפילו אויך פאַר איר פרייהייטס־קאַמף.

...די ציוניסטן מאַכן זיך איצט אַ לייכט לעבן, צוואוואַרפנדיק דעם

גאַנצן בלוטיקן פּאַלעסטינער פּעקל היטלערן מיט מוסאָליניען. זיי זאָלן דאָס האָבן אויפגעהעצט די אַראַבער קעגן די יידן. און אויב מען וויל זיין קעמפעריש קעגן פאַשיזם, טאָר מען דעריבער נישט זיין נאָכ־גיביק לגבי די אַראַבער.

ווארשיינלעך האָט דער פאַשיזם טאַקע געהאַט אַ האַנט אין די פּאַלעסטינער אומרוען. היטלער און מוסאָליני האָבן געקאָנט אָפּקויפן דעם מופטי און נאָך אַ ביסל מענטשן זיינע, און געבן זיי מאָרד־מכשירים אין האַנט. אָבער די אַראַבער זיינען אַ פאָלק מיט פאַרטייען, געזעלשאַפטלעכער דיפערענצירונג און מען טאָר נישט אַלץ אַרויפ־וואַרפן אויף היטלערן, אויב דאָס גאַנצע אַראַבישע פאָלק ווי איין מענטש איז געשטימט קעגנעריש צום יידישן ישוב. און די ציוניסטן אַליין זיינען בפירוש נישט אויפריכטיק, ווען זיי שטעלן פאַר דעם אַראַבישן אויפברויז אין פּאַלעסטינע אויסשליסלעך ווי אַ קינד פון פאַשיזם.

די בעריזשע טובות

יאָרן־לאַנג האָט זיך אין פּאַלעסטינע געזאַמלט ברענשטאָף, און די ציוניסטן זיינען אַרומגעגאַנגען מיט אַנגעצונדענע קנויטן. זיי האָבן ביטער געקעמפט קעגן איינפירן אין לאַנד אַ געזעצגעבערישן ראַט פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. זיי האָבן נישט דערלאָזט, אַז עס זאָל קומען צום וואָרט די אַראַבישע מערהייט, זיי האָבן גערעדט וועגן טראַנספּערירן אַראַבער פון לאַנד.

פאַר דער פּיל־קאָמיסיע האָט איינער פון די „פייער־שלינגער", דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער רעוויזיאָניסטישער פירער זשאַבאָ־טינסקי, אין זיין עדות־זאָגן געמאַכט פאַרוואורפן, הלמאי מען באַ־האַנדלט די פּאַלעסטינער „קאָלאָניע" אַנדערש ווי קעניאַ. דאָס הייסט אַנדערש גערעדט — אַרויסגערוקט אַ פאָדערונג, אַז מען זאָל באַהאַנדלען די אַראַבער ווי אַ פאַרשקלאַפטע רעכטלאָזע מאַסע.

...און דער איינציקער אויסוועג פאַר די פּאַלעסטינער יידן איז: מוטיק איבעררייסן מיטן ציוניסטישן נעכטן. שלום מיט די אַראַ־בער — דאָס איז די איינציקע האָפענונג און ליכט־שטראַל וואָס בלייבט פאַר די פּאַלעסטינער יידן.

און וואָס גיכער דער שלום וועט קומען, אַלץ בעסער וועט זיין.

„אַ יידישע אַרמיי באַזירט אויף פּאַלעסטינע" — באַדייט צונישט מאַכן אַלע אַזעלכע פּרוּוון פון שלום.

און אינטערעסאַנט: צי זיינען די פּאַלעסטינער יידן אַליין אויך אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פאַרן געדאַנק פון אַ יידישער אַרמיי, אַזוי ווי די ציוניסטן אין אַמעריקע? פון די קאַרגע ידיעות, וואָס גרייכן היינט

אַהער פון פּאַלעסטינע, זעט מען נישט, אַז דאָרטן זאָל מען אַזוי שטאַרק רודערן מיט דער יידישער אַרמיי, ווי דאָ אין ניו־יאָרק. אין אָנהויב פון קריג האָט, לויט די ציוניסטישע ידיעות, די יידישע אַגענץ אין פּאַלעסטינע פאַררעגיסטרירט ביי 130 טויזנט מענער און פרויען אין עלטער פון 18 ביז 50 יאָר, פעאיקע צו מיליטער־דינסט. אָנהויב פאַריקן האַרבסט — נאָך איידער ענגלאַנד האָט צוריקגעצויגן איר פריער־דיקן צוזאָג צו שאַפן יידישע לעגיאָנען — האָט מען פון צווישן די פאַררעגיסטרירטע 130 טויזנט גענומען ווערבירן וואָלונטירן אין דער אַרמיי... קלאָר, אַז מען האָט דעמאָלט געהאַט אין זינען, אַז די וואָלונטירן זאָלן בילדן דעם קערן פון דער יידישער אַרמיי. אָבער מיט גרויס פּאַרדרוס און אויפרעגונג האָבן די ציוניסטישע פירער אין פּאַלעסטינע פעסטגעשטעלט, אַז פון די פאַררעגיסטרירטע 130 טויזנט האָבן וואָלונטירט בלויז... 6 פּראָצענט.

דער פ. צ.־שער „דבר“ איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן מיט ביטערע שטראָף־רייד קעגן דער „לײדיק־גייערישער יוגנט“. דער „דבר“ האָט דערביי אָנגעוויזן, אַז אַחוץ די, וואָס האָבן זיך געמאָלדן פאַר וואָלונ־טירן, זיינען פאַראַן נאָך פיל יוגנטלעכע אין וואָלונטיר־עלטער, וואָס מאַכן פול די קינאָס, די קאַפעס און פאַרגעניגן־הייזער, די טראָטואַרן און שפּיל־פּלעצער. „זיי דעמאָנסטרירן אונזער שאַנד“ — האָט זיך געבייזערט דער „דבר“.

און דער פירער פון די פּאַלעסטינער יידישע לאַנדווירטן סמי־לאַנסקי האָט זיך געקלאָגט: „...דער ווילן צו וואָלונטירן ווערט מעג־לעך נאָר אין אַ באַשטימטער אַטמאָספער פון התלהבות און זעלבסט־פאַרגעסנהייט. אַזאַ אַטמאָספער האָבן אונזערע פאַרשטייער נישט פאַר־שטאַנען צו שאַפן“... „וואו עס פעלט התלהבות — שרייבט ער ווייטער — געפינט מען שוין אַ היתר פאַר זיך נישט צו וואָלונטירן“.

אין דער דאָזיקער שטימונג פון „מאַנגל פון התלהבות“ האָט מען קאָנטיק געפּרואווט אָנווענדן דרוק־מיטלען לגבי דער יידישער יוגנט; ווייל פונקט אין דער זעלבער צייט איז דער פירער פון „ברית־שלום“ (אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איר ציל איז פאַרשטענדיקן זיך מיט די אַראַבער), דער פאַרוואַלטער פון ירושלימער אוניווערזיטעט דר. מאַג־נעס, אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן אויפרוף קעגן אַ באַזונדערער יידי־שער רעקרוטירונג. אין אויפרוף האָט ער געשריבן:

„לויט מיין מיינונג איז פליכט־רעקרוטירונג דורך דער רעגירונג דער ריכטיקער וועג, — דער דעמאָקראַטישער. אָבער כל זמן קיין פליכט־רעקרוטירונג דורך דער רעגירונג איז נישטאָ, וויל איך האָפן, אַז קיין אַנדערע וועלן נישט פּרואוון זיך באַנוצן מיט צוואַנג־מיטלען קעגן דער יידישער יוגנט“.

...מוז מען אויף דער פראַגע געבן אַ קלאָרן ענטפער: איז דאָס אַ מצווה אָדער אַ פאַרברעכן צו „אַפּיזן" די אַראַבער?

לאָמיר נישט מורא האָבן פאַר קיין ווערטער. דער טייטש פון „אַפּיזן" איז באַרואיקן, מילדערן, געפינען אַ פרידלעכן אויסוועג, דורכ־קומען מיט גוטן. ענגלאַנד האָט אַמאָל צו רעה פון דער גאַנצער מענטשהייט געוואָלט דורכקומען מיט גוטן מיט היטלערן. איז דען זשע צוליב דעם אויף אייביק פסול געוואָרן דער באַגריף — דורכ־קומען מיט גוטן? אויב פון פייער זיינען אויסגעבראָכן שריפות, וועלן מענטשן מחמת דעם אויפהערן צו נוצן פייער צום קאָכן? אויב פרידן האָט געבראַכט צום אומגליק, וועלן מענטשן זיך אָפּזאָגן פונם אידעאַל פון פרידן?

מען טאָר נישט אַפּיזן היטלערן און זיינע אַגענטן. און נאַצישע אַגענטן זיינען פאַראַן אומעטום, און געוויס אויך צווישן די אַראַבער. אָבער צי דאַרפן די ענגלענדער „אַפּיזן" די הינדוסן אין אינדיע און געווינען זיי ווי אַ שותף אין קאַמף קעגן פאַשיזם? צי האָבן די ענג־לענדער גוט געטאָן וואָס זיי האָבן יאָרן לאַנג אונטערדריקט און נישט געוואָלט „אַפּיזן" די איינגעבוירענע באַפעלקערונג אין בורמאַ, אַז איצטער איז זיי דאָרטן אויסגעקומען צו קעמפן אַרומגערינגלט מיט בלוטיקע שונאים?

דווקא אין די אינטערעסן פון אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף איז דער הייליקער געבאָט פון דער שעה פאַר די פאַרבינדעטע מלוכות צו גע־ווינען אויף זייער זייט אָדער צו „אַפּיזן", אויב איר ווילט, די גאַנצע אָרטיקע באַפעלקערונג פון נאָענטן און וויטן מזרח. הלוואי זאָלן איצטער זיין וואָס מער אַזעלכע אַפּיזערס! אין דער געשיכטע פון זיג איבערן פאַשיזם וועלן אַזעלכע „אַפּיזערס" דערמאָנט ווערן מיט לויב־געזאַנג.

פאַר וועמען די יידישע אַרמיי איז יאָ נויטיק

און שטעלט מען זיך נאָך דעם די פראַגע:

צי איז די יידישע אַרמיי נויטיק צוליב די אַלגעמיינע אינטערעסן פון אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף?

מוז מען ענטפערן:

— ניין! אַזאַ אַרמיי וואָלט געקאַנט, פאַרקערט, שאַפן איבעריק בייז בלוט אין נאָענטן מזרח צום שאָדן פון די דעמאָקראַטיעס און מיט נוצן פאַר היטלערן.

צי איז די יידישע אַרמיי נויטיק צוליב די אינטערעסן פון ענגלאַנד?

ניין, זי וואָלט בלויז שווערער געמאַכט די אַזוי אויך נישט לייכטע פּאָזיציעס פון ענגלאַנד אין אַזיע.

איז די יידישע אַרמיי נויטיק פאַרן פּאַלעסטינער יידישן ישוב?

ניין, די לאַגע פון ישוב, וואָס געפינט זיך אַזוי ווי אויף אַ וואולקאַן, וואָלט געוואָרן נאָך אומזיכערער.

איז די יידישע אַרמיי נויטיק פאַר די יידן אין אייראָפּע, פאַר די יידן אין אַמעריקע?

ניין און ניין.

און אַ יידישע אַרמיי איז נישט נויטיק צוליב דער אידייע פון גלייכהייט, ווייל אויסטיילן יידן פאַרט זיך מיט אומגלייכהייט; זי איז נישט נויטיק צוליב חשיבות און נישט נויטיק צוליב כבוד, — וואו מען קערט זיך און וואו מען ווענדט זיך, איז זי אומנויטיק און איז עלול צו ברענגען בלויז שאָדן.

איין צד איז פאַראַן פאַר וועמען זי איז יאָ נויטיק. דאָס איז די ציוניסטישע באַוועגונג. זי איז נויטיק נישט פאַר דער אידייע פון דער ציוניסטישער „גאולה". ווייל אפילו אויפריכטיקערע ציוניסטן אַליין שטראָפן זייער אייגענעם עולם און שרייבן, אַז עס איז אַן עוולה צו פאַרבינדן די צוקונפט פון ציוניזם מיט דער יידישער אַרמיי. זי איז נויטיק בלויז פאַרן ציוניסטישן היינט. זי גיט שטאָף צו רודערן און צו קאָנגרעסעווען; זי גיט געלעגנהייט צו „פאַרטרעטן" דאָס פאָלק ישראל; זי גיט שטאָף פאַר טומלדיקער אַגיטאַציע, קנאַקעדיקע פראַזן און נאַציאָנאַליסטישער היסטעריע; זי גיט שטאָף פאַר שלאָגן פּאָליטישן קאַפּיטאַל.

און אַז מען האָט נאָך דערצו אַ ביטול־באַציאונג צום לעבעדיקן לעבן פון יידישן פאָלק, אַ געפיל פון פאַראַכטונג צו זיין שווערן קאַמף און מסירת־נפש אין „גלות", — בלייבט נישט איבער קיין שום אַנדערע אויפגאַבע אין יידישן לעבן ווי דער קאַמף פאַר אַ יידישער אַרמיי. דערפון נעמט זיך די לייכטקייט, מיט וועלכער די ציוניסטן רעדן וועגן אונטערגאַנג פון די יידן אין אייראָפּע: עס עקזיסטירט שוין כלומרשט נישט דאָס געבענטשטע מיט שעפערישקייט יידישע לעבן אין פוילן, אַראָפּגעשווענקט זיינען די יידן אין רומעניע, ליטע און לעטלאַנד, עס עקזיסטירן נישט די יידן פון רוסלאַנד: מען איז טויב און בלינד צום פּרעכטיקן העראָאיזם, מיט וועלכן די יידישע מאַסן אין אָקופּירטן אייראָפּע קעמפן פאַר זייער רעכט אויף לעבן; מען פרייט זיך נישט איבער דעם זעלטענעם לעבנס־דראַנג וואָס עס אַנטפּלעקט זיך ביי די יידישע מאַסן אין די געטאָס, איבער זייער וואונדערלעכער פעאיקייט צו פאַרקלאַמערן זיך מיט וואָרצלען אפילו

אין האַרטן און טרוקענעם געטאָ־שטיין. די פּראָפּעסאָרן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון דער ציוניסטישער וועלט־פירערשאַפט האָבן אָפּגעזאָגט דעם קראַנקן יידישן קיבוץ אין אייראָפּע דאָס לעבן, און אין זייערע אויגן איז ער טויט. מעג ער אויסשטראַלן פון זיך די וואַרעמ־סטע קאָלירן פון האָפענונג, זיי האָבן אים אויסגעשטראָכן פון רייס־טער פון די לעבעדיקע, און ווילן פון אים נישט וויסן.

אַן אַנדערע זאַך איז, וואָס די „מיליאָנען טויטע" וועלן נאָך פון דער וועלט נישט איין מאָל מסתמא קומען צו חלום צו די אַלע „רעכנ־מייסטערס".

די שטים פון די געטאָס

היינט אָבער איז די צונג פון די יידן אין אייראָפּע שטום. זעלטן ווען עס דערגייט אויף דרויסן זייער פאַרפּייניקטער קרעכץ, זייער פאַרשטיקטער קאַמפּס־רוף. היטלערס ביקס באַוואַכט היינט צען מי־ליאָן יידן. די יונגען, ווען „עס גייט טאָפּלט גוט, ווען יידיש בלוט פון מעסער שפּריצט", ווי זיי זינגען אין זייער ליד, זיי בילדן אַן ענגן רינג אַרום דער גרויסער תפיסה וואָס הייסט יידיש לעבן אין אייראָפּע. און זיי האָבן גענומען פאַר שותּפים די קנאָכיקע אָרעמס פון הונגער, דעם פאַרצערנדיקן פיבער פון מגפה, קאַלטן שטאָל פון פיין־קאַמער און ווערגנדיקן שטריק פון דער תליה.

און שטאָל טרעפט אויף שטאָל. שטאָל פון פיין־קאַמער אויף שטאָל פון גייסט. די יידישע מאַסן ליידן, קעמפן און גיבן זיך נישט אונטער. עס לויכטן זיי אַריין אין חושך פון היינט האָפענונג און גלויבן. עס קרעפטיקט זיי דער עקשנותדיקער ווילן אויסצוהאַלטן און דערלעבן דעם זיג. אויגן אויף אויסגעצערטע בלאַסע פּנימער ברענען מיט אמונה: די וועלט מוז ווערן אַנדערש. און אויף אומגעזעענע כוואַליעס שטראָמען פון די געטאָס אין דער וועלט אַריין דער צאַפּל פון קידוש־השם, דער הייליקער פלאַטער פון מאָראַלישער גבורה.

וואָס זשע טוען פאַרט די יידן פון אויסער היטלערס גהינום צו העלפן אויסהאַלטן דעם געפּייניקטן יידישן פאָלק פון אייראָפּע, וואָס ליידט אַזוי אוממענטשלעך און קעמפט אַזוי בראַוו?

דערווייל כמעט ווי גאָרנישט.

ווי זשע וועלן זיך פילן יענע, וואָס אויף די פראַגן פון די באַפרייטע ברידער:

— וואָס האָט איר געטאָן, אַז די וועלט זאָל דערהערן אונזער קרעכץ, פאַרנעמען אונזער רוף?

— וואָס האָט איר געטאָן אויף צו העלפן, ווען דער טויט האָט

געשפּאַצירט אין אונזערע גאַסן, געבאַלעבאַטעוועט אין אונזערע היימען, פאַרשניטן אונזערע בעסטע און נאָענטסטע?

ווי וועלן זיי זיך פילן, אַט די אַלע, וואָס וועלן אויף די פראַגן קאָנען נאָר ענטפערן:

— אָ, מיר האָבן אין יענע צייטן אויפגערודערט אַ וועלט! ביי הונדערטער גרויסע און קליינע שרייבער, פּאָליטיקער און סתם מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר האָבן מיר אַרויסגעקראָגן הסכמות, אַז מען דאַרף אַ יידישע אַרמיי...

***

און פון הינטער די פאַרנעפּלטע האָריזאָנטן שימערירט שוין היינט דער טאָג פון זיג, ווען אונזערע באַפרייטע ברידער וועלן קומען מיט זייערע האַרבע פראַגן און מיט זייערע אייגענע — אין הייליקן פיין געלייטערטע — ענטפערס.

די דאָזיקע ענטפערס זיינען היינט אין די געטאָס דער קוואַל פון מוט, זיי לויכטן מיט אמונה אין יעדער שורה פון די אונטערערדי־שע צייטונגען, און פון זיי שפּראָצט אַרויס וואַרעמקייט און טרייסט.

און די ענטפערס זיינען דורכגעדרונגען מיט טיפן באַוואוסטזיין, אַז די ערד, אויף וועלכער די יידישע מאַסן לעבן און קעמפן, דער באָדן, וואָס איז זאַט מיט זייערע טרערן, בלוט און שוויס, דאָס איז זייער היים, אין וועלכער זיי זיינען גלייכע באַלעבאַטים מיט אַלע אַנדערע איינוואוינער פון לאַנד.

די ענטפערס שטיצן זיך אויף דער פעסטער איבערצייגונג, אַז יידישער אומגליק און יידישער פּיין זיינען אַ טייל פון דער רשעות, וואָס הערשט היינט אין דער וועלט; אַז אין אַ וועלט פון שקלאַפעריי און קייטן וועט דאָס אומגליק נאָכיאָגן און פאַרלויפן דעם וועג די יידישע מאַסן, וואוהין זיי וועלן פון אים נישט אַנטלויפן; אַז אין אַזאַ וועלט קאָן אויך פּאַלעסטינע און יעדע אַנדערע „אייגענע" טערי־טאָריע זיין דער ביטערסטער גלות; און אַז, דאַקעגן, אין אַ באַפריי־טער וועלט וועט די ערד אונטער די פיס ווערן די שענסטע און זיכער־סטע היים, וואו די יידישע מאַסן וועלן אַלס מענטשן און אַלס יידן געניסן פון פולע בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט.

די ענטפערס זיינען באַזעלט מיט שטאָלענער זיכערקייט, אַז די וועלט שטייט היינט אויף דער שוועל פון באַפרייאונג, אַז די שרעק־לעכע ליידן וועלן נישט זיין אומזיסט, אַז אין פּיין, אומגליק און פלאַ־

מען ווערט געבוירן אַ נייע בעסערע וועלט; אַ וועלט אָן אויסנוצער און אויסגענוצטע, אַ וועלט פון אמתער גלייכהייט און פרייהייט.

צו דער דאָזיקער וועלט זיינען היינט געווענדט די בליקן און די הערצער פון די יידישע מאַסן אין די געטאָס. צו דער דאָזיקער וועלט ווענדן זיך זייערע בליקן אַלע יענע, וואָס זיינען פעאיק צו פאַרנעמען די שטים פונם געטאָ.

פאַר דער דאָזיקער וועלט בלוטיקן היינט אין די געטאָס און אויף אַלע שלאַכטפעלדער פון דער ערד שטאָלצע מחנות יידישע קעמפער, ווי יידישע טיילן פון דער מענטשהייטס גרויסער פרייהייטס־אַרמיי, וואָס מאַרשירט צום נייעם מאָרגן.

(פון אַ בראָשור, פאַרלאַג מעדעם־קלוב, ניו־יאָרק, 1942)

„שטרומאַ״

אין דער שאַנד־מגילה פון אונזער צייט זיינען צוגעקומען עטלעכע אַנגעגליטע מיט בזיון און ווייטיק שורות, וואָס טראָגן דעם נאָמען „שטרומאַ״.

768 יידישע מענער, פרויען און קינדער האָבן פאַרענדיקט זייער לעבן אין די אָפּגרונטן פון ים, ווייל די גרויסע, רייכע און שיינע וועלט האָט נישט געהאַט פאַר זיי קיין אָרט אונטער אירע הימלען. זיי האָבן געראַטעוועט זייערע קערפּערס פון די נעגל פון די נאַצישע בעסטיעס און — געוואָרן שפּייז פאַר די פיש אין די טיפענישן פונם ים מער נישט דערפאַר, ווייל פאַר די אַנטרונענע פון היטלערס גיהנום איז אומעטום דער „אריינגאַנג פאַרבאָטן״. טערקיי האָט די אומגליקלעכע מענטשן נישט דערלויבט צו לאַנדן און אויך נישט דערלויבט אַדורכצופאָרן דעם באָספּאָר אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער קאַפּיטאַן פון דעם אַלטן קליינעם 400־טאָניקן שיפל האָט בפירוש דערקלערט, אַז די שיף איז מער נישט „ים־פעאיק״. די ענגלישע אַד־מיניסטראַציע פון פּאַלעסטינע האָט זיך שטרענג געהאַלטן אין בוכ־שטאַב פון די אימיגראַציע־פאַראָרדענונגען, און זי האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, וואָס אָט דער בוכשטאַב באַדייט פאַר הונדערטער נפשות טויט־אורטייל, און אין בעסטן פאַל — צוריק אין גיהנום אריין, אויב די שיף וואָלט מיט אַ נס בשלום צוריק דערגרייכט די ברעגעס פון בולגאַריע אָדער רומעניע.

די 768 אומגעקומענע פון דער „שטרומאַ״ זיינען ניט סתם קרבנות פון קריג. יעדן טאָג לעשן זיך אויס אויף די שלאַכטפעלדער הונדער־טער און טויזנטער לעבנס, אָבער זייער טויט פאַרמאָגט אינ־האַלט און זין. דאָס זיינען געפאַלענע אין קאַמף קעגן פאַשיזם. די אומגעקומענע פון דער „שטרומאַ״ זיינען קרבנות פון ענגהאַרציקייט, וואָס הערשט נאָך ביז היינט אין באַדייטנדיקע קרייזן פונם אַנטי־פאַשיסטישן לאַגער. זייער טויט איז מער ווי הימל־שרייענדיקער אומ־זין. זיי זיינען קרבנות פון אַ שווערן פאַרברעכן, וואָס טאָר נישט פאַרשוויגן ווערן.

ווער זיינען די שולדיקע אינם פאַרברעכן ?

מען רעדט וועגן דער שולד פון טערקיי. אין גרויסע טיילן פון דער יידישער געזעלשאַפט רעדט מען מיט ביטערניש וועגן דער שולד פון די ענגהאַרציקע ענגלישע באַאַמטע אין פּאַלעסטינע. און ביידע זאָכן זיינען ריכטיק: די טערקישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן נישט אַרויס־געוויזן קיין פונק פון מענטשלעכקייט. די ענגלישע קאָלאָניאַלע באַאַמטע האָבן דעמאָנסטרירט אַ האַרטע און טרוקענע טעמפּקייט.

צי זיינען זיי אָבער די איינציקע שולדיקע?

געוויס נישט. טערקיי וואָלט זיך געקאָנט פאַררופן אויף ביי־שפּילן פון גרויסע מלוכות, וואָס האָבן אַ נאָמען מיט זייער הומאַניטאַ־רישקייט, און וועלכע האַנדלען נישט בעסער; און — באַאַמטע זיינען דאָך נישט מער ווי באַאַמטע.

„שטרומאַ" איז אַ פראַגמענט פון אַ גרויסער טראַגעדיע; און דער איינצלפאַל דאַרף נישט פאַרשטעלן די גאַנצע טראַגעדיע, נאָר פאַרקערט, נאָך שטאַרקער צושמידן צו איר די אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז די טראַגעדיע פון פּליטים, פאַר וועמען עס איז נישטאָ קיין אָרט אויף דער ערד; דאָס איז די חרפּה פון „שיפן וואָס שווימען איבער ימען" און געפינען נישט קיין האַפן. דאָס איז דער בזיון פון כינע־זישע מויערן, מיט וועלכע די רייכע און רואיקע וועלט טיילט זיך אָפּ פון די היימלאָזע און דאַכלאָזע, וועלכע קלאַפּן אומזיסט אין אירע טויערן.

און אָט די טראַגעדיע האָט זיך נישט נאָר וואָס אָנגעהויבן. אַ יאָר פאַר דער וועלט־מלחמה זיינען אינם קליינעם גרענעץ־שטעטל צווישן פראַנקרייך און שווייץ, אין עוויאַן, זיך צונויפגעפאָרן פאַרשטייער פון עטלעכע צענטליק מלוכות, כדי צו באַטראַכטן דאָס פּראָבלעם פון אַזיל פאַר די צענטליקער טויזנטער, ביי וועמען דער פאַשיזם האָט צוגערויבט זייער היים. אויף דער קאָנפערענץ זיינען געווען פאַרטראָטן פאַרשטייער פון מלוכות, וואָס צו זיי אַלעמען צוזאַמען געהערט צוויי דריטל פונם גאַנצן ערד־קוגל און נאָך אַ גרעסערער טייל פון זיינע רייכטימער. אָבער די אַלע ערד־שטחים און אוצרות האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט גענוגנדיק אויף אויסצוטריקענען די טרערן פון עטלעכע צענטליק טויזנט היימלאָזע. און זינט יאָרן, ווי עס שווימען „שיפן אָן אַ האַפן" איבער אַלע זיבן ימים פון דער וועלט. עס איז נאָך פריש ביי אַלעמען אין זכרון די געשיכטע מיט „קאַבאַ דע האָרנאָס", וואָס אירע 86 יידישע פּליכטלינגען האָבן, — נאָך לאַנגע חדשים פון אַרומשווימען איבער ימען אָן אַ ברעג, און נאָך קלאַפּן אומזיסט אין אַלע טויערן פון דער וועלט, געשלאָסן צווישן זיך אַ זעלבסטמאָרד־אָפּמאַך, ווען זיי האָט געדראָט צוריקגעשיקט צו ווערן אין פראַנקאָ־שפּאַניע.

די דאָזיקע 86 זיינען גליקלעכערווייז געראַטעוועט געוואָרן, אָבער דער גליקלעכער סוף איז אַ זעלטנהייט. צי האָט, למשל, די וועלט פֿאַר־נומען דעם פֿאַרצווייפֿלטן רוף פֿון דער גרויסער צאָל יידישע פּליטים־לינגען, וועלכע וואַלגערן זיך אין פּאָרטוגאַל און וואָס האָבן צו וויסן געגעבן, אַז זיי דראָט צוריקגעשיקט צו ווערן צו די נאַציס? און וואו האָט געפֿונען אָן אויער דער הילפֿס־רוף פֿון הונדערטער יידישע פּליטים־לינגען אין שאַנכאַי, וואָס האָבן געבעטן רחמים, אַז מען זאָל זיי ראַטעווען פֿון יאַפּאַנישער אָקופּאַציע?

און עס קלינגט דאָך ווי אַ גרויזאַמע איראָניע דער פֿאַקט, וואָס אַפֿילו אין יענע לענדער, וועלכע פֿירן היינט די מענטשהייט אין קריג אונטער דער פֿאָן פֿון הומאַניזם, איז אָפּטמאָל אַזוי שווער אַרויסצו־באַקומען די נויטיקע מאָס וואַרעמקייט און מענטשלעכקייט צו די אומגליקלעכע קרבנות פֿון היטלערס „נייער אָרדענונג״.

די גאַנצע וועלט מוז היינט ברייט עפֿענען אירע טויערן פֿאַר אַלע היימלאָזע קרבנות פֿון נאַציזם און פֿאַשיזם, דאָס איז דער וועג, דורך וועלכן מען קאָן היינט אין די טעג פֿון קריג אָפּווישן פֿון אונזער מענטש־לעכער קולטור די חרפּה פֿון שיפֿן, פֿאַר וועלכע עס שטייען אָפֿן בלויז די אָפּגרונטן פֿון ים. די גאַנצע וועלט מוז שטיין אָפֿן פֿאַר אַלע יענע, וואָס זוכן אַ נייע היים. דאָס מוז זיין איינער פֿון די פֿרידן־צילן פֿון דער וועלט, וואָס דאַרף אַרויס אַ באַנייטע פֿון היינטיקן קריג.

ווער עס מאַכט נישט היינט פֿון דער „שטרומאַ״־טראַגעדיע אָט דעם אויספֿיר, דער זעט נישט אָדער וויל נישט זען די גרויס פֿון דער טראַגעדיע. און אַזעלכע זיינען פֿאַראַן: אָט האָט אַ דעלעגאַציע אונ־טער דער אָנפֿירונג פֿון די ציוניסטן באַזוכט דעם אַמעריקאַנער וויצע־אויסערן־מיניסטער וועלס. וואָס האָט די דעלעגאַציע פֿאַרלאַנגט? — בלויז אין זאַך: אַז די פֿאַראייניקטע שטאַטן זאָלן ווירקן אויף דער רעגירונג פֿון גרויס־בריטאַניע — זי זאָל ענדערן די אויפֿפֿירונג פֿון איר אַדמיניסטראַציע אין פּאַלעסטינע, — אין הסכּם מיט די „פֿאַר־פּליכטונגען פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע און פֿונם פּאַלעסטינער מאַנדאַט״. דער ציוניזם זעט ווי געוויינטלעך בלויז איין ווינקעלע פֿון דער וועלט. פֿאַר אים עקזיסטירן בלויז יענע שיפֿן, וועלכע שווי־מען אויפֿן וועג קיין פּאַלעסטינע; פֿאַר אים זיינען דערשיטערנדיק בלויז יענע אומגליקן, וועלכע גיבן אַ געלעגנהייט צו באַנייען דעם ציוניסטישן שטרייט מיט ענגלאַנד אַרום מאַנדאַט און באַלפֿור־דע־קלאַראַציע, און ער האָט אויסגענוצט דעם „שטרומאַ״־אומגליק פֿאַר אָט די צילן.

צי וואָלט נישט געווען מער יושר און מער אין די אינטערעסן

פון די אומגליקלעכע היימלאָזע צו געדענקען, אַז שיפֿן מיט היימלאָזע זיינען געשוואומען און שווימען איבער אַלע ימען; אַז מיט יעדערער פון זיי קאָן פּאַסירן דאָס וואָס מיט „שטרומאַ״; אַז פֿאַר זיי זיינען געשלאָסן נישט נאָר פּאַלעסטינע, נאָר אויך ביידע אַמעריקעס, אויסטראַליע, אַפֿריקע, אַלע אינזלען איבער אַלע אָקעאַנען, — מיט איין וואָרט, די גאַנצע וועלט?

די יידישע היימלאָזע, וועלכע וואַלגערן זיך אין קאָנסטאַנצאַ אָדער וואַרנאַ זיינען אַ קליינער טייל פון דער גרויסער היימלאָזער מאַסע, וועלכע קומט אָפּ אַלע פּיינען פון גיהנום אין פאַרשידענע פּאָרטן פון דער וועלט. נאָך מער, דער שווערער אומגליק פון דער גרויסער היימלאָזער מאַסע איז אַ פּרט אין דער גרויסער טראַגעדיע, וועלכע עס לעבט איבער דאָס יידישע פֿאָלק, וועמעס גרעסטער טייל שמאַכט אין די געטאָס.

די טרויעריקע שורות אונטערן נאָמען „שטרומאַ״, וואָס זיינען אַריינגעשריבן געוואָרן לעצטנס אין דער שאַנד־מגילה פון אונזער צייט, קאָנען דינען אַלס שטויס צו מאָביליזירן די נאַציאָנאַלע ענערגיע אויף אַרויסצוקריגן אַ פֿאָר וואַרעמע ווערטער פֿאַר יענע היימלאָזע, וועלכע וואַלגערן זיך אין די שוואַרץ־ימיקע פּאָרטן און ווילן גרייכן פּאַלעסטינע; זיי וואָלטן אָבער אויך געקאָנט דינען אַלס שטויס צו באַלויכטן די לאַגע פון די היימלאָזע אין גאָר דער וועלט, ווי איין שטריך פון דער גרויסער טראַגעדיע פון יידישן פֿאָלק, און מאָביליזירן דערביי ענערגיע פֿאַר דער גרויסער תביעה צו דער גאַנצער הומאַניטאַרער מענטשהייט אין שייכות מיט אָט דער טראַגעדיע: אַ תביעה צו דערפילן איר חוב און אָנצושטרענגען אַלע קרעפטן אויף העלפן די יידישע מאַסן אומעטום אויסצוהאַלטן.

צי איז נויטיק צו באַווייזן, אַז דער צווייטער וועג איז דער איינציק ריכטיקער?

(„אונזער צייט״, אַפּריל, 1942)

די טויט־בשורות פון די געטאָס

פון הינטער די געטאָ־מויערן רייסן זיך אַדורך ידיעות איינע שוידערלעכער פון דער צווייטער. עס ווערן אַדורכגעשמוגלט גרוסן, פון וועלכע עס מישן זיך די גערדאַנקען. עס שוועבן פאַר די אויגן בילדער, וואָס פאַרפּאָלגן טאָג און נאַכט, וואָס יעדעס פון זיי איז גענוג אויף אַראָפּצופירן פון זינען.

עס איז נישט געווען גענוג דערשיטערנדיק דער פאַקט אַליין, וואָס מיליאָנען נפשות זיינען אין די היטלער־לענדער פאַרשפּאַרט געוואָרן הינטער מויערן און שטעכיקן דראָט און פאַרמשפּט אויסצוגיין פון הונגער און מגפות, קומט צו דאָס שרעק־בילד פון גוססדיקע מענטשן, וועמען מען טראָגט אַראָפּ אויף דער גאַס פון וואַרשעווער געטאָ צו שטאַרבן, בכדי זיי זאָלן שפּעטער מעגן געניסן פון אַן אומזיסטן שטיקל ערד פאַר אייביקער רו; קומט צו די אויפטרייסלענדיקע גרויזאַמקייט פון סטעריליזירן טויזנטער יידישע קינדער אין פראַנקרייך; קומט צו די באַשרייבונג פון שחיטה־פעלד הינטער מינסק, וואוהין מען האָט צענטליקער טויזנטער יידישע נפשות געטריבן ווי שאָף צום שלאַכטן, און עס דערגרייכן אונז געשפּענסטלעכע ידיעות וועגן ענלעכע שחיטה־פעלדער אין פאַרשידענע טיילן פון פוילן, ליטע, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע; און צו דעם אַלעמען — קומט צו דער קאָשמאַר פון די גאַז־עקזעקוציעס, לויטן דאָקומענט, וואָס מיר האָבן אין געהיים געקראָגן פון פוילן. יעדע שורה פון דעם דאָזיקן דאָקומענט מאַכט גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן. מען פאַרנאַרט די קרבנות מיט מילדע רייד, כדי שפּעטער שטאַרקער הנאה צו האָבן פון זייער טויט־שרעק, ווען מען יאָגט זיי אין גאַז־קאַמער. די פאַרמשפּטע צאָלן איין פאַר רייזע־הוצאות און... קאָסטן פון דער עקזעקוציע, יידישע קברנים באַערדיקן זייערע נאָענטסטע און לייגן זיך אין גרוב, וואו זיי קריגן אַ קויל אין קאָפּ; נאַצי־אָפיצירן באַזוכן דעם עקזעקוציע־פּלאַץ און האָבן הנאה פון דער איינריכטונג; 60 טויזנט דערשטיקטע אין אַט דער נאַצישער פאַבריק פון מאַסן־מאָרד — דאָס אַלץ איז נישט קיין שרעקלעכער און ווילדער חלום! לויטן עדות זאָגן פון דריי אַנטלאָפענע קברנים, איז דאָס אַלץ געשען און דאָס געשעט מסתמא

נאָך ווייטער. מענטשן מיט קראַנקער פֿאַנטאַזיע און פּאַטאָלאָגישע נייגונגען, ראַפֿינירטע מאַסן־מערדער, דער ערגסטער מענטשלעכער אָפּפֿאַל, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן גיבן זיי אַרויס פֿון זיך „דיסלדאָרפֿער מערדער" און „דזשעקס־בויך־אויפֿשניידער", זיי זיינען היינט געשטעלט געוואָרן פֿאַר באַלעבאַטים איבערן לעבן און טויט פֿון מיליאָנען און מי־ליאָנען מענטשן און זיי באָדן זיך ביז איבערן האַלדז אין בלוט, זיי טויטן, שטיקן און שחטן, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אָפּשטעלן זייער מאַשין פֿון קאַלטן, סיסטעמאַטישן מאָרד. קאָנען מיר וויסן וועל־כע טיילן פֿון יידישן נאַציאָנאַלן קערפּער ווערן אין איצטיקן מאָמענט, ווען מיר שרייבן אָדער לייענען די דאָזיקע שורות, אומגעבראַכט דורך אָט דער בעסטיאַלישער מאָרד־מאַשין? וואָס פֿאַר אַ פֿרישע גרויל־ידיעות וועט אונז ברענגען די נאָענטע צוקונפֿט?

פֿאַרוואָס שווייגט מען?

די לעצטע אַלאַרם־ידיעות פֿון וואַרשעווער געטאָ זיינען: די שאַו־ליסעס, די ליטווישע פֿאַשיסטן, וועמען די נאַצי־מאַכט האָט ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט קיין פּוילן אויף צו פֿאַרבייטן די נישט־זיכערע פּוילישע פּאָליציי, פֿירן דורך אין וואַרשעווער געטאָ בלוטיקע שחיטות. אַ צווייטע ידיעה: מען פֿירט אַרויס פֿון וואַרשעווער געטאָ טראַנספּאָרטן צו זעקס־זיבן טויזנט אַ טאָג אויף מזרח צו „אַן אומבאַקאַנטן פּלאַץ", — און אונז בלייבט די ברירה צו קלאָמערן זיך אינם שוואַכן שטרויעלע פֿון „האָפֿענונג", אַז דאָס באַדייט — אַרויסגעפֿירט — נישט פֿאַר צילן פֿון תיכּפֿדיקן מאַסן־מאָרד, נאָר פֿון שקלאַפֿן־אַרבעט אויפֿן סאָוויעטישן פֿראָנט, וואָס מיינט, מער לאַנגזאַמער מאָרד. אַ דריטע ידיעה: דער וואַרשעווער יידן־ראַט (קהילה) האָט געקראָגן אַ באַפֿעל צוצושטעלן אַ רשימה פֿון הונדערט טויזנט יידן, וואָס זאָל אַרויסגעפֿירט ווערן פֿון געטאָ. אַלס ענטפֿער דערויף האָט אינזש. טשערניאַקאָוו, דער פֿאָר־זיצער פֿון דער וואַרשעווער יידישער קהילה, זיך גענומען דאָס לעבן. אינזשיניער טשערניאַקאָוו האָט אַזוי אַרום פּראָטעסטירט דורך זיין אייגענעם טויט קעגן דער פֿאָדערונג פֿון די סאַדיסטישע אָקופּאַנטן, אַז די קהילה זאָל צולייגן אַ האַנט צו זייער מאָרד־אַרבעט; און ער האָט דערביי אומצווייפֿלהאַפֿט אַרויסגעוויזן פֿיל מוט און ווירדע. אָבער מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן, אַז ווען אינזש. טשערניאַקאָוו האָט אויסגעווילט זיין קדושים־טויט, האָט ער אין פֿלעשעלע גיפֿט געזוכט אַ רעטונג נישט בלויז פֿון זיינע אייגענע שווערקייטן. מסתמא האָט איין האָפֿענונג פֿאַרלייכטערט זיינע טויט־ווייען — די האָפֿענונג, אַז אפֿשר וועט די וועלט פֿאָרט דערהערן, זיך אָפּרופֿן...

און דאָס איז היינט געוויס די פראַגע, וועלכע פלאַטערט אין מיליאָנען הערצער, וואָס צאַפּלען זיך אין הילפלאָזער אַנגסט אונטער די מעסערס פון היטלערס שעכטער: צי וועט די וועלט דערהערן, זיך אָפּרופן?

און די וועלט הערט נישט. קיין איין גרעסערע ענגליש־אַמעריקאַנער צייטונג האָט נישט געשריבן וועגן די גאַז־עקזעקוציעס. זייער ווייניק נישט־יידישע צייטונגען האָבן געבראַכט די ידיעה וועגן מערדערישן חלק, וואָס שוועבט איבערן יידישן וואַרשע, וועגן דער עוואַקואַציע אין אַן „אומבאַקאַנטן פּלאַץ", וועגן זעלבסטמאָרד פון טשערניאַקאָוון.

חורבן לידיצע האָט, מיט רעכט, אויפגערודערט די וועלט. אָבער לידיצע איז דאָך בלויז אַ טראָפּן אין ים אַנטקעגן פאַרוואַנדלען אַ פאָלק אין בעטלער און שלאַכט־פי, אַנטקעגן דעם בית־עלמין אין זאַגוראָוו, וואָס וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אַ שאַנד־פלעק אויפן מענטשלעכן מין, אַנטקעגן טייוולאַנישן שפּאַט איבער טויזנטער לעבעדיקע, וועמען מען גייט דערשטיקן, און אַנטקעגן דער בעסטיאַלישער שענדונג פון די קערפּערס פון די טויטע.

וואָס באַדייט דאָס דאָזיקע טויט־שווייגן? פאַרטעמפּטקייט מחמת דעם, וואָס יידן־מאָרדן אונטער היטלערן איז געוואָרן אַ וואָכעדיקע זאַך און מען האָט זיך צו דעם שוין צוגעוואוינט?

שטרויסן־פּאָליטיק, אַ ווילן אויסצומיידן שרעק־בילדער, וואָס קאָנען צורייבן דעם שלאָף און צעשטערן די רו?

סקעפּטישע באַציאונג צו די באַריכטן צוליב דער נאַאיווער פאַרשטעלונג, אַז אַפילו אַ פאַשיסטישער מלוכה־אַפּאַראַט קאָן נישט באַגיין אַזעלכע שוידערלעכע חיהשקייטן?

ווי דאָס זאָל נישט זיין, — נאָך זאַגוראָוו ווי פאַר זאַגוראָוו פלאַקערט נישט די וועלט פון צאָרן און חרפּה. דער וועלט־געוויסן דרימלט פאַרהילט מיטן צודעק פון שווייגן.

עס איז דער חוב פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אַראָפּצורייסן דעם דאָזיקן צודעק, דורכצוברעכן דעם רינג פון שווייגן.

ווייל אויסער דעם אַלגעמיינעם ענטפער און דעם קאַרדינאַלן אויסוועג — שלאָגן היטלערן אויף אַלע אַלטע און נייע פראָנטן און דורכדעם ראַטעווען די פאַרבליבענע טיילן פון יידישן פאָלק, מוז מען זיך דערשלאָגן צו אַ בפירושער וואָרנונג, וואָס זאָל ברענגען די פאַרשקלאַפּטע און געפייניקטע מאַסן אין די אָקופּירטע לענדער די טרייסט, אַז זייער וויי־געשריי ווערט דערהערט.

די וועלט מוז אונז דערהערן. מיט אַ קורצער צייט צוריק האָבן ניין עקזיל־רעגירונגען זיך געוואָנדן מיט אַ נאָטע צו רוזוועלטן, טשער־

טשילן און סטאַלינען מיטן פּאַרלאַנג, אַז זיי זאָלן לאָזן הערן זייער וואָרנונגס־שטים קעגן די נאַצי־רציחות אין די פּאַרשקלאַפּטע לענדער. פּרעזידענט רוזוועלט האָט שוין געמאַכט אַזאַ וואָרנונג אין אַן אַלגע־מיינער פאָרם. אָבער מען מוז זיך דערשלאָגן, אַז די וואָרנונג זאָל באַזונדערס אויסטיילן די יידן אין אייראָפּע, וועמענס בלוט די נאַציס האַלטן שוין פאַר אַבסאָלוט הפקר. דער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אונטערגענומען אַן אַקציע פון אונטערשריפטן וועגן אַזאַ וואָרנונג. עס איז אַ כבוד־זאַך פאַר אונז אַלעמען, אַז די אַקציע זאָל אַרומנעמען די ברייטסטע מאַסן. אָבער אָט די אַקציע אַליין איז ווייניק. אַז מען קאָן טאָן פיל מער האָט באַוויזן דער ביישפּיל פון ענגלאַנד. עס איז כדאַי אין שייכות מיט דעם צו דערמאָנען נאָך אַמאָל די ידיעות, וועלכע זיינען דורך דער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער היגער יידישער טאָג־פּרעסע וועגן דער אַקציע אין ענגלאַנד: דאָרטן איז געלונגען צו פאַראינטערעסירן די גאַנצע בריטישע אַרבעטער־וועלט מיט די באַריכטן וועגן די מאַסן־מאָרדן פון יידן אין אָקופּירטן פּוילן און אַנדערע טיילן פון אייראָפּע, און די דאָזיקע ידיעות האָבן אויפגעטרייסלט די ברייטסטע געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד. דעם 23טן יולי האָט די עקזעקוטיווע פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי אויסגעהערט רעפּעראַטן פון די ח"ח ש. זיגעלבוים („בונד") און אַדאַם טשאַלקאַש (פּ.פּ.ס.) וועגן די שרעקלעכע רציחות, וועלכע די דייטשן באַגייען לגבי דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, און האָט באַשלאָסן:

1. אָרגאַניזירן אַ גרויסן פּראָטעסט־מיטינג אין לאָנדאָן.

2. אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע בראָשור, וועלכע זאָל פאַרשפּרייט ווערן אין הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

3. פאַנאַנדערשיקן צו אַלע אירע ברענטשעס אין לאַנד אָפּשריפטן פון די רעפּעראַטן, וועלכע ש. זיגעלבוים און אַדאַם טשאַלקאַש האָבן געהאַלטן אויף דער עקזעקוטיוו־זיצונג.

4. אינסטרואירן אַלע אָפּטיילונגען פון דער לייבאָר־פּאַרטיי, זיי זאָלן אין אַלע ערטער אָפּהאַלטן ספּעציעלע מיטינגען און אָננעמען פּראָטעסט־רעזאָלוציעס.

5. צושיקן די דאָזיקע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס צו דער בריטישער און דער אַמעריקאַנער רעגירונגען.

דאָס איז דערגרייכט געוואָרן אין ענגלאַנד, וואו עס לעבט אַ פאַר־העלטנישמעסיק קליינער יידישער קבוץ און וואו עס איז נישטאָ קיין גרויסע יידישע מאַסן־באַוועגונג. פאַרוואָס זשע זאָל דאָס נישט מעגלעך זיין דאָ אין אַמעריקע, וואו עס לעבט דער צאָלרייכסטער יידישער קיבוץ און וואו עס זיינען פאַראַן די מעכטיקסטע אין דער וועלט יידישע

מאַסן־אָרגאַניזאַציעס און שטאַרקסטע אין דער וועלט יידישע יוניאָנס, ווי אויך אַלגעמיינע יוניאָנס מיט ריזיקע איינפלוסן פון זייערע יידישע מיטגלידער? פאַרוואָס זאָלן זיך דאָ נישט געפינען קיין גרויסע פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זאָלן אונטערנעמען אַן ענלעכע אַקציע, ווי די לייבאָר־פּאַרטיי? פאַר דעם זיינען נאַטירלעך נויטיק שוואונג און פאַרמעסט מצד די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. אָבער שוין זשע זיינען די ידיעות וועגן זאַגוראַוו, מינסק, וואַרשע און אַנדערע גרויל־גרוסן, וואָס קומען פון יענער זייט אָקעאַן, וויניק אויף אַרויסצוברענגען איבערמענטשלעכן אימפּעט פאַר אַ צום ברייטסטן פאַרמאָסטענער אַקציע?

די דערפאַרונג אין אַמעריקע

אין די לעצטע וואָכן זיינען פאַרגעקומען צוויי גרויסע מאַסן־אַרויסטרעטונגען אויפן באָדן פון אַמעריקע אין שייכות מיט די נאַצישע שחיטות אויף יידן. דעם 21טן יולי אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן, אָרגאַניזירט דורכן יידישן קאָנגרעס, אַרבעטער־קאָמיטעט און „בני־ברית", און דעם 12טן אויגוסט אַ וועלט־תענית, גערופן דורך דער אגודת הרבנים. די רבנים האָבן לכתחילה נישט געשטרעבט צו פּאָליטישע צילן. דאַקעגן האָט די ערשטע פאַרזאַמלונג זיך געשטעלט געוויסע פּאָליטישע צילן, אָבער גראָד נישט געגוי יענע, וואָס עס וואָלטן געוויס דערוואַרט די שמאַכטנדיקע יידישע מאַסן אין איראָפּע. עס זיינען געווען בריוו פון רוזוועלטן, טשערטשילן און פון אַ ריי אַנדערע פירער פון די פאַראייניקטע פעלקער, עס האָבן גערעדט גאָווערנאָר לעהמאַן און מעיאָר לאַ גוואַרדיאַ, עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ פאַר צענטליק טויזנט מענטשן, די ענגלישע פרעסע האָט וועגן דער פאַרזאַמלונג געשריבן. אָבער דער פּאָליטישער עפעקט פון דער פאַרזאַמלונג איז נישט יענער, וועלכער האָט געקאָנט און געדאַרפט זיין. ח' צביון האָט וועגן דער פאַרזאַמלונג ריכטיק געשריבן אין „פאָרווערטס", אַז אויף איר האָט געפעלט שטימונג. און ווירקלעך, אויף דער פאַרזאַמלונג האָט געפעלט די אָנגעגליטע אַטמאָספער, וועלכע שאַפט זיך געוויינלעך אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן, ווען עס פאַרזאַמלען זיך אינעווייניק און אַרום זאַל צענטליקער טויזנטער, און דער עיקר, זי האָט ווייט נישט אָפּגעשפּיגלט די שרעקלעכע טראַגעדיע פון די יידישע מאַסן אין די געטאָס.

די פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן־סקווער־גאַרדן איז גערופן געוואָרן נאָך דער ידיעה, אַז די נאַציס האָבן אין אָקופּירטן איראָפּע אויסגעשחטן זיבן הונדערט טויזנט יידן. עס האָט געשיינט, אַז דאָס איז אַ ידיעה, וואָס גענוגט אויף צו פאַראייניקן טויזנטער הערצער אויף אַ יידישער

פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין טיפן טרויער און אָנפילן זיי מיט צאָרן. דער ציוניסטישער צד האָט אָבער משמעות געהאַלטן, אַז זיבן הונדערט טויזנט געשחטענע ייִדן אין איראָפּע האָבן נאָך נישט פאַרדינט קיין באַזונדערע פאָלקס־פאַרזאַמלונג. זיי האָבן פאַרלאַנגט צו פאַרבינדן די פאַרזאַמלונג מיט די פּראָבלעמען פון שוץ פאַר פּאַלעסטינע, און מען האָט געדאַרפט נאָר אַ ביסל קענען די ציוניסטן אויף צו פאַרשטיין, אַז זיי ווילן פאַרוואַנדלען אַזאַ פאַרזאַמלונג אין אַ דעמאָנסטראַציע פאַר אַ ייִדישער אַרמיי און פאַר אַנדערע ציוניסטישע צילן.

און אַזוי איז טאַקע געשען, סיי אויף דער פאַרזאַמלונג, סיי נאָך דער פאַרזאַמלונג. דער „טיימס” האָט אויף מאָרגן נאָך דער פאַרזאַמלונג געווידמעט דעם גרעסטן טייל פון זיין באַריכט פּראָגן פון ציוניזם, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער פאַרזאַמלונג. דער „מאָרגן־זשורנאַל” האָט קריטיקירט טשערטשילס מעסעדזש, וואָס האָט „אַריינגעמישט ארץ־ישראל, און — זאָגט רעד. פישמאַן אין „מאָרגן־זשורנאַל” — עס האָט זיך געפילט, אַז ער איז געפּענטעט אָדער באַלאַנסירט אויף אַ שטריק”. דער „טאָג” האָט געדרוקט אַ לייט־אַרטיקל: „גאָווערנאָר לעהמאַן האָט געמעגט שווייגן” אין שייכות מיט לעהמאַנס אַרויסטרעטונג קעגן אַ ייִדישער אַרמיי. דעם „ייִדישן קעמפער” האָט „שאָקירט די טאַקטלאָזע דערקלערונג פונם ייִדישן גאָווערנאָר פון שטאַט ניו־יאָרק”. מיט איין וואָרט, אַנשטאָט אַן איינהייטלעכן פּראָטעסט און צאָרן זיינען געווען גרילצן און טענות; אַנשטאָט אַ קרעפטיקער דעמאָנסטראַציע קעגן היטלערן — אַ מבול ציוניסטישע פראַזן, וואָס האָבן, אין תוך גענומען, אין אַן אַנאָנימער פאָרם באַנייט די טענות צו ענגלאַנד און צו טשערטשילן.

וואָס פאַר אַ ייִדישער נאַציאָנאַלער אינטערעס האָט דיקטירט צו פאַרבינדן דעם אויסדרוק פון צאָרן קעגן דעם גרעסטן גרויל פון אַלע צייטן און דורות מיט ריין־ציוניסטישע פּראָבלעמען? וועלכע אינטערעסן פונם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף באַרעכטיקן דאָס צונויפפאָרן אַ פּראָטעסט קעגן די גרעסטע שאַנד־טאַטן פון פאַשיזם מיט טענות וועגן אַ ייִדישער אַרמיי, וואָס באַדייט פאַקטיש אַ פּראָטעסט קעגן דעמאָקראַטישן ענגלאַנד?

און וואָס פאַר אַן „אחדות”־אינטערעסן האָבן באַרעכטיקט צו פאַרבינדן די טראַגעדיע פון די נאַצישע שחיטות, בנוגע וואָס עס זיינען ווירקלעך פאַראַן איינהייטלעכע געפילן אין אַלע קרייזן פון ייִדישן פאָלק, מיט אַ פראַגע, וועגן וועלכער עס הערשט אָפן און קלאָר אַ טיפע מיינונגס־פאַרשידנהייט?

אָבער לאָמיר לאָזן אַן אַ זייט די אינטערעסן פון „אחדות” פון

דער נאַציע און פונם אַלגעמיינעם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף. אפשר איז ביי די לייט פון ידישן קאָנגרעס פשוט פאַראַן אַ טבע צונויפצומישן אַלע נאַציאָנאַלע צרות אין איין טאָפּ, און זיי קאָנען נישט גיין קעגן זייער געוואוינהייט ? — הויבט זיך נישט אָן : ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט זיך געטומלט וועגן אַ געמיינזאַמער דעלעגאַציע פון פאַר־שידענע צדדים קיין וואַשינגטאָן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַל „שטרומאַ״. עס איז דעמאָלט געווען אַ צד, וואָס האָט פאָרגעלייגט, אַז אַ געמיינזאַמע דעלעגאַציע זאָל זיך אויך ווענדן גלייכצייטיק וועגן דערלאָזן שפּיז־פּעקלעך פאַר די הונגעריקע מיליאָנען אין די געטאָס. די ציוניסטן האָבן דאָס קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. ס׳טייטש — האָבן זיי געטענהט — ווי קאָן מען דאָס צונויפמישן ? ווייזט זיך היינט אַרויס, אַז אַמאָל קאָן מען מישן און אַמאָל נישט. די קדושה פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע קאָן נישט פאַרשוועכט ווערן מיט קיין שום וואָכע־דיקע יידן, וואָס שטאַרבן אויס פון הונגער. דאַקעגן, קופּעס און קופּעס הרוגים פון אָט די וואָכעדיקע יידן קאָנען זוכה זיין, אַז מען זאָל זיי באַמערקן נאָר אין פאַל, ווען זיי ווערן צונויפגעפּאַרט מיט ציון און באַלפור.

די ציוניסטן זיינען אויף דער פאַרזאַמלונג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן נישט געווען לאָיאַל צו זייערע שותפים. ווען זיי וואָלטן אָבער אפילו געווען לאָיאַל (אויף וואָס זיי זיינען, איבעריקנס, לויט זייער עצם נאַטור נישט פּעאיק) און ווען די פאַרזאַמלונג וואָלט נישט פאַר־מאָגט אַזעלכע געדיכטע ציוניסטישע פאַרבן, האָבן די ציוניסטן שוין דורכדעם אַליין, וואָס זיי האָבן אויפגעצוואונגען די אָרגאַניזאַטאָרן אַריינצופירן פראַגן פון פּאַלעסטינע, געבראַכט פיל שאָדן דער מעגלע־כער קרעפטיקייט פונם אַנטי־היטלער פּראָטעסט. עס איז נישט צו־פעליק, וואָס אין פּרעזידענט רוזוועלטס בריוו געפינט זיך נישט קיין וואָרט וועגן פּאַלעסטינע, הגם די אָרגאַניזאַטאָרן האָבן זיך געווענדט צו אַלעמען צו נעמען אַ וואָרט וועגן ביידע פראַגן, וועגן וועלכע מען האָט גערופן די פאַרזאַמלונג. עס איז נישט צופעליק, וואָס טשערטשיל האָט וועגן פּאַלעסטינער ענינים „באַלאַנסירט ווי אויף אַ שטריק״ און אַלנפאַלס זיי געווידמעט אַזוי פיל פּלאַץ, אַז דער אַנטי־היטלער טייל פון זיין בריוו איז אַרויסגעקומען בלאָס און אָן לעבן. עס איז נישט צופעליק, וואָס גאָווערנאָר לעהמאַן האָט, אונטערשטרייכנדיק, אַז ער רעדט נישט בלויז ווי אַ ייד, נאָר אויך ווי דער גאָווערנאָר פון סטייט, זיך דעקלאַרירט קעגן אַ יידישער אַרמיי. עס איז געווען פון פריער געננוג קלאָר, אַז וואַשינגטאָן וועט באַגרענעצן ביזן וויטסטן מינימום דעם אָנטייל פון זיינע אָפיציעלע מענטשן אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס וועט מיט איין שפּיץ זיין געווענדט קעגן ענגלאַנד. און עס איז

פֿאַראַן אַ פֿעסטער גרונט צו באַהויפּטן, אַז אין אַ פֿאַרזאַמלונג, וועלכע וואָלט זיך פֿאַרנומען אויסשליסלעך מיט די היטלער־רציחות, וואָלטן אַנטייל גענומען זייער אָנגעזעענע רעדנער פֿון וואַשינגטאָן, וועלכע וואָלטן אפֿשר פֿאַרוואַנדלט די פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג אין אַ היסטאָרישער געשעעניש. די ציוניסטן האָבן דאָס געוואוסט. און ווען זיי האָבן געהאַט די ברירה אויסצוווילן צווישן אַ מעכטיקער דעמאָנסטראַציע קעגן די היטלער־שחיטות אויף יידן פֿון אַ גאַר גרויסן באַדייט און — אַ ציוניסטישער פֿאַרזאַמלונג מיט אַנטי־היטלערישע טענער — האָבן זיי אויסגעוויילט דאָס צווייטע. מיר וואונדערן זיך נישט אויף די ציוניסטן: נישט דאָס ערשטע מאָל, ווען זיי דעמאָנסטרירן, אַז די אינ־טערעסן פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג שטייען ביי זיי העכער פֿון די בלוטיקסטע פֿאָלקס־אינטערעסן. אָבער אויב אויפֿן באָדן פֿון דער אָר־בעטנדיקער יידישער אַמעריקע וועלן זיך געפֿינען גענוג כוחות, וואָס וועלן אַרויסוויזן טעמפּעראַמענט און ווילן פֿאַר יעדן פּרייז צו ברענגען פֿאַר דער ברייטער עפֿנטלעכקייט די דערשיטערנדיקע טראַ־געדיע פֿון די יידישע מאַסן אין אָקופּירטן אייראָפּע, וועלן זיי, האָפֿנט־לעך, עפּעס לערנען פֿון דער פֿרישער דערפֿאַרונג.

(„אונזער צייט״, סעפּטעמבער, 1942)

מאַסן־מאָרד

ביים סאַמע שליסן דעם נומער האָבן מיר באַקומען די צעשמע־טערנדיקע ידיעה וועגן אומאויפהערלעכן מאַסן־מאָרד פון דער יידישער באַפעלקערונג אונטער היטלערן. די ידיעה שטייגט איבער מיט איר גרויל אַלץ, וואָס איז צו אונז ביז איצט דערגאַנגען פון די געטאָס. פאַרניכטונגס־קאָמיסיעס, וואָס מאָרדן מיט דער פינקטלעכקייט פון אַ מאַשין, אָפּגעווישטע יידישע קהילות, שטעט פאַרוואַנדלטע אין בית־עלמינס, פעלדער און פלעצער — אין ריזיקע ברודער־קברים. מען שעכט אויס פּלאַנמעסיק און סיסטעמאַטיש די יידישע באַפעלקערונג אין די דורך די נאַציס פאַרנומענע געביטן. אַ העלפט יידן זאָל מען שוין האָבן פאַרניכטעט, און די מאַשין אַרבעט ווייטער; מען קוילעט, שיסט און מען סמט אַלט און יונג, פרויען און קינדער.

דער פּרימיטיווער לעבנס־אינסטינקט, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין דער מענטשלעכער נאַטור און וואָס שטויסט צו קלאַמערן זיך אין לעבן אַפילו ביים ברעג פון קבר און אונטערצוהאַלטן אַ פונק פון האָפענונג ביים ראַנד פון אומפאַרמיידלעכן אומגליק, — ער זאָגט אונז אונטער, אַז דאָס אַלץ איז אַ וויסטער, וואַנזיניקער קאָשמאַר, אַ בייזער חלום, פון וועלכן מען דאַרף נאָר דערוואַכן.

אָבער די קאַלטע און טרוקענע לאָגיק טויט אָפּ יעדע רעגונג פון טרייסט. די ידיעה שטאַמט פון אָפיציעלע פוילישע קרייזן, זי קומט פון לאָנדאָן גופא, זי ווערט באַשטעטיקט דורך אינפאָרמאַציעס פונם סטייט־דעפּאַרטמענט אין וואַשינגטאָן. די רוצחישע אַרבעט איז אַ פאַקט, און די נאָך היינט ניט געשאָכטענע קאָנען געשאָכטן ווערן מאָרגן.

נישט אויף די שלאַכטפעלדער פון קריג פאַלן הונדערטער טויזנ־טער פון אונזערע ברידער און שוועסטער, לייבלעכע און נאָענטע. ווי קעלבער ווערן זיי טויזנטערווייז געפירט צו דער שחיטה. ווי פּי זיינען זיי פאַרשפאַרט אין די געטאָס הינטער מויערן, פאַרמשפּטע אויף אומברענגען נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען יידן, און מען קאָן נישט אויסמיידן דעם גזר־דין, און עס זעט זיך נישט קיין רעטונג.

אין די מלוכה־קאַבינעטן פון היינטיקן דייטשלאַנד איז רואיק און אויך קאַלט געפאַלן דער באַשלוס: אויסשעכטן אַזוי פיל הונדער־טער טויזנטער אָדער אפשר אַלע, וואָס געהערן צום יידישן פאָלק. און אין האַרץ פון אייראָפּע האָט אַ מלוכה געלאָזט אין גאַנג די מאָ־דערנסטע מאָרד־מיטלען קעגן אַן אומשולדיקער פרידלעכער באַפעל־

קערונג. מען מאָרדעט פרויען מיט קינדער אויף די הענט, לערער און דערציער צוזאַמען מיט זייערע שילער, און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל אָפּשטעלן די רוצחישע האַנט.

אָט די מאָרדן האָבן זיך אָנגעהויבן נישט היינט. זיי זיינען דער שאַנדפלעק פונם גאַנצן מענטשלעכן מין. די וועלט האָט צו לאַנג וועגן זיי געשוויגן. היינט רעדט מען און מען שרייבט שוין וועגן זיי. צי נישט צו שפּעט?

די מאָרדן וועלן פאַרבלייבן די אייביקע שאַנד פון אייראָפּע. זיי מאַכן אייראָפּע פאַר אַ סימבאָל פון חרפּה, אַנשטאָט פון נאָבלקייט, ווי דאָס איז אַמאָל געווען. ווי אַזוי דולדעט האַלב אייראָפּע אָט די וואַנזיניקע מערדער?

ווי אַ ברענענדיקער קין־פלעק פאַלן די מאָרדן אויפן קאָפּ פונם היינטיקן דייטשלאַנד. די צענטליקער טויזנטער תּלינים זיינען זין פון דייטשן פאָלק. און אויב אפילו זייער לאַנד איז היינט אונטערן נאַציזם איין גרויסע תּפיסה, האָבן דאָך אפילו אין תּפיסות אַמאָל נאָר די געמיינסטע מנוּוולים מסכּים געווען צו ווערן תּלינים.

מען מוז אָפּשטעלן די רוצחישע האַנט! די ציוויליזירטע וועלט מוז מעלדן הויך דורך אירע פּאָליטיקער, מלוכה־מענער און וואָרט־פירער: יעדער דייטש, וואָס לייגט צו אַ האַנט צו דער אויסראָטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס קוקט זיך צו צו דעם גלייכגילטיק, וואָס שטערט נישט די רוצחים, איז אַ מיטמערדער, און אַזוי וועט ער באַהאַנדלט ווערן. און דאָס איז אונזער פאָדערונג אין דער הייסער מינוט פון דערהאַלטן די נייע פינצטערע בשורות: וואָרענען די דייטשע פאָלקס־מענטשן! די אָרגאַניזאַטאָרן פון די מאָרדן אַליין, — זיי איז נישטאָ וואָס צו וואָרענען. זייער פּילפּאַכע שאַנד קאָן קיינמאָל נישט אָפּגעוואַשן ווערן. זייערע פאַרברעכנס וועלן מוזן באַצאָלט ווערן. זיי מוזן דערטרונקען ווערן אין כוואַליעס פון האַס. און די דאָזיקע כוואַליעס וועלן שטייגן אַלץ העכער און טראָגן צו די מערדער די ביטערע קללות און געפילן פון ברענענדיקער נקמה אַזוי לאַנג, כּל זמן דער נאַציזם און פאַשיזם אין אַלע זיינע געשטאַלטן וועלן מיט גליענדיקן אייזן נישט אויסגעברענט ווערן פונם קערפּער פון דער געזעלשאַפט.

און דערווייל טאָרן מיר נישט פאַרלירן דעם גלויבן, אַז מען קען ראַטעווען די פאַרבליבענע ביים לעבן. די הענקער טאָר נישט געלינגען זייער טייוולאַנישער פּלאַן. דאָס קאָן מען דערגרייכן נישט דורך אָפּהענטיקייט און פאַרצווייפלונג. זאָל זשע העכער שטורעמען דער פּראָטעסט, זאָל שטאַרקער פלאַקערן דער צאָרן!

(„אונזער צייט״, דעצעמבער 1942)

דער הילפּס־רוף פון פּוילן און די אַמעריקאַנער ייִדן

לאָמיר קאָנטראָלירן זיך אַליין: אפשר זיינען מיר אומגערעכט מיט אונזערע טענות צו גאָר דער וועלט, צו רעכטס און צו לינקס, צו ייִדן און צו נישט־ייִדן. פון אונז שרייט אַרויס ווייַ און ביטערניש צוליב דעם וואָס דאָס וועלט־געוויסן איז נישט גענוג אויפגעציטערט אין אַ צייט, ווען די נאַציס שעכטן קאַלטבלוטיק אויס אַלע ייִדן אין אָקופּירטן איירןאָפּע. אָבער אפשר איז דאָס נאָר אַ ווייַ און ביטערניש פון יחידים, פּאַרזונקענע אין טיפן צער, וואָס זיינען גרייט צו פאַר־לאַנגען, אַז די זון זאָל אויפהערן שיינען פאַר אַלעמען, ווען פאַר זיי איז דער הימל פינצטער געוואָרן, אָדער אַז עס זאָלן נישט הילכן געלעכטער און פרייד, ווען אין זייערע אויערן קלינגט דער אַנגסט־לעכער טויט־געשריי פון נאָענטע. טענות פון אַזאַ מין איז מען אין דער וועלט שטענדיק גרייט מוחל צו זיין, אָבער קיינמאָל נישט באַ־רעכטיקן.

לאָמיר זיך פאַרטראַכטן: אפשר פאָדערן מיר טאַקע פון דער וועלט אוממעגלעכס? מענטשן קאָנען דאָך נישט רעוואָלטירן קעגן זייער אייגענער נאַטור. און די מענטשלעכע נאַטור איז שטענדיק גענייגט אַמשטאַרקסטן איבערצונעמען זיך מיט אומגליקן אין דער נאָענטסטער סביבה. אַ פראַנצויזישער מלוכה־מאַן האָט אַמאָל אָט די מענטשלעכע טבע כאַראַקטעריזירט מיט פאָלגנדיקע ווערטער: ווען עטלעכע פראַנ־צויזן קומען אום אין אַ באַן־קאַטאַסטראָפע ביי ליאָן, איז דאָס פאַר אונז אַן אומגליק, ווען הונדערטער טויזנטער כינעזער קומען אום ביי זיך אין לאַנד פון אַ פאַרפלייצונג אָדער מגפה, איז דאָס — סטאַטיסטיק. צי קלאַפּן מיר נישט אומזיסט אין אַ טויבער וואַנט, ווען מיר ווילן, אַז אַלע מענטשן אין די פרייע לענדער זאָלן דערפילן די „סטאַטיסטישע״ צאָלן פון די צוויי מיליאָן אויסגעשאָכטענע ייִדן אָדער פון 250 טויזנט פאַרסמטע און פאַרברענטע, געשענדטע און דערשטיקטע וואַרשעווער ייִדן, — ווי זייערן אַן אייגענעם אומגליק, ווי אַן אייגענע קאַטאַסטראָפע?

אפשר זיינען טאַקע גערעכט די, וואָס פאַרזיכערן, אַז אין באַ־צוג צו די ייִדן־שחיטות האָט די וועלט שוין באַוויזן, אַז זי איז נישט

סדום? אפשר, פאַרזונקענע אין אָפּגרונט פון צער, האָבן מיר פאַרהערט און פאַרזען ווערטער פון צאָרן, פון מיטגעפיל, פון טרייסט?

אָדער זיינען גאָר גערעכט די סקעפּטיקער, די געלאַסענע, וואָס פרעגן: צו וואָס? וואָס קאָן העלפן דאָס שרייען? וואָס פאַר אַ מיט־לען קאָנט איר אָנווייזן אויף אָפּצושטעלן די רוצחישע האַנט?

אפשר נויטיקן מיר זיך טאַקע, אַז מען זאָל אונז דערמאָנען, אַז די הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע קרבנות זיינען אַ טייל פון דעם בלוטיקן פּרייז, וואָס די גאַנצע מענטשהייט צאָלט פאַר פאַרניכטן היטלעריזם און פאַשיזם, אַז אויף אַלע פראָנטן פון דער וועלט פאַלן יעדן טאָג קרבנות פאַרן זעלבן הייליקן ציל? און דער אויסוועג איז — שלאָגן דעם היטלעריזם וואָס שנעלער און וואָס גרינטלעכער?

לאָמיר זשע פאַריאָגן פון די אויגן דאָס געשפּענסט פון אַ ניי־געבוירן יידיש עופּהלע אויף גראַכאָוו, וואָס ווערט ווי אַ וואָרים צעטראָטן מיט די פּיס פון אַ דייטשן זשאַנדאַרם, לאָמיר פאַרטרייבן פון זיך דעם קאָשמאַר פון די נאָך לעבן פאַרבליבענע יידן אין וואַרשע, וואָס צאָלן 100 זלאָטעס דעם מערדער פאַרן חסד דערשאָסן צו ווערן אויפן אָרט, בכדי נישט דאַרפן וואַרטן אויף גאַז־קאַמערן און קאַלך־וואַגנס, לאָמיר באַמיען זיך אויף אַ ווילע נישט צו הערן דעם פאַרצווייפלונגס־רוף, וואָס קלינגט אומאויפהערלעך אין די אויערן, — דעם רוף פון 5 מיליאָן פאַרמשפטע, וועלכע געפינען זיך אין די הענט פון די מער־דער; לאָמיר פאַרגעסן, אַז עס זיצן נאָך אַלץ קאָמיסיעס פון געלערנ־טע אויף אויסצוטראַכטן פאַר זייערע הילפלאָזע קרבנות די ראַפי־נירטסטע מיתה־משונות. לאָמיר באַמיען זיך ווי וויט מעגלעך קאַלט צו באַטראַכטן די ענטפערס פון די ניכטערע, צופרידנגעשטעלטע, גע־לאַסענע און סקעפּטיקער.

ריכטיק איז, אַז אויף צענטליקער שלאַכטפעלדער פון דער וועלט בושעוועט היינט דער טויט. אומעטום, וואו עס לעבט אַ יידישע מאַסע, צאָלט זי מיט ברען איר הייליקן בלוט־שטייער. אָבער צי האָבן די טויזנטער, וואָס פאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער פאַר אימיצן ערגעץ־וואו פאַרשטעלט די עטלעכע הונדערט טשעכישע מענער, פרויען און קינ־דער, וועלכע זיינען אויסגעשאָכטן געוואָרן אין לידיצע? — ניין, און — מיט רעכט, ווייל יעדערער האָט פאַרשטאַנען, אַז די שוידערלעכסטע טראַגיק פון קריג קאָן מען נישט פאַרגלייכן מיט דער באַרבאַריי פון קאַלטבלוטיק אויסשעכטן אַ שוצלאָזע ציווילע באַפעלקערונג. דער נאָמען לידיצע איז געוואָרן אַ סימבאָל פון נאַצישער פאַרווילדונג. אָבער צי וועט איר געפינען איינעם פון הונדערט אַמעריקאַנער, אָדער איינעם פון צען יידן אין אַמעריקע, וועמען עס זיינען באַקאַנט די

נעמען כעלמנאָ, טרעבלינקע, סאָביבאָר? צי זיינען אָט די נעמען כאָטש אַ צענט־חלק אַזוי באַקאַנט, ווי דער נאָמען לידיצע? צי פיל מענטשן אין דער וועלט האָבן אַ פאַרשטעלונג, וויפל מענטשלעכע שאַנד, יסורים און פאַרברעכן באַדייטן אָט די עטלעכע נעמען? גאַנץ ווייניק. און אויב דאָס איז אַזוי, איז שעדלעך צו שפּיגלען זיך ווי אין דימענטן אין דערקלערונגען פון „חסידי אומות העולם״ (די פרומע פון דער נישט־יידישער וועלט), וואָס פאַראורטיילן די נאַצי־רציחות אויף יידן. די וואָס האָבן געמאַכט אַזעלכע דערקלערונגען האָבן געטאָן זייער מענטשלעכן חוב. אָבער פאַרוואָס פאַרט האָבן אַזוי ווייניק נישט־יידישע פּאָליטיקער אויפן באָדן פון אַמעריקע געטאָן זייער מענטשלעכן חוב? ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט פּאַסירן, אַז — ווי ווייט עס איז אונז באַקאַנט — האָבן נאָר צוויי פון די גרויסע ניו־יאָרקער נישט־יידישע צייטונגען ביז היינט אָפּגעדרוקט עדיטאָריעלס געווידמעט דעם גרעסטן פאַרברעכן אין דער מענטשלעכער געשיכטע? — ניין, עס איז ווייט נישטאָ קיין גרונט צו טרייסטן זיך מיט דעם, וואָס איז ביז היינט געטאָן געוואָרן.

און אַז מען פרעגט אונז: צי מיינט איר, אַז דער טומל וועט העלפן? — זאָגן מיר אויפריכטיק, — מיר ווייסן דאָס נישט. וואָס מיר ווייסן אָבער אויף זיכער, איז, אַז שווייגן וועט אוודאי נישט העלפן. דאָס באַווייזט גאַנץ קלאָר די אַרבעט פון היטלערס פאַרניכטונגס־קאָמיסיעס אין דעם לעצטן האַלב־יאָר, — אַן אַרבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן דווקא ביי אַ שטילשווייגן פון דער וועלט. פאַראַן נאָך ניי־טראַלע לענדער — טערקיי, שוועדן, שווייץ, דרום־אַמעריקאַנער מלוכות, וואַטיקאַן, פאַראַן דער אינטערנאַציאָנאַלער רויטער קרייץ. אַ שטורעם פון צאָרן און עקל צו די ווילדע רוצחים וואָלט געקאָנט ווירקן, אַז אין אָט די אַלע לענדער און אינסטיטוציעס, וואו עס קומען נאָך היט־לערס פאַרשטייער, — זאָלן זיי אומצווייד־ייטיק שפירן, אַז מען באַטראַכט זיי ווי מצורעים, ווי פאַרשטייער פון אַ קאַניבאַלן־לאַנד. אַ שטורעם פון צאָרן און עקל איבער דער וועלט וואָלט אויך פיל דייטשן אין דריטן רייך גופא געצוואונגען צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער איי־גענער צוקונפט. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס די פאַראייניקטע פעל־קער קאָנען אפשר געפינען ווירקזאַמע מיטלען ווי אַזוי אפילו היינט אָפּצושטעלן די מאָרד־אַרבעט. סקעפּטיקער און פאַרצווייפלטע מוזן דאָס געדענקען: פאַראַן בלויז איין וועג אויף אפשר צו ראַטעווען די פאַרבליבענע ביים לעבן — דאָס איז דער וועג פון שטורעמען די וועלט. אונזער שווייגן אָבער באַדייט פאַר זיי זיכערער אומקום. און קיינער האָט היינט נישט קיין מאָראַלישע רעכט צו גיסן קאַלט וואַסער אויף די קעפּ פון די, וואָס רופן צו טאָן.

און מיר פאָדערן נישט פון דער וועלט קיין אוממעגלעכס. אומגליקן אין ווייטע לענדער זיינען טאַקע אַמאָל אפשר געווען בלויז שטאָף פאַר סטאַטיסטיק. מיר האָבן אָבער דאָ היינט צו טאָן נישט נאָר מיט אומגליק. דער באַריכט פון דער פוילישער רעגירונג וועגן דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן אין הייניטיקן נומער, גיט אַ בילד פון אַזעלכע ליידן, פון אַזאַ תהום פון פיין, פון אַזאַ אומענדלעכער אַכזריות, פון אַזוי פיל פאַרברעכערישקייט און סאַדיזם, אַז אַלע מגילות פון רשעות און פיין, אַלע קלאָג־געזאַנגען וועגן יסורים, וועלכע עס זיינען פאַראַן אין וועלכער נישט איז שפּראַך, ווערן בלאַס אַנטקעגן אָט דעם דאָקומענט. די אַלע פאַקטן קאָנען נישט נישט דערשיטערן דאָס מענטשלעכע געוויסן. אויב די וועלט האָט אין זייער צייט שאַרף רעאַגירט אויף שחיטות פון קורדן קעגן אַרמענער, אויף יידן־פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד, אויף יידן־פאַרפאָלגונגען אין רומעניע, אויב דאָס וועלט־געוויסן איז דערשיטערט געוואָרן מיט אַ צייט צוריק צוליב לידיצע, איז אוממעגלעך, אַז די וועלט זאָל נישט אויפגעטרייסלט ווערן ביז די טיפענישן דורך אַזאַ פאַקט כאָטש, ווי דאָס אויסשעכטן אין איין טאָג אַלע יידישע קינדער פון די וואַרשעווער אינטערנאַטן, קינדער־היימען און יתומים־הייזער? בפרט נאָך, ווען די אַנטי־פאַשיסטישע לענדער פילן זיך היינט אין צייט פון וועלט־קריג מער ווי ווען נישט איז אַלס איין בלוט־ און גורל־געמיינשאַפט. די יידישע מאַסע אין פוילן, וואָס ווערט היינט אַזוי חיהש געמאָרדעט און שיקט צו דער וועלט איר פאַרצווייפלטן הילפס־רוף, האָט אַלעמאָל אַרויסגעוויזן די טיפסטע פאַרשטענדעניש פאַר אָט דער גורל־געמיינשאַפט. ווי ליידנשאַפטלעך זי האָט געשטורעמט קעגן די שפּאַנישע און עסטרייכישע מערדער פון זייער אייגן פאָלק, ווי שאַרף זי האָט רעאַגירט אויף די ברוטאַליטעטן פון איטאַליענישן פאַשיזם אָדער **אויף פאָלן פון יוסטיץ־נקמה אויפן צווייטן זייט אָקעאַן!** און מען דאַרף נישט זיין דווקא בלוט פונם בלוט און פלייש פונם פלייש פון דער דאָזיקער מאַסע אויף צו פילן היינט אירע גיהנום־ליידן. מען דאַרף נאָר האָבן אַ מענטשלעך האַרץ, אַז פאַר די אויגן זאָל שטענדיק שוועבן דאָס בילד פון געשאָכטענע שול־קינדער, פון טרייע ביזן דערהויבנסטן מסירת־נפש לערער, וואָס ווילן טיילן מיט די קינדער לעבן און טויט און וועלכע האַלטן נישט וואַך ביי זייערע שילער ביז זייער לעצטער רגע בלויז דערפאַר, וואָס די בעסטיעס קאָנען נישט פאַרגינען די קינדער אַ לייכטן טויט, און זיי דערמאָרדן די קינדער באַזונדער; מען דאַרף בלויז נישט פאַרלירן דעם אָנבליק פון מענטש, אַז עס זאָלן פון דער ווייטן שטעכן און ברענען די וואַנזיניקע בליקן פון טויזנטער, וואָס זיינען אין אָט דעם גיהנום אַראָפּ פון זינען, אַז אין די אויערן

זאָל שטענדיק קלינגען דער טויט־געשריי פון די מיליאָנען פאַר־משפטע, וואָס זיינען פאַרשפּאַרט הינטער די מויערן און זעען נישט קיין הילף און קיין רעטונג.

⁂

אין איניקע לענדער האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ פּראָטעסט־אַקציע. מיר לייענען וועגן אַן אַרויסטרעטונג פון דער מעקסיקאַנער אַרבעטערשאַפט; מיר הערן וועגן פּראָטעסטן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט; מיר לייענען וועגן אַן אַקציע אין שוועדן. עס איז פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־טאָג אין קובאַ. עס האָט זיך אַ ביסל צעוויגט די געזעל־שאַפטלעכע מיינונג פון דער וועלט, אָבער עס איז נאָך נישט קיין שטור־רעם, און — דער עיקר — עס פעלט דערביי די שטים פון פאָלק אינם מעכטיקסטן לאַנד, וואָס האָט שטענדיק ביי אַלע געזעלשאַפטלעכע שטורעמס אין אַזאַ גרויסער מאָס באַאיינפלוסט די וועלט, — עס פעלט די שטים פון אַמעריקאַנער פאָלק.

אַמעריקע איז דערווייל נישט אויפגעציטערט. עס שוויגן די אַמע־ריקאַנער דייטשן פון אַלע ריכטונגען, וואָס זיי האָבן די ערשטע גע־דאַרפט לאָזן הערן זייער שטים פון פּראָטעסט און פּרוּוון באַאיינ־פלוסן דאָס דייטשע פאָלק אין אייראָפּע אָפּצוּווישן פון זיך דעם שענדלעכן קין־פלעק פון קאַניבאַליזם. עס שווייגן כמעט אַלע גרויסע אַמעריקאַ־נער צייטונגען. עס שטורעמט נישט די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט.

די סיבות דערפון? — געשיכטע־פאָרשער וועלן מסתמא אַמאָל ברענגען הונדערט מיט איינע באַגרינדעטע סיבות אויף אויסצוטייטשן די מאָנסטרועלע דערשיינונג, וואָס אַ לאַנד, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זייער אַ פילבאַרן געזעלשאַפטלעכן געוויסן, איז אַזוי לאַנג פאַרבליבן טויב און בלינד צום גרעסטן פאַרברעכן פון אַלע צייטן און דורות. אונז גייט היינט נישט אין די סיבות. „גלויבט אין אומגלויבלעכס!" — אַפּעלירט דער באַריכט פון דער פּוילישער רעגירונג צו דער גע־זעלשאַפטלעכער מיינונג פון אַמעריקע און ענגלאַנד. צווישן די גרונט־סיבות, מיט וועלכע מען וועט אַמאָל אויסטייטשן דאָס צו לאַנגע שטילשווייגן אין אַמעריקע, ווען מען האָט געהאַלטן אין אויסמאָרדן אַ גאַנץ פאָלק, וועט זיכער זיין די אוּמפעאיקייט פון די אַמעריקאַנער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַזאַ פאַרברעכן קאָן טאַקע געשען, און זייער איבערצייגונג, אַז די גאַנצע געשיכטע איז נישט מער ווי אַ פּראָדוקט פון אַ קראַנקער פאַנטאַזיע. עס האָט געדאַרפט קומען אַן אַפּעל, וואָס זאָל אויפטרייסלען, מאַכן גלויבן.

און מיר מוזן זיך דאָס זאָגן קלאָר: די ברייטע אַמעריקע האָט נישט געקאָנט אויפגעציטערט ווערן, כל זמן די יידישע גאַס אַליין איז געווען צו ניכטער, צו סקעפּטיש, צו געלאַסן.

און דאָ קומען מיר צו צו אַ צווייטער פּיינלעכער פראַגע. וואָס האָט געטאָן די יידישע אַמעריקע אויף פּרוּוון פאַנאַנדערבינדן אַ גע־זעלשאַפטלעכן שטורעם קעגן דעם מאַסן־מאָרד פון יידן? ווער וועט קאָנען האַלטן הויך דעם קאָפּ און זאָגן: „מיר זיינען אין אָר־דענונג"?

און זאָל קיינער נישט אָננעמען אַט די שורות פאַר סתם מוסר־זאָגעריי. מיר נעמען אויך זיך אַליין נישט אַרויס פונם כלל פון די שולדיקע. מיט 4 חדשים צוריק האָבן מיר אין „אונזער צייט" גע־שריבן:

„ווען אינזשיניער טשערניאַקאָוו האָט אויסגעוויילט זיין קדושים־טויט, האָט ער אין פלעשעלע גיפט געזוכט אַ רעטונג נישט בלויז פון זיינע אייגענע שווערקייטן. מסתמא האָט אין האָפענונג פאַרלייכ־טערט זיינע טויט־וויען — די האָפענונג, אַז אפשר וועט די וועלט פאַרט דערהערן, זיך אָפּרופן..."

„און דאָס איז היינט געוויס די פראַגע, וועלכע פלאַטערט אין מיליאָנען הערצער, וואָס צאַפּלען זיך אין הילפלאָזער אַנגסט אונטער די מעסערס פון היטלערס שעכטער: צי וועט די וועלט דערהערן, זיך אָפּרופן? און די וועלט הערט נישט... זייער ווייניק נישט־יידישע צייטונגען האָבן געבראַכט די ידיעה וועגן מערדערישן חלף, וואָס שוועבט איבערן יידישן וואַרשע, וועגן דער „עוואַקואַציע" אין אַן „אומבאַקאַנטן פּלאַץ", וועגן „זעלבסטמאָרד פון טשערניאַקאָוון".

„חורבן לידיצע האָט, מיט רעכט, אויפגערודערט די וועלט. אָבער לידיצע איז דאָך בלויז אַ טראָפּן אין ים אַנטקעגן פאַרוואַנדלען אַ פאָלק אין בעטלער און שלאַכט־פּי, אַנטקעגן בית־עלמין אין זאַגוראָוו, וואָס וועט אויף אייביק פאַרבלייבן אַ שאַנדפלעק אויפן מענטשלעכן מין, אַנטקעגן טייוולאַנישן שפּאָט איבער טויזנטער לעבעדיקע, וועמען מען גייט דערשטיקן, און אַנטקעגן בעסטיאַלישער שענדונג פון די קערפּערס פון די טויטע".

„...נאָך זאַגוראָוו ווי פאַר זאַגוראָוו פלאַקערט נישט די וועלט פון צאָרן און חרפּה. דער וועלט־געוויסן דרימלט פאַרהילט מיטן צודעק פון שווייגן".

„עס איז דער חוב פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אַראָפּ־צורייסן דעם דאָזיקן צודעק, דורכברעכן דעם רינג פון שווייגן". („אונ־זער צייט", סעפּטעמבער 1942).

דאָס האָבן מיר געשריבן מיט פיר חדשים צוריק און עס איז געוויס אונזער שוואַכקייט און אונזער שולד, וואָס אַפּגעבנדיק זיך אַזאַ קלאָרן חשבון וואָס דאָס שוויגן האָט באַדייט, האָבן מיר נישט געפונען די מיטלען און וועגן, ווי אַזוי אַראָפּצורייסן דעם צודעק פון שווייגן; אפשר האָבן מיר אַליין צו לייכט רעזיגנירט, — צו שנעל זיך אונטערגעגעבן דער שטימונג פון סקעפּטישקייט.

אָבער דאָס גאַנצע יידישע אַמעריקע האָט זיך, ליידער, נישט געפונען אויף דער הויך פון דער געשיכטלעכער טראַגיק פון די געשעענישן. מיר זאָגן דאָס היינט נישט בכדי צו באַשולדיקן אָדער משפּטן. נישט היינט איז די צייט פאַר דעם. אָבער וואָס מען מוז היינט געדענקען, איז — אַז דער הילפס־רוף, וואָס איז געקומען דורך אונטערערדישע וועגן פון דער געמאָרדעטער יידישער מאַסע אין פּוילן, באַדייט גלייכצייטיק אַ פאָדערונג צו יידן אין דער וועלט, און קודם כל פון אַמעריקע און ענגלאַנד, — אַ פאָדערונג צו אַקציע און פּראָטעסט.

וועגן אַזאַ מאַסן־פּראָטעסט האָבן זיך אין ניו־יאָרק געפירט געשפּרעכן צווישן פאָרשטייער פון פאַרשידענע יידישע אָרגאַניזאַציעס נאָך אין חודש אויגוסט, ווען אַהערצו זיינען אָנגעקומען די ערשטע איוב־בשורות, אַז מען דעפּאָרטירט יעדן טאָג פון געטאָ 7 טויזנט יידן און מען קוילעט זיי אויס, און מען פאַרנוצט די קערפּערס אויף מאַכן זייף. די רבנים האָבן דעמאָלט מיט אויסערגעוויינלעכער לײַדנשאַפט און מיטן גאַנצן אויטאָריטעט פון אמונה געפאָדערט נישט צו גיין אויף די מאָדערנע וועגן פון פּראָטעסט און צו באַגנוגענען זיך מיטן „אַלטן יידישן דרך". זיי האָבן צו לייכט געפועלט. היינט ווייזן דווקא די אָרטאָדאָקסישע יידן אַרויס זייער אַ סך געפיל פאַר די געשעענישן אין פּוילן און אפילו אַ גרייטקייט אויף ווייטגייענדיקע פּראָטעסט־אַקציעס, אָבער די אינערציע פונם „אַלטן יידישן דרך", ווי זייערע וואָרט־פירער האָבן עס באַצייכנט, איז נישט תמיד לייכט דורכצוברעכן.

עס האָבן אויך די אַ. ג. יאַהודים, ד. ה. די אַסימילירטע יידן אין אַמעריקע, זייער טראַדיציאָנעלן וועג, וואָס באַשטייט, לויט מעדעמס כאַראַקטעריסטיק, אין איבערנעמען די באַקאַנטע אייגנשאַפט פון חיות צוצופּאַסן זיך צום קאָליר פון אַרום, בכדי מען זאָל נישט דערקאָנט ווערן. אַז אָט די אייגנשאַפט איז נישט קיין באַדן פאַר מוטיקע נאַציאָנאַלע פּראָטעסט־אַקציעס, איז איבעריק צו באַווייזן.

און מען דאַרף זיך אָנטאָן אַ כוח נישט צו פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, ווען מען רעדט וועגן דער ראָל פון איינעם פון די וואָגיקסטע טיילן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע, — פון די ציוניסטן. לאָמיר פאַרצייכענען עטלעכע פאַקטן:

אין די היגע יידישע צייטונגען פון 4טן דעצעמבער לייענען מיר:
„אַלס רעזולטאַט פון די שחיטות, וואָס היטלער מאַכט אויף יידן אין אייראָפּע, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט דאָס געוויסן פון דער וועלט, האָט נעכטן סענאַטאָר ראָבערט ס. וואַגנער פון ניו־יאָרק, טשערמאַן פון דער „אַמעריקען פּאַלעסטיין קאָמיטי" דערלאַנגט צום פּרעזידענט רוזוועלט און סטייט־סעקרעטאַר קאָרדעל האַל אַ פּעטיציע וועגן ארץ־ישראל, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון 62 סענאַטאָרן און 182 מיטגלידער פון קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין וועלכער זיי פאַרלאַנגען, אַז אַמעריקע זאָל ווייטער פאַרזעצן די גינסטיקע פּאָליטיק פאַר אַ יידישער קאָמאָנוועלט אין ארץ־ישראל".

פּירושים צו דעם זיינען איבעריק. „אַלס רעזולטאַט פון היטלערס שחיטות" איז די פאָדערונג נישט וואָרענען היטלערן, נישט זוכן אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע וועגן אָפּצושטעלן די שחיטות, נאָר... העלפן דעם ציוניזם. אין קובאַ האָט דער מלוכה־סענאַט אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן די שחיטות, אין ענגלישן פּאַרלאַמענט פאָדערן דעפּוטאַטן מאַס־מיטלען אויף אָפּצושטעלן די שחיטות, און די מערהייט פונם אַמעריקאַנער קאָנגרעס איז יוצא געווען מיט אַ דע־קלאַראַציע פאַרן... ציוניזם. און מיר זאָגן גלייך, מען קאָן נישט האָבן קיין טענות צו די קאָנגרעסלייט. זיי וואָלטן אפשר אויך אונטער־געשריבן אַנדערע פאָדערונגען, אַלס צייכן פון מיטגעפיל צו די גע־שאָכטענע יידן. אָבער וואָס קאָן מען זאָגן וועגן די יידישע שטריק־ציער פון דער דאָזיקער אַקציע?

אין „טיימס" פון 7טן דעצעמבער געפינען מיר אַ מודעה אויף צוויי צייטונגס־זייטן, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „מיר קאָנען מער נישט זיין קיין פּאַסיווע צושויער פון דער מעטאָדישער און אויס־גערעכנטער פאַרניכטונג פונם אַלטן יידישן פאָלק דורך די באַרבאַרישע נאַציס". די מודעה האָט אַרום צוויי טויזנט אונטערשריפטן פון אָנ־געזעענע פּערזאָנען פון דער אַרמיי און נייווי, סענאַטאָרן, דעפּוטאַטן, גאָווערנאָרס, לערער, פּרעסע־מענטשן, גלחים, אַרבעטער־טוער א. אַ. און די אַלע, „וואָס קאָנען נישט זיין קיין פּאַסיווע צושויער" פון דער שוידערלעכער רציחה, באַרואיקן זייער געוויסן מיט פאָדערן אַ... יידישע אַרמיי. און ווידער אַמאָל, די אונטערשרייבער זיינען גאָט די נשמה שולדיק, מען רעדט זיי איין, אַז נאָכן געבן אַזאַ אונטערשריפט זיינען זיי געוואָרן אויס פּאַסיווע צושויער. אָבער וואָס קאָן מען זאָגן וועגן די אָרגאַניזאַטאָרן פון אָט דער אַקציע, וואָס געפינען פאַר זיך בלויז אַזעלכע אויפגאַבן אין שייכות מיט דער בלוטיקסטער טראַגעדיע פון פאָלק? אַזעלכע ביישפּילן וואָלטן מיר געקאָנט ברענגען גאַנץ

פיל און אויפן פען בעט זיך זייער אַ שאַרפע באַצייכענונג פון אַזעלכע האַנדלונגען, אָבער מיר ווילן נישט מאַכן איצטער קיין שום פּאַרטיי־חשבון, וואָס זאָל פאַרשוועכן דעם גרויסן פאָלקס־צער. אָבער שוין זשע וועט זיך אין די ציוניסטישע רייען גופא נישט געפינען אַ ציוניסט, וואָס זאָל אויפקלערן זיינע פּאַרטיי־חברים, אַז אַלע אידייאישע שטרע־בונגען און ריכטונגען, וועלכע לעבן אין יידישן פאָלק, זיינען בלויז אַ מיטל, און אַז דער עיקר איז — ראַטעווען דאָס פאָלק, און ראַטעווען שוין. און ווען די יידן גראַטעוועט ווערן, וועט מען האָבן צייט צו באַנייען די שטרייטיקייטן, ווי אַזוי צו לייזן די יידן־פראַגע. היינט איז אַ צייט נישט פאַר געווינען פּאָליטיקער פון דער וועלט פאַר דער ציוניסטישער אָדער אַנטי־ציוניסטישער לייזונג נאָכן קריג, פאַר אָדער קעגן אַ יידישער אַרמיי. היינט שטייט אין קאָן דאָס לעבן און די עק־זיסטענץ פון פאָלק. וועט מען דאָס אין די ציוניסטישע רייען ענדלעך באַגרייפן ?

ביי אַזעלכע שטימונגען, וואָס הערשן אין פאַרשידענע קרייזן פון דער אַמעריקאַנער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, האָט זיך געלייגט אַ באַזונדער שווערע אַחריות אויפן אַרבעטער־סעקטאָר. די גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די היגע יידישע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט דער אַרבעט אין פּוילן, וואָלטן געקאָנט און געדאַרפט ווערן די אויסדריקער פון פראָטעסט און צאָרן קעגן דעם מאָרד, די וואָרטזאָגער פון טיפן צער פון מיליאָנען; זיי האָבן געקאָנט זיין די יעניקע, וואָס וויקלען פאַנאַנדער פאַר אַמעריקע די בלוטיקע ידיעות פון די שחיטה־שטעט, די וואָס שטורעמען, מאָנען און וועקן; שטיצנדיק זיך אויף אַ באַזע פון הונדערטער טויזנטער אָרגאַ־ניזירטע אַרבעטער, וואָלטן זיי געקאָנט דורך מאַסן־דעמאָנסטראַציעס מאַכן הייס די לופט פון די גאַסן און פלעצער, אָנשטעקן מיליאָנען מיט ביטערניש און צאָרן, אויפזאַמלען אין איין שטורמישן ים די בלוטיקע טרערן פון הונדערטער טויזנטער יידן אין אַמעריקע, וועלכע שטיקן זיך מיט זיי שטיל אין היימען, פאַרזאַמלונג־זאַלן, בתי־מדרשים און שאַפּן. דאָס אָנהויבן אויף אַזאַ אופן פאַנאַנדערוויגן דאָס יידישע אַמעריקע וואָלט געעפנט מעגלעכקייטן פאַר פאַנאַנדערוויגן די אַמע־ריקאַנער געזעלשאַפטלעכקייט בכלל. דער אַרבעטער־סעקטאָר איז דער־ווייל, לײַדער, נאָך נישט אַרויף אויף דעם וועג. דער צענמינוטיקער שטרייק אין ניו־יאָרק איז, אמת, געווען אַ געוויסע דערגרייכונג. זיין ברייטער אָפּקלאַנג האָט צוזאַמען מיטן תענית, וועלכן עס האָבן גערופן די רבנים, באַוויזן, ווי טיף די ברייטע יידישע מאַסע אין ניו־יאָרק לעבט איבער די טראַגעדיע. אָבער צען מינוט פראָטעסט אין גע־

שלאָסענעם שאָפּ, — דאָס איז נאָך נישט קיין אַקציע. דאָס איז ערשט די צוגרייטונג צו אַן אַקציע, וועלכע מוז נאָך קומען. די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער אַקציע וועט ערשט באַווייזן, צי מיר זיינען אַלע רייף פאַר דער טראַגישער לאַסט, וואָס איז אויף אונז געפאַלן. און האַנדלען מוז מען שנעל. יעדן טאָג ווערט וויניקער מיט זעקס, זיבן אָדער צען טויזנט יידן, וואָס רופן נאָך הילף. און יעדן טאָג מערט זיך די צאָל פון ברודער־ און שוועסטער־קבֿרים, וואָס שרייען אויס צו דער וועלט זייער שטומען פאַרוואורף. יעדן טאָג ווערן אַרום אונז געדיכטער די שאָטנס פון דערשטיקטע, פאַרברענטע, פאַרסמטע און געקוילעטע, עס ווערן געדיכטער די אומצאָליקע שאָטנס פון טויט. איז דאָס נישט גענוג, אַז די יידן אין אַמעריקע זאָלן ענדלעך אַרויסגיין פון זייער האַלב־לעטאַרגיע־צושטאַנד?

(„אונזער צייט", יאַנואַר 1943)

דער מאָרד

„פאַראורטיילט צו דער העכסטער שטראָף. דער אורטייל איז אויסגעפירט״.

שוין אַ פּאָר וואָכן ווי די ידיעה איז געקומען קיין ניו־יאָרק, און דער געדאַנק און די געפילן זאָגן זיך נאָך אַלץ אָפּ צו באַנעמען דעם טראַגישן אמת פון די פּאָר שורות.

איז דאָס טאַקע אַזוי?

דאַרף מען טאַקע אַרויסרייסן פון האַרצן דעם ציטעריקן טרוים, וואָס האָט דורך די לעצטע יאָרן כסדר דאָרט שטיל געפלאַטערט, — דעם טרוים, צו קאָנען נאָך אַמאָל שעפּן בטחון און שטאַרקייט פון דער לויטערער און פלאַמיק־גלויבערישער סביבה, וועלכע הענריק האָט תמיד מיט אַזאַ כישוף־קראַפט געשאַפן אַרום זיך, אָדער צו קאָנען נאָכפאָלגן וויקטאָרס בליצן־געדאַנקען, מיטגעריסן ווערן דורך זיין קאַמפּס־לוסט און קוויקן זיך מיט די אוצרות פון זיין פינקלענדיקן גייסט?

וועט טאַקע די פיל־געפּרואווטע יידישע מאַסע פון די געטאָס אין פוילן קיין מאָל מער נישט זען אירע פלאַמיקע און לויטערע פאַנטרע־גער, לערער און באַגייסטערער?

ניטאָ קיין פלאַץ פאַר צווייפל. דאָס פאַרברעכן איז באַגאַנגען געוואָרן. די סאָוועטישע מאַכטהאָבער האָבן קאַלטבלוטיק אומגעבראַכט הענריק ערליכן און וויקטאָר אַלטערן.

אומגעבראַכט — און דערביי אָפּגעשפּילט אַזאַ יעזואיטיש־מעפי־סטאָפעלישע שפּיל, אַז דער טייוול אַליין וואָלט אַזוינס ניט צוגעטראַכט:

אין נאָמען פון קאַמף מיט די נאַציס האָט מען דערמאָרדעט די מוטיקסטע און פלאַמיקסטע קעמפער קעגן פאַשיזם און נאַציזם, — וואָס פאַר אַ שוידערלעכע שדים־שפּיל!

מוז מען היינט גובר זיין דעם געפיל פון ברענענדיקן ווייטיק צוליבן פאַרלוסט, און קודם כל רופן צו משפּטן די מערדער.

***

די „אויפקלערונגען״.

צו דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט האָט די ערשטע ידיעה וועגן מאָרד געבראַכט דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר ה׳ ליטווינאָוו. ער

האָט אויך אָפּגעענטפערט אויפן קאָמוניקאַט פון „בונד" וועגן בלוטיקן פאַרברעכן מיט אַ ריי „אויפקלערונגען" אין דער פּרעסע, — אויפקלערונגען, וואָס באַרעכטיקן די בלוט־טאַט.

איז נויטיק אין שייכות מיט די „אויפקלערונגען" עפּעס צו זאָגן.

מיר ווייסן ניט, וואו וואָלט זיך היינט געפונען דער ה׳ ליטווינאָוו, ווען היטלער וואָלט צוגעוואַרט מיטן איבערפאַל אויף רוסלאַנד נאָך אַ פּאָר חדשים. מיר ווייסן, אַז אין 1940 איז ער באַזייטיקט געוואָרן פון צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואו ער האָט ביז דעמאָלט געהערט, און ניט איינער סיי אויסער רוסלאַנד, סיי אין רוסלאַנד גופא — און מסתמא אויך דער באַזייטיקטער אַליין — האָט דאָס באַטראַכט ווי אַ שטאַפּל אַראָפּ, אויפן גאַלגאַטע־וועג, וועלכן עס האָבן פריער דורכגעמאַכט ניט איין סאָוועטישער מלוכה־פירער און דיפּלאָמאַט.

דער וועג באַרג־אַראָפּ האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך היטלערס פּלוצומדיקן איבערפאַל אויף רוסלאַנד. דער געוועזענער דיפּלאָמאַט, וואָס האָט אַלעמאָל אין דער וועלט געגאָסן פון אָנערקענונג צוליב זיין אויסגעהאַלטענער ליניע קעגן נאַציזם, האָט זיך אומגעקערט צו טעטיקייט. אָבער פאַראַן איין פּרט, אין וועלכן אָט דער אויסגעהאַלטענער אַנטינאַצי איז בלי ספק זייער ווייט הינטערשטעליק לגבי אונזערע קדושים ערליך און אַלטער. זיי האָט תמיד באַזעלט די איבערצייגונג, אַז הייליקער פונם אייגענעם לעבן איז אַ לויטער געוויסן. און סאָוועטישע באַאַמטע קלאַמערן זיך היינט מסתמא אָן דעם אָרעמען ביסל אייגן לעבן, ווען זיי פאַרעפנטלעכן געוויסנלאָזע אויפקלערונגען וועגן מאָרד, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן דורך זייער אויבערהערשער. די קאָמוניקאַטן זעען אויס נעבעכדיק. און ווי אַנדערש קאָנען זיי אויסזען? די געניטסטע פאַרשפּרייטער פון אַ געוויסן מין פּראָפּאַגאַנדע זיינען דאָך ניט פעאיק אַוועקצולאָזן פאַר גוט געלט דאָס בלוטיקע פּאַפּירל וועגן יוסטיץ־מאָרד. און אַגב איז גאָר ניט נויטיק, אַז די אויפקלערונגען זאָלן האָבן כאָטש אויסערלעך דעם שיין פון אמת. זייערע מחברים ווייסן דאָך גוט, אַז פאַר יעדן אָרנטלעכן מענטשן וועט סיי־ווי־סיי דער ווילדער אומזין פון דער באַשולדיקונג באַלד אַרויפשווימען אויבנאויף, און פאַר דער כנופיא, וואָס פאַרהייליקט יעדע שאַנד־טאַט, אויב זי טראָגט אַ שטעמפּל פון מאָסקווע, — פאַר זיי — דאַרף מען ניט קיין באַווייזן.

דערציילט אַ בריוו פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן (לויט דער ווערסיע, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 4טן מערץ דורך דער „יונייטעד פּרעס"):

„ערליך און אַלטער זיינען אַנטלאָפן קיין מאָסקווע, ווען די סאָ־ווועטן האָבן פאַרנומען געביטן פון פוילן".

שטימט ניט!

„געלאָפן" זיינען ערליך און אַלטער קיין מאָסקווע אין אַן אַרעסטאַנטן־וואַגאָן. ערליך און אַלטער האָבן לחלוטין ניט געוואָלט אויסנוצן די „וואוילטעטיקייט" פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע, וואָס גאַראַנטירט אַן אַזיל פאַר אַלע פּאָליטישע פאַרפאָלגטע אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן דעם „אַזיל" ניט געזוכט ניט בלויז דערפאַר, וואָס אַלס דערפאַרענע פּאָליטיקער האָבן זיי געהאַט אַ געוויסע פאַרשטעלונג, ווי ס׳זעט אויס דער „אַזיל" פאַר אַנדערש דענקענדיקע אין סאָוועטן־לאַנד. דער עיקר אָבער איז — וואָס פאַר זיי איז גאָר די פראַגע נישט געשטאַנען. אַנגעמערקט צווישן די ערשטע קרבנות פון דער היטלערישער געסטאַפּאָ, האָבן זיי זייער חשבון מיטן היטלעריזם נאָך ניט געקליבן זיך אָפּצושליסן. זיי זיינען פון וואַרשע לכתחילה אַוועק אויף פוילישע געביטן, וואו מען האָט זיך געריכט, אַז דאָרטן וועט נאָך פאַרגעזעצט ווערן אַ באַוואָפנטער קאַמף קעגן די נאַצי־אַריינדרינגער. מאָסקווע איז גאָר געקומען צו זיי. און אַרעסטירט האָט מען זיי, — ערליכן אויפן וואָקזאַל אין בריסק, אויפן וועג צוריק קיין פוילן, וואוהין ער איז געפאָרן אָנפירן מיט דער אונטערערדישער אַרבעט קעגן די נאַציס, אַלטערן — אין קאָוועל. דאָס איז אַ גאַנץ וויכטיקע „דיפּלאָמאַטישע" אומפּינקטלעכקייט, און, ווי מיר וועלן שפּעטער באַווייזן, גאָר ניט קיין אומשולדיקע.

און אַ צווייטע „אומפּינקטלעכקייט" פון דעם זעלבן מין:

אין טעקסט פון דער וואַשינגטאָנער סאָוועטישער „אויפקלערונג" (געדרוקט דעם 4טן מערץ אין „ניו־יאָרק טיימס", לויט דער „אַסאָשיאייטעד פּרעס") ווערט געזאָגט: „ערליך און אַלטער זיינען צום ערשטן מאָל אַרעסטירט און געמשפּט געוואָרן אין אויגוסט 1941".

שטימט ווידער ניט!

מען האָט זיי טאַקע „געמשפּט" אין אויגוסט 1941, אָבער אַרעסטירט האָט מען זיי ניט דערמאָלט. ווידער אַן „אומפּינקטלעכקייט" ביז גאָר אַ וועזנטלעכע. וו. אַלטער איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 26טן סעפּטעמבער 1939 אין קאָוועל, און ה. ערליך מיט אַכט טעג שפּעטער, דעם 4טן אָקטאָבער, אין בריסק. קנאַפּע צוויי יאָר האָט מען זיי געהאַלטן פאַרשפּאַרט הינטער שלאָס און ריגל. צוויי יאָר נאָכן ערשטן אַרעסט האָט מען זיי צום ערשטן מאָל געמשפּט און פאַרמשפּט צום טויט פאַר באַטייליקן זיך אין „מיליטערישע אַקציעס פון דער פוילישער דעפענסיווע". אַ חודש שפּעטער האָט מען זיי באַפרייט אויפן סמך פון פויליש־סאָוועטישן אָפּמאַך.

צי האָבן אַ באַדייטונג אָט די קליינע „אומפּינקטלעכקייטן" אַנטקעגן דעם גאַנצן גרויזאַמען בלוט־בלבול? צי לוינט זיך זוכן אַ פּגימה אויף אַ זעג און אַרויסהויבן אַ קליין ליגנדל פון אַ באַרג ווילדע שקרים?

דאָס איז נויטיק, די קליינע ליגנס זיינען וויכטיקע פּעדים אין שפּינוועבס פון שקר. זיי זיינען פאַרפּאַסט געוואָרן מיטן ציל צוצוגעבן כאָטש אַ וועלכן ניט איז שיין פון פאָרמעלער וואַרשיינלעכקייט דעם גאַנצן בלבול. ווייל אַז די באַשולדיקטע זאָלן פירן אַ דיווערסיע־טעטיקייט קעגן די סאָוועטן, איז נויטיק, אַז זיי זאָלן האָבן כאָטש געלאָפן קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד; זיי זאָלן פירן אַזאַ טעטיקייט איז אויך נויטיק געווען צו געבן זיי צייט פאַר דעם. יעדער פאַרנונפטיקער מענטש, וואָס האָט אַפילו נישט געהערט וועגן די באַשולדיקטע און וואָלט געלייענט בלויז אַ סאָוועטישן קאָמוניקאַט מיט ריכטיק אָנגעגעבענע פאַרמעלע פאַקטן וועגן אַרעסט און משפּט, וואָלט דאָך געמוזט פרעגן: וואו האָבן די באַרימטע פירער פון יידישן אַרבעטער־קלאַס געפירט זייער דיווערסיע־טעטיקייט קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין פולמאַכט פון דער פוילישער דעפענסיווע, אויב זיי זיינען אַפילו ניט אַוועק פון דער טעריטאָריע פון פוילן? ווען זיי האָבן זי געפירט, אויב מען האָט זיי אַרעסטירט תיכף, ווי די רויטע אַרמיי האָט פאַרנומען די פוילישע געביטן, וואו זיי האָבן זיך דעמאָלט געפונען? אפשר אין דער סאָוועטישער תפיסה, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט די גאַנצע צוויי יאָר פון חורבן פוילן ביז אויגוסט 1941? און דעריבער זיינען אָט די „קליינע" אויבנאויפיק „אומשולדיקע" ליגנס מסתמא לכתחילה פאַרטראַכט געוואָרן אַלס אַן ענטפער פאַר אַזעלכע מעגלעכע קשיא־שטעלערס. אָבער דעם אמת וועגן דעם קאָנען באַווייזן דאָ אויפן באָדן פון אַמעריקע ניט בלויז צאָלרייכע עדות, וואָס זיינען געווען מיט ערליכן און אַלטערן פאַר און בעת זייער אַרעסט, נאָר אויך זייער פיל געזעלשאַפטלעכע טוער, ווי אויך אָפיציעלע פערזענלעכקייטן אין לאָנדאָן און וואַשינגטאָן, וואָס האָבן זייט די ערשטע וואָכן פון דעם אַרעסט, פון האַרבסט 1939, זיך אינטערעסירט מיט אים און ניט איין מאָל אינטערווענירט; די פּרוואוון צו פאַדרייען די פאַקטן ווען בלויז פאַרשטאַרקן די איבערצייגונג, אַז די חשובע רעפּרעזענטאַנטן פון אַ באַפריינדעטער מלוכה האָבן באַוואוסטזיניק גענומען אויף זיך די ניט זויבערע אַרבעט ריינצוּוואַשן זייערע באַלעבאַטים פון אַן עקלהאַפטן בלוט־פלעק.

און נאָך קשיות קאָנען אַרויסשווימען ביי מענטשן, וואָס וועלן זיין אַזוי נאַאיוו, אַז זיי וועלן זוכן דעם אמת אין אַ קאָמוניקאַט וועגן סטאַלינישן געריכט. אָט, למשל, ווי שיקט זיך דאָס, אַז אין אַ לאַנד, וואָס שטאָלצירט מיט איר „שנעלער" גערעכטיקייט, זאָל מען גאַנצע צוויי

יאָר האַלטן אין תפיסה ביזן משפט מענטשן, וואָס האָבן אין לאַנד געפירט אַ דיווערסיע־אַרבעט אין שליחות פון אַ פרעמדער מלוכה? אָדער וואָס איז נאָך מער אומגלויבלעך: צום צווייטן מאָל האָט מען די באַשולדיקטע אַרעסטירט אין דעצעמבער 1941 און געמשפט און פאַר־משפט ערשט אין דעצעמבער 1942. צי וואָלט טאַקע די סאָוועטן־רעגירונג אַ גאַנץ יאָר נישט געמשפט מענטשן, וועמען מען האָט אין קריגס־צייט געכאַפּט ביי דער האַנט ביים אַגיטירן זעלנער קעגן קריג, פאַר לייגן דאָס געווער א.ד.גל.? ניטאָ קיין איין מלוכה אין דער וועלט, וואו מען וואָלט אין קריגס־צייט אַזוי לאַנג געוואַרט מיטן משפט פאַר אַזאַ פאַרברעכן. פלאָנטערט מען זיך טאַקע מיט די דאַטעס פון משפט. דער סאָוועטישער גענעראַל־קאָנסול אין ניו־יאָרק האַלט פון „שנעלער גערעכטיקייט". לויט זיין ערשטן קאָמוניקאַט, האָט מען זיי צום צווייטן מאָל פאַרמשפט אין 1941, ד. ה. תיכף נאָכן אַרעסט (שפּעטער האָט מען אָט די דאַטע דערקלערט פאַר אַ „דרוק־פעלער"). דער אָפיציעלער קאָמוניקאַט פון ליטווינאָוון שטעלט אָבער פעסט די דאַטע ווי די אָפיציעלע; און די אַדוואָקאַטן פון מאַרד וועלן זיך מוזן ווייטער קליגלען אויף אַ תירוץ, פאַרוואָס די סאָוועטן־מאַכט איז אַזוי אומגלויבלעך לאַנגזאַם מיט משפטן מענטשן, וואָס אַגיטירן די זעלנער אויפן פראָנט פאַר נאַציזם און קעגן קריג.

אין די סאָוועטישע קאָמוניקאַטן איז איינגעפלאָכטן נאָך אַ מאָמענט, וואָס צילט צו פאַרנעפּלען דעם גאַנצן ענין. דאָס איז די פראַגע וועגן בירגערשאַפט. די ח"ח ערליך און אַלטער ווערן באַצייכנט אַלס „סאָוועטישע בירגער". אַנדערש גערעדט, איז דאָס אַן אויפפאָדערונג צו די זייטיקע: „מישט זיך ניט, די סאָוועטן־מאַכט האָט געטויט אירע צוויי אייגענע בירגער, און דאָס איז בלויז אַן אינערלעכער ענין פון די סאָוועטן". אויב דאָס וואָלט געווען אַפילו אַזוי, וואָלטן מענטשן מיט אַ פילבאַר געוויסן קיינמאָל ניט מסכים געווען צו באַ־טראַכטן דאָס ווי אימיצנס אַן אינערלעכן ענין. יעדע דרייפוס־אַפערע אָדער יעדער ביילים־בלבול, אַלע מכשפות־פּראָצעסן און אַלע געריכטס־מאָרדן זיינען אַ שאַנדפלעק אויפן געוויסן פון דער גאַנצער מענטשהייט. אָבער אַזאַ איינער, וואָס נעמט אָן, אַז סטאַלין און די ג.פ.או. זיינען טאַקע די באַרעכטיקטע האַרן איבערן לעבן און טויט פון זייערע אייגענע בירגער, אַז זיי מעגן יעדן איינציקן פון זיי, אָן אַ פאַרוואָס, טויטן און שענדן זיין אָנדענק, און דאָס מוז פאַרבלייבן אַן „אינערלעכער" ענין פון די סאָוועטן, — אַזאַ איינער מוז וויסן, אַז די סאָוועטישע בירגער־שאַפט פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער איז אַ פעלשונג.

ה. ערליך איז געבוירן אין לובלין, וו. אַלטער — אין מלאַווע. ביידע לאַנגיאָריקע מיטגלידער פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט, ביידע

שטענדיקע פאַרטרעטער פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום. זייער פּוילישע בירגערשאַפט האָט די סאָוועטן־מאַכט ביז אומגעפער עטלעכע חדשים נאָכן צווייטן אַרעסט קיין־מאָל ניט אָפּגעפרעגט. דאָס ערשטע מאָל האָט מען זיי אַרעסטירט ווי פּוילישע בירגער. אין סעפּטעמבער 1941 (!) האָט די סאָוועטן־מאַכט פאַרעפנטלעכט זייערע נעמען אין דער רשימה פון די באַפרייטע פּוילישע בירגער. ערשט ווען עס איז אָפּגים אין די קאַבינעטן פון ג.פ.או. ענדגילטיק רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן דערמאָרדן זיי, האָט מען, משמעות, בכדי ניט דאַרפן געבן קיין ענטפערס אויסלענדישע פאַרשטייער, זיי פּלוצלונג קעגן זייער ווילן „באַשאָנקען" מיט סאָוועטישער בירגערשאַפט. די הענקער, וואָס האָבן אומגעבראַכט אונזערע פירער, האָבן, ווי עס שיינט, ניט קיין הויכע מיינונג וועגן בירגערשאַפט פון זייער לאַנד, אויב זיי וואַרפן עס אונטער אויף אַ פּחדנותדיקן אופן זייערע קרבנות, ווי אַ בילעט אויף דערמאָרדעט צו ווערן אָן קיין שום קאָנטראָל. די אונטערגעוואָרפענע בירגערשאַפט טאָר אָבער קיינעם ניט פאַרפירן. זי איז אַ פעלשונג. עס בלייבט אומבאַשטריטן: מען האָט ערליכן און אַלטערן, צוויי בירגער פון פּוילן, וועלכע זיינען דורך זייער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט געווען מיט טויזנטער פעדים פאַרבונדן מיטן לעבן פון די יידישע און ניט־יידישע מאַסן פון פּוילן, געקידנעפּט קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און נאָך יאָרן מאַטערניש סוף־כל־סוף אומגעבראַכט.

***

דער בלבול.

די קליינע אומפּינקטלעכקייטן און פעלשונגען, מיט וועלכע עס זיינען דורכגעפלאָכטן די אַמטלעכע „אויפקלערונגען", פּאַסן זיך צום גאַנצן רומל פון בלבול. וועגן בלבול גופא איז מיט די מערדער ניטאָ וואָס צו דיסקוטירן. אויב ערליך און אַלטער זיינען געווען פאַרטרעטער, — פריער פון דער פּוילישער אָכראַנקע און שפּעטער פון די נאַציס, — זיינען דאָס געווען מיר אַלע, אָן אויסנאַם, די צענטליקער טויזנטער עלטערע און יינגערע בונדיסטן, די יידישע יוניאָנס מיט זייערע צענטליקער טויזנטער מיטגלידער, זיינען עס געווען די שולן, די שול־אָרגאַניזאַציעס, די ביבליאָטעקן, קאָאָפּעראַטיוון, בילדונגס־געזעלשאַפטן, קולטור־ליגעס, ביכער־פאַרלאַגן, — איז עס געווען די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסע, די גאַנצע היינטיקע העראָאישע אונטערערדישע באַוועגונג. ווייל עס זיינען ניט געווען נאָך קיין צוויי מענטשן אין פּוילן, וואָס זאָלן אין אַזאַ מאָס באַגייסטערן די טוער

פון אַלע צווייגן פון דער באַוועגונג, ווי ערליך און אַלטער; ניט געוועזן נאָך קיין צוויי מענטשן, וועלכע זאָלן אין אַזאַ מאָס אָנצינדן די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסע מיט קאַמפס־ווילן קעגן יעדן מין רעאַקציע און פאַשיזם, ווי ערליך און אַלטער. ניט געוועזן נאָך צוויי מענטשן, וועמענס ווירקונג זאָל גיין אַזוי ברייט און ווייט איבער די גרענעצן פון יידישן לעבן; ניטאָ נאָך קיין צוויי מענטשן, וועמענס שטעמפל זאָל זיין אַזוי טיף אויף דער העראָאישער אונטערערדישער באַוועגונג, ווי ערליכס און אַלטערס. זייער־זייער זעלטן געשעט אַ באַוועגונג דאָס גליק צו האָבן אין איר שפיץ פערזענלעכקייטן, וועלכע זאָלן אין אַזאַ מאָס זיין אַרומגערינגלט מיט וואַרימסטן רעספעקט פון פריינט און פיינט, וואָס זאָלן זיך אויסצייכענען מיט אַזאַ לויטערקייט פון גייסט און איבער וועמענס קעפ עס זאָל אַזוי לויכטנדיק שוועבן דער אָרעאָל פון פיינסטן אידעאַליזם, ווי איבער די דערמאָרדעטע צוויי חברים. ניין! די מערדער זיינען ניט בכוח צו פאַרשווערכן דעם אָנדענק פון די אומגעבראַכטע מיט זייער באַשולדיקונג! אָט די באַשולדיקונג באַלויכט בלויז נאָך מער דעם פינצטערן אָפגרונט, אין וועלכן עס האָבן זיך אַראָפגעקייקלט די דורכפירער פון מאָרד.

***

די געשטאַלטן פון די קדושים.

די ביאָגראַפיעס פון אונזערע צוויי קדושים וועלן נאָך געשריבן ווערן. דיביידע געשטאַלטן, — יעדע פון זיי אַזוי רייך און פאַרשידנאַרטיק און יעדע אַזוי אייגנאַרטיק אָריגינעל, — האָבן זיך אַזוי איינגעוואַקסן אין לעבן, איינגעפלאָכטן אין נעכטן און היינט פון די יידישע מאַסן, אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג און אינם סאָציאַליסטישן קאַמף, — אַז טיפע שפורן פון זייער פרוכטבאַרער טעטיקייט וועט מען פילן דורך דורות. ווי אויסערגעוויינלעך באַגאַבטע נאַטורן, האָט יעדערער פון זיי געהאַט זיין אייגענעם שאַרפן חותם פון ניט־וואָכעדיקער באַזונדערקייט, אָבער דער גורל האָט זיי פאַרבונדן אויף לעבן און טויט. ביידנס לעבן איז פאַרפלאָסן אין שטענדיקן קאַמף, וואָס זיי האָבן געפירט מינדלעך און שריפטלעך פון הונדערטער טריבונעס.

ביידע באַגאַבטע מייסטערס פון שפראַך, האָט אין וואָרט פון יעדן פון זיי שטענדיק געצאַפלט אָנרעגנדיקער געדאַנק און לויטערער מאָנענדיקער געוויסן. מיט יעדן יאָר פון אומאָפהענגיקן פוילן האָט זיך זייער טעטיקייט פאַנאַנדערגעוויקלט ברייטער און ברייטער. אויף פאַרזאַמלונגען און מאַסן־מיטינגען, פאָליטישע שמועסן, אָפענע פאָרומס,

פאַרלעזונגען און וואַל־מיטינגען, אויף קאָנפערענצן און צוזאַמענפאַרן, אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען אונטערן אָפענעם הימל בעת דעד־מאָנסטראַציעס און גאַסן־צוגן, האָט די יידישע מאַסע פון פוילן אָדער דער נאָנטער אַקטיוו פון אַלע טוער אין יעדן צווייג פון דער באַ־וועגונג, — אומעטום געוואוינט געווען צו זען הויבן זיך איבער זייערע קעפּ די באַגייסטערטע און באַגייסטערנדיקע ערליך און אַלטער.

ווי אַ מאַגנעטישע קראַפט האָט תמיד געווירקט דאָס באַווייזן זיך פון ח׳ ערליכס שלאַנק־מאַיעסטעטישער פיגור אויף דער טריבונע. די וויבּרירנדיקע איבערצייגנדיקע וואַרעמקייט פון שטים, די עלעגאַנטע געטאָקטקייט פון וואָרט און געדאַנק, די נאָבעלע דערהויבנקייט פון לענגלעכן, טיפּיש יידיש געשניצטן, און דאָך אַזוי ניט וואָכעדיקן, פּנים, דער שטאָלצער אַריסטאָקראַטיזם פון זיין האַלטונג, די אַזוי קולטורעל געצוימטע ליידנשאַפט, דער ערנסט־פאַרטראַכטער טיף אין זיך קאָנ־צענטרירטער בליק, אין וועלכן עס האָבן זיך אַזוי האַרמאָניש געטוישט מילדע פאַרחלומטקייט מיט עקשנותדיקן פלאַם, ליבע וואַרעמקייט און צערטלעכקייט מיט פונקען פון פיינסטן סאַרקאַזם, — דאָס אַלץ האָט תמיד מאַגנעטיזירט יעדע אוידיטאָריע.

און עס איז שטענדיק אויך געווען אַ געשעעניש, ווען אויף אַ טריבונע האָט זיך באַוויזן די אַזוי אייגנאַרטיקע געשטאַלט פון אַל־טערן. שוין זיין אָריגינעלער איידל־געשניצטער טונקל־מאַטער פּנים האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אין שטאָלצן בליק פון די טיף־זיצנדיקע טונקל־ברוינע אויגן, האָט געשיינט באַוואוסטזיין פון זעלבסטווירדע און פון גייסטיקן יחוס, האָבן געלויכטן פאַנאַטיזם און חריפות, האָבן געבלינצלט עקשנות און ליידנשאַפטלעכער קאַמפס־ווילן. אַן אָריגינעלער דענקער און בליץ־אַפאָריסטיש אין רעדן, האָבן זיינע שניידנדיקע בליצן ניט איינמאָל געטראָפן קעגנער ווי שפּיזן און אַרויס־גערופן אַ שטורעם. אָבער שטורעם איז געווען וויקטאָרס סטיכיע, אין שטורעם איז ער געוואַקסן נאָך העכער און האָט ערשט דעמאָלט אַנטפּלעקט אין דער פולער מאָס זיין זעלטענעם מוט, לומדישן שאַרפ־זין און ברויזנדיקן נשמה־פלאַם.

***

אויפן שלאַכט־פעלד אין דינסט פון סאָציאַליזם.

און אַזוי פון טריבונע צו טריבונע, פון פאַרזאַמלונג צום רע־דאַקציע־טיש, האָבן ערליך און אַלטער געלעבט ווי אויף אַ שלאַכט־פעלד אין דינסט פון די אידעאַלן פון סאָציאַליזם און פרייהייט.ביידע זיינען געווען אָנערקענטע וואָרטזאָגער פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם

אין דער וועלט; ביידע זיינען געווען פּלאַמיקע קעמפּער קעגן יעדן מין „אַפּיזמענט״ מיט פֿאַשיזם און רעאַקציע; ביידע זיינען געווען טרעגער פֿון דער אידייע פֿון איינקייט אין די אַרבעטער־רייען; ביידע האָבן הייס געפּרעדיקט די דערנעענטערונג פֿון מערב מיטן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד; ביידע האָבן געהערט צו די באַגאַבטסטע פֿאַרשטייער פֿון דער יידישער און אַלגעמיין סאָציאַליסטישער פּובליציסטיק, און האָבן געגאָסן פֿון וואַרעמער אָנערקענונג אין אייראָפּע און אַמעריקע. און ביידע זיינען געווען ביטער פֿאַרהאַסט פֿון די קרעפֿטן פֿון רעאַקציע און פֿאַשיזם.

ווען פּוילישע פֿאַשיסטן האָבן אין 1936 געשאָסן אין אַ בונדישער מאַי־דעמאָנסטראַציע, האָט ניט איין יידישער אַרבעטער מיט אומרו זיך געפֿרעגט: ווער ווייס, צי ניט פֿאַר די, וואָס זיינען געגאַנגען אין שפּיץ פֿון צוג, — פֿאַר ערליכן מיט אַלטערן זיינען געווען אָנגעגרייט די קוילן? ווען אין 1938 האָבן די עקסטרעמע פּוילישע פֿאַשיסטן געגרייט אַ „נאַכט פֿון לאַנגע מעסערס״, בכדי מיט איין קלאַפּ אויסגלייכן זיך מיטן דריטן רייך, האָבן אַלע געוואוסט, אַז צווישן די ערשטע אויף דער רשימה דערמאָרדעט צו ווערן זיינען ערליך און אַלטער. מען האָט גלייכצייטיק געהאַט באַווייזן, אַז אויך היטלערס בלוט־יונגען וואָלטן פֿיל געגעבן אויף צו האָבן ערליכן און אַלטערן אין זייערע הענט. (מען האָט שוין אַמאָל אין דייטשלאַנד אַפֿילו אַרעסטירט אַ דורכפֿאָרנדיקן פּוילישן בירגער, אַ יידישן סוחר פֿון שלעזיע, מיטן נאָמען ערליך, און מען האָט אים באַפֿרייט, ווען עס איז קלאָר געוואָרן דער טעות).

און אָט זיינען די צוויי מענטשן, אויף וועמען עס האָבן יאָרנלאַנג געלויערט די קוילן, פֿיין־אינסטרומענטן און „לאַנגע מעסערס״ פֿון כלערליי פֿאַשיסטן, צוויי מאָל פֿאַרמשפּט געוואָרן אין סאָוועטן־לאַנד צום טויט ווי אַגענטן פֿון די פּוילישע פֿאַשיסטן און פֿון די נאַציס, און דער אורטייל איז אויסגעפֿירט געוואָרן. אוממעגלעך צו פֿאַרפֿאַסן אַ שווערערן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן סטאַלינס הערשאַפֿטס־מעטאָדן, ווי עס שטעלט מיט זיך פֿאָר דער עצם פֿאַקט.

די מערדער האָבן גוט געוואוסט אויף וועמען זיי הויבן די האַנט. צווישן דעם ערשטן טויט־אורטייל און צווייטן אַרעסט האָבן זיי מיט די, נאָך נעכטן דורך זיי פֿאַרמשפּטע צום טויט געפֿירט אונטערהאַנדלונגען וועגן ווערן די פֿירער פֿונם אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט. דאָס באַווייזט, מיט וואָס פֿאַר אַ ציניש חוזק די מערדער אַליין שאַצן אָפּ זייערע טויט־אורטיילן. פֿון טויטן־קאַמער ביז די העכסטע שפּיצן פֿון פּאָליטישן איינפֿלוס (געשען געשעט עס דאָרטן געווינלעך פֿאַרקערט) — איז ביי זיי בלויז איין שריט.

פאַרשטייער פון די גרעסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן געפאָדערט ערליכס און אַלטערס באַפרייאונג. די מערדער האָבן גע־וואוסט, ווי פּאָפּולער זייערע קרבנות זיינען און אַז קיינער קאָן זייער בלבול ניט גלויבן. פונדעסטוועגן האָבן זיי זיי דערמאָרדעט און דעם בלבול געמאַכט. וואָס אַרט דאָס זיי, צי מען וועט זיי גלויבן צי נישט גלויבן; זיי פילן דאָך די צינישסטע גרינגשעצונג פאַר דער גע־זעלשאַפטלעכער מיינונג פון דרויסן, זיי חוזק פון מאָראַל, שפּאָטן פון געוויסן, לאַכן פון אמת.

***

וואָס האָבן די מערדער געוואָלט דערגרייכן?

וואָס אָבער האָבן די מערדער געוואָלט דערגרייכן מיט זייער טאַט? וועגן דעם קאָנען זיין בלויז השערות. ענטפערן אויף דער פראַגע וועט מען קאָנען ערשט דעמאָלט, ווען די פעלקער פון סאָוועטן־לאַנד וועלן אין באַדינגונגען פון פולער סאָציאַליסטישער פרייהייט קאָנען אַריינקוקן אין די היינט געהיימע געריכטס־כראָניקעס. אַגב, איז אַפילו ביי יעדן געוויינלעכן מאָרד ניט דער עיקר, צי די מערדער האָבן געהאַט רויב־כוונות, שאַנטאַזש־צילן, צי האָבן זיי אָפּגערוימט ניט באַקוועמע פאַר זיי עדות אָדער געמאָרדעט פּשוט אויס פּאַטאָלאָגישער נייגונג צו מאָרד. וויכטיק איז אָבער שטענדיק נישט צו דערלאָזן, אַז מאָרד זאָל פאַרשוויגן ווערן און אַז מערדער זאָלן אפילו זיך צירן אין פעדערן פון גערעכטי־קייט; וויכטיק איז ניט צו דערלאָזן, אַז מיט די הענט פאַרפלעקטע אין בלוט זאָלן זיי נאָכוואַרפן זייערע קרבנות אַ שטיין אין קבר אַריין.

השערות וועגן די סיבות קאָנען זיין פאַרשידענע.

אפשר איז דער מאָרד־אַקט געווען אַ בלוטיקע נקמה פאַר דעם אַזוי דערפאָלגרייכן אידייאישן קאַמף, וואָס די קרבנות האָבן יאָרנלאַנג געפירט קעגן קאָמוניזם, קעגן שפּאַלטונגען, נקמה פאַר זייערע אַר־טיקלען וועגן מאָסקווער פּראָצעסן, קעגן זייער שאַרפער פאַראורטיילונג פון סטאַלין־היטלער־פּאַקט?

אפשר איז דער באַשלוס וועגן דערמאָרדן געפאַלן תיכף נאָכדעם, ווי די באַשולדיקטע זיינען אַרויסגערופן געוואָרן קיין לאָנדאָן אין שליחות פון דער אונטערערדישער באַוועגונג אין פוילן. און די ג.פּ.או.־מייסטערס, וואָס היטן פאַר דער דרויסנדיקער וועלט מיט אַזאַ אייפער די סודות פון זייערע תפיסות און לאַגערן, האָבן באַשלאָסן, אַז מענטשן, וואָס האָבן פאַרבראַכט יאָרן אין זייערע תפיסות, דורכגעמאַכט זייער געריכט־פּראָצעדור, מענטשן פון שניט פון ערליך און אַלטער מיט זייער אויטאָריטעט און ווירקונג, — דאַרפן אָפּגערוימט ווערן, ווי ניט גע־וואונטשענע עדות.

אפשר איז דער מאָרד־אַקט „פּאָליטישע וויטזיכטיקייט" פון זיינע דורכפירער, וואָס באַווייזט, אַז מאָסקווע איז שוין פּאַרטיק מיט פּלענער צו סטאַליניזירן פּוילן, און דעריבער איז „נויטיק געוואָרן" צו טויטן און שענדן יענע, צו וועמען עס ציען זיך אַזוי פיל הערצער אין פּוילן, יענע וואָס זיינען די פּאַרביקסטע פיגורן אין אַרבעטנדיקן לאַגער פון פּוילן און וועלכע וואָלטן זיך זיכער אַנטקעגנגעשטעלט אַט די פּלענער.

אַזעלכע אַקטן זיינען דאָך אַן אויסגעפּרואוווטער מעטאָד פון די באָל־שעוויקעס, פאַר וועלכן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַצאָלט מיט גענוג הייליק בלוט. אין ווילנע, למשל, זיינען די אייגפלוסרייכסטע פיגורן פון דער אָרטיקער באַוועגונג געווען די קרישטאָל־לויטערע אַנאַ ראָזענטאַל, דער פלאַמיק־אומרואיקער זשעלעזניקאָוו. דער וועג פאַר די קאָמוניסטן צו באַהערשן ווילנע איז געגאַנגען איבער זייערע טויטע קערפּערס. דער אָנערקענטער און באַליבטער פירער אין דער וועבער־שטאָט ביאַליסטאָק איז געווען שאול גאָלדמאַן. ער איז אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשוואונדן אָן אַ שפור; און אַט דער לויטערער אידעאַ־ליסטישער קעמפער איז באַלד נאָך זיין אַרעסט באַשמוצט געוואָרן ווי אַ שפּיאָן און פאַררעטער.

די השערה, אַז מען האָט דערמאָרדעט ערליכן און אַלטערן, בכדי פּטור צו ווערן פון די צוויי רעוואָלוציאָנערסטע, באַגאַבטסטע און איינפלוסרייכסטע טוער אין פּוילישן אַרבעטער־לעבן, — אַט די השערה ווערט נאָך מער באַקרעפטיקט דורכן פאַקט, אַז דער מאָרד איז באַגאַנגען געוואָרן אין טעג, ווען די רויטע אַרמיי, האָט מען געגלויבט, מאַרשירט שוין אויף פּוילן, ווען די פּויליש־סאָוועטישע באַציאונגען זיינען געוואָרן אָנגעשטרענגט, און ווען אין מאָסקווע איז געשאַפן געוואָרן אַן אייגענע עקספּאָזיטור פון פּוילן, וואָס גרופּירט זיך אַרום דער צייטונג „וואָלנאַ פּאָלסקאַ". אפשר קאָן מען אויך דאָ געפינען דעם ענטפער, פאַרוואָס מען האָט די כלומרשטע „נאַצי־אַגענטן" געהאַלטן אַ גאַנצן יאָר ביזן געריכט. ווער ווייס, וויפל פּרואוון עס זיינען געמאַכט געוואָרן דורך די 12 חדשים צו צווינגען ערליכן און אַלטערן דינען די אינטערעסן פון סטאַליניזם, פּרואוון אויסצופּרעסן דערקלערונגען און פאַרפּליכטונגען, פּרואוון צו ברעכן די שטאָלצע אומבויגזאַמע קעמפער...

***

מען טאָר נישט שווייגן.

די בלוטיקע טאַט איז באַגאַנגען געוואָרן אין אַ צייט פון שוידער־לעכסטן פיין פון יידישן פאָלק, פון גרויזאַמע שחיטות אויף יידן אונטער היטלערן; זי איז באַגאַנגען געוואָרן אין טעג פון גלענצנדיקע נצחונות פון דער רויטער אַרמיי, מיט וועלכע זייער פיל אין דער וועלט און

בפרט די געשאָכטענע יידישע מאַסן האָבן פאַרבונדן גרויסע האָפע־נונגען. דער חשבון איז געמאַכט געוואָרן אויף קאַלט: די קלעפּ פון די דונערן, אונטער וועלכע עס קראַכט די וועלט, — זיי וועלן פאַרטויבן דעם קלאַנג פון אַ פּאָר שאָסן ערגעץ־וואו אין אַ קעלער; צווישן טייכן בלוט וועט זיך ניט אָנזען נאָך איין קליינע ריטשקעלע, און אין די לויב־געזאַנגען פאַר דער רויטער אַרמיי וועט קיינער ניט וואָגן אַריינטראָגן אַ „גרילץ" דורך אַרויספירן אויף דער ליכטיקער שיין די מעשים־טובים פון איר „הויפּט־פירער".

דער חשבון טאָר זיך נישט באַרעכטיקן. ניט צוליב דעם פּירט די מענטשהייט איר בלוטיקסטן קריג, אַז ציניש‏ער שווינדל, געוויסנ־לאָזע הפקרות, מאָרד און שענדונג זאָלן פאַרשוויגן ווערן. די יידישע מאַסן אין פוילן פילן זיך געוויס היינט דאָפּלט פאַרצווייפלט. פון איין זייט, בלוטיקסטע רציחה, פון דער צווייטער, — גיט מען איר צו פאַרשטיין, אַז אויב סטאַלין וועט זיין דער, וואָס וועט זי פיזיש ראַטעווען, וועט ער וועלן ניט קיין ביליקן פּרייז: ער וועט פון איר פאָדערן אויס־צוגעבן אירע פירער אויף שענדונג, צו רעזיגנירן פון איר גלויבן, אירע אידעאַלן און האָפענונגען. די אַרבעטער־באַוועגונג אומעטום מוז הויך אויפהויבן איר שטים, אַז דער אָפּקלאַנג דערפון זאָל דערגיין אויך צו די פאַרצווייפלטע מאַסן אין די געטאָס. זי מוז דערקלערן, אַז צווישן פיזישער אויסראָטונג און מאָראַלישער שענדונג איז פאַראַן נאָך אַ דריי־טער אויסוועג, דער וועג פון סאָציאַליזם און פרייהייט.

מען טאָר נישט פאַרשוויגן דעם פאַרברעכן אין נאָמען פון אי־דעאַל פון אַ נייער וועלט, וועלכע מוז אויפקומען נאָכן קריג. מען טאָר אים ניט פאַרשוויגן אין נאָמען פון די יידישע מאַסן אין פוילן, אָבער אפילו אויך ניט, כלומרשט, פון רעספּעקט פאַר דער רויטער אַרמיי און פאַר די העלדישע פאָלקס־מאַסן פון רוסלאַנד. די רויטע אַרמיי איז ניט סטאַלין און די ג.פּ.או. איז ניט דאָס סאָוועטישע פאָלק.

אויב מיליאָניקע זין און טעכטער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד שלאָגן זיך היינט אַזוי העלדיש און שטאַרבן אַזוי בראַוו, — איז דאָס ניט אַ דאַנק סטאַלינען און דער ג.פּ.או. נאָר — ניט געקוקט אויף זיי. אַלע פאַרברעכנס פון דעם סטאַלין־רעזשים, די בלוטיקע רייניקונגען, די אי־בערגעפּאַקטע תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואו עס שמאַכטן און קומען אום אַזויפיל אידעאַליסטישע טרוימער וועגן סאָציאַליזם, פרייהייט און אַלגעמיין־מענטשלעכע גלייכהייט, — דאָס אַלץ האָט ניט באַ־וויזן אָפּצוטויטן דעם קאַמפסווילן פון די סאָוועטישע מאַסן. אפילו אין באַדינגונגען פון דער דערשטיקטער זעלבסטטעטיקייט ווייזן די סאָווע־טישע מאַסן וואונדער.

דאָס זאָגט צווישן אַנדערן עדות וועגן די ריזיקע דינאַמישע מעג־

לעכקייטן, וועלכע זיינען היסטאָריש פאַרוואָרצלט אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

די רויטע אַרמיי און די סאָוועטישע פעלקער זיינען נישט שולדיק אינם פאַרגאָסענעם בלוט. און זיי וועלן מסתמא אַמאָל איינשליסן אין חשבון פון זייערע אייגענע עוולות אויך דאָס אומשולדיק בלוט פון אונזערע ריינע און הייליקע. קיינער טאָר היינט דעריבער נישט פּרואוון פאַרדעקן דאָס פאַרגאָסענע בלוט מיטן גלאַנץ־מאַנטל פון דער רויטער אַרמיי און פאַרטומלען די פּראָטעסטן מיט לויבגעזאַנגען פאַר איר העראָאיזם.

די, וואָס גייען אין די דרכים פון אַלטערן און ערליכן, וועלן מחמת דעם ווי ביז היינט פאָדערן די אַלזייטיקסטע הילף פאַר רוסלאַנד און פאַר דער סאָוועטישער אַרמיי, וואָס איז איינע פון די גרונט־כוחות אין קריג קעגן היטלעריזם. די וויכטיקסטע אויפגאַבע, וועלכע שטייט פאַר דער וועלט, פאַרבלייבט ווי געווען, די אויפגאַבע אויסצונוצן אַלע כוחות אויף צו שלאָגן דעם פאַשיזם. און אין אָט דעם קאַמף וועט אונז געבן אויסדויער און קראַפט דער הייליקער אָנדענק פון אונזערע מאַר־טירער.

אָבער אָט די, וואָס מיינען, אַז מען קאָן אויסנוצן אָט דעם קאַמף אויף אומבאַשטראָפטע מאָרדן און שענדן, אויף אָפּרוימען פון וועג די ליכטיקסטע געשטאַלטן פון סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע, אויף אָפּהאַקן די גייסטרייכסטע און גלאַנציקסטע קעפּ פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, — זיי מוזן אָנטרעפן אַזאַ כוואַליע פון פּראָטעסט, צאָרן און עקל, אַז זיי זאָלן פילן, אַז אומשולדיק בלוט וועט ניט געשענקט ווערן.

די, וואָס האָבן געמיינט שטום צו מאַכן די שטים פון געוויסן, וואָס האָט געקלונגען פון די מיילער און פעדערס פון ערליך און אַלטער, טאָרן זייער ציל נישט דערגרייכן. ערליך און אַלטער קאָנען נישט פאַר־שטומט ווערן. די נעמען זייערע וועלן לויכטן אין קאַמף. און אויך אין טאָג פון זיג וועלן זיי בלייבן ווי אַ באַשולדיקונג קעגן די שענדער און פאַרשוועכער פון סאָציאַליזם, אַ וואָרענונג, אַז סאָציאַליזם באַדייט אויך העכסטע מאָראַל, לויטערער געוויסן און פרייהייט; זייערע נעמען וועלן פאַרבלייבן אַ פאָן.

אָט די פאָן וועלן די יידישע מאַסן טראָגן צו די אומענדלעכע הויכן, צו וועלכע עס האָבן זיי געפירט ערליך און אַלטער. די פאָן איז היינט באַגאָסן מיט הייליק בלוט. און דאָס בלוט פון די אומגעבראַכטע רופט און מאָנט, באַשולדיקט און וועקט צום פּראָטעסט.

(„אונזער צייט", אַפּריל 1943)

באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

באַריקאַדן־קאַמפּן אין וואַרשעווער געטאָ — דאָס איז דער לעצטער גרוס, וואָס קומט פון אונזערע נאָענטע אויף יענער זייט אָקעאַן.

חדשים־לאַנג זיינען געקומען פאַרצווייפלטע רופן פון אַ הילפלאָזער מאַסע, וואָס ווערט געשאָכטן ווי פי. איצט האָט זיך אָנגעשאָט דעם צע־טראָגן איבער דער וועלט אַ ווידערקול פון אַ פאַרביסענער און בלו־טיקער שלאַכט.

דאָס איז דער לעצטער רוף פון וואַרשעווער טויטן־טאַל, און דער אָפּקלאַנג פון דעם רוף קאָן קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן אָדער פאַר־שטומט ווערן. אויב נאָר עס וועט עקזיסטירן אַ ציוויליזירטע מענטש־הייט מיט רעספּעקט פאַר ווערטן פון מענטשלעכן גייסט, פאַראַכטונג צו שקלאַפעריי און באַוואונדערונג פאַר העראָאיזם און קידוש־השם, — וועט אַזאַ מענטשהייט אויפהיטן אין איר קדשי־קדשים די מגילה וועגן העלדישן און האָפענונגסלאָזן ווידערשטאַנד פון יידישן געטאָ אין וואַרשע.

די קעמפער פון געטאָ האָבן מיט זייער בלוט אָנגעשריבן איינעם פון די וואונדערלעכסטע קאַפּיטלען אין דער מענטשלעכער געשיכטע. אין צייטן, ווען הייליקייטן ווערן אויסגעשפּאָט, ווען מענטשלעכע ווירדע ווערט געטראָטן מיט די פיס און נידערטרעכטיקייט און רשעות באַ־וועלטיקן די וועלט, אין אַזעלכע צייטן זוכט דאָס גלויבערישע האַרץ געוויינטלעך אַ טרייסט אין בלעטלעך פון דער פאַרגאַנגענהייט. אונזער דור איז אָבער באַשערט ניט בלויז אַריינצובליקן אין די שוואַרצסטע אָפּגרונטן פון אכזריות, נאָר אויך מיטלעבן געשעענישן, אין וועלכע עס אַנטפּלעקן זיך די העכסטע ווערטן פון מענטשלעכן גייסט: אין דער גאַנצער מענטשלעכער פאַרגאַנגענהייט איז שווער צו געפינען אַן אַקט, וואָס זאָל גלאַנצן מיט אַזויפיל מענטשלעכער דערהויבנקייט, ווי דער באַוואָפנטער קאַמף פונם וואַרשעווער יידישן געטאָ.

די קעמפער אין וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך ניט געקאָנט ריכטן אויף קיין ניסים. זיי האָבן גוט געוואוסט, אַז עטלעכע טויזנט אָדער אַפילו עטלעכע צענטליק טויזנט זיינען מיליטעריש אַ נישטיקייט אַנט־קעגן דער סופּערמאָכטיקער מיליטערישער מאַשין פון נאַצי־דייטש־לאַנד; זיי האָבן געוואוסט, אַז מיט העק, מעסערס און אַפילו קוילנ־

ווארפעֿרס קאָן מען זיך נישט האַלטן קעגן שטאָלענע טאַנקען, קעגן פאַרניכטונגס־מאַנסטערס פון הימל, וואָס רעגענען מיט טויט, קעגן די אַלע היינטצייטיקע מעכאַנישע מחבלים. זיי האָבן געוואוסט, אַז עס איז ניטאָ פון וואַנען עס זאָל קומען הילף; אַז די פיינטלעכע אַרמייען, וואָס קעמפן קעגן די נאַציס, זיינען אָפּגעטיילט פון זיי מיט הונדערטער מיילן באַפעסטיקטן באָדן, מיט לענדער, וואָס זיינען פאַרשקלאַפט צו היטלערן, מיט ימען און אָקעאַנען. אָבער אין די הערצער, צעוויטיקטע איבער דער דערנידעריקונג פון דער געשאָכטענער פאָלקס־מאַסע, האָט געברענט אַ ווילן צו ווידערשטאַנד, אַ מאַסע, וואָס איז דערצויגן גע־וואָרן אין טראַדיציעס פון שטאָלצן קאַמף, האָט ניט געוואָלט מער שטאַרבן אונטער די קלאַנגען פון חוזק און שפּאָט פון אַ נידערטרעכטיקן שונא. די קעמפער זיינען געגאַנגען אויף זיכערן טויט, און דער טויט, וואָס זיי האָבן געגאַרט איז געווען — פאַלן אין שלאַכט.

עס וועט נאָך ווען עס איז געשריבן ווערן די מגילה פון דעם יידישן ווידערשטאַנד אין וואַרשע, און זי וועט טראָגן אין ווייטע צוקונפטיקע דורות די לעגענדע פון צענטליקער טויזנטער, וואָס האָבן בצבור געהייליקט דורך בלוט און טויט דעם נאָמען מענטש.

לאָמיר דאָ היינט פאַרצייכענען עטלעכע פאַקטן, וואָס וועלן אַריינ־גיין אין דער צוקונפטיקער מגילת־וואַרשע: דער ערשטער פעריאָד פון די טראַגישע שחיטות איז געווען אַ פעריאָד פון פּאַסיוון קידוש־השם. אין באַריכט פון דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס איז אַרויס־געשיקט געוואָרן פון וואַרשע דעם 31טן אויגוסט 1942 האָט דער מיט־גליד פון צ.ק. פון „בונד" חבר עקס געשריבן: „דער באַוואוסטזיניקער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ האָט קלאָר פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין אויסזיכטן, אַז דער ווידערשטאַנד זאָל אָננעמען אַ ברייטערן פאַרנעם, איבער דער אַטמאָספער, וועלכע איז דורך די דייטשן בכיוון געשאַפן געוואָרן אין געטאָ און מחוץ דעם געטאָ. אָבער די מער קאָנסערוואַטיווע שיכטן ביי די יידן זיינען געווען קאַטע־גאָריש קעגן דעם געדאַנק פון אַזאַ ווידערשטאַנד, פאַררופנדיק זיך דערויף, אַז דאָס וואָלט באַדייט די תיכפדיקע פאַרניכטונג פון אַלע יידן. דעריבער איז יעדער מעגלעכער פּרוואו פון מאַסן־ווידערשטאַנד פאַראַ־ליזירט געוואָרן". אין דערמאָנטן בריוו דערציילט חבר עקס וועגן אָפּגעזונדערטע פאַלן פון אַקטיוון ווידערשטאַנד, וואָס האָט צוליב די פריער דערמאָנטע סיבות ניט אָנגענומען קיין מאַסן־כאַראַקטער.

וואָס האָבן איבערגעלעבט יענע אונטערערדישע קעמפער, וואָס האָבן געמוזט פּאַסיוו צוזען, ווי זייערע נאָענטסטע ווערן געפירט ווי

שעפּסן צו דער שחיטה! זיי האָבן זיך געריסן אין קאַמף, אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט אויף זיך נעמען די אחריות פאַר דער מעגלעכער פּול־שטענדיקער פאַרניכטונג פון אַלע יידן. און די טראַגישע איבערלעבונג איז געווען נאָך טיפער, ווייל די אָנטיילנעמער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג האָבן זיך ניט געגנאַרט, אַז אַזוי אָדער אַנדערש וועלן די נאַציס זייער מאָרד־אַרבעט סיי־ווי דורכפירן.

אָבער אָט קומט אַ צווייטע פאַזע. די אונטערערדישע באַוועגונג אַנטשליסט זיך אויף אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אין באַריכט, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט קנאַפּע צוויי חדשים שפּעטער (אין מיטן אָקטאָבער 1942) שרייבט שוין חבר עקס בלויז וועגן איין מניעה: עס איז ניטאָ קיין געווער. אפשר האָבן די אומאויפהערלעכע שחיטות צו יענער צייט שוין איבערגעצייגט אַלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט, אַז עס איז ניטאָ סיי־ווי וואָס צו פאַרלירן. אפשר זיינען די חברים, וואָס האָבן זיך געריסן צום קאַמף און וועמענס טרוים עס איז געווען צו שטאַרבן שטייענדיק און צו ענטפערן מיט בליי אויף בליי, ניט געווען מער בכוח צו לאָזן זיך צוימען דורך אַ פאַרפירערישער אילוזיע, — ווי עס זאָל ניט זיין, פונם אָקטאָבער־באַריכט איז קלאָר, אַז אַ באַשלוס וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד איז צו יענער צייט שוין געווען. אין באַריכט לייענען מיר: „דער ניוואָ און די האַלטונג פון אונזערע מענטשן איז אַן אומפאַרגלייכלעכער, אַ שטאָלצער און אַ העלדישער"... און חבר עקס פאַרענדיקט זיין באַריכט: „איך וויל ניט איבערגעבן וועגן איינצלהייטן פון אונזער אַרבעט. איך בין עס איצט נישט אימשטאַנד צו טאָן. מיר האָבן אַ טענה, וועלכע מיר וועלן קיינמאָל נישט מוחל זיין. מיר האָבן זיך געווענדט, מען זאָל אונז געבן געווער, כדי צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד מיטן צוועק ווייניקסטנס צו קאָנען שטאַרבן ווי מענטשן מיט געווער אין האַנט. מען האָט אונז דערין אָפּגעזאָגט און קיין געווער נישט געגעבן".

עס זיינען אַדורך נאָך אַ פּאָר פיינפולע חדשים. פאַר אונזערע נאָענטע אין די געטאָס איז יעדע רגע פון אָט דער צייט געווען אַן אייביקייט אויסגעפילט מיט טויט־געפאַר, מיט געחתמעטן גזר־דין, — ביז עס הויבט זיך אָן די דריטע פאַזע פון מגילת־געטאָ. די פּראָבלעם פון געווען איז ענדלעך פאַרענטפערט געוואָרן.

די דריטע פאַזע האָט זיך אָנגעהויבן אומגעפער אין דעצעמבער 1942. קראַנקע און שוואַכע, אַלטע און קינדער זיינען שוין אין אַ גרויסן טייל דעפּאָרטירט, דערשטיקט, פאַרסמט אָדער פאַרברענט. לעבן זיינען פאַרבליבן דער עיקר די געזינטסטע יידן, וואָס זיינען מערסטנטייל פאַרשפּאַרט געוואָרן אין קאַזאַרמעס, צו טאָן שקלאַפן־אַרבעט פאַר היט־

לערס קריגס־מאַשין. עס איז פאַרבליבן דער גרעסטער טייל פון יידישן וואַרשע, ביי ווען די היטלעריסטן האָבן, פאַרן פאַרניכטן זיי, געוואָלט אויסזויגן גאָר די קראַפט פון זייערע מוסקולן, אַרויסציען דעם גאַנצן חיות פון זייערע לייבער, בכדי צו קרעפטיקן מיט דעם די מי־ליטערישע מאַשין פון די נאַציס. אָבער די פאַרמשפּטע אויף לאַנג־זאַמען טויט פון שקלאַפן צום שונא האָבן בעסער געוואָלט שטאַרבן אין קאַמף קעגן שונא. פון דעצעמבער חודש איז שוין פאַראַן אַ ידיעה וועגן אַ ווידערשטאַנד אין געטאָ. די נאַציס באַשטראָפן פאַרן ווידער־שטאַנד דעם גאַנצן געטאָ מיט צונעמען די לעצטע שפּייז־קאַרטן. אין יאַנואַר הויבן זיך אָן דעמאָנסטראַציעס פון הונגעריקע יידן. דאָס באַשליסן זיך אויף מאַסן־דעמאָנסטראַציעס באַדייט, אַז די פאַרצווייפלונג איז אָנגעגליט ביזן העכסטן פונקט, אַז דער געטאָ איז שוין רייף פאַרן מאַסנהאַפטן העלדן־טויט.

דער „בונט פון די שקלאַפן” ברענגט אַריין די נאַצישע „איבער־מענטשן” אין ווילדן צאָרן. אין יאַנואַר הויבן אָן די נאַציס אַן אַק־ציע אויף צו ליקווידירן די רעשטלעך פון געטאָ. דאָ שטויסן זיי זיך אָן אויפן ערשטן מאַסנהאַפטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. עס זיינען אומ־געקומען דעמאָלט עטלעכע צענטליק דייטשן און אַ פּאָר הונדערט יידן. די נאַציס האָבן נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד פון יאַנואַר דורכגעפירט אַ בלוטיקע שחיטה, וואָס האָט געדויערט עטלעכע טעג און נאָכדעם האָבן זיי אַוועקגעשלעפּט פרישע זעקס טויזנט יידן.

דעם גייסט פון ווידערשטאַנד האָבן אָבער די נאַציס נישט גע־בראָכן. אין חודש פעברואַר זיינען ווידער געווען פאַלן פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. אין מערץ איז ווידער געקומען אַ דייטשע עקספּעדיציע אין געטאָ אויף פאַרצווזעצן די אויסראָטונגס־אַרבעט. די עקספּעדיציע איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ שיסעריי פון ביקסן און רעוואָלווערן. דער נאַצישער גובערנאַטאָר פישער האָט באַשלאָסן אָפּווישן דעם געטאָ פון דער ערד. אָבער עס איז שוין ניט מאַי — יולי 1942, ווען די נאַציס האָבן געקאָנט פשוט אַריינשיקן באַוואָפנטע ס.ס.־באַנדיטן, לאַט־ווישע פאַשיסטישע שיסער אָדער ליטווישע שאַוליסעס, וואָס זאָלן אומבאַשטראָפט קוילענען און שיסן יעדן, וואָס זיי טרעפן אָן. עס איז אַ נייער קאַפּיטל אין לעבן פון וואַרשעווער געטאָ, ווען אַהינצו דאַרף מען שיקן ניט אַ „פאַרניכטונגס־קאָמיסיע” אויף כאַפּן און שטיקן הילפלאָזע און שוצלאָזע יידן. אין געטאָ מוז מען שוין איצט שיקן רע־גולער מיליטער, פאַר ווען גיין אין געטאָ באַדייט גיין אויפן קריגס־פראָנט.

דער שלאַכט־פראָנט קעגן געטאָ איז געעפנט געוואָרן דעם 20טן

אַפּריל. דאָס דייטשע מיליטער, וואָס האָט אַריינגעמאַרשירט אין געטאָ איז באַגעגנט געוואָרן מיט פייער פון קוילנוואַרפערס. עס זיינען אויפ־געשטעלט געוואָרן באַריקאַדעס, איבער זיי און איבער די הויכע גע־בײדעס האָבן געפלאַטערט פענער פון די פאַראייניקטע פעלקער. טאַנ־קען האָבן געשטורעמט די באַריקאַדעס. עראָפּלאַנען האָבן פון דער הויך געהאָגלט מיט באָמבעס. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן די העלדן פון געטאָ זיך געהאַלטן טעג און וואָכן. דער שונא האָט געמוזט נעמען באַריקאַדע נאָך באַריקאַדע, צאָלנדיק מיט טויטע פאַר יעדער דעראָבער־טער פּאָזיציע. ס׳האָט געפלאַקערט די איינציקע לויטן כאַראַקטער שלאַכט אין דער געשיכטע פון וועלט־קריג: פּשוטע יידישע פאָלקס־מענטשן, מערסטנטייל אָן מיליטערישער שולונג, האָבן מיט האַנט־געווער פאַר־טיידיקט זייער היים און זייער מענטשלעכע ווירדע קעגן דער שטאַרק־סטער אַרמיי אין דער וועלט. און אויב איינפאַכע יידישע אַרבעטס־מענטשן האָבן אַ פאַר וואָכן געקאָנט איינהאַלטן דעם יידישן געטאָ־פּערטל אין וואַרשע, ווי אַן איינזאַמען אינזעלע פון קריג אין גרענעצ־לאָזן ים פון נאַצישער געוואַלט־הערשאַפט, איז דאָס דען ניט אַ גרע־סערער וואונדער, ווי אַזעלכע מוסטערן פון העראָאיזם, וואָס זיינען אַנט־פּלעקט געוואָרן אין סטאַלינגראַד, באַטאַן אָדער אין די וויסטענישן פון אַפריקע ?

און אַ באַזונדער אָרעאָל שוועבט נאָך איבער די קאַמפן אין געטאָ צוליב אַן אייגנאַרטיקן אומשטאַנד פון קאַמף. צו הילף די יידישע קעמ־פער זיינען געקומען גרופּעס פּוילישע אונטערערדישע קעמפער. ווי באַדייטונגפול דאָס איז אין טעג, ווען מענטשן־האָס איז געוואָרן די פאָן פון שונא און ווען אומגלויבן אין מעגלעכער ברידערלעכקייט פון פעלקער האָט פאַרסמט מיליאָנען הערצער. בלוט פון פּוילישע קעמפער, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן בלוט פון די העלדן פון געטאָ, — וואָס פאַר אַ באַקרעפטיקונג דאָס איז פאַר די האָפענונגען אויף אַ נייער פעלקער־ברידערלעכקייט, וואָס וועט שפּראָצן אויפן מיט בלוט באַ־פלעקטן באָדן.

וואָס זשע קאָנען מיר זאָגן וועגן דער טאָט פון געטאָ ?

שטאָלצע העלדישקייט ? העראָאישקייט און מוט ? עס ווילט זיך נישט באַנוצן לגבי די קעמפער פון געטאָ אָט די וואָכעדיק געוואָרענע ווערטער. ווי האַלב־טויטע געפרוירענע פייגל מיט פאַרחלשטע פליגל ליגן היינטיקע צייטן פאַרשעמט און פאַרשמאַכט די הייליקסטע ווערטער. נישט איין נאַצישער באַנדיט שטאַרבט ווי אַ „העלד״. נישט איין מער־דער טויט זיינע קרבנות אין „שטאָלצן״ באַוואוסטזיין, אַז ער אַליין גע־הערט צו אַ „העכערער״ ראַסע. אָבער דער לעצטער גרוס פון געטאָ

פילט אויס מיט נייער קדושה אָט די וואָכעדיק געוואָרענע ווערטער, גיט זיי צו נייעם אינהאַלט, און לעבנס־קראַפט. אויף צו שאַפן דעם וואונדער פון וואָכנלאַנגן ווידערשטאַנד איז נויטיק אַ קאַמפס־ווילן, וואָס איז פעסטער פון טאַנקען־שטאָל, איז נויטיק שוואונג וואָס איז באַפליגלטער פון היטלערס טויט־פויגל, דאַרף מען האָבן מוט, וואָס איז שטאַרקער פון טויט.

דאָס אַלץ האָבן פאַרמאָגט די העלדן פון געטאָ.

זייער אומדערשראָקנקייט פאַרן טויט איז געשפייזט געוואָרן דורך צאָלרייכע ביישפילן פון קידוש־השם אין דער פאַרגאַנגענהייט, זייער מוט איז געשמידט געוואָרן אין דער רעוואָלוציאָנערער שול פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, זייער נשמה־פלאַם איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן דורך שטאָלצן גלויבן אין מענטש און זיין צוקונפט, דורך ברענענדיקער בענקשאַפט נאָך אַ נייער וועלט.

און די טאַט פון די געפאַלענע העלדן אין געטאָ פינקלט דורך די פינצטערקייטן פון היינט און דערמאָנט וועגן יענער צוקונפט, וועגן וועלכער מען האָט אַזוי הייס געטרוימט אין דעם פאַרשקלאַפטן געטאָ.

און אָט די טאַט וועט פינקלען און לויכטן אין די אייביקייטן אַריין.

(„אונזער צייט", יוני 1943)

אַרטורס צוואה

מיר לייענען די פּשוטע אָבער טיף־טראַגישע שורות פון אונזער אַרטורן, — שורות, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן, ווען אַרטור האָט גע־וואוסט, אַז ער זעט צום לעצטן מאָל אין זיין לעבן בלויקייט פון הימל איבער זיין קאָפּ, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פאַרבן פון דער נאַטור, אַז ער הערט צום לעצטן מאָל אַלע פליסטערן און גערוישן פון דאָ־זיין.

ער, דער לעבנסלוסטיקער אַרטור, וואָס האָט געהאַט אַזויפיל פאַר־שטענדעניש און זין פאַר דער רייכער פאַרביקייט פון דער וועלט, האָט באַשלאָסן מיט זיינע אייגענע הענט אויסלעשן אין זיך דעם פלאַם פון לעבן.

און די לעצטע שורות זיינע דערציילן אונז, וואָס האָט געטראַכט דער פריוויליק צום טויט־פאַרמשפּטער, ווען ער האָט זיך געגרייט צו זיין לעצטן וועג אין קבר אַריין.

ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם גלייכגילט פון דער וועלט צום טראַגישן גורל פון די יידן אין די געטאָס. ער האָט וואָכן נאָך וואָכן געקלאַפּט אין אַ טויבער וואַנט, פאַרשטעלנדיק דער וועלט די שויד־דער־בילדער פון יידישן אומגליק אין פוילן, דעם גאַנצן גרויל פון די קאַלטע רציחות איבער דעם יידישן פאָלק. ער האָט געפאָדערט מעשים און קוים געקראָגן פּוסטע מיטגעפיל־דעקלאַראַציעס; ער האָט געוואָלט אַנשטעקן די וועלט מיט זיין און אונזער גרויסן צער און פלעגט קריגן צוגעוואָרפן ווי אַ נדבה אַ צו גאָרנישט נישט פאַרפליכטנדיקן קרעכץ. ער האָט דערוואַרט שטורעם פון אויפרעגונג און געטראָפן אַפּטויטנדיקע גע־לאַסנקייט, — ביז, ביז ער האָט דערפילט אין זיך אַ באַגער צו צאָלן פאַר צעשטערן די רואיקייט דעם העכסטן פּרייז, וואָס אַ מענטש קאָן צאָלן, — צו וואַרפן אין תהום פון גלייכגילט זיין אייגן צאַפּלדיק לעבן. און געהאָפט האָט ער דערביי, אַז אפשר וועט דער אָפּקלאַנג פון זיין צעשמעטערט לעבן פאַרט אַריינדרינגען אין די אויערן פון די, אויף וועמען עס פאַלט די שולד פאַר דער שטילקייט.

אַרטור געזעגנט זיך מיט דער וועלט מיט פאָלגנדיקן ביטערן פאַר־וואורף אויף די ליפּן: „די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם פאַרברעכן

פון אויסהרגענען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג אין פוילן פאַלט קודם כל אויף די מערדער, אָבער אויך אויף דער גאַנצער מענטשהייט. די בירגער און די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע פעלקער האָבן ביז איצט נישט געמאַכט קיין פאַרזוך אָפּצושטעלן דעם דאָזיקן פאַר־ברעכן".

אָט די ווערטער אַנטהאַלטן די שווערסטע באַשולדיקונג קעגן די בירגער און רעגירונגען פון אַלע לענדער, ווי מיטשולדיקע אין פאַר־ברעכן. דאָס איז די באַשולדיקונג פון אַ מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אין מיטלפונקט פון דער רעטונגס־אַקציע און וואָס וואַרפט נישט קיין ווערטער אויפן ווינט. דאָס איז אַ באַשולדיקונג, וואָס דאַרף שמייסן ווי מיט אייזערנע ריטער אין פּנימער אַריין, ווייל זי ווערט געמאַכט פון אַ ראַנד פון קבר, און איר ריכטיקייט ווערט באַשטעטיקט מיט דער העכסטער און הייליקסטער שבועה, וואָס אַ מענטש קאָן געבן. זי איז געזיגלט מיטן אמת פון טויט.

צו וועמען איז געווענדט אַרטורס לעצטער פאַרוואורף? ער איז געווענדט צו די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס האָבן נישט געמאַכט קיין שום פּרוּוו אָפּצושטעלן דעם גרויזאַמען פאַרברעכן; ער איז געווענדט צו דער פוילישער רעגירונג, וואָס „האָט געטאָן נישט גענוג און נישט באַוויזן צו טאָן עפּעס וואָס זאָל דערגרייכן די טיפקייט פון דער טראַגעדיע". און ער איז געווענדט צו די בירגער פון די פאַראייניקטע פעלקער, דאָס הייסט, צו די פיל מיליאָנען גלייכגילטיקע, שווייגנדיקע, געלאַסענע און באַרעכנטע.

אַרטורס בריוו איז מער ווי אַ פאַרוואורף. דאָס איז אַ דאָקומענט, וואָס דערהויבט זיך צו אַן אייביקן סימבאָל פון אַ צייט, אין וועלכער עס איז ניטאָ קיין מענטשלעכקייט. עס פאַראַדירן מיט זייער אוממענטש־לעכקייט די נאַציס, און עס שטורעמען נישט מיט צאָרן, אויף וויפל דאָס איז נוגע יידן, זייערע קעגנער. אין אַרטורס בריוו הערן מיר דעם לעצטן ביטערן געשריי פון אַ מענטש, וואָס האָט געגלויבט אין מענטשלעכ־קייט און האָט דעם גלויבן פאַרלוירן, אין אים קלינגט דער רוף פון אַ יידן, דער רוף פון אַ גאַנצן פאָלק, צו ענגלענדער, אַמעריקאַנער, שוועדן, שווייצער, דרום־אַמעריקאַנער, רוסן, — אַ רוף נישט צו פאַרמאַכן די אויגן אויף דער טראַגעדיע פון אַ פאָלק, וואָס איז פאַרמשפּט צום טויט; אין אים פלאַטערט דער אַנגסטלעכער רוף פון אַ יידן פון פוילן, — פונם גאַנצן פוילישן יידישן קיבוץ, — צו יידן פון גאַר דער וועלט, בפרט צו די אַמעריקאַנער יידן; אַ רוף, וואָס וואָלט געדאַרפט קלינגען אין די אויערן פון די, צו וועמען ער איז געווענדט, ווי דאָס פייפן פון אַ שטראָפנדיקער בייטש און לייגן זיך אויף געוויסנס ווי די לאַסט פון

טויט־זינד. אין די געזעגענונגס־שורות פון אַרטורס בריוו קלינגט די טויט־ביטערע פראַגע צו די פירער פון די אַמעריקאַנער יידן: פאַר־וואָס האָט איר ביז היינט נישט געמאַכט קיין פּרוּאוו צו מאָביליזירן די גאַנצע ענערגיע פונם גרעסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט פאַרן ציל צו ראַטעווען פון מלאך־המות די פאַרמשפּטע? אין אַרטורס גע־זעגענונגס־בריוו קלינגט מאַנונג און טענה פון אַ פאַרשטייער פון דער העראָאישער אונטערערדישער באַוועגונג אין די געטאָס צו די אַרבע־טער אין דער וועלט, אין דער ערשטער ריי צו די יידישע אַרבעטער פון אַמעריקע: פאַרוואָס האָט איר זיך ביז היינט נישט געשטעלט אין דער ערשטער ריי, נישט געוואָרן דער פירנדיקער כּוח פון צעברויזטן צאָרן, פון צעפלאַקערטן פּראָטעסט?

און איבער אַלעמען פלאַטערט אין יעדן אות פון אַרטורס בריוו די קדושה פון מסירת־נפש, דער שיין פון אַ מאָראַלישער שכינה, וואָס האָט געפלעמלט אין די פינצטערנישן פון געשיכטע און האָט זיך דורך פאַרשידענע דורות אַנטפּלעקט אין די זעלבסט־אָפּפער־טאָטן פון די בעסטע.

אַרטור דער מענטש, ייד און סאָציאַליסט האָט זיך געשטעלט אין די רייען פון די הייליקסטע מאַרטירער. אין גראַניט וועט מען אויסהאַקן די ווערטער: „איך קאָן נישט לעבן בעת די רעשטלעך פון פּוילישן יידנטום, וועמען איך פאַרטרעט, קומען אום. מיינע חברים אין דער וואַרשעווער געטאָ זיינען אומגעקומען מיט געווער אין די הענט, אין זייער לעצטן העראָאישן ווידערשטאַנד. עס איז מיר נישט געווען באַ־שערט צו שטאַרבן ווי זיי, צוזאַמען מיט זיי, אָבער איך באַלאַנג צו זיי און צו זייערע מאַסן־קברים".

אָבער די ווערטער זיינען אין דער אמתן פיל אייביקער ווי גראַניט: זיי דערציילן וועגן דערפילונג פון אַ שבועה, וואָס איז געשוואוירן גע־וואָרן פון „טרייהייט אויף לעבן און טויט"; אין זיי שלאָגט פלאַמיקער בונט, טריישאַפט אָן גרענעצן צום געפייניקטן יידישן פאָלק, ענדלאָזער צער און באַהעפטונג מיט אייביקייטן, טראַגישע דערהויבנקייט, וואָס זוכט און געפינט אַ תיקון פאַר דעם נאָמען מענטש.

אַרטור געהערט צו די מאַסן־קברים פון יידישן געטאָ. און אַ טייל פון די, וואָס געהערן צוזאַמען מיט אים צו די דאָזיקע קברים, וועט אפשר נאָך זיין אַמאָל באַשערט צו ברענגען אַרטורסביינער צו די דאָזיקע קברים און באַטרעטן געבויגענע דאָס הייליקע אָרט; אפשר וועלן אייניקע נאָך האָבן דעם זכות צו זיין עדות, ווי עס ווערט פאַר־ווירקלעכט אַרטורס לעצטער חלום פון זיין געזעגענונגס־בריוו, — ווי אויף דער ערד, מיט וועלכער די יידישע מאַסע האָט זיך פאַרבונדן

מיט אַזוי פיל צער און אומגליק, וואָס האָט איינגעזאַפּט אַזויפיל יידישע טרערן און בלוט; אויף דער ערד, וואו עס איז געשאַפן געוואָרן די טראַגישסטע איכה־געשיכטע פון יידישן לעבן און די וואונדערלעכסטע עפּאָפּייע פון קדושה, — ווי דאָרט ווערט פאַרטגעזעצט און ווייטער שעפעריש פאַנאַנדערגעבויט אַ יידיש לעבן. און ביז דעמאָלט איז פאַר־בליבן איין איינציקע אויפגאַבע: צו טראָגן אין דער וועלט אַרטורס צוואה ווי אַ פאָן; צו הייליקן זיין טריקהייט; צו ברענגען פאַר דער וועלט זיין פלאַמיקן פּראָטעסט, זיין ברענענדיקע מאָנונג; און דערמיט כאָטש אין דער קלענסטער מאָס צו פאַרגיטיקן זיין קרבן.

(„אונזער צייט", יולי 1943)

ערשטער מאַי 1944

שווער צו רעדן אָדער צו שרייבן וועגן ערשטן מאַי 1944 און נישט איבערטראָגן זיך דערביי מיטן געדאַנק צום גרויסן בית־עולם, וואָס שפּרייט זיך איצט אויפן אָרט פונם געוועזענעם יידישן געטאָ אין וואַרשע.

ווען איז דאָס געווען, ווען סמאָטשע, פּשעיאַזד, נאַלעווקעס און מילע זיינען פול געווען מיט צעוויגטע מאַסן, מיט פענער־פלאַטער, מיט צעכוואַליעטע בענקשאַפטן און העלע טרוימען, מיט וויזיעס פון דער צוקונפט און יוגנטלעכער געוואַגטקייט?

סך־הכל מיט 6־7 יאָר צוריק האָבן די וואַרשעווער יידישע גאַסן אין טאָג פון ערשטן מאַי אויסגעזען ווי אַ גיגאַנטישע קאַרוזעלע מיט צעוויגטע באַרוישטע מאַסן, וואו אַלץ שפּרודלט מיט פרייד פון יום־טובדיקייט, געמישט מיט פיבער פון קאַמף־גרייטקייט, געצייכנט מיטן שטעמפּל פון אַנדערשקייט פון אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר, — פון אויפפיצלעך צעריסענער וואָכעדיקייט.

עס קייטלען זיך אין זכרון בילדער נאָך בילדער פון דעם נישט וויטן נעכטן, פון די ערשטע מאַיען פאַרן קריג אין די שטעט און שטעטלעך פון פּוילן: הייסע אָנגעצונדענע אויגן פון טויזנטער און טויזנטער, שטיינערנע מאַסקעס פון די אָפיציעלע אָרדענונג־היטער, וואָס זיינען אין דעם טאָג פאַרשטויסן געוואָרן אין הינטערגרונט, אָנגעגאָסענע מיט בייזקייט פּנימער פון געהיים־אַגענטן, פון געדונגענע שלעגער און „אי־דייאישע" פאַשיסטן, און — די אומענדלעכע רייען, אין וועלכע עס ברענט התלהבות און עס רוט אויף זיי די פייערלעכקייט פון גלויבן: עלטערע אַרבעטער, וועמענס פון זאָרגן צעאַקערטע פּנימער שיינען היינט מיט אַ נייער ליכט, און יוגנט, יוגנט אָן אַ שיעור, וואָס זיינען פול איבער די ברעגעס מיט יום־טוב און פרייד; און אַלץ שאַלט און זינגט, פיבערט מיט קאַמפס־לאָזונגען, און עס זינגען מיט, פיבערן מיט די גאַסן, די הייזער, די צענטליקער טויזנטער מאַסן אויף ביידע זייטן גאַס, אין די פענצטער, אויף די באַצירטע באַלקאָנען, אויף די דעכער און פאַרקאַנעס; עס יום־טובן־מיט גרייז־גרויע יידן אין חסידישן און אין מאָדערנעם הילוך, עלטערע פרויען, צי יונגע מאַמעס מיט עופהלעך אויף די הענט, זיי פּאָכן און ווינקען צום צוג און באַגריסן ברידער,

שוועסטער, אייניקלעך; און מיט הונדערטער זילבערנע גלעקלעך צעגיסן זיך איבער די קעפּ פון די דעמאָנסטראַנטן פרייִדיקע קינדער־שטימעלעך פון די שול־לאָקאַלן און באַלקאָנען, — דאָס יידישע אַרבעטנדיקע פאָלק פון וואַרשע פייערט זיין צעבליטן פרילינג־טרוים.

עס שווימען בילדער נאָך בילדער, פון דעם נעכטן ערב דעם בלוטיקן מבול: פאַשיסטן באַפאַלן די בונדישע דעמאָנסטראַציע אויף סמאָטשע, זיי שפּרינגען אַרויס פון אַ זייטיק געסל, שיסן אין דער צושויער־מאַסע, טויטן אַ קינד אויף דער מאַמעס הענט, און — זיי האָפן זיכער, אַז אין דער אַנטשטאַנענער פּאַניק וועלן הונדערטער צעטראָטן ווערן מיט די פיס, עס וועט אויסברעכן אַ ווילדע בהלה, און די פרייד וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין גרויסן טרויער. די שיסעריי ווערט אָבער פאַרטויבט דורך די אַרויספאָדערנדיקע, מונטערע קלאַנגען פון יידישן דרוקער־אָרקעסטער, וואָס דערנענטערט זיך גראָד צום אָרט פון איבערפאַל. בונדישע מיליציאַנטן שטעלן זיך אַנטקעגן די איבערפאַלער, יענע וואַרפן אַ באָמבע פאַרן אַנטלויפן, און ערנסט־פייערלעך שפּילט דער דרוקער־אָרקעסטער הילכיקע קאַמפס־מאַרשן, און עס באַוועגן זיך ווייטער רייען נאָך רייען נישט געשטערט, און אין שפּיץ פון אָרקעסטער גייט מיט זיין טראָמפּייט דער פאָרזיצער פון דרוקער־פאַראיין ח׳ לאָזער קלאָג, דער זעלבער, וואָס וועט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער מיט דער זעלבער ערנסטקייט און פייערלעכקייט דרוקן די בלעטלעך מיט קאַמף־רופן אין די טעג פון ביטערסטן פּיין און בלוטיקסטער זאַווערוכע.

עס דערמאָנען זיך ערשטע מאַי־צונויפטרעפן מיט פּוילישע אַרבעטער; געמיינזאַמע מאַי־צוגן אין קוואַרטאַל פון די שלעסער און ווילעס פון די פּוילישע מאַגנאַטן, קלאַנגען פון יידישע און פּוילישע קאַמפּס־לידער דאָרטן, וואו די לופט איז, דוכט זיך, נאָך פול מיטן טרומייטער פון די האָרנס פון פּוילישע מלכים, און וואו די פאַשיסטן האָבן געטרוימט, אַז אַ יידישער פוס וועט דאָרט נישט טרעטן; ברייטפּלייציקע פּ.פּ.ס.־ישע און בונדישע מיליציאַנטן, אָנגעגאָסן מיט באַזונדערער גבורה, וואָס ווערט געשעפּט פון די קוואַלן פון ענטוזיאַזם פון הונדערטער טויזנטער, צוימען אָפּ די געביידע פון אוניווערזיטעט, ווען דער צוג מאַרשירט פאַרביי די געביידע, וואו יעדן טאָג ממיתט מען יידישע סטודענטן; היינט זאַמלען זיך די כוליגאַנעס הינטער די שטאַכעטן פונם וויסנשאַפט־טעמפּל, וועלכן זיי האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ פּלאַץ פון שאַנד און זיי קוקן זיך מיט שרעק צו צו דער גרויסער פּראָלעטאַרישער פויסט, וועלכע איז גרייט זיך אַראָפּצולאָזן איבער זייערע קעפּ.

דאָס זיינען אַלץ בילדער פון העכער פינף יאָר צוריק, בילדער פון

אַ באַוועגונג, וואָס האָט געשפּרודלט מיט קאַמף, געריסן זיך צו דער ברייטער וועלט, און מיטגעריסן און אָנגעצונדן מיט גלויבן און קאַמפּס־לוסט די ברייטסטע פֿאָלקס־מאַסן.

אין 1940, 1941 און 1942 האָבן די יידישע אַרבעטער אין פּוילן נאָך געפּייערט דעם יום־טוב פון ערשטן מאַי מיט געהיימע צוזאַמענ־קונפטן, אומלעגאַלע בלעטלעך. געשאָכטענע און געמאַרדעטע, האָבן זיי געשיקט זייער רוף צו דער וועלט.

אין 1943 האָבן אין טאָג פון ערשטן מאַי סמאָטשע און קאַרמע־ליצקע, געגנשע און דזשיקע געוויכערט מיט נישט־פאַרענדיקטע שרפות, און די צעשטורעמטע, צעברויזטע יוגנט פון מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אין אַ גרויסן טייל געלעגן דערמאָרדעט אָדער פאַרברענט לעבע־דיקערהייט. און טיילן פון איר האָבן זיך נאָך געפונען אין קעלערן און אונטערערדישע דורכגענג און געלויערט אויפן גרויזאַמען שונא און געגרייט זיך צו צווינגען אים צאָלן טייער פאַר יעדן פונק פון לעבן, וואָס ער וועט אויסלעשן.

אין היי־יאָריקן ערשטן מאַי איז דאָס יידישע וואַרשע אַ גרויסער בית־עלמין, ביאַליסטאָק האָט געקעמפט אַזוי העלדיש ווי וואַרשע און איז געפאַלן אין קאַמף, ווילנע און צענטליקער אַנדערע שטעט זיי־נען אויסגעשאָכטן, לאָדזש ווערט דערשאָכטן, — איז נישט מעגלעך דעריבער היי־יאָר צו באַצייכענען דעם דאָזיקן טאָג אויפן געוויינלעכן שטייגער.

און נישט בלויז די מענטשן, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט וואַרשע, לאָדזש אָדער ווילנע וועלן זיין היינטיקן ערשטן מאַי מיט אַלע זייערע געדאַנקען און געפילן צווישן די גרויסע מאַסן־קברים און מיט די מענטשן, וואָס פּלאָטערן אין פּוילן צווישן לעבן און טויט און שטעלן דאָך נישט אָפּ דעם קאַמף און גיבן זיך נישט אונטער.

יעדער יידישער אַרבעטער, אין וועלכן עק פון דער וועלט ער זאָל זיך נישט געפינען, קאָן נישט פאַרגעסן אין טאָג פון היי־יאָריקן ערשטן מאַי די גרעסטע שאַנד פון פאַשיזם און די טויזנטער העלדן, וועלכע האָבן געראַטעוועט דעם כבוד פונם יידישן פאָלק און פונם מענטשלעכן מין.

און נישט בלויז יידישע אַרבעטער — אין טאָג פון אינטערנאַ־ציאָנאַלער אחדות מוז די אַרבעטערשאַפט אין גאָר דער וועלט ווענדן איר הויפּט־אויפמערקזאַמקייט צו דער טראַגישסטער מחנה אין איר אַרמיי, צו די גרעסטע מאַרטירער און גרעסטע העלדן פון היינטיקן קריג, צו די גרעסטע קרבנות פון פאַשיזם און זיינע מוטיקסטע קעגנער — צו די יידישע אַרבעטנדיקע אין פּוילן.

ראַטעווען די לעבן געבליבענע מוז ווערן איינער פון די וויכטיקסטע מאַי־לאָזונגען פון אַרבעטער־קלאַס. דאָס איז דער הייליקסטער חוב, וואָס מען איז שולדיק די געפאַלענע העלדן.

איבער דער גאַנצער וועלט מוז אין היי־יאָריקן ערשטן מאַי קלינגען דער רוף:

כבוד די געפאַלענע פון די געטאָס!

רעטונג פאַר די לעבן־געבליבענע, איבער וועמענס קעפּ עס הענגט דער חלף פון די מערדער!

און עס מוז זיך אין דעם טאָג ברייט צעקלינגען איבער דער וועלט דער רוף צו נקמה, עס מוז זיך שפּרייטן דער גייסט פון קאַמף קעגן פאַשיזם, וואָס האָט מיט אַזאַ ליכטיקן פלאַם געברענט אין די געטאָס.

אונזערע חברים אין וואַרשע האָבן אין מאָמענטן פון טויט־אַנגסטן זיך דערהויבן צו די העכסטע מדרגות פון גרויסקייט. זיי האָבן אונטער געקנאַל פון האַרמאַטן, אין פייער פון שרפות, אין וועלכע עס זיינען פאַרברענט געוואָרן די נאָענטסטע, אונטערן מעסער פון מלאך־המות, געדענקט וועגן די גרויסע אידעאַלן, פאַר וועלכע זיי האָבן יאָרנלאַנג געקעמפט.

אין באַריכט פונעם אונטערערדישן „בונד", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אָנבליק פון די טליענדיקע פייערן פונעם פאַרברענטן געטאָ, רעדט זיך וועגן טריישאַפט צו דער וועלט־אָנשויאונג, וועגן קאַמף ביזן לעצטן אָטעם פאַר די אמתן, מיט וועלכע מען האָט געלעבט!

אָט דער רוף פון די שטאַרבנדיקע מוז ווערן אַ געבאָט פאַר דער גאַנצער אַרבעטער־וועלט. דאָס בלוט פון די הונדערטער טויזנטער אומשולדיקע קרבנות רופט נישט סתם צו נקמה. עס רופט אויסצוראָטן ביזן וואָרצל אַלע אָנוואוקסן פון פאַשיזם. דאָס האָט דאָך דער פאַשיזם דערקלערט דאָס יידישע פאָלק פאַר הפקר און מענטשלעך לעבן פאַר ווערטלאָז, דאָס האָט ער געשענדט די אידייע פון פרייהייט און פאַרוואַנדלט פעלקער־מאַסן אין מערדער און תלינים. מוז מען אויסראָטן די מערדער און תלינים, אָבער דער הויפּט־ציל פון די, וואָס טרוימען וועגן אַ נייער וועלט, איז פאַרשטאָפּן די קוואַלן פון הפקרות און מאָרד, — אויסראָטן דעם פאַשיזם, אויסברענען ביז ווּיסטעניש דעם באָדן אויף וועלכן ער קאָן בליען.

אין טאָג פון היי־יאָריקן ערשטן מאַי מוזן אַלע כוחות פון דער אַרבעטנדיקער וועלט זיך מאָביליזירן פאַר אָט דעם ציל. נישטאָ קיין פּשרה מיטן פאַשיזם. פראַנקאָ, באַדאָליאָ אָדער האָרטי, אַנטאָנעסקו אָדער מאַנערהיים, יעדער וואָס האָט ווען עס איז געזוכט שוץ אָדער כבוד אונטער די שוואַרצע פליגל פון פאַשיזם, וואָס האָט זיך געטוליעט

צו די יידן־מערדער, איז אַ בלוטיקער שונא פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, מעג ער שוין האָבן אַנטלאָפן אָדער קלייבט זיך ערשט צו אַנטלויפן פון דער זינקענדיקער שיף.

טויט־קריג דעם פאַשיזם און קאַמף פאַר פרייהייט מוז זיין דער הויפט־טאָן פון היי־יאָריקן ערשטן מאַי.

און ווען די חברים פונם אונטערערדישן „בונד" שרייבן וועגן טריי־שאַפט צו אונזערע פריערדיקע בליקן און וועלט־אַנשויאונג, דריקן זיי דערביי אויס דעם טיפן פאַרדרוס, וואָס ווייניק פון זיי וועלן אפשר דער־לעבן די מעגלעכקייט צו קאָנען העלפן בויען אַ נייע וועלט פון פרידן און סאָציאַלן יושר. דער חלום פון אַ נייער וועלט האָט באַזעלט די העלדן פון די געטאָס. מסתמא קאָן מען אין ערגעץ נישט געפינען אין אַזאַ מאָס, ווי אין דער פאַרפייניקטער אייראָפּע, דעם ברענענדיקן דראַנג צו אַ נייער וועלט. די גאַנצע מענטשהייט איז געוועזן אַן עדות ווי דער קאַ־פּיטאַליזם האָט געכאַליעט און געהאָדעוועט דעם פאַשיזם. אָבער איי־ראָפּע האָט פאַר אָט די מעשים־טובים פון קאַפּיטאַליזם באַצאָלט מיט טייכן בלוט, מיט אוממענטשלעכן פּיין, מיט ביטערסטער קנעכטשאַפט. אין די קעלערן פון אייראָפּע רייפט זיך אַ געוויכער, וואָס וועט זיך אַרויסרייסן אויפן אויבערפלאַך. אויף די שטורעם־פענער וואָס וועלן רוישן איבער די קעפּ פון די צעברויזטע מאַסן, וועט געוויס פלאַטערן דער רוף: נישטאָ קיין וועג אויף צוריק! די חרובע אייראָפּע קאָן נישט צוריק אויפגעבויט ווערן אויף יסודות פון קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט דער־נערט די פאַשיסטישע חיה רעה.

אַ סאָציאַליסטישע אייראָפּע, ווי די פרעלודיע פונם סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דער וועלט — דאָס מוז ווערן דער פּרייז פון די גהינום־יסורים און אוממענטשלעכע ליידן, אין וועלכע עס צאַפּלט זיך אַ גאַנ־צער קאָנטינענט.

אַ סאָציאַליסטישע אייראָפּע איז פאַר אירע יידישע איינוואוינער די זיכערסטע גאַראַנטיע פאַר קיום און ווידעראויפבוי.

אַ סאָציאַליסטישע אייראָפּע, ווי אַ פאַרבאַנד פון גלייכע און זעלבסט־שטענדיקע לענדער און פעלקער, קאָן אויך ווערן דער איינציקער יסוד פון פרידן.

עס פלאַקערט נאָך דער קריג, אָבער דער חוב אונזערער איז שוין היינט צו טראַכטן און צו זאָרגן וועגן פאַרזיכערן נאָכן זיג פרידן אויף דער וועלט. עס איז בפרט נויטיק וועגן דעם צו טראַכטן און צו זאָרגן, ווען אין לאַגער פון די פאַראייניקטע פעלקער זיינען נאָך אַזוי שטאַרק כוחות פון נעכטן, וואָס שטעלן זיך פאָר די נייע וועלט ווי אַ פשוטן המשך פון דעם וואָס איז געווען. קעגן די, וואָס ווילן באַגרינדן

דעם שלום אויף דעראָבערן סטראַטעגישע באַזעס, איינפלוס־ספערן, אויף באַלאַנס פון מאַכט, גלייכגעוויכט פון כוחות, — אויף אַלע יענע עלע־מענטן, וואָס האָבן אויפגעריסן די אַלטע וועלט, — מוזן אין ערשטן מאַי מאָביליזירט ווערן די כוחות פון שלום, וואָס ווילן אים שטיצן אויף גלייכהייט און פרייהייט פון אַלע פעלקער.

די אַרבעטער אין די פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון די פאַראייניקטע פעלקער קאָנען נישט אַרויסלאָזן פון אויג די פערספעקטיוון פון דער וועלט נאָכן קריג, אָבער קודם כל מוז מען געווינען דעם קריג. ווען מען היי־יאָר, ווי פאַראַיאָרן און פאַר צוויי יאָרן אין טאָג פון ערשטן מאַי שמידן געווער, טאָן אַלץ פאַרן זיג.

און אין דעם טאָג וועלן מיר דערמאָנען דאָס פאַרפייניקטע אייראָ־פּע, דאָס פאַריאָכטע פוילן, אין דער איבערצייגונג, אַז פאַר זיי וועט אויפגיין די זון פון אמתער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, און בפרט וועלן מיר אין אָט דעם טאָג שיקן אונזער פלאַמיקן גרוס די זעלנער פון פרייהייט אין אַלע עקן פון דער וועלט. היינט ליגן זיי אין שוץ־גראָבנס אָדער שווימען איבער ימען, צי טראָגן זיך אין עראָ־פּלאַנען אין קריג קעגן נידערטרעכטיקסטן שונא פון דער מענטשהייט. מאָרגן, נאָכן זיג, וועלן זיי זיין די יעניקע, אין וועמעס הענט וועט דער עיקר ליגן דער גורל פון דער מענטשהייט, און וואָס וועלן דאַרפן וואַכן, אַז דאָס פאַרגאָסענע בלוט זאָל נישט זיין אומזיסט. לאָמיר האָפן, אַז די געוועזענע און צוקונפטיקע אַרבעטער, וואָס טראָגן היינט זעל־נער־מונדירן, וועלן ברענגען מיט זיך פון די שלאַכטפעלדער דעם באַ־זונדערן גייסט פון אייניקייט, וועלכער ווערט געשמידט דורך בלוט־ברודערשאַפט אויף די קאַמפּס־פעלדער, און זיי וועלן געהערן צו די טרעגער פון דער אידייע פון אינטערנאַציאָנאַלער אַחדות, פון פעלקער־ברידערשאַפט, פון אַ נייער און אויפריכטיקער אַרבעטער־אייניקייט, אַנטקעגן וועלכער אַלע כוחות פון נעכטן וועלן זיין מאַכטלאָז.

דאָס פינפטע מאָל ווי דער ערשטער מאַי ווערט באַגעגנט אין דער וועלט אונטערן דונער פון האַרמאַטן, ביים אימהדיקן אָפּגלאַנץ פון שרפות, ביים קנאַלן פון באָמבעס, אין ווירבל־שטורעם, וועלכער בושע־וועט איבער אַלע ימים און ריזיקע קאָנטינענטן, אָבער קיין מאָל אונ־טער די פינף יאָר איז דער נצחון נישט געווען אַזוי זיכער, ווי היינט. היטלערס שטעט ברענען אין העלישן פייער. אונטער די חורבות פון האַמבורג, קעלן, האַנאָווער אָדער בערלין ליגן די טרוימען פון די פאַשיסטן וועגן וועלט־הערשאַפט.

די סאָוויעטישע אַרמייען ווייזן וואונדער פון מאַכט און העלדיש־קייט און טראָגן זיך נעענטער צו דייטשלאַנד ווי אַ שטראָף־הוראַגאַן.

די מעכטיקע אינוואַזיע־אַרמייען פון אַמעריקע און ענגלאַנד זיינען גרייט צום טויטנדיקן שפרונג. די שעה פון שטראָף און נקמה דערנענטערט זיך.

זאָל זשע אין טאָג פון ערשטן מאַי היי־יאָר העכער אָפקלינגען דער רוף, אַז די נקמה זאָל אויסראָטן ביזן וואָרצל אַלע קוואַלן פון בייז, זאָל די אַרבעטנדיקע וועלט פילן אין דעם טאָג צום טיפסטן איר ברענענ־דיקסטן חוב צו ראַטעווען וואָס מער היטלערס געטאָ־קרבנות, צו געבן זיי די באַפרידיקונג פון נקמה, און זייער הייליק־פּאַרדינט רעכט צו זיין צווישן די ערשטע גרונטלייגער פון די יסודות פון אַ נייער וועלט.

(„אונזער צייט״, מאַי 1944)

וואַרשע אַ סימבאָל

ווען מיר שרייבן אָט די שורות, פלאַקערט, ווי עס שיינט, די לעצטע שלאַכט פאַר דער באַפרייאונג פון וואַרשע.

גאַנץ מעגלעך, אַז ווען די שורות וועלן דערגיין צום לייענער, וועט שוין וואַרשע זיין פריי, און דער סימבאָלישסטער קרייז פון הייַנטיקן קריג וועט זיך פאַרענדיקט.

דער קריג האָט זיך אָנגעהויבן מיט 61 חדשים צוריק מיטן איבערפאַל אויף וואַרשע, און אַ צוריק־דעראָבערטע וואַרשע ברענגט קלאָרער פון אַלע אַנדערע נצחונות אַרויס די ביטערע מפלה פון די איבערפאַלער.

אָבער וואַרשע איז אַ סימבאָל אין אַ פיל ברייטערן זין. וואַרשע איז אין הייַנטיקן קריג געווען די ערשטע אָנצוהויבן אַ קאַמף אין אַ לאַגע, וואָס איז געווען פולשטענדיק האָפענונגסלאָז פאַר די באַלאַ־גערטע, און די אַרבעטער און ברייטע באַפעלקערונג־מאַסן פון וואַרשע האָבן מיט 5 יאָר צוריק דורך דריי וואָכן באַוויזן דער וועלט דעם ערשטן ביישפּיל פון יענעם אומצעברעכלעכן גייסט, וואָס האָט שפּעטער גע־האָט דעם המשך אין ענגלישן ווידערשטאַנד בעתן „בליץ", אין די קאַמפן אויף די ברייטע פליינען פון סאָוויעטן־לאַנד, בפרט אין סטאַלינגראַד און אויף אַלע אַנדערע שלאַכטפעלדער פון גאַר דער וועלט, — אַ גייסט וואָס האָט כסדר געהויבן דעם גלויבן און צייטיק געמאַכט דעם זיג.

וואַרשע האָט אין דעם פרט דורך די אַלע יאָרן איינגעהאַלטן איר פירנדיקע ראָלע. דער קאַמף פון געטאָגראַד און דער לעצטער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער אונטערערד, — דאָס זיינען מוסטערן פון מאַסן־העלדישקייט, וואָס שטייען אין דער ערשטער ריי נישט נאָר צווישן די וואונדערלעכסטע העלדנטאָטן פון הייַנטיקן קריג, נאָר אין דער מענטשלעכער געשיכטע בכלל.

דער וועג פון וואַרשע צו שטראַלנדיקסטן רום האָט געפירט דורך די טיפסטע אָפּגרונטן פון ליידן. די שטאָט, וואָס איז דער סימ־באָל פון גלאָריע, וועט פאַרבלייבן אויך ווי דער סימבאָל פון ביטער־סטער פּיין, פון וואָכן און חדשים אָן ליכט און וואַסער, פון מגפות און פון רעגנס פייערדיקן שטאָל, פון חורבן און פאַרוויסטונג און פון לעבע־

דיק באַגראָבענע אונטער פּאַלנדיקע הייזער, העלישע שרפות מיט קנוילן רויך און פייערצונגען. דאָס איז געווען דער גורל פון דער באַפעל־קערונג פון וואַרשע, — אַ גורל וואָס האָט זיך געשאַפן נישט נאָר צו־ליב דער סטראַטעגישער לאַגע אין קריג, נאָר ווײַלכן די באַפעלקערונג האָט זיך אַליין מיט די אייגענע הענט געגומען, אַרויסטרעטנדיק אין קאַמף אין די האָפענונגסלאָזסטע סיטואַציעס. וואַרשע די פיל מאָל גע־קרייציקטע האָט יעדעס מאָל אַליין גענומען אויף זיך דעם קרייץ, איבעראַשנדיק די וועלט מיט ביישפּיללאָזער קרבנות־גרייטקייט פון די ברייטסטע מאַסן.

וואַרשע ליגט אין חורבות, אירע וואונדערלעכע פּאַרקן, מיט אירע מאָלערישע מיט יום־טובדיקייט און גלייכצייטיק שטילער בענקשאַפט באַהויכטע פּייזאַזשן, אירע עפּנטלעכע פּלעצער, וואָס זיינען געווען קרייץ־וועגן פון טונקעלן שפּעטן מיטלאַלטער און בונטאַרישער נייער צייט און וואו פּרומער קירכן־געזאַנג פּלעגט זיך לעצטנס אַזוי אָפט טוישן מיט דרייסטע רעוואָלוציאָנערע מאַרשן אונטערן רויטן פּאַנען־פּלאַטער, — די אַלע פּאַרקן און עפּנטלעכע פּלעצער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בית־עלמינס, וואו מאַסן־קברים וועלן פאַרבלייבן דער אייביקער ברענענדיקער סימבאָל פון פאַשיסטישער חיהשקייט.

און וואַרשע איז בפרט אַ סימבאָל פאַר די יידישע מאַסן אין גאַר דער וועלט, דער סימבאָל פון נאַציאָנאַלער שעפערישקייט און יידישער מאַסן־העלדישקייט, אַ סימבאָל פון די הייליקסטע פאָלקס־ליידן, פלאַ־מיקסטן הערואיזם, זעלטענער פעסטקייט און מסירת־נפש.

אין די טעג פון דער לעצטער שלאַכט פאַר וואַרשע זיינען מיר מיט אַלע אונזערע חושים, געפילן און איבערלעבונגען מיט דער פיל געפּרואווטער וואַרשעווער באַפעלקערונג, מיט די טויזנטפאַך גע־פרואווטע און געלייטערטע אין יסורים — וואָס קיין גיהנום וואָלט נישט צוגעטראַכט — פאַרבליבענע יידן אין וואַרשע, מיט די העלדישע קעמ־פער פון וואַרשעווער אונטערערד פון אַלע ריכטונגען, בפרט מיט די יידישע קאַמפס־אָפּטיילונגען „מיכאל קלעפּפיש" און „בערעק יאָסע־לעוויטש", וואָס צאָלן שוין צום ווייפלטן מאָל דעם שטייער פון בלוט פאַר זייער און אונזער פרייהייט און רעכט צו לעבן ווי מענטשן.

אָבער נישט־ווילנדיק ווענדט זיך דער געדאַנק אין די טעג פון אָט דער לעצטער סימבאָלישסטער שלאַכט צו דער טראַגישער פראַגע: און וואָס ווייטער?

צי וועט שוין די וואַרשעווער און די גאַנצע פּוילישע באַפעלקערונג נאָך אַזוי פיל חורבן, בלוט און יסורים קאָנען בויען אַ נייע פרייע לעבן לויט איינזען און ווילן פון דער מערהייט פון פּוילנס באַפעלקערונג?

ביז היינט איז נישטאָ קיין פאַרשטענדיקונג צווישן מאָסקווע און לאָנדאָן, און די דראָונג פון פאַרשאַרפטע רייבונגען, וואָס קאָנען ווערן פאַטאַל פאַרן גורל פון נייעם פוילן, הענגט ווי אַ ביטערער קאָשמאַר איבערן באַגינען פון באַפרייאונג.

די רייבונגען צווישן דער לאָנדאָנער פוילישער רעגירונג און דעם לובלינער קאָמיטעט ווערן דערפירט פאַקטיש צו אַ ברודער־שטרייט. די לאָנדאָנער רעגירונג שטיצט זיך דער עיקר אויף די גרויסע מאַסן־פאַרטייען פון די פוילישע אַרבעטער און פויערים, אָבער אויך דער לובלינער קאָמיטעט שפּאַרט זיך אָן דער עיקר אויף גרעסערע אָדער קלענערע טיילן פון די זעלבע שיכטן פון דער פוילישער באַפעלקערונג.

די לאָנדאָנער רעגירונג איז אַ רעגירונג פון „נאַציאָנאַלער איינ־הייט", און זי שטיצט זיך אויך אויף אַנדערע גרופּירונגען מחוץ די פאַרטייען פון די פוילישע אַרבעטער און פויערים און פון דער פוילישער דעמאָקראַטיע. זי גלויבט, אַז איינשליסנדיק אויך דעם רעכטן פליגל פון פוילישן לעבן, איז צוליב דעם איר באַזע ברייטער און די אויטאָרי־טעט גרעסער. מיר טיילן נישט די דאָזיקע מיינונג. מיר האָבן נישט איינמאָל זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז דער רעאַקציאָנערער פליגל פון דער פוילישער רעגירונג איז אַ טויטע משא, וואָס פאַרשטאַרקט נישט די רעגירונג, נאָר, פאַרקערט, שלעפּט־מיט אויך די אַנדערע טיילן פון דער רעגירונג באַרג־אַראָפּ, צום אָפּגרונט.

דער לובלינער קאָמיטעט שטיצט זיך, צווישן אַנדערע, אויפן כוח פון דער רויטער אַרמיי, און ער מיינט, אַז דאָס מאַכט זיין אויטאָריטעט און צוציאונגס־קראַפט גרעסער. מיר טיילן אויך נישט די דאָזיקע מיינונג. דורך יאָרן קרבנות און טייכן בלוט האָט פוילן געבראַכט גע־נוג באַווייזן, אַז זי וויל לעבן איר אייגענעם זעלבסטשטענדיקן לעבן, און די גרויסע אויטאָריטעט פון דער רויטער אַרמיי וועט נישט ווערן גרעסער אין פוילן דורך אָנהאַלטן דעם איינדרוק, אַז זי וויל זיך מישן אין די אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן פון לאַנד, — פאַרקערט, דאָס איז נאָר עלול צו אָפּפרישן אַלטע ביטערנישן און פאַרטיפן אָפּגרונטן.

דער געבאָט פון דער שעה איז היינט פאַרשטענדיקונג. אַ פאַרשטענ־דיקונג צווישן דער לאָנדאָנער רעגירונג, אַ באַפרייטער פון רעאַקציאָנערן פליגל, און צווישן לובלינער קאָמיטעט, וואָס וואָלט גרייט געווען אומ־צווייזייטיק צו דעמאָנסטרירן, אַז ער שטייט אויפן באָדן פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט און פון איר אינערלעכער דעמאָקראַטיע, — אַזאַ פאַרשטענדיקונג וואָלט פאַקטיש באַדייט אַ צונויפזאַמלונג פון אַלע לע־בעדיקע און שעפערישע כוחות אין פוילישן לעבן. דער הויפּט־ציל פון אַזאַ פאַרשטענדיקונג וואָלט געדאַרפט דורכפירן אמת פרייע דעמאָ־

קראַטישע וואַלן, מיט גלייכע רעכט פאַר אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען, וואַלן, וואָס זאָלן אַרויסברענגען דעם ווילן פון דער באַפעלקערונג און דורך וועלכע עס זאָל קומען צום וואָרט דער אמתער באַלעבאָס פון לאַנד, די גרויסע באַפעלקערונגס־מאַסע פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן און שיכטן.

איבער די גרויסע היסטאָרישע קאַמפן פאַר דער באַפרייאונג פון דער פּאַרמוטשעטער און צעפייניקטער וואַרשע הענגט דער טראַגישער פראַגע־צייכן: „וואָס ווייטער?״ און פונקט ווי וואַרשע איז היינט געוואָרן אַ סימבאָל פון די גרויסע מאָראַלישע אוצרות, וואָס די מענטשהייט האָט אַרויסגעבראַכט אין היינטיקן קריג איז אויך דער פראַגע־צייכן אַ סימבאָלישער.

עס איז אַ פראַגע וועגן דעם, ווי וועט אויסזען די וועלט נאָכן קריג — און קיינער אין די גרויסע דעמאָקראַטישע לענדער טאָר נישט פאַרבלייבן גלייכגילטיק צו אָט־דער גורל־פראַגע.

(„אונזער צייט״, אָקטאָבער 1944)

צווישן אַנגסטן און האָפֿענונג

(צום 50טן נומער „אונזער צייט״)

מיר פאַרצייכענען דעם 50טן נומער „אונזער צייט״ מיט אַ פאַרגרעסערטער אויסגאַבע. דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל מיר זאָלן עס באַטראַכטן ווי אַ יום־טוב אָדער אַ יובילעאום־דאַטע, וועלכע דאַרף געפייערט ווערן. מיר מיינען נישט, אַז 50 נומערן „אונזער צייט״ איז אַ יום־טוב פאַר וועלכע נישט איז ברייטערע יידישע קרייזן. עס איז אויך נישט קיין יום־טוב פאַרן באַגרענעצטן שיכט לייענער פונם זשורנאַל און אַפילו נישט פאַרן ענגן קרייז זיינע מיטאַרבעטער און אַרויסגעבער. עס איז היינט בכלל נישט קיין צייט פאַר יום־טובים, און אין דעם 50טן נומער פון אונזער זשורנאַל איז אפשר נאָך ווייניקער, ווי אין אַלע פריערדיקע נומערן זיינע, פאַראַן פלאַץ פאַר יום־טובדיקער מנוחהדיקייט אָדער זעלבסטאָפּנאַרערישער פייערלעכער באַרוישטקייט. דורך די פיר יאָר פון זיין עקזיסטענץ האָט דער זשורנאַל „אונזער צייט״ נישט געפייערט קיין יום־טובים. די ערלעכע כוונה פון זשורנאַל איז אומאויפהערלעך געווען אַרויסצוברענגען די ליידן און גרויסקייט פון די יידישע מאַסן אין אייראָפּע בכלל און פוילן בפרט; צו אָפּשפּיגלען זייערע עינוים, גייסטיקע קראַפט און פאַרצווייפלטע ראַנגלענישן פאַרן פיזישן קיום, צו ברענגען דער וועלט זייער מאָנונג און רוף. מיר האָבן אָט דעם ציל געווידמעט אַלע כוחות. די ביז־איצטיקע נומערן „אונזער צייט״ זיינען דעריבער געווען איבערגעפולט מיט צער איבער די ברעגעס און זיי שטעלן מיט זיך פאָר, — אויף וויפל דאָס איז נאָר מעגלעך געווען אויף דער זייט ים, — אַן אָפּשפּיגלונג פון דער גרעסטער יידישער און מענטשלעכער טראַגעדיע. דער 50טער נומער „אונזער צייט״ דערשיינט אָבער אין טעג, ווען דער בלוטיקסטער קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע, געשריבן מיט די הענט פון די נאַציס, ווערט אָפּגעשלאָסן. עס איז דעריבער אַ צייט פאַר אומקוקן זיך און פאַר מאַכן סך־הכלען.

עס ווערט אונטערגעצויגן די כראָניק פון דער שוידערלעכער יידישער טראַגעדיע אין אייראָפּע. עס לעבט אַ קלענערע אָדער אַ גרע־

סערע צאָל יידן אין אייראָפּע. עס ראַנגלט זיך פאַרצווייפלט אַ רעשט פון אַ פאָלק פאַרן רעכט פון פאָלקס־קיום. דעריבער איז היינט אַ צייט נישט בלויז פאַר סך־הכלען, נאָר אויך פון פיבערהאַפטע זוכענישן פון אַ מאָרגן. עס מוז אויסגענוצט ווערן יעדע געלעגנהייט אויף צו מאַכן אַ פּרואוו אַריינבליקן אין נאָענטן מאָרגן. די אָנהענגער פון די אידייען, פאַר וועלכע עס קעמפט כסדר „אונזער צייט" האָבן דורך פיר יאָר, אומאויפהערלעך מיט הייליקן ציטער אויפגעכאַפּט די קלאַנגען פון די געטאָס. מיר גלויבן, אַז איצט הויבט זיך אָן אַ צייט, ווען עס וועט זיך פאָדערן די גרעסטע אויפזאַמלונג פון אַלע כוחות פאַר נייע אויפגאַבן: פאַר העלפן שמידן אַ ניי לעבן. דער 50טער נומער „אונזער צייט" דערשיינט אַזוי־אַרום ווי אין אַן איבערגאַנגס־צייט.

די יידישע מאַסן האָבן געליטן די טראַגישסטע מפלה. אָבער, אויב זיי ווילן און האָפן צו לעבן, מוזן זיי תיכף שאַפן צענטרען פון מאָביליזירונג און ווידעראויפזאַמלונג. און מיט דער זעלבער טריישאַפט, ווי „אונזער צייט" האָט געדינט די יידישע מאַסן אין די שעהען פון זייער גרעסטער נויט און פּיין, וועט זי שטרעבן צו דינען זיי אויף די וועגן פון ווידעראויפבוי, פאַרוואַנדלענדיק זיך פאַר אירע צאָלרייכע סימפּאַטיקער און פריינט אין איינעם פון די הילפס־פּונקטן פון קרעפטיקונג און אידייאישער ווידעראויפזאַמלונג. און דאָס איז איינער פון די צילן, וועלכע מיר שטעלן זיך היינט, דורך באַצייכענען דעם 50טן חודש פון אַרויסגעבן „אונזער צייט".

*
**

נישט בלויז די אָדער יענע גרופּע פון יידישן לעבן געפינט זיך היינט אויפן שיידוועג. דאָס גאַנצע יידישע לעבן שטייט אויף אַ געשיכט־לעכן קרייץ־וועג. בישטאַ דער רומפּולער כמעט שוין לעגענדאַרער נעכטן. ער האָט אין זיינע „פאַרהיסטאָרישע צייטן" (מיט העכער פינף יאָר צוריק) אין אייראָפּע געשפּראָצט מיט אַלע קאָלירן און פאַרבן פון מיטזומער, און איז פאַרברענט געוואָרן אין קאַלד־אויוונס פון אַ מאָרד־שגעון. רעטזעלהאַפט און אומקלאָר איז דער מאָרגן. איבער די וועגן צו אים הענגט אַן אומדורכזיכטיקער גרוי־מילכיקער נעפּל. און דער היינט? וואָס זיינען די אוצרות, וועלכע מיר טראָגן אַרויס פונם בלוטיקן מבול? צי איז אונזער איינציקער פאַרמעגן בלויז דערינערונגען פון נעכטיקער גייסטיקער שפע, און מיר טראָגן זיך אַרום מיט די דאָזיקע דערינערונגען און טוליען זיי קראַנקהאַפטיק צום האַרצן, ווי הייליקע ערד פון אַ בית־עולם, אויף וועלכן ס'איז באַגראָבן אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט? צי זיינען מיר, וועלכע האָבן צופעליק פאַרמיטן

טרעבלינקע אָדער מאַידאַנעק, פאַרמשפּט אַרומצואוואַנדערן דאָס רעשט יאָרן ווי אין עולם־התוהו אָן אַ ציל און אָן אַ זין, מיטן חותם פון מאַידאַנעק אין די אויגן און מיטן אַש פון טרעבלינקע אין האַרצן? אָדער ווען מיר, סיי די געראַטעוועטע דאָרטן, סיי די אַנטרונענע אין אַלע עקן וועלט — אַלע צוזאַמען — געפינען אין זיך קראַפט איבערצושמידן דעם צער אין לויטערדיקן פלאַם און פאַרוואַנדלען די נישט־אויסגעוויינטע טרערן אין רעגן־שפּריי, וואָס זאָל העלפן באַפרוכפּערן דעם באָדן, איבער וועלכן עס וועלן זיך נאָך אַמאָל וויגן די צאַרטע שלאַנק־געאיידלטע זאַנגען פון אַ נייעם זומער?

אויף צו געפינען אָט די קראַפט איז אפשר נויטיק עס זאָל געשען אַ וואונדער. אָבער מיר האָבן נישט קיין גרונט נישט צו גלויבן אין קיין וואונדער. איז דאָך נויטיק געווען, אַז אַ וואונדער זאָל געשען, אַז אין שטאָק־חושך פון צאַריזם זאָלן יידישע שניידער, סטאָליערס, גאַרבער און בערשטער, זאָקן־מאַכערינס און פאַרקויפערינס שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל וואַרפן אַ שרעק און צונעמען דעם שלאָף פון די אויגן ביי די מעכטיקסטע דינער פון צאַריזם! איז דען דער שטאָלצער יידישער שוסטער־יונג, הירש לעקערט, וואָס גייט נעמען נקמה פאַר דער שאַנד פון יידישן אַרבעטער־מענטש, נישט איינער פון די שענסטע וואונדער פון אונזער הינטצייטיקער געשיכטע? און שפּעטער, די פאַנאַנדערגעבונדענע וואונדערלעכע שאַפונגס־קראַפט פון די יידישע מאַסן, דער מעכטיקער קולטור־רענעסאַנס צווישן פלאַמען פון ערשטן וועלט־קריג, הונגער און ברוטאַלער אָקופּאַציע; און דערנאָך, דער לעגענדאַרער קולטור־אויפבלי אונטערן האָגל פון באַגרענעצונגען און רדיפות צווישןביידע וועלט־מלחמות; די אַרויסגעוויזענע קאַמפּסלוסט, טראַציקייט און זעלבסטווירדע פונם יידישן אַרבעטס־מענטש אין זיין איבערצייגונג, אַז ער איז מיטבאַלעבאָס אין פּוילן, און אין אַנדערע ערטער, וואו ער האָט געוואוינט, נישט געקוקט אויף די פּשיטיקס און העץ־וואַקכאַנאַליעס פון די שוואַרצע כוחות; דער שוואונג און פאַרמעסט אינם אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף פון דעם פאַרהעלטנישמעסיק קליינעם אין צאָל יידישן אַרבעטער־קלאַס, וואָס רייסט זיך מיט מסירת־נפש אין קאַמף און זעט דעם זעלבן טויט־שונא אין די ענדעקישע און אזאנישע באָיואווקעס אין די שפּאַציר־גערטנער פון וואַרשע, אין דער רומענישער „אייזערנער גוואַרדיע”, אין די פראַנצויזישע קאַגוליאַרן, אין די פאַלאַנגיסטישע אויפשטענדיקע אין די שטעט פון שפּאַניע, אין מוסאָליניס שוואַרצע באַטאַליאָנען און היטלערס ברוינע יונגען. און דערנאָך — היטלערס אָקופּאַציע און — די עפּאָפּייע פון גרעסטן און כישופדיקסטן נס: דער אָנטייל פון יידישע אַרבעטער אין דער ערשטער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע אין 1939, די אונטערערדישע באַוועגונג,

וואָס צווישן אירע ערשטע גרונט־לייגער געפינען זיך אונזערע אומפאַר־
געסלעכע אַרטור זיגעלבוים, אַבראַשע בלום, לאָזער קלאָג, סאָניע נאָוואָ־
גרודסקי און צענטליקער אַנדערע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע העלדן;
פון איין זייט — די ברוטאַלסטע און ריקזיכטלאָזסטע קריגס־מאַכט אין
דער וועלט, פון דער צווייטער זייט, — יידישע שניידער און שטריקער,
דרוקער און לערער — צי געהערט דאָס נישט צום געביט פון נישט־
נאַטירלעכן? און דער וואונדער פון יידישער שול, ליטעראַטור, טעאַ־
טער און קולטור הינטער די גרויע מויערן פון געטאָ? מתים אויף די
גאַסן, געשוואָלענע פון הונגער, צעשיסונגען און פייניקונגען אין קע־
לערס פון געשטאַפּאָ און שיסערייען אין לעבעדיקע מענטשן צוליב פאַר־
ווילונגס־צוועקן, און — פלאַטערנדיקע מיט בטחון און קאַמפסלוסט גע־
היימע בלעטלעך, פון וועלכע עס רעדן נשמות פון פאַרפייניקטע, פון
פריצייטיק פאַרשניטענע, וואָס רופן צום גלויבן, צום אויסדויער — צי
איז דען נאָך מעגלעך אַ גרעסערער וואונדער? און דער אויפשטאַנד
אין געטאָ — די וואָכנלאַנגע מלחמה פון 40 טויזנט אַנטקעגן אַרמייען,
וואָס האָבן געמאַכט ציטערן אַ וועלט, און נאָך דעם אַלעמען — דער אָנ־
טייל פון די רעשטלעך געראַטעוועטע, נאָך אַלע טויטן, וועלכע זיי האָבן
אַריינגעקוקט אין די אויגן און פון וועלכע זיי זיינען בשלום נצול געוואָרן
— נאָך דעם אַלעמען זייער אָנטייל אין דעם לעצטן וואַרשעווער אויפ־
שטאַנד און גרייטקייט ווייטער צו צאָלן אַ שטייער פון בלוט אין קאַמף
קעגן בעסטיאַלישן שונא — צי איז דאָס נישט דער גרעסטער מוסטער
פון אויסערגעוויינלעכקייט?

דאָס זיינען אַלץ ביישפּילן, פון וועלכע עס מוזן אָפּלערנען אפילו
די גרעסטע צווייפלער און סקעפטיקער: עס זיינען פאַראַן אומשטענדן,
אין וועלכע מען קאָן נישט אָנווענדן די אָנגענומענע מאָסן פון רוטין
און אַלטעגלעכקייט. אַזעלכע זיינען אפשר אויך די אומשטענדן פון
דעם הייntיקן איבערברוך־מאָמענט אינם יידישן לעבן. די ווידער־
אויפבוי־טעטיקייט וועט פאָדערן ימען ענערגיע, אָפּפערוויליקייט, אויס־
דויער, בטחון און פאַנאַנדערוויקלונג פון אַלע שאַפונגס־כוחות, זי וועט
פאָדערן אַ נייעם נס. און די פראַגע איז, צי שטייען מיר פאַר אָט דעם
נייעם נס, אָדער די תקופה פון וואונדער איז אָפּגעחתמעט געוואָרן צו־
זאַמען מיטן פאַרשניטענעם לעצטן קעמפער פון די געטאָס?

מען קאָן מאַכן אַ פרואוו צו ענטפערן אויף אָט דער פראַגע בלויז
אין פאַל, ווען מען גיט זיך אָפּ אַ חשבון, וואָס איז געווען דער קוואַל
פון די אַלע וואונדער, וואָס האָבן זיך געקייטלט איינער אין דעם אַנ־
דערן אין פאַרלויף פון די לעצטע צענטליקער יאָרן. עס איז איבעריק
צו זאָגן, אַז מיר האַלטן נישט, אַז אין די וואונדער שטעקט אַן איבער־

נאַטירלעכע קראַפּט אָדער אַז זיי זאָלן זיין אַן אויסדרוק פון עפּעס אַ
„העכערקייט״ פון דער יידישער „ראַסע״. נישט דאָ איז דער אָרט צו
אַריינלאָזן זיך אין אַן אַנאַליז, ווי אַזוי דער מזרח־איראָפּעאישער צווייג
פון יידנטום איז געוואָרן דער טרעגער פון ווידערגעבורט פון יידישן
פאָלק. אָבער אַזוי איז דאָס געוואָרן צוליב אַ ריי געשיכטלעכע פאָלי־
טישע און סאָציאַלע אומשטענדן. און אין דעם צווייג פון יידנטום גופא
האָבן זיך די אַרבעטנדיקע, — די אַרבעטער, צוזאַמען מיט די נאָענט
צו זיי שטייענדיקע שיכטן בעלי־מלאָכות, קליינהענדלער א.ד.גל. אַרויס־
געוויזן פאַר די הויפּטטרעגער פון אַלע אידייען פון ווידערגעבורט. קול־
טור־אויפשוואונג, דערוואַכטער שטאָלץ און ווירדע־געפיל זיינען געווען
ענג פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר פּאָליטישער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער
עמאַנסיפּאַציע. די געשילדערטע וואונדער זיינען געווען אַ רעזולטאַט
פון אַ געבענטשטן זיווג צווישן די גערעכטיקייט־ און קאַמפּס־טראַדיציעס
פון אַ פאָלק מיט אַ צוויי טויזנט־יאָריקער קולטור, מיט נביאים פון סאָ־
ציאַלער גערעכטיקייט און פרייהייט אין זיין געשיכטלעכן רעגיסטער, —
פון איין זייט, און — פון דעם שטורעם און דראַנג צו פרייהייט און
גערעכטיקייט, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין דער הויך־תקופה פון קאַ־
פּיטאַליזם צווישן די דערוואַכטע אַרבעטער פון דער פיל יינגערער וועלט,
— פון דער צווייטער זייט. די הויכע גייסטיקע טראַדיציעס פון דורות
צוזאַמען מיט דער באַזונדערער פּאָליטישער, סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער
געפלאָגטקייט האָבן צוגעגרייט די ספּעציעלע עמפּינדלעכקייט פון די
יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פאַר אוניווערסאַלע אידייען פון אויסלייזונג.
פיין האָט געלייטערט דעם געמיט, דערנידערונג צוזאַמען מיט גע־
שיכטלעכער דורות־דערפאַרונג האָבן געשמידט דעם גלויבן און ווילן
צו אויסדויער, דערוואַכטער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין
האָבן געוועקט געפילן פון מענטשלעכן שטאָלץ. אין די אַלע אַלט־נייע
אוניווערסאַלע אידייען פון אויסלייזונג האָט די יידישע האָרעפּאַשנע
אָרעמקייט געפונען אַכטונג צו זיך און רעספּעקט פאַר דער וועלט פון
אַרבעט. אין די זעלבע אידייען האָט זיך געפונען גלויבן אין מענטשן
און אַ דראַנג צו זיין באַהאָפטן מיט דער גרויסער וועלט פון אַרבעט.
אין קאַמף פאַר גלייכע רעכט האָט זיך באַקרעפטיקט דאָס בירגער־געפיל
פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, דאָס געפיל פון היים און איינגע־
וואָרצלטקייט. און די לכתחילהדיקע פרימיטיווע צוגעבונדנקייט צו
היימישע הימלען און היימישער ערד האָט זיך פאַרטיפט דורכן סענטי־
מענט צום פליסטער פון היימישע דעמבן און בעריאָזעס, וועלכע האָבן
געוואַכט איבער די גערוישן פון רעוואָלוציאָנערן צוזאַמענקונפט, צום
געמורמל פון די וואַסערן אין די היימישע אָזיערעס, טייכן און טייכלעך,
איבער וועלכע עס האָבן זיך אַזוי רירנדיק־נחתדיק אין די שטילע שבת־

צונאַכטן געטראָגן די מעלאָדיעס פון די ערשטע יידישע אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערע לידער אָדער סתם פאָלקס־ניגונים. אָט דער גאַנצער נייער קאָמפּלעקס פון שטרעבונגען, אידייען, בענקשאַפטן און שטימונגען — האָבן צוזאַמען געבילדעט איין גאַנצקייט — די אידייע פון סאָציאַליזם אויף דער יידישער גאַס, אין זיינע פאַרשידענע שאַטירונגען, און קודם־כל, זיין גרונט־שטרעמונג — דעם בונדיזם. די שול פון אָט די אידייען, — דאָס איז די שול, וואו עס איז צוגעגרייט געוואָרן דער קאָנסומענט פון יידישן בוך, פון יידישן ליד, פון דער יידישער שול, פון טעאַטער און קונסט; דאָ איז אויסגעפורעמט געוואָרן דער דראַנג צו טוריסטיק און ספּאָרט, צו נייע פאָרמען פון זעלבסט־הילף; דאָ איז געפורעמט געוואָרן קאַמפּס־ווילן, גלויבן און אויסדויער; דער דערמאָנטער געבענטשטער זיווג פון דורות־אַלטער טראַדיציע מיט באַזונדערער עמפינדלעכקייט פאַר די מאָדערנע אוניווערסאַלע אידייען פון אויסלייזונג. האָט אין סך־הכל באַפרוכפּערט יענע רומפולע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע איז געוואָרן דער קוואַל פון די זעלטענע וואונדער. פון דאַנען זיינען געקומען די לעקערטס און קלעפּפּישס; דאָס איז די אַטמאָספער מיט וועלכער עס האָט געאָטעמט ש. זיגעלבוים; דאָס איז דער וועג פון זיידעס צו איניקלעך אויף אַ משך פון לעצטע עטלעכע דורות — פון נחן דורך ערליכן צו טאָבטשע דאַווידאָוויטש אָדער לושעק בלאָנעס, דער וועג פון הערהאַישקייט, מאַסן־זעלבסטאָפּפערונג און גלויבן, — דער וועג, וואָס אויבנאויף זעט ער אויס ווי אַ קייט פון ניסים און איז אָבער אין דער אמתן טיף פאַראַנקערט אין דעם מאָדערנעם וואונדערלעכן אויפשטייג פון יידישן אַרבעטס־פאָלק אין מזרח־אייראָפּע.

און וויסנדיק דאָס, איז לייכטער עפּעס צו זען אינם געדיכטן נעפּל, וואָס הענגט איבער די וועגן צו דער צוקונפט. ווער דאָס רואינירטע יידישע פאָלקס־לעבן אין מזרח־אייראָפּע אַרויסווייזן די וואונדערלעכע לעבנס־קראַפט, וואָס גרענעצט מיט „נס״, און וואָס איז אַזוי נויטיק פאַרן ווידעראויפבוי? וועלן די צעשטויבטע זעמדעלעך און שאָטנס פון מענטשן ווידער קאָנען אויפלעבן אַ שפּרודלדיקן מיט גייסט און שאַפונגס־קראַפט נאַציאָנאַלן קיבוץ? פאַר דעם זיינען נויטיק דריי באַדינגונגען: אַ געהעריקע צאָל לעבעדיקע מענטשן, וואָס זאָלן אויסבויען דעם באַנייטן יידישן קיבוץ; אַרבעט, ווי דער יסוד פונם סאָציאַלן לעבן אינם קיבוץ; און — וואָגיקע ווירקונג אויפן קיבוץ פון די אידייאישע שטרעמונגען, וועלכע האָבן באַפרוכפּערט דאָס יידישע לעבן דורך אַ האַלבן יאָרהונדערט.

צי וועט זיך געפינען די געהעריקע צאָל יידן אויף צו לייגן די פונדאַמענטן פונם נייעם לעבן? עס פעלן נאָך אַלץ ידיעות וועגן דער

צאָל געראַטעוועטע. אָבער מיר נעמען לכתחילה אין קויף, אַז דער פאַרנעם פונם יידישן לעבן וועט זיין איינגעשרומפּן. אָבער מיר וויסן אויך, אַז די שפּעפּרישע קראַפט פון אַ ישוב ווענדט זיך נישט אויס־שליסלעך אין זיין צאָלמעסיקייט. צוויי באַווייזן: אַמעריקע האָט היינט פינף מיליאָן יידן; ווילנע, אין ערשטן וועלט־קריג, וואָס איז אונטער די דייטשן כמעט ווי געווען אָפּגעשניטן פון גאַר דער וועלט, האָט פאַרמאָגט, צוזאַמען מיט דער נאָענטער אומגעגנט, אַ יידישע באַ־פעלקערונג באַדייטנדיק ווייניקער פון 100 טויזנט. און גראָד טליען קוים היינט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פונקען פון יידישן לעבן, און ווילנע האָט אין די דערמאָנטע יאָרן — אויפגעבליצט מיט די ליכ־טיקסטע פערל פון גייסטיקער אויפלעבונג. אין דעם געבראַכטן ביי־שפּיל ליגט אַ טרייסטנדיקער ענטפער אויף דער ערשטער פראַגע.

ספקות וועגן דעם צווייטן תנאי נעמען זיך דער עיקר דערפון, וואָס פון שניט פון טויט זיינען אָפּט לייכטער אַנטרונען מענטשן, וואָס זיינען ווייניקער געווען פאַרבונדן מיטן האַרעפּאַשנעם יידישן פאָלקס־לעבן. אַזעלכע האָבן געהאַט מער פאַרבינדונגען אויסערן געטאָ און לייכטער געקאָנט אַנגיין פאַר פּאָליאַקן. אָבער פיל יידישע אַרבעטס־מענטשן האָבן זיך געראַטעוועט פון די אַרבעטס־לאַגערן, אַ געוויסע צאָל האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין וועלדער, אַ געוויסע צאָל וועט צוריק־קומען פון רוסלאַנד. אַ געוויסע צאָל — די ייִנגסטע און קרעפטיקסטע — טראָגט דעם זעלנערישן מונדיר, און מען דאַרף רעכענען, אַז דער באַנייטער יידישער ישוב אין פּוילן וועט אין מיניאַטור זיין אַ קווערשניט פון פריערדיקן ישוב, פאַרטרעטנדיק די פאַרשידנסטע אַמאָליקע סאָציאַלע שיכטן (היינט זיינען מסתמא אַלע גלייך הונגע־ריק און נאַקעט), וואו דער איבערוועגנדיקער עלעמענט וועט זיין דער האַרעפּאַשנער פאָלקס־עלעמענט.

און לסוף — דער דריטער תנאי: די אידייאישע איינשטעלונג פון די בויער און גרונטלייגער. און דאָ מוז עס געזאָגט ווערן קלאָר. דער קוואַל פונם נויטיקן ענטוזיאַזם קאָן זיין נאָר די איינשטעלונג פון „בונד". זאָלן פאַנאַטישע קעגנער עס טאַדלען ווי פאַרטייאישע מע־גאַלאָמאַניע; זאָלן פאַרבלענדטע שונאים פון „בונד" רעדן וועגן בונ־דישער גאווה, אָבער עס איז באמת שווער זיך פאַרצושטעלן, ווי קאָנען זיך אַנדערש הויבן די הענט פאַר האַמער און פירעק, פאַר זעג און פייל. צי קאָן מען נאָך אַזוי פיל רציחות לעבן, אויב מען זאָל נישט גלויבן אין אַ בעסערער וועלט? צי קאָן מען מאַכן כאָטש איין שפּאַן איבער דער מיט בלוט דורכגעווייקטער ערד, אויב פאָרויס איז נישטאָ דער ליכטיקער ציל, צו וועלכן עס רייסן זיך דורות? צי קאָן מען

גלויבן אין זיך, אויב מען פאַרלירט דעם גלויבן אין מענטשן און מען זעט דעם ברודער און שכן נאָר אין געשטאַלט פון אַ היטלערישער בעסטיע? צי קאָן מען זיין מער ווי אַ שאָטן צווישן קברים, אויב מען שטרעבט נישט און גאַרט נישט, אַז אויפן אָרט פון די קברים זאָל מען נאָך וויג־לידער זינגען, און אַז אייניקלעך זאָלן פלאַטערן מיטן הייליקן באַגער, צו פאַרוואַנדלען די פעלדער מיט אַש פון נאָענטע אין זוניקע בלומען־גן־עדנס? אָט די אַלע שטרעבונגען און באַגערן — דאָס זיינען סאָציאַליזם, דאַאיקייט, — מיט איין וואָרט: בונדיזם. און ווער עקזיסטירן אַ יידישער אַרבעטס־ישוב, וועט ער מסתמא אַנדערש נישט זיין, ווי באַזעלט פון אָט די אַלע אידעאַלן און שטרע־בונגען. און די אַלע אידייען און שטרעבונגען, וועלכע זיינען געווען דער קוואַל פון וואונדער אין יידישן לעבן אין פאַרלויף פון צענטלי־קער יאָרן, זיינען היינט פאַרקניפּט מיט אַזאַ אומבאַשרייבלעכער הע־ראָאיק פון די לעצטע יאָרן, אַז זיי קאָנען באַוועגן די יידישע מאַסן צו ווערן די טרעגער פון נייע אומגלויבהאַפטסטע „נסים". עס מוז זיך היינט אָנהויבן דער נייער קאַפּיטל פון ווידעראויפבוי און אים דאַרפן מיר ווידמען אַלע אונזערע כוחות.

פיר יאָר ווי עס דערשיינט „אונזער צייט". דער זשורנאַל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין דינסט פון די אידייען, וועלכע קאָנען היינט זיין דער איינציקער קוואַל פון גלויבן אין דער גרויסער אַרבעט פון ווידעראויפבוי.

מיר האָבן זיך באַמיט צו האַלטן פעסט די פאָן פון סאָציאַליזם אין אַ צייט פון גרעסטן אידייאישן ווירוואַר, ווען אויפן קאָפּ פון סאָ־ציאַליזם האָט מען געהאַלטן אין איין וואַרפן אַלע שולדן און פאַר־ברעכנס פון זיינע קעגנער. היינט איז סאָציאַליזם ווידער די דערמוו־טיקנדיקע האָפענונג פון אַלע ליידנדיקע אין איראָפּע, און די באַפריי־טע לענדער שטייען אויף דער שוועל פון גרויסע סאָציאַלע ענ־דערונגען.

מיר האָבן זיך באַמיט צו זיין די אַפּאָסטאָלן פון העראָאישסטן פראָנט קעגן היטלערן, פון דער אונטערערדישער באַוועגונג און פון איר וואונדערלעכסטן טייל, — דער יידישער אונטערערדישער אַר־בעטער־באַוועגונג, אין דער צייט ווען באַלעבאַטישע פּאָליטיקאַנעריי און פיליסטערישער חוזק האָבן מיט ביטול און גרינגשאַצונג גערעדט וועגן „כלומרשטע" מעשיות פון „אונטער דער ערד". היינט רייסן זיך די פריערדיקע אָפּשפּאָטער אין דער יידישער פרעסע פאַר דער בכורה צו זיין פאַרבונדן מיטן דאָזיקן „אונטערערד".

מיר האָבן פאַרשפּרייט דעם טראַדיציאָנעלן בונדישן גלויבן אין

אַרבעטער־אייניקייט, ווי אין דער גרעסטער אויסלייזערישער קראַפט. די אידייע איז פּראָפּאַנירט געוואָרן דורך אינטריגעס און צעשאָסן געוואָרן דורך קוילן. אָבער מיר האָבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז די שטרעבונג פון אַרבעטער צו אייניקייט איז פיל־פיל עלטער ווי די צעברעכערישע פּרוּוון פון די קאָמוניסטן פון די לעצטע 25 יאָר; זי איז געבוירן געוואָרן מיטן ערשטן קרעכץ פון געפּייניקטע, מיטן ערשטן האַנט־דרוק פון שקלאַף צו שקלאַף. היינט טראָגט זיך איבערן באַפרייטן אייראָפּע דער רוף צו אַרבעטער־אייניקייט. ער הערט זיך אין פראַנקרייך, איטאַליע, בעלגיע. ער מוז און וועט געווינען נייע מיליאָנען מוחות און הערצער, ווייל סוף־כל־סוף איז נישטאָ קיין אַנדערער וועג צו אויסלייזונג, ווי דורך דער ריזיקער און אומצעברעכלעכער קראַפט פון אַרבעטער־אייניקייט.

מיר האָבן פאַרשפּרייט דעם גלויבן אין מענטשן אין טעג, ווען בעסטיאַלישקייט האָט געפּראַוועט איר ווילדסטע וואַקכאַנאַליע. היינט האָט די מענטשהייט זיך דערזען אין שפּיגל פון איר גרעסטער געפאַלנקייט. אָבער פון אירע טיפסטע אָפּגרונטן פון ירידה טויכט זי אויף אויך מיטביישפּילן פון אייביקער מענטשלעכקייט, מיט לאַנגע רשימות פון פּאַליאַקן, פראַנצויזן, בעלגיער, און מיר ווילן גלויבן, אַז אויך דייטשן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן פאַר העלפן ראַטעווען אָדער באַשפּייזן אַ יידישן מענטשן אַ פאַרמשפּטן דורך היטלערן. אָט די רשימות זיינען די שענסטע מאָראַלישע אוצרות, וועלכע פאַרבלייבן אונז פון דער וועלט־שרפה.

מיר האָבן געגלויבט אין יידישן לעבן אין אייראָפּע. היינט בלעטערן מיר אַ גאַנג פון אונזער פּאַריזער ברודער־צייטונג „אונזער שטימע", און מיר זעען מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט די קנאַפּע צאָל געראַטעוועטע, נאָך אַן דירות און אַן אַרבעט, וואַרפט זיך אויף די פאַרשידנאַרטיקסטע צווייגן פון טעטיקייט. „אָרט", „אָזע", אַרבעטער־רינג, ביבליאָטעק, יוגנט־היימען, יוגנט־קלובן, וואָרט־קאָנצערטן, ליטעראַטור, קונסט, — מיט אימפּעט פון אויסגעהונגערטע, וואָס וואַרפן זיך אומגעדולדיק אויף שפּייז און מיט שיכורער באַרוישטקייט מיט לופט און זון פון אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן זיך לאַנג געפּייניקט אין אַ פינצטערער תפיסה. דאָס איז, האָפן מיר, אַ פאָרבילד פון דעם, וואָס וועט איינגיכן זיך אָפּשפּילן אין אַלע באַפרייטע פלעצער פון יידישן לעבן.

מיר האָבן געוועקט גלויבן אין אַן אומאָפּהענגיק, פריי און דעמאָקראַטיש פוילן. און די פּראָבלעמען פון אַן אומאָפּהענגיק פריי און דעמאָקראַטיש פוילן שטייען איצט אין מיטלפּונקט פון די אינטערעסן פון דער גאַנצער וועלט־דעמאָקראַטיע.

קעגן „אונזער צייט" האָבן דורך די פיר יאָר פון איר עקזיסטענץ אָפּטמאָל געבושעוועט כוואַליעס פון העצע. אונזער זעלבסטשטענדיק און אומאָפּהענגיק וואָרט האָט אָפּטמאָל דערצאָרנט און געגרייצט די קרייזן, וואָס וואָלטן אָן אונז מסתמא פיל אומגעשטערטער געקלימפּערט און געבראַזגעט אינם הילכיקן בלעך פון די ציוניסטישע אָדער קאָמו־ניסטישע גאולה־פאַבריקלעך. אָבער אין דער זעלבער צייט האָבן מיר נישט נאָר דערפילט אונזער הויפּט־אויפגאַבע, צו זיין די שטים פון „בונד" אין פוילן, און צו טראָגן דעם רוף פון די דאָרטן גע־פייניקטע און געשאָכטענע יידישן מאַסן. מיר האָבן פאַרבונדן די צע־זייטע און צעשפּרייטע בונדישע און בכלל יידיש־סאָציאַליסטישע משפּחה איבער גאָר דער וועלט; מעקסיקע, אַרגענטינע, אורוגוויי, בראַזיליע, דרום־אַפריקע, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער, — אַלע זיינען דורך „אונזער צייט" געוואָרן נעענטער און פאַרבונדן צווישן זיך אויף אַן אָרגאַנישן אופן. היינט, ווען אויפבוי פון יידישן לעבן אין אייראָפּע וועט ווערן מסתמא איינע פון די הויפּט־זאָרגן פון די יידישע סאָציאַ־ליסטישע גרופּן אין אָט די אַלע לענדער, וועט אונזער פאַרבינדונג, האָפן מיר, ווערן נאָך נעענטער, נאָך אינטימער.

זאָרג פאַר אונזערע חברים אין דער היים, אַנגסטלעכער פלאַטער און אומרו פאַר זייער גורל, גלויבן אין סאָציאַליזם און אין יידיש לעבן האָט ביז היינט פאַראייניקט און צוזאַמענגעשלאָסן די גרויסע משפּחה פון „אונזער צייט". היינט, ווען דאָס יידישע לעבן געפינט זיך אויפן שייד־וועג, ווען עס וויגט זיך דער גורל צווישן קיום און אונטערגאַנג, ווערט באַזונדערס נויטיק צו זאַמלען אַלע יעניקע, אין וועמען עס לעבט אַ בענקשאַפט צו אַ פריי־הייטלעך שעפעריש יידיש לעבן; מיר שטרעבן דעריבער וויטער זאַמלען אַלע די יעניקע פון אַלע תפוצות פון דער וועלט, — ווער עס פאַרשטייט, אַז דער וועג צום וואונדער פון ווידעראויפבוי פון יידישן לעבן אין אייראָפּע פירט דורכן ברייטן שליאַך פון אוניווערסאַלער אויסלייזונג, — דורך דעם נאָך נישט פאַר־ווירקלעכטן חלום פון מזל־ברכהדיקן צונויפפלעכט פון פרייהייט, דע־מאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

(„אונזער צייט", מערץ 1945)

דער „מזבח" און דער „קרבן"

דער וואָרט „הימל־שרייענדיק" האָט דורך די לעצטע יאָרן פאַרלוירן יעדן זין און אינהאַלט. אַפילו מאַנכע קליינע קינדער (בפרט ייִדישע קינדער אין איראָפּע) האָבן דורך אָט די יאָרן געלערנט אויף זייער אייגענער שוידערלעכסטער דערפאַרונג, אַז דאָס שרייען צו הימלען העלפט נישט, אַז הימלען קאָנען זיך שפּרייטן שטום איבער רציחה און מאָרד און קאַלט אויפנעמען קרעכצן פון געקוילעטע. און מען האָט דורך אָט די יאָרן אויך געלערנט, אַז מענטשן, און אָפטמאָל גאַנץ הומאַניטאַרישע מענטשן, קאָנען גלייכגילטיק צוקוקן זיך צו רציחה און מאָרד איבער ברידער־מיטמענטשן און אין בעסטן פאַל אָפּקומען מיט אַרויסווייזן אומצופרידנהייט, אָבער זייער־זייער זעלטן אויפגעטרייסלט ווערן דורך אַ דראַנג פאַר אַקטיווער הילף און קיינמאָל נישט אויסברעכן אין אַ שטורעם פון פלאַמיקן צאָרן, וואָס זאָל גרייכן צו די הימלען. דאָס וואָרט „הימל־שרייענדיק" איז געוואָרן אָפּגעדראָשן ווי פיל ווערטער פונם מענטשלעכן לעקסיקאָן. עס איז דעריבער שווער צו געפינען אַ פּאַסיקן אויסדרוק, וואָס זאָל כאַראַקטעריזירן יענע שוידערלעכע עוולה, וועלכע ווערט היינט באַגאַנגען, שוין דאָס מאָל דורך דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט גופא, לגבי די געראַטעוועטע ייִדישע קינדער אין איראָפּע.

ווייל — צי קאָן דען זיין עטוואָס שרייאיקער ווי דאָס וואָס שפּילט זיך אָפּ אין די לעצטע חדשים אויף די צעפּייניקטע רוקנס פון אָט די אומגליקלעכע קינדער?

אַ ריי חדשים האָט די ייִדישע פּרעסע בכל תפוצות ישראל נישט אויפגעהערט צו וועקן רחמנות צו דעם גורל פון די ייִדן אין די לאַגערן. מען האָט געפונען, אַז די וועלט איז גרויזאַם און האַרט, אויב זי קאָן נישט באַזאָרגן מיט אַ מקום־מנוחה די עטלעכע צענטליק טויזנט געראַטעוועטע ייִדן. מען האָט געשילדערט די לאַגערן ווי אַ מגפה־טאָל, וואו עס ווערן פאַרשניטן די רעשטלעך. מען האָט געבראַכט חשבונות פון טויזנטער ייִדן, וואָס שטאַרבן יעדן חודש אויס אין די לאַגערן, און מיט אָט דעם נייעם קאָשמאַרפולן שניט פון טויט־שרעק שוין נאָך דער באַפרייאונג — האָט מען באַלאַסטעט די קאָנטאָס פון די גרויסע

מלוכות, וועלכע וויזן נישט אַרויס קיין ווילן און קיין אינטערעס אַרויסצונעמען די יידן פון די לאַגערן. אַן אַרטיקל פון ח׳ דר. עמנואל פּאַט („צוקונפט״, יולי 1945), וואָס האָט פון דייטשלאַנד געשילדערט דעם טרויעריקן צושטאַנד פון דער שארית הפליטה אין די לאַגערן, איז ברייט ציטירט געוואָרן דורך דער גאַנצער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע, ווי אויך דורך אַ ריי צייטונגען אין פּאַלעסטינע און אין אַנדערע לענדער. עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט פלאַטערט מיט איין ווילן צו ראַטעווען. מיט אַ באַזונדער גערירטקייט האָט מען געשריבן וועגן דעם גורל פון די אומגליקלעכע יתומים, וועמענס קינדהייט ווערט ווייטער פאַרשניטן אין די לאַגערן; וועגן די יינגסטע קרבנות וואָס זיינען דורך מענטשלע־כער אַכזריות פאַרמשפּט ווייטער צו פאַרבלייבן אויף דער פאַרבלוטיק־טער דייטשישער ערד, צווישן די ווענט פון די „קעמפּס״, וואו עס זיינען געשאָכטן געוואָרן זייערע נאָענטסטע און עס איז פאַרברענט געוואָרן זייער לעבנס־פריידי, אין די קעמפּס, וואו עס בושעוועט טויט, און נעמט יעדן טאָג אַוועק נייע קרבנות, בפרט צווישן די יינגערע.

און אָט איז לעצטנס באַקאַנט געוואָרן: צום 31טן אָקטאָבער האָבן שוין אַלע יידישע קינדער, ביזן לעצטן, געקאָנט זיין אויסער די לאַ־גערן. מען האָט זיי געזאָלט אַראָפּנעמען קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד, שוועדן, פאַראייניקטע שטאַטן. זיי האָט דערוואַרט אַ וואַרעמע היים, אַ זאָרגפולע דערציאונג, און ווי עס איז געווען דער פאַל אין פראַנק־רייך, די אויפמערקזאַמסטע זאָרג מצד דער יידישער געזעלשאַפטלעכ־קייט. קיין פראַנקרייך זיינען געווען איינגעלאַדן 50 לערער און דער־ציער וועלכע האָבן געזאָלט איבערנעמען די זאָרג אויך פאַר דער גייס־טיקער ווידערגעבורט פון די קינדער. אַלע קינדער זיינען פאַר־בליבן אין די לאַגערן, ווייל דער ציוניסטישער צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין בייערן האָט באַשלאָסן אַרויסצולאָזן קינדער אָדער קיין פּאַלעסטינע, אָדער אין ערגעץ־נישט. די פּ. צ. צייטונג אין פּאַריז „אונזער וואָרט״, די לאַגער־צייטונג „אונזער וועג״ מאַכן דערפון קיין סוד נישט. זיי פאַרטיידיקן הייס דעם באַשלוס. אין „אונזער וועג״ אָק־טאָבער 19 שרייבט אַ מיטגליד פון צ.ק., דר. גרינהויז, אָפן:

„אויב מיר זאָלן אַפילו דאַרפן דורך דעם, וואָס מיר לאָזן נישט איצט אונזערע קינדערלעך אָפּנעמען קיין ענגלאַנד, ברענגען צום מזבח דאָס לעצטע, וואָס עס איז אונז געבליבן, מוזן מיר דאָך אָפּ־וואַרפן די פריינטלעכע איינלאַדונג פון ענגלאַנד, אין אַנבליק פון פּאָליטישן קאַמף וועלכן מיר פאַנגען איצט אָן״.

אין זעלבן נומער „אונזער וועג״ איז אָפּגעדרוקט אַ בפירושע

רעזאָלוציע, פון ראַט וואָס „באַאויפטראָגט דעם צ.ק. צו זאָרגן דערפאַר און שטיין אויף דער וואַך, אַז קיין איינציק יידיש קינד זאָל בשום אופן נישט אַוועקגעפירט ווערן ערגעץ אַנדערשוואו אויסער דירעקט אין דער איינציק־מעגלעכער היים — קיין ארץ־ישראל".

איז אָט — יידישע קינדער שטאַרבן מסתמא ווייטער אויס אין די לאַגערן: די פרעסע פאַרזיכערט דאָך, אַז דער צושטאַנד אין די לאַגערן איז נאָך אַלץ אַ שרעקלעכער. אַלנפאַלס, פאַרפליסן ווייטער יאָרן פון זייער אומגליקלעכער קינדהייט אין די טראַגישע באַדינגונגען פון לאַגער־לעבן, און פאַר פיל וועט דער פרואוו פון גייסטיקער רעטונג קומען צו שפּעט און וועט דאָס שוין באַדייטן פאַרבלייבן אויף אַלעמאָל אַרויסגעשטויסן פון לעבן.

אָבער היינט געשעט דאָס שוין, נישט ווייל די וועלט איז צו גרויזאַם, נאָר ווייל די ציוניסטן האָבן באַשלאָסן „ברענגען אויפן מזבח דאָס לעצטע וואָס עס איז אונז געבליבן". דער „מזבח" איז דער ציוניסטישער אידעאַל, און דער „קרבן" זיינען די רעשטלעך פון די געראַטעוועטע קינדער.

דער פאַקט איז אין אַמעריקע באַקאַנט, און באַקאַנט איז ער שוין פון לאַנג. אין נאָוועמבער פ. י. האָט וועגן דעם מיטגעטיילט דער איראָפּעאישער קאָרעספּאָנדענט פון „קאָנגרעס וויקלי" (קאָרעס־פּאָנדענץ געדרוקט אין נומער פון נאָוועמבער 23). רעדאַקציעס פון די יידישע ציייטונגען אין ניו־יאָרק קריגן „אונזער וועג" (מינכען), „אונזער וואָרט" (פּאַריז), וואו אין נאָוועמבער נאָך איז באַגרינדעט געוואָרן דער פאַקט פון נישט אַרויסלאָזן די קינדער פון די לאַגערן, ווי אויך „אונזער שטימע" (פּאַריז), וואו דער פאַקט איז שאַרף פאַר־אורטיילט געוואָרן און וואו עס איז אויך געדרוקט געווען אַ פּראָטעסט־בריוו פונם אַרבעטער־קאָמיטעט אין פעלדאַפינג קעגן אָט דער האַנד־לונג. אין יאַנואַר־נומער „פאַקטן און מיינונגען" (ביולעטין פון אַרבע־טער־קאָמיטעט) זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויסצוגן פון רעזאָלוציעס און מיינונגען אויף אָט דער טעמע פאַר און קעגן דער האַנדלונג, מיט אַ גענויער אָנווייזונג פון די מקורים. אין פאַריקן נומער „אונזער צייט" איז וועגן דעם געשריבן געוואָרן (אויפן סמך פון דער מיטטיילונג אין „קאָנגרעס וויקלי"). אין „וועקער" פון 1טן און 15טן יאַנואַר זיינען אָפּגעדרוקט אַן אָפענער בריוו פון דר. עמנואל פאַט צו דר. גרינבערג, פאַרזיצער פון צ. ק. פון די באַפרייטע יידן אין בייערן און שפּעטער אַן אַרטיקל „דער פאַרברעכן לגבי 1500 קינדער", וואו ח׳ ע. פאַט ברענגט אין דער אויסשעפּנדיקסטער פאָרם דעם גאַנצן מאַטעריאַל וועגן דער ציוניסטישער גזירה אויף די געראַטעוועטע

קינדער. די פאַקטן זיינען באַקאַנט, — אָבער דאָך, — ביז היינט (דעם 25טן יאַנואַר, ווען די שורות ווערן געשריבן), האָבן אַלע יידישע צייטונגען אין אַמעריקע נישט געפונען ביי זיך קיין איין מיטגעפיל־קרעכץ לגבי די קרבנות פון דער גזירה.

וואוהין זיינען אַהינגעקומען די פלאַם־פייערדיקע טענות צו דער וועלט, הלמאי מען נעמט נישט אַרויס די יידן פון די לאַגערן? שוין זשע איז דאָס געווען קאַלטע פוסטע פייערווערק, נישט אונטערגע־וואַרעמט פון קיין שום אויפריכטיקן געפיל? וואוהין זיינען אַהינגעקו־מען די רירנדיקע טרערן וועגן דעם גורל פון די אומגליקלעכע קינדער, פאַר וועמען עס מוז שטיין אָפן די גאַנצע וועלט? שוין זשע זיינען דאָס געווען האַליוואודער גליצערין־טרערן, וואָס ווערן אַראָפּ־געוואַשן און פאַרגעסן גלייך ווי דער שפילער פאַרלאָזט די ברעטער פון דער בינע? עס ווילט זיך אין דעם נישט גלויבן, אָבער ווי קאָן מען פאַרטייטשן דעם פאַקט, וואָס די יידישע פרעסע אין אַמעריקע, וועלכע האָט אַזוי געוויטעקט צוליב דעם, וואָס די יידישע קינדער מוזן פאַרבלייבן אין די לאַגערן, האָט ביז היינט אפילו נישט געפונען פאַר נויטיק צו דערציילן אירע לייענער, אַז זייט נאָוועמבער פאַרבלייבן די יידישע קינדער אין די דייטשע לאַגערן בלויז צוליב דעם, וואָס די ציוניסטן האָבן באַשלאָסן צו ברענגען זיי „פאַר אַ קרבן אויפן מזבח" פון זייער פאָליטישן קאַמף?

⁂

מען קאָן אַ סך טענות אַרויסרוקן לגבי דער כלומרשטער ענדע־רונג פון דער פּאָזיציע פון דער היגער יידישער פרעסע אין דער פראַ־גע פון אַרויסנעמען יידישע קינדער פון די לאַגערן. אָבער מיר אָנער־קענען גלייך, אַז די טענות זיינען אויבנאויפיקע. אין דער אמתן איז צווישן דער ליניע פון די היגע יידישע צייטונגען אין יולי־אויגוסט 1945 און אין נאָוועמבער־דעצעמבער פון זעלבן יאָר נישטאָ קיין שום סתירה. סיי דעמאָלט, סיי שפּעטער, האָבן אין די אַרויסטרעטונגען דעם אויבנאָן פאַרנומען די אינטערעסן פון ציוניזם.

אין יולי און אין אויגוסט 1945 האָבן צענטליקער יידישע שרייבער אין אַמעריקע געשטורעמט די וועלט מיטן גורל פון די יידן אין די לאַגערן, ווייל דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו וואַרפן דעם רוף: „עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל!" אין דער זעלבער צייט האָט מען מיט דער אָפענער וואונד: קינדער אין די לאַגערן — געשטאָכן די אויגן פון דער וועלט און געפאָדערט פון איר אַ באַלוינונג פאַר די

וואונדן — לטובת דעם ציוניזם. זינט די קינדער האָט מען געקאָנט אַרויסנעמען פון די לאַגערן, איז זייער טראַגעדיע מער נישט קיין קוואַל פון פּאָליטישע פּראָפיטן פאַרן ציוניזם, און זיי זיינען פאַרשוואונדן פון די ציימונגס־שפּאַלטן. און אַוודאי איילט מען זיך נישט דערציילן, מיט וועמענס חסד זיינען די קינדער פאָרט פאַרבליבן אין די לאַגערן.

ווי געזאָגט, איז צו אויסגעדראָשן געוואָרן דער אויסדרוק „הימל־שרייענדיק". אָבער ווי זאָל מען פאָרט באַצייכענען די עוולה, וואָס די יידישע קינדער ליידן שוין נישט פון די נאַציס, נישט פון דער קאַלטער אַכזריותדיקער וועלט, נאָר צוליב די אינטערעסן פון אַ פּאַר־טיי, וועלכע אין פאַנאַטישער פאַרטייאישער פאַרבלענדקייט נעמט צו די לעצטע מעגלעכקייט פון אַ ביסל וואַרעמקייט און פרייד פון די אַזוי שווער באַעוולטע קינדער, — די אומגליקלעכע רעשטלעך פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע?

(„אונזער צייט", פעברואַר 1946)

אין זעקסטן יאָר

„אונזער צייט" איז אַריינגעטראָטן אין זעקסטן יאָר. די פינף יאָר „אונזער צייט" פאַלן זיך צונויף מיטן פעריאָד פון די גרעסטע וועלט־אויפטרייסלונגען, מיט דער שרעקלעכסטער קאַטאַסטראָפע אין יידישן לעבן; דאָס זיינען פינף יאָר אויסגעפילט מיט פייער, בלוט און הריגות, מיט גרענעצלאָזן צער און מיט זייער ווייניק טרייסט. אַרויס־געריסן און פאַרוואָרפן אויף טויזנטער מיילן ווייט פון דעם באָדן, אויף וועלכן עס האָט געלעבט און געקעמפט די יידישע מאַסע, האָבן די קרייזן, וועלכע האָבן זיך געזאַמלט אַרום „אונזער צייט" אין אַזעלכע פינף יאָר געשטרעבט צום ערשטן צו ברענגען דער וועלט די שטים פון אָט דער מאַסע. דאָס האָט געמאַכט די לאַסט וואָס איז געלעגן אויפן זשורנאַל קאָלאָסאַל שווער, די אחריות — ריזיק גרויס. די לאַסט און אחריות האָבן געקאָנט גענומען ווערן בלויז אַדאַנק דער וואַרעמ־קייט און טריישאַפט פון די איבערגעגעבענע בונדישע פריינט, מיט וועלכע דער זשורנאַל איז פון די ערשטע טעג אָן געווען אַרומגערינגלט, און קודם־כל אַ דאַנק דעם וואונדערלעכן מאַראַלישן פאַרמעגן, וועלכן די בונדיסטן אין לאַנד האָבן נישט אויפגעהערט צו פאַרמערן מיט זייער ביישפּיללאָזער איבערגעגעבנקייט, העראָאיזם און מסירת־נפש.

מיט העכער פינף יאָר צוריק, ווען דער זשורנאַל האָט געשטעלט די ערשטע טריט, האָט זיך וועמען געקאָנט דוכטן, אַז דאָס הייפל בונדיסטן, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן מעבר־לים, גייט פלאַנצן אויף שטיין. דאָס פּאָליטישע בילד פון דער וועלט איז געווען ביז גאָר טונקל. היטלערס מאַשין האָט אין איראָפּע ווי ניס צעקנאַקט איין מלוכה נאָך דער צווייטער. גאַנץ מערב־איראָפּע איז געלעגן אונטער היטלערס געפּאַנצערטן שטיוול. און גרעסער פונם פּאָליטישן חורבן, האָט זיך געדוכט, איז געווען דער מאָראַלישער. דאָס קלאַסי־שע לאַנד פון רעוואָלוציעס, דאָס מעכטיקע פראַנקרייך האָט זיך גע־וואַלגערט אין שטויב פאַר היטלערס פיס. דער בייזער געשפּענסט פון „מיטאַרבעט" און פאַרראַט האָט זיך גענומען שפּרייטן איבער דער וועלט. בייזע קעגנער פון סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע האָבן גע־קאָנט פייערן זייער טריאומף; אין די רייען פון סאָציאַליזם גופא זיינען

געוואַקסן שטימונגען פון שוואַרצזעעריי און יאוש. פיל האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן נייע באַוויזן, אַז דעמאָקראַטיע איז בלויז אַ פּוסטע שאָל, וואָס איז פון אינעווייניק צעטאָטשעט פון די ווערים פון קאָרופּציע און פאַרראַט. און דער סאָציאַליזם? — צי זיינען נישט צוגעקומען נייע באַווייזן, אַז דער סאָציאַליזם איז אַ באַנקראָטירטע דאָקטרין; צי האָט נישט דער סאָציאַליזם פאַרזייט צווישן פעלקער די שעדלעכע באַצילן פון פּאַציפיזם, וועלכע האָבן אָפּגעטויט די ווידערשטאַנדפעאיקייט פון מלוכה־אָרגאַניזמען לגבי היטלערס אינוואַזיע? צי האָט זיך דען דער סאָציאַליזם נישט אַרויסגעוויזן טויט און אומשעפעריש דווקא אין היסטאָרישן צייט־פּעריאָד, ווען די וועלט האָט געבענקט נאָך נייעס און ווען דער פאַשיזם האָט מיט אַזאַ באַרוישנדיקער דינאַמישקייט געוואונען מאַסן און מאַכט־פּאָזיציעס? און די סאָציאַליסטישע האָפענונג אויף אַרבעטער־אייניקייט, האָט זיך דען נישט אַרויסגעוויזן פאַר אַ כימערע? איז דען דער אַרבעטער־קלאַס נישט געווען צעריסן, צעטיילט און מאַכטלאָז אין די שווערסטע גורל־שעהען פון דער געשיכטע? און אינטערנאַציאָנאַליזם, צי האָט ער דען נישט שלאָבערדיק אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ דעם פאַשיסטישן אינטערנאַציאָנאַל פון רויבער און מאָרד־היענעס? און די האָפענונג אויף אַן איינהייטלעכן אַנטי־פאַשיסטישן קריג? צי זיינען מיר נישט געווען עדות פון טראַגישע נייטראַליטעט־אָפּמאַכן, וועלכע האָבן בלויז צוגעגעבן חוצפה די היטלערישע אָנגרייפער?

און פונקט אַזוי פינצטער און דערדריקנדיק איז געווען דאָס בילד אויפן אָפּשניט פון יידישן לעבן. דער יידישער סאָציאַליזם האָט אמת פאַרן קריג שטאָלץ מאַרשירט פון נצחון צו נצחון. אַרום די פענער פון „בונד" האָט זיך בעת די לעצטע וואַלן אין 1937־39 געזאַמלט די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער יידישער מאַסע אין די גרעסטע שטעט פון פּוילן. אָבער אָט איז דער שעפערישסטער טייל פון יידישן פאָלק אַריינגעפאַלן אין שטאָלענעם אומקלאַמער פון דער היטלערישער בעסטיע. אַ קליינער טייל פון דער קעמפערישער יידישער מאַסע איז דורכן מלחמה־שטורעם פאַרטראָגן געוואָרן איבער ימים אָדער נע־ונד געוואָרן אין סטעפּעס און מדבריות אין אַזיאַטישן רוסלאַנד. אָבער דער הויפּט־קערן פון אָט דער באַפעלקערונג איז איינגעצוימט געוואָרן אין געטאָס, און ווערט סיסטעמאַטיש דערנידעריקט און אויסגעהונגערט. טיף איז די אָרגאַנישע פאַרוואָרצלטקייט פון יידישן מאַסן־לעבן אין מזרח־אייראָפּע. אָבער היטלער האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן דעם פּראָצעס פון פאַרניכטן דעם אוראַלטן יידישן ישוב אין דייטשלאַנד. צי וועלן זיך געפינען כוחות, וואָס זאָלן אים אָפּשטעלן אין זיין וואַנזיניקן חלום צו פאַרטיליקן די יידישע נאַציע?

עס האָבן אומעטום הויך און העכער געגומען שטייגן די כוואַליעס פון ייִדן־האַס, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די וועלט וויל איבערבעטן דעם דערצאָרנטן און בלוט־דורשטיקן נאַצי־גאָט דורך אָפּגעבן אים פאַר פּרעס די ייִדן, נאָך וועמענס בלוט ער האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט. אין אַזעלכע באַדינגונגען זײַנען פאַרשידענע מענטשן אויך אויפן ייִדישן אָפּשניט אַלץ מער און מער פאַרטריבן געוואָרן אין טעמפּן ווינקל פון פאַרצווייפלונג, און אָנהענגער פון די פאַרשידנסטע אידייאישע לאַגערן אין ייִדישן לעבן האָבן גענומען זוכן אַ טרייסט צי אין רעליגיעז־מיסטישע טעאָריעס, צי אין צוריקקער צו אַלטער טראַדיציע צי אין פאַרשטאַרקטן נאַציאָנאַליזם. איבעריק צו דערמאָנען אַז אַלע אַזעלכע זוכער האָבן נישט געהאַט און נישט געפונען קיין שום נייעם נאַציאָנאַלן אויסוועג, אין בעסטן פאַל האָט אָט דער רעוויזיאָניזם בלויז געגעבן אַ אידייאישן אַנטרינונג־פּלאַץ פון דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט.

דאָס איז געווען דאָס פּאָליטיש־ און ייִדיש־נאַציאָנאַלע בילד פון מיט פינף יאָר צוריק. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער זשורנאַל „אונזער צייט" געשטעלט זײַנע ערשטע שריט, און חבר נח האָט פאַר־מולירנדיק אין ערשטן נומער די צילן פון זשורנאַל גלייך פון אָנהייב געהאַלטן פאַר וויכטיק צו דערקלערן: „מיר וואַרפן קאַטעגאָריש אָפּ די אין דער מאָדע אַריינגעגאַנגענע דעקלאַמאַציעס, אַז אונזער גאַנצער גייסטיקער באַגאַזש דאַרף פון גרונט אויס געענדערט ווערן". דער זשורנאַל איז אַרויס אויף דער אַרענע אונטערן צייכן פון קעג־נערשאַפט צו דער שפּרייטונג פון פעסימיזם, צו דער דעמאָלט גאַנג־באַרער מאָדע פון רעוויזיאָניזם. אָבער אַרויסטרעטן דעמאָלט מיט פּרעדיקן סאָציאַליזם אין אונזער צייט, אַלס רעזולטאַט פון זיג איבער היטלערן, אַרויסטרעטן דעמאָלט מיט פּרעדיקן די בונדישע אמתן פון פאַרזעצן דאָס ייִדישע נאַציאָנאַלע לעבן, צווישן אַנדערע פעלקער, — ווי גלייכע צווישן גלייכע, — האָט באַדייט אַפילו אין די אויגן פון די פיל נאָענט־שטייענדיקע שיכטן „בלייבן פאַרשטיינערט" און „נישט וועלן זען די רעאַלע ווירקלעכקייט".

„אונזער צייט" האָט גענומען אויף זיך אָט די שווערע מיסיע פון כלומרשט נישט רעכענען זיך מיט דער „רעאַלער ווירקלעכקייט". זי האָט געפּרעדיקט, אַז אַמעריקע דאַרף אַריינטרעטן אין קריג און גע־גלויבט אין דעם, אַז דאָס וועט אומפאַרמיידלעך געשען — נאָך אין יענע צייטן, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז די אַמעריקאַנער פאָלקס־מאַסן האָבן נאָר איין שטרעבונג — צו זיין וואָס ווייטער פון אייראָ־פּעאישן קעסל־שטראָם. זי האָט געגלויבט, אַז עס איז אומפאַרמייד־לעך אַ באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס צווישן סאָוויעטן־לאַנד און דעם

היטלעריזם נאָך אין יענע צייטן, ווען די וועלט איז געווען צעמישט און צעטומלט צוליב די טרויעריק־באַרימטע פּריינטשאַפּט־דעקלאַראַ־ציעס. זי האָט געפּרעדיקט און געגלויבט אין דער אומפּאַרמיידלעכ־קייט פון אַ מעכטיקן אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק, וואָס קאָן און מוז צע־שמעטערן דעם היטלעריזם און זיינע סאַטעליטן. זי האָט אונטערגע־האַלטן דעם גלויבן אין זיג, אין אַ צייט, ווען דער פינצטערער שאָטן פון היטלערס אייזערנע באַטאַליאָנען האָט זיך מיט אַ טייוולאָנישן אימפּעט געטראָגן איבער איירָאפּע. זי האָט נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין אַרבעטער־סאָלידאַריטעט אין אַ צייט, ווען דער טיפסטער אידייאישער ריס האָט צעשניטן דעם לעבעדיקן קערפּער פון אַרבעטער־קלאַס. און ענדלעך, אין מאָמענטן פון די טראַגישסטע מפּלות און שווערע אידיי־אישע נידערלאַגעס האָט דער זשורנאַל אויף אַ מינוט נישט אויפגעהערט קרעפטיקן דעם גלויבן אין סאָציאַליזם. דורך אַלע נומערן — פון ערשטן ביזן לעצטן — איז געשמידט געוואָרן די קייט פון עקשנות־דיקן ווידערשטאַנד קעגן אומגלויבן, פאַרלוירנקייט און יאוש, קעגן אידייאישן ווירוואַר און טעאָריעס פון סאָציאַליסטישן באַנקראָט. אויב די וועלט איז מיט די כוחות פון סאָציאַליזם נישט פאַרהיט געוואָרן פון אַ קאַטאַסטראָפע, איז דאָס פאַר אונז געווען אַ באַווייז נישט קעגן סאָציאַליזם, נאָר, פאַרקערט, אַן אַנשוילעכע לעקציע אין וואָס פאַר אַ שרעקלעכע אָפּגרונטן עס קייקלט זיך די קאַפּיטאַליסטישע וועלט, אויב זי וועט נישט אויסגעלייזט ווערן דורך סאָציאַליזם. אונזער גלויבן איז באַפעסטיקט געוואָרן דורך דער לעגענדאַר־העראָאישער אונטער־ערדישער באַוועגונג אין לאַנד, וואָס האָט אויסגעכישופט פון דער יידישער מאַסע די וואונדערלעכסטע מאָראַלישע ווערטן. אָט די באַ־וועגונג האָט געגעבן גייסטיקן איבהאַלט און קאַמפּס־אימפּעט די צע־זייטע און צעשפּרייטע בונדיסטן אין גאַר דער וועלט. זי איז געוואָרן די אַקס, אַרום וועלכער עס האָבן זיך געדרייט אונזערע געפילן, אונזער גלויבן, אונזער האָפענונג.

עס זיינען פאַרלאָפן וואָכן, חדשים און יאָרן אָנגעלאָדן מיט גע־שיכטלעכן אימפּעט און מיט דינאַמיק פון איבערברוך־תקופות. דער שטראָם פון צייט איז געלאָפן מיט האַסטיקייט פון אַ מעכטיקן וואַסער־פאַל, און אויפן געשיכטלעכן עקראַן האָבן זיך מיט עפּאָכע־מאַכנדיקער שנעלקייט געביטן די לייוונטן. אָט איז סאָוויעט ־רוסאַלנד אַריינגעצויגן געוואָרן אין קריג, און איירָאפּע איז געוואָרן די אַרענע פון געראַנגל אויף לעבן און טויט צווישן די צוויי מעכטיקסטע קריגס־טיטאַנען. אָט איז געקומען פוירל האַרבאַר, און די גאַנצע ערד־קויל פון איין עק ביזן צווייטן, מיט אַלע אירע ים־מדבריות, אינזלען, טראָפּישע און אַרקטישע ים־וועגן, איז געוואָרן די אַרענע פון בלוטיקסטן פאַר־

מעסט. די פייער־פלאַמען וואָס האָבן זיך צעגאָסן איבער גאָר דער וועלט און געצונדן מיט רויט אַלע האָריזאָנטן, האָבן גלייכצייטיק באַלויכטן אויך אַ ריי פריערדיקע געשיכטלעכע ספקות. דער מעכטיקסטער אַנטי־פאַשיסטישער בלאָק איז געוואָרן אַ פאַקט, די צדדים פון ביידע זייטן באַריקאַדע האָבן זיך קלאָר אָנגעצייכנט. די גאַנצע וועלט־דעמאָקראַטיע, אַלע פּראָגרעסיווע און פאָרשריטלעכע כוחות, אַלע אַרבעטנדיקע, אַלע ראַדיקאַלע, פּראָלעטאַרישע כוחות זיינען געשטאַנען אין שותּפותדיקן קאַמף קעגן דער פאַנאַנדערגעוויגטער מאַכט פון פאַשיזם. צוזאַמען מיט דעם איז געוואַקסן דער גלויבן אין זיג, און עס איז געשטיגן די האָפענונג אויף אַ נייער וועלט.

די האָפענונג אויף אַ נאָך־מלחמהדיקער סאָציאַליסטישער אייראָפּע איז, מיטן האַסטיקן לויף פון אָט די געשעענישן, מיט יעדן טאָג אַלץ ווייניקער געוואָרן דער פאַרעקשנטער טרוים פון פאַרשטיינערטע דאָקטרינערן, און אַלץ מער די שותּפותדיקע האָפענונג פון ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער וועלט. אין לויף פון די אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע געשעענישן איז אַלץ בולטער געוואָרן די געשיכטלעכע ראָל פון ענגלישן אַרבעטנדיקן פאָלק, וואָס האָט דעמאָנסטרירט זיין שטאָלענע אויסגעהאַלטנקייט און קאַמפּס־ווילן און זיך אַרויסגערוקט אויף פירנדיקע פּאָזיציעס אין די ראַמען פון דער ענגלישער נאַציע שוין אין יענע צייטן, ווען ענגלאַנד איז איינע אַליין געשטאַנען אין שווערן געראַנגל קעגן דער ריזיקער נאַצישער איבערמאַכט. דער ענגלישער אַרבעטער־קלאַס האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, אַז זיין ווילן צום זיג איז געפּאָרט מיט ווילן צו מאַכט, מיט אַ שטרעבונג נאָכן קריג צו בויען אַ וועלט, וואו עס זאָלן נישט קאָנען וואַקסן קיין נייע היטלעריסטישע פירות. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ מעכטיקער „דריטער פראָנט” אין גאַנץ אייראָפּע, וואָס האָט געשמאַכט אונטער היטלערן, און כמעט אומעטום האָבן דעם רוקנביין פון אָט דעם קאַמפּס־פראָנט געבילדעט די פּראָלעטאַרישע מחנות, וואָס זיינען אָפּטמאָל טראָץ דעם פאַרראַט פון דער אייגענער בורזשואַזיע געוואָרן די הויפּט־טרעגער פון דער אידייע פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן די אָקופּאַנטן אָדער היימישע פאַשיסטן האָבן זיך אין אַ ריי לענדער, ווי פראַנקרייך, בעלגיע, איטאַליע א. אַ. געשמידט נייע פאָרמען פון אַרבעטער־איניקייט, געחתמעט מיט געמיינזאַמען בלוט. אַזוי האָט דער האַסטיקער לויף פון די געשעענישן פאַרענטפערט פיל פריער אומלייזבאַרע שטרייטיקייטן, אָנגעמערקט נייע פּערספּעקטיוון, געצונדן נייע האָפענונגען.

אָבער מען מוז מודה זיין: מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט און קיין מוט צו פייערן דעם טריאומף פון אונזערע האָפענונגען. וואָס

ליכטיקער און האָפענונגספולער עס איז געוואָרן דאָס אַלגעמיינע בילד,
אַלץ פינצטערער און אויסזיכטסלאָזער האָבן זיך געשטאַלטעט די פאַר־
העלטענישן אויפן יידישן אָפשניט. ווען „אונזער צייט" האָט אָנגעהויבן
צו דערשיינען, האָט זי גלייך גענומען ברענגען ידיעות וועגן נאַצישן
ווילקיר לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, וועגן בלוטיקער הפקרות,
וועגן מאָרד און פיין, וועגן פון הונגער געשוואָלענע טויטע קערפערס
אויף די גאַסן פון די געטאָס. מיר האָבן דערציילט וועגן פיין, אָבער
אויך וועגן מוטיקן קאַמף; מיר האָבן געשילדערט נויט, אָבער געקאָנט
באַריכטן וועגן מוסטערן פון זעלבסטהילף, מיר האָבן זיך פאַרמאָסטן
אויפטרייסלען געוויסנס פאַר באַזאָרגן הילף אין די געטאָס. מיר
האָבן געשטרעבט צו אָפשפיגלען דאָס לעבן, פיין, מאַטערניש און
קאַמף פון דער שעפערישסטער יידישער מאַסע אין דער וועלט. אָבער
באַלד ווערט דאָס בילד נאָך טונקעלער. עס האָט צו אונז דערגרייכט
דער אַרויסגעשיקטער באַריכט דורכן אונטערערדישן „בונד" וועגן די
גאַז־פאַרסמונגען אין כעלמנאָ, וועגן מאַסן־שחיטות אויף די מזרח־
קרעסן, וועגן דער אויסראָטונג פון 700 טויזנט יידן. און זייט דע־
מאָלט האָט איין פינצטערע בשורה געיאָגט די אַנדערע: מאַסן־מאָרד,
לובלין, דעפאָרטאַציעס, טרעבלינקע, מאַידאַנעק, בעלזשיץ, פאָנאַר.
מיר האָבן פיל נישט געקאָנט העלפן. אָבער פון יעדן בלעטל פון
„אונזער צייט" האָט אין פאַרלויף פון לאַנגע פינצטערע חדשים געוויית
דער קאָשמאַר פון הילפלאָזיקייט, ווען עס ווערן געמאָרדעט קאַלט־
בלוטיק די נאָענטסטע און טייערסטע, אין יעדער שורה איז געווען
פאַרקלעמטער צער, יעדער אות האָט פראָטעסטירט קעגן דער גלייכ־
גילטיקער וועלט, וואָס וויל נישט גלויבן, וואָס שוויגט, וואָס איילט
נישט מיט הילף. קיינער פון די קרייזן, וועלכע האָבן זיך גרופירט
אַרום „אונזער צייט" וועט ניט פרואוון קיינמאָל באַרואיקן זיך מיט
דער אילוזיע, אַז מען האָט געטאָן גענוג, פנים אל פנים מיט דער גרוי־
סער טראַגעדיע; דער זשורנאַל האָט זיך געווידמעט פולשטענדיק און
אינגאַנצן, אָפטמאָל פונם ערשטן אַרטיקל ביז דער לעצטער כראָניק־
שורה דעם גרויל פון די מאַסן־מאָרדן. און אַנדערש האָט נישט גע־
קאָנט זיין אין זשורנאַל, וואָס האָט פאַרטראָטן דעם העראָאישן און
מסירת־נפשדיקן אונטערערדישן „בונד" אין פוילן. אַ שפליטער פון
דער יידישער קעמפנדיקער מאַסע האָט, אפילו אויך אין דער פרעמד,
געקאָנט לעבן בלויז מיט אירע נויטן, פיינען און קאַמפן. און אַזוי
איז געשען, אַז גראָד אין דער צייט, ווען ביים ליכט פון מלחמה־בליצן
און קנאַל פון האַרמאַטן־דונערן האָבן זיך פאַר דער אַרבעטנדיקער
וועלט באַוויזן ליכטיקערע האָריזאָנטן, איז „אונזער צייט" ביז איבער

די ברעגעס געווען איבערפולט מיט בילדער פון גרויל, ווייטיק און צער.

און ווייניק דער צער צוליב די אַלגעמיינע קאָשמאַרפולע היטלער־שחיטות, האָט דער גורל נאָך בפרט אונז ניט געשאַנעוועט, און מיר האָבן ככדר באַוויינט פאַרלוסטן פון די נאָענטסטע. די שוואַרצע ראַם איז פון סאַמע אָנהויב פון עקזיסטענץ פון זשורנאַל שיער נישט גע־וואָרן זיין טאָג־טעגלעכע באַגלייטערין. עס זיינען אין ערשטן יאָר פון דערשיינען פון זשורנאַל אויף אייביק אַוועק נח און וולאַדימיר. עס זיינען אומגעקומען אַנאַ ראָזענטאַל, שאול גאָלדמאַן און צענטליקער אַנדערע פון אונזערע בעסטע. עס איז געקומען דער טראַגישער און שרעקלעכער מאָרד פון אונזערע שענסטע פירער און לערער הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. עס האָט געבראַכט זיך פאַר אַ קרבן אונזער אומפאַרגעסלעכער אַרטור. די לאַנגע ריי — הונדערטער און טויזנטער העלדן און מאַרטירער פון די געטאָס מיט אַבראַשע בלום און סאָניע נאָוואָגרודסקי, מוריצי אָזשעך, לאָזער קלאָג אין דער שפּיץ — איז שוין נאָך דער באַפרייאונג פאַרפולט געוואָרן מיטן טויט פון טרייען און ליכטיקן לעאָן פיינער.

דאָס זיינען אַלץ באַדינגונגען, אין וועלכע אפילו ביי די קרעפטיק־סטע האָבן זיך געקאָנט אַראָפּלאָזן די הענט. און אויב דאָס איז מיט אונז נישט געשען, איז דאָס געווען נאָר אַ דאַנק דער קראַפט וואָס מיר האָבן געשעפּט פון דער ממש לעגענדאַרער אַרבעט פון אונזערע חברים אין אונטערערד. יעדער באַריכט וואָס איז געקומען פון דאָרטן האָט אָנגעפילט הערצער נישט בלויז מיט פיין און פאַרשעמונג נאָר אויך מיט דערהויבונג און שטאָלץ. עס זיינען געקומען באַריכטן וועגן מאַר־טירעריי און טויט, אָבער גלייכצייטיק וועגן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד און קאַמף. עס זיינען געקומען דער וואַרשעווער, ביאַליסטאָקער און אַנדערע אויפשטאַנדן. עס זיינען געקומען די בונטן אין די טויט־לאַ־גערן. פון די טיפסטע אָפּגרונטן און פיין האָבן אונזערע ברידער און שוועסטער, אונזערע נאָענטסטע און טייערע, און צוזאַמען מיט זיי באַדייטנדיקע קרייזן פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, זיך דערהויבן צו די העכסטע שפּיצן פון גרויסקייט. קעגן דער ראַפינירטער עקלהאַפ־טער סאַדיסטישער בריאה, וואָס דער נאַציזם האָט אַרויסגעבראַכט פון מענטשן האָט זיך געשטעלט קרישטאָלענע ריינקייט און לויטערקייט פון אַ מחנה, וואָס ציט איר יחוס פון די לעקערטס און וועלכע האָט אין די געטאָס פאַראייניקט אַלט און יונג, פאַטי קרעמער און לושעק בלאָ־נעס דורך לויטערע אַקטן פון זעלבער אָפּפערווילליקייט און טריישאַפט. אָט די מחנה האָט צוריקגעגעבן חשיבות דעם נאָמען מענטש. דאָס איז געווען דער קוואַל פון וועלכן מיר האָבן געשעפּט דערמוטיקונג.

פון די באַריכטן האָבן מיר געוואוסט, אַז אונזערע חברים דאָרטן,
אפילו אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען, פאַרלירן נישט דעם גלויבן
אין סאָציאַליזם. דאָס איז געוואָרן דער קוואַל פון מוט און אויסדויער
פאַר אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע בונדיסטן. טרוימענדיק וועגן סאָ־
ציאַליזם און וועגן אַ נייער וועלט האָבן אונזערע ליכטיקסטע קדושים
און מאַרטירער אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם, און אומדערמידלעכער
קאַמף פאַר אַזאַ וועלט בלייבט פאַר אונז, די פאַרבליבענע, נישט בלויז
דער וויכטיקסטער לעבנס־ציל נאָר אויך די הייליקע צוואה וואָס איז
אונז איבערגעלאָזן געוואָרן דורך די אומגעקומענע און אויף אייביק
פאַרשניטענע.

שוין העכער אַ יאָר צייט ווי פּוילן איז באַפרייט. דער קאָשמאַר
איז פאַרענדיקט. מיליאָנען זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. עס זיינען
פאַרבליבן רעשטלעך. פון קעלערס און בוידים־שטיבלעך, פון וואַלד־
באַהעלטענישן, פון שקלאַפן־לאַגערן און קאַלד־אויוונס, פון וויסטע
סטעפּעס און מדבריות זאַמלען זיך די רעשטלעך. און ווידער פּלאַטערט
איבער זייערע קעפּ די פאָן פון „בונד“, וואָס האָט שוין נישט איין מאָל
אין די לעצטע 50 יאָר צונויפגעזאַמלט פאַראייניצלטע שטויבעלעך און
זעמדעלעך אין יידישן לעבן און פאַרוואַנדלט זיי אין אַ שעפערישער
קראַפט מיט שטאָלענעם ווילן און געוואַגטער שטרעבונג. קליין איז
דערווייל די צאָל פאַרבליבענע יידן. קליין איז דערווייל אויך די בונ־
דישע מחנה. אָבער זיי שטעלן זיך אַקסל צו אַקסל און זאַמלען אַרום
זיך די מחנות וואָס גלויבן אין לעבן און אויפבוי. און די מאַסע וואָס
האָט געקוקט אַלע טויטן אין די אויגן וויל לעבן און בויען. זי וויל
ציען דעם המשך פון רייכן יידישן לעבן אין אַ וועלט וואָס זאָל נישט
זיין ענלעך צום נעכטן. איבער גאַנץ אייראָפּע טראָגט זיך היינט דער
רוף צו אַ נייעם מאָרגן, צו אַ וועלט, וואָס איז נישט ענלעך צום נעכטן.
אָט דער רוף קלינגט אויך אין היינטיקן פּוילן. די אַרבעטנדיקע אין
פּוילן, פּונקט ווי די אַרבעטנדיקע אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך,
אין בעלגיע, אין איטאַליע און אין אַנדערע לענדער אויפן אייראָפּע־
אישן קאָנטינענט שטרעבן צו אַ פרייע סאָציאַליסטיש לעבן, וואו עס
זאָלן נישט מעגלעך זיין די קאָשמאַרן פון נעכטן, וואו קליינע פעלקער
זאָלן נישט זיין קיין פּוס־בענקעלע פון גרויסע און שטאַרקע און וואו
אמתע גלייכהייט זאָל געבן יעדן יחיד אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען
אַלע זיינע שאַפונגס־כוחות. אַזאַ וועלט וועט מאַכן אוממעגלעך אַנטי־
סעמיטיזם און נאַציאָנאַלע אומגלייכהייט, אַזאַ וועלט קאָן געבויט ווערן
דורך סאָלידאַריטעט פון אַלע אַרבעטנדיקע. אויף די וועגן פון בויען
אַזאַ וועלט לאָזט זיך מיט אימפּעט און שוואונג דאָס נייע אייראָפּע,
וואו דער סאָציאַליזם האָט אין לעצטן יאָר אָפּגעהאַלטן אַ ריי גלענצנ־

דיקע נצחונות. אין דער דאָזיקער באַנייטער סאָציאַליסטישער משפּחה פון אייראָפּע הערט זיך אויך די שטים פון „בונד" אין פּוילן, קליין דערוויייל אין צאָל, אָבער גרויס — געוויס דער גרעסטער — מיטן בייטראָג פון בלוט אין געראַנגל פאַר אָט דער נייער וועלט.

דורך קאַטאַסטראָפאַלע פינף יאָר האָט „אונזער צייט" געדינט לויט אַלע אירע מעגלעכקייטן דער אידייע פון „בונד", דער אידייע פון סאָ־ציאַליזם, געפּיבערט מיט דער דערוואַרטונג אויף ווידעראויפבוי פון יידישן לעבן, קאָנוואולסיוו געצאַפּלט צווישן טיפן אומרו און האָפע־נונג. היינט לעבט צוריק דער „בונד" אין פּוילן. היינט איז מער ווי ווען עס איז פריער נאָענט דער חלום פון אַ סאָציאַליסטישער אייראָפּע. די וועלט שטייט היינט אויפן שוועל פון גרויסע פאַרווירקלעכונגען, און מיט שטאַרק איינגעשרומפּענע כוחות און מעגלעכקייטן, אָבער מיט טראַדיציאָנעלער בונדישער טריישאַפט און עקשנות, האָט זיך די ווי־דער אויפגעזאַמלטע בונדישע מחנה געשטעלט אויף אירע קאַמפּס־פּאָזיציעס. דאָס רוקט אַרויס פאַר די פון זייער שטאַם אָפּגעריסענע בונדיסטן נייע צילן, נייע אויפגאַבן. דינען און העלפן דער באַנייאונג, דינען און העלפן דעם ווידעראויפבוי, — דאָס זיינען היינט די וויכ־טיקסטע און הייליקסטע צילן, וועלכע קאָנען זיין פאַר אַ סאָציאַליסט, פאַר אַ בונדיסט, פאַר אַ יידישן פאָלקסמענטש. דאָס ווערט אויך דער הייליקסטער ציל, וועלכער קאָן שטיין פאַר אַ צייטשריפט, וועלכע וויל דינען דער יידישער פאָלקס־מאַסע און דעם סאָציאַליזם.

(„אונזער צייט", מערץ־אַפּריל, 1946)

דער נירענבערגער אורטייל

עס איז פֿאַרענדיקט דער נירענבערגער פּראָצעס איבער 22 פֿון היטלערס וויכטיקסטע מיטאַרבעטער, וועלכע האָבן במשך פֿון 12 יאָר געהאָלפֿן אים אויפֿשטעלן און פֿאַרשפּרייטן די מאַכט פֿון מאָרד און בעסטיאַלישקייט. ווען די שורות ווערן געשריבן, גרייט זיך די „אויסמעסטונג פֿון גערעכטיקייט" פֿאַר די 21, וועלכע מען האָט צו־געשטעלט צום געריכט. עלף פֿון אָט די „מענטשן־געטער" דאַרפֿן שטאַרבן אויף דער תליה, זיבן פֿון זיי וועלן פֿאַרשפּאַרט ווערן אין תפֿיסה אויף פֿאַרשידענע טערמינען; דריי ווערן געלאָזט פֿריי.

דער אורטייל איז אַן אַנטוישונג פֿאַר די, וועלכע האָבן זיך געריכט, אַז פֿון חקירות אַרום פּאַראַגראַפֿן אין נירענבערג וועט אויפֿשטראַלן אַ נייע גערעכטיקייט. אָט די גערעכטיקייט שטראַלט זייער בלאַס, אויב זי האָט געקאָנט פּסקענען, אַז פֿאָן־פּאַפּען, וועלכער האָט, קאָנענדיק היטלערס מאָרד־פּלענער, בידים אים אין 1933 איבערגעגעבן די מאַכט און שפּעטער אים געדינט בלב־ונפֿש, — אַז ער זאָל אַוועק שפּאַ־צירן אויף דער פֿריי מיט אַ כּתב פֿון „אומשולדיק" אין קעשענע. דאָס זעלבע איז נוגע דעם פֿינאַנץ־מכשף שאַכט, וועלכער האָט לכתּחילה געהאָלפֿן אויסגעפֿינען די מיטלען פֿאַר היטלערס מאָרד־באַנדעס און, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, געשאַפֿן די מיטלען פֿאַרן קריג מיטן ציל צו פֿאַרשקלאַפֿן און אויסמאָרדן פֿעלקער און לענדער.

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש איז דאָס געפֿינען מילדערנדיקע אומשטענדן פֿאַר אַזעלכע נפֿשות ווי העס, וואָס איז איינער פֿון די הויפּט־גרינדער פֿון דער נאַציִשער מלוכה, אָדער ווי באַלדור פֿאָן שיראַך, דעם הויפּט־פֿאַרגיפֿטער פֿון גאַנצן יונגן דייטשן דור.

די אַנטוישונג איז פֿולשטענדיק אַ באַגרינדעטע און זי איז באַ־רעכטיקט אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פֿון דער צאָל תּליות אין נירענבערג: נישט עלף תּליות, נישט 22, נישט 22 טויזנט און אַ פּילפּאַך גרעסערע צאָל זיינען אומשטאַנד צו ברענגען גערעכטיקייט פֿאַר פֿאַרפֿייניקטע אין די קעלערן פֿון געשטאַפּאָ, פֿאַר דעם מבול פֿון בלוט, וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט די וועלט, פֿאַר די זעקס מיליאָן פֿאַרברענטע, דערשטיקטע און פֿאַרמוטשעטע יידן, פֿאַר נוצן זייף פֿון יידישע גופֿים און פֿאַר געניסן

פון גערעטענישן פון פעלדער באַפּרוכפּערט מיט אַש פון די דערמאָר־דעטע. דייטשלאַנד בלייבט היינט אַ געפּאַר פאַר דער וועלט, פאַר דער גאַנצער מענטשלעכער קולטור, כל־זמן די ברייטסטע מאַסן פון איר באַפעלקערונג זיינען נישט אויפגעטרייסלט ביז די טיפענישן דורך דער באַרבאַריי און חיהשקייט, דורכן ווילדסטן קאַניבאַליזם, צו וועלכן די דייטשע מאַסן זיינען ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק געוואָרן שותפים. דער נאַצישער גיפט איז אָבער נישט געבליבן דער מאָנאָפּאָל פון די דייטשן. ער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער פּוילן, דער הויפּט־סצענע פון די מאָרד־באַרבאַרייען און האָט פאַרסמט גרויסע טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג; ער האָט געלאָזן טיפערע וואָרצלען אין אַ ריי אַנדערע לענדער און קאָנטינענטן. היטלער איז טויט, אָבער זיינע אי־דייען לעבן. זיי זיינען קודם כל טיף פאַרפּלאַנצט אין די הערצער פון דער דייטשער יוגנט. ווי עס זאָגן עדות פיל אויטאָריטעטע פאַר־שער פון די שטימונגען אין דייטשלאַנד, איז דער נאַציזם דאָרטן בלויז פאַרטייעט און וואַרט אויף זיין געלעגנהייט. דער אויסערלעכער אויסדרוק פון לעבן־פאַרבליבענעם נאַציזם איז דער וואוקס פון די אַנטיסעמיטישע שטימונגען אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט. דאָס שטראָפלאָזע אויסראָטן פון זעקס מיליאָן יידן מיט כלערליי מיתות־משונות האָט געהאַט אַ דאָפּלטע ווירקונג. די אויפגעדעקטע אמתן פון מאַידאַנעק אָדער אַשוויענטשים האָט אויפגעטרייסלט פיל־באַרע געוויסנס. אָבער די שטראָפלאָזיקייט פון דער גרויסער מאַסע פאַרברעכער האָט אין סך־הכל דערמונטערט דעם אַנטיסעמיטיזם. זי האָט זיי איבערצייגט, אַז יידיש לעבן קאָן טאַקע זיין הפקר.

מען האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז דער נירענבערגער טריבונאַל וועט ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין קאַמף פאַר אויסוואָרצלען דעם נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם. ער האָט אויסגעפירט אָט די ראָל זיינע אין זייער אַ קליינער מאָס. מיטגרינדער פון דער נאַצישער מלוכה גייען איצטער אַרום מיטן צעטל „אומשולדיק" אין קעשענע. דאָס גרויזאַמ־סטע וואָס איז געשען אין דער צייט פון קריג, דאָס אויסראָטן זעקס מיליאָן פון אַ פאָלק וואָס איז אַפילו נישט אויסגעטיילט געוואָרן אַלס אַ באַזונדער פונקט פון דער באַשולדיקונג, און איז אַריינגעשטופּט גע־וואָרן אין אַן אַלגעמיינעם פונקט פון „פאַרברעכנס קעגן מענטש־לעכקייט", דער פאַרשלאַג, וועלכער האָט זיך אַנגעמערקט אין פאַרלויף פון פּראָצעס (ער איז אין זיין צייט באַגריסט געוואָרן אַפילו דורך דער „ניו־יאָרק טיימס") אַריינצופירן אין דעם אורטייל דעם באַגריף „דזשענאָסייד" — אויסראָטונג פון מין, אַלס אַ נייע יורידישע פאָרמולע און אַ וואָרענונג אויף להבא פאַר די וואָס קאָנען זיך אַרומטראָגן מיט

אידייען פון פאַרטיליקן אַ פאָלק, — דער פאָרשלאַג איז נישט אָנגענו־מען געוואָרן.

אין דעם פרט גיט דער גאַנצער פאַרלויף און פסק־דין אין ני־רענבערג שטאָף פאַר דער ביטערסטער אַנטוישונג. די גרויסע מעג־לעכקייטן פון אויפקלערונג קעגן נאַציזם און ראַסן־האַס זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן צו פאַרשידענע זייטיקע אויסרעכענונגען.

עלף תליות פאַר נעכטיקע דייטשע מענטשן־געטער באַדייט זיכער דער בין־השמשות פון די דאָזיקע געטער. אָבער זיי סיגנאַליזירן נאָך נישט קיין נאַכט פון נאַציזם, און דער עיקר זיי באַדייטן נאָך לגמרי נישט דעם פרימאָרגן פון אַ נייער גערעכטיקייט.

(„אונזער צייט", אָקטאָבער 1946)

מיטן פנים צו דער צוקונפט

דער „בונד" און ציוניזם זיינען ביידע היי־יאָר, אַלס אָרגאַניזירטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, אַלט געוואָרן 50 יאָר. די 50 יאָר זיינען געווען יאָרן פון פולסירנדיקסטן געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף דער יידישער גאַס.

ביידע באַוועגונגען זיינען אַנטשטאַנען צווישן מאַסן, וועמענס גייסטיק לעבן איז געווען אויסגעפילט מיט רעליגיעזן אינהאַלט. ביידע באַוועגונגען זיינען געווען פון אַ מאָדערן־וועלטלעכן כאַראַקטער. — דער „בונד" אַבסאָלוט וועלטלעך און דער ציוניזם — וועלטלעך־באַפאַרבט. ביידע באַוועגונגען זיינען אין די צייטן פון זייער אַנטשטייאונג געווען אַן אַרויספאָדערונג פאַר אַלע יענע, פאַר וועמען יידישקייט איז געווען ענג פאַרבונדן מיט רעליגיע. די אַנטשטייאונג פון אַ וועלטלעכער באַוועגונג האָט שפּעטער געשטויסן אויך די אָרטאָדאָקסיע צו אָרגאַניזירן זיך פּאָליטיש. אַזוי אַרום זיינען אָרטאָדאָקסיע, ציוניזם און „בונד" אין משך פונם האַלבן יאָרהונדערט געוואָרן די דריי וויכטיקסטע טרייב־קראַפטן אויף דער יידישער גאַס. אַ געוויסן אָרט האָט אין פאַרשידענע פּעריאָדן פון אָט דעם האַלבן יאָרהונדערט פאַרנומען אויך די אידייע פון אַסימילאַציע. פאַרבונדן מיט עמאַנציפּאַציע און אויפקלערונג האָט די אידייע פון אַסימילאַציע אָנגענומען צווישן פאַרשידענע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרשידענע צייטן די פאַרשידנאַרטיקסטע פאָרמען, אָנהויבנדיק פונם היפּער־פּאַטריאָטיזם, פון „פּוילישקייט" (אין אַנדערע לענדער „גערמאַנישקייט", „פראַנצויזישקייט") „פון יידישן גלויבן", צווישן די רייכערע שיכטן, ביזן נאַאיוון קאָסמאָפּאָליטיזם, צווישן יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען אָפּגעריסן פון יידישן מאַסן־לעבן. אָבער אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרם איז אַ שטרעבונג פון געוויסע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט צו אַסימילאַציע קיינמאָל אינגאַנצן נישט פאַרשוואונדן פונם אויבערפלאַך פון יידישן לעבן. אויסער די דערמאָנטע דריי הויפּט־טרייב־קרעפטן אין דער יידישער געזעלשאַפט האָט אויך די אידייע וועגן אַסימילאַציע אין דער דערמאָנטער צייט געשפּילט אַ געוויסע, אַמאָל אַ גרעסערע, אַמאָל אַ קלענערע, ראָל.

במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט האָבן די פיר גרונט־שיטות, ציוניזם, סאָציאַליזם, — פאַרקערפּערט אין „בונד" — אָרטאָדאָקסיע און אַסימילאַציע, געפירט שטרייטן צווישן זיך, געקעמפט אָפטמאָל ביטער און פאַרביסן פאַר דער נשמה פון יידישן מענטש, אָדער פאַר דער ריכטיקייט פונם וועג, וועלכן יעדע פון זיי וויזט דעם יידישן פאָלק. אין פּראָצעס פון קאַמף האָבן זיך די פאַרשידענע שיטות קעגנזייטיק באַאיינפלוסט, און יעדע פון זיי איז אויך באַאיינפלוסט געוואָרן פון לעבן גופא. אַזוי צום ביישפּיל: די אָרטאָדאָקסיע האָט ביסלעכווייז אַקצעפּטירט די וויכטיקסטע עלעמענטן פון ציוניזם. פון דער אַנדערער זייט, האָט דער ציוניזם גופא אַלץ מער פאַרלוירן זיין וועלטלעכע באַפאַרבונג, און אין אים האָט זיך צעוואַקסן אַן איינפלוסרייכער רעליגיעזער פליגל (מזרחי), גלייכצייטיק זיינען אין ציוניזם אַריינגעדרונגען אויך אַנדערע אידייאישע שאַטירונגען. אין די לעצטע פאָר צענטליק יאָר האָבן עקזיסטירט דעמאָקראַטישע ציוניסטן, פאַשיסטישע ציוניסטן און קאָמוניסטישע ציוניסטן. אַלע הויזן איצטער צוזאַמען אונטער דעם שותּפותדיקן ציוניסטישן דאַך. די אַסימילאַציע, אַלס באַוועגונג, האָט אין פעריאָד פון דער גרעסטער שפּאַנונג פון יידישער קולטור־שעפערישקייט, צווישן דיביידע וועלט־מלחמות, פאַרלוירן אַ יעדן ערנסטן אָנהאַלט אין יידישן לעבן. אָבער אויך זי האָט אין פאַרשידענע צייטן געפונען געווויסע באַריר־פּונקטן מיטן ציוניזם, אָנהויבנדיק פון זשאַבאָטינסקיס „עברית או רוסית" (העברייאיש אָדער רוסיש) און פאַרענדיקנדיק מיט אַ פּיליגרימקע (אין אָנהויב 30ער יאָרן) פון אַסימילאַטאָרישער יידישער אינטעליגענץ צו די רייען פון ציוניזם. אָט די אויסשפרייטונג האָט געגעבן די ציוניסטן אַ גרונט צו רעדן וועגן זיך ווי וועגן אַ פאָלקס־באַוועגונג. אָבער אויך ביי זיין גרעסטער אויסשפרייטונג איז דעם ציוניזם פאַרן קריג קיינמאָל נישט געלונגען אַריינצודרינגען אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. די שטאַרקסטע און צאָלרייכסטע אַרבעטער־פאַראיינען אין פוילן און אין אַנדערע לענדער זיינען געוויינלעך געווען פריי פון ציוניסטישע איינפלוסן. די מערהייט פון די אָרגאַניזירטע יידישע אַרבעטער זיינען געגאַנגען טריי נאָכן „בונד". דער געזעלשאַפטלעכער קאַמף אויף דער יידישער גאַס האָט זיך דעריבער אָפּגעשפּילט דער עיקר ווי אַ קאַמף פון צוויי אָרגאַניזירטע הויפּט־כוחות: פון איין זייט, דער ציוניזם (רעליגיעז, דעמאָקראַטיש, פאַשיסטיש, סאָציאַליסטיש אָדער קאָמוניסטיש באַפאַרבט). פון דער צווייטער — דער „בונד", אַלס די פאַרקערפערונג פון קאַמף פאַרן סאָציאַליזם און דאָאיקייט. געווען צייטן, ווען דער ציוניזם האָט געהאַט די איבערגעוויכט. געווען צייטן, ווען דער „בונד" האָט געפירט נאָך זיך די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן. אין

די לעצטע עטלעכע יאָר פֿאַרן קריג האָט דער „בונד" געפֿירט נאָך זיך די מערהייט פֿון דער יידישער וויילער־מאַסע אין די גרעסטע שטעט פֿון פּוילן, און דער ציוניזם האָט דאָרטן (אין אַלע גרעסערע שטעט) דעראָבערט אַ נישטיקע מינדערהייט פֿון יידישע וויילער. אָבער קיינער האָט זיך אויך דעמאָלט נישט געגאַרט, אַז דער שטרייט זאָל שוין זיין פֿאַרענדיקט. 50 יאָר „בונד" ווי אויך 50 יאָר ציוניזם, דאָס איז גלייכצייטיק די יובל־דאַטע פֿון אַ שטרייט, וועלכער דאַרף נאָך אַנט־שיידן ווערן דורך דער געשיכטע. די נאַציאָנאַל־דינאַמישע כּוחות אויף דער אַרענע פֿון שטרייט זיינען געווען „בונד" און ציוניזם. אָבער אין לעבן גופֿא האָבן צווישן יידן, ווי געזאָגט, געווירקט נאָך אַנדערע שיטות. ווי־זשע זעען אויס צום סוף פֿון 50 יאָר אַנגעשטרענגטע קאַמפֿן די סך־הכּלען פֿונם געפֿעכט פֿון די פֿאַרשידענע שיטות אויף דער יידי־שער גאַס?

לאָמיר פּרוּוון מאַכן אַזאַ איבערבליק.

אויבנאויף זעען די סך־הכּלען היינט אויס: גוט פֿאַר דער אָרטאָ־דאָקסיע, גוט פֿאַר אַסימילאַציע, גלענצנדיק פֿאַרן ציוניזם, און — נישט גוט פֿאַרן „בונד".

די יידישע גאַס איז היינט פֿול מיט צורופֿן: צוריק צו דער אַלטער יידישער טראַדיציע. דאָס איז אַ דערשיינונג אַ גוט פֿאַרשטענדלעכע. נאָך יעדער גרויסער פֿאָלקס־קאַטאַסטראָפֿע אין יידישן לעבן אין לויף פֿון דער לאַנגער געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק זיינען אַלעמאָל געקומען: פֿון איין זייט בונט קעגן די אומזיניקע ליידן, פֿון דער אַנדערער זייט, אַ שטרעבונג צו געפֿינען טרייסט און פֿאַרגעסנקייט אין מיסטיק און איראַציאָנאַליזם. שבתי־צבֿי, פֿראַנק און די באַוועגונגען, וועלכע זיי האָבן געשאַפֿן, אָדער פֿאַרטיפֿונג אין קבלה זיינען געווען פּראָדוקטן פֿון מאַסן־איבערלעבונגען, — פֿאַרשידנאַרטיקע פֿאַרמען פֿון בונט אָדער פֿון זוכן פֿאַרגעסנקייט אין בילדער פֿון אַ נישט־עקזיסטירנדיקער וועלט. קיינער פֿון אונז איז נאָך היינט נישט פֿעאיק צו באַטראַכטן אונזער היינטיקע עפּאָכע פֿון אַ פּערספּעקטיוו פֿון דורות. אָבער מיר קאָנען באַגרייפֿן, אַז די איבערלעבונגען פֿון אונזער צייט האָבן געמאַכט רייף דעם באָדן פֿאַר די פֿאַרשידנאַרטיקסטע פֿאַרמען פֿון איראַציאָנאַ־ליסטישע זוכענישן. מיר זיינען עדות פֿון דעם, ווי עס שטאַרקט זיך צווישן יידן אין גאָר דער וועלט דער רוף „צוריק אין שול!", צו תּשובֿה, ווי עס וואַקסט אַ שטרעבונג צו קריטיקלאָזער אַפּאָלאָגעטיק פֿון אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום יידישן עבֿר, צו יידישע מנהגים, צו אַלטער יידישקייט. אָט די צורופֿן זיינען היינט אין קיין שום לאַנד נישט בכּוח צו שאַפֿן אַ מאַסן־באַוועגונג. די וואָרטזאָגער און טרעגער

פון אָט די שטימונגען אין דער עפנטלעכקייט זיינען אָפּט מענטשן, וועלכע זיינען זייער ווייט פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע, אָבער זיי זיינען פאָרט די אויסדריקער פון אַ שטימונג, וועלכע איז זייער גיבסטיק פאַר דער אָרגאַניזירטער יידישער אָרטאָדאָקסיע און פאַר אירע שטרעבונגען אַרויפצולייגן אַ גרעסערן שטעמפּל אויפן יידישן לעבן. אין אַמעריקע, למשל, מאַטעריאַליזירט זיך דער לאָזונג „צוריק צו יידישקייט!” אין אַ וואוקס פון דער צאָל ישיבות, אין פאַרגרעסערטע אויסגאַבן אויף רעליגיעזע אינסטיטוציעס א.ד.גל..

מיטן אונטערגיין פון די פאַרביקסטע יידישע ישובים, ווי וואַרשע, ווילנע, ביאַליסטאָק, וואו וועלטלעכקייט האָט געלייגט אַזאַ בולטן שטעמפּל אויף אַלע פאָרמען פון יידישן לעבן, האָט די יידישע וועלטלעכע קולטור געליטן אַ שווערן קלאַפּ, און עס ווערט אַלץ גרעסער זינט דאַן די שטרעבונג צו אידענטיפיצירן יידישקייט מיט רעליגיעזן גלויבן. ווען מען פאַרצייכנט אָט די אַלע פאַקטן, מוז מען זיך אָפּגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון וועגן זייער באַדייטונג. עס זיינען געוואַקסן די „יידישקייט”־שטימונגען, אָבער דאָס איז בשום אופן נישט קיין זיג פון דער אָרטאָדאָקסישער קאָנצעפּציע. ריכטיקער וועט זיין אויב מען וועט זאָגן, אַז דאָס איז איינע פון די פאָרמען, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ דער זיג פון היטלערן איבערן יידישן פאָלק. עס איז אין דער קאַטאַסטראָפע פאַרניכטעט געוואָרן דער געזינטסטער און קולטור־שעפערישסטער טייל פון פאָלק. דער אומגליק האָט זיך אויסגעווירקט סיי פּסיכאָלאָגיש אין דער ריכטונג פון רעוויזיע־זוכענישן, סיי אין דעם פּרט, וואָס דאָס יידישע לעבן איז אין זין פון קולטור־רייכקייט און שעפערישקייט צוריקגעשליידערט געוואָרן אויף דורות צוריק.

אויך די אַסימילאַציע צווישן יידן האָט נאָך דער קריגס־קאַטאַסטראָפע געקראָגן אַ בעסערן שאַנס. צייטונגען האָבן אין די לעצטע יאָרן נישט איין מאָל באַריכטעט וועגן שמד־עפּידעמיעס צווישן יידן אין פאַרשידענע לענדער. אויב די באַריכטן זיינען אפילו געווען איבערטריבן, פאַרמאָגן זיי בלי־ספק קערנער פון אמת. און מען קאָן בשום אופן נישט קוקן אויף דעם ווי אויף אַ רעליגיעזער דערשיינונג. די „קריסטלעכע” אידייע וועגן מענטשן־ליבע האָט גאָרנישט אַזוי שטאַרק טריאומפירט אין די לעצטע יאָרן, אַז די קריסטלעכע אמונה זאָל קריגן נייע צוציאונגס־קראַפט, און אויב די קריסטלעכע אידייע וועגן פאַרגעבונג פון אַלע זינד האָט יאָ אָפּגעהאַלטן נצחונות, איז דאָס קודם־כל אין דער אָנווענדונג צו נאַציזם און יידן־מאָרד, — ווידער אַמאָל אַ ווייט נישט־צוציענדיקע דערשיינונג פאַר די קרבנות פון די מאָרדן. גיכער געפינט אַ פּלאַץ אַ וואַקסנדיקע שטרעבונג אַראָפּצווואַרפן פון זיך

אַ שווערע לאַסט, וועלכע האָט גורם געווען אַזוי פיל אוממענטשלעכע יסורים. פּאַראַלעל מיט דעם זיינען באַדייטנדיק אונטערגעזעגט געוואָרן די וואָרצלען פונם יידיש־בוים. אין איראָפּע האָבן הונדערטער טויזנ־טער לעבן־געבליבענע דורך יאָרן געמוזט פאַרשטיקן דעם לשון פון זייער מויל. אַרויסברענגען אַ יידיש וואָרט האָט באַדייט נעמען אויף זיך אַ טויט־אורטייל. קליינע קינדער האָט מען געלערנט פאַרגעסן יידיש. דער ייִנגסטער דור איז געוואַקסן אין באַדינגונגען פון נישט וויסן אָדער נישט אָנערקענען זיך צו יידן. דאָס זיינען אוממשטענדן, ביי וועלכע אין יידיש־לאַנד האָבן זיך אַריינגעריסן כוואַליעס פון אַסי־מילאַציע. אָבער ווידער אַמאָל איז גאָר נישט נויטיק צו דערווייזן, אַז דאָס איז אַ זיג נישט פון אַ באַשטימטער אידייאישער קאָנצעפּציע, נאָר אַן אויסדרוק פון היטלערס טריאומף.

דער ציוניזם פייערט היינט נצחונות. די ציוניסטישע אידייע האָט כלומרשט געזיגט אויף אַלע פראָנטן. דער יידישער ישוב אין פּאַלעסטינע איז אויסגעוואַקסן ביז העכער 600 טויזנט נפשות. יידן פון די לאַגערן רייסן זיך קיין פּאַלעסטינע. פיל יידן פון די מזרח־איראָפּעאישע לענדער זיינען גרייט צו פאָרן קיין פּאַלעסטינע. אַ יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע איז אַרויס פון גדר פון ציוניסטישע פאַנטאַזיעס און איז געוואָרן אַ פּראָבלעם פון די פּאַראייניקטע פעל־קער. אַ רייע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט פון בירגערלעכן אָדער אַרבעטער־לאַגער, וועלכע זיינען געווען נייטראַל אָדער אפילו קעגנעריש צום ציוניזם, שטיצן היינט דעם געדאַנק פון אַ יידישער מלוכה, — צי קאָן זיין מער גרונט פאַר זיגערישן יובל? אָבער אויך דער בעכער פון ציוניסטישן יובל פאַרמאָגט פונדעסטוועגן אַ היפּשע פּאַרציע גאַל. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס עס האַנדלט זיך וועגן אַ קליינטשקער מלוכהלע מיט אַ גרויסער אַראַבישער מינדערהייט, וואו אונטערשידן אין נאַטירלעכן צוואַוואוקס צווישן יידן און אַראַבער קאָנען אין קורצן צייט־פּעריאָד פאַרוואַנדלען די אַראַבישע מינדערהייט אין אַ מערהייט און די יידישע מלוכה — אין אַן אַראַבישער; שוין אָפּ־גערעדט דערפון, וואָס די מלוכהלע וואָלט אפילו לויט די השערות פון דער יו־ען־קאָמיסיע, געווען כסדר אָנגעוויזן אויף אַ צופלוס פון מיטלען פון יידן אין אַנדערע לענדער, און דאָס וואָלט במילא איבערגעלאָזט אַ האַלב־מיליאָניקן יידישן ישוב אַלס אייביק קעסטקינד פון יידישן פאָלק אין „גלות", שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס די מלוכהלע וואָלט זיך געפונען אין אַן אַרומרינגלונג פון שנאה, און יעדע גרעסערע אויפטרייסלונג וואָלט פאַרוואַנדלט גראָד פּאַלעסטינע אין איינעם פון די געפערלעכסטע פאַר יידן פונקטן אין דער וועלט, אָפּגערעדט פון

דעם אַלעמען, — איז לייכט צו דערוויזן, אַז דער גאַנצער טריאומף פון ציוניזם איז אַ רעזולטאַט פון היטלערס זיג. דער יידישער ישוב אין פּאַלעסטינע איז אין די אויגן פון פיל יידן געוואָרן באַדייטנדיק גרעסער, צווישן אַנדערן, אויך צוליב דעם, ווייל דאָס אייראָפּעאישע יידנטום איז געוואָרן קלענער מיט 6 מיליאָן. דער גליקלעכער קריגס־צופאַל, וואָס די גאַנצע נאַצישע קריגס־מאַשין האָט זיך נישט איבערגעקייקלט איבער על־אַלאַמעין, האָט געהאָלפן די ציוניסטן שפּרייטן די אילוזיע, אַז נאָר אין פּאַלעסטינע זיינען די יידן זיכער מיט זייער לעבן. די פאַרצווייפלונג נאָך די שחיטות האָט געהאָלפן צו שאַפן צווישן פיל פון די ניצול־געוואָרענע דעם דראַנג צו לויפן וואוהין די אויגן וועלן טראָגן, און אין פאַריתומטע הערצער האָט די אַגיטאַציע וועגן „אייגן לאַנד" לייכט געשלאָגן וואָרצלען. אין דעם אַלעמען ליגט די הויפּט־סיבה, וואָס דער ציוניזם קאָן נישט געניסן פון פולן בעכער פון „זיג". אַ טריאומף־טאַנץ וואָלט געווען אַ מאַקאַברישער טאַנץ איבער קברים. פאַקטיש האָט דאָ געזיגט נישט דער ציוניזם, געזיגט האָט היטלער, און פון אָט דעם זיג געניסט די ציוניסטישע באַוועגונג.

אין שיין פון אָט די באַטראַכטונגען קען מען קלאָרער זען די סך־הכלען פון דעם 50־יאָריקן שטרייט אויף דער יידישער גאַס. ווי עס זאָל אויבנאויפיק נישט אויסזען דער באַלאַנס פון אָט דעם שטרייט, איז קלאָר, אַז דאָס לעבן האָט דעם שטרייט נאָך נישט פאַרענטפערט. די טראַגעדיע אין לעבן פון אונזער פאָלק האָט געשאַפן מער גינסטיקע אומשטענדן לטובת דער אָרטאָדאָקסיע, אַסימילאַציע און ציוניזם, קודם־כל — לטובת דעם ציוניזם. אָבער צי זיינען אָט די ענדערונגען באַלערנדיק אין זין פון אָפּשפּיגלען די לעבנס־קראַפט פון דער אָדער יענער שיטה? — בשום אופן נישט! זיי זיינען אַ רעזולטאַט פון אַ געשיכטלעכער קאַטאַסטראָפע, וועלכע קיינער האָט נישט פאָרויסגעזען און קיינער אין דער וועלט האָט זי נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך. עס איז געווען אַ ווולקאַן־אויסברוך פון בעסטיאַלישקייט און באַרבאַריי. ער האָט אויסגעבראָכן אין פוילן. ער האָט פאַרניכטעט דעם גרעסטן טייל יידן פון אייראָפּע. אַ מינדסטע אַנדערע ווענדונג אין קריג, — אויב די נאַציס וואָלטן פון צפון־אַפריקע דערגרייכט אויך קליין־אַזיע און צייטווייליק באַהערשט אויך די אַזיאַטישע ברעגעס פון מיטללענדישן ים, וואָלט דער ווולקאַן נישט מיט אַ ווייניקער סטיכישער קראַפט אויסגעגאָסן זיך אויך אויף די קעפּ פון די פּאַלעסטינער יידן; אָנשטאָט 6 מיליאָן יידישע קרבנות, וואָלט געווען 6 און אַ האַלב, אָבער פון דעם יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע וואָלט קיין שריד ופליט נישט געבליבן. אויך דאַן וואָלט דאָס גאָרנישט דערוויזן לגבי די שטרייטיקייטן אויף דער יידישער גאַס.

די גרויסע יידישע קאַטאַסטראָפע האָט אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציעס פון „בונד". אין פוילן, אין לאַנד פון גרעסטער יידישער שעפעריש־קייט זיינען נישטאָ די מיליאָנען יידן, די הונדערטער טויזנטער אַר־בעטער, בעלי־מלאכות און פאָלקס־מענטשן, וואָס פון שוואַרץ־ערד פון זייער לעבן און זייערע שטרעבונגען האָט דער „בונד" געצויגן זאַפטן פאַר וואוקס און אַנטוויקלונג. דאָס איז די טראַגעדיע ניט נאָר פון „בונד", נאָר פון גאַנצן יידישן פאָלק. מען קאָן אָבער נישט רעדן וועגן „זיגער" און „באַזיגטע" אויף דער יידישער גאַס. פון קריג זיינען אַלע טיילן פון יידישן פאָלק אַרויס אַלס באַזיגטע.

נאָך 50 יאָר קאַמף פאַרבלייבט נישט אַנטשידן דער געראַנגל פון אידייען אויף דער יידישער גאַס, און דער הויפּט־אידייאישער אינהאַלט פון געראַנגל פאַרבלייבט, פונקט ווי פריער, אַ שיידוואַנט צווישן „בונד" און אַלע אַנדערע ריכטונגען.

די אידייע פון „בונד" איז טיפער גלויבן אין מענטשן. אַלע קעגנערישע ריכטונגען פון „בונד" זיינען געשטיצט אויף מאַנגל פון אַזאַ גלויבן. דער פרומער ייד דערוואַרט הילף מן־השמים, דער אַסימילאַטאָר מיינט, אַז מען קאָן איבערלויפן אין לאַגער פון די שטאַרקע, דער ציוניסט מיינט, אַז מען קאָן פונם בייז אַנטלויפן. די אידייע פון גלויבן אין מענטשן איז היינט נישט פּאָפּולער. מיר האָבן זי אַלע, בפרט אין די לעצטע יאָרן, געזען טיף דערנידעריקט, צעטראָטן און באַשפּיגן. אָבער אויב דער מענטש איז פון נאַטור אַ חיה, וועט קיין שום אַנטלויפן נישט העלפן. אויב עס איז נישטאָ קיין תיקון פאַרן מענטשן, איז נישטאָ קיין תיקון פאַר יידן. די חיה וועט דעם אַנטלויפנדיקן נאָכיאָגן און אים טרעפן אומעטום. אויב עס פאַרשווינדט דער גלויבן, פאַרשווינדט אויך יעדע האָפענונג. דער זיג פון ציוניסטישע אידייען איז אַ זיג פון אומגלויבן אין מענטשן, דאָס איז אַ פולער זיג פון האָפענונגסלאָזיקייט.

דער „בונד" האָט אַלע מאָל געשטעלט זיין קאָרט אויף סאָציאַליזם, וואָס באַדייט אַ בעסערע צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, — פאַר אַלע פעלקער פון וועלכע זי באַשטייט. וועט דער סאָציאַליסטישער חלום ווערן וואָר, איז נישטאָ פון וועמען צו אַנטלויפן; וועט דער חלום צערונען ווערן, ווי פיל אַנדערע בעסערע מענטשלעכע חלומות, איז נישטאָ וואוהין צו אַנטלויפן. דער מיראַזש פון אַ מלוכהלע צווישן שונאים איז נישט קיין קמיע קעגן אַנטיסעמיטיזם און אויסראָטונג.

דער „בונד" האָט אַלע מאָל געגלויבט, אַז דער דערפאָלג פון אַר־

בעטער־רעגירונגען און פון בריטסטער דעמאָקראַטיע, וועלכע פאַר־
ווירקלעכט די מאַכט פון אַרבעט, איז דאָס בעסטע שוץ־מיטל קעגן
מערדערישן אַנטיסעמיטיזם און קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג אין
אַלע אירע פאָרמען. קעגנער פון „בונד" זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער
הנחה, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אייביק. היינט זיינען די לענדער פון
גרויסן אַרבעטער־איינפלוס דווקא יענע לענדער, וואו יידן פילן זיך
צום מערסטן זיכער, און גלייכצייטיק פאַרוואָרצלט זיך דער אַנטיסע־
מיטיזם אַלץ טיפער גראָד אין לאַנד, וואוהין די ציוניסטן רופן די יידן
אַנטלויפן, — אויפן באָדן פון דער פלאַנירטער יידישער מלוכה.

דער „בונד" האָט שטענדיק געקעמפט פאַר המשך, פאַר שעפעריש
נאַציאָנאַל־לעבן, פאַר דאָאיקייט, פאַר דעם רעכט צו פאַרבלייבן איינ־
געוואָרצלט אויפן באָדן, וואו די יידישע מאַסן לעבן און קעמפן. אָט
די אידייע האָט מצד דעם היטלעריזם געקראָגן די שמערצלעכסטע
קלעפּ. רעשטלעך פון יידישע מאַסן וואַלגערן זיך אין לאַגערן, בלאָנ־
קען אַרום נע־ונד איבער וועגן, אָדער טראָגן זיך ווי שפּענדלעך איבער
צעשוימטע כוואַליעס פון דער שטורעמדיקער נאָך־מלחמה־וועלט. אָבער
עס ווערט מיט יעדן טאָג קלאָרער, אַז דער וועג צו פאַרהיילן די וואונדן
פירט נישט דורך פאַרמערן די צאָל הילפלאָזע וואַנדערער, נישט דורך
ווייטערדיקער אויסוואָרצלונג, נאָר דורך בויען און ווידעראויפבויען.
די אויפבוי־אַרבעט אין פוילן; די אַנטוויקלונג פון די ישובים אין
פראַנקרייך און בעלגיע, איז היינט צו טאָג אַ ריזיקע דערגרייכונג
נישט בלויז פאַר די רעשטלעך יידן אין אָט די לענדער, זי קאָן מיט
רעכט באַטראַכט ווערן ווי אַ טעטיקייט פון גרעסטן היסטאָרישן באַ־
דייט פאַרן יידישן קיום אין ברייטסטן זין פון וואָרט. די אָנשטרענ־
גונגען ווידער אויפצובויען און צו באַפעסטיקן דאָס יידישע לעבן אין
אייראָפּע באַרויבן היטלערס יורשים פון די פרוכטן פון זייער נצחון
איבער די יידן. דער „בונד" האָט תמיד געפלאַנצט אין די יידישע
מאַסן אַ דראַנג צו אַ שעפעריש נאַציאָנאַל לעבן, און יעדע מינדסטע
פּאָזיציע, — אַן אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוו, אַ קינדער־היים, אַ שול,
אַ ביבליאָטעק, — וואָס ווערט אויפגעבויט און פאַרפעסטיקט אין די
לענדער, וועלכע האָבן לויט היטלערן, שוין געזאָלט זיין „יידן־ריין",
זיינען אַן אויסדרוק פון דעם, אַז אָט דער דראַנג לעבט, אַז אין די טי־
פענישן פון יידישן לעבן אין פוילן און אין אַנדערע לענדער ריזלען
נאָך קוועלכעלעך, וועלכע דאַרפן און וועלן זיך צונויפגיסן אין באַ־
פרוכפּערנדיקע שטראָמען פון נאַציאָנאַלער שעפערישקייט און המשך.

העכער פופציק יאָר, ווי עס פירט זיך אַן אידייען־געפעכט אויף
דער יידישער גאַס: פון איין זייט שיטות, וואָס קוואַלן אַרויס פון אומ־

גלויבן און יאוש; פון דער צווייטער זייט, — דער „בונד", וואָס בלייבט גלויביק און ווענדט זיינע בליקן צו די האָריזאָנטן פון אַ נייער באַפרייטער וועלט. יאוש און פאַרצווייפלונג ווערן היינט דערנערט דורך דער ביטערסטער טראַגעדיע אין לעבן פון דער מענטשהייט: דורך ניט געזעענער אין דער געשיכטע פּיין און מאָרד־פּראַקטיק פון היטלערס צייטן. אָבער אויב די מענטשהייט האָט בכלל אַ צוקונפט, איז דאָס יענע צוקונפט, וואָס שטיצט זיך אויף גלויבן אין סאָציאַליזם און נאַציאָנאַלער גלייכהייט; דאָס איז די צוקונפט, אַ בילד פון וועלכער עס האָט מיט 50 יאָר צוריק געבראַכט צו די פאַרחושכטע יידישע מאַסן דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־„בונד".

(„אונזער צייט", נאָוועמבער־דעצעמבער 1947)

צו דער זעקסטער יאָרצייט

מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז געוואָרן זעקס יאָר זינט די סאָוויע־טישע יוסטיץ האָט אומגעבראַכט די אומפּאַרגעסלעכע הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

דורך די זעקס יאָר זיינען די יידישע מאַסן געשטאַנען אונטער אַ האָגל פון שמערצלעכסטע קלעפּ און זיך געבאָדן אין ימים פון צער. מען האָט געציילט טויטע אין מיליאָנען. עס איז פאַרניכטעט גע־וואָרן דער שעפעריש־סטער טייל פון פאָלק, עס איז פאַרשניטן געוואָרן די קעמפערישסטע יוגנט זיינע, די גופים פון אַלט און יונג, פרויען און קינדער זיינען געבערנט געוואָרן אין קאַלך־אויוונס, עס האָט גע־בושעוועט די בעסטיאַלישסטע באַרבאַריי. אָבער נישט די ימען פון צער, נישט דער מבול פון באַרבאַריי קאָנען אַרויסוואַשן פון זכרון און הערצער פון די לעבן־פאַרבליבענע יידישע אַרבעטער און מאַסן־מענטשן דעם אָנדענק פון די צוויי גרויסע אַרבעטער־פירער, וועלכע זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אַזוי גרויזאַם־אומזיניק אַזוי טראַגיש־פאַררע־טעריש.

מען קאָן נישט און מען טאָר נישט פאַרגעסן נישט דאָס לעבן פון ערליך און אַלטער, נישט זייער טויט. צוויי פון די נאָבלסטע געשטאַלטן וואָס דאָס גייסטרייכע און שעפערישע לעבן פון לעצטן האַלבן יאָרהונדערט צווישן יידן האָט אַרויסגעגעבן, יעדער פון זיי אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער רייך באַגאַבט און הויך טאַלענטירט — זיינען זיי ביידע געשטאַנען אין שפּיץ פון דער בונדישער באַוועגונג — פריער, אין צייט פון אירע שווערסטע נסיונות, שפּעטער — אין די יאָרן פון איר שענסטער בלי־צייט. זיי האָבן פאַרקערפּערט דעם שטאָלצן קאַמפּס־ווילן פון די דערוואַכטע יידישע מאַסן, זייער פרייִדיקן דראַנג צו נייע גייסטיקע הויכן, זייער פלאַמיקן דורשט צו פרייהייט, זייער שנאה צו דער אַלטער וועלט פון עוולות, אומיושר און שקלאַפעריי. זיי האָבן געהערט אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע צו די מוטיקע טרע־גער פון די אידייען פון קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף פאַר סאָציאַליזם, זיי האָבן געהערט צו די פלאַמיקסטע פרעדיקער פון דער נויטיקייט צו־

נויפּצושליסן אַלע אַרבעטער־כוחות אין קאַמף קעגן רעאַקציע, אַנטיסע־מיטיזם און פאַשיזם, אין קאַמף קעגן דער דראָונג פון בלוטיקסטן קריג און קנעכטשאַפט, וועלכע עס האָבן מיט זיך געטראָגן די טרי־אומפן פון מוסאָלינין און היטלער. דאָס גאַנצע לעבן פון ערליך און אַלטער איז געווען אַ לעבן פון זעלבסטאָפּפערונג פאַר זייערע אידעאַלן, פון דינען דער קעמפנדיקער יידישער מאַסע. און די יידישע מאַסע האָט שטאָלצירט מיט אירע פירער, אַרומגערינגלט זיי מיט דער פאַרדינ־טער וואַרעמקייט און ליבע. נאָך ביי זייער לעבן זיינען די באַצוי־בערנדיקע קרישטאָל־ריינע געשטאַלטן פון ערליך און אַלטער געווען פאַר צענדליקער טויזנטער פון יידישע אַרבעטער, אַרבעטער־יוגנט און קינדער אַ מוסטער פון מענטשן, אין וועמענס וועגן עס איז כדאַי צו גיין, וועמענס ביישפּיל עס איז ווערט נאָכצוטאָן.

מען קאָן נישט פאַרגעסן דאָס לעבן פון ערליך און אַלטער, און מען קאָן נישט און מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן זייער טויט. זיי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן נישט פון די הענט פון די נאַציס, וועלכע האָבן דערקלערט אַן אויסראָטונגס־קאַמף אַלע כוחות פון סאָציאַליזם, פאָר־שריט און פרייהייט און אַ פאַרניכטונגס־קריג דעם יידישן פאָלק. זיי, די אומדערמידלעכע קעמפער קעגן נאַציזם, פאַר סאָציאַליזם, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אינם לאַנד וואָס איז געשטאַנען אינם טויט־געראַנגל מיט די נאַצישע אָנפאַלער, זיי זיינען געטויט געוואָרן דורך אַ רעזשים וואָס איז געקומען אויף דער וועלט אונטערן צייכן פון וועלן פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, זיי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן פחדנות־דיק־פאַררעטעריש אָן אַן עפנטלעכן געריכט אונטערן אויסרייד פון אומזיניק־געמיינסטע בילבולים. אינם לאַנד, וואו די לכתחילה פּראָקלאַ־מירטע טעראָר־הערשאַפט קעגן קלאַסן־שונאים, אַלס אַן איבערגאַנגס־מיטל פון בירגער־קריג, איז שוין לאַנג פאַרקריפּלט געוואָרן אין אַ דויערנדיקער טעראָר־הערשאַפט קעגן דער גאַנצער באַפעלקערונג — דעם אַרבעטער־קלאַס בתוכם — אין לאַנד פון ביטערסטער אומטאָלע־ראַנץ לגבי יעדן אַנדערשדענקענדיקן, פון אוניפאָרמירטער פרעסע, אוני־פאָרמירטן וואָרט און אוניפאָרמירטן געדאַנק, — אין לאַנד פון די טראַ־גיש־באַרימטע מכשפות־פּראָצעסן קעגן די ווידערשפּעניקע אין זייער אייגענעם קאָמוניסטישן לאַגער, — דאָרטן האָט מען נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אויף זייער ערד עקזיסטירן שטאָלצע אומאָפּהענגיקע פּערזענלעכקייטן, ווי ערליך און אַלטער. און אין דער צייט פון ביטערסטן קאַמף קעגן נאַציזם, האָט מען אומגעבראַכט אַכזריותדיק־קאַלטבלוטיק אָט די צוויי פון די מוטיקסטע אַנטי־נאַציס אין דער וועלט, די צוויי באַליבטסטע אין יידיש־פּוילישן אונטערערד, וואָס האָט אַזוי העלדיש געקעמפט און אַזוי טראַגיש געבלוטיקט. דאָס

איז אַן אַקט וואָס קאָן נישט פאַרגעסן ווערן און וואָס באַדעקט מיט איביקער שאַנד זיינע אויספירער.

עס איז נישט באַוואוסט, וואו עס געפינען זיך די קברים פון די צוויי אומפאַרגעסלעכע יידישע אַרבעטער־פירער. אָבער ביי אַלע קוואַלן וואָס שלאָגן פאַר אונז מיט אַ גלויבן אין מאָרגן, וועלן מיר געפינען דערפרישנדיקן טוי פון זייער גייסט, אין אַלע פייערן, וואָס ווינקען פון דער וויטן פון צוקונפט־לאַנד פון פרייהייט, מענטשלעכקייט און סאָציאַלן יושר, וועלן מיר געפינען פונקען פון זייער גלויבן, שטאָלץ און איבערגעגעבנקייט.

(„אונזער צייט", יאַנואַר־פעברואַר 1948)

דער נייער אידעאַל

יעדער קריג פאַרשיכורט און באַרוישט. דאָס איז ריכטיק אפילו בנוגע די טראַגישע געשעענישן, וועלכע שפּילן זיך היינט אָפּ אויפן באָדן פון פּאַלעסטינע. ווייניק טרעפט מען אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע אויסדרוקן פון פאַרשטענדעניש פאַר דעם גורלדיקן אינהאַלט פון דער בלוט־פאַרגיסונג. דאַקעגן זיינען די צייטונגען באַרוישט מיט קריגס־שיכרות. ווי אַ מוסטער קאָן דינען אַ פעליעטאָן אין „מאָרגן־זשורנאַל", מאַי 21, פון אַ שריפטשטעלער מיט אַ גאַנץ לעבעדיקער פעדער און געוויינלעך מיט עטוואָס אַ סקעפּטישער נייגונג. וואָס שרייבט אונטערן נאָמען לעבעדיקער. היינט איז ער האָפערדיק. ער טראָגט זיך אַוועק אויף די פליגלען פון פאַנטאַזיע צו אַ ניי יידיש לעבן. ווי־זשע וועט אויסזען דאָס באַנייטע יידישע לעבן, וואָס דאַרף אויפשפּראָצן פון דער טראַגישער בלוט־פאַרגיסונג?

די פאַנטאַזיע פונם שרייבער זעט נייע יידן, וואו דאָקטאָר־טיטולן וועלן ניט שפּילן קיין ראָליע און פידל און פּיאַנאָ וועלן מער ניט לאָקן.

„בעיקר — זאָגט דער שרייבער — מוזן מיר אויף אַ צייט לאַנג ווערן אַ מיליטאַריסטיש פאָלק". דער שרייבער זעט פאָרויס:

„איצט קומט דער איש־מלחמה, דער הגבהיסט, דער וואונדער־לעכער פליער און וואונדער־קאָמאַנדיר. בכלל, דער העלדישער סאָל־דאַט מיט די מעדאַלן און דער יידישער יונגערמאַן אין אַ מונדיר פון ישראל".

און ווייטער:

„עס איז צו דערוואַרטן, אַז עס וועט ניט נעמען צו לאַנג און מיר וועלן ווערן די גרעסטע, פאַר אַ קליין פאָלק, טיטולירטע אַרמיי־קאַסטע און מיליטערישע אַריסטאָקראַטיע.

אָנשטאָט גרויסן זיך מיט יאַשאַ און מישאַ, וועלן מיר זיך רימען מיט אַ נייעם מנחם בייגין".

מען קאָן לאָזן אָן אַ זייט דעם „באַפליגלטן אידעאַל" פון אַ „מילי־טערישער קאַסטע" ביי יידן, אַלנפאַלס איז דאָס אָן אידעאַל פאַר יידן אַ נייער, און די יידישע נביאים, אין וועמענס זכות די ציוניסטן פאַרלאַנ־

געז דאָס לאַנד פון די אורעלטערן, האָבן גראָד פון אָט דעם אידעאַל ניט שטאַרק געהאַלטן.

אָבער אין פולער האַרמאָניע מיט אָט דעם צוגאַנג איז געוויס דאָס אַרויסקוקן אויף „אַ נייעם מנחם בייגין" אַלס שטאַלץ פון פאָלק. מנחם בייגין דאָס איז דער פירער פון אירגון, — פון יענער גרופּע, וואָס די גרעסטע מערהייט פון יידישן פאָלק האָט באַצייכנט אַלס אַן אומ־פאַראַנטוואָרטלעכע, און גוטע ציוניסטן האָבן געשטעמפּלט אירע טאַטן אַלס „נבלות".

מען קאָן קוים מיט דעם שרייבער מסכים זיין, צי וועלן יידן, אפילו ווערנדיק אַ מיליטערישע קאַסטע מיט אַ פאַרערונג פון פויסט, אָנמערקן אַלס זייערע נאַציאָנאַלע העלדן די מנחם בייגינס, די העלדן פון דער שחיטה איבער שוצלאָזע פרויען און קינדער אין דיר־יאַסין? אפשר יאָ, אפשר ניט. אָבער דאָס בילד גופא איז ממש רירנדיק און דערקוויקט דאָס האַרץ: יידן וועלן זיך גרויסן מיט מיליטערישע מע־דאַלן, און וועלן קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף די אָרעמע גויים, נעבעך, וואָס וועלן פאַר זיי שפּילן פידל און זיך באַדערן מיט חקירות וועגן וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע אָדער קונסט. מיט איין וואָרט, אַ שפּאָגל נייער אידעאַל פון „והיה באחרית הימים"...

(„אונזער צייט", יוני 1948)

סאָציאַליזם אויפן שיידוועג

ווי זעען היינט־צו־טאָג אויס די שאַנסן פון סאָציאַליזם אין דער וועלט? אין דער צייט פון קריג איז דאָך אַזוי אָפט און מיט אַזוי פיל גלויבן געברויכט געוואָרן די פראַזע, אַז „פון די פלאַמען פון קריג וועט אויפשטיין אַ נייע סאָציאַליסטישע וועלט". דער אידעאַל פון סאָציאַליזם האָט געלויכטן דורך די בלוטיקע נעפלען פון קריג פאַר די געמאַר־דעטע און געפייניקטע אין היטלערס פיין־פאַבריקן, פאַר די צעשפרייטע איבער אַלע וואַנדער־וועגן, פאַר קעמפער אויף די שלאַכט־פעלדער און פאַר פעלקער־מאַסן, וואָס האָבן געשמאַכט אונטערן שטיוול פון אָקופאַנט.

עס וועט מסתמא זיין נישט צו פעסימיסטיש, אויב מיר וועלן אין שייכות מיט אָט דער פראַגע זאָגן, אַז די קאָנטורן פון דער נייער וועלט זעען זיך נאָך אַלץ נישט אַרויס פון אונטער די חורבות און אַש וואָס זיינען פאַרבליבן פון די פלאַמען פון קריג.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן אונטער די חורבות און אַש גע־טליעט האָפענונגען.

מען האָט געהאָפט אויף שלום. די טעהעראַנער, יאַלטער און פאָטסדאַמער אָפמאַכן — ווי ווייט זיי זיינען נישט געווען פון פולקאָ־מענהייט — האָבן פונדעסטוועגן געקרעפטיקט די האָפענונג, אַז די קעגנזעצלעכע כוחות פון מערב און מזרח, וועלכע האָבן געפונען אַ וועג אויף צוזאַמענצושליסן די קרעפטן אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען טויט־שונא, וועלן אויך געפינען אַ וועג פון צוזאַמענאַרבעטן ביים ווידער־אויפבוי פון דער חרובער וועלט. די געבורט פון די „פאַראייניקטע פעלקער" איז הגם אָנגעקומען זייער שווער, אָבער מען האָט פאָרט געהאָפט, אַז עס קומט צום לעבן אַן אָרגאַניזאַציע וואָס וועט באַזיצן מוט, ווילן און כוח איינצוהאַלטן דעם שלום. היינט איז די וועלט שאַרף צעטיילט אין צוויי לאַגערן. מען פאַכעט אָפן מיטן שווערד, מיטן אַטאָם און מיט אַלערליי געזעענע און נישט־געזעענע געצייג פון פאַרניכטונג פאַרן מענטשלעכן מין; די יונייטעד ניישאָנס גייט אין די דרכים פון דער טרויעריק־באַרימטער פעלקער־ליגע, וואָס איז פאַרכליניעט געוואָרן אין אַ מבול פון שיינע רייד און וואו יעדער

לאַפּיטוט האָט געקאָנט וויזן אַ... צונג, ווי דאָס האָט אַמאָל אויף אַ זיצונג טאַקע בוכשטעבלעך געטאָן דער דאַנציקער נאַצי גרייזער. פון די וואַרימסטע האָפענונגען אויף אַ שלום האָט זיך היינט אויסגע־לאָזט אַ טייך.

אין די סאָציאַליסטישע רייען האָט געלעבט די האָפענונג, אַז לפּחות אייראָפּע גייט אַרויף אויפן וועג פון סאָציאַליסטישן איבערבוי. נישט בלויז אין ענגלאַנד האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק די אַרבעטער־באַוועגונג געפייערט די האָניק־חדשים פון שטורמישן באַרג־אַרויף. אין די צוויי אַנדערע גרעסטע מלוכות פון מערב־אייראָפּע, אין פראַנקרייך און איטאַליע, האָבן די אַרבעטער־פּאַרטייען געפּירט נאָך זיך גרויסע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. וויכטיקע בירגערלעכע מלוכה־מענער אין דיביידע לענדער האָבן געהאַלטן פאַר נוצלעך צו מאַכן חנדלעך דעם סאָציאַליזם. היינט איז דער גלאַנץ פון דער לייבאָר־פּאַרטיי באַ־דייטנדיק פאַרבלאַסט געוואָרן, און אין שפּיץ פון די רעגירונגען אין פראַנקרייך און איטאַליע שטייען פאַרשטייער פון די בירגערלעכע פּאַר־טייען. דאָס ווערט באַגלייט מיט אַ קער אויף רעכטס אין דער גאַנצער וועלט, ווי דאָס איז אין דער לעצטער צייט געקומען צום אויסדרוק אינעם זיג פון דער נאַציאָנאַליסטישער רעאַקציע אין דרום־אַפריקע.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט דער רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטי־שער פליגל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג געהאַט אַ גרונט צו זיין האָ־פערדיק. עס האָט זיך געדוכט, אַז די פּיל־צוזאָגנדיקע טאַקטיק פון לאַיאַלן איינהייטלעכן אַרבעטער־פראָנט קריגט בעסערע אויסזיכטן צו פאַרוואַנדלט ווערן איןווירקלעכקייט. אַ ריי דערשיינונגען האָבן גע־געבן אַ גרונט צו האָפן, אַז די לענדער פון סאָוועטישן איינפלוס, — כמעט גאַנץ מיטל־אייראָפּע, — וועלן גיין מיט זייער אייגענעם וועג צום סאָציאַליזם. אין פינלאַנד, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע, סאָוועטי־שער זאָנע פון עסטרייך זיינען לכתחילה דורכגעפירט געוואָרן פרייע אָדער כמעט פולשטענדיק פרייע וואַלן, מיטן אָנטייל פון פאַרשיידענע וואַל־ליסטעס. אין פּוילן האָט די ניי־אָרגאַניזירטע פּ.פּ.ס. אַרויסגע־וויזן די לויבנווירדיקע אַמביציע צו ווערן אַ בריק צווישן מזרח און מערב, צו באַהעפטן דעם דינאַמישן דראַנג צו סאָציאַלן איבערבוי מיט אַכטונג פאַר דער גרויסער הומאַניטאַרער ירושה פון דורות פרייהייטס־קעמפער; די דאָזיקע פּאַרטיי פון טיפער פאַרוואָרצלטקייט אין אַר־בעטער־לעבן און פון גרויסער געשיכטלעכער טראַדיציע האָט געזאָלט ווערן אין דער ווירקלעכקייט אַ מוסטער פון „דריטן כוח“, נישט פון יענעם „דריטן כוח“, וועלכער ווערט היינט באַזונגען דורך באַדייטנ־דיקע טיילן פון בירגערלעכן לאַגער און געלויבט אין דער באַלע־

באַטישער פּרעסע, נאָר פון אַ דריטן כוח צווישן רעפאָרמיזם און קאָמוניזם, אַ כוח וואָס וואַרפט אָפּ די שעדלעכע מעטאָדן פון זיי ביידן, שמידט אויס די איינײקייט פון אַרבעטער־אַקציע פאַרפעסטיקנדיק דערביי אין די אַרבעטער־רייען זייער ווילן צו באַנייאונג און אונטערהאַלטנדיק זייער הייסע ליבע צו פרייהייט און אַכטונג צום מענטש. היינט זייענען — ווער ווייס אויף ווי לאַנג, — איינציקע פון אַט די לענדער שוין פאַרשוואונדן אָדער עס פאַרשווינדן פון דער ליסטע לענדער, וואו עס קאָן זיך אָפּשפּילן אַ פרייער קאַמף פון מיינונגען אין לאַגער פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. די פּוילישע פּ.פּ.ס. זאָגט זיך אָפּ פון איר אַמביציעזער מיסיע, וועלכע האָט געצונדן האָפענונגען אין די קרייזן פון די לינקע סאָציאַליסטן אין דער וועלט. זי איז גרייט זיך צוזאַמענצוגיסן מיט דער פּ.פּ.ר. (קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן), אַ צוזאַמענגוס וואָס מיינט פאַרשלונגען ווערן, אַ צוזאַמענגוס וואָס האָט געהאַט אַלס נויטיקע איינלייטונג די באַזייטיקונג פון דער פּאַרטיי פון די וויכטיקסטע פאָנענטרעגער פון דער אידייע „דריטער כוח און סאָציאַליזם" (ווי האָכפעלד, דראַבנער און וואַכאָוויטש), און וואָס זאָגט אָן ווייטערדיקע „רייניקונגען", און מען קאָן זיך ריכטן — רייניקונגען וואָס וועלן אויסוואָרצלען פון דער פּאַרטיי אַלע שפּורן פון ווירדע און זעלבסטשטענדיקייט.

עס זיינען קלענער געוואָרן די האָפענונגען אויף שלום, בלאַסער געוואָרן די האָפענונגען אויף נאָענטער סאָציאַליסטישער באַנייאונג פון מערב־אייראָפּע, שוואַכער געוואָרן די שאַנסן פון דער דריטער שיטה אין סאָציאַליזם, — דער שיטה וואָס איינער פון אירע פאָנענטרעגער איז דורך אַ פּאָר צענטליק יאָר פאַרן קריג געווען דער „בונד" אין פּוילן. אַט די לאַגע פאָדערט פון סאָציאַליסטן אַ גרינטלעכן חשבון־הנפש.

די ווייטערדיקע שורות זיינען אַ פאַרזוך, — אויפן באָדן פון פרייער דיסקוסיע, — פון אַ געווויסן צושטייער צו אַזאַ חשבון־הנפש.

מלחמה אָדער שלום

קריג אָדער פרידן — דאָס איז די גרונט־פּראָבלעם וואָס וואָלט געדאַרפט היינט שטיין פאַר יעדן סאָציאַליסט. אייגנטלעך איז דאָס די גרונט־פּראָבלעם פון דער מענטשהייט בכלל. מען קאָן גלויבן אָדער נישט גלויבן אין די שוואַרצסטע נביאותן, וואָס שטיצן זיך, אַגב, אויפן גלענצנדיקן טעכנישן פאַרשריט אויפן געביט פון פאַרניכטונג, אַז נאָך אַ נייעם קריג וועט בלייבן אַ „נאַקעטער מענטש אויף אַ נאַקעטער ערד". מען קאָן אָבער נישט צווייפלען, אַז אַ דריטער וועלט־קריג — דאָס באַדייט אומגעזעענע חורבנות, גרעסטע מאָראַלישע פאַרוויסטונג

און ווייטערדיקער מאָנסטרועלער ריקשריט פון דער מענטשהייט, וואָס דערוויטערט במילא אויף דורות דאָס דערגרייכן אַ פולקומענע מענטש־לעכע געזעלשאַפט, צו וועלכער עס שטרעבט דער סאָציאַליזם.

די מענטשהייט האָט אין די לעצטע פּאָר יאָר געמאַכט אַ ריזיקן פאָרשריט אין דער ריכטונג צום קריג. זי איז צו אים פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט געוואָרן. נאָך מיט צוויי־דריי יאָר צוריק וואָלט מען באַטראַכט פאַר אַן אומפאַראַנטוואָרטלעכן פּלוידערער יעדן איינציקן וואָס וואָלט גערעדט וועגן נאָענטן קריג. היינט פירט זיך שוין דער „קאַלטער קריג״. די גרעסטע מלוכות אין דער וועלט גיבן אויס אוצרות געלט מיט דער פּערספּעקטיוו אַז ער קאָן ווערן אַ „וואַרעמער״. און מען קוקט שוין באַלד ווי אויף אַ נאַאיוון פאַנטאַזיאָר אויף יעדן איינעם, וואָס רעדט וועגן פרידן.

ווי אַזוי איז פאָרגעקומען אָט די ממש פאַנטאַסטישע איבערקערע־ניש? פאַראַן אויף דעם אַן איינפאַכער, לײַדער, שוין אַ צו איינפאַכער ענטפער, וואָס ווערט געשטיצט דורך אַ באַדײַטנדיקן פליגל פון דער פּרעסע, ראַדיאָ, פּאָליטיקער און פּראָפּאַגאַנדיסטן, און, צום באַדויערן, דורך זייער אַ גרויסן טייל סאָציאַליסטן. דער ענטפער איז: די עט־לעכע יאָר פון נאָכן קריג האָבן באַוויזן, אַז דער קאָמוניזם האָט זיין הויט נישט געביטן, ער וויל באַהערשן די וועלט מיט דער הילף פון דיווערסיע און באַוואָפנטער קראַפט. מיר וועלן לאָזן אין אַ זייט די פראַגע, צי דער קאָמוניזם האָט געביטן זיין הויט אָדער נישט. אויב ער האָט טאַקע נישט געביטן זיין הויט, — איז גאָר נישט וויכטיק וואָס עס וויל דער קאָמוניזם. עס איז פאַר דער גאַנצער וועלט לאַנג שוין קלאָר, אַז דער קאָמוניזם וויל דאָס, וואָס עס וויל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. און וואָס וויל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד? מען קאָן נישט ספקן, אַז ער וויל אויסברייטערן זיין ווירקונג און איינפלוס, צו וואָס עס שטרעבט מיט פאַרשיידענע וועגן אויך יעדע אַנדערע גרעסערע מאַכט. אָבער עס איז שווער צו גלויבן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וויל קריג אויף צו באַהערשן די וועלט.

פּראָבלעמען פון ווידעראויפבוי

עס איז מסתמא נישטאָ נאָך קיין איין לאַנד אויף דער וועלט וואָס זאָל זיך אַזוי נויטיקן אין פרידן ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. וועל־כעס לאַנד, אויסער סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט פאַר דעם זיג באַצאָלט מיט אַזוי פיל קרבנות אין מענטשן, מיט אַזוי פיל רואינירטע שטעט, מיט אַזוי פיל הונגער און פּיין, מיט אַזוי פיל מי פון דורות, פאַרוואַנדלטע אין ריזיקע בערג אַש?

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מוז האָבן פרידן, און מען דאַרף רעכענען, אַז זיינע וואָרטזאָגער און פּאָליטיקער ווייסן דאָס נישט ערגער ווי עמיצער אַנדערש אין דער וועלט. ער מוז האָבן יאָרן און יאָרן אויף צו פאַרהיילן זיינע וואונדן, אויף צו דערגרייכן כאָטש אַ טייל פון יענער שפע, וואָס עקזיסטירט היינט אין די לענדער מיט אַ הויכן לעבנס־סטאַנדאַרד. פרידלעכער ווידעראויפבוי איז אַ לעבנס־פראַגע פאַר רוס־לאַנד גופא. אָבער אַן אַנגעזעענער פליגל פון סאָציאַליסטישן געדאַנק אין דער וועלט (אין דער שפּיץ מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שול פון אָטאָ בויער אין פאַרמלחמהדיקן עסטרייך) האָט שטענדיק באַוויזן, אַז אַן אַנטוויקלונג פון סאָוועטישן רוסלאַנד צו שפע און הויכע לעבנס־סטאַנדאַרדן וואָלט באַשאַפן די מאַטעריעלע באַדינגונגען, אַז דאָס „סאָציאַליסטיש לאַנד״, לויטן נאָמען, זאָל אויסגעפּילט ווערן מיט אַ סאָציאַליסטישן אינהאַלט. זי וואָלט באַזייטיקט די באַדינגונגען, ביי וועלכע ברוטאַליטעט, טעראָר און קאַזאַרמע־אוניפאָרמירטקייט פון וואָרט און געדאַנק זאָלן קאָנען געפלאַנצט און ווייטער געפלעגט ווערן אויפן ביי־טערן באָדן פון נויט, דלות און אומזיכערהייט.

שווער געווען צו דערוואַרטן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט און אירע וויכטיקסטע טאָנגעבער זאָלן ווערן באַגייסטערט פאַר די דער־מאָנטע צילן און זיי זאָלן אַרויסווייזן חשק צו העלפן ווידער אויפבויען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. און דאָ ליגט איינע פון די גרונט־סיבות פון דער פאַרשאַרפונג אין די באַציאונגען. די וואָס שטעלן פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַלס כלומרשט די איינציקע מלוכה, וועלכע פירט אַ שאַרפמאַכערישע פּאָליטיק, האָבן, אויבן־אויף גענומען, אַ לייכטע לייע־ניש דאָס צו באַווייזן. אָט האָט דאָך נאָר־וואָס *) דער אַמעריקאַנער סטייט־דעפּאַרטמענט פאַרעפנטלעכט גאַנצע 37 פאַלן, ווען די סאָוועטן האָבן נישט געהאַלטן וואָרט און נישט אויסגעפירט קיין אינטערנאַציאָ־נאַלע אָפּמאַכן בנוגע דייטשלאַנד, עסטרייך, פּוילן, אונגאַרן, בולגאַריע, רומעניע, קאָרעע און מאַנדזשוריע. קיין שום סאָציאַליסט וועט נישט באַרעכטיקן דאָס נישט אויספירן פרייוויליק־געשלאָסענע אינטערנאַציאָ־נאַלע אָפּמאַכן. אָבער דאָס דאַרף נישט שטערן צו מאַכן אַ פאַרזוך

---

*) דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן מיט העכער צוויי חדשים צוריק פאַר אַ פּריערדיקן נומער „אונזער צייט", דעריבער זיינען די געבראַכטע אילוסטראַציעס דאָ, ווי אויך ווייטער, גענומען פון דער פּראַקטיק פון יענער צייט, און די פאַקטן פון די לעצטע פאַר חדשים זיינען אין אַרטיקל נישט באַריקזיכטיקט. — דער מחבר.

אַריינצובליקן אינם הינטערגרונט פון די געשאַפענע קאָנפליקטן און זען דאָס בילד ווי אַזוי אָט די קאָנפליקטן זיינען אָנגעוואָקסן. ווען מען לייענט אויפמערקזאַם די פאָרוואורפן, וועלכע דער סטייט־דעפּאַרטמענט מאַכט די סאָוועטן, זעט מען אַז גאָר אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען פאָרוואורפן פון עקאָנאָמישן כאַראַקטער, פון זעלבשטענדיקע אָדער אייגנוויליקע האַנדלונגען אויפן געביט פון רעפּאַראַציעס און פון ווירטשאַפטן אין די פאַרנומענע לענדער. אויך כראָנאָלאָגיש, לויט דער צייט, הויבן זיך די פאָרוואורפן אָן מיט טענות אויפן זעלבן באָדן. ערשט פון 1947 רוקט דער סטייט־דעפּאַרטמענט אַרויס די מער וואָגיקע פּאָליטישע טענות (וואַלן אין פּוילן און אויפלייזונג פון דער קליין־אייגנטימער־פּאַרטיי אין אונגאַרן). דאָס גיט אַ גרונט צו גלויבן, אַז דער ערשטער אינטערעס פונם סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען לייזן זיין טראַגישסטע פּראָבלעם פון ווידעראויפבוי, און ער וואָלט מסתמא צוליב דעם פונקט, ווי פריער אין דער צייט פון קריג, געגאַנגען אויף גרויסע (פון זיין שטאַנדפונקט) פּאָליטישע הנחות. אין דער הינזיכט איז געווים זייער כאַראַקטעריסטיש אַ פּרט וואָס ווערט כמעט פולשטענדיק פאַרגעסן, בעת מען רעדט וועגן די פאַרשאַרפטע באַציאונגען. אין 1946 האָט זיך דורכגעגליטשט אין די צייטונגען אַ ידיעה, אַז די סאָוועטן האָבן זיך געווענדט צו אַמעריקע וועגן אַ הלוואה פון זעקס ביליאָן אויף דער זאַך פון צוריקאויפבוי. פון האַלב־אָפיציעלע אַמעריקאַנער קרייזן איז לכתחילה געקומען אַן אָפּלייקענונג, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ ווענדונג. ערשט אין אַ געוויסער צייט אַרום איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז אַזאַ ווענדונג איז טאַקע געווען, און אַז די ערשטע אָפּלייקענונג נעמט זיך דערפון, וואָס די ווענדונג איז אַ ריי חדשים ערגעץ־וואו פאַרוואַלגערט געוואָרן צווישן אַנדערע פּאַפּירן... אַז מען זאָל האָבן די ערגסטע פאָרשטעלונג וועגן דער אָרדענונג אין סטייט־דעפּאַרטמענט, קאָן מען נישט גלויבן, אַז אפילו אַ ווענדונג וועגן אַ באַשיידענער הלוואה פון עפּעס אַ ליליפוטן־מדינהלע הינטער הרי־חושך זאָל זיך פאַרוואַלגערן צווישן „אַנדערע פּאַפּירן". און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָך פאָרט נישט קיין ליליפוטן־מדינה און זעקס ביליאָן דאָלער איז גאָר אַ היפּשע אַפּותיקי, וועגן וואָס עס קומען נישט אָן קיין ווענדונגען אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק. דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט קלאָר געבראַכט צום אויסדרוק אַ נייעם קורס וואָס די וואָרטזאָגער פון קאַפּיטאַליזם האָבן אָנגעהויבן נאָכן קריג. עס האָט זיך אַנטפּלעקט אַ קלאָרער און פאַרן קאַפּיטאַליזם פאַרשטענדלעכער אומווילן צו העלפן בויען אַ פיינטלעכע עקאָנאָמישע סיסטעם. און מען קאָן נישט ספקן, אַז דער דאָזיקער אומווילן איז געווען איינע פון די ערשטראַנגיקע סיבות, וועלכע האָבן פאַראורזאַכט דעם אַלץ אָנוואַקסנדיקן ריס.

פּאַראַלעל מיט דעם מערקט זיך אָן אַ צווייטע גרונט־שטרעבונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דאָס איז די שטרעבונג אויפצובויען אַ שטאַרקע קאַפּיטאַליסטישע דייטשלאַנד אַלס זיכערסטן שטיצפּונקט פון פאַרפעסטיקן דעם צעטרייסלטן קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע. שוין אין ערשטן יאָר נאָכן קריג רייסט אַמעריקע גרינטלעך איבער מיט אַלע אידייען פון דעם מאָרגענטוי־פּלאַן, וואָס איז אויסן געווען צו דעאינדוס־טריאַליזירן דייטשלאַנד און איבערפירן דעם צענטער פון אייראָפּעאי־שער עקאָנאָמישער מאַכט צו די שכנותדיקע אינדוסטריעלע מלוכות. כאַראַקטעריסטיש איז וואָס איינער פון די ערשטע קאָנפליקטן צווישן מזרח און מערב איז געווען אַרום דער פראַגע וועגן פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע פון שטאָל און קוילן אין דייטשלאַנד, וואָס איז דורכגע־פירט געוואָרן לויט דער פאָדערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אויב די ווירטשאַפטלעכע פּלענער פון אַמעריקע לגבי דייטשלאַנד זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן, וועט מערב־דייטשלאַנד אַליין אין אַ פּאָר יאָר אַרום (אין הסכם מיטן רעפּאָרט פון די 16 מלוכות פון מאַרשאַל־פּלאַן) האָבן אַ פּראָדוקציע פון שטאָל און קוילן (אַרום 10 מיליאָן טאָן שטאָל און קנאַפּע 200 מיליאָן טאָן קוילן), וואָס איז גרעסער ווי אין זעלבן טייל פון דייטשלאַנד אין 1934, ווען היטלער האָט געלאָזט אין גאַנג זיין „ווערווירטשאַפט", וועלכע האָט געשפּייזט און געזעטיקט זיין גע־פערלעכע קריגס־מאַשין.

דער קאָנפליקט, וועלכער האָט זיך לכתחילה געוואָרצלט אין פּראָ־בלעמען פון ווידעראויפבוי, האָט זיך ביסלעכווייז פאַרטיפט און אַרומ־געכאַפּט אַלע געביטן פון ווירטשאַפטלעכע, פּאָליטישע און אינטער־נאַציאָנאַלע באַציאונגען. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון זיין זייט, זייענ־דיק איינגעגלויבט אין מיטלען פון דרוק און נישט אויסקלייבעריש אין זיינע מיטלען, האָט צוגעגאָסן גענוג אויל אויפן פייער פון קאָנ־פליקט. פון דער סאָוועטישער זייט זיינען געקומען: באָיקאָט פון אינ־טערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפטן, אַ פּרואוו אַרויסצוציען רעסורסן אויף אויפבוי פון אומעטום וואו עס לאָזט זיך — פון פיינט און פון פריינט, אויפרייצנדיקע וועטאָס, פאַרשלעפּונג פון די שלום־פאַרהאַנדלונגען, און, ענדלעך, פּאָליטישער דרוק ביי דער אויסבילדונג פון די רעזשי־מען אין די לענדער פון איר איינפלוס־ספערע און אַ פּרואוו צו קנעטן זייערע רעזשימען לויטן מוסטער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די פאַר־שאַרפונג איז כסדר אָנגעוואָקסן פוןביידע צדדים: עס איז געקומען די טרומאַן־דאָקטרין, און עס איז געקומען דער קאָמינפאָרם, עס איז געקומען דער מאַרשאַל־פּלאַן און דער צוגעשפּיצטער קאַמף קעגן אים, עס זיינען געקומען קריגס־רעדעס און מיליטערישע צוגרייטונגען פון ביידע זייטן, און — היינט שטייט די וועלט אויפן ראַנד פון תהום...

די טראַגעדיע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג

די פאַרשאַרפונג פון די באַציאונגען צווישן מזרח און מערב, וואָס איז עלול צו דערפירן צו אַ שרעקלעכן צוזאַמענשטויס און אַ קאַטאַסטראָפע פאַר דער גאַנצער מענטשלעכער ציוויליזאַציע, האָט כסדר אין די לעצטע פאַר יאָר געהאַלטן אין אַנוואַקסן צוליב דער פאַטאַלער טאַקטיק סיי פון די וואָרטזאָגער פון וועלט־קאַפּיטאַליזם סיי פון די פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד. וואָס זשע פאַר אַ ראָל האָט געשפּילט דערביי די ברייטע געזעלשאַפטלעכע מיינונג? מיר וועלן נישט ריידן וועגן דער וועלט־רעאַקציע. זי וואַקסט היינט און ווערט שטאַרקער, איר הייסער וואונטש איז צוימען יעדע פאָרם פון ראַדיקאַליזם, און אַ דריטער וועלט־קריג קאָן ליגן אויפן וועג פון אירע פאַרבאָרגנסטע טרוימען. דער בירגערלעכער ראַדיקאַליזם איז ווי געוויינטלעך צעטיילט און איז גרייט נאָכצושלעפּן זיך נאָך יעדן אימפּאָנירנדיקן געזעלשאַפטלעכן כוח. אַזאַ צייט האָט אַרויסגערוקט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער וועלט די בכבודיקע אויפגאַבע פון פירערשאַפט אויפן געביט פון קאַמף פאַר פרידן, פאַר ווידעראויפבוי און באַנייאונג פון דער וועלט אויף יסודות פון פרייהייט און סאָציאַלן יושר. און דאָס איז מסתמא די גרעסטע טראַגעדיע פון אונזער צייט וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אַרויסגעוויזן אויפן היינטיקן קרייצוועג פון גרויסע געשיכטלעכע עפּאָכעס אומפעאיק און נישט רייף צו פירן די מענטשהייט צו אַ וועלכע נישט איז נייע צילן. עס איז נישט נויטיק נאָך אַמאָל צו אונטערשטרייכן די פאַטאַלע ראָל פון קאָמוניזם אין אָט דער טראַגישער צייט. דער קאָמוניזם איז שוין לאַנג נישט קיין אויסדרוק פון באַוואוסטזיניקע שטרעבונגען פון דער אַרבעטער־מאַסע. ער איז אַ ווערקצייג אין די הענט פון די סאָוועטן. זיי נוצן אים אויס פאַר די צילן פון זייער הערצע, און דער קאָמוניזם פירט אויס, היינט ווי אַלע מאָל, אָט די אַרבעט בשלמות. אָבער אונזער אייגענער ווייטיק איז, וואָס אויך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אין וועלכער עס זיינען אָנגעהאַנגען אונזערע האָפענונגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווייט נישט אויף דער הויך פון די געשיכטלעכע אויפגאַבן.

וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט דער סאָציאַליזם אין דער צייט פון דער גרעסטער שפּאַנונג, וועלכע איז אָנגעלאָדן מיט געפאַר פון אומגליקן און קאַטאַסטראָפעס? דער ענטפער איז: כמעט ווי קיין שום ראָל. אין בעסטן פאַל איז ער וואַקלדיק און אומבאַהאָלפן. אין ערגסטן פאַל העלפט ער מיט צו פאַרשאַרפן די באַציאונגען. די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי האָט די ראָל פון פירערשאַפט אין אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק (מיט איניקע שיינבאַרע אויסנאַמען, ווי די פראַגע פון באַ־

ציאונגען מיט אַראַבער) אָפּגעטראָטן צו אַמעריקע. אַ ריי סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין איראָפּע בויגן זיך אונטער דער לאַסט פון זייער אומבאַהאָלפנקייט. אין אַמעריקע איז די לאַגע נאָך ערגער. די טיף אין די הערצער פון ברייטע מאַסן פאַרוואָרצלטע בענקשאַפט נאָך פאַרשטענדיקונג און פרידן נוצט אויס אַ צעשוואומענער בירגערלעכער ראַדיקאַל ווי וואַלאַס. מיט רעכט וואַרפט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פאָר די קאָמוניסטן, אַז זיי זאָגן אָמן אויף אַלץ וואָס עס טוען די סאָוועטן. אָבער פון זייער זייט פירן נישט די סאָציאַליסטישע גרופּירונגען אַליין אויך כמעט קיין אייגענע ליניע. זיי באַמקען נאָך מיט אַ האַלבן צי מיט אַ גאַנצן מויל צו אַלע שריט, וואָס פירן צו דער פאַרשאַרפונג פון די באַציאונגען. מען קאָן טרעפן אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע אַרטיקלען פון סאָציאַליסטן מיט אַ פאַרגאַנגענהייט, וועלכע פאָדערן באַצייטנס, אַז דער קריג מיט די סאָוועטן זאָל חלילה נישט פאַרענדיקט ווערן מיט אַ פּאָליטישן קאָמפּראָמיס, — מיט איין וואָרט — מלחמה ביזן סוף... מען טרעפט אָבער אין דער סאָציאַליסטישער פּרעסע כמעט אינגאַנצן נישט קיין וואָרענונגען קעגן דער קריגס־היסטעריע, וואָס פאַרפלייצט דאָס לאַנד. אַלע סאָציאַליסטישע גרופּירונגען זעען אויס ווי זיי וואָלטן געווען אַ סאָציאַליסטישע אָפּאָזיציע נישט אין אַמעריקע, נאָר פון דערווייטן אַן אָפּאָזיציע... אין די סאָוועטן. דער גרעסטער טייל פון זייערע אַרטיקלען און אַרויסטרעטונגען זיינען געווידמעט... דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, די גרעסטע יידישע סאָציאַליסטישע צייטונג אין אַמעריקע האָט זיך צום היינטיקן ערשטן מאַי דערדערט, „אַז אונזער שונא און דער סאַמע געפערלעכער שונא איז מער נישט דער קאַפּיטאַליזם". און אָט די פאָרמולירונג איז זייער טרעפלעך פאַרן גרעסטן טייל פונעם סאָציאַליזם. „אַנטי־סאָוועטיזם", נישט סאָציאַליזם, איז פאַקטיש דער הויפּט־אינהאַלט פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. דער מחבר פון די דאָזיקע שורות וויל זיך לכתחילה באַוואָרענען: זאָל קיינער אים נישט אַריינלייגן אין מויל, אַז ער האַלט, אַז מען דאַרף פאַרשווייגן סאָוועטישע עוולות. אויך די בונדיסטן אין פּוילן האָבן פאַרן קריג נישט בלויז קריטיקירט די פּאָליטיק און עוולות פון די סאָוועטן, נאָר שאַרף באַקעמפט די קאָמוניסטן און אָפּטמאָל געצוואונגען געווען צו ענטפערן אפילו פיזיש אויף ברוטאַלע איבערפאַלן, אָבער די גאַנצע שעפערישע ענערגיע פון די מאַסן האָט דער „בונד" מאָביליזירט נישט אויף אַ נעגאַטיוון ציל, אויף „אַנטי", נאָר אויף קאַמף פאַר קאָנסטרוקטיווע און ליכטיקע אידעאַלן, און אין דעם איז באַשטאַנען זיין גרויסער כוח און שלאָגקראַפט. אַזאַ פּאָליטיק האָט געפירט יעדע געזונטע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי; מען האָט געקוקט אויף די קאָמוניסטן ווי אויף שותפים

צו אַ ווייטן ענדציל, וואָס לאָזן זיך פירן צו אים דורך מאָראַליש שעד־לעכע און פּאָליטיש געפערלעכע וועגן. און עס איז געוועזן קלאָר, אַז דער וועג צו איבערגעווינען די אַרבעטער איז — אַליין ווייזן זיי דעם ריכטיקן וועג.

לאָמיר ברענגען כאָטש אַ פּאָר ביישפּילן פון אַמעריקאַנער פּאָ־ליטיק: מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט דאָס רעפּרעזענטאַנטן־הויז דורכגעפירט אַן אויסבעסערונג צום מאַרשאַל־פּלאַן, אַז פון אים זאָל געניסן אויך פראַנקאָ־שפּאַניע. צי איז דעמאָלט נישט געווען אַן ערך־חוב פון יעדער גרופּע סאָציאַליסטן צו לאָזן הערן אַ שטים פון פּראָ־טעסט דורך אַ וועלכן נישט איז ממשותדיקן פּאָליטישן אַקט? אָדער צו ווידמען דער אָפּשטימונג כאָטש אַזויפיל פּלאַץ אין דער פּרעסע וויפל עס געפינט יעדע עוולה וואָס ווערט באַגאַנגען אין דער סאָוועטישער איינפלוס־זאָנע? דער פאָרשלאַג איז שפּעטער צוריקגעצויגן געוואָרן דורכן צווישן־הויז־קאָמיטעט, צ. אַ. ווי עס איז אויפגעקלערט געוואָרן אין אַן עדיטאָריעל אין „טיימס", בכדי נישט צוצוגעבן די קעגנער פון מאַרשאַל־פּלאַן נייעם אַגיטאַציע־שטאָף קעגן אים. הייסט דאָס, אַז דער הויפּט־קרעדיט פאַר דעם וואָס איז נישט געשען אַזאַ בזיון קומט גאָר די קעגנער פון מאַרשאַל־פּלאַן...

אָדער אַ צווייטער ביישפּיל פון די סאַמע לעצטע טעג: די אַמע־ריקאַנער ריטער פון דעמאָקראַטיע זיינען כידוע זייער פילבאַר צו דעם, אַז פּאַר זייער געלט זאָל ערגעץ נישט וואו חלילה באַפּעסטיקט ווערן אַ טאָטאַליטאַרער רעזשים. אָבער דאָס רעדט זיך אַלץ וועגן דער... סאָוועטישער ספערע. הונדערטער מיליאָנען ווערן אויסגע־געבן אויף צו באַפעסטיקן אַן אַנטי־דעמאָקראַטישן רעזשים אין גריכנ־לאַנד. און איצטער האָבן דאָס די גריכישע „אמתע דעמאָקראַטן", מסתמא פון מיטלען פון דער טרומאַן דאָקטרין, אָרגאַניזירט דעם מאָרד פון אַן אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענט וואָס האָט געוואָגט צו דערציילן אַ ביסל אמת וועגן היינטיקן רעזשים אין גריכנלאַנד. פון די זעלבע מיטלען איז אָרגאַניזירט געוואָרן די גרויזאַמסטע נקמה־שחיטה איבער קנאַפּע 200 מענטשן אין די גריכישע תפיסות. אין „טיימס מעגעזין" (23טן מאַי) דערמאָנט לאָורענס אין שייכות מיט דעם, אַז די גריכישע געהיים־פּאָליציי נוצט די זעלבע מעטאָדן וואָס „אָזנאַ" אין יוגאָסלאַוויע, און אַז יעדער זעלבשטענדיקער דעמאָקראַט קאָן פאַרשיקט ווערן אַלס כלומרשטער „קאָמוניסט" אָן קיין שום אויספאָרשונג און געריכט. וואו איז די הייליקע אויפרעגונג אין שייכות מיט דעם אין די סאָציאַליסטי־שע און אַרבעטער־קרייזן? אַזאַ איז אין אַזעלכע פאַלן ליידער כמעט נישט בנמצא.

אַט די הילפלאָזיקייט און מאַנגל פון אַן אייגענער ליניע קומט באַזונדערס בולט צום אויסדרוק אַרום דעם מאַרשאַל־פּלאַן.

מאַרשאַל־פּלאַן

וועגן מאַרשאַל־פּלאַן איז שוין פיל טינט פאַרגאָסן געוואָרן. ווער עס האַלט נישט פונם מאַרשאַל־פּלאַן, ווערט גלייך געשטעמפּלט, צום מילדסטן שוין, אַלס קאָמוניסטישער „מיטלויפער". דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט שוין אין אַ פריערדיקן נומער „אונזער צייט" (אָקטאָבער 1947) געמאַכט אַ פּרואוו צו באַווייזן, אַז די הויפּט־אידייע פונם מאַרשאַל־פּלאַן איז דער פּרואוו אויפצושטעלן אַ באַזע פונם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם אין אייראָפּע מיט מערב־דייטשלאַנד אַלס הויפּט־אָנשפּאַר־פּונקט. ער האָט דעמאָלט אין די אייגענע קרייזן געהערט דערווידערונגען, אַז דאָס איז די זאַך פון דער אַרבעטערשאַפט נישט צו דערלאָזן, אַז די אין תוך גוטע אידייע זאָל אָננעמען אַזאַ שלעכטע ווענדונג און אַז אויך דער אָנטייל אינם פּלאַן פון רוסלאַנד און אירע פאַרבינדעטע וואָלט געקאָנט אים צוגעבן אַ מער געוואונטשע־נעם כאַראַקטער. די אויבן געשילדערטע הילפלאָזיקייט און מאַנגל אין אַ זעלבשטענדיקער ליניע פון דער אַמעריקאַנער ווי אויך נישט־אַמע־ריקאַנער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג טאַרפּעדירט אָבער היינט יעדע האָפענונג אויף כוחות, וועלכע זאָלן זיך פאַרמעסטן צו באַאיינפלוסן דעם מאַרשאַל־פּלאַן. די פאַרגאַנגענע עטלעכע חדשים האָבן בלויז באַשטעטיקט די דערמאַנטע פּעסימיסטישע אָפּשאַצונג. אַלס דורכפירער פון מאַרשאַל־פּלאַן איז באַשטימט געוואָרן פּאָול ג. האָפמאַן, דער געוו. הויפּט־דירעקטאָר פון „סטיודעבעקער". לויט דער „טיימס" (אַפּריל) איז די ערשטע דערקלערונג, וואָס ער האָט גע־מאַכט אָננעמענדיק די באַשטימונג, געווען פאָלגנדיקע: „אונזער גרעסט־טע אַחריות איז היינט צו באַקרעפטיקן דעם קאַפּיטאַליזם קעגן אַלע אַטאַקעס". איך גלויב, אַז דערמיט האָט פּאָול ג. האָפמאַן אַליין צום בעסטן אָפּגעשלאָסן די דיסקוסיע אויף דער טעמע וואָס איז דער הויפּט־ציל פונם מאַרשאַל־פּלאַן. דאָס ענטפערט אויך אויף דער פראַגע, צי וואָלט דער אָנטייל פון רוסלאַנד און פון איר איינפלוס־ספערע גורם געווען, אַז דער פּלאַן זאָל טראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער. ווער עס האָט נאָכגעפאָלגט די דיסקוסיע אַרום מאַרשאַל־פּלאַן אין ביידע הייזער פון אַמעריקאַנער קאָנגרעס, דער ווייס, ווי שווער דער ביל וועגן געבן געלט אויף אים איז אַדורכגעגאַנגען און אַז דער וויכטיקסטער אַרגומענט, דורך וועלכן עס איז געלונגען צו שאַפן אַ מערהייט פאַרן פּלאַן, איז געווען, אַז דאָס געלט וואָס וועט אויסגעגעבן ווערן וועט העלפן

שאַפן אַ פעסטונג קעגן... קאָמוניזם. און עס ליגט נישט אונטער דעם מינדסטן צווייפל, אַז דאָס געלט וואָלט נישט געגעבן געוואָרן, ווען צו זיי וואָלטן געווען שותפים די, קעגן וועמען דאָס ווערט געגעבן...

דער „דריטער כוח"

די אָנמעכטיקייט און דער מאַנגל פון זעלבשטענדיקער ליניע פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קלאַס איז אַ ווייטיק. אָבער דאָס איז אַן אמת וואָס מען מוז קוקן אין די אויגן. אַ ברישע טובה טוען דער זאַך פון סאָציאַליזם די יעניקע, וועלכע ריידן זיך איין עפּעס אַנדערש. און אַזאַ „איינרעדעניש וואָס איז ערגער פון אַ קרענק" איז די אילוזיע וועגן אַ סאָציאַליסטיש־דעמאָקראַטישן „דריטן כוח", וועלכער איז היינט כלומרשט טעטיק אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט און אַנדערשוואו. די פאָרמולירונג „דריטער כוח" שטאַמט פון לעאָן בלום. דורך איר האָט ער באַצייכנט די קאָאַליציע פון די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן מיט די בירגערלעכע פאָלקס־דעמאָקראַטן, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי שיקלט אין דער זייט פון דע־גאָלן. לעאָן בלום מיט שומאַנען, גאַספּערי מיט סאַראַגאַטן, שומאַכער מיט די דייטשע קריסטלעך־סאָציאַלע, — דאָס זאָל זיין דער „דריטער כוח" אין אייראָפּע וואָס זאָל העלפן דער היינטיקער אייראָפּע דורכשווימען צווישן די אונטערוואַסער־פעלזן פון רעאַקציע און קאָמוניזם.

אין עצם תוך איז אָבער די פאַרפעסטיקונג פון קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע פאַרבונדן מיטן וואוקס פון רעאַקציע. אין איטאַליע שטעלט פאַר דעם רוקן־ביין פון „דריטן כוח" די קריסטלעך־סאָציאַלע, וועלכע האָבן נישט לאַנג צוריק אָפּגעהאַלטן זייער וואַל־זיג. לויט די באַריכטן פון דער בירגערלעכער פרעסע, האָבן זיי נאָך בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע שעמעוודיק פאַרשוויגן די פראַגע פון אַגראַר־רעפאָרם און אַנדערע קיצלדיקע פראַגן פון סאָציאַלע רעפאָרמען, אויף וועלכע עס איז שווער צו קריגן די ברכה פון זייער הויפּט־שותף — דער קאַטוילישער קירך. דאָס איז אין תוך אַ קליינבירגערלעכע געגנוג רעאַקציאָנערע פּאַרטיי, וואָס איר הויפּט־צוציאונגס־קראַפט זיינען געווען צוזאָגן פון אַמעריקאַנער הילף. דער אָפּגעשפּאָלטענער סאָציאַליסט סאַראַגאַט איז אין דער רעגירונג נאָר אַ צענטער צום מניין. בלומס שותפים שפרייטן זיך ווייט אין בירגערלעכן לאַגער, און די רעגירונג פון „דריטן כוח" אין פראַנקרייך האָט דאָס היי־יאָר די ערשטע אין דער וועלט אָנגעהויבן אַ נאָרמאַלן פאַרקער און האַנדל מיט פראַנקאָשפּאַניע. דער אַקט איז געווען זייער נישט פּאָפּולער צווישן די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן. אָבער וואָס טוט מען נישט פאַר אַ לייטישער־

שותפות. אַגב, בלום האָט דאָך דערפאַרונג אין שאַרן קוילן פאַר אַ פרעמדן פייער. דאָס האָט דאָך זיין רעגירונג מיט העכער צען יאָר צוריק אונטערן דרוק פונם רעאַקציאָנערן פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב געשלאָסן די גרענעץ פאַר געווער צו די פרייהייט־קעמפער אין שפאַניע.

באַטראַכט מען נעענטער די קאָאַליציעס, וועלכע טרעטן אַרויס אונטערן שיין קלינגענדיקן נאָמען „דריטער כוח", דערזעט מען אַ מיזאַמען פרואוו צו עטאַבלירן, מיט דער הילף פון אַמעריקע, נאָרמאַלע קאַפיטאַליסטישע דעמאָקראַטיעס אין מערב־אייראָפע, — אַ פרואוו, וועלכער האָט אַלנפאַלס מיטן דירעקטן קאַמף פאַרן סאָציאַליזם אַ גאַנץ קנאַפע שייכות, און וועלכער איז אומדירעקט פאַרבונדן מיט אַ וואוקס פון די כוחות פון רעאַקציע. נאָר מיט די געפילן פון טיפסטער ביטערניש קאָן יעדער סאָציאַליסט, וואָס האָט געהאָפט אויף סאָציאַליזם אין אייראָפע נאָכן קריג, זיך צוקוקן צו דעם, ווי סאָציאַליסטישע באַוועגונגען שפאַנען זיך פרייוויליק איין אין וואָגן פון קאַפיטאַליסטישער עטאַבלירונג. אָבער פאַר דער קאַפיטאַליסטישער וועלט זיינען די סאָציאַליסטישע גרופירונגען דערווייל נאָך דער מאָר וואָס דאַרף אָפטאָן אַ נוצלעכע פאַר זיי אַרבעט, און דערנאָך ערשט וועט ער מעגן און דאַרפן גיין... דערווייל אָבער נוצט מען זיי אויס און מען זשאַלעוועט זיי נישט קיין מיניסטאָרן־פאָרטפעלן אָדער אַמאָל אפילו אַ קניפ אין בעקל. נישט אומזיסט האָט דער פאָרשטייער פון אַמעריקאַנער קאַפיטאַליזם האַרימאַן באַצייכנט די סאָציאַליסטן אין אייראָפע אַלס „אונזערע בעסטע פריינט"... אַן אויסנאַם פון דעם בילד זעט אויס צו זיין די ענגלישע לייבאָר־פאַרטיי, וועלכע, ביי אַלע אירע שווערע פעלערן און פאַרוואָרצלטקייט אין טראַדיציעס פון דער אימפעריע, רעגירט זי דאָך אונטערן קלאָרן צייכן פון אַ פאַרמעסט אויף סאָציאַלן איבערבוי. אָבער אויך דאָ איז די לאַגע ווייט נישט אַזוי טרייסטפול, ווי זי זעט אויס אויבנאויף. סאָציאַליסטישער איבערבוי אויפן ענגלישן אינזל וואָלט געדאַרפט ווערן נישט נאָר אַ קוואַל פון אינספיראַציע פאַר סאָציאַליסטישן איבערבוי אין גאַנץ מערב־אייראָפע. דאָס וואָלט געקאָנט און געדאַרפט ווערן אַ רינג אין האַרמאָנישן פלאַן פון סאָציאַליסטישער באַנייאונג פון קאָנטינענט. גלייכצייטיק וואָלט די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אויפן קאָנטינענט געקאָנט ווערן אַ פעסטער יסוד פאַר איינהאַלטן און פאַרפעסטיקן די סאָציאַליסטישע עלעמענטן אין ענגלאַנד גופא. און ווען די ענגלישע לייבאָר־רעגירונג באַטייליקט זיך אין אַ פלאַן, וואָס פירט צו דער אויפשטעלונג פון אַ שטאַרקן קאַפיטאַליסטישן דייטשלאַנד, העלפט זי פאַרניכטן נישט בלויז די פרוכטן פון זיג איבערן דייטשן מיליטאַריזם, — זי פאַרניכטעט אויך

מיט דער רעכטער האַנט די באַזע פון דער סאָציאַלער איבערבוי־אַרבעט אין לאַנד, וועלכע זי פירט דורך מיט דער לינקער. כאַראַק־טעריסטיש איז פאַר דער ראָל פון דער לייבאָר־פּאַרטיי די קאָנפע־רענץ פון סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון 14 לענדער פונם מאַרשאַל־פּלאַן, וועלכע איז פאָרגעקומען סוף אַפּריל ה. י. אין פּאַריז. צו דער קאָנפערענץ איז די ענגלישע לייבאָר־רעגירונג געקומען מיט דער אידייע פון אַ פעדעראַציע פון סאָציאַליסטישע לענדער. אָבער אונטערן דרוק פון לעאָן בלום איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וואָס שטעלט פעסט, אַז אַזאַ פעדעראַציע דאַרף זיין „אָפן צו לענדער וועמענס פּאָלי־טיק איז אַן אַנדערע ווי אַ סאָציאַליסטישע". דאָס הייסט, אַז אפילו די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי האָט נישט געקענט געווינען די איבעריקע סאָציאַליסטן פאַר אַן אַנדער פּאָליטיק און זי האָט זיך אַליין אונטער־געגעבן די געשילדערטע „דריטער כוח"־שטרעבונגען, וואָס זיינען נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ שילד פאַר קאַפּיטאַליסטישער פאַרפעסטי־קונג.

דער סאָציאַליסטישער שאַנס

דער סאָציאַליזם אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט האָט געהאַט אַ גרויסן געשיכטלעכן שאַנס: צו ווערן דער אמתער דריטער כוח, וועל־כער זאָל פירן די אַרבעטער־מאַסן צו אַ נייער סאָציאַליסטישער וועלט. אייראָפּע איז נאָכן קריג געוואָרן פולשטענדיק רייף פאַר סאָציאַלן אי־בערבוי. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי אַזאַ געשיכטלעכער שאַנס קומט נאָך אַ וועלט־קריג. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי דער שאַנס ווערט פאַר־טאָכלעוועט. שוין דאָס צווייטע מאָל ווי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אונטער דער אָדער אַנדערער קלינגענדיקער באַצייכענונג, שטעלט אונטער די פּלייצעס פאַר דער זאַך פון ווידעראויפבויען דעם קאַפּי־טאַליזם. דער סאָציאַליסטישער שאַנס ווערט צעריבן צווישן מעכטיקע מילשטיינער. פון איין זייט — דאָלאַרן און שפּייז אַלס מיטלען פון ווירקונג און דרוק און אַלס בלוט־טראַנספוזיע אין דעם זייער אָפּגע־שוואַכטן קערפּער פון אייראָפּעאישן קאַפּיטאַליזם, ברענגען דער קאַ־פּיטאַליסטישער וועלט נייעם מוט און האָפענונגען. פון דער צווייטער זייט — די באַקאַנטע פּאָליטיק פון די סאָוועטן, זייערע מעטאָדן פון הערשאַפט, דאָס אויסשפּרייטן דעם סיסטעם פון מאַנאָפּאַרטייאישקייט אויך אויף די לענדער פון זייער איינפלוס־ספערע, — דאָס אַלץ רייסט אַרונטער צווישן ברייטע מאַסן דעם גלויבן אין סאָציאַליזם אַלס אויסלייזערישע און באַפרייערישע קראַפט. דער פּלאַן פון סאָציאַליס־טישע האָפענונגען ווערט געלאָשן פון צווי זייטן. אין אָט די באַדינ־גונגען איז דער רעפאָרמיסטישער סאָציאַליזם לייכט איבערגעגאַנגען

צו דער אין תוך נישט פרעמדער פאַר אים פּאָליטיק פון רעזיגנאַציע פון אוממיטלבאַרן קאַמף פאַר סאָציאַליזם.

ווי געזאָגט פון אָנהויב, האָט אויך די ריכטונג פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם געליטן שווערע קלעפּ. דורך דעם וואָס פּ.פּ.ס. אין פּוילן און אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דער סאָוועטישער זאָנע גייען אַראָפּ פון דער סצענע, ווערן די כוחות פון קעמפערישן סאָציאַליזם נאָך מער אָפּגעשוואַכט. אָבער וואָס מער די מענטשהייט קייקלט זיך צו אָפּגרונטן פון נייעם קריג, אַלץ קלאָרער מוז ווערן אַז אויב די מענטש־הייט האָט אַ מאָרגן איז דאָס בלויז דורך סאָציאַליזם. און וואָס מער מען בליקט אַריין אין דער טאַקטיק פון רעפאָרמיזם און קאָמוניזם, אַלץ קלאָרער מוז ווערן, אַז די באַפרייערישע און אויסלייזערישע מיסיע פון סאָציאַליזם קאָן פאַרווירקלעכט ווערן בלויז אויף די וועגן פונם קעמפערישן סאָציאַליזם. און וואָס מער סאָציאַליסטן וועלן דאָס פאַר־שטיין און דערפילן, אַלץ נעענטער וועט זיין די שעה פון פאַרוויר־קלעכונג.

דער קעמפערישער סאָציאַליזם איז איינציק און אַליין מסוגל צו פירן די אַרבעטנדיקע מענטשהייט צו סאָציאַליזם און פרייהייט, אָבער זיינע כוחות זיינען היינט צעקלאַפּט און נישט קאָנסאָלידירט. דאָס לייגט אַרויף אויף די דאָזיקע קרעפטן אַ ספּעציעלע אחריות.

דער סאָציאַליזם געפינט זיך היינט אויפן שיידוועג. ער וואָלט געקאָנט ווערן רעאַלקייט אין אונזער דור. ער קאָן ווידער אָפּגעשטופּט ווערן אויף לעתיד לבוא. אָבער עס איז נישטאָ קיין אַנדער האָפענונג פאַר דער וועלט, פאַר דער מענטשהייט, ווי סאָציאַליזם געטראָגן דורכן ווילן פון אַ קאַמפּספעאיקן אַרבעטער־קלאַס, וואָס פירט זיין קלאַסן־ליניע זעלבסטשטענדיק און צוזאַמענשליסנדיק אַלע קרעפטן פון אַר־בעטער־קלאַס פאַר די אינטערעסן פון סאָציאַליסטישן זיג, פאַר די אינ־טערעסן פון פרייהייט און מענטשלעכקייט.

אויף צו דערגרייכן דאָס וואָלט נויטיק געווען אַ זאַמלונג פון די כוחות פון דער דריטער שיטה אין סאָציאַליזם, און אויף דעם זיינען נויטיק פיל מי, אויסדויער און מוט. אָבער וועגן די קאָנקרעטע אויפגאַבן אין שייכות מיט דעם — באַזונדער.

(„אונזער צייט", יולי־אויגוסט 1948)

סטאַלין — 70 יאָר

אין דער גאַנצער וועלט געפינט מען אָפּקלאַנגען וועגן סטאַלינס 70טן געבורטסטאָג. דאָס איז ניט קיין חידוש. פון עלבע ביזן פּאַציפיק, פון ווייסן ים ביזן שוואַרצן און קאַספּישן, אויף צענטליקער שפּראַכן און לשונות פון מער פון האַלב אייראָפּע און גרעסטן טייל אַזיע האָט מען אין דעם טאָג געזונגען לויב־געזאַנגען צו סטאַלינען. סטאַלין איז לויט זיינע באַזינגער, ניט נאָר „דער לערער און פירער", ער איז דער באַלעבאָס איבער סטיכיעס, ער קאָן ענדערן געוויקסן און פלאַנצונגען, שענער מאַכן די נאַטור, ער איז „די זון" פון דער ערד; אין קאַזאַקסטאַן איז ער „דער בעסטער מבין פון בוימוואָל", אין הירשנלאַנד איז ער דער האַר פון די הירשן און צווישן די עסקימאָסן איז ער דער בעסטער פאַרזאָרגער זייערער אינם יאַגד אויף ים־הינט...

אויף צו פראַוועז פאַר סטאַלינען אַזאַ מין געצנדינעריי איז געוויס זוייניק בלויז אַ קראַנקהאַפטע אַמביציע פון סטאַלינען אַליין. די מקורבים פון אַמאָליקע קאַליפן און צעזאַרן, פון טשינגיז־כאַן און „צאַר־באַטיושקאַ", האָבן שטענדיק פאַרשטאַנען, אַז צו פאַרפעסטיקן די הערשאַפט פון אַ קליקע איז נויטיק צו געפינען געטלעכע יסודות פאַר דער פערזאָנען־הערשאַפט.

סטאַליניזם איז אַ פּראָדוקט פון גייסטיקער אָפּגעשטאַנענקייט, ווי עס איז, איבעריקנס, יעטווידער „פירער"־קולט. אויפן באָדן פון רוסלאַנד מיט איר פּילשפּראַכיקער באַפעלקערונג, מיט איר פאַרשידנאַרטיקייט פון קולטורן, וואו עס לעבן נייגונגען צו מיסטערישקייט, און וואו דורך דורות איז פאַרוואָרצלט אַ קנעכטישע בענקשאַפט נאָך אויסלייזונג מן השמים, נעמט דער פירער־קולט אָן זיין ספּעציעלע געצנדינערישע פאָרם.

דאָס וואָס גראָד איצט האָט אָט די געצנדינעריי דערגרייכט איר העכסטע פאָרם אין רוסלאַנד איז אָבער דווקא אַ גוטער סימן. די געשעענישן אין יוגאָסלאַוויע, ווי אויף די מערב־ראַנדן פון רוסלאַנד בכלל באַווייזן, אַז צווישן דער באַפעלקערונג בשכנות מיט רוסלאַנד און מסתמא אויך אין רוסלאַנד גופא הויבן די מאַסן וואַרשיינלעך אַלץ

אַפּטער און אָפּטער צו שעפּטשען שטילערהייט דעם גרויסן סוד, אַז אייגנטלעך איז דער „קעניג נאַקעט״. אָט די נאַקעטקייט דאַרפן די אונטערשטיצער פון רעזשים שלייערן מיט גאַנצע וואָלקנס פון קטורת און רויך.

גענעראַליסימאָ סטאַלין איז געוויס אַ פּעאיקער סטראַטעג. דאָס האָט ער באַוויזן שוין דעמאָלט, ווען ער האָט אויסגעראָטן אַלע פריער־דיקע קאָמוניסטישע פירער אין רוסלאַנד און האָט זיך זייט דאַן אויף כמעט אַ פערטליאַרהונדערט פאַרפעסטיקט ביי דער מאַכט; אים זיינען זיכער זיס דער געצנדינערישער ווירויך וואָס מען רייכערט פאַר אים, אָבער די קטורות נוצט ער מסתמא, דער עיקר, אַלס אַן אַקט פון סטראַ־טעגיע.

פונדעסטוועגן האָט די מלחמה פאַרט געבראַכט דערצו, אַז פיל סאָוועטישע מענטשן האָבן געזען איראָפּע, און אַלץ גרעסערע צאָלן קענען אָפּשאַצן דעם ווערט פון דער געצנדינערישער ווייַרויך־סטראַ־טעגיע. און די גרעסטע סטראַטעגן מאַכן אַמאָל אַ טעות אין חשבון. צי קאָן אַמאָל די שלייער־ווירויך־סטראַטעגיע ניט טרעפן פאַרקערט, ווי אַ בומעראַנג, אינם „גרויסן סטראַטעג״ גופא?

(„אונזער צייט״, יאַנואַר 1950)

דייטשלאַנד און ישראל

אין דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע האָט זיך לעצטנס אַ ביסל גערודערט וועגן דער פּראַגע פון אַנטשעדיקונג פאַר די די־פּיס. עס איז אויף דער טעמע געשריבן געוואָרן אָפּטמאָל מיט ברען, וויטיק און ליידנשאַפטן. די פּראָבלעם איז געוועלגערט געוואָרן פון אַלע זייטן, אַלס יידישע, מאָראַלישע, אַלגעמיין מענטשלעכע. זי איז געשטעלט געוואָרן אַלס יורידישע, זי איז געשטעלט געוואָרן אין ליכט פון דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, זי איז געשטעלט געוואָרן לאָגיש אָדער טיף עמאָציאָנעל. זי האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל ביטערקייט, אַז דורך אייניקע שרייבער אין געוויסע קרייזן אין דער געזעלשאַפט ווערן די ווערטער „גוטמאַכונג” באַנוצט אַלס מין זידלוואָרט און סימבאָל פון דערנידערונג פון מענטשלעכער אָדער יידישער ווערדע. אָבער ווי משונהדיק עס איז, אַז ביי דער גאַנצער פאַרפלייצונג פון שטראָף־רייד און אָפּטמאָל תוכחה־ווערטער, איז פאַר דער ברייטער יידישער געזעלשאַפט אין אַמעריקע אויפגעדעקט געוואָרן בלויז איין ווינקלדיקער אַספּעקט פון דער גאַנצער פּראַגע, און דערביי בלויז אָט דער איינער, — דער מינדערוויכטיקסטער אַספּעקט פון איר: די פּראָבלעם פון די גראָשנס, וואָס אַ געוויסע צאָל אומגליקלעכע די־פּיס קאָנען אַרויסקריגן פון דער דייטשער מלוכה אויפן סמך פון געזעץ, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרן אונטער בפירושן דרוק פון דער אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט. מיט געציילטע אויסנאַמען (ווי, למשל, א. שעדלעצקי אין „וועקער” און אהרן צייטלין אין „מאָרגן זשורנאַל”) האָט די אַמעריקאַנער פּרעסע אין אַלגעמיין כמעט ווי נישט דערמאָנט דעם פאַקט אַז אויסער אַ געזעץ, וואָס איז אויפגעצוואונגען געוואָרן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט לטובת די אומגליקלעכע די־פּיס, האַנדלט זיך די גאַנצע צייט אויך וועגן אַ „דיל”, אויף פּראָסט יידיש גערעדט, אַ קו־האַנדל צווישן דייטשלאַנד און ישראל. וואָס ווייטער ווערט אַלץ באַשיימפּערלעכער, אַז אַזאַ „דיל” האַלט איצט ביי געשלאָסן ווערן צווישן מענטשן וואָסריידן אין נאָמען פון יידישן פאָלק און דער שטאַרק נאַציסטישער און אָפּן־נאַציאָנאַליסטישער דייטשלאַנד. עס ווערט אויך באַשיימפּערלעכער, אַז דאָס וואָס ווערט געמייסטרעוועט איז צום גונסטן פונם

דייטשן נאַציאָנאַליזם און דאַרף ברענגען חרפּות און בושות אַלע יעניקע פון יידישן צד וואָס זיינען פאַר דעם מיטפאַראַנטוואָרטלעך.

קודם־כל וועגן אַ פראַגע פון קלענערן באַדייט: נאָענט צו הונ־דערט טויזנט יידן קאָנען לויט די אויפגעצוואונגענע געזעצן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט אויפמאָנען ביי די דייטשן אַ געוויסע סומע געלט. מעגלעך, אַז דאָס וועט געלינגען, מעגלעך — נישט. אויף וויפל עס האַנדלט זיך נישט וועגן קיין „דיל" מיט דייטשן, קאָן מען נאָר זיין צופרידן, וואָס יידישע אָרגאַניזאַציעס זאָרגן דערפאַר, אַז די דייטשן זאָלן זיך נישט אַרויסדרייען פון זייער עלעמענטאַרער פליכט צו העלפן די קרבנות פון זייער טייוולאָנישער פאַרניכטונגס־מאַשין. אַ רייע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע האָבן אין דער ריכטונג געדריקט אויפן אַמעריקאַנער הויך־קאָמיסאַר. עד־כאן איז אַלץ אין אָרדענונג. די יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, צווישן זיי אין דער ערשטער ריי, דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט און די קאַצעטלער־פאַראייניקונגען האָבן געטאָן זייער פליכט. די דייטשע נאַציסטישע בעסטיעס האָבן גענוג געמאָרדעט און גערויבט יידן, איצטער קאָנען זיי מער נישט רויבן אָפן, זיי קאָנען אָבער יאָ צורויבן די צוגעפּסקנטע אַנטשעדיקונגס־סומען, פאַרפּלאָנטערנדיק יעדן איינצלנעם פּעטענט אין אַ לאַבירינט פון הערות און פאַראַגראַפן. טוען דער אַרבעטער־קאָמיטעט און אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אַ נוצלעכע אַרבעט, וואָס זיי העלפן אַרויס איינציקע קאַצעטלער און דעם קאַצעטלער־פאַרבאַנד אַלס גאַנצן אין זייער אַרבעט פון גובר זיין אַט די אַלע שוועריקייטן.

מען האָט זייער פיל גערעדט און געשריבן וועגן אַ יאַנקל אָדער בערל, צי ער דאַרף נעמען אַנטשעדיקונג ביי די דייטשן. מיט פיל סענטימענט און פּראָפּעטישער ביטערניש האָט, למשל, דער דיכטער ה. לייוויק געטאַדלט די יעניקע, וואָס זיינען גרייט צו נעמען אַ „פּרייז פאַר אַ געשענדטער פרוי און קינד". ביי דער גרעסטער אָנערקענונג פאַר ה. לייוויקן אַלס דיכטער איז שווער נישט צו פילן אין לייוויקס פּראָפּעטישער רוגזה די רוגזה פון אַ כעסן וואָס ברעכט צופעליק אָנגעטראָפענע אויפן וועג לוחות. אויב אַ די־פּי, וואָס איז מיט איין פוס געשטאַנען אין היטלערס גאַז־אויוון האָט מיטן הסכם און מיט דער עצה פון די אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין דייטשלאַנד, געפאָדערט פון דער דייטשער מאַכט דערפילן אַן עלע־מענטאַרסטע פליכט לגבי אים און היילן זיין צעבלוטיקטן קערפּער אָדער אָפּגעשלאָגענע לונגען און נירן, האָט ער בלויז אונטערגעשטראָכן זיין בליק אויף דייטשער שולד און דייטשער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און עס איז זייער פאַרדראָסיק, וואָס שרייבער אין אַמעריקע האָבן

אָפּטמאָל אויפגעטרייסלט הימל און ערד, ביז אַש פון די קדושים איינ־שליסלעך, פאַר דעם, אַז אַן אָרעמער קאַצעטלער זאָל נישט פאַרלאַנגען קיין אַנטשעדיקונג, און זיי באַמערקן דערביי נישט, אַז עס גרייט זיך אַ משא ומתן, וואָס איז באמת בזיונות־ווייטיקדיק. עס גרייט זיך אָדער עס איז שוין פאַרטיק אַ שאַכער־מאַכער צווישן דער יידישער אַגענטור פון איין זייט, און דייטשלאַנד, פון דער צווייטער, דאָס הייסט פאַקטיש, צווישן דער הויפּט־רעפּרעזענטאַנץ פון וועלט־ציוניזם און דייטשלאַנד — און דאָ האַנדלט זיך שוין ניט וועגן יחידים, אָדער וועגן הילפס־אַרבעט פון אַ קאַצעטלער־פאַרבאַנד אָדער אַן ענלעכער אָרגאַני־זאַציע, דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פּאָליטיק פון דורכקומען מיט די דייטשן אין וועלט־מאַסשטאַב און דער עיקר — דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן אַרויסרייסן געוויסע סומען פאַר איינצלנע די־פּיס, וואָס אין סך־הכל דאַרפן זיי זיך לייגן אַלס אַ שווערע לאַסט אויפן דייטשן בודזשעט. דאָ האַנדלט זיך וועגן נעמען און געבן. עס האַנדלט זיך וועגן אַן אומדערהערטן שאַכער־מאַכער. און דערוויל איז וועגן דעם אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע שאַ־שטיל, קיין שפּור נישט פון דונערן און בליצן, עס איז שאַ־שטיל, פּונקט ווי אַן אָפּמאַך צווישן וועלט־ציוניזם און דייטשלאַנד איז אַ דבר שבכל יום, פּונקט ווי עס זיינען גאָר נישט געווען קיין זעקס מיליאָן קרבנות, פּונקט ווי דאָס איז נישט קיין ענין פון יידישן כלל, נאָר אַ פּשוטע געשעפטלעכע טראַנזאַקציע, וואו מען וועגט און מעסט היזקות און פאַרדינסטן.

וואָס איז באַקאַנט דערוויל וועגן דעם משא־ומתן?

דער הויפּט־מחותן פון יידישן צד אין דעם „דיל" איז די יידישע אַגענטור. אַ ידיעה פון ירושלים פון מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט געבראַכט די מיטטיילונג, אַז די מערב־דייטשע רעגירונג איז גרייט אויסצוצאָלן די יידן 600 מיליאָן דאָלאַר אַנטשעדיקונג אין סחורה. לויט דער דאָזיקער ידיעה זאָל אַ דריטל פון דער סומע טראַנס־פערירט ווערן קיין ישראל אין דער פאָרם פון פּאַרטיקע הייזער, אי־ריגאַציע־רערן, מאַשינעריע א.ד.גל. לויט ווייטערדיקע ידיעות פאַר־עפנטלעכט אין זשורנאַל „ישראל" נומ. 4, תל־אביב, אָרגאַן פון „התאח־דות", האָט זיך געגרינדעט אַן אָרגאַניזאַציע אין נאָמען פון די יידן אין דער וועלט מיטן אָנטייל פון דער יידישער אַגענטור, „דזשאָינט" און וועלט־קאָנגרעס, אויף אויפצומאָנען די אַנטשעדיקונג פון דייטשלאַנד אין דער פאָרם פון סחורות און מאַשינען. די ידיעה וועגן אָנטייל פון „דזשאָינט" אין אָט דעם קו־האַנדל איז דערוויל נישט באַשטעטיקט און זי קלינגט ממש אומגלויבלעך. אויב דאָס זאָל זיך באַשטעטיקן, וועלן די אַמעריקאַנער יידן דאַרפן באַטראַכט ווערן אַלס מיטשותפים צום פאַרברעכן פון העלפן אויפשטעלן דייטשלאַנד, און עס איז אומ־

גלויבלעך, אַז אויף אַזעלכע באַדינגונגען זאָלן די קאַצעטלער אין אַמע־ריקע פאַרזעצן זייער „אַנטשעדיקונג"־טעטיקייט. דאַקעגן קומט אַ ידיעה, אַז ישראל איז שוין מיטן פּראָבלעם פאַרטיק. דער ירושלימער קאָרעספּאָנדענט פון „ניו־יאָרק פּאָסט", אַנוויל ראָזענפעלד, (14טער אַפּריל) טעלעגראַפירט צו זיין צייטונג:

„נאָך אַ לענגערן אינערלעכן שטרייט מיט זייערע געוויסנס האָבן די ישראל־פירער היינט באַשלאָסן, אַז דייטשע אַרטיקלען קאָנען אַריינ־געלאָזט ווערן אין דער יידישער מלוכה אַלס רעפּאַראַציעס".

דער קאָרעספּאָנדענט טיילט מיט:

„דר. דזשאָרדזש לאַנדאַוער, דעפּאַרטמענט־פירער פון דער יידי־שער אַגענטור פאַר דער ווידעראויפשטעלונג פון יידישן אייגנטום אין דייטשלאַנד האָט פאַרגעלייגט אַן אַלגעמיינע תיכּפדיקע דערלייזי־קונג פון די טענות פון געוועזענע דייטשע בירגער, וועלכע געפינען זיך היינט אין ישראל. ישראל זאָל קריגן סחורות פאַר 300 מיליאָן דאָ־לאַר און אויסצאָלן דערביי די אינדיווידועלע תביעות אין ישראל־וואַלוטע".

דער קאָרעספּאָנדענט האַלט, אַז דער אָפּמאַך וועט שטאַרק העלפן דער יונגער יידישער מלוכה, אָבער ער גיט גלייכצייטיק צו אַז דאָס „וועט העלפן ווידער אויפלעבן די דייטשע אינדוסטריע, שאַפנדיק אַרבעט פאַר דייטשע אַרבעטער און פּראָפיטן פאַר דער דייטשער אינדוסטריע".

בקיצור, די קלאַנגען וועלכע האָבן זיך געצויגן חדשים־לאַנג פאַרוואַנדלען זיך אין אַ פאַקט. דער קורצער זין פון דער לאַנגער געשיכטע איז קלאָר: ישראל, אונטערן שילד פון דער יידישער אַגענטור שליסט אַ האַנדלס־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד. פּאַנאַטיש פאַרבלענדט אָדער בייזוויליק פאַרלוימדעריש וועט זיין יענער וואָס וועט פּרואוון באַ־הויפּטן, אַז דער אָפּמאַך טראָגט ניט קיין פּאָליטישן כאַראַקטער. אויב דער אַנטשעדיקונג־געזעץ פאַר די די־פּיס איז פאַרגעקומען אונטערן דרוק פון אַמעריקע, איז דער האַנדלס־אָפּמאַך מיט ישראל פאַרגעקומען פון אייגענעם גוטן ווילן און איז אַ רייפע פּרי פון לאַנגע הינטערקוליסן־אונטערהאַנדלונגען. מיט העכער 4 חדשים צוריק האָט הער אַדענאַואער געמאָלדן וועגן זיין גרייטקייט איבערצובעטן זיך מיט ישראל אויפן סמך פון אַ הלוואה פאַר דער ישראל־רעגירונג. די פאַרשטייער פון ישראל האָבן אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג מיט אַ מינע פון באַליידיקטער אומשולד. אָבער איז דען אַ ריינער צופאַל וואָס גלייך נאָך דעם האָבן זיך גענומען פאַרשפּרייטן קלאַנגען פון אַ פּשרה מיט יידן אויפן דערמאָנטן באַזיס, און צי איז ווידער אַ צופאַל וואָס דער האַנדל מיט דייטשלאַנד איז אין קורצן נאָך דעם געוואָרן אַ פאַקט? און איז דען מעגלעך אָפּצומעסטן

וויפל פּאָליטישע צביעות עס שטעקט אין די כסדרדיקע דעקלאַראַציעס וועגן „זכור את אשר עשה לך עמלק״, („געדענק וואָס דיר האָט געטאָן עמלק״), אויב זי ווערט באַגלייט מיט אַ שטילן האַנדלס־אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד? עס זיינען געווען פאַרשיידענע מיינונגען אין דער יידי־שער וועלט וועגן דעם צי איז פּעאיק ישראל מיט איר סאָבערס־מענטאַ־ליטעט, מיט אַ גרויסן צופלוס פון אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע יידן, לאַנג און ווייטיקדיק פילן די בלוטיקע טראַגעדיע פונם אייראָפּעאישן יידנטום. אָבער דערוויל שפּילן נאָך אין ישראל אַ גרויסע ראָל גראָד יענע יידן, אין וועמען גריבנבוים וויל פאַרגעסן. צי האָט זיך דען אָבער ווער געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די שיכחה זאָל גיין אַזוי ווייט, אַז ישראל זאָל זיין בוכשטעבלעך צווישן די ערשטע מלוכות, וועלכע שליסן אַ שטילן אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד? איך גלויב ניט, אַז דער ערגסטער קעגנער פון ישראל וואָלט ווען עס איז זייערע פירער חושד געווען שוין אין אַזאַ פּעאיקייט צו „פאַרגעסן״...

מען מוז מודה זיין, אַז דער טרויעריק־באַרימטער טראַנספער פון 1933 איז אַ קינדערשער אַקט אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס ס'געשעט היינט. דעמאָלט האָט דער טראַנספער געהאָלפן ראַטעווען יידישע פאַר־מעגנס און געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם נאַצישן האַנדל. אין גרונט איז דאָס דאָס זעלבע וואָס מ'גייט טאָן איצטער. אָבער די מאָס איז היינט אַנדערש און די מאָס פון פאַרברעכן איז אַ פיל האַרבערע. אין דער גיהנומדיק־סטער פאַנטאַזיע האָבן מיר זיך דעמאָלט ניט געקאָנט אויסמאָלן דאָס פולע בילד פון דעם וואָס עס באַדייט פאַר יידן צו העלפן שטאַרקן אַ נאַצי־דייטשלאַנד. און די וועלט האָט געמוזט פולשטענדיק דול ווערן, אויב נאָך די זעקס מיליאָן הרוגים, נאָך די אַלע טרעבלינקעס און מאַי־דאַנעקס קומט אַ ניי־געשאַפענע יידישע מלוכה און איז פון די ערשטע צו העלפן שטאַרקן אַ נאַציאָנאַליסטישע דייטשלאַנד.

מען וועט אפשר מיט רעכט זאָגן: די יידן אין ישראל זיינען דאָך פונקט ווי מיר פול מיט האַס צום רעאַקציאָנערן דייטשלאַנד און פול מיט מורא פאַרן צוריקקער פון נאַציזם, אָבער, וועט מען זאָגן: מען האָט דאָס געדאַרפט טאָן, ווייל אין קאָן שטייט דער מלוכה־אינטערעס פון ישראל.

שוין אין דער ערשטער ציטירטער טעלעגראַם פון ירושלים איז געפאַלן די אָנצוהערעניש, אַז מען וועט ביי די דייטשן קריגן סחורות וואָס זיינען אין צוויי מאָל אָדער אין דריי מאָל מער ווערט ווי די יערלעכע ישראל־איינקונפט פון „יונייטעד דזשואיש אַפּיל״.

יאָ, דער מלוכה־אינטערעס! וויפל ביטערע ווערטער זיינען אין סאָציאַליסטישע און ראַדיקאַלע קרייזן געפאַלן, ווען ענגלאַנד האָט צוליב „מלוכה־אינטערעס״ אַ לענגערע צייט ניט איבערגעריסן מיט

מוסאָלינין צוליב אַביסיניע, וויפל פאַרביטערטקייט האָט געהערשט אין די זעלבע קרייזן, ווען ענגלאַנד אָדער אַמעריקע האָבן צוליבן בלומרשטן „מלוכה־אינטערעס" געלאָזט וואַקסן דעם נאַצישן און פאַשיסטישן מאָנסטער אין שפּאַניע. אָדער אַן אַנדער נאָך מער אַנטשפּרעכנדיקער ביישפּיל. אין די רייען פון סאָציאַליסטן האָט אַ געוויסע צייט געהערשט ביי אייניקע די אילוזיע, אַז רוסלאַנד וועט סוף־כּל־סוף אַרויפגיין אויף דעמאָקראַטישע וועגן. אַנדערע האָבן אַזאַ אילוזיע ניט געטיילט, אָבער סיי די וואָס האָבן געהאַט אָט די אילוזיע, סיי די וואָס האָבן זי ניט געהאַט, האָבן גלייך מיט צאָרן און פאַרדרוס אויפגענומען דעם פאַקט, וואָס רוסלאַנד חברט זיך מיט מוסאָלינין צוליב איר אייגענעם „מלוכה־אינטערעס", ד. ה. צוליב אַ פּאָר האַנדלס־טראַנזאַקציעס. אַזאַ מין פאַרהערלעכונג פון ענגהאַרציקן אינטערעס, דאָס איז יענער ציניזם, וואָס האָט דערלויבט סטאַלינען היינט צו זיין שונא מיט מוסאָלינין און מאָרגן, צוליב אַ פּאָר האַנדלס־טראַנזאַקציעס, ווערן מיט אים שמעלקע שבשמעלקע: די העכסטע מדרגה פון דעם סאָרט ציניזם איז דערגאַנגען אינעם סטאַלין־היטלער פּאַקט. ווען בן־גוריון איז נאָך ניט געווען קיין פּרעמיער האָט ער טעאָרעטיש לגבי אַנדערע (סטאַלין־היטלער א.אַ.) פאַרשטאַנען, ווי ביטער עס קאָנען זיין די פּרוכטן פון אַזעלכע געווינסן, ווען צוליב „מלוכה־אינטערעסן" האָדעוועט מען דעם ביטערסטן שונא. אָבער בן־גוריונס נאַציאָנאַליזם איז, ווי יעדער ענגער נאַציאָנאַליזם, בלינד און זעט גאָרניט ווייטער פון דער אייגענער נאָז. היינט קאָן דער האַנדל מיט דייטשלאַנד לוינען פאַר ישראל, איז אַ כּפּרה די אַמאָליקע פאַרשטעלונג וועגן מאָראַל, אַ כּפּרה דער האַס צו דייטשלאַנד, — פאַרגעסט וואָס דאָס באַדייט, אַז ישראל וועט זיין צווישן די ערשטע וואָס וועט עפענען אַ ברייטן דייטשן מאַרק אויפן גאַנצן מיטל־מזרח; פאַרגעסט וועגן דעם, אַז די פּרעפאַבריצירטע הייזער וואָס די דייטשן וועלן פּראָדוצירן פאַר יידן, קאָנען זיין איינגעקנאָטן מיט אַש פון ברידער און שוועסטער פאַרברענטע אין קאַלך־אויוונס. פאַרגעסט דאָס אַלץ, — ווייל אַזוי פאָדערט זיין טאָטאַליטאַרע מאַיעסטעט דער מאָדערנסטער מולך, וועמען אַלע דאַרפן ברענגען קרבנות.

די יידישע ציוניסטישע און ציוניזירנדיקע פּרעסע אין אַמעריקע שטייט דערוויל אויף די קני פאַר דעם דאָזיקן מולך. אָבער עס מערקן זיך סימנים פון דערוואַכונג. דער פּאַקט פון אָרגאַניזירטן האַנדל צווישן יידן און דייטשלאַנד איז אַזוי הימלשרייענדיק, אַז ער וועט אפשר סוף־כּל־סוף אויפטרייסלען די בית־עלמין־שטילקייט אַרום דער דאָזיקער פראַגע.

(„אונזער צייט", מאַי 1950)

פּאַרטיי, מדינה אָדער פֿאָלק

שוין דאָס צווייטע יאָר ווי פֿון די שפּאַלטן פֿון דער ציוניסטישער פּרעסע פֿון כּלערליי ריכטונגען גייט נישט אַראָפּ אַ פּראַגע, וואָס אויבנאויפֿיק טראָגט זי כּמעט אַ ריין לעגאַליסטישן כאַראַקטער — די פֿראַגע וועגן קאָנסטיטוציאָנעלן סטאַטוס פֿאַר דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. וואָלט די דאָזיקע פֿראַגע אין דער ווירקלעכקייט געווען בלויז אַ פּראָבלעם פֿון קאָנסטיטוציאָנעלן בוי פֿון ציוניסטישע קער־פּערשאַפֿטן, וואָלט זי אָן ספֿק געקאָנט און געדאַרפֿט פֿאַרבלייבן אַ ריין אינערלעכער ענין פֿון ציוניזם.

אָבער עס איז ניט קיין צופֿאַל וואָס די פֿראַגע איז געוואָרן אַ קעגנשטאַנד פֿון אַ פֿאַרצויגענעם עפֿנטלעכן שטרייט. ווייל דער הינטיקער שטרייט אין די רייען פֿון ציוניזם איז אין דער ווירקלעכקייט ניט קיין פּשוטער „לעגאַליסטישער" שטרייט אין די ראַמען פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער שטרייט שפּיגלט צום בולטסטן אָפּ דעם אַלץ מער זיך פֿאַרטיפֿנדיקן קריזיס אין ציוניזם גופֿא, הינטער אים שטייען אַלץ מער זיך פֿאַרשאַרפֿנדיקע חלוקי־דעות צווישן די פֿאַר־שיידענע גרופּן פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג און ער באַווייזט, אַז עס הויבן זיך אָן צו מערקן צוויי באַזונדערע שיטות אין דער נאַציאָנאַ־לער פֿילאָזאָפֿיע פֿון ציוניזם — צוויי באַזונדערע שיטות, הגם ביידע זיינען, אין אונזער איבערצייגונג, צוגלייך שעדלעך פֿאַר דער אַנטוויק־לונג פֿון יידישן פֿאָלקס־לעבן. דער דאָזיקער שטרייט אָדער די דיסקוסיע אַרום „סטאַטוס" פֿאַרדינט מחמת דעם דעם ברייטסטן געזעל־שאַפֿטלעכן אינטערעס.

אַ פֿאַרפֿלייצונג פֿון ווערטער איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אויף פּאַפּיר אין שייכות מיט דער פֿראַגע „סטאַטוס" פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. פֿון דער דאָזיקער פֿאַרפֿלייצונג, וועלכע צעמישט און פֿאַרטומלט אָפֿט דעם עיקר, לאָזט זיך אויסשיילן איין גרונט־פֿראַגע. דאָס איז די פֿראַגע פֿון פּריאָריטעט, און, ווי זי שטייט פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג, איז דאָס די פֿראַגע וועגן דעם ווער דאַרף האָבן די בכורה אין יידישן לעבן — די יידישע מדינה אָדער די ציו־ניסטישע וועלט־באַוועגונג. די פֿראַגע שטייט אויפֿן סדר־היום פֿון

ציוניזם זינט דעם ערשטן טאָג ווען עס איז געשאַפן געוואָרן מדינת־ישראל.

פאַר פיל פירנדיקע ציוניסטן מיט בן־גוריונען בראש איז די דאָזיקע פראַגע לכתחילה פאַרענטפערט געוואָרן גאָר פשוט: דער ציוניזם אַלס אַ וועלט־באַוועגונג האָט דערגרייכט זיין ציל. איצטער פאַרבלייבט פאַר ציוניסטן און ניט־ציוניסטן איין וויטערדיקע אויפגאַבע — העלפן דער מדינה. קיבוץ גליות, זאַמלען פאָנדן, מאַכן אַפּילן פאַר די אינטערעסן פון דער מדינה. די אָנהענגער פון אָט דער שיטה טענהן: די וויכטיקסטע הילף, אין וועלכער ישראל נויטיקט זיך היינט, איז קודם־כל פון פילאַנטראָפּישן כאַראַקטער; און אַזוי ווי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אַליין זיינען קנאַפּע געבערס, קומט די הויפּט־הילף פאַר די פאָנדן דווקא פון ניט־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. לויט אָט דער קאָנצעפּציע וואָלטן זעלבשטענדיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס געוואָרן איבעריק. דער גאַנצער יידישער „גלות" איז לויט אָט דעם צוגאַנג בלויז אַ דאָלאַר־ביילאַגע צו דער יידישער מדינה, — אמת, זייער אַ וויכטיקע און חשובע ביילאַגע.

אָט די געדאַנקען האָבן אין די רייען פון אָרגאַניזירטן ציוניזם, בפרט אין זיין וויכטיקסטן צווייג, אין אַמעריקע, — דערוועקט בהלה און אַלאַרם. דער אַמעריקאַנער ציוניזם האָט דורך יאָרן טאָטאַליטאַר באַהערשט די וויכטיקסטע פּאָזיציעס פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. און דאָ האָט זיך דער אַמעריקאַנער ציוניסטישער טאָטאַליטאַריזם אָנגעשטויסן אויף אַ נייעם טאָטאַליטאַריזם, נאָך מיט מער שוואונג און צוציאונג־קראַפט — דעם טאָטאַליטאַריזם פון דער „יידישער מדינה". די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, וועלכע איז פאַר זיך אַליין געווען אַ וויכטיקער קוואַל פון השפעה און געזעלשאַפטלעכער מאַכט, האָט געמוזט פאַררוקט ווערן דורך דער ישראל־מלוכה אין שאָטן; דער שלאַכט־רוף איז שוין איצטער ניט „אַלץ פאַרן ציוניזם", נאָר „אַלץ פאַר דער מדינה". און אַרום דעם האָט זיך פאַרוויקלט אַ ביטערע אינערלעכע דיסקוסיע, וועגן דער בכורה אין יידישן פאָלק. די קעמפער פאַר דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע האָבן געטענהט, — און טענהן — אַז זייער ראָל איז וויט ניט אָפּגעשפּילט. זיי האָבן געטראָגן אין דער וועלט די פּאָליטישע אידייען פון ציוניזם און פון דער מדינה, און זיי פאַרבלייבן אירע וויכטיקסטע טרעגער און באַשיצער. די יידישע מדינה איז אַ פּראָדוקט פון ציוניזם און דער וועלט־ציוניזם וואָס העלפט שאַפן די מטבע מוז וויטער האָבן, אויב ניט די גאַנצע דעה, איז כאָטש פאַרבלייבן אַ גלייכבאַרעכטיקטער שותף צום דעה־זאָגן. ווי מיר זעען, איז עס געוואָרן פיל מער ווי אַ טעאָרעטישער פּילפּול אַרום דעם וואָס קומט פריער — די הון אָדער די איי. די „מדינה"־איי, וואָס האָט זיך

אויסגעפּיקט אונטער די פליגל פון ציוניזם, האָט פאַררוקט אין שאָטן איר שפּעטערין די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג, און די מדינה וויל פאַרבלייבן די איינציקע הערשערין פון די געדאַנקען אין יידישן פאָלק.

⁂

דער וועלט־ציוניזם קאָן נישט שלום מאַכן מיט זיין נייער ראָל, וואָס נעמט ביי אים צו זיין דאָמינירנדיקע פּאָזיציע אין יידישן לעבן. און עס זיינען פאַראַן פירנדיקע ציוניסטן, וועלכע האַלטן, אַז די ראָל פון ציוניזם איז נאָך נישט אָפּגעשפּילט צוליב אַ צוגאָב־טעם. זייערע ציוניסטישע אַספּיראַציעס גייען ווייטער ווי — ישראל־מדינה אין אירע היינטיקע ראַמען. אמת, דר. סילווער, וועלכער וויל אָנגיין פאַר אַ שטאַטסמאַן, רעדט ניט וועגן נייע גרענעצן פאַר ישראל, ווען עס עקזיסטירן נאָך אַזויפיל צרות מיט פאַרזיכערן אירע היינטיקע גרענעצן. אָבער אין „קאָנגרעס וויקלי" (10טן נאָוו. 1952) שרייבט דער פירער פון די ציוניסטן־רעוויזיאָניסטן יוסף שעכטמאַן אָפן, אַז די פולע זעלבשטענדיקייט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און דער פאַסיקער „סטאַטוס" זיינען נויטיק אויך צוליב דעם, וואָס די מדינה מוז זיך נעבעך האַלטן ביי די היינטיקע פּאָליטישע פאַקטן, די ציוניסטישע באַוועגונג איז אָבער פּטור פון דעם. זי קאָן, לויט שעכטמאַנען, האָבן אַן אַנדער מיינונג וועגן דער טיילונג פון ירושלים, זי איז ניט געבונדן מיטן וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט ירדן. עס איז גוט באַקאַנט, אַז אין פיל פראַגן איז דר. סילווער נעענטער דווקא צו די רעוויזיאָניסטן, און אָפּטמאָל האָט שעכטמאַן אויפן צונג דאָס וואָס סילווער האָט אויפן לונג. דאָס אַלץ זיינען פּרטים וואָס מאַכן נאָך ליידנשאַפטלעכער די דיסקוסיע וועגן „סטאַטוס".

דער שטרייט וועגן „סטאַטוס" איז אין דער זעלבער צייט באַגלייט געוואָרן מיט אַ וואַקסנדיקן קריזיס אין ציוניזם. עס איז אונטערגעגאַנגען די חלוצישע באַוועגונג אין אַמעריקע, אויף וועלכער עס זיינען פאַרטאַכלעוועט געוואָרן ריזיקע קאַפּיטאַלן, די אַמעריקאַנער יידן זשאַלעווען ניט קיין וואַרעמע ווערטער פאַר דער „מדינה", אָבער זיי אַליין ווילן פאַרבלייבן אין אַמעריקאַנער „גלות". ערב דעם ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים האָט בן־גוריון מיט ביטערניש פעסטגעשטעלט, אַז עס האָבן זיך ניט געפונען אפילו קיין 50 אַמעריקאַנער ציוניסטן, וועלכע זאָלן קומען זיך באַזעצן אין ישראל. מיט העכער אַ האַלב יאָר שפּעטער (אין מאַי 1952) האָט בן־גוריון געוואָרפן די פראַזע, אַז דער אַמעריקאַנער ציוניזם האָט „באַנקראָטירט". אויף אָט דעם הינטערגרונט האָט זיך נאָך בולטער אָנגעצייכנט דער שטרייט פאַר דער סואווערעניטעט אין יידישן לעבן.

דער שטרייט האָט געזאָלט געלייזט ווערן אויפן ירושלימער וועלט־קאָנגרעס פון ציוניזם (אויגוסט 1951). דאָ האָט מען אונטערן שאָלן פון טרומייטן אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז עס ווערט געשאַפן אַ נייע ציוניסטישע פּראָגראַם וואָס דאַרף פאַרטרעטן די באַזעלער פּראָגראַם, — אַ נייע פּראָגראַם וואָס דאַרף ברענגען באַנייאונג און אָפּ־פרישונג. ווי אַזוי עס האָט זיך געענדיקט אָט די באַנייאונג און אָפּ־פרישונג באַווייזן די שפּעטערדיקע פאַקטן, די דערמאָנטע מעלאַנכאָ־לישע דערקלערונגען וועגן „באַנקראָט פון אַמעריקאַנער ציוניזם" און אַ באַשלוס וואָס איז געפּאַסט געוואָרן אין מאַי היי־יאָר וועגן שאַפן אַ מאַרך־טראַסט פון פירנדיקע ציוניסטן און אינטעלעקטואַלן אויף אויס־צוגעפינען מיטלען ווי אַזוי צו באַנייען און אָפּפרישן די ציוניסטישע באַוועגונג. מיט איין וואָרט, די „ירושלימער פּראָגראַם" האָט נאָך דער־וויל גאָרנישט באַנייט און אָפּגעפרישט. אָבער וואָס איז יאָ אָנגעזאָגט געוואָרן מיט גדולה דורכן ירושלימער קאָנגרעס איז — אַז עס איז דערגרייכט געוואָרן אַ באַשלוס וועגן „סטאַטוס" פון דער ציוניסטי־שער וועלט־אָרגאַניזאַציע. דער „סטאַטוס"־באַשלוס האָט געזאָלט מאַכן אַ סוף צו די שאַרפע אינערלעכע רייסערייען אין ציוניזם און אָוועק־שטעלן די באַציאונגען צווישן דער ציוניסטישער פּאַרטיי און דער ישראל־מלוכה אויף אַ נייעם, פעסטן קאָנסטיטוציאָנעלן יסוד. עס האָט זיך געזאָלט אָנהויבן אַ נייע „גליקלעכע תקופה" אין דער אינערלעכער לאַגע פון וועלט־ציוניזם.

די „גליקלעכע תקופה" איז דערווייל נאָך ניט געעפנט. אין נאָ־וועמבער 1951, אין מערץ 1952 און אין מאַי 1952 האָבן די וועלט־קערפּערשאַפטן פון ציוניזם אויף זיצונגען פון עקזעקוטיוו און פון ציו־ניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט נאָך אַלץ דעבאַטירט די פראַגע פון „סטאַטוס". די כנסת האָט לסוף באַהאַנדלט אַ ביל וועגן דער דאָזי־קער פראַגע, דורכגעפירט אים אין דעם ערשטן לייענען און שפּעַ־טער... האָט די ישראל־רעגירונג דעם גאַנצן ביל צוריקגעצויגן. ערשט אין די לעצטע וואָכן (סוף נאָוועמבער) איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט וואָס האָט ווידער אַ מאָל אָנגענו־מען באַשלוסן אין דער פראַגע „סטאַטוס". גלייכצייטיק איז פאָרגעַ־קומען אַ זיצונג פון דער „כנסת", וואָס האָט ענדלעך אָנגענומען אַ ביל וועגן סטאַטוס.

⁂

די שוועריקייטן אין דורכפירן דעם ביל וועגן „סטאַטוס" נעמען זיך פון דער אוממעגלעכקייט צו דינען אין איין צייט צוויי גלייך איפּערזיכטיקע געטער. אין וואָס איז באַשטאַנען די ירושלימער רע־

זאָלוציע? — איר הויפּט־אינהאַלט איז אַ רוף פון ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס צו דער ישראל־רעגירונג צו גאַראַנטירן געזעצלעך פאַר דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אַ באַזונדערע פּאָזיציע אַלס רע־פּרעזענטאַנט פון יידישן פאָלק אין אַלע פראַגן וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם אָרגאַניזירטן אָנטייל פון יידן אין גלות אין פראַגן פון אַנטוויק־לונג און אויפבוי פון מדינת־ישראל און אין פראַגן פון גיכער איינאָר־דענונג פון עולים. ווי מיר זעען, דאַרף דער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס „רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין גלות". פונדעסטוועגן, וועגן דעם אַליין וואָלטן די פירער פון דער מדינה לייכט דורכגעקומען מיט די „גלות"־פירער פון ציוניזם. אָבער לויטן נוסח פון ירושלימער קאָנגרעס־רעזאָלוציע קומט אויס, אַז דער ציוניזם „רעפּרעזענטירט דאָס יידישע פאָלק אין גלות" אפילו אויך „אין פראַגן פון אַנטוויקלונג און אויפבוי פון ישראל". מיט איין וואָרט די רעזאָ־לוציע פון קאָנגרעס גיט די ציונים אַ געוויסע דעה אויך אין ישראל. און אַרום דעם הויבן זיך אָן די ביטערסטע שטרייטן.

אין דער פּרעסע טרעפט מען אָפט אָנצוהערענישן, אַז די שטרייטן אין ציוניסטישן לאַגער נעמען זיך אין אַ גרויסער מאָס פון דעם, וואָס די פירער פון וועלט־ציוניזם פאַרנעמען מערסטנטייל אָן אַנדער פּאָליטישע ליניע ווי די מפּא"י אין ישראל. מיר דוכט, אַז דאָס איז ניט די איינציקע סיבה. דער מפּא"ישער סאָציאַליזם איז דאָך קודם־כל ניט סאָציאַליזם, נאָר ציוניזם, וואָס קאָן לייכט דורכקומען מיט רע־ליגיע און כלעריליי שוואַרציאָרן. געוויס ווערט דער קאַמף ביטערער צוליב דער שטרעבונג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן פאַרבייגייענדיק אַרונטערצורייסן די מפּא"י. אָבער אין עצם ליגט דער עיקר פון שטרייט אין דער סאַמע נאַטור פון קאַמף פאַר מאַכט־פּאָזיציעס, פון וועלכע די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג וויל ניט און קאָן זיך ניט אָפּזאָגן, אויב זי וויל איינהאַלטן איר איינפלוס.

נאָך אַ רייע קאַמפן אין אַקציאָנס־קאָמיטעט איז די ישראל־רע־גירונג סוף־כל־סוף אַרויסגעקומען מיט דעם פריער דערמאָנטן ביל וועגן „סטאַטוס". עס האָט זיך דאָרט גערעדט (אין פּונקט 2) וועגן די אויפ־טוען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פאַר דער מדינה. אין טעקסט זאָגט זיך וועגן די דאָזיקע אויפטוען, אַז זיי זיינען דערגרייכט דורך דער „ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אין געוויסע פאַלן מיטן אָנטייל פון אַנדערע קערפּערשאַפטן". און גראָד דאָס איז די ביטערסטע פּיל פאַרן וועלט־ציוניזם. דער צוגאָב וועגן דעם „אָנטייל פון אַנדערע קער־פּערשאַפטן" (אין די אויפטוען פון ישראל) פאַרמינערט די פאַרדינסטן פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג און נעמט ביי איר צו די ראָל פון אויסשליסלעכקייט.

דער ביל האָט געררופן אײנצוגלידערן די טעטיקייט פון יידישע קערפּערשאַפטן אין דער אַרבעט פון אײנאָרדענען עולים. עס איז כדאַי צו געדענקען — דער ביל האָט גערעדט וועגן סתם „יידישע קער־פּערשאַפטן״. ישראל וואָלט הייסט דאָס געוואָלט אויסברייטערן איר באַזע. אָבער דעם ציוניזם שמעקט עס לחלוטין ניט, וואָס די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג פאַרלירט דערמיט איר מאָנאָפּאָליסטישע שטעלונג אויף פאַרבינדונגען מיט דער מדינה. דער ביל האָט גערעדט וועגן אַרבעט פאַר קיבוץ־גליות און גערופן צו פאַראייניקן אַרום דעם אַלע „יידישע געמיינדעס״ (פּונקט 4). דער ביל האָט אויך גערופן צו אַ פאַראייניקונג פון „יענע יידישע קערפּערשאַפטן״, „וואָס וועלן נעמען אויף זיך די פאַרפליכטונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַזאַ אַרבעט״ (פּונקט 5).

פּראַקטיש איז דער קאַמף אַרום „סטאַטוס״ דערפירט געוואָרן צו דער פראַגע וועגן די „אַנדערע קערפּערשאַפטן״, דאָס הייסט, צי זאָל מען אויסברייטערן די אַגענטור, צי זאָלן צו דער אַגענטור צוגעצויגן ווערן ניט־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. פאַר אונז איז עס ניט וויכטיק, ווער עס זיינען די „אַנדערע אָרגאַניזאַציעס״. פאַקטיש זיינען עס דאָך סיי ווי סיי אָדער גאַנצע אָדער האַלבע ציוניסטן. דער עיקר פון שטרייט אָבער איז וואָס דער פּראָיעקטירטער ביל נעמט צו דעם כאַראַקטער פון אויסשליסלעכקייט פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג.

פון די לעצטע באַריכטן וועגן דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט און וועגן דעם אָנגענומענעם ביל אין „כנסת״ זעט מען, אַז די שטרייטנדיקע צדדים מאַכן איצטער אַ פּרוּוו צו פאַרלאַטען זייערע שאַרפע אונטערשיידן. דער אָנגענומענער ביל אָנערקענט די ציוניס־טישע וועלט־אָרגאַניזאַציע פאַר דער אַגענטור וואָס דאַרף מיטאַרבעטן מיט מדינת־ישראל אויפן געביט פון עמיגראַציע און אײנאָרדענונג פון פּליטים און דאַרף קאָאָרדינירן די אַקטיוויטעטן פון אַלע אָרגאַניזאַ־ציעס אויף די דערמאָנטע געביטן.

פון דעם קאָנגרעס־באַשלוס אין ירושלים אין 1951 ביז די היינ־טיקע באַשלוסן פון אַקציאָנס־קאָמיטעט און כנסת וועגן „סטאַטוס״ פון דעם וועלט־ציוניזם איז אַ מהלך. לויטן באַשלוס פון ציוניסטישן קאָנגרעס האָט די ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג געדאַרפט געזעצלעך קריגן אַ „סטאַטוס״ אויף „רעפּרעזענטירן״ דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. געוואָרן איז דער ציוניזם, לויטן באַשלוס פון דער כנסת, דער הויפּט־„קאָאָרדינאַטאָר״ פון אַלע טעטיקייט־געביטן פאַר דער מדינה, בפרט אין פראַגן פון אימיגראַציע. דאָס איז דער קאָמפּראָמיס. געשלאָסן אָן חשק, איז ער אַוודאי געוועזן דיקטירט פון דער לאַגע, וואָס די

ציוניסטישע וועלט־באַוועגונג שטעלט מיט זיך נאָך פאַר אַ געוויסן כוח, מיט וועלכן די פירער פון דער מדינה מוזן זיך רעכענען. ביידע צדדים האָבן דעריבער אויף אַ געוויסער צייט געמוזט שלום מאַכן מיט די אויסזיכטן צו טיילן זיך מיטן „מאָנאָפּאָל" איבערן יידישן פאָלק.

פּאַראַלעל מיט דער פראַגע וועגן „סטאַטוס" האָבן זיך אין די ציוניסטישע קערפּערשאַפטן געשטעלט אַ ריי נייע פראַגן. בן־גוריון האָט ביים דורכפירן דעם כנסת־ביל געפאָדערט, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ „פעדעראַציע" פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען אין אַמעריקע — אַ דאַך־פּאַרטיי, וואָס וואָלט אָפּגעשוואַכט די אויסשליסלעכע דעה פון די אַמעריקאַנער אַלגעמיינע ציוניסטן. אויך אָט די פראַגע איז געלייזט געוואָרן דורך אַ פשרה. אַנשטאָט דער געפאָדערטער „פעדעראַציע" איז בלויז אויסגעברייטערט געוואָרן דער אַמעריקאַנער „קאָונסיל אָוו זייאָניזם". אינם געזעץ וועגן „סטאַטוס" איז גלייכצייטיק געבליבן אָפן אַ וויכטיקע שטרייט־פראַגע: צי עס וועט אויסגעברייטערט ווערן די יידישע אַגענץ דורך צוציען ניט־אָפיציעלע ציוניסטן.

דאָס געזעץ וועגן „סטאַטוס", וואָס האָט כלומרשט געזאָלט פאַר ענטפערן פיל פראַגן אינם אינערלעכן שטרייט אין ציוניזם, האָט פאַקטיש קיין שום וויכטיקע שטרייט־פראַגע נישט פאַרענטפערט. אָבער דער עיקר וואָס איז געבליבן ניט פאַרענטפערט איז די הויפּט־פראַגע — די פראַגע פון פּריאָריטעט. ווייל ווי מען זאָל ניט באַצייכענען די נייע ראָל פון ציוניזם — אַלס הויפּט־קאָאָרדינאַטאָר צווישן אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרנעמען זיך מיט הילף פאַר דער ישראל־מלוכה, ווי די כנסת האָט איצט געפּסקנט, אָדער אַלס „רעפּרעזענטאַנט פון גאַנצן יידישן פאָלק", ווי דער ציוניסטישער וועלט־קאָנגרעס האָט באַשלאָסן, — זיינען דאָס אַלץ שטאַרקערע אָדער שוואַכערע פאָרמולירונגען פון איין און דער זעלבער שטרעבונג: אָנצוגיין פאַר דער וועלט ווי אַ פאַקטישע (הגם נישט באַרעכטיקטע) פאַרשטייערשאַפט פונם גאַנצן יידישן פאָלק, — און פון דעם וויל דער ציוניזם זיך נישט אָפּזאָגן. און פונקט אַזוי זיינען די פירער פון דער ישראל־מדינה ניט גרייט אָפּצוזאָגן זיך פון זייער איינשטעלונג, אַז די ישראל־מדינה איז די צענטראַלסטע אידייע פון יידישן וועזן.

אַזוי האָבן זיך געשטעלט איינע קעגן דער אַנדערער צוויי ציוניסטישע שיטות: פון איין זייט דער וועלט־ציוניזם אַלס אַ כלומרשטער „רעפּרעזענטאַנט פון גאַנצן יידישן פאָלק", פון דער צווייטער זייט די ישראל מדינה — „אַלס שאַפונג פון גאַנצן יידישן פאָלק". עס בלייבט

בלויז אויסצורופן: אָרעם יידיש פֿאָלק, וואָס יעדערער וויל אים דווקא איינגאַנצן פֿאַר זיך.

⁂

און דאָס פֿאָלק גופא? דאָס פֿאָלק איז צעבראָכן פֿון חורבן היט־לער, פֿאַגראַמירט פּיזיש, רואינירט גייסטיק און שטייט פֿאַר אַ היי־ליקער אויפֿגאַבע — צו געפֿינען כוחות פֿון ניצוצים און פֿלעמלעך, פֿאַרבליבענע פֿון דער הייליקער ירושה, צעשפּרייטע איבער אַלע וועלט־טיילן און לענדער, פֿאַנאַנדערברענען אַ פֿלאַם פֿון זעלבסטאַקטיווקייט פֿון באַנייטער קולטור־שעפֿערישקייט, פֿון הייסן ווילן צו פֿאַרבינדן דעם היינט מיטן נעכטן, צו ברענגען צו אַ ברייטערער יידישער מאַסע די ירושה פֿון פּרץ און לעקערט, פֿון דורות קינסטלער און קעמפֿער, בויער און שמידער. אַ קליינערביישפּיל פֿון אַזעלכע מעגלעכקייטן איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אויף דער פֿייערונג פֿון פּרץ־סקווער אין ניו־יאָרק. זי ווערט דעמאָנסטרירט טאָג־טעגלעך דורך אָפּפּערוויליקער טעטיקייט פֿאַר קולטור־באַנייאונג — אין דערוואַכטער שעפֿערישקייט אין יידישן לעבן. און אויף דעם שטרייט וועגן בכורה אין יידישן לעבן, אויף דער פֿראַגע וועגן פּריאָריטעט, וועגן דעם — צי זאָל דאָס יידישע פֿאָלק זיין פֿאַרטראָטן אויסשליסלעך דורכן וועלט־ציוניזם און צי זאָל עס דינען איינגאַנצן די אינטערעסן פֿון דער מדינה — קאָן קומען בלויז איין ענטפֿער: דאָס פֿאָלק דאַרף קיינעם ניט דינען און איז מוחל די באַמיאונגען אים צו רעפּרעזענטירן. עס דאַרף און מוז ווערן דער אַקטיווער טרעגער פֿון זיין אייגענעם גורל, פֿון זיין שעפֿערישער קולטור־באַנייאונג, — אַ פֿאָלק וואָס עקזיסטירט ניט פֿאַר וועלכן ניט טאָטאַליטאַרן אינטערעס, נאָר פֿאַר די אינטערעסן פֿון דעם אייגענעם מאָרגן. און וואָס מער זעלבסטטעטיקייט און אַקטיוויטעט עס וועט דערוואַכן אין יידישן לעבן, אַלץ ווייניקער וועט זיין אַ גרונט צו פֿאַרנעמען זיך מיט דער בכורה איבער אים.

(„אונזער צייט״, דעצעמבער 1952)

דער אומשטערבלעכער גייסט

צען יאָר זינט דעם היסטאָרישן אַפּריל 1943, ווען עס האָט זיך צעפלאַקערט דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ...

דורך די צען יאָר האָבן וועלט־געשעענישן געיאָגט איינע די אַנדערע מיט טראַגישן אימפּעט. די וועלט האָט דורך דער צייט געזען דעם סוף פון וועלט־קריג, דעם זיג פון די עלאַיס, דעם כלומרשטן שלום, דעם קאַלטן וועלט־קריג, דעם הייסן קריג אין קאָרייע, נייע וועלט־געפאַרן, דראָאונגען פון אַטאָמישן קריג. אָבער פון צווישן די אַלע מיט אימפּעט און שפּאַנונג אָנגעלאָדענע יאָרן שיינט אַליין אַרויס פון וועלט־קאַלענדאַר די דאַטע פון 19טן אַפּריל 1943. די יידישע וועלט האָט דורך אַט דער צייט מיטגעמאַכט איינע פון די טראַגישסטע פעריאָדן פון איר געשיכטע. דער זיג פון די עלאַיס האָט אויפגע־דעקט דעם שלייער איבער אַ ווירקלעכקייט, וועגן וועלכער די וועלט האָט ניט געוואוסט אָדער ניט געוואָלט וויסן. די בעסטיאַלישע אויס־ראָטונג פון זעקס מיליאָן יידישע נפשות איז פאַרבליבן און פאַרבלייבט הענגען ווי אַ שטיק פינצטערניש איבערן יידישן לעבן. אָבער פון די כראָניקעס פון גורל און שרעק וואָס ליגן ווי שווערער בליי אויפן געמיט פון די לעבן־פאַרבליבענע יידן פונם פעריאָד פון שחיטה און אומקום, — שיינט אַליין אַרויס מיט טרייסט די דאַטע פון יידישן אויפ־שטאַנד אין וואַרשע.

די דאַטע איז בלויז אַ סימבאָלישע. דער 19טער אַפּריל איז ווייט ניט געווען דער אָנהויב פון יידישן ווידערשטאַנד. אויפשטאַנדן און העראָאישע קאַמפן זיינען געווען ניט בלויז אין וואַרשע. ביאַליסטאָק, קרינקי, נעסוויזש און קלעצק, קאָברין און בריסק, טרעבלינקע אין טראַווניקי, — צענדליקער שטעט, שטעטלעך, געטאָס און טויט־לאַגערן זיינען געווען די אַרענע פון הערויִשע קאַמפן און פאַרביסענעם יידישן ווידערשטאַנד. אָבער אין מערסטנטייל פון די דאָזיקע קאַמפן האָט צו דער עפנטלעכקייט ניט דערגרייכט ניט דער פאַרשטיקטער ווייגעשריי פון געפייניקטן קרבן, נישט זיין מוטיקע אַרויספאָדערונג צום בעסטיאַלישן שונא. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט אַ טרייסל געטאָן די טויט־שטילקייט אַרום די קעמפער און זייער

אומקום. צוזאַמען מיטן העראָאישן אַקט פון אַרטור זיגעלבוים — האָט ער געצוואונגען ברייטערע קרייזן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט צו עפענען די אויגן און אָפּשטאָפּן די אויערן. דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז געוואָרן סימבאָליש, ווייל ער שפּילט אָפּ דעם קאַמף און אומקום פון די יידן אין פּוילן, דעם קאַמף און אומקום פון אַ גרויסן טייל פון די יידן אין אייראָפּע.

דער שטרייט וועגן באַוואָפנטן אויפשטאַנד

די אויפשטאַנדן אין די געטאָס זיינען געווען דער הויך־פּונקט פון די ביטערע ראַנגלענישן פון דער פּיל מיליאָניקער באַפעלקערונג, אויף וועלכער די טייוולאָנישע כוחות האָבן גוזר געווען פאַרטיליקונג. אי'ן דער יידישער געזעלשאַפט אין די געטאָס איז אַ געוויסע צייט אָנגעגאַנגען אַ שטרייט וועגן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. עס זיינען געווען חלוקי־דעות וועגן דעם, צי אַ באַוואָפנטער ווידערשטאַנד איז צוועקמעסיק, און צי ער וועט נישט בלויז פאַרגרעסערן אומזיסט די צאָל קרבנות פון יידישן כלל. אין באַריכט פון אונטערערדישן „בונד", (אַרויסגעשיקט פון וואַרשע, דעם 31טן אויגוסט 1942) ווערט וועגן דעם געזאָגט:

„דער באַוואוסטזיניקער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ האָט קלאָר פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, נישט געקוקט אויף דעם פאַקט, וואָס עס זיינען נישט געווען קיין שאַנסן, ער זאָל אָננעמען אַ ברייטערן פאַרנעם צוליב דער אַטמאָספער וואָס איז בכיוון געשאַפן געוואָרן דורך די דייטשן אין געטאָ און מחוץ דעם געטאָ. אָבער די מער קאָנסערוואַטיווע שיכטן ביי די יידן זיינען געווען קאַטעגאָריש קעגן דעם געדאַנק פון אַזאַ ווידערשטאַנד, פאַררופנדיק זיך דערויף, אַז דאָס וואָלט באַדייט די תיכפדיקע פאַרניכטונג פון די יידן, ווי אַ פּועל־יוצא פון דער נקמה מצד דער דייטשער מאַכט, און אַז פאַרן גאַנצן ישוב וואָלט עס געהאַט קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן. דעריבער טאַקע איז יעדער מעגלעכער וועג פון ווידערשטאַנד פאַראַליזירט געוואָרן, כדי דער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג וואָס וואָלט געשטעלט דעם ווידערשטאַנד זאָל נישט ציען אויף זיך די אחריות פאַר דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג".

ווי מיר זעען, האָט די מאָראַל פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, איר טיפע זאָרג נישט פאַר די אייגענע, נאָר פאַר אַנדערע יידישע לעבנס, איר אחריות פאַרן גאַנצן ציבור אָפּגעהאַלטן און געהאַמעוועט אַ באַוואָפנטע אַרויסטרעטונג. אַ פאַרשטעלונג וועגן אָט די חלוקי־דעות

גיט אונז דאָס נאָטיץ־בוך פון ווילנער ייוואָ־געלערנטן ז. קאַלמאַנאָוויטש. פון אָט די נאָטיצן זעט מען אַז צווישן די קאָנסערוואַטיווע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט איז אפילו אויפגעקומען אַ טעאָרעטישע שיטה וואָס האָט סבלנות און געדולד געמאַכט פאַר איר פאַן, און פאַר איר הויפּט־אידייע — דאָס איינהאַלטן דאָס לעבן פון יעדן יידישן יחיד. ז. קאַלמאַנאָוויטש פאַרטרעט מסתמא אַ געוויסן שיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווען ער טאַדלט ווי „פחדנים" און „צעטומלטע" די יעניקע וואָס „ריידן וועגן אַריינברעכענגען וואָפן" אין געטאָ. און אַזעלכע פאַרצייכענונגען געפינען מיר אין ז. קאַלמאַנאָוויטשעס טאָג־בוך אפילו 3 חדשים נאָכן וואַרשעווער אויפשטאַנד, הגם ער אַליין איז פון וואַרשעווער אויפשטאַנד אַ ביסל צעטומלט. ער דערקלערט: „מיר ווייסן ניט די געשעענישן דאָרטן", „מען קען זיך פאָרשטעלן, אַז דאָרטן (אין וואַרשעווער געטאָ) האָבן אונזערע יונגעלייט פאַרטיידיקט אַ מער כללישן ענין... ווי דאָס לעבן פון צוואַנציק טויזנט נפשות".

מיר פאַרצייכענען די דאָזיקע שטעלונג, ווייל אָט די שיטה ווערט איצט גאַנץ אָפט אין דער יידישער געזעלשאַפט אַרויסגערוקט ווי אַ העכערע מין תורה, אין פאַרגלייך מיט די אידייען, וועלכע האָבן באַ־גייסטערט די קעמפער אין די געטאָס. אייניקע יידישע שרייבער האָבן מיט זייערע פעדערס דאַ־הי — דערהויבנדיק באַזונדערס שטאַרק אָט די „העכסטע" תורה פון סבלנות — אָנגעהויבן פאַקטיש אַ שטילע רעוויזיע פון דער אידייע פון אויפשטאַנד. דיווירקלעכקייט האָט באַוויזן, אַז די אידייע פון „סבלנות" איז געווען אַ שעדלעכע און גע־פערלעכע. דער צאָרן קעגן די, וואָס ווילן נעמען געווער, האָט מאַנכע געהאָלפן פאַרשטויסן אין אָפגרונטן פון געפאַלנקייט. (וועגן אָט די אָפּגרונטן פון געפאַלנקייט געפינען מיר געגנוג באַגלויבטע ידיעות אין די אונטערערדישע באַריכטן פון „בונד", ווי אין די ווערק פון בערנאַרד גאָלדשטיין, וולאַדקע, מרדכי שטריגלער, מאַרק דוואָרזשעצקי, סוצקע־ווער און פיל אַנדערע). אַגב, אַ קלאָרער ענטפער אויף דער שיטה, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די דערמאָנטע מעמוארן, איז שוין געגעבן געוואָרן דורך דער ווירקלעכקייט. ער איז געגעבן געוואָרן דורכן לעבן און טויט פון אַרטור זיגעלבוים, דורכן לעבן און טויט פון אַבראַשאַ בלום און לעאָן פיינער, דורך מיכאל קלעפּפיש און אַנילע־וויטשן, דורך די קלאָגס און ראָטהויזערס, דורך די תליות פון אַבראַם כוואָיניק, אַסיע ביק און קאַפּלאַן און דורך צענדליקער טויזנטער אַנדערע קדושים.

דער שרייבער פון די מעמוארן — ווי שטאַרק ער איז נישט אויפ־געערגט אויף די וואָס ווילן אַריינפירן געווער אין ווילנער געטאָ — לאָזט פונדעסטוועגן צו דעם געדאַנק, אַז אין וואַרשעווער אויפשטאַנד

האָט מען אפשר פּאַרטיידיקט אַ „מער כּללישן ענין". די ווירקלעכקייט באַווייזט אָבער, אַז אין וואַרשע האָט מען געקעמפּט פּאַרן זעלבן „כּללישן ענין", ווי אין ביאַליסטאָק און פיל אַנדערע שטעט און שטעט־לעך. דאָס איז דער זעלבער „כּללישער ענין" וואָס האָט באַגייסטערט דעם קעמפער פון ייִדישן ווידערשטאַנד אומעטום. הײַנט קאָן מען נישט ספק, אַז די אויפשטאַנדן האָבן אפילו אין פרט פון ראַטעווען ייִדישע נפשות, וואָס איז לכל־הדעות אַ וויכטיקער „כּללישער ענין", עטוואָס פּאָרט דערגרייכט. ערשט נאָך דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז געקומען אַ געוויסע אויפרודערונג אין דער וועלט, און 300 טויזנט ייִדן, וועלכע האָבן געזאָלט דעפּאָרטירט ווערן פון אונגאַרן, זײַנען געראַטעוועט געוואָרן פון זיכערן טויט. מען קאָן נישט בוכהאַלטעריש וועגן און מעסטן אַ פּינקטלעכע צאָל נפשות וואָס דער אויפשטאַנד האָט געהאָלפן ראַטעווען. אָבער עס איז נאָכן אויפשטאַנד זיכער געשאַפן געוואָרן אַ מער וואַרעמע אַטמאָספער אַרום דעם פּוילישן „קאָמיטעט צו העלפן ייִדן". און אויב די אַטמאָספער איז נאָך נישט געווען גענוג וואַרים אויף צו באַשיצן אַלע אויסבאַהאַלטענע ייִדן מצד כּוליגאַנעס, שאַנטאַזשיסטן און „שמאַלצאָווניקעס", האָט זי פּאָרט געהאָלפן צו דערוואַרעמען וויניקסטנס דעם קליינעם, בעסערן טייל פון דער פּויליִ־שער געזעלשאַפט צום קאַמף קעגן די וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צו דער פאַרטיליקונג פון די רעשטלעך לעבן־געבליבענע. די אויפרו־דערונג אין דער וועלט האָט געראַטעוועט אַ געוויסע צאָל ייִדישע נפשות קיין שוועדן, זי האָט באַגייסטערט די הויך הומאַניסטישע רעטונגס־אַרבעט אין האָלאַנד, בעלגיע, דענעמאַרק און פראַנקרײַך. מען דאַרף די דאָזיקע פּראַקטישע רעזולטאַטן נישט איבערטרײַבן. די צאָל גע־ראַטעוועטע פון בלוטיקן מבול איז געווען קליין און נישטיק. אָבער הײַנט קאָן מען שוין נישט ספק, אַז ווען נישט די אויפטרייסלונג פון דער וועלט נאָך די אויפשטאַנדן אין די געטאָס, וואָלט די צאָל קרבנות געווען נאָך גרעסער, און דער נאַציזם וואָלט געקומען נאָך נענטער צו זײַן ציל פון טאָטאַלער פאַרניכטונג פון אַלע ייִדן אין דער אָקופּיר־טער אייראָפּע.

דער טויט-אורטייל

די הײַנט פאַראַנענע פאַקטן האָבן פולשטענדיק אַנטשיידן דעם שטרייט, צי די ייִדן וואָלטן זיך געראַטעוועט פון אומקום דורך נישט „רייצן" די ווילדע נאַצישע בעסטיע. די מאַטעריאַלן פון דײַטשע אַרכיוון באַשטעטיקן הײַנט פולשטענדיק, אַז דער גזר וועגן פאַרטיליקן אַלע ייִדן איז טאַקע געפאַלן אומאָפּהענגיק פון דעם ווי עס וועט זײַן

די אויפפירונג פון די יידן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן באַשטעטיקן אויך, אַז די נאַציס האָבן געשטרעבט צו דערגרייכן דעם „ענדציל" בסוד סודות, ווילנדיק ניט דערוועקן קיין חשד וועגן אַזאַ גזירה ניט ביי די אָנגעמערקטע קרבנות, ניט ביי דער ברייטער וועלט.

די אַרכיוו־מאַטעריאַלן באַשטעטיקן אין פולער מאָס, אַז באַלד ביים אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה האָט היטלער־דייטשלאַנד באַשלאָסן און געחתמעט אַ טויט־אורטייל איבערן יידישן פאָלק. נאָך פאַר דער וועלט־מלחמה, אין יאַנואַר 1939, האָט היטלער אין זיין רייכסטאַג־רעדע אָנגעזאָגט, אַז אויב „דאָס אינטערנאַציאָנאַלע יידנטום וועט מצליח זיין אין אַריינוואַרפן פעלקער אין אַ וועלט־מלחמה, וועט דער סוף זיין ניט די באָלשעוויזירונג פון דער ערד און דער נצחון פון יידנטום, נאָר די פאַרניכטונג פון דער יידישער ראַסע אין אייראָפּע". דעם דאָזיקן סטראַשונעק האָט היטלער איבערגעחזרט אין אַ רייכסטאַג־רעדע דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 און אין אַ רייע שפּעטערדיקע אַרויסטרעטונגען. אין זיין בוך „היטלערס פּראָפעסאָרן" באַווייזט מאַקס ווײַנרייך מיט אַ שלל מאַטעריאַלן, אַז די אידייע וועגן אָפּרעכענען זיך מיט יידן איז נאָך פאַר דער מלחמה ברייט צוגעגרייט געוואָרן דורך דער דייטשער וויסנשאַפט.

(„אונזער צייט", אַפּריל 1953)

300 און 75

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַמעריקע גרייט זיך צו פייערן אַ גרויסע געשיכטלעכע דאַטע, — 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע. מיט 300 יאָר צוריק, אין סעפטעמבער 1654 האָבן דריי און צוואַנציק יידן, אַנטלאָפן פון רדיפות פון דער קאַטוילישער אינקוויזיציע אין בראַזיל, באַטראָטן דעם באָדן פון צפון־אַמעריקע און זיך באַזעצט אין ניי־אַמסטערדאַם, מאַנהעטן. ניט די נייע יידישע אימיגראַנטן אַליין און ניט אימיצן אַנדערש אין דער וועלט וואָס האָט אין יענעם סעפטעמבער 1654 געהאַט אַ שייכות צו דער באַזעצונג פון דער קליינער גרופע יידן, האָט געקאָנט גאָר איינפאַלן, אַז זיי באַטייליקן זיך אין דער געבורט־דאַטע פון אַ גרויסן געשיכטלעכן וואונדער, אַז זיי שטייען ביי דער היסטאָרישער וויגעלע פון גרעסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט.

די דאַטע וואָס איז פאַרבונדן מיטן אָנהויב פון ישוב אַמעריקע לייגט היינט אַרויף אַ חוב פון היסטאָרישן חשבון־הנפש און פאָדערט אויף אַ טיפערן אַריינבליק אין די פערספעקטיוון און ווייטערדיקע אויסזיכטן פון יידישן קיום.

אין דער יידישער געזעלשאַפט מערקן זיך אָן פּלענער פון ברייטע פייערונגען. עס עקזיסטירט שוין אַ קאָמיטעט פון 300 (צוזאַמענגע־שטעלט פון 300 „פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן" בכדי צו סימבאָ־ליזירן די 300 יאָר). עס ווערן פאַרעפנטלעכט פּראָיעקטן פון אויס־גאַבן פון ענציקלאָפּעדישער נאַטור אויף צו שטודירן די געשיכטע פון די 300 יאָר. עס ווערן פאַרויסגעזען גאָטדינסטן און אַנדערע פייע־רונגען אין די סינאַגאָגעס. מען פּלאַנירט אַ זאַמלונג פון מיטלען אויף „מאָנומענטן", וועלכע זאָלן סימבאָליזירן די ראָל פון יידן אין פרייהייט־קאַמף פון אַמעריקע. עס ווערן דיסקוטירט צענדליקער געגנוג נוצ־לעכע און וויניקער נוצלעכע פּראָיעקטן.

אָבער מען מוז לכתחילה זיך אָפּגעבן אַ חשבון: די פייערונגען קאָנען זיין זייער נוצלעך, אויב זיי זאָלן ביישטייערן צום הויבן דעם נאַ־ציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון דער אַמעריקאַנער יידישער מאַסע, אויב זיי זאָלן זי אָנרעגן צו קאָלעקטיווער שעפערישקייט און העלפן איר געפינען אינעם נעכטן האָפענונגען פאַרן מאָרגן. די פייערונגען וועלן זיין פיל

וויניקער נוצלעך, אויב זיי וועלן זיין אויסגעפילט דער עיקר מיט ראַבאַאישע אָדער אַנדערע שיין־רעדנערישע פּרעדיקטן וועגן „פּינטעלע ייד", מיט איינשלעפערנדיקער זעלבסטצופרידנהייט, אָדער מיט „טריי־אונטערטעניקער" דרשות פון ליבע צו אַמעריקע, — טרייסאַפט און ליבע, וועגן וועלכער מ׳איז גרייט אין אַזוינע פאַלן פיל צו ריידן און וועגן וועלכער קיינער ספקט גאַר ניט.

אַמעריקאַנער יידן האָבן ליב דאָס לאַנד. עס גיט זיי די זיכערהייט פון אַ גוטער היים, אַ געפיל פון פאַרוואָרצלטקייט און איינגעבירגערט־קייט. זיי שאַצן הויך די ברכות פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע. אָבער די אַמעריקאַנער האָבן פאָרט נאָך ניט געפונען דעם וועג פון פולן אויסלעבן זיך אַלס אַמעריקאַנער און יידן. פיל פון זיי באַטראַכטן אַ פולבלוטיק שעפעריש יידיש לעבן ווי אַ סתירה צו אַ פרייען אויסלעבן זיך אַלס אַמעריקאַנער. אָבער נאָר אַ רייך יידיש לעבן, אין די ראַמען פון ברייטסטער דעמאָקראַטיע, וואָלט געקאָנט ביי די ברייטסטע יידי־שע קרייזן באַזייטיקן דאָס געפיל פון פסיכישער צעצוויטקייט און אַריינטראָגן אין זייער לעבן פולקייט און האַרמאָניע. אין יידישן לעבן מערקן זיך טאַקע היינט ליידנשאַפטלעכע זוכענישן פון נאַציאָ־נאַלן אינהאַלט, פון ציל און אָנשפאַר, אַ בענקשאַפט נאָך מער האַרמאָ־ניע און גאַנצקייט. אַנטשפרעכנדיקע פייערונגען פון 300 יאָר יידיש לעבן וואָלטן געקאָנט פאַרטיפן די זוכענישן, העלפן געבן אַ נייעם תיקון אין די 300 יאָר יידיש לעבן, אויספילן עס מיט אַ נייעם אינהאַלט, און איינפאַסן עס אין אַ ראַם פון יידישע קולטור־שטרעבונגען פון דורות. זיי וואָלטן געקאָנט לערנען דעם יונגן אַמעריקאַנער ייד, אַז יידיש לעבן איז ניט פאַספאַרטלאָז, עס פאַרמאָגט אַ שיינעם ספר היוחסין און מען מעג זיין שטאָלץ צו זיין באַהאַפטן אין אים און צו העלפן טראָגן ווייטער אין דער צוקונפט די קולטור־אַספּיראַציעס פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע.

ליידער זיינען די אויסזיכטן זייער קליין, אַז די פּראָיעקטירטע פייערונגען זאָל צוגעגעבן ווערן אַזאַ מין נאַציאָנאַל־דערהויבנדיקער אינהאַלט. שוין דער ערשטער טאָן פון די צוגרייטונגען צו די פייע־רונגען שלאָגט אָן אין ביליקן פּאַטריאָטיזם און סענסאַציע. מען רעדט און מען שרייבט פיל וועגן „נס" אַמעריקע, אָדער וועגן די ערשטע 23 יידן פון בראַזיל, וועלכע זיינען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק, און זייער וויניק — וועגן די דינאַמישע כוחות אין יידישן לעבן, וועלכע האָבן גורם געווען דעם וואונדערלעכן וואוקס פון יידישן ישוב. פּונקט ווי עס וואָלט געווען וויכטיק צו שאַפן אַ מין אייגענע יידישע „מעי־פלאַוער" טראַדיציע מיט דער שיף „סט. טשאַרלז", וואָס האָט געבראַכט פון בראַ־

זיל די ערשטע 23 יידן, — אז זי זאָל עס אָנהויבן אָט די נייע יידיש־אַמעריקאַנישע טראַדיציע. דער פאָלקישער יידישער שאַפונגס־גייסט נויטיקט זיך אָבער נישט אין „מעי־פלאַוער"־לעגענדעס אויף צו הויבן דעם אייגענעם נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין און ווירדע־געפיל.

פונקט אַזוי ווי אַמעריקע אַליין איז אַ פּראָדוקט פון אַ שמעלץ־טאָפּ, וואו עס האָבן זיך אויף אַן אייגנאַרטיקן און אינטערעסאַנטן אופן אינטעגרירט אַלע זוכערישע עלעמענטן פון דער אַלטער וועלט, אַזוי איז דאָס אויך דער יידישער קיבוץ פון אַמעריקע. דער יידישער שמעלץ־טאָפּ האָט דורכגעמאַכט אַ פאַרוויקלטן און קאָמפּליצירטן וועג, אָנהויבנדיק פון אויסשמידן דעם ערשטן טיפּ פון יידישן געמיינדע־לעבן, דעם טיפּ פון ספרדישן סינאַגאָגאַלן ייד; ער האָט פאַרגעזעצט מיט שאַפן יידישע קהלשע אינסטיטוציעס, אויסגעבויט דורך דער מערב־אייראָפּעאישער, דער עיקר דייטשער, אימיגראַציע, און ער האָט דערגרייכט זיין הויכפּונקט מיט דער אימיגראַציע־כוואַליע פון מזרח. ערשט מיט אָט דער אימיגראַציע־כוואַליע האָט דער יידישער קיבוץ אין אַמעריקע געקראָגן זיין היינטיקן כאַראַקטער און פּנים. דורכמאַכנדיק די דערמאָנטע מעטאַמאָרפאָזעס, פון סינאַגאָגאַלער יידישקייט דורך וואָילטעטערישער יידישקייט האָט דער ישוב אין די לעצטע 75 יאָר דערגרייכט צו זיין העכסטער מדרגה פון שעפערישקייט. עס איז אויפגעקומען אַ יידישע פּרעסע מיט אַ ריזיקער ווירקונג אין לאַנד און אין אויסלאַנד, יוניאָנס, לאַנדסמאַנשאַפטן, פראַטערנאַלע אָרגאַני־זאַציעס, ליטעראַטור, שרייבער און דיכטער. עס האָט זיך גענומען שמידן אַ יידיש אַמעריקע, וואָס דווקא זייענדיק יידיש העלפט זי אָם שטאַרקסטן באַרייכערן און באַפרוכפּערן דאָס לעבן פון ברייטערע מאַסן אין אַמעריקע. די נייע אימיגראַנטן האָבן געירשנט דעם עמאַנציפּאַציע־דורשט פון די פריערדיקע דורות אימיגראַנטן, דעם הייסן גלויבן אין פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט פון 19טן און 20טן יאָר־הונדערט, די הומאַניסטישע בענקשאַפטן, וועלכע זיינען צייטיק גע־וואָרן אין די הערצער אונטערן פּרעס פון צאַריזם, די אמונה אין אַ שענערער וועלט, וועלכע איז דורכגעטראָגן געוואָרן דורך דורות ליידן און פּיין. אָט די נייע יידישע אימיגראַציע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט 75 יאָר צוריק, האָט געבראַכט מיט זיך קאַמפּס־לוסט, אמונה און בטחון. זיי זיינען עס געוואָרן דער יסוד פון דער שטאָלצער יוניאָן־באַוועגונג, וועלכע די יידישע אימיגראַנטן, די שניידער און נייטאָרינס, האָבן מיט זיך געבראַכט פון דער אַלטער היים. די נייע יידישע מאַסן־אימיגראַציע האָט געלייגט איר אַנטשיידנדיקן שטעמפּל אויף דעם יידישן קיבוץ. פון געמיש, פון שמעלץ־טאָפּ שיילט זיך אויס אַ צענטראַלע אידייע. די יידישע מאַסע אין אַמעריקע קריגט

צוזאַמען מיט איר פּרעסע אויך איר לשון. די יידישע מאַסע ברענגט מיט זיך די קדושה פון די לעקערטס, און זי באַזינגט אַט די קדושה אויף לעקערטס שפּראַך.

דער יידישער ישוב אין אַמעריקע איז אָבער ווייט ניט מאָנאָ־ליטיש. פּאַראַלעל מיט די שעפערישע און נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקע עלעמענטן אין יידישן לעבן, ווירקן און זיינען זייער איינפלוסרייך אַנדערע עלעמענטן מיט קעגנזעצלעכע טענדענצן. אָבער עס וועט זיכער זיין אַ גרויסער נאַציאָנאַלער אויפטו, אויב די דערגרייכונגען פון די לעצטע 75 יאָר וועלן אין די פייערונגען ווי געהעריק ווערן אַנערקענט און אָפּגעשאַצט, דעמאָלט — און נאָר דעמאָלט — קאָנען די פייערונגען ווערן אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר ווייטערדיקער שעפע־רישקייט.

אָבער מען דאַרף קוקן די פאַקטן אָפן אין די אויגן. ווי געזאָגט, זיינען דערוויל זייער קליין די פּערספּעקטיוון, אַז די פייערונגען פון 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע זאָלן קריגן אַ וויכטיקן נאַציאָנאַל־דערהויבנדיקן כאַראַקטער. און ניט נאָר צוליב דעם דערמאָנטן פון לכתחילה איינגעשטעלטן טאָן פון די הכנות. אַט דער טאָן גופא איז גיכער אַליין אַ רעזולטאַט פון עפּעס אַנדערש. דאָס איז אַ רעזולטאַט פון פיליאַריקער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. עס האָט זיך דאָ איינ־געשטעלט אַ טראַדיציע, אַז פראַגן פון אַמעריקאַניזם זיינען די חזקה פון דער יידישער אַסימילירטער און האַלב־אַסימילירטער ביוראָקראַטיע. דער מעכטיקער אויפשוואונג פון דער יידישער מאַסן־באַוועגונג פאַר דעם לעצטן העכער האַלבן יאָרהונדערט האָט ניט באַוויזן צו צע־שמעטערן די דאָזיקע טראַדיציע, הגם ער האָט פאַרט געמאַכט ערנסטע דורכבריכן אין אירע געפאַנצערטע פעסטונגען. פון די צייטן פון „פיפּלס רעליעף", פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דורכן יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט נאָך אונטער וולאַדעקן, — ביז היינט, איז כסדר געוואַקסן די געזעלשאַפטלעכע וואָג פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע אין לעבן פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ. פּאַראַלעל מיט דעם איז געוואַקסן די ראָל פון „עמך" בכלל. און עס האָט גענומען איינשרומפּן די פריערדיקע אויסשליסלעכע ראָל פון די יאַהודישע יידן. אָבער אַט די דערמאָנטע חזקה האַלט נאָך אָן אויף פאַרשיידענע געביטן, און עס איז נאַטירלעך, אַז אַם שטאַרקסטן קלאַמערן זיך גראַד די יאַהודישע אַסימילירטע יידן אין זייער חזקה צו זיין די פירשפּרעכער פון יידישן „אַמעריקאַניזם". און הינטער די קוליסן, וואו עס איז געמייסטרעוועט געוואָרן דער „קאָמיטעט פון 300", זיינען אַט די טענדענצן צום בולטסטן געקומען צום אויסדרוק.

אַלע עפנטלעכע סטייטמענטס פונם „300־יאָריקן יובילײ־קאָמיטעט"

באַווייזן, אַז די יאַהודיש־גבירישע אַסימילאַציע קומט ניט צו די פייע־רונגען מיט קיין שום נייע אידייען, וואָס זאָלן זיי כאַטש אַ ברעקל דערנענטערן צו דער „יידישער" אַמעריקע.

די איניציאַטיוו אויף צוגרייטן די פייערונגען האָט גענומען אויף זיך די „דזשואיש היסטאָריקאַל סאָסייעטי" צוזאַמען מיטן „אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע". דער פאָרזיצער פון איניציאַטיוו־קאָמיטעט, ראַלף סאַמועל, האָט אין זיין ערשטן עפנטלעכן סטייטמענט אויף פאָלגנדיקן אופן פאָרמולירט די צילן פון דער פייערונג.

„כמעט דריי יאָרהונדערטער זיינען אַוועק זינט סעפּטעמבער 1654, ווען די ערשטע יידן זיינען אָנגעקומען אין נייעם אַמסטערדאַם אין זוכעניש נאָך רעליגיעזער פרייהייט. אין דער צייט, ווען זיי האָבן אויס־געבויט אַ בליענדיקן אַמעריקאַנער יודאַאיזם, האָבן די יידן פון אַמע־ריקע זיך צונויפגעשלאָסן מיט בירגער פון אַלע אַנדערע אמונות און אָפּשטאַמונגען אויף צו שאַפן יענע אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישע צי־וויליזאַציע, וועלכע מיר פאַרמאָגן היינט". אין זיינע ווייטערדיקע טיילן באַנוצט דער סטייטמענט זייער פיל פראַזן וועגן אידעאַלן, טראַדיציע, בטחון, אָבער די איינציקע קאָנקרעטע זאַך, וואָס דער סטייטמענט דערמאָנט, פאַרבלייבט פאָרט, אַז די יידן אין אַמעריקע האָבן „אויסגעבויט אַ בליענדיקן אַמעריקאַנער יודאַאיזם". און ער רופט מחמת דעם צו פייערן דעם יום־טוב אין די סינאַגאָגעס און אין יעדן טיפּ פון נאַציאָנאַלער און לאָקאַלער אָרגאַניזאַציע.

מען קאָן נישט פאַראיבל האָבן אויף די יידן פון יובל־קאָמיטעט, פאַר וועמען עס קומט אויס, אַז דער וויכטיקסטער בדן וואָס יידן האָבן דורך דריי הונדערט יאָר געבראַכט אַמעריקע, איז אַ „בליענדיקער אַמעריקאַנער יודאַאיזם". דאָס זיינען דאָך טאַקע די איינציקע בלי־אונגען וואָס וואַקסן אויפן בוים פון יאַהודישער אַסימילאַציע, און אַנדערע פרוכטן פון גאָרטן פון יידישן לעבן זיינען איר ווילד־פרעמד.

דער אָטעם פון פרעמדקייט צוםווירקלעכן יידישן לעבן ווייעט פון אַלע פּלענער און פּראָיעקטן פון יובל־קאָמיטעט. מען גרייט זיך צו פאָרשן אַלטע מנהגים, ערשטע סינאַגאָגעס, סעמעטעריס. דער קאָ־מיטעט קלייבט זיך אויסצוגעבן פיל געלט אויף דאָקומענטאַציע־אַרבעטן. געוויס קאָנען אַזעלכע אַרבעטן זיין העכסט נוצלעך אין פאַר־טיפן די פאָרשטענדעניש פאַר דער פאַרגאַנגענהייט. געוויס איז נוצלעך, למשל, אַזאַ אַרבעט ווי די וואָס איז נאָר וואָס דערשינען, ווי אַן איינלייטונג צו די יובל־פייערונגען, פון ראַבאַי דע סאָלאַ פּול וועגן ערשטן יידישן בית־עולם אין ניו־יאָרק א. נ. „פאָרטרעטן אויסגע־קריצט אין שטיין". אָבער אַפילו פאָרשונגס־אַרבעטן וועגן סעמעטע־

ריס קאָנען געמאַכט ווערן פֿאַרשיידן, נישט אַלע מאָל זיינען סעמעטעריס נאָר אַ זכר אויף די פֿאַרשוואונדענע, אַמאָל זיינען זיי אַ רוף צו המשך און לעבן. צי וואָלט „דער 300־יאָריקער יובל־קאָמיטעט" געפֿונען אינטערעס פֿאַרן לעבנס־ווערק פֿון צענדליקער מענטשן, אויסגעקריצט אין מענטשלעכע הערצער, ווי די וואָס רוען אויפֿן מאָונט־כרמל־סעמעטערי פֿון אַרבעטער־רינג, — פֿון שלום־עליכמען ביז רייזענען, פֿון אהרן ליבערמאַנען, וולאַדעקן, ליעסינען, בחן, מעדעמען און פֿראַנץ קורסקין? פֿון אַלע פּלענער און פּראָיעקטן פֿון יובליי־קאָמיטעט דרינגט, אָבער, אַז דער אינטערעס פֿון די 300־יאָריקע יובליי־יידן באַגרענעצט זיך צו הזכרת־נשמות, אָבער שפּרייט זיך נישט אויס אויפֿן לעבעדיקן לעבן, ווי אויך נישט אויף די שטרעבונגען, אידייען, זוכענישן און געראַנגל, וועלכע באַאיינפֿלוסן נאָך היינט דאָס יידישע מאַסן־לעבן.

אָט די איינשטעלונג פֿון יובליי־קאָמיטעט איז בולט געקומען צום אויסדרוק אויף דער גרויסער קאָנפֿערענץ, וועלכע איז אין אַפּריל פֿאַרגעקומען אין ניו־יאָרק, כדי פֿאָרמעל אויפֿצושטעלן דעם „300־ער קאָמיטעט". די קאָנפֿערענץ איז געווען רייך מיט פּאַטריאָטישער דעקלאַמאַציע, אויסגעפּילט מיט סצענישע עפֿעקטן, ביי וועלכע מען האָט אַרויפֿגעפֿירט אויף דער סצענע צוויי יידישע נאָבעל־פּרייז־געווינער; אָבער זי איז געווען אָרעם אין גייסט, קבצניש אין אינהאַלט, אויסגעליידיקט פֿון יעדן פּרוּוו צו שילדערן די גרויסע שליחות וועלכע די מזרח־יידן, די טאַטעס און זיידעס פֿון די נאָבעל־פּרייז־געווינער, האָבן געבראַכט קיין אַמעריקע.

עס איז נאָך דער קאָנפֿערענץ געווילט אָדער, ריכטיקער, נאָמינירט געוואָרן דער „300־ער קאָמיטעט", וואו די יאַהודישע קאָנפֿערענץ־מאַכער האָבן געטיילט כּיבודים אויף פֿאַרשיידענע ערן־אַמטן אין קאָמיטעטן און קאָמיסיעס פֿון דעם „300־ער קאָמיטעט". די יידישע געזעלשאַפֿט וואָלט געמעגט האָבן דעם קנאַפּסטן אינטערעס פֿאַר דעם אופֿן ווי די כּיבודים זיינען ביים „300־ער קאָמיטעט" פֿאַרטיילט געוואָרן. אָבער איין פּרט דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן, ווייל ער וואַרפֿט דעם ליכטיקסטן שיין אויף דער גאַנצער איינשטעלונג פֿון דאָזיקן קאָמיטעט.

לאָמיר עס פֿאַרצייכענען מיט די ווערטער פֿון דר. ש. מאַרגאָשעס, וועלכער איז אין גרויסן און אין גאַנצן אַ וואַרעמער אַפּאָלאָגעט פֿון דעם 300־ער קאָמיטעט.

אין זיין ענגלישן קאָלום („טאָג", אַפּריל 16) זאָגט ער וועגן צוזאַמענשטעל פֿון קאָמיטעט:

„עס איז אַ פֿאַרדריסלעכע אויסמיידונג, וואָס די פֿירער פֿון דער

קאָנפערענץ האָבן פאַרפעלט איינצושליסן אין דער ליסטע פון קאָ־טשערמאַנס אָדער ערן־טשערמאַנס פאַרשטייער פון דער יידישער ליי־טעראַטור, יידישער פרעסע און יידישע פראָטערנאַלע קערפערשאַפטן. דאָס אַריינגעמען זיי וואָלט געדינט ווי אַ פאַרזיכערונג צו אַ ברייטן סעקטאָר פון דעם יידישן עולם, אַז די יידישע דערגרייכונגען פון די לעצטע 75 יאָר, ספּעציעל זינט דעם אָנהויב פון דער יידישער אימי־גראַציע פון מזרח־איראָפּע, וועלן ווי געהעריק אָנערקענט ווערן און וועלן געשטעלט ווערן אין דער געהעריקער פּערספּעקטיוו אַלס אַ טייל פון יידישן בייטראָג צו אַמעריקע".

מען קאָן צו דעם בלויז צוגעבן: עס איז שווער צו גלויבן, אַז די „פאַרדריסלעכע אויסמיידונג" איז אַ צופעליקע. זי איז אין פולן הסכם מיט אַ פילאָזאָפיע, וועלכע פאַרמאָגט אַבסטראַקטן סענטימענט פאַר די צו גאָר נישט פאַרפליכטנדיקע 300 יאָר, און וויל פאַרגעסן וועגן די לעצטע 75, וועלכע זיינען אָנגעלאָדן מיט דראַנג און שעפע־רישן אימפּעט. די יידישע פאָלקס־מאַסע, וואָס איז געוואַקסן אין אָט דעם שעפערישן אימפּעט, וועט אָבער — בשעתן פאַרענדיקן דריי הונ־דערט יאָר געשיכטע פון גרעסטן יידישן קיבוץ — מיט אַלע כוחות רופן צו שטודירן די וועגווייזערישע דערגרייכונגען גראָד פון די לעצטע 75 יאָר, ווייל דאָס איז דער פּעריאָד ווען עס האָט זיך אויסגעשיידט יידיש לעבן אין אַמעריקע. און פאַר די אַלע, וואָס גלויבן אין יידיש לעבן, זיינען די פייערונגען פון 300 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע קודם־כל און דער עיקר אַ טרייסטפולע דערמאָנונג פון דעם, ווי אַזוי דורך די לעצטע 75 יאָר האָט אַ צונויפגעלאָפענע אימיגראַנטן־מאַסע, — געטראָגן דורך כוואַליעס פון שטורעם, — זיך אויפגעזאַמלט דאָ אין לאַנד, גענומען שמידן דאָס „יידישע" אַמעריקע, און — געוואָרן די איינפלוסרייכסטע און וויכטיקסטע טרעגערין פון היגן יידישן מאַסן־לעבן.

(„אונזער צייט", נאָוועמבער 1953)

פון ל. האָדעסעס לעצטע אַרטיקלען

גלויבן אין מענטשן

...די טראַגעדיע אין לעבן פון אונזער פאָלק האָט געשאַפן מער גינסטיקע אומשטענדן לטובת דער אָרטאָדאָקסיע, אַסימילאַציע, און ציוניזם, קודם־כל — לטובת דעם ציוניזם. אָבער צי זיינען אָט די ענדערונגען באַלערנדיק אין זין פון אָפּשפּיגלען די לעבנסקראַפט פון דער אָדער יענער שיטה? — בשום אופן נישט! זיי זיינען אַ רעזולטאַט פון אַ געשיכטלעכער קאַטאַסטראָפע, וועלכע קיינער האָט נישט פאָר־אויסגעזען און קיינער אין דער וועלט האָט זי נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך.

נאָך 50 יאָר קאַמף פאַרבלייבט נישט אַנטשידן דער געראַנגל פון אידייען אויף דער יידישער גאַס, און דער הויפּט־אידייאישער אינ־האַלט פון געראַנגל פאַרבלייבט, פּונקט ווי פריער, אַ שייד־וואַנט צווישן „בונד" און אַלע אַנדערע ריכטונגען.

די אידייע פון „בונד" איז טיפער גלויבן אין מענטשן. אַלע קעג־נערישע ריכטונגען פון „בונד" זיינען געשטיצט אויף מאַנגל פון אַזאַ גלויבן. דער פרומער ייד דערוואַרט הילף מן־השמים; דער אַסימילאַ־טאָר מיינט, אַז מען קען איבערלויפן אין לאַגער פון די שטאַרקע; דער ציוניסט מיינט, אַז מען קען פונם בייז אַנטלויפן. די אידייע פון גלויבן אין מענטשן איז היינט נישט פאָפּולער. מיר האָבן זי אַלע, בפרט אין די לעצטע יאָרן, געזען טיף דערנידעריקט, צעטראָטן און באַ־שפּיגן. אָבער אויב דער מענטש איז פון נאַטור אַ חיה, וועט קיין שום אַנטלויפן ניט העלפן. אויב עס איז ניטאָ קיין תיקון פאַרן מענטשן, איז ניטאָ קיין תיקון פאַרן יידן. די חיה וועט דעם אַנטלויפנדיקן נאָכיאָגן און אים טרעפן אומעטום. אויב עס פאַרשווינדט דער גלויבן, פאַרשווינדט אויך יעדע האָפענונג. דער זיג פון ציוניסטישע אידייען איז אַ זיג פון אומגלויבן אין מענטשן, דאָס איז אַ פולער זיג פון האָ־פענונגסלאָזיקייט.

דער „בונד" האָט אַלעמאָל געשטעלט זיין קאָרט אויף סאָציאַליזם,

וואָס באַדייט אַ בעסערע צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, — פאַר אַלע פעלקער פון וועלכע זי באַשטייט. וועט דער סאָציאַליסטישער חלום ווערן וואָר, איז נישטאָ פון וועמען צו אַנטלויפן; וועט דער חלום צערונען ווערן, ווי פיל אַנדערע בעסערע מענטשלעכע חלומות, איז נישטאָ וואוהין צו אַנטלויפן.

(מיטן פנים צו דער צוקונפט, „אונזער צייט", נומ. 3-4, 1947)

סאָציאַליזם און קולטור-באַנייאונג

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער-באַוועגונג איז געווען די הייבאַם פון דעם וואונדער, וואָס טראָגט דעם נאָמען קולטור-באַנייאונג. יידיש און וועלטלעכקייט זיינען געווען די נשמה פון אָט דעם אימפּעטפולן פּראָצעס. דאָס מיינט ניט צו זאָגן, אַז קעגנער פון סאָציאַליזם, וועלטלעכקייט אָדער יידיש האָבן לגמרי נישט בייגעשטייערט צום פּראָצעס פון קולטור-באַנייאונג.

...אָבער ביי אַלע אומות איז קולטור-אויפוואונג דאָס רוב פאַרבונדן מיטן פּראָצעס פון אַרויפגיין אויף דער געזעלשאַפטלעכער סצענע פון נייע, ביז דאַן פאַרשטויסענע, שיכטן. נאָך מער איז דאָס ריכטיק אויף דער יידישער גאַס, וואו דער פּראָצעס פון דערוואַכונג איז ענג פאַרבונדן מיט אַ ביטערן קאַמף פון די דערוואַכנדיקע מאַסן קעגן די אַסימילאַטאָרישע און העברעאיזירנדיקע טענדענצן פון די אויבער-שטע שיכטן, מיט פּראָטעסט קעגן צופאַסלעריי פון אַסימילאַציע און קעגן פעסימיזם און יאוש-זייער פון די „גלות"-פאַרלייקענער. נאָר באַזעלט דורך דער סאָציאַליסטישער אויסלייזונג-אידייע, מיט גלויבן אין אַ מאָרגן אין די לענדער, וואו מען לעבט, געשטיצט מיט אימפּעט און קראַפט דורך ברייטע מאַסן, פאַר וועמען די באַפרייאונג-אידייען האָבן געעפנט נייע האָריזאָנטן, — האָט דער יידישער אַרבעטער-קלאַס גע-קאָנט ווערן דער אַוואַנגאַרד אין פּראָצעס פון קולטור-באַנייאונג פון גאַנצן פאָלק, דער הויפּט-טרעגער פון זיינע אידעאַלן און שטרעבונגען, דער שמידער פון די לאָזונגען און פאָדערונגען, וואָס האָבן געפלאַס-טערט דעם וועג צום קולטור-אויפבלי. און נאָר דער פאַקט, וואָס עס האָט עקזיסטירט אָט דער צילבאַוואוסטזיניקער אַוואַנגאַרד, האָט גורם געווען, אַז אויך אַנדערע שיכטן און טיילן פון פאָלק זאָלן זיך אַריינציען אינם קולטור-קאַמף, אַריינטראָגנדיק זייערע שאַטירונגען און ניואַנסן, און אַז דער פּראָצעס פון קולטור-באַנייאונג זאָל אַרומכאַפּן אַלע טיילן פון פאָלק.

(„אונזער צייט", נומ. 9, 1948)

ניט קיין לייזונג פון קיין שום יידישן פּראָבלעם

יידישע מאַכט, יידישע רעגירונג, יידישע גבורה, יידישע וואָפן, יידישע מדינה זיינען געוואָרן ווי אַ פאַרשיכורנדיקער געטראַנק, אויף וועלכן דער יידישער נאַציאָנאַליזם האָט זיך געוואָרפן דורשטיק־פאַרשמאַכט. מען דאַרף גלויבן, אַז אָט די באַרוישטקייט איז אַ פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג. דאָס יידישע פאָלק איז דורך צו פיל יאָרהונדערטער געווען אַ פאָלק פון גייסט, אַז עס זאָל לאַנג קאָנען זיך פאַרשיכורן מיט אילוזיעס פון פיזישער מאַכט און גבורה. און אויב מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער מדינה זאָל גיין אַלץ כשורה, וועלן די יידישע מאַסן אין אַלע עקן וועלט שנעל זיך איבערצייגן, אַז דאָס קליינינקע מדינהלע אויף אַ שטיקל ים־ברעג, אַרומגערינגלט דורך אַ מאַנאַליטישער פרעמדער באַפעלקערונג האָט ניט געלייזט קיין שום פּראָבלעם וואָס שטייט פאַר די יידן אין דער וועלט: ניט פון קאַמף מיטן אַנטיסעמיטיזם, ניט פון אַסימילאַציע, ניט פון קולטורשאַפונג, זי וועט ניט האָבן פאַרענטפערט דעם אינערלעכן שפּראַכןקאָנפליקט, ניט לייזן די פראַגע פון אויטאָנאָמיזם פון די גרעסטע יידישע קיבוצים אין דער וועלט, וואָס געפינען זיך און וועלן פאַרבלייבן מחוץ דער יידישער מדינה.

דער שטרייט וועגן בכורה

...אויף דעם שטרייט וועגן בכורה אין יידישן לעבן, אויף דער פראַגע וועגן פריאָריטעט, וועגן דעם — צי זאָל דאָס יידישע פאָלק זיין פאַרטראַטן אויסשליסלעך דורכן וועלט־ציוניזם און צי זאָל עס דינען אינגאַנצן די אינטערעסן פון דער מדינה — קאָן קומען בלויז איין ענטפער: דאָס פאָלק דאַרף קיינעם נישט דינען און איז מוחל די באַמיאונגען אים צו רעפּרעזענטירן. עס דאַרף און מוז ווערן דער אַקטיווער טרעגער פון זיין אייגענעם גורל, פון זיין שעפערישער קולטורבאַנייאונג, — אַ פאָלק, וואָס עקזיסטירט נישט פאַר וועלכן ס׳איז טאָטאַליטאַרן אינטערעס, נאָר פאַר די אינטערעסן פון דעם אייגענעם מאָרגן. און וואָס מער זעלבסט־טעטיקייט און אַקטיוויטעט עס וועט דערוואַכן אין יידישן לעבן, אַלץ וויניקער וועט זיין אַ גרונט צו פאַרנעמען זיך מיט דער בכורה איבער אים.

(„אונזער צייט״, נומ. 12, 1952)

סקיף

עמנואל פּאַט

„מיר זיינען יונג און דאָס איז שיין"

לייוויק האַדעס און דער סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד „סקיף"

סוף 1926, אין אַ קלאַס־צימער פון אַ יידיש־וועלטלעכער שול אין וואַרשע, זיינען געזעסן אַ פּאָר קינדער, אַ פּאָר יוגנטלעכע און האָבן „פּאַרפּאַסט" אַ ליד:

מיר זיינען קינדער אַלע גלייכע,
מיר שאַפן אַלע אין פאַראיין;
ניטאָ קיין אָרעמע, קיין רייכע,
מיר בויען אונזער וועלט אַליין.

זאָלן לעבן די קינדער,
זאָלן וואַקסן ביז גרויס,
צו אַרבעט, צו בויען
מיט לידער שפּאַנט פאַרויס!

די פּשטות, די נאַאיווקייט פון גלויבן, וואָס ליגן אין אָט די שורות, דערמאָנען אין אַ צווייטן ליד, וואָס יונגע יידישע אַרבעטער האָבן פאַרפאַסט מיט דרייסיק יאָר פריער, אין דער „אַלטער בונדישער שבועה":

הייליק איז די נאַטור...

מער ניט וואָס די „אַלטע בונדישע שבועה" איז געזונגען געוואָרן מיט דער מעלאָדיע פון אַן אַלטן צעצויגענעם רוסישן צערקווע־הימן, בעת דאָס נייע קינדער־ליד איז געזונגען געוואָרן מיט די בונטאַרישע טענער פון „אינטערנאַציאָנאַל".

מיט אָט דעם נייעם „הימן" איז אַרויס אויף דער יידישער גאַס די יינגסטע מחנה פון „בונד" — דער סאָציאַליסטישער קינדער־פאַר־

באַנד — (באַקאַנט לויט זיינע ראשי־תיבות אונטערן נאָמען „סקיף") — וואָס איז שנעל געוואָרן דער באַליבטסטער און שענסטער צווייג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות.

דער שענסטער — ווייל וואָס קען נאָך זיין ריינער ווי די אומ־שולד פון אַ קינד? פון פינף טויזנט קינדער — אַרויס פון די קעלערן פון דער „שמאָלער מילע" און קראָכמאַלנע, פון די בוידעם־שטיבלעך פון באַלוט, כאַנייקעס און נאָווגאָראָד, פון די קליינע, אָרעמע, אומע־טיקע יידישע שטעטלעך, פון קאַלושין און נאָווידוואָר, פון בעלכאַטאָוו און פון קרינקי, פון טריסק און פון האָראָדענקע?

וואָס קען נאָך זיין לויטערער ווי אַ געזאַנג פון האָפענונג פון פינף טויזנט קינדערשע מיילעכלעך? ווי דער פייער פון גלויבן אין צען טויזנט שוואַרצע יידישע אויגעלעך — אָט ברענען זיי מיט הייליקן כעס פון ווייט און צאָרן און אָט חלומען זיי דעם אייביקן יידישן חלום פון משיחישער באַפרייאונג פאַר דער גאַנצער וועלט?

קען נאָך זיין אַ הערלעכערע מוזיק ווי דער גליקלעכער געלעכטער פון פינף טויזנט קינדער? — אַ זאָרגלאָזער קינדערישער געלעכטער ביים גרויליקן דונערן פון אָנקומענדיקן שטורעם?

דער „סקיף" האָט געטראָגן אין זיך די שיינקייט פון דעם מסירת־נפש, פון דער גייסטיקער ריינקייט פון די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד; פון רעוואָלוציאָנערן אימ־פּעט פון „בונד" אין רעאַקציאָנערן, אַנטיסעמיטישן, האַלב־פאַשיסטישן פוילן.

און — ווי קלאָר מען זעט עס איצט, פון דער דיסטאַנץ פון דריי צענדליק יאָר! — פון זיין געבורטסטאָג אָן האָט שוין אויף אים גע־שיינט די טראַגיש־שיינע שכינה פון קדושה; איז אויף אים שוין געלעגן דער חותם פון צוקונפטיקן מאַרטירערטום — וואָס די געשיכטע האָט באַשטימט פאַר דעם יינגסטן יידישן דור אין פוילן. זיינע פופצן יאָר פון עקזיסטענץ — ביז טיף אין די נאַצישע געטאָ־צייטן — זיינען גע־ווען איין אומאויפהערלעכע צוגרייטונג צו דער הייליקסטער שעה פון געטאָ־מרידה, אין וועלכער די קינדער און יוגנטלעכע אָנפירער פון „סקיף" האָבן געדאַרפט שפּילן אַזאַ גרויסע ראָל...

*
**

לייוויק האָדעס, ווי פיל אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טוער פון זיין דור, ווי אַ גרויסער טייל בונדישע פירער, האָט זיין ענערגיע, זיינע פעאיקייטן געדאַרפט צעטיילן אויף פאַרשידענע געביטן: לערער, שול־

פאַרוואַלטער, פּראָפּעסיאָנעלער טוער, פּאָליטישער אָנפירער, רעדנער, לעקטאָר און פּובליציסט.

אָבער אויב עס איז געווען איין צווייג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אַממערסטן אַנטשפּראָכן זיין געמיט און זיינע נייגונגען — איז עס געווען די סאָציאַליסטישע דערציאונג־אַרבעט. און אויב עס איז געווען איין געביט פון זיין פילזייטיקער טעטיקייט, אויף וועלכן ער האָט געלייגט אַזוי בולט דעם חותם פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט, אַ געביט וועמענס גייסטיקן פּנים ער אַליין האָט אין גאָר אַ גרויסער מאָס געהאָלפן געשטאַלטן — איז עס געווען דער סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד „סקיף".

האָדעס האָט געהערט צו דער גרופּע פּאַרטיי־פירער, לערער און יוגנט־טוער, וואָס האָבן אין משך פון 1926, אויף אַ ריי זיצונגען, צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אַנטשטייאונג פון „סקיף" *).

אָט די חברים האָבן געדאַרפט בייקומען אומגלויבן אין די אייגענע רייען, קעגנערשאַפט ביי אַ באַדייטנדן טייל פון לערער און טוער פון דער „צישאָ" — (צוו. אַנד. ח. ש. קאַזדאַן און ש. מענדעלסאָן), וואָס זיינען טאַקע געווען אָנהענגער פון אַ סאָציאַליסטיש־אָריענטירטער דערציאונג, אָבער וואָס האָבן זייער ענערגיש באַקעמפט דעם געדאַנק פון אַ פּאַרטייאישער קינדער־אָרגאַניזאַציע.

ווען דער „סקיף" איז געגרינדעט געוואָרן, איז האָדעס געווען דער וואָס האָט אויף אַ ריי זיצונגען, דורך צוגעגרייטע פּראָיעקטן און פאָרשלאָגן, געהאָלפן פאָרמולירן די אידייאישע פּרינציפּן און די אַרבעטס־מעטאָדיק פון דער יונגער אָרגאַניזאַציע.

ווען ס'זיינען אויפגעקומען צענדליקער „סקיף"־אָרגאַניזאַציעס אין אַלע ווינקעלעך פון יידישן פּוילן און מ'האָט געדאַרפט זיי אַלע צונויפּבינדן, העלפן, באַדינען מיט אָנווייזונגען — האָט דער צ.ק. פון „בונד" באַשטימט אַ סקיף־צענטראַלע מיט יעקב פּאַט אַלס פאָרזיצער און לייוויק האָדעס אַלס סעקרעטאַר. יאָרן־לאַנג האָט האָדעס געהאַלטן אין זיינע הענט אַלע פעדים פון דער וואַקסנדיקער אָרגאַניזאַציע. פון וואַרשע זיינען זיינע בריוו, זיינע צירקולאַרן, זיינע אָנווייזונגען געגאַנגען צו אַלע גרויסע און קליינע אָרגאַניזאַציעס, צו די טאָמע פאַרוואָרפנסטע „קרייזן" פון „סקיף". ער האָט פאָרמולירט די פּרינציפּן, ער האָט אַרויסגעגעבן די ערשטע בראָשור („מאַטעריאַלן און אָנווייזונגען פאַר

*) צו דער גרופּע האָבן געהערט צוו. אַנד.: יעקב פּאַט, אָ. סטאָלאַר, די לערער גרשון זאַלצמאַן, לאה האַלפּערן, יוליאַן וויעליקאָווסקי, רוטע בערמאַן (יאַף); די „צוקונפט"-טוער י. ליפּשיץ, ל. אָלער, מ. קליגסבערג.

דער סאָציאַליסטישער דערציאונג־אַרבעט״, וואַרשע, 1928), וואָס איז במשך פון יאָרן געווען דער וועג־ווייזער פאַר אַלע יונגע, ניט־דער־פאַרענע סקיף־טוער. פאַר די סקיפּיסטן גופא האָט ער אַרויסגעגעבן דעם שיינעם „סקיף־לוח״, מיט די „סקיף־געבאָטן״, מיט אָנווייזונגען, ווי אַזוי אַ סקיפּיסט דאַרף זיך פירן. ער פלעגט אין דער „קליינער פאָלקס־צייטונג״, דער וועכנטלעכער קינדער־ביילאַגע פון דער „גרויסער פאָלקס־צייטונג״, כסדר פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען, מעשהלעך, איבערזעצונגען. שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון „פאָלקסצייטונג״, איז ער במשך פון עטלעכע יאָר אויך געווען רעדאַקטאָר פון דער „קליינער פאָלקסצייטונג״.

קיין מאַסן־רעדנער איז האָדעס ניט געווען. אָבער אַ גלענצנדער לעקטאָר, אַ לערער — יאָ. ער האָט דעריבער גאָר באַזונדער פיל אויפ־מערקזאַמקייט געווידמעט דער אַרבעט פון לערנען מיט די עלטסטע סקי־פּיסטן, מיט די יונגע סקיף־העלפער. ער איז געווען אַ לעקטאָר אויף צענדליקער קורסן, סעמינאַרן פאַר סקיף־טוער, מיט וועלכע ער האָט געלערנט די מעטאָדיק פון סאָציאַליסטישער דערציאונג — אין פּוילן באַ־וואוסטזיין, אַז אָט די יוגנטלעכע זיינען דאָס די, דורך וועלכע די פּרינ־ציפּן פון סאָציאַליסטישער דערציאונג און די ווערטער וועגן נייעם פרייען מענטש ווערן איבערגעשמידט אין מעשים, ווערן איבערגעטראָגן צו די מוחות און הערצער פון די טויזנטער קינדער.

שפּעטער, ווען פון די רייען פון די יונגע סקיפּיסטן זיינען אויסגע־וואַקסן טוער, וואָס האָבן געקענט פון לייוויק האָדעסן איבערנעמען די אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט *), איז האָדעס נאָך אַלץ געווען דער גייסטי־קער וועג־ווייזער, דער אויפזעער אויף דער דערציערישער אַרבעט. אין 1936, ווען דער „סקיף״ האָט אָפּגעהאַלטן זיין — איינציקן — הער־לעכן לאַנד־צוזאַמענפאָר, האָט האָדעס אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון דער דערציערישער סעקציע און האָט געהאַלטן צוויי פון די וויכ־טיקסטע, וואָגיקסטע רעפעראַטן.

*****

וואָס זיינען געווען די צילן און אויפגאַבן פון „סקיף״?

אין דער אויבנדערמאָנטער בראָשור האָט האָדעס אַזוי פאָרמולירט די צילן פון די סאָציאַליסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציעס:

„... מיטצואווירקן אַז פון דער פּריסטער יוגנט זאָלן זיך ביי די

---

*) אין 1933 האָט דער שרייבער פון די שורות איבערגענומען דעם סעקרעטאַריאַט פון דער „סקיף"-צענטראַלע. אין 1936 איז קלמן וואַפּנער געוואָרן דער סעקרעטאַר.

קינדער פֿאַרמירן אידעאַלן און אָנשויאונגען אין גייסט פֿון די שטרעבונגען פֿון אַרבעטער־קלאַס. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס שטעלן זיך אַלס אויפֿגאַבע צו פֿלאַנצן אין די יונגע נשמות דעם גייסט פֿון פּראָטעסט קעגן אומיושר פֿון איצטיקן וועלט־סדר, קולטיווירן די געפֿילן פֿון קאָלעקטיוויזם און סאָלידאַריטעט, פֿלאַנצן ליבע און פּיעטעט צו די העלדן און פֿירער פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג און שטרעבן אויסצושמידן ביי די קינדער אַלס זייער לעבנס־אידעאַל די אידעאַלן פֿון דער סאָציאַליסטישער צוקונפֿט".

פֿון פֿאַרשידענע מקורים האָט דער „סקיף" געצויגן אינספּיראַציע און באַגייסטערונג: פֿון רעוואָלוציאָנערן בונדיזם פֿון נעכטן; פֿון די העלדנטאָטן פֿון די יונגע פּיאָנערן פֿון „בונד"; פֿון די אומלעגאַלע „סכאָדקעס" און פֿאַרזאַמלונגען אין וואַלד; פֿון בייניש מיכאַלעוויטשעס באַשרייבונגען פֿון לעבן און ליידן אין סיבירער פֿאַרשיקונג; פֿון הירש לעקערטס מאַרטירער־טויט. און גאַר ספּעציעל — פֿון די העלדישע בונדישע קינדער פֿון 1905 — פֿון „קליינעם בונד". דוד קאַסעלס „מאירקע פֿון קליינעם בונד" און יעקב פּאַטס „געבראַכט די פֿאָן" זיינען געלייענט געוואָרן אויף אַלע סקיף־קרייזן. לעקערט, גראָסער, מעדעם, מיכאַלעוויטש זיינען געוואָרן נעמען, וואָס זיינען טיף איינגעבאַקט געוואָרן אין האַרצן פֿון יעדן קינד, זיינען געוואָרן פֿאַר זיי אַ לעבנס־מוסטער. און דאָס זעלבע — די נעמען פֿון די גרויסע פֿרייהייטס־קעמפֿער פֿון גאָר דער וועלט — פֿון ספּאַרטאַקוסן ביז דזשאַקאָמאָ מאַטעאָטי. אַ קינד אין קוטנע און אין זדונסקע־וואָליע, אין זאַמאָשטש און אין קאָברין האָט זיך מיטאַמאָל דערפֿילט אַ שותּף צום מאַרטירערטום פֿון סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ און אַנדרעי זשעליאַבאָוו, צום הייליקן קאַמף פֿון די פּאַריזער קאָמונאַרן.

אָבער ניט נאָר דער נעכטן האָט באַגייסטערט און געפֿורעמט די סקיפּיסטן. דער היינט, אין וועלכן זיי זיינען אויסגעוואַקסן, איז טאַקע געווען פֿינצטער און ביטער קאַלט. הונגער, נויט און אַרבעטסלאָזיקייט, „עקסמיסיעס", עקאָנאָמישער באָיקאָט אוןווירטשאַפֿטלעכע האָפֿענונגסלאָזיקייט פֿון יידישן שטעטל; ביטערע רעאַקציע און חיהשער אַנטיסעמיטיזם, וואַקסנדיקער פֿאַשיזם זיינען געווען דער „פֿאָן" אויף וועלכן דאָס אַרבעטער־קינד איז אויסגעוואַקסן. אָבער אין אָט דער פֿינצטערקייט האָט העל געלויכטן די עקשנותדיקע קעמפֿערישקייט פֿון פּוילישן „בונד", האָבן כישופֿדיק געפֿלאַטערט די שטורעם־פֿענער פֿון יוגנט־בונד „צוקונפֿט".

„אין וואָס ליגט די צוציאונג־קראַפֿט פֿון דער אָרגאַניזאַציע?" — האָט האָדעס געפֿרעגט אין דער פֿריער דערמאָנטער בראָשור. און ער ענטפֿערט:

„קודם־כל איז דאָס אַן אָפּשיין פון דער צוציאונג־קראַפט פון „בונד", פון דעם גלאַנץ פון דער שעפערישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס בויט פאַראייניגען און קאָאָפּעראַטיוון, שולן און סאַנאַטאָריעס, וואָס וויל שאַפן נייע פאָרמען פון לעבן און שטרעבט צו דערציען נייע בע־סערע מענטשן. אויסער דעם שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָל דער קולט פאַר דעם העראָאישן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס עס ווערט דאָ אַריינגעבראַכט און דער פּיעטעט־געפיל, וואָס ווערט געפלאַנצט פאַר די פירער פון „בונד" און פאַר די רומפולע קאַמפן וואָס בונדיסטן האָבן אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ...אַזוי למשל וועלן די קינדער פון וואַרשעווער „סקיף" קיין מאָל ניט פאַר־געסן דעם פייערלעכן מאָמענט, ווען אויף איינעם פון זייערע יום־טובים איז דערשינען ב. מיכאַלעוויטש, דער זעלבער, וועגן וועלכן זיי האָבן געהערט אַזוי פיל לעגענדעס און ער האָט זיי דערציילט אַ מעשהלע. דאָס באַקומען אַלס מתנה אַ פאָן פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד", דער אָנטייל אין דער גראַנדיעזער אַקאַדעמיע לכבוד דעם דרייסיק יאָריקן יובל פון „בונד", דער באַגייסטערטער קבלת־פּנים, וואָס זיי האָבן געהאַט דאָרטן, פאַרשידענע אַנדערע יום־טובים און פייערונגען, וואָס באַהעפטן זיי צו דער הערויִשער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, — דאָס זיינען דורכאויס אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן".

אַזוי פיל יאָרן זיינען שוין פאַרביי! אָבער איך בין זיכער, אַז יעדער איינער, וואָס האָט געהאַט די זכיה צו אַרבעטן אין „סקיף", זעט — ווי נאָר ער פאַרמאַכט זיינע אויגן — ווי מחנות פון הונדערטער און הונדערטער סקיפּיסטן מאַרשירן בעת אַן ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע איבער די פּוילישע גאַסן. בלויע העמדער, רויטע האַלז־טיכער, אַ שטורעם־פאָן פאַרויס און אַ קליין דריי־עקיק רויט פענדל ביי יעדן קרייז. לייכט און ריטמיש קלאַפּן די קינדערשע שיכלעך אויפן ברוק פון גאַס. דערפאַר קלאַפּן הויך די הערצלעך, פלאַמען די בעקעלעך, גליען די אויגעלעך און פון הונדערטער מיילעכלעך שאַלט אַ רוף, וואָס קלינגט אַזוי הייליק אָפּ אין אַ וועלט פון האַס און חיהשקייט:

חברשאַפט!

סקיפּיסטן אויף גרויסע אַרבעטער־מיטינגען, סקיפּיסטן ביי וואַל־קאַמפּאַניעס, סקיפּיסטן אין גרויען באַגינען לאָזן זיך אַרויס פאַרקויפן די „פאָלקסצייטונג". דער ציטער אין האַרצן ביי יעדן סקיפּיסט, ווען זיי דערזעען מיטאַמאָל צווישן זיך דעם חבר נח, דעם חבר ערליך, ישראל ליכטענשטיין, אַרקאַדי קרעמער, אַננאַ ראָזענטאַל...

קען מען עס דען באַשרייבן? וועט די וועלט ווען ניט איז וויסן, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרע געטריישאַפט, וואָס פאַר אַ פרומער ריינער

גלויבן עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן ווען די טויזנטער סקיפּיסטן זיינען אַוועק — מיט אַנדערטהאַלבן מיליאָן אַנדערע יידישע קינדער — אין היטלערס קאַלך־אויוונס און גאַז־קאַמערן? וועט די וועלט ווען ניט איז באַנעמען, אַז אין די קרעמאַטאָריעס זיינען אויפגעשטיגן צו אומ־שטערבלעכקייט די יינגסטע, אָבער אפשר די שענסטע, די געטרייסטע אינטערנאַציאָנאַליסטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע? אַז עס איז נאָך ניט געווען אַזאַ מחנה פון גלויבערס אין פעלקער־פאַרברידערונג, אין ליבע פון מענטש צו מענטש און פאָלק צו פאָלק — ווי די קינדער מיט די סקיף־זשעטאָנען פון סקידל און פון וויסאָקי ליטעווסק, פון קוטנע און קאָלאָמיי? צי איז נאָך ערגעץ וואו אין דער וועלט געווען אַ מחנה, וואָס האָט אַזוי הייליק געפלאַטערט אין פעברואַר 1934 מיטן אויפשטאַנד פון ווינער „שוצבונד”? וואָס האָט אַזוי הייליק געטראָגן אין האַרצן דעם אָנדענק פון מאַרטירער קאַלאַמאַן וואַליש? און וואָס האָט אין 1936 אַזוי נשמהדיק מיטגעבלוטיקט אויף די בערג פון באַסקן־לאַנד, ביי די קוילן־גרובן פון אַסטוריאַ, אויף די פעלדער פון קאַסטיליע, ביי די טויערן פון מאַדריד?

***

לייוויק האָדעס האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין אַוועקשטעלן דעם אינטערנאַציאָנאַליזם אין סאַמע צענטער פון דער גאַנצער דערציערי־שער אַרבעט פון „סקיף”. אין צאָלרייכע אַרטיקלען איז ער ניט מיד געוואָרן אונטערצושטרייכן, אַז די גרויסע שייד־ליניע צווישן דער סאָציאַ־ליסטישער קינדער־באַוועגונג און דער בירגערלעכער סקויטינג־באַ־וועגונג איז — אינטערנאַציאָנאַליזם. אין זיין רעפעראַט אויפן סקיף־צוזאַמענפאָר „די אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליסטישן סקויטינג” האָט ער אונדז אַזוי געלערנט:

„דעם פּאַטריאָטיזם שטעלן מיר אַנטקעגן אַקטיוון אינטערנאַציאָ־נאַליזם. ער קומט צום אויסדרוק אין אונזערע יום־טובים און פייערונגען, אין באַגעגענישן און צוזאַמענטרעפן מיט אַנדערע קינדער, אין הילף־גרייטקייט פאַר דער אַרומיקער סביבה (העלפן די פויערים, געמיינזאַמע פייערונגען מיט די קינדער פון דאָרף, וואו מיר האָבן דעם לאַגער, פאַר־ווײלונגען, געזאַנג־אָוונטן, שענקען ביכער, צייטונגען, אָנטייל אין אינ־טערנאַציאָנאַלע הילף־אַקציעס א.אַז.וו., א.אַז.וו.)”.

דערביי איז וויכטיק צו באַמערקן אַ זאַך, וואָס ברענגט אַרויס אַ זייער וויכטיקן שטריך פון ח' האָדעס: אין אַלגעמיינע פּאָליטישע פראַ־געס האָט לייוויק האָדעס, ווי באַוואוסט, געהערט צו דער לינקער ריכטונג

אין בונד, וואָס האָט געפּרעדיקט אַ פּריינטלעכע באַציאונג צו סאָוועט־רוסלאַנד, און איז געווען קעגן צוזאַמענאַרבעט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס. נאָך מיט פינף יאָר שפּעטער, ווי דער „סקיף" איז געגרינדעט געוואָרן, איז האָדעס געווען איינער פון די וויכטיקסטע און הייסטע באַקעמפער פון דעם פאָרשלאָג, אַז דער „בונד" זאָל ווערן אַ מיטגליד פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. עס וואָלט דאָך געווען לאָגיש, אַז לייוויק האָדעס זאָל אָט די „לינקע" אידעאָלאָגיע פּאַרטיידיקן אויך אין „סקיף". פון אַריבער דער מזרח־גרענעץ האָט געלאָקט די גרויסע, דינאַמישע קאָמוניסטישע קינדער־באַוועגונג פון די „פּיאָנערן" מיט זייער רייכער ליטעראַטור, צאָלרייכע לידער, אַרבעטס־ביכער, פּרעכטיקע קינדער־הייזער, קינדער־טעאַטערן און אין פּוילן גופא האָט שוין זינט יאָרן געאַרבעט אַן אומלעגאַלע פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע, מיט אומלעגאַלע זשורנאַלן, מיט אומלעגאַלע זיצונגען און דעמאָנסטראַציעס. דאָס אַלץ האָט דאָך געדאַרפט שטאַרק אַפּעלירן צו אַ מענטשן מיט אַזאַ טיפן געפיל פאַר רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, ווי האָדעס איז עס געווען.

אָבער ניין! דווקא האָדעס, דער אויפריכטיקער קינדער־דערציער, דער גלויבער אין סאָציאַליסטישער מאָראַל, איז עס געווען דער, וואָס האָט פאַר אונז אין די ערשטע „ריכטליניעס" געמאָלן דעם טיפן תהום, וואָס איז דאָ צווישן אמתער סאָציאַליסטישער דערציאונג און דער פאַלשער רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, און דער פּאַקטישער גייסטיקער דעמאָראַליזאַציע און מאָראַלישער געפאַלנקייט, וואָס די קאָמוניסטן ברענגען דורך זייער „פּיאָנער" צו די אומשולדיקע קינדערשע מוחות און הערצער.

„אין קאָנקורענץ פאַר ווירקונג צווישן די קינדער האָט דער „סקיף" דייטלעך די אויבערהאַנט איבער די פּיאָנערן. דער גייסט פון דעמאָגאָגיע און פּאָליטיקאַנישקייט איז די קינדער דערווידער, און דער דאָזיקער גייסט קומט צום אויסדרוק אין די פּיאָנערישע קינדער־אויסגאַבן ניט ווייניקער ווי אין די קאָמוניסטישע אויסגאַבן פאַר דערוואַקסענע — אין די פאַרשידענע קאָמוניסטישע פּאַסקווילן קעגן אַנדערע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען. דער קראַנץ פון מאַרטירערטום קען ניט ווירקן דויערנדיק. דאָס אַריינציען קינדער אין אַ שפּיל אין דעמאָנסטראַציעס רופט נאָר אַרויס ביי זיי אַ נערוועזישע איבעראָנשטרענגונג, וואָס פאַרורזאַכט אַלס פּועל־יוצא פולשטענדיקע אַפּאַטיע".

דער „סקיף" האָט זיך, פון זיינע ערשטע טעג, פולשטענדיק אָריענטירט ניט אויף די קאָמוניסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציעס, נאָר אויף דער סאָציאַליסטישער קינדער־באַוועגונג, ספּעציעל אויף דער פאָרם פון

קינדער־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויפגעקומען אין עסטרייך און אין דייטש־לאַנד און האָט זיך דערנאָך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע אונטערן נאָמען „רויטע פאַלקן". שוין אין ערשטן יאָר פון דער „סקיף"־עקזיס־טענץ איז ח' גרשון זאַלצמאַן, איינער פון די גרינדער פון „סקיף" און דער אָנפירער פון דער הויפּט־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, געפאָרן קיין ווין כדי צו שטודירן די אַרבעטס־מעטאָדן פון אָט דער אָרגאַניזאַציע. דער שרייבער פון אָט די שורות האָט דאַן איבערגעזעצט אויף יידיש אַנ־טאָן טעסאַרעקס „בוך פון די רויטע פאַלקן" און די קאַפּיטלעך פון אָט דעם האַנט־בוך האָבן זיך געדרוקט וואָך־איין וואָך־אויס אין דער „קליי־נער פאָלקסצייטונג" און האָבן געדינט ווי אָנווייזונגען פאַר די יונגע, נאָר־וואָס געגרינדעטע סקיף־אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן אויסגעקליבן דעם רויטן פאַלק אַלס אונזער סימבאָל און אים אַרויפגענייט אויף אונזערע רויטע פענדלעך, געטראָגן אין לאַץ ווי אַ זשעטאָן. מיר האָבן גלייך גענומען זינגען די לידער פון די רויטע פאַלקן און קיינער האָט זיי ניט אַזוי גלענצנד פאַריידישט, ווי דווקא האַדעס. איינער פון די דאָ־זיקע לידער, „מיר זיינען יונג און דאָס איז שיין", אין האַדעסעס פּרעכ־טיקער איבערזעצונג האָט שנעל פאַרטראָטן די פּרימיטיווע ווערטער פון „מיר זיינען קינדער אַלע גלייכע" און געוואָרן דער הימן פון „סקיף":

מיר זיינען יונג, די וועלט איז אָפן,
אַ דו שיינע, ווייטע וועלט!
יוגנט־בענקשאַפט, יוגנט־טרוימען
לאָקן אונז אין וואַלד און פעלד.

ברודער, הויב דעם קאָפּ אויף מונטער,
שטערן פינקלען מלא חן,
הויב די בליקן, שטרעב אין ווייטן,
מיר זיינען יונג און דאָס איז שיין.

מיר זיינען געוואָרן אַ מיטגליד פון סאָציאַליסטישן קינדער־אינ־טערנאַציאָנאַל און האָבן דאָרטן באַקומען אַ גרויסן אָנזען. גלייכצייטיק האָבן מיר אין פּוילן איינגעשטעלט אַ נאָענטע צוזאַמענאַרבעט מיט דער קינדער־אָרגאַניזאַציע פון דער פּ.פּ.ס.־„רויטע סקויטן" (טשער־וואָני האַרצעזש).

לייוויק האַדעס איז גראָד אין יענע יאָרן געווען סעקרעטאַר פון דער סקיף־צענטראַלע. אָבער זיין אַלגעמיינע „לינקע" פּאָליטישע אָריענטאַציע איז קיין מאָל פאַר אים ניט געווען קיין מניעה. דאָ האָט פאַר אים שטענדיק געגאָלטן אַלס געבאָט: וואָס איז דערציעריש געזונט און ריכטיק, דאָס איז נוצלעך פאַרן „סקיף".

מיר אַלע, און טאַקע ספּעציעל האָדעס, זיינען אַזוי צוגעצויגן געוואָרן צו דער „רויטע פאַלקן"־באַוועגונג, ווייל מיר האָבן דאָ געזען אַ געלונגענעם פּרואוו צו פאַראייניקן, צו אינטעגרירן האַרמאָניש די דריי יסודות, אויף וועלכע עס דאַרף זיך שטיצן אַזאַ קינדער־אָרגאַניזאַציע ווי אונזערע: אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע דערציאונג; צוגרייטונג פון יונגע געטרייע פּאַרטיי־קאַדרען; און אַנווענדן די געזונטע אַרבעטס־מעטאָדן פון די בירגערלעכע קינדער־אָרגאַניזאַציעס, די סקויטן.

אויב אַנדערע אָרגאַניזאַציעס האָבן פאַר זייער סאָציאַליסטישער דערציאונג געדאַרפט שעפּן טעאָרעטישע באַגרינדונגען פון די מאָדערנע פּעדאַגאָגישע און פּסיכאָלאָגישע שיטות (ספּעציעל — פון די סאָציאַליסטישע אָנהענגער פון אַלפרעד אַדלערס אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע אין ווין), זיינען מיר געווען אין אַ גליקלעכער לאַגע. מיר האָבן געקענט אין דער ברייטסטער מאָס געניסן פון דער גרויסער דערפאַרונג, פון די אומפאַרגלייכלעכע דערציערישע דערגרייכונגען פון דער סאָציאַליסטישער „צישאָ"־שול און פון דער ענטוזיאַסטישער מיטאַרבעט פון די סאָציאַליסטישע לערער־בונדיסטן. זיינען טאַקע גלייך פון אָנהויב ביי אונז איינגעשטעלט געוואָרן די געזינטסטע פּרינציפּן פון סאָציאַליסטישער דערציאונג, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צישאָ־שול: אמתע אינערלעכע דעמאָקראַטיע, ברייטסטע זעלבסט־פאַרוואַלטונג און איניציאַטיוו פון די קינדער; אינערלעכע — און ניט בלויז אויסערלעכע — דיסציפּלין; חברשע באַציאונג צווישן דעם דערציער און די קינדער.

וועגן דער ענגער און אינטימער באַציאונג צווישן „סקיף" און דער פּאַרטיי איז דאָ איבעריק ברייטער צו שרייבן. פון סאַמע ערשטן טאָג אָן האָט יעדער סקיפיסט געוואָרט אויף דער רגע ווען מען וועט אים שוין צולאָזן טאָן עפּעס פּראַקטישס פאַר דער באַוועגונג, צו באַטייליקן זיך מיט מעשים אין קאַמף פאַרן סאָציאַליזם. ער האָט געוווּסט, אַז פון דאַן אָן איז זיין לעבן אַ צוגרייטונג צו צוויי גרויסע פייערלעכע איבערגאַנג־פּאַזעס אין זיין לעבן: פריער — ווען ער וועט פון „סקיף" אַריבערגיין אין דעם יוגנט־בונד „צוקונפט" און שפּעטער — ווען ער וועט ענדלעך ווערן אַ מיטגליד פון „בונד".

האָדעס איז געווען דער צווישן אונז, וואָס האָט אַממערסטן אָפּגעהיט, אַז דער בפירוש פּאַרטייאישער כאַראַקטער פון „סקיף" זאָל ניט איינשלינגען די דערציערישע אַרבעט. און דער בעסטער אופן צו דערגרייכן די ריכטיקע דערציערישע האַרמאָניע — איז ער ניט מיד געוואָרן איינצוטענהן מיט אונז — איז אַריינפלעכטן אין אונזער אַרבעט וואָס מער פון די געזונטע עלעמענטן פון סקויטיזם.

עס זיינען לײדער אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן די פולע טעקסטן פון ח׳ האַדעסעס אינהאַלטסרײכע רעפעראַטן. דער אײנ־ציקער אויסנאַם איז דער רעפעראַט „די אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליסטישן סקויטינג״, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין באַריכט־בוך פון ערשטן סקיף־צוזאַמענפאָר *). עס איז אים ניט שווער געווען קלאָר צו מאַכן פאַר אונז די טיפע מחיצה צווישן די דערציאונג־אידעאַלן פון בירגער־לעכן סקויטיזם און דער סאָציאַליסטישער קינדער־באַוועגונג. נאַציאָנאַ־ליזם, מלוכה־אידעאַל, מיליטאַריזם, רעליגיעזע דערציאונג, האַלב־מיליטערישע דיסציפּלין זיינען סיי־ווי געווען פרעמד דעם יידישן קינד פון פוילן. שווערער איז געווען איבערצייגן אונז ווי וויכטיק עס זײ־נען די פּאָזיטיווע דערגרייכונגען פון סקויטיזם, ספּעציעל יענע אויפטועך זיינע, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אַ געזונטער פיזישער דערציאונג, מיט דערנענטערן דאָס קינד צו דער נאַטור, מיט די טיפע אינטימע איבערלעבונגען וואָס נאָר דאָס פאַרברענגען דירעקט אויפן שויס פון דער נאַטור, אין וואַלד, אויפן פעלד, ביים וואַסער קענען אַרויס־רופן אין קינדערשע נשמות. און אַז מען האָט אונז שוין איבערצייגט טעאָרעטיש — ווי אַזוי פאַרווירקלעכט מען עס פּראַקטיש? דער מהלך צווישן קעלער־שטוב אויף שמאָלער מילע און אַ פעלד מיט קאָרן־בלומען איז דאָך געווען אַזוי אומגעהויער גרויס! און דער פסיכישער מהלך צווישן יידישן קינד פון אָפּטמאָל פרומע עלטערן, אָפּטמאָל פון חדר און תלמוד־תורה, און דעם תענוג פון צוהערן זיך צום גערויש פון קוואַל, צום שושקען זיך פון די ביימער איז געווען נאָך גרעסער. און דער אונטערשיד איז אַזאַ גוואַלטיקער צווישן דעם גע־בויגענעם רוקן פון טאַטן און ברודער, וואָס בויגט זיך איבער דער גמרא אָדער אונטער דער לאַסט פון דאגות־פּרנסה — און דעם אויסגעגלייכטן רוקן פון סקיפיסט, וואָס מאַרשירט אין ריטמישן טראָט איבער די וועגן און שאָסייען און זינגט:

פילסטו, ווי פון הינטער וועלדער,
רופט און רייצט אַ וויטער קאַנט,
ס׳ציען לאַנקעס זיך און פעלדער
מיט בלומען ניי און אומבאַקאַנט —

ברודער, פּאַק דעם רוק־זאַק שנעלער.
אין מרחקים לאָמיר גיין!
רעגן, ווינט, ווער ווערט נתפעל —
מיר זיינען יונג און דאָס איז שיין.

---

*) איבערגעדרוקט אין דעם בוך.

און אַז מיר האָבן שוין יאָ אָנגעהויבן אַרויספירן די קינדער פון שטאָט און שטעטל „אויפן שויס פון דער נאַטור“, אַז די בלויע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן האָבן זיך שוין געגומען באַווייזן אויף די וועגן פון פוילן — ערשט דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די חוזק־געשרייען פון די פּאָליאַקן, דאָס שטיינער וואַרפן פון די שקצים, דאָס גיפטיקע זשי־פען צווישן די ציינער:

— זשידקי, פּאַרשיווי זשידקי אידאַן! (יידעלעך, פּאַרשיווע יידע־לעך גייען!).

און דאָך איז אונז געלונגען מנצח זיין אָט די שטערונגען! אונטער דעם כסדרדיקן דרוק פון האָדעסעס דערמונטערונגען און דערמאָנונגען האָבן מיר באַוויזן אַרויסצופירן דאָס יידישע קינד פון די ד׳ אמות פון זיין טרויעריקער, טונקעלער וועלט. אַ נייער טיפּ פון יידישן קינד מיט אַ מונטערן מאַרש־טראָט און מיט אַ הילכיקן, פריילעכן ליד אויף די ליפּן האָט זיך באַוויזן אויף די וועגן פון פוילן!

ניט ווייניקער וויכטיק איז אין האָדעסעס אויגן — און אין אונזערע אַלעמענס אויגן — געווען נאָך אַ צווייטער אַספּעקט פון דער סקויטן־באַוועגונג. דאָס איז דער הויכער סטאַנדאַרד פון פּערזענלעכער דיס־ציפּלין און די שטרענגע מאָראַלישע פאָדערונגען, וואָס זי שטעלט צו יעדן יחיד, וואָס שליסט זיך אָן אין אירע רייען — אָנהויבנדיק פון יינגסטן מיטגליד און אַוודאי ביז צו יעדן אָנפירער. דאָ איז געלעגן דער ענטפער צו די יעניקע קעגנער און פריינט אונזערע, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר די געפאַרן פון אַ פּאַרטייאישער מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון קינדער. אַזאַ אָרגאַניזאַציע, האָבן זיי געטענהט — מוז פאַרנאַכלעסיקן דערציאונג־עלעמענטן לטובת פּאַרטיי־צוועקן, במילא מוז זי דעמאָראַ־ליזירן די קינדער.

מיר האָבן באַוויזן, אַז עס קען זיין פּונקט פאַרקערט. דווקא אין „סקיף“ און דורכן „סקיף“ האָט דאָס קינד געקראָגן די הויכע פאָרם פון זעלבסט־דיסציפּלין, די שטרענגע עטישע, מאָראַלישע סטאַנדאַרדן. דורכן „סקיף“ האָט ער געקראָגן אַ לעבנס־פילאָזאָפיע אויפן גאַנצן לעבן, געבויט אויף חברשאַפט, אַרבעטזאַמקייט, קעגנזייטיקער הילף, פערזענלעכן מוט און דרייסטקייט. און אַ לעבנס־שטייגער וואָס איז געווען אַ כסדרדיקע צוגרייטונג צו אויסדויער, קרבנות־גרייטקייט און אויב נויטיק — קידוש־השם.

מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס וועלן דאַרפן זיין די מידות, וואָס וועלן אַוועקשטעלן דעם סקיפיסט אין דער פאָדערשטער ריי פון די, וואָס וועלן אָנהויבן דעם לעצטן און ענדגילטיקן זיגרייכן סאָציאַליסטישן אָנ־

גריף אויף די פעסטונגען פון רעאַקציע, אומיושר, אונטערדריקונג און פאַשיסטישער דיקטאַטור.

מיר האָבן נישט געאַנט, אַז דאָס דערציען מיר אַ מחנה קעמפער פאַר גאָר אַנדערע, הייליקע, טראַגישע שלאַכטן, זעלנער און קאָמאַנדירן פון דער העלדישסטער מלחמה אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק און פון דער מענטשהייט: די מאַרטירער פון יידישן ווידערשטאַנד, די טרעגער פון אומשטערבלעכער יידישער און מענטשלעכער קדושה אין די געטאָ־מרידות...

די קרוין פון אונזער אַרבעט זיינען געווען אונזערע זומער־לאַגערן, די „סאָציאַליסטישע קינדער־רעפובליקן" פון „סקיף". לייוויק האָדעס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די צוגרייטונגען פון אַלע לאַגערן און איז אפילו אַליין געווען דער אָנפירער פון דעם ערשטן אייגנאַרטיקן ווינטער־לאַגער פון „סקיף" אין אנין ביי וואַרשע (1934־1935).

נאָך אין שבועות 1939, ווען מ'האָט שוין בולט געהערט די דונערן פון אָנקומענדיקן קריג־שטורעם, האָט האָדעס געפירט דעם פאַרזיץ פון דער לעצטער זיצונג פון דער סקיף־צענטראַלע (יעקב פאַט איז דאַן געווען אויף אַ פאַרטייאישער שליחות אין אַמעריקע). און וועגן וואָס האָט מען דיסקוטירט אויף אונזער סאַמע לעצטער אסיפה? — ווי אַזוי נאָך בעסער איינשטעלן אונזערע קינדער־רעפובליקן; ווי אַזוי טיפער איינפלאַנצן אין די הערצער פון די קינדער פון פינצטערן היינט דעם גלויבן אין דער וועלט פון ליכטיקן מאָרגן!

גאַנצע צוויי און צוואַנציק יאָר זיינען שוין פאַרביי זינט מיר האָבן צום לעצטן מאָל אַרויפגעצויגן די רויטע פענער פון די מאַסטן פון אונזערע לאַגערן, זינט די סקיפיסטן מיט די בלויע בלוזעס און רויטע האַלז־טיכער האָבן צום לעצטן מאָל געהויבן זייערע פויסטן אין דער הויך אין סאָציאַליסטישן קאַמף־גרוס און די וועלדער פון פוילן האָבן צום לעצטן מאָל אָפּגעקלונגען מיט זייער גלויבנס־רוף:

— חברשאַפט! חברשאַפט! חברשאַפט!

און נאָך לעבט אַזוי פריש אין אונזער זכרון און אין אונזערע הערצער די פרייד פון די לאַגער־טעג! ס'איז נאָך אַלץ שווער איבערצוגיסן אין ווערטער די אומבאַשרייבלעכע יום־טובדיקייט, וואָס האָט דאָרט געהערשט. די וואונדערבאַרע חברשאַפט, די ריינקייט פון באַציאונג צווישן מענטש און מענטש, די פולסטע דעמאָקראַטיע און קאָאָפּעראַציע, די געטריישאַפט פון יעדן פאַר אַלע און פון אַלע פאַר איינעם. איז עס טאַקע אמת, אַז דאָס אַלץ איז מעגלעך געווען צו דערגרייכן (זאָל זיין, אַז בלויז אויף איין חודש פון יאָר!) אין אַ וועלט

פון האָס, פון שמוץ, פון נויט און פון אומגליק? די רגע ביים אַרויפֿ־ציִען צום ערשטן מאָל די רויטע פֿאָן, דער ערשטער אָוונט ביים לאַגער־פֿייער — דאָס זיינען מאָמענטן, ווען יעדער איינער פון אונז האָט געפֿילט, אַז ער קומט אין באַרירונג מיט הייליקייט.

און אַזוי וועט ער זיי געדענקען זיין גאַנץ לעבן — גרינע אָאַזיסן אין מדבר, זון־באַשאָנקענע ווינקעלעך אין אַ שוואַרצן, פֿאַרכמאַרעטן שטורעם־טאָג, אינזלען פון דער צוקונפֿט־וועלט פון פֿרייהייט און ליבע, פון גליק און פון פֿרייד.

***

אין די פֿינצטערע יאָרן פון קריג און אין די יאָרן נאָכן קריג האָבן מיר אומצייליקע מאָל געשמועסט מיט לייוויק האַלפּערן וועגן אונ־זער סקיף־אַרבעט. מיט אַ ווייטאָג, וואָס לאָזט זיך ניט באַשרייבן, האָבן מיר אַלע איבערגעלעבט די „ליקווידאַציע“ פון דער מעדעם־סאַנאַטאָ־ריע, דעם אומקום פון יידישן קינד. מיט וויפֿל שטאָלץ האָט האַלפּערן אויפֿגענומען די ידיעות וועגן דער אומלעגאַלער אַרבעט פון די סקיפּ־יסטן און די סקיף־טוער! ווי צעווייטיקט און דאָך שטאָלץ ער איז געווען מיטן מאַרטירער־טויט פון סקיפיסט אַלטער באָס אין וואַרשע, פון דער יונגיטשקער סקיף־טוערין אַסיע ביג אין ווילנע!

דאָן האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די פּרטים פון וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד און מיט זיי — וואָס פֿאַר אַ גרויסע און אָנפֿירנדיקע ראָל די געוועזענע סקיפּיסטן און סקיף־טוער, האַלפּערנס געוועזענע תּלמי־דים, האָבן געשפּילט צווישן די בונדישע אויפֿשטענדלער.

האַלפּערן איז שוין דאָן געווען שוואַך, אָבער זיינע כּוחות פֿלעגט ער נאָך אַלץ ווידמען אויף צו פֿאַראייביקן זייער ליכטיקן אָנדענק, אויף אַרויסצוהייבן זייער איבערמענטשלעכע גבֿורה און קדושה.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָבן מיר אַ סך מאָל גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון אָנשרייבן די געשיכטע פון „סקיף“, פון פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פון אָט דער הייליקער קינדער־באַוועגונג.

האַלפּערן וואָלט געווען דער לאָגישער שרייבער פון אַזאַ געשיכטע, דער רעדאַקטאָר פון אָנדענק־בוך! ער האָט אַלץ געהאָפֿט, אַז ס'וועט עפּעס געשען אַ נס, אַז ער וועט צוריקקריגן די כּוחות, וואָס זיינען נויטיק פֿאַר אַזאַ גרויסער אַרבעט.

דער נס איז ניט געשען.

און די געשיכטע פון „סקיף“ דאַרף נאָך אַלץ אָנגעשריבן ווערן.

אָבער דער אָנדענק פון די אומגעבראַכטע סקיפּיסטן, די הייליקייט פון זייער לעבן און טויט ווערן אַלץ מער און מער אַריינגעפלאָכטן אין דער טראַגישער פּאָלקס־קדושה פון אונזער פּאָלק, אין דער אייביקער לע־גענדע, וואָס אונזער דור וועט איבערלאָזן פאַר אַלע יידישע דורות און פאַר דער גאַנצער וועלט.

און דורך זיי, די יונגע קדושים, איז אין אָט דער הערלעכער לעגענדע אויך אַריינגעפלאָכטן די אומדערמידלעכע אַרבעט און די אומ־באַגרענעצטע ליבע, דער ריינער גלויבן, דאָס האַרץ פון לייוויק האָדעס.

די אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליסטישן סקויטינג

רעפעראַט פון ל. האָדעס, געהאַלטן אויפן ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון „סקיף״, וואַרשע, 2טן אָקטאָבער, 1936. פאַרלאַג סקיף־ביבליאָטעק.

עס איז פאַרשפרייט דאָס ווערטל: „דאָס נייַנצנטע יאָרהונדערט איז אַ יאָרהונדערט פון קינד״. און ריכטיק האָט אַ סאָציאַליסטישער פעדאַגאָג איבערפראַזירט דאָס דאָזיקע ווערטל, אַז „דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט, דאָס איז דער יאָרהונדערט פון קלאַסנקאַמף פאַרן קינד״. ווייל דער קלאַסנקאַמף ווערט אויסגעפאָכטן ניט נאָר אין געביט פון עקאָנאָמיק אָדער פאָליטיק. ערשט אין לעצטן צענטליק יאָר איז פולשטענדיק רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז איינער פון די וויכטיקסטע אָפשניטן, אויף וועלכן עס מוז קומען צו אַ פאַרמעסטונג צווישן דער אַלטער און נייער וועלט, דאָס איז דער פראָנט פון דערציאונג.

פאַשיסטישע דערציאונג, סאָציאַליסטישע דערציאונג, פאַטריאָטישע דערציאונג — דאָס זיינען שיטות, וועלכע זיינען אַן עלעמענטאַרער באַשטאַנד־טייל פון די אַנטשפרעכנדיקע פאָליטישע סיסטעמען און וועלטאַנשויאונגען. די „באלילא״ און „יונג־פאָלק״ — די פאַשיסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציעס הויבן אָן צו באַאיינפלוסן די קינדער פון צאַרטסטן עלטער. שוין צווישן זעקס־יאָריקע קינדער ווערט אין די פאַרשידענע לענדער איינגעפלאַנצט דער גייסט פון פאַרגעטערונג צום „פירער״, דער גייסט פון שנאה און ראַסן־האַס, די שטרעבונג צו ווערן אַ גוטער פאַשיסט. דער פאַשיזם ווערט אַ רעליגיע, וועלכע האָט זיך איר קולט, אירע איינדרוקספולע יום־טובים און פייערונגען, און די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע האָדעוועט אַ דור, וואָס איז מיט לייב־און־לעבן איבערגעגעבן די בלוטדורשטיקע אידעאַלן פון פאַשיזם.

אָבער ניט נאָר אין די אויסגעשפראָכענע פאַשיסטישע לענדער ווערט דער יונגער דור דערצויגן אין גייסט פון טריישאַפט צו די אידעאַלן פון דער אַוועקגייענדיקער אָפשטאַרבנדיקער וועלט. אין דער גאַנצער וועלט דינט הייַנט די אָפיציעלע דערציאונג די אינטערעסן פון די אָפשטאַרבנדיקע קלאַסן. און די דאָזיקע דערציאונג גרייט צו קאַדרען יוגנט, וואָס זיינען פסיכאָלאָגיש רייף צו ווערן שפעטער די טרעגער

פון פאַשיזם און מלחמה־פּאַטריאָטיזם, און בילדן די מחנות, וואָס קענען ווערן דער וויכטיקסטער שטיצפּונקט פון דער היינטיקער אָרדענונג. און מען מוז ניט פאַרמאַכן די אויגן אויפן פאַקט, אַז אויב די היינטיקע צייט איז אַ צייט פון קלאַסן־קאַמף פאַרן קינד, קאָן די קאַפּיטאַליסטישע וועלט אין דעם דאָזיקן היסטאָרישן שטרייט גראָד אין אונזער עפּאָכע פאַרצייכענען אַ רייע וויכטיקע נצחונות.

די בורזשואַזע דערציאונג ווערט אין היינטיקע צייטן כאַראַקטעריזירט דערמיט, וואָס איר איז געלונגען איינפאַסן די רעאַקציאָנערסטע דערציאונגס־אידעאַלן אין די סאַמע פּראָגרעסיווע אויסערלעכע ראַמען. עס איז געווען אַ פּעריאָד אין דער געשיכטע, ווען געוויסע דערציאונגס־פאָרמען זיינען געווען דער סינאָנים פון פרייהייטס־אידעאַלן און פאָרשריט. אַזוי, למשל, האָט די בורזשואַזע פּעדאַגאָגיק אין די צייטן ווען די בורזשואַזיע האָט נאָך געקעמפט פאַר פּראָגרעסיווע אידעאַלן און איז געווען די טרעגערין פון ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע, אַרויסגערוקט לאָזונגען פון אַנטי־ווערבאַליזם, פון אָנשוילעכקייט, פון נעמען און קויפן די אידייען־וועלט פון יונגן קינד, פון וועקן אַקטיווקייט, פון פלעגן זעלבסטעטיקייט, אַנטוויקלען די סאָציאַלע געפילן, פון אַריינטראָגן אין קינדערשן וועלטל דעם מאַקסימום פרייד, פון דערציען אין גייסט פון הומאַניזם און אוניווערסאַלע אידייען פון מענטשן־ליבע. עס זיינען אויפגעשטאַנען אַ ריי נייע פּעדאַגאָגישע שיטות, וואָס האָבן דערקלערט מלחמה די רעאַקציאָנערע דערציאונגס־מעטאָדן, וואָס האָבן אָפּעריִרט מיטן קנוט און שטעקן, — אַ מלחמה די מעטאָדן פון איינהאַמערן מיט געוואַלט אין די קינדערשע מוחות געוויסע אמתן, וואָס שטיצן זיך אויף קינדערשער געהאָרכזאַמקייט און הכנעה פאַר די „עלטערע און קליגערע”. קעמפן פאַר נייע דערציאונגס־מעטאָדן האָט באַדייט קעמפן פאַרן מענטשלעכן פּראָגרעס. איצטער האָט זיך די לאַגע ראַדיקאַל געביטן. די רעאַקציאָנערסטע דערציאונגס־סיסטעמען אָפּערירן מיט די פאָרגעשריטנסטע דערציאונגס־מעטאָדן. נאָך מער, די רעאַקציע האָט אויסגעבריי‍טערט און פאַרטיפט די פאָרגעשריטענע דערציאונגס־מעטאָדן און נוצט זיי אויס פאַר אירע צילן. דער עסטרייכישער טוער פאַר סאָציאַליסטישער דערציאונג עריק קלוס האָט קורץ פאַרן פעברואַר־אויפשטאַנד אין עסטרייך פאַרעפנטלעכט אין זיין בוך: „די קאַטוילישע דערציאונג” אַ רייע סטאַטוטן פון פאַרשידענע קאַטוילישע אָרגאַניזאַציעס פאַר דערציאונג. אַלע סטאַטוטן טראָגן שוין ניט קיין שום שפּור פונם אַמאָליקן יעזואיטישן צוגאַנג צו דערציאונגס־פּראָבלעמען. אָט, למשל, דערקלערט די „פרייליכע קינדהייט” אין ערשטן פּונקט פון סטאַטוט, אַז די אָרגאַניזאַציע שטעלט זיך פאַר אַ ציל

פאַר „די קינדער און יוגנטלעכע פון אַרבעטער און מיטלשטאַנד שאַפן אַזאַ פריילעכע קינדהייט, וואָס זאָל ווי אַ גאָלדענער שטראַל שפּעטער באַלויכטן די טונקלקייט פון שווערן לעבן". און די אָרגאַניזאַציע אָרדנט איין אויספלוגן, שפּאַצירן, פייערונגען, שטרעבט צו שאַפן ווינטערפרייד און זומער־גליק, מיט איין וואָרט זי פאַריאָגט פולשטענדיק די פינצטערע שאָטנס פון אַמאָליקער קלויסטער־דערציאונג, וואָס איר אידעאַל איז געווען צו דערשטיקן דעם חומר, און זי שטיצט איר אַרבעט אויף ווירקלעך פאַרשאַפן די קינדער פרייד. געוויס געדענקט זי איר אידעאַל. די יום־טובים זיינען רעליגיעזע. מען שפּילט זיך און מען דאַוונט, מען ריכט אָפּ תּפילות און מען גייט אויף אויספלוגן, מען קריגט מתּנות גליטשערס און געבעקט־ביכער. און מען קאָן נישט צווייפלען, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען ווען די פייערלעכקייט פון די תּפילות טיפער באַאיינפלוסן דעם יונגן דור און די ווירקונג פון די רעליגיעזע מדריכים וועט זיין דויערנדיקער און פעסטער.

אָבער דאָס מעכטיקסטע דערציאונגס־ווערקצייג האָט די רעאַקציע געפונען אין די סקויטינג־אָרגאַניזאַציעס. די קינדערשע אינדיאַנערשפּילן, וואָס ציען זייער יניקה פון דעם ראָמאַנטיזם פון די פאַרטיידיקונגס־מלחמות פון די ווילדע אינדיאַנער קעגן די ווייסע דעראָבערער, זיינען אָוועקגעלייגט געוואָרן אין יסוד פון אַ גאַנצער דערציאונגס־סיסטעם. נישט איין קינד האָט זיך אין פאַריקן יאָרהונדערט באַגייסטערט מיט די ווערק פון קופּער, מיין־ריד א. אַ. נישט איינער פון אַזעלכע „שפּורן־זוכער" פון ענגלאַנד איז געשטרויכלט געוואָרן דורך זיין פאַרלאַנג אַרויסצווייזן זיין בריהשקייט אַלס שפּורן־זוכער און איז געגאַנגען בעת דער ענגליש־בורישער מלחמה צו העלפן דערשטיקן דעם פרייהייט־קאַמף פון די בורן. נאָך דער דאָזיקער דערפאַרונג איז טאָקע אויפגעקומען דער סקויטיזם אַלס באַוועגונג, און דאָס פאָטערלאַנד פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז געוואָרן ענגלאַנד. (די ערשטע סקויטינג־אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרן אין ענגלאַנד אין יאָר 1907). די וועלט־מלחמה האָט באַשטעטיקט די דאָזיקע דערפאַרונג. באַדען פּאַולס סקויטן האָבן אַרויסגעגעבן גוט געשולטע פרייוויליקע פאַרן קריג. און ביסלעכוויז פאַרשפּרייט זיך די דאָזיקע באַוועגונג איבער דער וועלט, קריגט דעם בריטסטן פאַרנעם. אין לעצטן צענדליק יאָר איז די סקויטן־באַוועגונג פולשטענדיק אַרויס פון די גרענעצן פון קינדער־ און יוגנט־שפּילערייען און אַפילו פון האַלב־מיליטאַריזירטע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס. דער סקויטיזם איז געוואָרן אַ דערציאונגס־סיסטעם, וואָס די בורזשואַזע וועלט ווענדט אָן מיט דעם גרעסטן דערפאָלג. נישטאָ שוין באַלד קיין איין לאַנד אין אייראָפּע, וואו די סקויטינג־אָרגאַניזאַציע,

זאָל נישט נאָר זיין וואויל־געזען דורך די וואָס שטייען ביים מלוכה־רודער, נאָר זאָל ניט זיין דורך זיי געפלעגט און געשטיצט. ניט צופעליק ווערט די באַנייאונג פון אַ וועלכער ניט איז האַרצער־פּאַן אַרומגעשטעלט מיט די גרעסטע פייערלעכקייטן, און אין איר נעמען אָנטייל די העכסטע ווירדעטרעגער פון דער מלוכה. די סקויטינג־באַוועגונג נעמט שוין היינט אַרום אין מערסטן טייל אייראָפּעאישע לענדער כמעט די גאַנצע שול־יוגנט, און בילדעט אומעטום איינעם פון די וויכטיקסטע רינגען אין מלוכהשן דערציאונגס־סיסטעם. דער סקויטיזם איז דאָס מיטל, דורך וועלכן עס ווערן געפאַנגען די נשמות פון גאַנצן אונטער־וואַקסנדיקן דור. דער סקויטיזם איז געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעכע שלאָג־קראַפט, וואָס דעצידירט אין קלאַסן־שטרייט פאַר דער נשמה פון יונגן דור.

דער וויכטיקסטער כוח פון דער בורזשואַזער סקויטינג־אָרגאַניזאַציע ליגט אין פאַקט, וואָס זי איז אַוועק אויפן וועג פון אויסנוצן די בעסטע אוןווירקזאַמסטע פּעדאַגאָגישע מיטלען. דער סקויטינג ווירקט ניט אויפן שכל, נאָר אויפן געפיל, ער שטיצט זיך אויף דער צאַרטער עמאָציע־וועלט, און גיט דעם קינד אַ רייע באַגריפן און אידייען, דורך טיפע אויפטרייסלענדיקע איבערלעבונגען. דער סקויטיזם נוצט אויס דעם נאַטירלעכן דראַנג פון דער מענטשלעכער נשמה צו שיינקייט, און באַפרידיקט דעם דאָזיקן דראַנג. די באַוועגונג איז אָנגעזאָפּט ביזן העכסטן גראַד מיט ראָמאַנטיזם, וואָס לאָזט איבער די טיפסטע שפורן אויף דער נשמה.

גלייכצייטיק עפנט דער סקויטיזם דאָס ברייטסטע פעלד פאַר אַקטיווקייט און זעלבסט־טעטיקייט. די שעפערישע קרעפטן פון דער יונגער חברה געפינען דעם פולסטן אויסגאַנג. אין פעלד און וואַלד, ביי שפּורן־זוכעריי און אין לאַגער איז דאָס קינד אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, עס האַרטעוועט זיך ניט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק, קריגט מוט און גלויבן אין די אייגענע קרעפטן.

צוויי הויפּט־פּרינציפּן ליגן אין יסוד פון בורזשואַזן סקויטינג. דאָס זיינען רעליגיעזקייט און פּאַטריאָטיזם.

דער פאָטער פון סקויטיזם באַדען פּאַול האָט ניט איין מאָל דערקלערט: „יעדער סקויט מוז אויספירן די געבאָטן פון זיין אמונה". אַלזאָ, אים גייט ניט אָן פון וועלכער אמונה, אַבי אויסצופירן געבאָטן פון רעליגיע. דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון די בעלגישע קאַטוילישע פאַראיינען האָט באַדען פּאַול דערקלערט: „יעדער סקויט מוז קודם־כל זיין אַ גלויביקער מענטש. איך וועל אַוועקשיקן יעדן איינציקן, וועמענס וועלט־אָנשויאונג שטיצט זיך ניט אויף אַ רעליגיע".

ניט קיין קלענערע ראָל שפּילט אין דער סקויטישער אָרגאַניזאַציע דער פּאַטריאָטיזם. אין ליווערפּול האָבן זיך אין 1929 געטראָפן 50 טויזנט סקויטן פון 57 לענדער. דאָרטן זיינען געווען אַנטיסעמיטישע קאַטאָליקן און פרומע „מאַקאַבעער", ענגלענדער און דייטשן. מען האָט דעמאָלט פאַרמולירט אַ וועלט־פּראָגראַם פאַרן סקויטיזם. דער וויכטיקסטער פונקט פון פּראָגראַם שטעלט פעסט, אַז „יעדער סקויט מוז קודם־כל שטרעבן צו זיין אַ גוטער בירגער פון זיין לאַנד". און ווי אַזוי דאָס ווערט פאַרטייטשט אין יעדן לאַנד באַזונדער איז דאָך ניט נויטיק מאריך צו זיין. היינט געהערן צענדליקער מיליאָנען קינדער צו די בירגערלעכע סקויטינג־אָרגאַניזאַציעס. אומעטום לערנט מען „קודם־כל זיין אַ גוטער בירגער פון אייגענעם לאַנד" און מען פלעגט געפילן פון שאָוויניזם און ראַסן־האַס.

די פּאַטריאָטישע און רעליגיעזע געפילן ווערן איינגעאימפּט טראָפּן נאָך טראָפּן. יום־טובים און פייערונגען, ראָמאַנטיש לאַגער־לעבן און טאָג־שפּאַצירן, געזאַנג און פרייד, אויספלוגן און וואַנדערונגען, אַלץ ווערט אויסגעפילט מיט אַ באַשטימטן גייסט, אַלץ איז צוגעפּאַסט צו באַשטימטע טעג און דאַטעס, שטיצט זיך אויף באַשטימטן שטייגער, איז אויסגעפילט מיט אַ באַשטימטער פּראָפּאַגאַנדע, און דאָס לאָזט איבער די טיפסטע שפּורן אין די קינדערשע נשמות.

צי דאַרפן מיר צוליב דעם זיין קעגנער פון סקויטיזם? ניין, מיר דאַרפן די נוצלעכע און פּעדאַגאָגיש פּאַלקאָמע פאָרמען אויספילן מיט אַן אַנדער אינהאַלט. דעם בירגערלעכן סקויטינג שטעלן מיר אַנטקעגן דעם סאָציאַליסטישן.

פון געזאָגטן איז לייכט צו מאַכן די אויספירן וועגן דער אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליסטישן סקויטינג. דעם גייסט פון רעליגיע שטעלן מיר אין סאָציאַליסטישן סקויטינג אַנטקעגן דעם גייסט פון אַנטיקלעריקאַליזם. דאָס באַדייט פאַרשטייט זיך ניט, אַז מיר אַגיטירן קעגן רעליגיע. פאַרקערט, עס דערוועקן זיך אין דער אַרבעט גופא ניט איינמאָל ערנסטע פּראָבלעמען פון דעליקאַטן צוגאַנג צו געוויסע קינדער. אויב, למשל, אויף אונזער אויספלוג אין דער קאָלעקטיווער סעודה נעמט אַנטייל אַ חבר אָדער חברטע, וואָס איז פון דער היים צוגעוואוינט נאָר צו רייטועלע עסנס, דאַרף מען אַזאַ קינד באַהאַנדלען זייער פאָרזיכטיק און ניט פאַריאָגן דורך אויסלאַכן. אָבער דער גייסט פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס איז דער גייסט פון פריידענקעריי, וואָס דרינגט דורך אונזער טאָג־טעגלעכע אַרבעט.

דעם פּאַטריאָטיזם שטעלן מיר אַנטקעגן אַקטיוון אינטערנאַציאָנאַליזם. ער קומט צום אויסדרוק אין אונזערע יום־טובים און פייערונגען,

אין באַגעגענישן און צוזאַמענטרעפן מיט אַנדערע קינדער, אין הילף־גרייטקייט פאַר דער אַרומיקער סביבה (העלפן די פויערים, געמיינזאַמע פייערונגען מיט די קינדער פון דאָרף, וואו מיר האָבן דעם לאַגער, פאַרווײַלונגען, געזאַנג־אָוונטן, שענקען ביכער, צײַטונגען, אָנטייל אין אינטערנאַציאָנאַלע הילף־אַקציעס א.אַ.וו.).

די סאָציאַליסטישע סקויטינג־אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט אײַנערלעכע באַוועגונג־קראַפטן, און אידעאַלן, וואָס מאַכן זי קאָנקורענצלאָז אין פאַרגלײַך מיט די בירגערלעכע סקויט־אָרגאַניזאַציעס; ווײַל נאָר אין דער סאָציאַליסטישער סקויט־אָרגאַניזאַציע קריגן זייער פּאַקטישן תיקון די פּרעכטיקע פּעדאַגאָגישע אידייען, וואָס ליגן אין יסוד פון סקויטיזם. ווײַל סקויטיזם בכלל פּרואווט פלעגן געפילן פון הילפס־גרייטקייט, קאָלעקטיוויזם, מענטשן־ליבע, זעלבסטעטיקייט. אָבער די אַלע שיינע אידעאַלן געפינען זיך דאָך אין אַ שרײַענדיקער סתירה מיטן פּאַטריאָטישן, שאָוויניסטישן און מיליטאַריסטישן גייסט פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס: „האָב ליב מענטשן", אָבער „האָב פײַנט מענטשן פון אַן אַנדער ראַסע". און דאָס זעלבע מיט די געפילן פון קאָלעקטיוויזם, חברשאַפט און פרײַנטשאַפט, אָבער ביז אַ גרענעץ. חברשאַפט און פרײַנטשאַפט אין דער מאָס, אויף וויפל דאָס איז נויטיק אין דער צוקונפטיקער אַרמיי, וואָס שלאָגט זיך מיטן זעלבן שונא. און אין דער זעלבער מאָס זעלבסטעטיקייט; זעלבסטעטיקייט, אָבער מען מוז פאָלגן די עלטסטע; און דער בורזשואַזער סקויטינג פירט איין אַ גאַנצע סיסטעם פון שאַרזשן און באַפעלער, ער לערנט געהאָרכזאַמקייט און פאָלגעוודיקייט. דעם אַלעמען שטעלן מיר אַנטקעגן אמתע מענטשן־ליבע, חברשאַפט, פרײַנטשאַפט, און איבערגעגעבנקייט צום סאָציאַליסטישן אידעאַל.

און דער זיג געהערט צו אונז, ווײַל מיר זײַנען באַגייסטערט דורך אידעאַלן, צו וועלכע עס געהערט די צוקונפט. מיר זײַנען גרייט צו נעמען פון סקויטישן דערציאונגס־מעטאָד אַלץ דאָס שיינע וואָס ער פאַרמאָגט, און אויספילן די שיינע פאָרם אויך מיט אַ ליכטיקן אינהאַלט, באַשטראַלט פון אונזער סאָציאַליסטישן אידעאַל. אָט דער דאָזיקער געדאַנק באַפליגלט אונז, ווען מיר שאַפן אונזער אייגענעם סאָציאַליסטישן סקויטינג.

אָפּרופֿן נאָכן טויט

ב. שעפּנער

עטאַפּן פון אַ לעבן

(ביים פרישן קבר פון לייזויק האַדעס)

מען זאָגט, אַז פאַרן טויט גייען פאַרביי פאַרן מענטשנס אויגן די וויכטיקסטע עטאַפּן פון זיין לעבן. וויים איך ניט אויף וויפל דאָס איז אמת, הגם איך אַליין האָב שוין איינמאָל געהאַט דאָס געפיל, אַז איך געפין זיך אויף דער שוועל פון טויט. איך ווייס אָבער, אַז עפּעס ענלעכעס לעבט איבער יעדער מענטש, ווען ער שטייט ביים אָפענעם קבר פון זיינעם אַ נאָענטן פריינט: פאַר זיינע אויגן גייען פאַרביי די וויכטיקסטע בשותפותדיקע איבערלעבונגען.

איך ווייס דאָס פון פערזענלעכער דערפאַרונג. איך האָב ערשט דאָס איבערגעלעבט, ווען איך בין געשטאַנען ביים פרישן קבר פון לייזויק האַדעס. בלויז עטלעכע פון די דאָזיקע געמיינזאַמע איבערלעבונגען וויל איך דאָ פאַרצייכענען.

***

ביזן טאָג, ווען דאָס דערנעענטערן זיך פון די היטלער־טאַנקען האָט אונז פאַרטריבן פון וואַרשע, זיינען מיר זאַלבעדריט — ערליך, האַדעס און איך — געזעסן ביי איין טיש אין דער רעדאַקציע „פאָלקסצייטונג" און געטיילט צוזאַמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, די קלעפּ און אָנטוישונגען, וואָס זיינען געוווען צוגעטיילט פאַרן צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד" אין פּוילן. אין יענע יאָרן פאַרן חורבן איז דער איינפלוס פון „בונד" כסדר געוואַקסן; אַלץ מער און מער אָרעמע, פאַרהאָרעוועטע יידן האָבן דעמאָלט אויסגעדרייט זייערע אויערן און הערצער צו אונזער וואָרט. אָבער ניט ווייניקער ווי אונזער איינפלוס איז אויך געוואַקסן דער דרוק פון שונא. ווען דער היטלער־ביישפּיל האָט אַלץ מער געלאָקט און אונזער „חוצפּה" — אַלץ מער צערייצט.

עס זיינען געווען אַפּט מאָמענטן, ווען מיר זיינען ניט געווען זיכער, צי וועלן מיר אויך מאָרגן האָבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן די צייטונג, צי וועט דער נומער, וואָס מיר שטעלן איצט צונויף ניט זיין דער לעצטער. די דאָזיקע בשותּפותדיקע ראַנגלענישן און בשותּפותדיקע געפֿאַרן האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן דאָס געמיינזאַמע, וואָס האָט אונדז פֿאַרבונדן און פֿאַרקלענערט די באַדייטונג פֿון די מיינונגס־פֿאַרשידנקייטן, וואָס האָבן אונדז צעטיילט.

אַוודאי האָבן מיר געהאַט מיינונגס־פֿאַרשידנקייטן און עס וואָלט געווען אַן עוולה ניט נאָר לגבי דעם אמת, נאָר אויך לגבי האָדעסן, מען זאָל זיי איצט פֿאַרשוויגן. אין רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿון דער „פֿאָלקסצייטונג" איז האָדעס אַריינגעקומען ווי דער פֿאַרשטייער פֿון דער מינדערהייט פֿון „בונד", פֿון די אַזוי גערופֿענע „צווייער", אויפֿן אָרט פֿון פֿאַרשטאָרבענעם יוסף כמורנער און ווי אַזעלכער האָט ער מיט אַנטשלאָסנקייט און ווירדע פֿאַרטיידיקט די פּרינציפּן פֿון זיין ריכטונג. אָבער דער אופֿן ווי האָדעס האָט מיט אונדז געפֿירט די שטרייטן ביים רעדאַקציע־טיש איז געווען אַן אַנדערער, ווי כמורנערס, אַ ווייניקער היציקער.

פֿריער פֿאַר אַלץ איז עס געווען אַ פֿראַגע פֿון טעמפּעראַמענט. כמורנער איז געווען אַן אומרואיקער, קעמפֿערישער פּאַרטיי־פֿירער, מיט אַ טעמפּעראַמענט, וואָס אַפֿילו זיין שווערע לונגען־קראַנקייט האָט ניט געקענט צוימען און מיט אַ טאָן אַ שאַרפֿן, וואָס אַפֿילו זיין הוסט האָט ניט געקענט ווייכער מאַכן, נאָר בלויז איבערשלאָגן. איז ווי נאָר ער איז פֿריי געוואָרן פֿון שטיקנדיקן הוסט, האָט ער ווידער זיך אומגעקערט צו דעם זעלבן שאַרפֿן טאָן, וואָס פֿריער; דאָס איז געווען אַ טאָן אַ קעמפֿערישער, אַ קאָמפּראָמיסלאָזער, אַ טאָן וואָס לאָזט וויסן, אַז איצט, נאָכן הוסטן, פֿאַרלאַנגט ער ניט ווייניקער, ווי פֿאַרן הוסטן — הונדערט פּראָצענט. האָדעס אָבער איז געווען אַ מענטש מיט שטילע טריט, מיט אַ טאָן אַן אַנטשלאָסענעם, אָבער אַ רואיקן, מיט פּרינציפּן פֿעסטע, אָבער אָן שאַרפֿע שפּיצן. אין שרייבן ווי אין ריידן, איז ער געווען ווייניקער אָנגרייפֿער און מער אויפֿקלערער. אויב כמורנער איז געווען דער פּובליציסט־פּאָלעמיקער, איז זיין נאָכפֿאָלגער האָדעס געווען דער פּובליציסט־לערער.

טאַקע פֿון דער לערער־באַנק איז האָדעס געקומען צום „בונד" און דער ראָלע פֿון לערער איז ער געבליבן טריי אויך אין זיין פּאַרטיי־אַרבעט. עס איז ביי אונדז געווען אַזוי נאַטירלעך, וואָס האָדעס איז געווען דער בויער און דער אָנפֿירער פֿון דער בונדישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „סקיף" און וואָס ער איז אויך שפּעטער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פֿון

דער „קליינער פֿאָלקסצייטונג״. ווייניק לייענער האָבן געוווּסט, אַז דער זעלבער מענטש, וואָס שרייבט די קאָלירפֿולע באַשרייבונגען און באַלערנדיקע אַרטיקעלעך אין דער „קליינער פֿאָלקסצייטונג״, איז אויך דער מחבר פֿון די ברייט־אָטעמדיקע און פּובליציסטיש־געשליפֿענע לייט־אַרטיקלען אין דער גרויסער „פֿאָלקסצייטונג״, וואו עס ווערן באַהאַנדלט די אָנגעווייטיקטסטע יידישע און אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

אָבער אַ געניט אויג האָט געקענט אויך אין לויטערן סטיל פֿון די לייט־אַרטיקלען דערקענען דעם לערער און אויפֿקלערער. אויך אין די שטרייטן אין רעדאַקציע איז האָדעס געבליבן מער לערער, ווי פּאָלעמיקער. עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז אונזערע שטרייטן זיינען געווען געמיטלעכע. געווען צייטן, ווען די ליידנשאַפֿטן האָבן זיך שטאַרק צעהיצט. די סיבה איז געווען אין די מייסטע פֿאַלן — ראַטן־פֿאַרבאַנד. די „צווייער״ און זייער פֿאָרשטייער אין דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פֿון דער „פֿאָלקסצייטונג״ האָדעס זיינען, פּונקט ווי מיר אַלע, געווען אויפֿריכטיקע קעגנער פֿון דער מאָסקווער דיקטאַטור און פֿון אירע פֿאַרברעכנס, זיי האָבן אָבער געהאַלטן, אַז מיר, די „איינסער״ זיינען צו־שטרענג צום רעזשים, וואָס האָט ליקווידירט דעם קאַפּיטאַליזם און אויך דעם אַנטיסעמיטיזם, אַז צוליב די שאָטנס פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (וועלכע ווען, ווי זיי האָבן געהאָפֿט, מיט דער צייט באַזייטיקט ווערן), זעען מיר ניט איר ליכט. איצט זעען אויס טראַגי־קאָמיש די דאָזיקע שטרייטן, אַנדערש אָבער זעען זיי אויס, ווען מען קוקט אויף זיי מיט די אויגן פֿון אַ פּוילישן יִיד און יידישן סאָציאַליסט פֿון די דרייסיקער יאָרן, ווען די כמאַרעס פֿון רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם אויפֿן פּוילישן הימל זיינען געוואָרן אַלץ געדיכטער און געדיכטער און ממילא די פֿאַלשע פֿייערלעך, וואָס האָבן אַהערגעלויכטן פֿון מאָסקווע, מינסק און בירא־בידזשאַן — אַלץ העלער.

אָבער אַפֿילו בעת די סאַמע ליידנשאַפֿטלעכע שטרייטן אין רעדאַקציע איז אויף אַ האָר ניט פֿאַרקלענערט געוואָרן דאָס געפֿיל פֿון אומצערייסבאַרער אידייִאישער שותפֿות און גורל־געמיינשאַפֿט, וואָס האָט אונדז פֿאַרבונדן. און דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן געפֿיל פֿון פּערזענלעכער קרובֿהשאַפֿט, פֿון משפּחהדיקייט. אויך אין דעם פּרט איז לייוויק האָדעס געווען דער ווירדיקער יורש פֿון יוסף כמורנער, וואָס ביי זיין גאַנצער קנאישקייט און שאַרפֿקייט אין פּאָליטישע שטרייטן האָט ער געקענט זיין אין די פּערזענלעכע באַציאונגען צו אַ חבֿר אַזוי ווייך און צאַרט, ווי אַ מאַמע צו איר פֿאַרשלאָפֿט איינציק קינד.

***

דער גורל האָט געוואָלט אַז ניט נאָר אין וואַרשע, נאָר אויך שפּע־טער אין גלות, זאָלן מיך מיט האָדעסן פאַרבינדן בשותּפותדיקע ראַנגלענישן און בשותּפותדיקע געפאַרן. דאָס זיינען ניט געווען בלויז די אַלגעמיינע ראַנגלענישן און געפאַרן, וואָס עס האָבן געדאַרפט טיילן די פוילישע יידן און ספּעציעל די בונדיסטן, וועלכע זיינען, לויפנדיק פון היטלערן, אַריין קיין ליטע און האָבן דאָרט מיטאַמאָל זיך געפונען אין דער נעץ פון די סאָוועטן. מיך האָבן אין ליטע פאַרבונדן מיט האָדעסן גאָר באַזונדערע געפאַרן, ווייל מיר ביידע זיינען אין פאַרלויף פון פינצטערע חדשים צוזאַמען געלעגן באַהאַלטן אין אַ וואַלד־הייזקע הינטער קאָוונע.

וואַלבעדריט זיינען מיר דאָרט געווען — לייוויק האָדעס, יאַשקע אַפּמאַן און איך, דריי בונדיסטן, וואָס האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן גרונד ניט צו וועלן זיך באַגעגענען מיט די פּאָליציייִשע היטער פון דער „סאָציאַליסטישער מלוכה". האָדעס און איך זיינען געווען מיט־רעדאַק־טאָרן פון דער „פאָלקסצייטונג", וואָס צו אירע אַלע שווערע זינד אין די סאָוועטישע אויגן איז איר האַרט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה, נאָך צוגעקומען אַ נייע שרעקלעכע זינד — זי האָט באַקעמפט דעם סטאַלין־היטלער־פּאַקט. יאַשקע אַפּמאַן איז געווען אַ דרייסטער, קאַמפּ־לוסטיקער בונדישער יוניאָן־פירער און אַליין אַ ווילנער, און אויף אים האָבן זיך ספּעציעל געשאַרפט די ציין די ווילנער יידישע קאָמו־ניסטן. האָבן מיר זיך אַלע דריי צוזאַמען מיט אונזערע פאַלשע פּאַס־פאָרטן פאַרקליבן אין אַ וואַלד־דירה הינטער קאָוונע און פון דאָרט אויס־געזוכט וועגן ווי אַזוי אַרויסצוקריגן זיך פון דער סאָוועטישער פּאַסטקע.

מיר האָבן געהאָפט, אַז פאַרשטעלטערהייט, אונטער אונזערע נייע כשרע נעמען, וועט אונז אפשר געלינגען זיך אויסצומישן מיט דער גרויסער פּליטים־מאַסע און אַזוי אַרום אַרויסבאַקומען אַרויספאָר־דער־לויבענישן. נאָך חדשים־לאַנגע באַמיאונגען, פאַרבונדן מיט שווערע מאַטערנישן און לעבנס־געפאַר, האָט זיך דאָס די מייסטע פון אונז סוף־כל־סוף איינגעגעבן, ווייל די סאָוועטן האָבן דעמאָלט געווינען די פריש־באַהערשטע ליטווינער און באַפרייען זייערע שטעט פון „יידישן אַנגעלויף" און גלייכצייטיק אַריינבאַקומען אַ היפּש ביסל דאָ־לאַרן פון אַמעריקע פאַר די רייזע־אויסגאַבן פון די פּליטים.

האָדעס פלעגט אָפּטמאָל שפּעט אין אָוונט זיך אַדורכגנבענען דורך די טונקעלע געסלעך פון קאָוונע און אָוועק איבערנעכטיקן צו זיין שוואָגער און באַלד אין דער פרי קומען צו אונז צוריק אין וואַלד

זיך אויסבאַהאַלטן. יאַשקען איז געלונגען זיין פרוי און קינד צו ברענגען קיין ווילנע און זיי ערגעץ איינצואָרדענען אויף אַ כשרן אַדרעס. אָבער האָדעס און איך האָבן געהאַט פאַמיליעס ביי היטלערן אין וואַרשע. בלויז איינע פון מיינע צוויי טעכטער און אויך איינע פון זיינע צוויי טעכטער האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער דייטש־סאָוועטי־שער גרענעץ און זיך דערשלאָגן צו אונז קיין ליטע. די טעכטער אונ־זערע זיינען געווען אונזער פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט. מיר האָבן אָבער געדאַרפט זיין שטאַרק אָפגעהיטן מיט יעדער באַגע־געניש, וויל אָפיציעל זיינען דאָך די קינדער אונז געווען פרעמדע. יעדער האָט געהאַט אַ פּאַס אויף אַן אַנדער נאָמען... אויך די דאָזיקע געמיינזאַמקייט האָט מיך פאַרבונדן מיט האָדעסן און פאַרשטאַרקט די אינטימע אַטמאָספערע אין אונזער בשותפותדיקער וואַלד־באַהעלטע־ניש. גאַנצע טעג פלעגן מיר דאָרט פאַרברענגען אין שמועסן, דיס־קוסיעס, כמעט אויסשליסלעך וועגן אַלגעמיינע, דרויסנדיקע פּראָבלע־מען. דאָס זיינען אָבער ניט געווען מער די דיסקוסיעס ביים רעדאַקציע־טיש. דאָ זיינען די מיינונגס־פאַרשידנקייטן כמעט פאַרשוואונדן און עס איז געבליבן דאָס געמיינזאַמע — דער געמיינזאַמער אידעאַל, די געמיינזאַמע געפאַר, די געמיינזאַמע האָפענונג.

איך דערמאָן זיך, ווי איין טאָג בין איך אויפגעשטאַנען אין דער פרי און ניט געקענט עפענען די אויגן. זיי זיינען געווען פאַרקלעפּט פון אייז. אַזוי שרעקלעך קאַלט איז געווען אין אונזער נאָרע. אָבער די דאָזיקע קעלט האָט אונז ווייניקער באַאומרואיקט, ווי די קעלט וואָס איז געווען אין דרויסן, די קעלט, אין וועלכער עס זיינען געפרוירן געוואָרן די האָפענונגען פון אַזויפיל געפּלאָגטע און היימלאָזע יידן אין סאָוועטישן סאָציאַליזם, אין דער סאָוועטישער גערעכטיקייט.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז אַריין צו אונז האָדעס (ער האָט יענע נאַכט געהאַט געגעכטיקט ביי זיין שוואָגער) און מיט אַ היציקן, אויפ־גערעגטן טאָן, גאַרניט לויט זיין טבע, זיך אָפּגערופן:

— איך ווייס פאַרוואָס זיי ווילן אונז ניט אַרויסלאָזן? — זיי ווילן ניט, די וועלט זאָל געוואויר ווערן, וואָסער פּנים עס האָט זייער סאָ־ציאַליזם. זיי ווייסן, אַז אונז וועט מען גלויבן.

יעדער סאָציאַליסט איז קודם־כל אַ גלויביקער, וואָס אין דער טערמינאָלאָגיע פון ציניקער הייסט עס — אַ נאַאיווער. ער גלויבט אין ענדגילטיקן זיג פון גערעכטיקייט, פון אמת, וויל ער גלויבט אין מענטשן, אין זיין שכל הישר. אויך יענער היציקער אויסרוף פון האָ־דעסן איז געווען דער אויסדרוק פון אַזאַ טיפן גלויבן אין מענטשן און אין זיין שכל הישר.

ער האָט געגלויבט אַז ווען מיר, יידישע סאָציאַליסטן, וועלן קומען

קיין אַמעריקע און דערציילן וואָסער סאָציאַליזם מיר האָבן דאָרט געזען, וועט מען אונז זיכער גלויבן. דעם אמת מוז מען דאָך גלויבן!

אַרויסגעוויזן האָט זיך, ליידער, אַנדערש. טויזנטער האָבן אונז ניט געגלויבט. זיי האָבן ערשט אָנגעהויבן גלויבן מיט פופצן יאָר שפּע־טער, ווען זיי האָבן דעם אמת געהערט פון מויל פון... כרושטשעוון. אָבער האָדעס איז אויך אין אַמעריקע געבליבן דער זעלביקער גלויביקער. ווען די שווערע קראַנקייט האָט שוין גענומען פאַרצערן זיין אָפּגעשוואַכטן גוף, האָט האָדעס געשריבן אין „אונזער צייט", (וואו ער איז געווען מיטרעדאַקטאָר):

„די אידייע פון „בונד" איז טיפער גלויבן אין מענטשן. אַלע קעגנערישע ריכטונגען פון „בונד" זיינען געשטיצט אויפן מאַנגל אין אַזאַ גלויבן. דער פרומער ייד דערוואַרט הילף מן־השמים; דער אַסי־מילאַטאָר מיינט, אַז מען קען אַריבערלויפן אין לאַגער פון די שטאַר־קע; דער ציוניסט מיינט, אַז מען קען פון בייז אַנטלויפן. די אידייע פון גלויבן אין מענטשן איז היינט ניט פּאָפּולער. מיר האָבן זי אַלע, בפרט אין די לעצטע יאָרן, געזען טיף דערנידעריקט, צעטראָטן און באַשפּיגן. אָבער אויב דער מענטש איז פון נאַטור אַ חיה, וועט קיין שום אַנטלויפן ניט העלפן. אויב עס איז ניטאָ קיין תיקון פאַרן מענטשן, איז ניטאָ קיין תיקון פאַרן יידן. די חיה וועט דעם אַנטלויפנדיקן נאָכיאָגן און אים טרעפן אומעטום. אויב עס פאַרשווינדט דער גלויבן, פאַר־שווינדט אויך די האָפענונג".

האָט טאַקע האָדעס ביז דער לעצטער מינוט פון זיין שווער, גע־מאַטערט לעבן געטראָגן ביידע — דעם גלויבן און די האָפענונג. ניט די דרויסנדיקע טונקעלע כוחות און ניט די פיזישע יסורים, וואָס האָבן קנאַפּע צען יאָר אים ניט אָפּגעלאָזט, זיינען ניט געווען אימשטאַנד אויסצולעשן דעם גלויביקן פלאַם אין זיינע אויגן.

עמנואל נאַוואָגרודסקי

לייוויק האַדעס

וואָס איז די אמתע אויפגאַבע פון אַ ביאָגראַפישן אַרטיקל, פון אַ ליטעראַרישער אָפּהאַנדלונג וועגן אַ געשטאָרבענעם חבר און פריינט, פון אַ פרואוו צו מאָלן זיין בילד און געשטאַלט? איך שטעל זיך אַליין די פראַגע און איך שלאָג זיך אַליין מיט דער דעה. אין מיטלאַלטער איז געווען אַן אָנגענומענער כלל, אַז וועגן סתם מענטשן שרייבט מען נישט, פאַראייביקן דאַרף מען נאָר געשטאַלטן פון העלדן, פון הויכ־געשטעלטע פערזענלעכקייטן. אין אַזעלכע לעבנס־באַשרייבונגען דאַרפן אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן פאַרשוויגן ווערן. דער מחבר דאַרף אַרויסברענגען די מאָמענטן פון העלדישקייט, פון העראָאיזם, פון איי־בער־מענטשלעכער גבורה און חכמה. דער סטיל אָדער דער נוסח פון יענע ווערק, איז געווען צוגעפּאַסט צו זייער אינהאַלט. ער האָט גע־האַט אַ קנאַפּע שייכות צו דעם טאָג־טעגלעכן, וואָכעדיקן לשון.

אַ סך היינטצייטיקע ביאָגראַפיעס און הספדים שטעקן נאָך מיט ביידע פיס אין דעם מיטלאַלטער...

מ׳דאַרף אָבער פאַרמאָגן אַן עכטן טאַלאַנט, כדי צו קענען אַרויס־ברענגען פאַר דעם לייענער דעם פשוטן מענטש אין דעם גרויסן מאַן, דעם אדם הראשון אין דעם געשילדערטן העלד, — אַזוי ווי די מו־טער־נאַטור האָט אים געשאַפן. מ׳דאַרף וויסן דעם סוד פון סובטעלע פאַרבן — ניואַנסן, פון דעם דינעם שפּיל פון קאָלירן, כדי אַרויסצו־ברענגען, אויף אַ געהעריקן אופן, די מענטשלעכע פאַסיעס און ליידנ־שאַפטן פון העלד, זיינע מענטשלעכע שוואַכקייטן און אפילו זיין מענטשלעכן לייכטזין. דערצו איז אָבער נויטיק נישט קיין בערשטל פון אַ שטוב־מאלער, נאָר אַ פיין פענדזל פון אַ קינסטלער, פון אַן אַרטיסט. אָבער נאָר אין אַזאַ פאַל ווערט מעגלעך, אַז דער לייענער זאָל אין דעם העלד דערפילן דעם מענטש, אַז ער זאָל אַנטדעקן איי־גענע קרובהשאַפט, זיין שייכות מיט דער געשילדערטער פערזענלעכקייט.

די מיטגלידער פון בונדישן צענטראַל־קאָמיטעט פאַרדינען אַזעלכע שילדערונגען, וואו נעמט מען אָבער אַזאַ פּען?

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט לייוויקן אין ווילנע, אין יאָר 1922. ס'איז געווען נאָך אונזער דאַנציקער צוזאַמענפאָר. ס'איז שוין געווען קלאָר, אַז דער פּוילישער „בונד" וועט נישט ווערן אַ טייל פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל און וועט אויסמיידן אַ שפּאַלטונג. אָבער אין ווילנע, דאָס וויגעלע פון „בונד", איז אונזער באַוועגונג געשפּאָלטן געוואָרן פריער מיט אַ פּאָר יאָר, דעמאָלט, ווען דער „בונד" אין רוסלאַנד האָט זיך געשפּאָלטן. הגם ווילנע האָט שוין אין 1922 געהערט צו פּוילן, איז נאָך אָבער די שפּאַלטונג אָנגעהאַלטן געוואָרן און די צוויי בונדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך קעגנזייטיק שטאַרק באַקעמפט. ביידע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן טיילן פון פּוילישן „בונד". פאַר דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „בונד" פון ווילנע זיינען מיר געווען צו לינק, פאַר דעם ווילנער „קאָמבונד" זיינען מיר ווידער געווען צו רעכט. די לאַגע איז געוואָרן נאָך מער קאָמפּליצירט צוליב דער פּראָ־רוסישער מלוכה־אָריענטאַציע פון די ווילנער יידן בכלל און פון די ביידע ווילנער בונדישע אָרגאַניזאַציעס בפרט.

בראש פון דעם ווילנער „קאָמבונד" זיינען געשטאַנען לייוויק האַלפּערן און מרדכי יאָפע. בראש פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „בונד" פון ווילנע זיינען געווען אַזעלכע בונדישע פירער ווי פּאַוועל און אַנע ראָזענטאַל, א. ליטוואַק, יעקב זשעלעזניקאָוו, רבקה עפּשטיין און אַנדערע.

פאַר אונז אין צענטראַל־קאָמיטעט איז דער ענין אויך נישט געווען איינפאַך. די לינקע, וואָס האָבן דעמאָלט געהאַט אַ מערהייט, ד. ה. די „צווייער", ווי מען האָט זיי שפּעטער גערופן, האָבן געוואָלט, אַז דער „קאָמבונד" פון ווילנע זאָל וואָס שנעלער זיך אָנשליסן אין דעם פּוילישן „בונד". וואָס אָנבאַלאַנגט דעם סאָציאַל־דעמקראַטישן „בונד" פון ווילנע — מיט זיינע שוין דערמאָנטע פירער, זיינען די „צווייער" געווען אַ סך וויניקער אומגעדולדיק... די „איינסער" ווידער האָבן געשטרעבט צו פאַרגרעסערן זייער איינפלוס אין דער באַוועגונג דורך דעם אָנשלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ווילנער אָרגאַניזאַציע פון „בונד". וואָס אָנבאַלאַנגט דעם ווילנער „קאָמבונד" האָבן זיי געהאַלטן, אַז מ'דאַרף זיך נישט יאָגן נאָך אים...

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ אינערלעכן שטרייט פון צוויי ריכטונגען, זיינען ביידע צדדים געווען גענוג „פּאָליטיקער", כדי נישט אָנצורופן דאָס קינד ביים נאָמען. דער שטרייט אין צענטראַל־קאָמיטעט אַרום דעם ענין ווילנע איז געפירט געוואָרן אַרום צוויי פּרינ־

ציפן: די מינדערהייט האָט געהאַלטן, אַז פריער דאַרפן די צוויי בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין ווילנע זיך פאַראייניקן אויפן אָרט, אַ פאַר־אייניקטע בונדישע אָרגאַניזאַציע פון ווילנע זאָל זיך אָנשליסן אין פוילישן „בונד". די מערהייט אין צענטראַל קאָמיטעט האָט זיך גע־שטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז קודם כל דאַרף מען אָנשליסן אין פוי־לישן „בונד" יענע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט דערצו אַ חשק. די לאָקאַלע פאַראייניקונג וועט אַדורכגעפירט ווערן שפּעטער.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל פאָרן קיין ווילנע אַדורכפירן די אונטערהאַנדלונגען.

איך האָב געגלויבט, אַז אין ווילנע וועל איך האָבן מזל און מיינע האַפענונגען האָבן מיך נישט פאַרפירט. אָבער דאָס איז געווען נישט נאָר דער געוויינלעכער אָפּטימיזם פון יונגע: זינט מיין באַזוך אין קאָוונע, אין אָנהויב 1921, האָב איך געוואוסט וועגן לייוויקן אַ סוד, וואָס האָט מיר געגעבן אַ גרונט צו זיין אָפּטימיסטיש. די מעשה דערציייל איך היינט צום ערשטן מאָל, ווייל כ'בין געווען געבונדן מיט אַן ערן־וואָרט:

יואל נאָוויקאָוו, איינער פון די דעלעגאַטן פון ליטע צו דער קאָנ־פערענץ פון „בונד" אין מינסק, וואו ס'איז באַשלאָסן געוואָרן זיך צו ליקווידירן און אַריינטרעטן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָט באַקומען אַ פולמאַכטן־בריוו פון לייוויקן, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען צוריק אין ווילנע. לייוויק האַדעס האָט געשריבן, אַז ער איז קעגן דער ליקווידאַציע פון „בונד" און הייס געוואָרנט זיין פריינט נאָ־וויקאָוון קעגן די טרויעריקע קאָנסעקווענצן, וואָס אַזאַ פאַטאַלער טעות קען האָבן פאַר דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער „אומבאַ־קאַנטער שליח", וואָס האָט י. נאָוויקאָוון געבראַכט לייוויקס בריוו, איז געווען אונזער אַלטער באַקאַנטער הערשל מעטאַלאָוויעץ. ער האָט גאָר נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ רעכטע „קאָנטראַבאַנדע" ער פירט אין זיין בוזעם־קעשענע פון לייוויק האַדעסן...

אין זיין בריוו פון 13טן יוני 1957 דערמאָנט יואל נאָוויקאָוו וועגן דעם סוד...

לייוויק האַדעס איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דער יידישער פאָלקס־שול א. נ. פון לייזער גורוויטש, דעם בונדיסט, וועמען אַ פּוי־לישער זעלנער האָט אין 1919 דערשאָסן. לייוויק האַדעס האָט פאַר־נומען אַ באַשיידענע דירה אין שול־הויף, וואָס האָט געהערט צו דער יידישער קהילה. די טיר האָט מיר געעפנט ראָזע, זיין פרוי. זי האָט מיר פאַרזיכערט, אַז לייוויק דאַרף באַלד קומען. כ'האָב נישט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן ווי לייוויק איז טאַקע אַריינגעגאַנגען. איך האָב וועגן

אים אַ סך געהערט. מסתּם האָט ער אויך געהערט וועגן מיר. אָבער דער קאָנטראַסט צווישן דעם אימאַזשינירטן לייוויק, אַזוי ווי כ'האָב זיך אים אויסגעמאָלן אין מיין דמיון, און דעם אמתן, לעבעדיקן לייוויק, וועלכן כ'האָב צום ערשטן מאָל געטראָפן, איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער איינדרוק איז פאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון:

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ טיפּישער ייִדיש־רוסישער אינטעליגענט, איינער פון יענע אייביקע גאָט־ און אמת־זוכער, מיט וועלכע די בעסערע רוסישע ליטעראַטור פון סוף נייַנצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז פול געווען. זיין הויכער שטערן פון אַ דענקער, איז געווען ווי אַ וויזיט־קאַרטע, וואָס דערציילט וועגן יחוס און אָפּשטאַם פון אונזער נייעם באַקאַנטן. אַ פיין געטאָקטער פּנים, אַ געזיכט, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן אַן אינטענסיוון גייסטיקן לעבן. גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין געשפּרעך דורך פונקען פון הומאָר און נאָך עפּעס, וואָס פלעגן זיך אָנצינדן און ווערן פאַרלאָשן. אַ געשטאַלט פון אַ רוסישן פאָלקס־גייער, פון אַ „נאַראָדניק", מיט אַ שטילער שטימע, מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, וואָס איז ווי מוחל דעם מענטש זיינע שוואַכקייטן, זיין אומקאָנסעקווענץ. אַ געשטאַלט, וואָס שאַפט אַרום איך אַן אַטמאָספער פון זאָרגפעלטיקער אויפמערקזאַמקייט, פון אַ מאַנס ווייכקייט, פון אַ וועלט, באַנומען אין בלאַסע, סענטימענטאַלע פּאַסטעל־פאַרבן...

איך האָב זיך געריבן די אויגן פון וואונדער: לייוויק האָדעס, וועגן וועלכן מען האָט מיר דערציילט אין קאָוונע, אַז ער איז אַן אומדערמידלעכער אָרגאַניזאַטאָר, אַ קעמפער קעגן אַלע רעכטע אָפּנויגן, אַ טעאָרעטיקער, וואָס דערשטיקט אומברחמנותדיק סענטימענטן און געפילן, לייוויק האָדעס, וועגן וועלכן מיטגלידער פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן „בונד" אין ווילנע האָבן מיר דערציילט, אַז ער איז אַ קאָמוניסטישער טעראָריסט און שפּאַלטער, וואָס שלינגט אַראָפּ לעבעדיקערהייט רעכטע בונדיסטן דריי מאָל אַ טאָג — ביים אָנבייסן, ביים מיטאָג און איידער ער לייגט זיך שלאָפן — דער לייוויק האָדעס האָט גאָר אַ פּנים פון אַ דיכטער, פון אַ פּאָעט, פון אַ מענטש, וואָס קען אַ פליג נישט אָנרירן...

היינט וואָלט איך זיין אַ בעלן צו וויסן, וואָס לייוויק האָט בעת אונזער ערשטער באַגעגעניש, געטראַכט וועגן מיר. ס'קען זיין, אַז ער איז געווען נישט ווייניקער פאַרחידושט...

ענדע 1923 איז לייוויק געקומען קיין וואַרשע. די צענטראַלע ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע האָט אים באַזאָרגט מיט אַ לערער־פּאָסטן. אָבער וואו נעמט מען אַ דירה? ביז ער האָט געקראָגן אַן אייגענע דירה אויף

טוואַרדע־גאַס, זיינען אַוועק לאַנגע יאָרן. „דערוויילע״ האָט ער זיך אַריינגעצויגן אין דעם לײדיקן צימער פון דער קינדער־היים אויף דזשעלנע 43, וואָס האָט געהערט צו „צישאָ״. מיר זיינען געוואָרן נאָענ־טע שכנים. פון מיין דירה אויף סמאָטשע־גאַס ביז די לייוויקס אויף דזשעלנע איז געווען אַ פּאָר טריט.

ס׳איז אָפט דערמאָנט געוואָרן וועגן דער משפּחהדיקייט, וואָס האָט געהערשט אין „בונד״. אָבער ווען צוויי בונדישע משפּחות האָבן גע־וואוינט בשכנות — איז דאָך בכלל נישט שייך... סאָניע טשעמעלינסקי־נאָוואָגרודסקי, מיין פרוי, איז גלייך געוואָרן אַ נאָענטער מענטש, אַן איבערגעגעבענער פריינט פון ראָזען און לייוויקן. מאַיוס, מיין זון, איז געגאַנגען אין קינדער־היים און שפּעטער פאַרענדיקט אונזער פאָלקס־שול אויף קראָכמאַלנע צוזאַמען מיט כעווקען, לייוויקס טאָכטער. די קינדער האָבן זיך געהאַט זייער געגרן און אַ סך פאַרברענגט צוזאַמען. אַ גאַנץ יאָר פלעגט מען קומען איינער צום צווייטן. אויף זומער פלעגן מיר געוויינלעך אַרויספאָרן אין די זעלביקע בערג, אין קראָ־שטשענקאָ, זאַקאָפּאַנע, קריניצע, יארעמטשע אָדער אַנדערע באַקאַנטע ערטער. מיר פלעגן אָפט שפּאַצירן צוזאַמען. לייוויק איז געווען אַ גרוי־סער ליבהאָבער פון דער נאַטור און אַן איינגאַרטיקער באַרג־גייער. ער פלעגט אויסמיידן אויסגעטראָטענע און אָנגעצייכנטע וועגן. ער פלעגט שטענדיק זוכן און געפינען אייגענע סטעזשקעס און דורכגענג צווישן די גרינע טאָלן און זוניקע באַרג־שפּיצן. ווען ער פלעגט אַנט־דעקן אַן אייגענעם וועג דורך אַזאַ באַרג־דזשונגל, האָט ער זיך גע־פרייט, ווי קאָלומבוס, וואָס האָט אַנטדעקט אונזער אַמעריקע. לייוויק איז פיזיש קיינמאָל נישט געווען קיין גיבור, אָבער טראָץ דעם האָט ער ליב געהאַט די הויכע באַרג־שפּיצן פון די פּוילישע טאַטרען. לײ־וויק פלעגט אַוועקגיין אויף גאַנצע טעג אין די בערג, צוזאַמען מיט זיין כעווקען און מאַיוסן, זיי פלעגן וואַנדערן איבער נישט געצייכנטע שטעגן און וועגן און זאַלבעדריט האָבן דעם גענוס און די באַפרידיקונג פון „נאַטור־פאָרשער״ און „אַנטדעקער״. לייוויקס חוש הדרך איז ממש געווען פענאָמענאַל. דער שטאָטישער אינטעליגענט, וואָס האָט פאַר־בראַכט זיינע יונגע יאָרן אין ווילנער לערער־סעמינאַר, דער לערער און דערציער, וואָס האָט געאַרבעט אין פאַרמאַכטע קלאַסן, האָט פאַר־מאָגט אַ געפיל פאַר דירעקציע, אַן אָריענטאַציע־אינסטינקט פון אַ וואַלד־מענטש, וואָס האָט קיינמאָל אין שטוב נישט געזעכטיקט. מיין זון האָט שוין היינט אַליין קינדער, וועלכע ער נעמט מיט אויף לאַנגע שפּאַ־צירן. אָבער עד־היום געדענקט ער און באַוואונדערט לייוויקס דעמאָל־טיקע פעאיקייט צו געפינען וועגן אין אַ ווילדערניש. נאָך לייוויקס

טויט האָט מיין זון מיר נאָכאַמאָל דערציילט וועגן לייוויקס וואַנדער־לוסט, וועגן זיין אויג פאַר נאַטור־בילדער, וועגן זיין אומגעוויינ־לעכער אָריענטאַציע בעתן וואַנדערן...

ווען לייוויק האָט אָנגעטאָן דעם רוק־זאַק, כדי אַוועקצוגיין מיט ראָזען, זיין פרוי, אין די בערג, פלעגט ער פאַרגעסן אַלע זיינע דאגות. ס'איז געווען נישט קיין קליינע מדרגה פאַר אַ פירנדיקן בונדיסט אין פוילן צווישן ביידע וועלט־מלחמות צו קענען זיין זאָרגלאָז...

וואָס מער כ'האָב געקענט לייוויקן, אַלץ קלאָרער איז פאַר מיר געוואָרן, אַז מיין ערשטער איינדרוק וועגן אים דעמאָלט אין ווילנע, איז געווען אַ ריכטיקער. לייוויק איז קיינמאָל נישט געווען אַ מענטש פון טאַט. דער געדאַנק און דאָס וואָרט וואָס דריקט אים אויס, וואָס קלערט אים אויף, זיינען געווען זיין סטיכיע, זיינען געווען — זיין טאַט. לייוויק איז פון נאַטור געווען אַ מענטש פון שטיל לעבן, פון קאָנטעמפּלאַציע. ער איז געבוירן געוואָרן נישט איבערצומאַכן די וועלט, נאָר כדי איר אויפצוקלערן, כדי אויפצודעקן די קאָנטורן פון דער צוקונפט, וואָס זיינען נאָך באַהאַלטן פאַר דעם געוויינלעכן אויג. די טיף פאַרבאָרגע־נע, יחידישע טראַגעדיע פון לייוויקן איז מסתמא געווען, וואָס ער, דער סענטימענטאַליסט און דיכטערישע נאַטור, דער דערציער, אויפ־קלערער און הומאַניסט, דער טיפּישער רוסישער אינטעליגענט, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פּטור פון ספיקות, פון דעם „האַמלעט" אין זיין ברוסט — איז דורך דער געשיכטע אַרויסגערוקט געוואָרן בראש פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט געשטורעמט די באַסטי־ליעס פון אַלטן יידישן לעבנס־שטייגער. אָבער אַרויסגערוקט בראש פון „בונד", פון דער באַוועגונג, וואָס איז געווען די פאַרקערפּערונג און דער סינאָנים פון רעוואָלוציאָנערער טאַט אין יידישן לעבן, האָט לייוויק האָדעס דערפילט זיינע פליכטן בשלמות. לייוויקס ראָל אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" איז איינגנטלעך געווען צו פאַרבלייבן דאָרט דער ווילנער. אין „ירושלים ד'ליטע" איז פון תמיד אָן לערנען תורה, לערנען פשט, געווען מער חשוב איידער צווישן די אימפּול־סיווע יידן פון קרוין־פוילן. דער ווילנער נוסח איז געווען אַ נויטיקער עלעמענט אין אונזער עקסקלוזיוויסטן־קלוב.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס לייוויק האָדעס און פראַנץ קורסקי זיינען אין ניו־יאָרק געווען נאָענטע פריינט. פראַנץ, וואָס האָט גע־הערט צום עלטערן דור פון יענער מערקווירדיקער יידיש־רוסישער אינטעליגענץ, ראָמאַנטיקער, פּיאָנערן און בויער פון נייע ווערטן, האָט אין לייוויקן גלייך דערפילט אַ קרובישע נאַטור, אַ יינגערן ברודער. פראַנץ פּונקט ווי לייוויק, איז נישט קיין מענטש פון טאַט. פראַנצן

פונקט ווי לייוויקן וואָלט איך קיינמאָל נישט אַוועקגעשטעלט בראש פון אַ פּראַקציע, פון איין ריכטונג אין „בונד״. אַזאַ ראָל איז געווען קעגן זייער אינערלעכן וועזן. אָבער לייוויקן פונקט ווי פּראַנצן וואָלט איך שטענדיק און אומעטום אָנפאַרטרויט צו פאַרטיידיקן דעם „בונד״ בכלל, צו רעפּרעזענטירן אויף דעם איינדרוקספולסטן און ווירדיקסטן אופן די יסודות פון בונדיזם, די פּרינציפּן און דעם תוך פון גאַנצן „בונד״. דאָס איז דער העכסטער שבח פאַר יעדן בונדישן פירער, וואָס נאָר דער טויט האָט זיי געקענט אַוועקנעמען פון דער באַוועגונג.

פ. שוואַרץ

לייוויק האַדעס — 30 טעג נאָך זיין טויט

(רעדע אויפן טרויער־אונט דעם 21טן אַפּריל, 1957)

שטיל זיינען געווען לייוויקס טריט אינם לעבן, אָבער זייער אָפּ־קלאַנג איז געווען אַ שטאַרקער. ער האָט פיינט געהאַט פייקלדיקע רייד, אָבער זיין וואָרט — באַזונדער זיין געשריבן וואָרט — האָט געהאַט קאָלאָריט, ריח, וואָגיקייט, באַהאַרצטקייט. אַזוי איז ער געווען ווי אַ לערער און שול־טוער. אַזוי איז ער געווען ווי אַן אָנפירער פון קינדער־אָרגאַניזאַציעס. אַזאַ איז ער געווען ווי אַ מיטגליד פון אונזערע צענטראַל־קאָמיטעטן און דאָס האָט אים אויך אויסגעצייכנט אַלס שרייבער. ער איז געווען אַ תכלתדיקער פאָדעם אין דער רויטער פאָן פון אונזער פּאַרטיי...

אויף דער סאַמע שוועל פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען לייוויק האָט זיך באַוויזן צווישן אונז אין וואַרשע, איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פון אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס איז גרייט געווען צו ברענגען דעם גרעסטן פּערזענלעכן קרבן פאַרן זיג פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן פון יענער צייט... מען האָט שוין אַ סך מאָל ביי אונז ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געזאָגט, אַז אין די צוואַנציקער יאָרן האָט די לינקע ריכטונג אין „בונד", וואו האַדעס איז געווען איינער פון די הויפּט־מענטשן — פּאַקטיש געהאַלטן אין אירע הענט דעם גורל פון דער גאַנצער פּאַרטיי און פון דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. געווען צייטן ווען האַדעס איז געווען עקסטרעמער פון דער גאַנצער ריכטונג, געווען צייטן ווען ער איז נישט גרייט געווען מיטצוגיין מיט אַלע שריט, וואָס די דאָזיקע ריכטונג האָט גענומען, אָבער ער איז געווען איינער פון די געציילטע 3־4 פירנדיקע מענטשן, וואָס האָבן אין אַלע צייטן און אין אַלע אומשטענדן נישט אויפגעהערט צו דערמאָנען און צו וואָרענען אַלע אַרום זיך, אַז „בונד" איז די באַזע און אַז „בונד" איז די ברכה, וואָס די יידישע מאַסן האָבן זיך אויסגעחלומט און אויסגעפּורעמט. לייוויק האַדעס האָט געהערט צו יענע מענטשן, וואָס האָבן אין יענע יאָרן געלייגט געוואַלטיקע האָפּע־

נונגען אויפֿן רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז פֿון די אייראָפּעאישע אַר־בעטער־מאַסן. צוזאַמען מיט אַ סך פֿון אונז האָט לייוויק געשטרעבט צו זען אַ פֿעסט־דיסציפּלינירטן פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל אָנפֿירן מיט די קאַמפֿן פֿון די פֿאַראייניקטע רעוואָלוציאָנערע מאַסן פֿון דער וועלט. אָבער ער האָט קלאָר זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, אַז אינטערנאַציאָנאַל איז בלויז אַן איבערבוי, אַ צוגאָב און דערגאַנצונג צו די באַזונדערע פּאַרטייען, וועלכע זיינען, ווי געזאָגט, די פּאַקטישע באַזע. ווי נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער איבערבוי האָט נישט קיין חשק איינצוהאַלטן פֿאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן זייער אָרגאַני־זאַציאָנעלע באַזע, דעם „בונד", האָט לייוויק האַדעס אַן וואַקלונג געזאָגט, אַז די באַזע איז וויכטיקער און אַז דעם איבערבוי דאַרף מען ברענגען פֿאַר אַ קרבן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע וויטזיכטיקייט האָט געראַטעוועט נישט נאָר אונזער פּאַרטיי, נאָר אויך די נשמה פֿון די יידישע מאַסן. עס איז גענוג צו וואַרפֿן אַ בליק אויפֿן לעבן פֿון די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד, כדי צו דערזען דעם תהום, וואָס האָט אונז אַלעמען געדראָט און וואָס אונז איז געלונגען אויסצומיידן אַ דאַנק דער גלייכגעוויכטיקער וויט־זיכטיקייט פֿון האַדעסן און זיינע חברים אין די צוואַנציקער יאָרן.

אַוודאי זיינען געבליבן מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן אויך אין די לעצ־טע יאָרן. זיי זיינען נאָך צו פֿריש און נאָך מיין מיינונג צו לופֿטיק, אַז מיר זאָלן היינט וועגן זיי רעדן. אַגב: ווען עס רעדט זיך דירעקט וועגן האַדעסן, מוז מען זאָגן, אַז די דאָזיקע מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן האָבן זיך וויניק אָנגעזען. יאָ אָנגעזען האָט זיך אַלעס אַנדערע (ביי אים ווי ביי יעדן אָנהענגער זיינעם): עס האָט זיך אָנגעזען די טאָג־טעגלעכע פֿאַרבונדנקייט, דאָס טאָג־טעגלעכע אָטעמען מיט דער לופֿט פֿון דער גאַנצער פּאַרטיי־משפּחה. די פֿעסטע איבערצייגונג און דער פֿעסטער גלויבן, אַז מען קען צוליב טראַגישן גורל אַמאָל פֿאַרלירן די אָנפֿירנדיקע ראָלע אין דעם יידישן לעבן. אידייען און אידעאָלאָגיעס לעבן אייביק און אויפֿן אידעאָלאָגישן געביט דעצידירן נישט די אַריטמעטישע ציפֿערן, נאָר די אייביקייט און אויסגעהאַלטנקייט פֿון די אמתן, וואָס ווערן דורך יעדן איינעם געפּרעדיקט.

עס וואָלט אָבער געווען פֿאַלש צו געדענקען אין האַדעסן בלויז דעם פּאַרטיי־טוער און צו פֿאַרזען יענע אַספּעקטן פֿון האַדעסעס אינ־דיווידואַליטעט, וואו זיינע פֿעאיקייטן און טאַלאַנטן זיינען געקומען צום אויסדרוק אַמבולטסטן: האַדעסן דעם לערער, האַדעסן דעם מייסטער פֿון געשריבענעם וואָרט, האַדעסן דעם מענטש מיט דער נשמה־יתירה.

ווען איך רעד און ווען איך טראַכט וועגן לייוויק האַדעסן, זע

איך פאר זיך די צימערן פון פארטיי־סעקרעטאריאט און פון דער רע־דאקציע „פאלקסציייטונג" אין ווארשע — יענע צימערן, וואו מיר האבן פארבראכט קנאפע 20 יאר פון די טעג פון אונזער לעבן...

נאך איידער האדעס האט זיך באוויזן אין די צימערן פון דער רעדאקציע „פאלקסציייטונג", איז זיין רום געקומען פארויס. מען האט געוואוסט, אז ער האט א גאלדענע פעדער און אז מיט בלומען איז אויסגעפלאכטן זיין געשריבן ווארט. אין דער צייט האט די רעדאקציע מיט א ציטער גענומען אויף זיך די פאראנטווארטלעכע אויפגאבע ארויסצוגעבן א ציימונג פאר קינדער: מען וועט דא דארפן וועגן און מעסטן יעדעס ווארט, יעדן זאץ. געוואן עטלעכע פעאיקע יונגלייט, וואס האבן געוואלט דאס נעמען אויף זיך, אבער אלע האבן זיך ווירק־לעך געפילט באראיקט, ווען עס איז געווארן קלאר, אז אנפירן מיט זיי און רעדאגירן די דאזיקע קינדער־ציימונג וועט אזא מענטש ווי לייוויק האדעס — א לערער, א קערנדיקער שרייבער, א מענטש, וואס פארשטייט קינדער.

פאראן אין יעדער שפראך ווערטער, וואס פארלירן זייער אריגי־נעלע פרישקייט און זייער אמתן גלאנץ, ווען זיי ווערן א טייל פון א גאנצער אידיאמאטישער קאנצעפציע. איך וויל נישט עס זאל איצ־טער געשען אן ענלעכע זאך מיט אן אויסדרוק, וועלכן איך גיי דא באנוצן. איך באנוץ נישט דעם דאזיקן אויסדרוק אידיאמאטיש, איך בעט אים פארשטיין אזוי בוכשטעבלעך ווי איך זאג אים דא ארויס וועגן האדעסן. איך וויל זאגן, אז לייוויק האדעס איז געוועזן דער זיי־דענער יונגערמאן פון אונזער געקליבענער רעדאקציע־משפחה: זיינע אידעלע רייד, זיין אידעלע שטימע, זיינע אידעלע מאניערן און זיינע אידעלע מידות האבן געוועקט א ספעציעלע באציאונג צו אים, א ספעציעלע באהאנדלונג מצד זיינע רעדאקציע־קאלעגן און פארטיי־חברים און א ספעציעלע אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער נאענטער סביבה.

מיט דער צייט — נאכן טויט פון אומפארגעסלעכן יוסף לעש־טשינסקי־כמורנער — איז לייוויק געווארן איינער פון דעם דריילינג, וואס רעדאגירט די „פאלקסציייטונג". און ער איז אזוי ארום געווארן א פאליטישער טאגגעבער אין בוכשטעבלעכן זין פון דעם דאזיקן ווארט. ווען א פארטיי איז צעטיילט אויף צוויי ריכטונגען — און אזוי, ווי איר ווייסט, איז דאך טאקע געווען די לאגע אין אונזער פארטיי דע־מאלט — קומט נישט איינמאל אויס שארף זיך איינצושטעלן פאר א פאליטישער מיינונג, פאר א געוויסער שטעלונג וואס דארף גענומען ווערן, פאר אזא אדער אנדער לייטארטיקל, וואס דארף ארויסגעבראכט ווערן.

נישט צו האָדעסעס גנאַי גיי איך דאָ איצט זאָגן: עס איז אים גוואַלדיק שווער אָנגעקומען צו זיין האַרט, פּאַרעקשנט, שטייף. ער האָט זיך ממש געשעמט, ווען עס איז אים אויסגעקומען פאַר עפּעס איינצושטעלן זיך. ער האָט געהאַט דעם געפיל ווי ער וואָלט געטאָן נישט קיין שיינע זאַך. פּשוט: ער איז געווען צו איידל צו זיין שאַרף, איינצורייסן זיך, איינצושטעלן זיך.

זעט איר, ווען עס האָט געהאַלטן ביי עפּעס אַן אַרטיקל אָדער ביי עפּעס אַן איבערזעצונג אָדער ווען מען האָט געדאַרפט עפּעס רע־דאַגירן, פאַרבייטן איין זאַץ מיט אַ צווייטן — אין אַזאַ פאַל האָט אים קיין ווערטער און קיין איינפאַלן נישט געפעלט. דאָ פלעגט ער זיך אויסצייכענען מיט אַ גוואַלטיקער עשירות פון וואָרט, פון שפּראַכלעכן איינפאַל און המצאה. געוויסע קאַלעגן אין דער רעדאַקציע האָבן אַמאָל געקענט האָבן טענות צו דעם אָדער יענעם אַרויסגעזאָגטן געדאַנק אין האָדעסעס אַן אַרטיקל, אָבער אַלע אָן אויסנאַם האָבן זיך געקוויקט מיט דער עשירות פון זיין שפּראַך, מיט דער בילדלעכקייט און בלומיקייט פון זיין זאַץ.

איצט איז שוין ליוויק פאַר יעדן פון אונז אַ טייל פון אונזערע זכרונות, אַ טייל פון אונזער פאַרגאַנגענהייט. אַ שלושים־צוזאַמענקום נאָך אַ פריינט איז דאָך אין אַלע אומשטענדן אַ טרויעריקע אסיפה. אָבער אין אונזער פאַל איז עס נישט נאָר דער נאַטירלעכער ווייטאָג צוליב דעם אַוועקגיין פון אַ פריינט. צו דעם קומט נאָך צו די מע־לאַנכאָליע פון אונזער גאַנצן איצטיקן זיין, פון אונזער איצטיקן גיין און אַוועקגיין — די ברוטאַלע אַריטמעטיק, אַז ווען איין נאָמען ווערט אָפּגעמעקט פון אונזער משפּחה־רשימה, ווערט דער לעבעדיקער חשבון דעפיניטיוו קלענער. און אַז אָך און ווי איז צו אַזאַ משפּחה וואָס אין אירע חשבונות האָט אויפגעהערט צו פיגורירן דער חיבור און דאָס כפלען און וואָס געבליבן איז בלויז איין־איינציקע אַריטמעטישע אָפּעראַציע: חיסור...

יאָ, חיסור. דאָס מאָל איז עס געווען ליוויק האָדעס. מיר זיינען וויניקער מיט נאָך איינעם — פאַרלוירן אין דעם איינעם האָבן מיר זייער אַ סך. אין מיינע ערשטע ווערטער האָב איך דאָ געזאָגט, אַז ליוויק איז געווען אַ תכלתדיקער פאָדעם אין דער רויטער פאָן פון אונזער פאַרטיי. לאָמיר האָפן — איך פערזענלעך בין זיכער — אַז די אויפטוען פון „בונד" וועלן היסטאָריש לעבן אייביק. צוזאַמען מיטן נאָמען פון „בונד" וועט זיכער מיטגיין און מיטלעבן געשיכטלעך דער שיינער נאָמען פון אונזער אומפאַרגעסלעכן ליוויק האָדעס.

יעקב גראָסמאַן (מאָנטרעאָל)

מיט האָדעסן אין ווילנע

(פון אַ בריוו)

... מאָרגן וועט ווערן צוויי וואָכן, אַז איך האָב זיך צופעליק דער־וואוסט וועגן לייוויקס טויט. איך האָב איך ביז איצט נישט געקענט שרייבן (און איך קען נאָך איצט אויך ניט), ווייל וואָס זאָל איך אייך זאָגן? אייך טרייסטן? ווי קען איך. איך ווייס, אַז אייער וואונד אין האַרצן וועט זיך ניט פאַרהיילן כל־זמן איר וועט לעבן. זאָגן אייך אַז לייוויק איז מיר געווען נענטער ווי אַ לייבלעכער ברודער, און אַז ער איז געווען דער פיינסטער, איידלסטער און צאַרטסטער מענטש, וואָס איך האָב ווען עס איז באַגעגנט? דאָס ווייסט איר אַליין.

דעם אמת געזאָגט, פלעג איך די לעצטע עטלעכע יאָר אַלע טאָג ווען איך האָב גענומען אַ ניו־יאָרקער צייטונג אין האַנט, ציטערן טאָ־מער וועל איך געפינען לייוויקס נאָמען. און עס בליצט אויף אין מיין געדאַנק זכרונות פון אַ סך יאָרן צוריק ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן...

***

מיטן חבר לייוויק האָדעס האָב איך זיך באַקאַנט אין ווילנע אין 1922 דורך מיין פרוי מאַניע (אומגעקומען בעת דער ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ אין סעפטעמבער 1943), וועלכע איז געווען אַן אינטי־מער פריינט פון ראָזען און לייוויקן.

איידער איך האָב אים געקענט פערזענלעך האָב איך זיך דער־וואוסט וועגן זיינע זעלטענע מעלות אַלס מענטש און וועגן זיינע אוי־סערגעוויינלעכע פעאיקייטן. מאַניע פלעגט אָפט רעדן וועגן אים מיט ליבשאַפט און רעספּעקט. פון זיינע חברים לערער, וואָס האָבן נאָך פאַר דער מלחמה פון 1914 גראַדואירט דעם ווילנער יידישן לערער־אינ־סטיטוט, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז לייוויק איז געווען אין אינסטיטוט איינער פון די פעאיקסטע און אינטעליגענטסטע תלמידים.

דער אינסטיטוט איז געווען אַ לערנאַנשטאַלט, וואָס די צאַרישע רע־גירונג האָט געשאַפן (אויסגעהאַלטן פון יידישע ספּעציעלע שטייערן), כדי אויסצובילדן לערער פון די אָנפאַנג־שולן פאַר יידישע קינדער

אין תחום. פאַרשטייט זיך, אַז די תלמידים פון אינסטיטוט האָבן ניט געטאָרט האָבן קיין שום פאַרבינדונג מיט דער פריוואַט־באַוועגונג אין לאַנד און מיט דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אין יענער צייט אויפגעבליט. לייוויק איז, זייענדיק אין די עלטערע קלאַסן פון אינ־סטיטוט, געווען צווישן די, וואָס האָבן אָרגאַניזירט געהיימע שילער־קרייזלעך צו שטודירן די יידישע ליטעראַטור און סאָציאַלע פּראָבלע־מען. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז ער אויך צו יענער צייט צוגע־שטאַנען צום „בונד".

ווען איך האָב אים דערקענט, האָב איך איינגעזען, אַז אַלץ וואָס מ'האָט וועגן אים דערציילט, איז בלויז אַ קליינער טייל פון די אייגנ־שאַפטן פון אַט דער מערקווירדיקער פיינער פערזענלעכקייט. דע־מאָלט, מיט 38 יאָר צוריק איז ער געווען אַ שלאַנקער, אַ שיינער מיט אַ פיינעם, מילדן אויסדרוק פון פנים. אין זיין שטילן רואיקן טאָן, אין זיין אופן פון רעדן מיט אַ דינעם חנוודיקן הומאָר האָט איר דערפילט אַ באַזונדער מין איידלקייט און גייסטיקע אַריסטאָקראַטיש־קייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרינדלעכן אַלגעמיינעם און יידישן וויסן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען מיר זיינען געוואָרן חברים און גוטע פריינט, האָב איך קיין מאָל ניט באַמערקט, אַז ער זאָל עמיצן, אפילו זיינע פּאָליטישע קעגנער, באַליידיקן אָדער באַנוצן אַ וואולגאַרן אויסדרוק. צו זיינע חברים און פריינט האָט ער זיך באַצויגן מיט זעלטענער האַרציקייט.

ער איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון אַ יידישער שול ביים וויל־נער צענטראַלן בילדונגס־קאָמיטעט. די שול איז געווען אויפן נאָמען פון דעם לערער לייזער גורוויטש, וועלכער איז דערהרגעט געוואָרן פון די פּאָליאַקן, ווען זיי האָבן פאַרנומען ווילנע צום ערשטן מאָל דעם 19טן אַפּריל, 1919. לייוויק איז געווען באַליבט און רעספּעקטירט פון זיינע קאָלעגן לערער פאַר זיין איידלקייט, טאַקט און אַלזייטיקן וויסן. מיט יאָרן שפּעטער, ווען לייוויק איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן ווילנע, און איך האָב אויף אַ חודש — ביזן סוף פון לערן־יאָר — איבערגענומען זיין קלאַס אויף יידישער ליטעראַטור, האָבן די תלמידים גערעדט וועגן לערער האָדעס מיט גרויס ליבשאַפט און דרך־ארץ...

אין דער תקופה מיטל־ליטע זיינען אין שטאָט געווען צוויי אָרגאַ־ניזאַציעס פון דער פּאַרטיי. דער „רעכטער בונד" איז געווען אָנגעפירט פון א. ליטוואַק, דר. פנחס (פּאַוועל) ראָזענטאַל, אַנאַ ראָזענטאַל און דר. י. ראַפּעס און האָט געפירט אַ ברייטע אויפקלערונג און קולטור־טעטיקייט, האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג („אונזער גע־דאַנק"). אָפענע פּאָליטישע אַרבעט האָט מען ניט געקענט פירן. די

רעפּעראַטן פון א. ליטוואַק אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס פלעגן באַזוכט ווערן פון אַ גרויסן עולם.

דער „לינקער בונד" האָט געהאַט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע. אָנגעפירט מיט דער אַרבעט האָבן לייוויק און מרדכי יאָפע (אַ לערער, אומגעקומען אין דער צייט פון דער נאַציישער הערשאַפט אין ווילנע 1943).

איך האָב דעמאָלט געהערט צום „לינקן בונד". איך האָב זיך ווייניק פאַרנומען מיט פּאָליטישער טעטיקייט. אין ווילנע בין איך נאָך געווען אַ „גרינער" (געקומען פון ביאַליסטאָק אין 1920). חוץ דעם האָט מיך מיין לערערשע אַרבעט (אין וועלכער איך האָב אויך געהאַט ווייניק דערפאַרונג) אין גאַנצן אַבסאָרבירט. עס איז דעמאָלט געווען די בראשית־תקופה פון דער יידישער שול־באַוועגונג. די אַרבעט אין די שולן, דאָס גרייטן זיך צו די לעקציעס און פאַרשידענע זיצונגען פון פּראָגראַם־קאָמיסיעס האָבן פאַרנומען די גאַנצע צייט טעגלעך ביז שפּעט ביינאַכט.

אָבער איך געדענק גענוי, אַז עס איז געווען זייער אַ לעבעדיקע און אינטערעסאַנטע צייט.

לייוויק איז געווען די נשמה פון דער אָרגאַניזאַציע. ער האָט ניט גערוט, געווען פאַרנומען טאָג און נאַכט. אויסער זיין אַרבעט אַלס לערער און פאַרוואַלטער האָט ער געפונען צייט פאַר דער אַרבעט אין די פּראָפ. פאַראיינען און אין דער אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע...

...מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו זיין אין וואַרשע ביז 1939. איך פלעג אַלע מאָל זיין ביי די האָדעסעס אין הויז. לייוויק איז שוין געווען שטאַרק פאַרנומען ביי זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט ווי איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „פאָלקסצייטונג" און אַנדערע פּאַרטייאישע אויסגאַבעס, ביי זיין דערציערישער אַרבעט פון דער יוגנט און אין דער פּאַרטיי בכלל. אָבער ער האָט אַלע מאָל געפונען צייט צו פאַרברענגען חבריש און אָרויסוויזן זיין אידעלע, וואַרעמע פריינטלעכקייט. אויך אין ניו־יאָרק פלעג איך אים פון צייט צו צייט באַזוכן און צוזאַמען פאַרברענגען, אָבער דאָס געהערט שוין צו אַן אַנדער קאַפּיטל.

איך באַטראַכט עס ווי אַ באַזונדערע זכיה, וואָס מיר איז געווען באַשערט צו קענען זיין אַ חבר און אַ פריינט פון אַזאַ אידעלן, אידעאַליסטישן, טיף־פילנדיקן מענטשן, ווי עס איז געווען לייוויק האָדעס.

צום באַדויערן זיינען זייער ווייניק פאַרבליבן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן.

זיין ליכטיקער אָנדענק וועט ביי מיר פאַרבלייבן טייער כל־זמן איך וועל לעבן.

וולאַדקע

אויסצוגן פון אַ בריוו

קאַראַקאַס, 22טן אויגוסט, 1957

...דיין פאָטער איז פאַר מיר קיינמאָל ניט געווען סתם אַ בונ־דישער טוער. מיר איז אויסגעקומען, אַרבעטנדיק איבער מיין ביכל, צו זיין מיט אים נאָענט ביים שרייבן און כ׳מוז זיך מודה זיין, אַז די דאָזיקע טעג זיינען פאַרבליבן אין זכרון מיט אַזאַ קלאָרקייט און איינ־געגעמקייט, גלייך ווי ערשט נעכטן וואָלט איך ביי אייך געווען. דאָס האָט האָדעסעס פערזענלעכקייט, זיין חברישקייט, דירעקטקייט און גלייכ־צייטיק מענטשלעכע וואַרעמקייט געלאָזן דעם איינדרוק. ווייסט, אַז אָפּטמאָל פירער, טוער דאַרף מען אויסמיידן צו קענען פריוואַט, ווייל מען אַנטוישט זיך, ווען מען זעט זיי אין טאָג־טעגלעכן לעבן, פול מיט סתירות צו דעם וואָס זיי פרעדיקן אָדער לערנען. זעסטו ווען האָדעסן האָט מען דאָס קיין מאָל נישט געקענט זאָגן, ער האָט עפּעס שטענדיק מיט זיך פאַרגעשטעלט אַזוי פיל מענטשלעכקייט און ריינקייט, אַז עס איז גוט געווען צו זיין נאָענט צו אים. דערביי האָט ער אויפ־געהאַלטן די יוגנטלעכקייט ביז גאָר דער לעצטער צייט...

לעאָן אַלער

לייוויק האָדעס — צו דער ערשטער יאָרצייט

ס׳איז שוין אַ יאָר נאָך דעם, ווי לייוויק האָדעס איז אַוועק אין די אייביקייטן!

ס׳איז שוין אַ יאָר ווי מיר האָבן אים געזעגנט ביים אָפענעם קבר, גענומען אָפּשייד אויף די שפּאַלטן פון „אונזער צייט״, געלאָזט פאַלן אַ טרער, וואָס איז געפלאָסן פון אַ פאַראומערט האַרץ צוליבן טויט פון אַ נאָענטן, האַרציק ליבן חבר און פריינט!

אין סאַמע מיטן געטראַשן פון גיך־לויפנדיקע טעג, אָנגעפילטע מיט ליאַרעם און געפילדער, שטעלן מיר זיך אָפּ איינעם טאָג פון דער ערשטער יאָרצייט נאָך אים, וואָס האָט אַזוי ענג, אַזוי טיף איינגעפלאָכטן זיך אינעם לעבן און שטרעבן פון „בונד״ און רופן אים ווידער אַרויס נישט נאָר אין אונזער דמיון, נאָר אויך דאָ אויף די שפּאַלטן פון „אונזער צייט״, וואו ער האָט אַזוי פיל שורות און זייטלעך אויסגעפילט און אין משך פון לאַנגע יאָרן זיי פול געמאַכט מיט זיין גרויסן שכל און סובטעל־פילנדיק האַרץ.

מיר גלויבן, אַז פון אָט די שפּאַלטן וועלן זיך צו זיין ערשטער יאָרצייט אויפוועקן זכרונות און געפילן, בילדער און איבערלעבונגען, וואָס זיינען טיף באַהאַלטן אין די הערצער פון טויזנטער בונדיסטן, וויט צעשפּרייטע איבער שטעט און לענדער.

*
**

איינצלנע, גאָר גאָר וויניקע זיינען געבליבן די, וואָס געדענקען לייוויק האָדעסן נאָך פון יענע יאָרן, ווען ער האָט אַלס יונגער ווילנער „אינסטיטוטשיק״ געשטעלט די ערשטע טריט אויף דעם דאַן פאַר אים נייעם וועג — דעם וועג פון אַ פאַרשפּרייטער פון „טיפן גלויבן אין מענטשן״.

ער איז אויף דעם דאָזיקן וועג אַרויף אין דער וויט פאַרגאַנגענער עפּאָכע פון ערב ערשטער וועלט־מלחמה און איז פון אים נישט אַראָפּ ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן דאָ אין דער ווייטער, זייער ווייטער פון

מזרח־אייראָפּע, אַמעריקע, וואוהין ס׳האָט אים פאַרוואָרפן דער שטור־
רעם פון דער צווייטער וועלט־שרפה, וואָס האָט פאַרקוילט דעם פּרעכ־
טיקן שטאָם פון יידישן פאָלק — זיינע מאַסן, וואָס האָבן געקעמפט
פאַר סאָציאַליזם און מאָדערנער יידישער קולטור.

דעם „טיפן גלויבן אין מענטשן" איז האָדעס טריי געבליבן ביזן
סוף פון זיין לעבן, אויף וואָס ס׳זאָגן עדות:

זיין לאַפּידאַרע פאָרמולירונג: די אידייע פון „בונד" איז טיפער
גלויבן אין מענטשן, וועלכע מיר געפינען אין זיין אַרטיקל צום 50־יאָריקן
יובל פון „בונד" אינם יובל־נומער פון „אונזער צייט";

און זיינע לעצטע ווערטער, אַרויסגעפליסטערטע שוין אין די
אויסגאַנג־שעהען פון זיין לעבן און רגעס, ווען דער באַוואוסטזיין איז
ווידער וואַך געוואָרן:

„אומעטום זיינען דאָ גוטע מענטשן, צווישן אַלע פעלקער זיינען זיי
פאַראַן, מ׳טאָר נישט זאָגן, אַז אַ גאַנץ פאָלק איז שלעכט!"

שוין אינם פרילינג פון זיינע יאָרן האָט זיך ביי אים געפורעמט
אַ פאַרלאַנג צו ווערן אַ מיטבויער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, צו
ווערן אַ מיטשעפער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

ווייניק זיינען פאַרבליבן פון די, וואָס האָבן דאַן מיט אים צוזאַמען
אין ווילנע יענע פּלענער געמאַכט, יענע חלומות געחלומט.

ס׳זיינען אָבער פאַרבליבן הונדערטער פון זיינע אַמאָליקע תלמידים־
חברים, דורות יינגערע, וועמען ער האָט שפּעטער אין זיינע רייפערע
יאָרן, ווען ער האָט פּלענער און חלומות אין טאַט פאַרוואַנדלט, זיי
געלערנט ווי אַ לערער און געפירט ווי אַ פירער אין די יאָרן פון גרויסן
בונדישן אויפשוואונג אינם אומאָפּהענגיקן פּוילן.

אַ סך זיינען פאַרבליבן פון די וואָס געדענקען נאָך די גרויסע
קאַמפן פאַר אַ שעפעריש נאַציאָנאַל לעבן פון די יידישע מאַסן, אין
וועלכע האָדעס האָט אַזאַ גרויסן אַנטייל גענומען, אַזאַ באַדייטנדיקע ראָל
געשפּילט.

„דער ׳בונד׳ האָט שטענדיק געקעמפט פאַר המשך, פאַר שעפעריש
נאַציאָנאַל לעבן" — זאָגט האָדעס אין זיין דערמאָנטן יובל־אַרטיקל.
דער דאָזיקער גרויסער בונדישער מיסיע איז ער טריי געבליבן און אין
איר האָט ער געגלויבט אומדערשיטערלעך, געגלויבט נישט נאָר ווי
אַ דערגרייכונג פון נעכטן, נאָר ווי אַן אויפגאַבע פאַרן מאָרגן.

ער האָט געגלויבט אינם מענטשן און הייליק געהאַלטן מענטשלעכע
ווירדע.

ער האָט טיף געגלויבט, אַז אַ גאַנצער מענטש, אַ פולער מענטש —
איז אַ פרייער מענטש.

דערפאַר איז זיין טיפער גלויבן אין מענטש געווען אַזוי ענג צונויפ־

געבונדן מיט זיין גלויבן אין דער גרויסער באַפרייערישער ראָל פון סאָציאַליזם. נישט נאָר רעוואָלט, נישט נאָר שטורמישער פּראָטעסט און ווי אַ לאַווינע אַלץ צעשטערערישער בונט איז די אמת־סאָציאַליס־טישע רעוואָלוציע — נאָר אויך באַפרייאונג און פרייהייט טראָגט זי מיט זיך. נישט נאָר צעשטערונג פון קנעכטשאַפט און אונטערדריקונג דאַרף זי ברענגען מיט זיך — זי דאַרף אויך בויען די פרייהייט!

און דעריבער איז האָדעס נישט געקוקט אויף זיין רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, נישט געקוקט אויף זיינע גרויסע האָפענונגען און גלויבן אין דער באַפרייאונגס־ראָל פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, געבליבן שאַרף קריטיש און קעגנעריש צום באָלשעוויזם און קאָמוניזם.

ער איז געווען פון דעם דור יידישע סאָציאַליסטן און בונדישע פירער, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דער מאַרקסיסטישער לי־טעראַטור און רוסישן מאַרקסיזם. זיין סאָציאַליסטישער באַנעם איז ביי אים געבליבן אַ מאַרקסיסטישער — אַזאַ וואָס איז געווען דער סימן מובהק פון אַ בונדיסט אין משך פון צענטליקער יאָרן.

ער איז אָבער קיינמאָל נישט געוואָרן קיין דאָגמאַטיקער און זיין שאַרפזין איז מיט גאָרנישט געצוימט געוואָרן, ווען ער האָט לאָגיק און ערודיציע באַנוצט אינם אָפּשאַצן פון פּאָליטישע געשעענישן און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. זיין אַנאַליז איז שטענדיק געווען און געבליבן אַ שאַרפער און קלאָרער און ער האָט קלאָר געזען דעם קאָמ־פּליצירטן כוחות־שפּיל אויף דער פּאָליטישער אַרענע פון דער היינ־טיקער שטורמישער צייט.

***

ער האָט טיף געגלויבט אינם מענטשן, און מיט דעם גלויבן אויך פאַרבונדן דעם גורל פון יידישן פאָלק. אַט זיינען שורות זיינע, וועלכע רעדן וועגן דעם אַזוי קלאָר, וואָס קלאָרער קען דאָס גאָרנישט גע־זאָגט ווערן:

„דער 'בונד' האָט אַלע מאָל געשטעלט זיין קאָרט אויף סאָציאַליזם, וואָס באַדייט אַ בעסערע צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט — פאַר אַלע פעלקער, פון וועלכע זי באַשטייט. וועט דער סאָציאַליסטי־שער חלום ווערן וואָר, איז נישטאָ פון וועמען צו אַנטלויפן; וועט דער חלום צערונען ווערן, ווי פיל אַנדערע בעסערע מענטשלעכע חלומות, איז נישטאָ וואוהין צו אַנטלויפן".

די דאָזיקע שורות זיינען געשריבן געוואָרן אין 1947 (שוין נאָך דעם, ווי דער גרויסער אויפטרייסל איז געקומען און פאַר דער וועלט — און פאַר יעדן פון אונז נישט אַן ערך גרויליקער ווי פאַר דער וועלט

— האָט זיך אַנטפּלעקט דער חורבן, וועלכן מענטשלעכע אַכזריות אין דער שרעקלעכסטער פאָרם פון היטלעריזם האָט געברענגט דעם יידישן פאָלק).

אָבער דער גלויבן זיינער, אַז נאָר סאָציאַליזם, אַז נאָר די אָרדע־נונג פון דעם באַפרייטן מענטש וועט פאַרזיכערן די צוקונפט פון יידן, איז געבליבן אומדערשיטערט.

ער איז געבליבן טריי איינעם פון די עיקרדיקסטע בונדישע אמתן, וואָס באַשטייט אינם רעכט צו פאַרבלייבן איינגעוואָרצלט אויפן באָדן, וואו די יידישע מאַסן לעבן און קעמפן.

***

אויב מיר האָבן נישט אַלע אים געזען אין די יאָרן פון זיין פּאָליטישן באַגינען, האָבן מיר — כמעט אַלע וואָס זיינען אינם פּוילישן „בונד" געווען — געזען אים אַזוי אָפט אויף די בונדישע צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן, אויף יוגנט־צוזאַמענטרעפן פון דער „צוקונפט" און „סקיף" לאַגערן.

ס'געדענקען אים אַ סך פון שול־קלאַס און פון דער צישאָ.

ס'געדענקען אים די געציילטע פון די רעדאַקציע צימערן פון דער „פאָלקסצייטונג" און די פון „אונזער צייט".

ס'געדענקען אים די, וואָס האָבן אים אַזוי אָפט געלייענט אויף די שפּאַלטן פון דער בונדישער פּרעסע אין משך פון צענטליקער יאָרן.

און ס'געדענקען אים די, וואָס האָבן זיין אינטימע פּערזענלעכע פריינטשאַפט גענאָסן — ס'געדענקען אים די אַלע, פאַר וועמען דער „בונד" איז אַלע מאָל געווען, פּונקט ווי פאַר אים, די פּאַרטיי, —

„וואָס בלייבט גלויביק און ווענדט זיינע בליקן צו האָריזאָנטן פון אַ נייער באַפרייטער וועלט".

און וויל לייוויק האָדעס האָט אַזאַ גלויבן פאַרמאָגט און אים אויך אַנדערע געגעבן, וויל ער איז דעם דאָזיקן גלויבן טריי געבליבן דורך יאָרן פון צאָרן און פּיין, וויל ער האָט אונז מיט זיין פּען אַזוי פיל האָפענונג געגעבן, ווי לאַנג ער האָט די פּען אין זיין האַנט געהאַלטן, וויל ער האָט דעם „בונד" — זיין און אונזער אַלעמענס „בונד" — אַזוי טריי געדינט, מיט אונז געגאַנגען און אונז געפירט אויף אַ וועג, וואָס פירט צו „האָריזאָנטן פון אַ נייער באַפרייטער וועלט" —

דערמאָנען מיר אים מיט טיפער ליבשאַפט!

יאָסל מלאָטעק

„חברשאַפט"

(רעדע געהאַלטן צו דער ערשטער יאָרצייט פון לייוויק האַלפּערין)

ווען איך טראַכט וועגן דעם ווי אַזוי איך וואָלט אין געציילטע ווערטער אַמבעסטן געקענט כאַראַקטעריזירן די פּערזענלעכקייט לייוויק האַלפּערין, וועמען מיר אַלע האָבן ליב געהאַט מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפט און וועמענס אָנדענק מיר זיינען זיך היינט צוזאַמענגעקומען אָפּצוגעבן כבוד, קען איך ניט געפינען קיין אַנדערע באַצייכענונג ווי אָט די:

לייוויק האַלפּערין איז געווען אַ סאָציאַליסט, אַ סאָציאַליסט אין דעם פולסטן, אין דעם לויטערסטן זין פון דעם וואָרט.

אין דער אינפלאַציע פון וואָרט און אידייע, אין וועלכער מיר לעבן, קען אפשר אַזאַ באַצייכענונג קלינגען אַלטמאָדיש און קען אפשר ניט אַרויסרופן יענע געפילן און אַסאָציאַציעס וואָס מיר וואָלטן געוואָלט דערוועקן. זיינען דאָך די שענסטע ווערטער און מיט זיי אויך די אידייען וועמענס אויסדרוק זיי זיינען געווען, פאַרשוועכט געוואָרן פאַר אונזערע אויגן. איך בין אָבער זיכער, אַז ווען חבר האַלפּערין זאָל איצט זיין מיט אונז און מיר וואָלטן געקענט ביי אים פועלן אַז ער זאָל אויף אַ רגע אָפּטרעטן פון זיין זעלטענער עניוות, וואָלט ער קיין שום אַנדערע עפּיטעטן און שבחים צו זיך ניט געוואָלט צולאָזן, נאָר דווקא אָט די אַלטמאָדישע און אַזוי שטאַרק קאָמפּראָמיטירטע באַצייכענונג ווי „סאָציאַליסט".

חבר האַלפּערין האָט ניט נאָר געטראַכט און געשריבן סאָציאַליסטיש. ער האָט געלעבט ווי אַ סאָציאַליסט און געלערנט אַנדערע ווי צו לעבן ווי אַ סאָציאַליסט. וואָרט און טאַט, מחשבה און מעשה זיינען ביי אים געגאַנגען צוזאַמען. ניט געווען קיין שער צווישן דעם וואָס ער האָט געלערנט אַנדערע מיט דעם ווי ער אַליין האָט זיך געפירט. זייענדיק אַ לערער פון באַרוף האָט ער תמיד געדענקט דעם פשוטן, אָבער אַזויאָפט פאַרגעסענעם כלל, אַז שיינע ווערטער וואָס ווערן ניט באַגלייט

פון שיינע מעשים, האָבן פונקט אַ פאַרקערטע ווירקונג ווי מען וויל דערגרייכן.

איך האָב געזאָגט שיינע ווערטער און איך וויל זיך אַ מינוט וועגן דעם אָפּשטעלן. דער וואָס האָט געלייענט האַדעסעס אַרטיקלען, אָדער איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, דער ווייסט וואָס פאַר אַ רייכע און שיינע שפּראַך ער האָט פאַרמאָגט. מען איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין ווערטער־שטראָם, פון זייער בילדערישן אויסדרוק, פון זייער קראַפט און שיינקייט. און דער וואָס האָט האַדעסן געקענט אַ ביסל פון דער נאָענט, ניט נאָר פון זיין שרייבן, דער ווייס אַז דאָס איז ביי אים געווען ניט קיין אָנגענומענער סטיל פון דרויסן, ניט קיין פּוצן זיך אין פרעמדע פעדערן, נאָר אַן אויסשטראַלונג פון זיין גאַנצן אינערלעכן וועזן, פון זיין איך, פון זיין פערזענלעכער בענקשאַפט נאָך שיינקייט און דערהויבונג.

אפשר דערפאַר טאַקע איז חבר האַדעס געוואָרן דער באַגרינדער און הייסער פאַרטיידיקער פון סאָציאַליסטישן סקויטיזם, פון דערנענטער־רונג און באַהעפטונג מיט דער נאַטור, פון וואַנדערונגען און לעבן אויפן פרייען פעלד אָדער אין מיטן וואַלד, ווי עס זינגט זיך אין דעם ליד וואָס ער האָט פאַר אונז איבערגעדיכטעט „ברידער פּאַק דעם רוקזאַק שנעלער, אין מרחקים לאָמיר גיין. רעגן, ווינט, ווער ווערט נתפעל, מיר זיינען יונג און דאָס איז שיין".

ווייל וואו נאָך האָט געקענט געשטילט ווערן די בענקשאַפט נאָך שיינקייט, ווי ווייט אַוועק פון דער רווישיקער שטאָט, ביי אַ זון־אויפ־גאַנג אין קוזמיר, אַ זון־פאַרגאַנג אין די טאַטרען־בערג, אָדער אויף אַ נאַכט־שפּאַציר אויף אַן אויספלוג אין די אַרומיקע וועלדער?

און וואו נאָך האָט מען אַזוי גוט געקענט איינוואָרצלען אין זיך און אין אַנדערע אינם טאָג־טעגלעכן לעבן די אַלע גרויסע טעאָריעס וועגן וועלכע מען האָט געשריבן און געלערנט אַ גאַנץ יאָר אין שטאָט, ווי אויף אַ קאָלעקטיוון לאַגער, אין אַן אייגענער קינדער־רעפּובליק?

אויף דעם לאַנד־צוזאַמענפאָר פון סקיף אין יאָר 1936, האָט חבר האַדעס, וואָס איז געווען איינער פון די מיטגרינדער און באַגרינדער פון דעם „סאָציאַליסטישן קינדער־פאַרבאַנד", געהאַלטן עטלעכע רע־פעראַטן. באַזונדערס אָבער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דער פראַגע פון דער אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליסטישן סקויטיזם. ער האָט דאָרט צוו. אַנד. געזאָגט:

„דער סקויטיזם ווירקט ניט אויפן שכל, נאָר אויפן געפיל. ער שטיצט זיך אויף דער צאַרטער עמאָציע־וועלט און גיט דעם קינד אַ ריי באַגריפן און אידייען דורך טיפע איבערלעבונגען. דער סקויטיזם

נוצט אויס דעם נאַטירלעכן דראַנג פון דער מענטשלעכער נשמה צו שיינקייט און באַפרידיקט אַט דעם דראַנג".

„דער דראַנג פון דער מענטשלעכער נשמה צו שיינקייט" און דער דראַנג צו שלימות, צו גאַנצקייט, וואָס דאָס מיינט די פאַרווירקלעכונג פון אַט דעם דראַנג — דאָס איז געווען האַדעסעס גאַנג אין לעבן.

דערפאַר בלייבט ער ניט ביי טעאָרעטישער אָפּהאַנדלונג, נאָר ער וואַרפט זיך אַריין מיט זיין גאַנצער קראַפט אין דער אַרבעט פון בויען סקיף־לאַגערן, שאַפן זומער־פּלעצער אין שטאָט, רופן און אַליין אָנטייל נעמען אין די אָפּטע אויספלוגן פון סקיף.

עס זיצן דאָ אין זאַל אַ צאָל חברים וואָס זיינען געווען אויפן ערשטן ווינטער־לאַגער פון סקיף אין אַניין לעבן וואַרשע אין יאָר 1937 וואו חבר האַדעס איז געווען דער פירער. איך בין זיכער אַז ביי יעדן איינעם לעבן און וועלן אויף תמיד פאַרבלייבן, ווי זיי זיינען פאַרבליבן אין מיר, די טיפע איינדרוקן פון יענע פאַר וואָכן. נאָך קיינמאָל האָט דוכט זיך ניט אַרויסגעשטראַלט אַזאַ ליכטיקייט און וואַרעמקייט פון אַ גרופּע מענטשן ווי אין יענע קאַלטע ווינטער־וואָכן אין אַניין.

די צען געבאָטן פון סקיף, פון וועלכע האַדעס איז געווען דער מיט־מחבר און וואָס געפינען זיך אין זיין בראָשור „מאַטעריאַלן און אָנווייזונגען פאַר דער סאָציאַליסטישער דערציאונג־אַרבעט", האָבן דאָרט געלעבט, אָט טאַקע ווי ער האָט דאָס געוואָלט. „די צען געבאָטן", האָט חבר האַדעס אין דער דערמאָנטער בראָשור געשריבן, „טאָרן ניט זיין קיין איינגעחזרטע אמתן, נאָר פּאָסטולאַטן, וואָס ווערן פאַרווירקלעכט אין דעם קאָלעקטיוון לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע און פון דעם יחיד". און זיי זיינען טאַקע ניט געווען קיין איינגעחזרטע נאָר דורכגעלעבטע אמתן פון יעדן וואָס איז געווען אויף יענעם ווינטער־לאַגער, פון יעדן איינעם מיטן חבר האַדעס בראָש.

איך וויל דאָ היינט דערמאָנען די צען געבאָטן פון „סקיף". איך וויל דאָס טאָן, ווייל איך גלויב אַז אין זיי קומט אויף אַ בולטן אופן צום אויסדרוק ניט נאָר דער כאַראַקטער פון דער בונדישער קינדער־באַוועגונג, וואָס איז געווען איינע פון האַדעסעס קרוין־ווערק, נאָר אויך די ריינע, די זויבערע פערזענלעכקייט לייוויק האַדעס וואָס האָט די געבאָטן געהאַלטן שאַפן קודם כל אָבער פאַר זיך אַליין:

1. אַ סקיפיסט געהערט צו דער אַרבעטער־משפחה.
2. אַ סקיפיסט איז טריי זיינע חברים.

3. אַ סקיפּיסט איז שטענדיק גרייט צו העלפֿן דעם וואָס נויטיקט זיך אין הילף.

4. אַ סקיפּיסט אַכטעט יענעמס איבערצייגונגען אַפֿילו ווען ער באַקעמפֿט זיי.

5. אַ סקיפּיסט פֿירט פּינקטלעך אויס די פֿאַראָרדענונגען פֿון פֿירער.

6. אַ סקיפּיסט איז דרייסט און מוטיק.

7. אַ סקיפּיסט זאָגט אמת, האַלט וואָרט, איז העפֿלעך און פּינקטלעך.

8. אַ סקיפּיסט איז ריין אין געדאַנקען, ווערטער און טאַטן.

9. אַ סקיפּיסט היט די ריינקייט פֿון זיין קערפּער און פֿאַרהאַרטעוועט זיך.

10. אַ סקיפּיסט איז אַ פֿריינט און אַ שיצער פֿון דער נאַטור.

גייט דורך יעדן איינעם פֿון אָט די צען געבאָט נאָך אַ מאָל אין אייער געדאַנק און איר וועט זען ווי חבר האַדעס האָט זיך באַמיט יעדן איינעם פֿון זיי דורכצופֿירן אין לעבן.

אַ סך פּערזענלעכע זכרונות זיינען ביי מיר פֿאַרבונדן מיט דעם חבר האַדעס ווי דעם רעדאַקטאָר פֿון דער „קליינער פֿאַלקסצייטונג", וואו איך, צוגלייך מיט אַ סך אַנדערע יונגע בחורים, האָבן געבראַכט זייערע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון. זינט יענער צייט זיינען שוין אַ סך יאָרן פֿאַרגאַנגען און מיר איז שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען און אויך מיטצואַרבעטן מיט אַ היפּשער צאָל רעדאַקטאָרן. קיין איינער איז ניט געווען ווי האַדעס. עס איז ביי אים געווען אַ זעלטענע קאָמבינאַציע פֿון פּעדאַגאָגיק, טאַלאַנט און פּערזענלעכער וואַרעמקייט וואָס טיילט אים עד־היום אויס פֿון אַלע אַנדערע רעדאַקטאָרן וועמען איך האָב באַגעגנט.

אויב איך וואָלט וועלן סומירן די אַלע געפֿילן וואָס זיינען ביי מיר פֿאַרבליבן פֿון די אָפֿטע באַגעגענישן מיט האַדעסן אין רעדאַקציע פֿון דער „קליינער פֿאַלקסצייטונג", אין זיין היים אויף טוואַרדע, וואוהין ער האָט אָפֿט איבערגעטראָגן די רעדאַקציע צוליב זיין שוואַכן געזונט, און וואו איך פֿלעג קומען מיט מיינע שאַפֿונגען, און שפּעטער אויך אין רעדאַקציע־צימער פֿון דער „פֿאָלקסצייטונג", וואו איך האָב מיט האַדעסן געאַרבעט די לעצטע צוויי יאָר פֿאַר דער מלחמה, וואָלט איך געמוזט אָנקומען צו אַ ציטאַט פֿון זיינעם אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט באַוויינט דעם פֿריצייטיקן טויט פֿון זיין חבר און מיטקעמפֿער, אונזער פֿירער יוסף כמורנער.

האָדעס האָט אין דער „קליינער פאָלקסצייטונג״ פון 8טן אויגוסט 1935 געשריבן:

„דער קראַנקער לערער און פירער וואָס האָט אַ מאַסע צייט אָפּ־געגעבן אויף שרייבן, אַרויסטרעטונגען, לייענען, פאָרשן און שטודירן, פלעגט שטענדיק געפינען שעהען פון זיין נוצלעך פאַרנומענעם לעבן אויף זאָרג וועגן די אַרומיקע, אויף חברישער הילף, חברישע עצות, חברישע אָנווייזונגען, באַמיאונגען פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט זיך אין דעם גענייטיקט.

דער רוף „חברשאַפט״ וואָס לייכט אַראָפּ פון אונזערע פענדלעך, האָט געפונען אַ פאַרקערפּערונג אין דעם לעבן און אין דער פערזאָן פון חבר כמורנער״.

רשימה פון די אַרטיקלען

ס. ד. ע.: אַריינפיר־וואָרט — 7

ס. דובנאָוו־ערליך: דאָס לעבן פון לייוויק האַלפּערן — 9

פון דער פעדער פון לייוויק האַלפּערן

א. וואַרשע

אַזוי ווי כמורנער — 39

פשיטיק, אָפּאָטשנע און קזשעפּיץ — 43

ווי מיט פופצן הונדערט יאָר צוריק — 47

צווישן האַמער און קאָוואַדלע — 50

אַקטיווע הילף פאַר שפּאַניע! — 53

דער גרויסער זיג — 56

אַ נייער דור — אַ נייער מענטש — 59

לערעס פון פיר יאָר היטלער־רעזשים — 63

די לאָגיק פון קריג — 69

די טראַגישע שטילקייט — 71

דאָס איז האָט געווירט — 74

דער פּראָלעטאַרישער קולטור־קאַמף — 78

טערוועל מאַנט — 81

היטלערס דריי־אייניקייט — 85

העראָאיזם אין אונזער צייט — 89

די האָריזאָנטן — 93

טריאומף פון דער פויסט — 96

אַ ריכטיקער וועג — 99

דער געדולדיגער גענעראַל — 102

די יאַגד אויף „פאָלקס־שונאים" — 105

דער גייסט פון ווין — 108

שיפּן וואָס האָבן ניט קיין האַפן — 111
הונדערט מיט פופציק יאָר — 114
די שול פון פאַרברעכער — 118
קאַרל מאַרקס און די פּאַריזער קאָמונע — 121
כמורנער — דער באַגרינדער פון בונדיזם — 127
דער וועג פּאַרויס — 134
דער אַפּאָלאָגעטיקער פונם נייעם מענטש — 140
דער דיכטער מיט די גענעראַלסקע שליפעס — 146
אַ היסטאָרישע דאַטע — 150
דאָס אייביק־מענטשלעכע ביי שלום־עליכמען — 152
מענדעלע מוכר־ספרים — 154

ב. ניו־יאָרק

די אידייען פון ערשטן מאַי — 160
ה. וועלס — דער דיכטער און סאָציאַליסטישער פּרעדיקער — 168
וואָס מען מוז שטענדיק געדענקען — 178
צי איז נויטיק אַ יידישע אַרמיי? — 182
„שטרומא" — 196
די טויט־בשורות פון די געטאָס — 201
מאַסן־מאָרד — 209
דער הילפס־רוף פון פּוילן און די אַמעריקאַנער יידן — 211
דער מאָרד — 221
באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ — 234
אַרטורס צוואה — 240
ערשטער מאַי 1944 — 244
וואַרשע אַ סימבאָל — 251
צווישן אַנגסטן און האָפענונג — 255
דער „מזבח" און דער „קרבן" — 265
אין זעקסטן יאָר — 270
דער נירענבערגער אורטייל — 279
מיטן פּנים צו דער צוקונפט — 282
צו דער זעקסטער יאָרצייט — 291
דער נייער אידעאַל — 294
סאָציאַליזם אויפן שיידוועג — 296
סטאַלין — 70 יאָר — 311
דייטשלאַנד און ישראל — 313
פּאַרטיי, מדינה אָדער פאָלק — 319

דער אומשטערבלעכער גייסט — — — — — — — — — — — — 327
300 און 75 — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 332
פון ל. האָדעסעס לעצטע אַרטיקלען — — — — — — — — — — 339

ס ק י ף

עמנואל פּאַט: „מיר זיינען יונג און דאָס איז שיין" — — — — 342
ל. האָדעס: די אידעאָלאָגיע פון סאָציאַליסטישן סקויטינג — 357

אָפּרופן נאָכן טויט

ב. שעפנער: עטאַפּן פון אַ לעבן — — — — — — — — — — — 365
עמנואל נאָוואָגרודסקי: לייוויק האָדעס — — — — — — — — 371
פּ. שוואַרץ: לייוויק האָדעס — 30 טעג נאָך זיין טויט — — 378
יעקב גראָסמאַן: מיט האָדעסן אין ווילנע — — — — — — — — 382
וולאַדקע: אויסצוגן פון אַ בריוו — — — — — — — — — — — 385
לעאָן אָלער: לייוויק האָדעס — צו דער ערשטער יאָרצייט — 386
יאָסל מלאָטעק: „חברשאַפט" — — — — — — — — — — — — 390

פאַרלאַג „אונזער צייט״

י. י. טרונק — פוילן ב׳ I, 252 זייטן (אויספאַרקויפט) — — $2.00

י. י. טרונק — פוילן ב׳ II, 318 זייטן — — — — — — — — 2.50

י. י. טרונק — פוילן ב׳ III, 288 זייטן (אויספאַרקויפט)- — 2.50

י. י. טרונק — פוילן ב׳ IV, 304 זייטן טעקסט,
8 זייטן בילדער (אויספאַרקויפט) — — — — — 3.00

י. י. טרונק — פוילן ב׳ V, 308 זייטן (אויספאַרקויפט) - — 3.00

י. י. טרונק — פוילן ב׳ VI, 244 זייטן טעקסט,
4 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — — 3.00

י. י. טרונק — פוילן ב׳ VII, 280 זייטן טעקסט,
5 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — — 3.00

י. י. טרונק — קוואַלן אוןביימער, 472 זייטן — — — — — 4.00

י. ש. הערץ — די געשיכטע פון אַ יוגנט, 592 זייטן טעקסט,
48 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — 3.50

י. ש. הערץ — די יידן אין אוקראַינע, 262 זייטן — — — 3.00

י. ש. הערץ — הירש לעקערט, 132 ז׳ טעקסט, 8 ז׳ בילדער — 1.50

י. ש. הערץ — די געשיכטע פון בונד אין לאָדזש, 504 ז׳ טעקסט
32 ז׳ בילדער — — — — — — — — — — — — 4.00

לייבעטשקע בערמאַן — אין לויף פון יאָרן, 386 ז׳ טעקסט
38 בילדער — — — — — — — — — — — — — 2.50

זיגעלבוים־בוך — 408 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער — — 3.00

בערנאַרד גאָלדשטיין — 5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ,
500 זייטן טעקסט, 24 זייטן בילדער — — 3.50

בערנאַרד גאָלדשטיין — 20 יאָר אין וואַרשעווער „בונד"
344 זייטן טעקסט, 9 זייטן בילדער — — — — — — — — 4.00

די יידן אין פוילן (א. מענעס, דר. ר. מאַהלער, דר. יעקב שאַצקי,
ו. שולמאַן) 920 שפּאַלטן פון גרויסן פאָרמאַט— 5.00

אין די יאָרן פון יידישן חורבן — די שטים פון אונטערערדישן
בונד, 342 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — — — — 3.00

אַרקאַדי — 436 זייטן טעקסט, 11 זייטן בילדער — — — — — 2.00

וולאַדימיר מעדעם — 367 זייטן טעקסט, 6 זייטן בילדער — — 2.00

שלמה מענדעלסאָן — 492 זייטן טעקסט, 5 זייטן בילדער — 3.50

ערליך־אַלטער־בוך — 472 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער — 4.00

מרים ראַסקין — זלאַטקע, 336 זייטן — — — — — — — — 3.00

דורות בונדיסטן — ערשטער באַנד 480 זייטן טעקסט, 79 בילדער;
צווייטער באַנד 528 זייטן טעקסט, 177 בילדער — צוזאַמען—10.00

כמורנער־בוך — 232 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער — — — 3.00

דער „בונד" אין בילדער — 192 זייטן, 500 בילדער, טעקסט —
יידיש און ענגליש — — — — — — — — — — — — — 5.00

אַבראַם דער טאַטע (לייב בלעכמאַן) — בלעטער פון מיין יוגנט,
297 זייטן טעקסט, 8 זייטן בילדער — — — — — — — 3.00

די געשיכטע פון בונד ערשטער באַנד, — 380 זייטן טעקסט,
16 זייטן בילדער — — — — — — — — — — — — — — 5.00

◆

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן

FARLAG UNSER TSAIT
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.